STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04091

MEHUS FUN DIKHTUNG

O. Rapoport

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאָפּאָרט

*

מהות פון דיכטונג

י. ראַפּאַפּאָרט

מהוּת פון דיכטונג

עסייען, נאטיצן, רעצענזיעס
וועגן דיכטער און דיכטונג

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל
1963

O. RAPOPORT
MEHUS FUN DICHTUNG

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

י. ראַפּאָפּאָרט / מהות פֿון דיכטונג
פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ, רח׳ אַלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

Copyright by O. Rapoport
Melbourne, Australia

דפוס „אורלי“, ת״א, טל. 32062

י. ראַפּאָפּאָרט

*

כּחות פון דיכטונג

הקדמה

אויב אַ „הקדמה" איז פּאַסיק פאַר מערסטנס ביכער, איז זי ביז גאָר נויטיק פאַר מיין זאַמלונג אַרטיקלען וועגן דיכטונג אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „דער מהות פון דיכטונג".

אָבער אָט די „הקדמה" איז מיר שווער צו שרייבן, ווייל איך ווייס אין פאָרויס, אַז אויב אַ „הקדמה", מוז זי זיין קורץ, און אויב קורץ, וועט זי נישט קאָנען ווי געהעריק דערציילן דאָס, צוליב וואָס זי ווערט געשריבן; דער אינהאַלט פון אָט דער „הקדמה" וואָלט גיכער באַדאַרפט זיין אַ גאַנץ בוך, אָבער נישט אַלץ וואָס דאַרף זיין — איז. און אויב דאָס בוך, צו וועלכן די „הקדמה" ווערט געשריבן, איז פראַגמענטאַריש, מעג די „הקדמה" אוודאי זיין אַ פראַג־מענט. וועל איך זיך באַנוגענען מיט קורץ דערציילן וועגן מאָדנעם גורל פון דאָזיקן פראַגמענט — פון זיין פאַרטראַכט ווערן ביזן געבורט. די „הקדמה" וועט אַזוי אַרום זיין אַ סימבאָלישע און ווי אַזאַ וועט זי דורך פאַרשידענע לייענער אויפגענומען ווערן פאַרשידן — איינע וועלן זי נעמען ווערטלעך און אַנדערע וועלן די דאָזיקע קורצקייט אַנטוויקלען אין זייער פאַנטאַזיע לויט דעם וויפל יעדער איינער האָט באַקומען במתנה פון אָט דער טייערער סובסטאַנץ...

*

דיכטונג איז געווען פאַר מיר די גייסטיקע שפּייז, מיט וועלכער איך האָב זיך פון קינדהייט אויף צום מערסטן דערנערט. איך האָב מיט איר געלעבט מער ווי מיט זיך, איך האָב אויף זיך גופא אויסגעפּרובירט איר צויבער־קראַפט נישט איינמאָל.

איינמאָל, געדענק איך, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ שטאַרקן צאָנ־ווייטאָק, וואָס איז אַלץ מער און מער געוואָרן אומדערטרעגלעך. מיין מוח איז אָבער אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט היינריך היינעס ווערק, און איצט, אין דער פיינפולער נאַכט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן ליבלינג־דיכטער פון מיין יוגנט. איך האָב געמוזט טראַכטן לאַנגע שעהן, ווייל ווען איך האָב זיך אויפגעריסן פון מיין טראַכטעניש איז שוין געווען פאַרטאָג, און דער ווייטאָק האָט גלייך ווידער אָנגעהויבן צו עקבערן, ווי ער וואָלט געקומען צום באַוואוסטזיין צוזאַמען מיט מיר, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין טיפן טראַכטן.

ווען איך האָב מיינער אַ באַקאַנטער צאָן־דאָקטאָרין דערציילט מיין אויס־טערלישע דערפאַרונג, האָט זי נישט געוואָלט גלויבן: עס איז אוממעגלעך, האָט זי געזאָגט, צו פאַרטויבן צאָנווייטיק דורך פאַרזינקען אין טראַכטן.

איך אָבער האָב געוווסט אַז כ׳האָב נישט געפילט דעם ווייטאָק כל זמן איך בין געלעגן וואָך און געטראַכט וועגן דיכטונג.

מיין באַקאַנטע צאָן־דאָקטאָרין האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער קראַפט פון דיכטונג.

אַ צווייטער פאַל, וואָס האָט מיר באַוויזן די קראַפט פון דיכטונג, איז געשען אין 1918, ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די הערשאַפט אין ביאַליסטאָק נאָך דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד פון נאָוועמבער 1918.

די „צעירי ציון״ האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ אין לאָקאַל פון „בית־עם״. דאָרט האָט געאַרבעט אַ מיליטערישער שטאַב, וואָס האָט געזאַמלט געווער, געמאַכט פּלענער, אָרגאַניזירט זעלבסטשוץ־גרופּעס. מיט אַמאָל זענען אַרויף אין „בית־עם״ אַ גרופּע פּוילישע פּאָליציאַנטן און גענומען רעווידירן דעם לאָקאַל, זוכן געווער.

אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין לאָקאַל האָבן געוווסט, אַז אין קיך פון לאָקאַל, אין אַ קאָטשורקע איבער דער פּליטע, ליגט אַ קעסטל גראַנאַטן; מיר האָבן אויך געוווסט וואָס דאָס באַדייט אין יענער צייט — דערשאָסן ווערן אָן אַ געריכט! מיר זענען געזעסן און געוואַרט אויף אַ נס.

אינצווישן האָב איך אין אַ קעשענע פון מיין מאַנטל געפונען אַ „רעקלאַם״־אויסגאַבע פון אַ דייטשישער איבערזעצונג פון אינדישן עפּאָס ראַמאַיאַנאַ; האָב איך אַרויסגענומען דאָס ביכל און פאַרטיפט זיך אין אים.

ווען ד״ר גוטמאַן, דער דרייפערטל בלינדער ציוניסטישער מנהיג אין ביאַליסטאָק איז געקומען מיט אַן אינטערווענץ און מען האָט אונדז געהייסן פאַרלאָזן דעם לאָקאַל (די גראַנאַטן האָט מען נישט געפונען — מען האָט געזוכט אויף די מוראדיק הויכע אויוונס, אָבער נישט אין דער טיף פון דער פינצטערער קיך־קאָטשורקע), האָב איך געפילט אַ שטיקל פאַרדראָס; מען האָט מיר געשטערט אין לייענען.

חברים און חברות זענען צוגעשטאַנען צו מיר מיט פראַגעס: ווי אַזוי האָסטו אין אַזאַ מאָמענט געקאָנט לייענען?

זיי האָבן נישט געוווסט אַז דאָס לייענען די אינדישע דיכטונג האָט פאַרשלונגען די צייט צוזאַמען מיט אירע זאָרגן און מיר איז געווען אַ סך לייכטער ווי זיי: איך האָב דיכטעריש פאַרשלאָפן די געפאַר... איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון לאָקאַל און פון די פּוילישע פּאָליציאַנטן אַ סך פריער פון די אַנדערע, און נישט צוליב מיין מוט און דרייסטקייט, נאָר צוליב דער פעיקייט זיך אויפצולייזן אין דיכטונג...

וועגן אייניקע אַנדערע דערפאַרונגען מיינע מיט דעם כוח פון דיכטונג האָב איך געשריבן פאַרשידענע אַרטיקלען, צעשפּרייטע אין מיינע ביכער און אין זשורנאַלן, און נאָך אַנדערע בליען אין מיין זכרון...

*

ביי אַזאַ ליבע צו דיכטונג און ביי אַזאַ דערפאַרונג מיט דיכטונג איז נישט קיין וואונדער וואָס איך האָב אַ גאַנצן לעבן געחלומט וועגן שרייבן אַ בוך וועגן דיכטונג.

ווען איך בין געקומען אין 1922 קיין בערלין, האָב איך שוין אין אַן אַ שיעור נאָטיץ־ביכלעך געהאַט פאַרצייכנט מיינע אינטימסטע געדאַנקען, איבער־לעבונגען און אַנונגען וועגן דיכטונג. און אין בערלין האָב איך גענומען זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר אַ בוך וועגן דיכטונג, וואָס האָט געזאָלט הייסן „דער מהות פון דיכטונג". דאָס דאָזיקע זאַמלען האָב איך נישט אָפּגעשטעלט אויך אין די פּערצן־פופצן יאָר מיינע אין וואַרשע. און פון צייט צו צייט פלעג איך אָנשרייבן אַ קלענערן אָדער גרעסערן עסיי אויף מיין באַליבטער טעמע.

אויך אַ היפּשע טייל פון מיינע רעצענזיעס וועגן דיכטונג זענען געווען אַ מין עסקיזן צו מיין געפּלאַנטער גרעסערער אַרבעט.

אין משך פון מיין זיין אין וואַרשע זענען געשען קלייניקייטן, קוים באַמערק־באַרע, וואָס האָבן מיר צוגעגעבן מוט צו טרוימען וועגן מיין אַרבעט וועגן דיכטונג.

ווען א. ליעסין האָט מיך איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דער „צוקונפט", האָט ער בפירוש געשריבן: „איך האָב געלייענט אייערע מאַנגער־אַרטיקלען אין דער „וואָכנשריפט" און איך לאַד אייך איין צו שרייבן אין דער „צוקונפט" וועגן דיכטונג"...

אָבער די גרעסטע דערמוטיקונג מיינע איז געווען אַ שטומע: ווען איך האָב אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „טשיקאַגאָ" מיין אַרטיקל „עפּעס וועגן וועזן פון דיכטונג" (זע מיינע „טראָפּנס גלויבן", ז. 183), האָב איך איינמאָל באַמערקט, ווי שלמה שיינבערג זיצט ביי אַ טישל און לייענט אין „טשיקאַגאָ" מיין אַרטיקל. ער לייענט אים איבער, נעמט אַרויס די אויגן פון זשורנאַל און גיט אַ קוק אויף מיר און נעמט ווידער לייענען מיין אַרטיקל פון אָנהויב. און אַזוי עטלעכע מאָל.

איך בין ביז אויפן היינטיקן טאָג איבערצייגט, אַז ווען שיינבערג איז געקומען צו מיר מיטן אומגעריכטן פאָרשלאָג איך זאָל צוגרייטן עטלעכע בענדלעך אַרטיקלען מיינע, ער זאָל זיי קאָנען אַרויסגעבן אין זיין „אוניווערסאַלער ביבליאָטעק", איז דאָס געווען אין זכות פון יענעם אַרטיקל וועגן דיכטונג.

און שײנבערג האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ מבין אויף דיכטונג און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דיכטונג. און דאָס איז אויך געווען מײַן מיינונג.

זײַן פּאַרזונקען זײַן אין מײַן אַרטיקל און זײַן שטומער בליק אויף מיר האָבן מיר צוגעגעבן אַ סך מוט צו אַרבעטן ווײַטער אויף מײַן טעמע אין מײַן שרײַבערישער איזאָלירטקייט. איך פּלעג פון צײַט צו צײַט כאַפּן אַ פרײַ שטיקל צײַט (פרײַ פון קאָרעקטור און איבערזעצונגען, וואָס האָבן פאַרשלונגען כמעט מײַן גאַנצע צײַט) און כ׳פלעג באַאַרבעטן אַ פּיצל פון מײַן געפּלאַנטער אַרבעט (אַנדערע, אָפּגעדרוקטע בשעתו אין זשורנאַלן און צײַטונגען, זענען דערנאָך אַרײַנגענומען געוואָרן אין מײַנע ביכער, און אַנדערע האָבן געטײלט דעם גורל פון אַלע מײַנע אַנדערע אַרבעטן, וואָס זענען געבליבן אין וואַרשע און אין ווילנע).

*

אָנהויב 1939 האָט דער וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין באַשלאָסן צו טאָן עפּעס פאַר די אַזוי גערופענע „אַרבעטסלאָזע" שרײַבער (מען האָט אַלע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שטעלעס אין טאָג־צײַטונגען, גערופן „אַרבעטסלאָזע", הגם אין דער אמתן וואָלט מען זיי באַדאַרפט רופן „פּרנסהלאָזע", ווײַל אַ סך פון די „אַרבעטסלאָזע" האָבן געאַרבעט מער פאַר די „אַרבעטנדיקע"...): מען האָט באַשטימט שכנא זאגאנען ער זאָל אָרגאַניזירן די דאָזיקע שרײַבער, זיי פאָרלייגן אָנצושרײַבן צו גרעסערע אַרבעטן, וואָס וועלן באַטראַכט ווערן דורך אַ זשורי, און די אַרבעט וואָס וועט אויסנעמען בײַ דער זשורי וועט באַקומען אַ געלט־פּריז און זי וועט אַרויסגעגעבן ווערן אויפן חשבון פון ליטעראַטן־פאַראיין.

דאַן האָב איך באַשלאָסן צום ערשטן מאָל פּרובירן אויסצואַרבעטן אַ קאָנספּעקט פאַרן קומענדיקן בוך: איך האָב באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַ ביכל פון אַ פיר־פינף דרוקבויגן א. נ. „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע".

די אַרבעט האָט מען באַדאַרפט צושטעלן צום קאָנקורס ביזן 1־טן יולי 1939. אַרום מיטן מאַי אָדער אָנהויב יוני האָט שכנא זאגאן גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע קאָנקורס־באַטייליקטע. ער האָט געבעטן צוויי זאַכן: יעדער איינער זאָל רעפערירן וועגן זײַן געגרייטער אַרבעט און צי ער וועט זי האָבן גרייט צום 1־טן יולי.

אויף וויפל איך געדענק, בין איך געווען דער איינציקער וואָס האָב רעפערירט גענוי וועגן אינהאַלט פון מײַן אַרבעט און צוגעזאָגט זי צוצושטעלן ביזן ערשטן יולי.

איך געדענק נאָך אויך ווי נאָכדעם ווי כ׳האָב געענדיקט רעפערירן וועגן מײַן אַרבעט, האָבן אַלע אין איין קול אויסגערופן: „ראַפּאַפּאָרט געווינט דעם קאָנקורס".

צוליב דעם וואָס אַחוץ מיר האָבן אַלע געבעטן אָפּלייגן דעם קאָנקורס, האָט זאַגאַן פּאַרלענגערט דעם טערמין פון צושטעלן די אַרבעטן ביזן 1־טן אויגוסט (אָדער ביזן 1־טן סעפּטעמבער).

*

ווען איך האָב אַרום מיטן אָדער סוף יוני געענדיקט מײַן אַרבעט האָב איך, פאַרן אָפּגעבן דאָס אין ליטעראַטן־פּאַראיין, אײַנגעלאָדן מײַנע נאָענטסטע ליטעראַרישע פרײַנט — משה גראָסמאַן, שלמה שײַנבערג און אפרים שרײַער — און פאַרגעלייענט פאַר זיי מײַן ביכל. אַחוץ מיר און מײַן פרוי איז איצט דאָ אויף דער וועלט בלויז איין מענטש וואָס האָט זיך באַקענט מיט מײַן ביכל אין ווײַן אורשפּרינגלעכן טעקסט — מײַן פרײַנט אפרים שרײַער (איצט אין ישראל).

*

דעם 6־טן סעפּטעמבער, ווען איך בין אַרויס פון וואַרשע, בין איך צוגע־גאַנגען צום ליטעראַטן־פּאַראיין (דאַן אין נײַעם לאָקאַל אויף גראַניטשנע גאַס). אין לאָקאַל זענען געווען עטלעכע צעטומלטע חברים. דער דעמאָלטיקער סעקרע־טאַר זאַלאַטאַוו איז געווען פאַרנומען מיט „ריין" מאַכן די אַרכיוון פאַר דער דײַטשישער מאַכט, וואָס איר אַרײַנמאַרש איז שוין געווען אומפאַרמײַדלעך. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַפע מײַן מאַנוסקריפּט און געפרעגט צי איך וויל אים אָפּנעמען; ער האָט אויך געזאָגט אַז ער האָט פון אים אויסגעשניטן מײַן נאָמען ווי ער טוט דאָס אין אַלע מאַנוסקריפּטן און דאָקומענטן, ווי אַ מעשה מאַכט זיך...

איך געדענק מײַן פאַרלוירנקייט: וואָס וועל איך טאָן אין אַזאַ וועג, ווו מען איז נישט זיכער מיטן לעבן, מיט אַ מאַנוסקריפּט? איך לאָז אַזויפיל איבער אין וואַרשע, אַחוץ א ים מאנוסקריפּטן אין שטוב, וועט בלייבן נאָך עפּעס אונטערן שוץ פון אַ דאַך...

*

אין ווילנע האָב איך די ערשטע צוויי חדשים נישט געטראַכט וועגן מײַן ליטעראַרישער אַרבעט; ערשט ווען איך האָב זיך דאָרט באַזעצט מיט מײַן פאַמיליע און גענומען טראַכטן וועגן שרײַבן, האָב איך פון די ערשטע זאַכן ווידער גענומען קלײַבן מאַטעריאַל פאַר מײַן בוך „מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע".

ווי אַ רעאַקציע אויף די פאַר חדשים מוטלאָזיקייט און גייסטיקער אַפּאַטיע, האָב איך אין ווילנע אַנטוויקלט אַ פיבערדיקע ליטעראַרישע טעטיקייט. עס

איז נישט געווען דער טאָג איך זאָל נישט אָנשרייבן איינס־צוויי אַרטיקלען אין דער ביבליאָטעק פון „ייוואָ".

(איך געדענק: אויף מיין וועג פּרימאָרגנס אין „ייוואָ" פלעג איך אָנטרעפן פרוי לובאָ ג., פלעגט זי אָפּט מיך פרעגן: „ווי אַזוי קאָנט איר אין אַזאַ צייט זיצן און אַרבעטן ליטעראַריש?" (עס זענען שוין דאַן דאָרט געווען די באָלשעוויקעס.)

אחוץ פאַרשידענע אַרבעטן האָב איך פיבערהאַפט געזאַמלט מאַטעריאַלן, סיי אין „ייוואָ", סיי אין דער ווילנער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, פאַר מיין טעמע, צו וועלכער איך האָב זיך געגרייט העכער צוואַנציק יאָר.

ווען עס איז געקומען די צייט צו אַנטלויפן פון די באָלשעוויקעס, האָב איך געלאָזן ביי מיין פריינד, דעם לערער און שרייבער ראובן ליכטשטיין, די 25 עסייען וועגן דיכטונג, אָנגעשריבן אין ווילנע, אַ פּאָר געדרוקטע (אין קאָוונער „דאָס וואָרט") און אַ סך נישט געדרוקטע אַרטיקלען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, אָנגעהויבענע גרעסערע מאַנוסקריפּטן (באַזונדערס אויף דער טעמע „צי דערפילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע?"; אָבער וועגן דער מערקווירדיקער געשיכטע פון דאָזיקן נישט פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט קלייב איך זיך צו שרייבן באַזונדער) און געזאַמלטע מאַטעריאַלן פאַר אַ צווייטער „אויפלאַגע" פון מיין בוך־קאָנספּעקט „מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע".

די אַרטיקלען מיט די מאַטעריאַלן האָט מיר ליכטשטיין באַדאַרפט צושיקן, ווען ער וועט באַקומען פון מיר דעם אַדרעס פון מיין נייעם וווינאָרט; אָבער ביז וואָס ווען איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשישע מלחמה... און מיין ליבער פריינד ליכטשטיין איז פאַרזונקען אין באָלשעוויסטישן צי נאַצישן תהום צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, זיינע שריפטן און מיין ליטעראַרישן פקדון...

*

געקומען בין איך קיין שאַנכיי דעם 1־טן מאַי 1941; סוף סעפּטעמבער 1941 בין איך צוגעטראָטן צו רעקאָנסטרואירן פון זכרון מיין „מהות פון דיכטונג". פון זכרון, ווייל מיין פּרווו צו זאַמלען אין שאַנכיי צום דריטן מאָל מאַטעריאַלן פאַר דער־אַ אַרבעט האָט זיך נישט איינגעגעבן, — איך האָב מער דערצו קיין געדולד נישט געהאַט.

עס איז נישט אָנגעקומען לייכט צו שאַפן מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן דאָס ערשטע ביכעלע אויף יידיש אויפן ווייטן מזרח, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל וואָס האָט נישט קיין נאָענטע שייכות צו אָט דער הקדמה, וואָס איך וויל זי נישט צו פיל פאַרגרעסערן.

דאָס ביכל איז פאַרטיק געוואָרן פון דרוק אין נאָוועמבער 1941 און דעם

5־טן דעצעמבער האָב איך אַרויסגעשיקט מיט דער פּאָסט אין אַלע יידישע ישובים פון דער פרייער וועלט פּעקלעך מיטן „מהות פון דיכטונג".

דעם 7־טן דעצעמבער איז אויסגעבראָכן די פּאַציפישע מלחמה.

נאָך דער מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט אַז צוויי קליינע פּעקלעך האָבן זיך דורכגעריסן (מיט דער קראַפט פון דיכטונג?): 15 עקזעמפּלאַרן קיין ניו יאָרק און 10 קיין אויסטראַליע; די גרעסטע טייל פון דער אויפלאַגע פון 500 איז געבליבן ערגעץ אויפן דעק פון ים.

*

מיט יאָרן צוריק האָב איך באַקומען אַ בריוו פון פריינד סוצקעווער, איך זאָל אים צושיקן אַן עקזעמפּלאַר פון „מהות פון דיכטונג". היות ביי מיר איז געבליבן בלויז איין עקזעמפּלאַר און כ'האָב אים נישט געוואָלט אַנטרויען דער פּאָסט, האָב איך אים געעצהט צו באַרגן דאָס ביכל ביי מיין ברודער אין חדרה, און אַזוי האָט ער געטאָן. נאָכן איבערלייענען דאָס ביכל האָב איך באַקומען פון סוצקעווערן אַן אויפמונטערנדיקן בריוו מיט אַ ווונטש, אַז עס זאָל דערשיינען, צוזאַמען מיט מיינע איבעריקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דיכטונג, אין בוך־פאָרם, אַ זאַך וואָס מיר איז דאָס גאָר קיינמאָל נישט געקומען אויפן זינען, ווייל איך ווייס ווי פרעמד די טעמע איז דעם ברייטערן לייענער־עולם, און ביים אַרויס־געבן ביכער, וואָס דערשיינען מיטן געלט פון עולם, דאַרף מען זיך רעכענען כאָטש אַ ביסל מיט זייערע לייען־אינטערעסן. אָבער סוצקעווערס עטלעכע בריוו וועגן מיינע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן דיכטונג און דיכטער, האָבן מיר צוגעגעבן מוט און כ'האָב אים געענטפערט אַז „מער ווי די קאַלב וויל זויגן, וויל די קו אַנזייגן".

און סוצקעווער האָט זיך גענומען מיען וועגן אַ בוך אָפּהאַנדלונגען מיינע וועגן דיכטונג.

ערשט בעת זיין היי־זיין, אין מעלבורן, איז סוצקעווערן געלונגען צו פאַר־אינטערעסירן עטלעכע יידן מיט זיין אידייע אַרויסצוגעבן מיין „מהות פון דיכטונג", ווי אויך אַנדערע אַרבעטן מיינע וועגן דיכטונג.

אמת, צוערשט איז דער פּלאַן געווען ברייטער ווי דער וואָס ווערט פאַר־ווירקלעכט: איך האָב גערעכנט צונויפצונעמען צווישן טאָוולען אַלץ וואָס איך באַטראַכט ווי ווערטפול פון מיינע עסייען און רעצענזיעס וועגן דיכטער און דיכטונג — אָפילו אויך די אַרטיקלען וואָס געפינען זיך אין איינזאַמקייט אין מיינע אַנדערע ביכער; אָבער צוליב דעם וואָס פריינד סוצקעווערס פּלאַן איז פינאַנסיעל אַ ביסל איינגעשרומפן געוואָרן, איז אויך מיין פּלאַן אָפּגעמאַגערט געוואָרן: די אַרטיקלען וואָס האָבן שוין געפונען אַ מקום־מנוחה אין אַנדערע ביכער, בלייבן אין זייער רו, און פון די וואָס האָבן נאָך נישט זוכה געווען אפילו

צו אַ צייטווייליקן קבר, ווען איך אָפּקלייבן דאָס וואָס איך באַטראַכט צום מערסטן פאַר ווערטפול און כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין צוגאַנג צו דיכטונג.

סוף־כל־סוף וועט אַ בוך, אַפילו מיט אַלע געשריבענע אַרטיקלען, אויך זיין נישט מער ווי אויסגעריסענע בלעטער, — טאָ וועלן זיין ווייניקער אויסגע־ריסענע בלעטער צווישן צוויי טאָוולען, און מער — אין מיין ביז גאָר חרובן ארכיוו.

*

איך בין צופרידן וואָס אַ יידישער דיכטער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אַקטיוון אינטערעס פאַר אַ צווייטן יידישן שרייבער, בלויז צוליב ליבע צום יידישן וואָרט. דאָס איז אַזאַ זעלטענער פאַל!

איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו דאַנקען אויך די דריי מעלבורנער יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף סוקצעוועסרס רוף, — די פריינט י. צ. ריזמאַן, שלמה ווין און ה. פאַלוך.

מעלבורן, 10.6.62 — י. ר.

I

מהות פון דיכטונג

אַ) מהות פֿון דיכטונג און איר סאָציאַלע פֿונקציע

די פּאָעזיע וועט קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן אויף דער ערד.
דזשאָן קיטס

1. וואָס איז אַזוינס דיכטונג?

די פֿראַגע „וואָס איז אַזוינס דיכטונג"? געהער צו דער קאַטעגאָריע פֿון די אַזוי גערופֿענע אייביקע פֿראַגעס, ווייל קיין ענדגילטיקער, פֿאַר אַלעמען גילטיקער ענטפֿער קאָן אויף זיי נישט געגעבן ווערן. צי קאָנט איר געבן אַן ענדגילטיקן ענטפֿער, — וואָס זאָל אַלעמען איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל באַפֿרידיקן — אויף דער פֿראַגע „וואָס אַזוינס איז לעבן?" איז דאָך דאָס לעבן אַמאָל זיס, ווי אַ טרוים, און אַמאָל ביטער, ווי אַ צערונענער טרוים, — טאָ ווי אַזוי געבן אַן ענטגילטיקן און פֿאַר אַלעמען גילטיקן ענטפֿער אויף אַ זאַך, וואָס האָט יעדן טאָג אַן אַנדער טעם און ווערט, וואָס איז נאָך אַלץ פֿאַרהוילן פֿון אונדז אויף זיבן־און־זיבעציק שלעסער, נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האַקן, דאַכט זיך, אויף איינעם נאָכן צווייטן?

פֿון צייט צו צייט זענען מיר זיכער, אַז „אָט דאָס איז דאָס לעבן אין זיין טיפֿסטן מהות, אין זיין ענטגילטיקסטן זין", אַז דאָס לעבן איז דאָס הייליקסטע, דאָס וווּנדערבאַרסטע, דאָס זינפֿולסטע, און מיטאַמאָל איבערצייגט אונדז „קהלת", אַז „הכל הבל". טאָ ווי אַזוי וואַרפֿן אַ בריק איבער די דאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע אמתן, וועלכע מיר פֿילן אין פֿאַרשידענע צייטן מיט דער זעלבער איבערצייגטקייט און געפֿיל־גאַנצקייט? און דערביי זאָגט אונדז אונטער אַ דריט געפֿיל, אויך געשפּירט אין געהעריקן מאָמענט מיט דער גאַנצער געפֿיל־איבערצייגטקייט, — אַז ביידע, סיי דער „וירא כי טוב", סיי דער „הכל הבל" זענען ריכטיק, ווייל זיי זענען בלויז טייל־אמתן פֿון אַ ברייטערן און טיפֿערן אמת, וואָס האַרמאָניזירט, אויף אַ פֿאַר אונדז אומצוטריטלעכן אופֿן, די כלומרשטע סתירה פֿון די איזאָלירטע טיילן זיינע.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער פֿראַגע „וואָס איז אַזוינס דיכטונג?". ווי אַזוי זאָלן מיר געבן אַן ענטגילטיקן ענטפֿער אויף איר, בעת דיכטונג איז ווי דער „מן", וואָס יעדער איינער פֿלעגט פֿילן אין אים אַן אַנדערן טעם? דער מן איז געווען אַ רעטונג אין מדבר, ער איז געווען געטלעך, אָבער ער האָ־

געהאַט אַזוי פיל טעמים, וויפל יידן עס האָבן אים געגעסן. און דאָסזעלבע איז מיט דיכטונג: זי דערקוויקט אין גייסטיקן מדבר, זי איז געטלעך, אָבער יעדער גומען פילט אין איר אַן אַנדערן טעם.

צווישן די סך ענטפערס, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אויף דער דאָזיקער פראַגע, קאָן מען געפינען זייער טיפּזיניקע און, דער עיקר, ריכטיקע, אָבער זיי בילדן בלויז א טיילכל פון אמת, וועלכער לאָזט זיך אינגאַנצן נישט פאַנגען אין דער נעץ פון דער מענטשלעכער פאָרשונג, פּונקט ווי דאָס איז מיטן לעבן, פון וועלכן דיכטונג איז בלויז אַן אימאַנענטער טייל.

די פראַגע „וואָס איז אַזוינס מעדיצין?" אָדער „וואָס איז אַזוינס טעכניק?", קאָן פאַרענטפערט ווערן ענטגילטיק. די מעדיצין און די טעכניק האָט דער מענטש אַליין געשאַפן און ער ווייסט, וואָס ער דערוואַרט פון זיי און וואָס זיי גיבן אים. זיי קאָנען זיך אין משך פון יאָרהונדערטער שטאַרק אַנטוויקלען, דערגרייכן דאָס, וואָס זעט היינט אויס צו זיין אַ פאַנטאַזיע, אָבער שוין היינט קאָנען מיר געבן אַ דעפיניציע וועגן מעדיצין אָדער טעכניק, וואָס זאָל ענט־גילטיק באַפרידיקן אפילו די קומענדיקע דורות. צי די מעדיצין איז אין צושטאַנד פון פרימיטיווער כשוף־דאָקטאָריע, צי זי איז אין צושטאַנד פון טויזנט יאָר אַרום, — איר ציל איז איין־און־דערזעלבער, אומפאַרענדערט: אויסהיילן קראַנקהייטן און פאַרהיטן פון קראַנקהייטן, אָדער מעדיציניש זיך אויסגעדריקט: טעראַפּיע און פּראָפילאַקטיק.

אָבער דאָס לעבן? די דיכטונג? ווי אַזוי זאָל זיי דער מענטש דערגרונ־טעווען? האָט ער זיי דען געשאַפן און געשטעלט פאַר זיי צילן, וועלכע זיי דאַרפן דערגרייכן? זייער קוואַל פליסט דורך אים, אָבער נישט פון אים. דער מענטש לעבט, אָבער דאָס לעבן האָט אים געשאַפן און נישט דער מענטש דאָס לעבן; דער מענטש שאַפט דיכטונג, אָבער די דיכטונג גופא האָט דער מענטש נישט באַשאַפן, — ווי אַ באַדערפעניש און פונקציע איז זי געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט אים, זי איז אַ טייל פון זיין לעבן.

*

אָבער אויב מיר קאָנען נישט ענטגילטיק דעפינירן די סטיכיע פון דיכטונג, קאָנען מיר דאָך אין אונדזער לעבעדיקער, אינטימער באַרירונג מיט איר אויסגעפינען געוויסע וויכטיקע אייגנשאַפטן אירע. מיר קאָנען נישט וויסן וואָס זי שטעלט פאַר מיט זיך אין איר עצם מהות, וואָס עס איז איר אייגנטלעכער ציל (אויב מיר זאָלן רעדן אַנטראָפּאָמאָרפיש), אָבער מיר קאָנען זייער גוט אַריינ־דרינגען אין געוויסע פּראָצעסן אירע און פעסטשטעלן, אין אַ באַדייטנדער מאָס, וואָס זי באַדייט פאַר אונדזער לעבן, אין וואָס עס באַשטייט טיילווייז איר פונקציע.

וואָס־זשע איז די וויכטיקסטע אייגנשאַפט פון דיכטונג, לויט אונדזער אויבן־פאָרמולירטער, באַגרענעצטער דערקענטעניש־מעגלעכקייט ?

זאָגן אַז „דיכטונג איז די קונסט פון וואָרט", הייסט געבן שוין אַ צו אומקלאָרן ענטפער אויף אַ פראַגע, וואָס קאָן שוין אַזוי אויך נישט באַקומען קיין צו קלאָרן ענטפער. קאָן מען דאָך זייער גוט באַהערשן דאָס וואָרט און דאָך נישט שאַפן קיין דיכטונג. און פאַרקערט אויך: שטאַמלענדיק שאַפן גרויסע דיכטונג. דאָס וואָרט — ווי מיר וועלן פרוון אויפווייזן שפּעטער — איז דאָס קינד, דאָס ערשטגעבוירענע, פון דיכטונג, אָבער נישט תמיד בלייבט עס טריי זיין אָפּשטאַם. עס קאָן דעגענערירט ווערן, עס קאָן דעגראַדירט ווערן דורכן מייסטער פון מיסברויך — דעם מענטש, צו פאַלשקייט און נישטיקער פלוידער־פונקציע. אמת, קיין בלויזער מאַטעריאַל, ווי, למשל, בראָנז אָדער ליים, קאָן דאָס וואָרט קיינמאָל נישט ווערן, אָבער דאָך קאָן מען דאָס וואָרט אַראָפּנידערן צו דער מדרגה פון כמעט בלויזן מאַטעריאַל. און אויב די קונסט פון מאַלעריי באַשטייט נישט אין בלויזן קאָנען באַהערשן די פאַרבן און קאָפּירן אין זיי די לעבעדיקע און טויטע נאַטור, קאָן די קונסט פון דיכטונג אוודאי און אוודאי נישט באַשטיין אין בלויזן קענען פיין קאָפּירן אין ווערטער די טויטע און לעבעדיקע וועלט. די קונסט פון וואָרט, ווי די קונסט פון פּענדזל, איז בלויז אַ נויטווענדיקער באַשטאַנדטייל פון מאַלעריי אָדער דיכטונג, וואָס ווילן זיך פאַרקערפּערן, אָבער זייער מהות באַשטייט אין גאָר עפּעס אַנדערש, ווייל אַ דיכטערישע איבערלעבונג איז דיכטונג אויך אָן וואָרט־פאַרקערפּערונג, הגם זי בלייבט דאַן דאָס אייגנטום פון יחיד, וואָס לעבט זי איבער.

טאָ וואָס־זשע איז דיכטונג ?

דיכטונג איז די פעיקייט צו דערשפּירן, צו איבערלעבן, אַרויסצוציבערן די נשמה פון יעדער זאַך. נישט דאָס באַשרייבן אַ בלום איז דיכטונג, נאָר דאָס פילן און מאַכן פילן דעם נשמה־צושטאַנד, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אַ קאָנקרעטער בלום אַדאַנק דער באַלויכטונג, דער מיליע. און פונקט ווי יעדע טויטע זאַך האָט אַ נשמה, עפּעס לעבעדיקס, וואָס רעדט צו אונדזערער, אַזוי פאַרמאָגט יעדע לעבעדיקע זאַך עפּעס טויטס, אַפילו די נשמה פון אַ מענטשן איז נישט יעדעס מאָל לעבעדיק. און דיכטונג איז דאָס, וואָס באַמערקט אומעטום דאָס לעבעדיקע און קאָן ווידער אויפוועקן דאָס אָפּגעטויטע לעבעדיקע צום לעבן.

אָפּמאָלן אַ קו אָדער באַשרייבן אַ קו, זי זאָל אויסזען אָדער מיר זאָלן זי אין דער פאָרשטעלונג זען ווי אַ לעבעדיקע, איז נישט קיין קונסט, נישט קיין דיכטונג, — דאָס איז בלויז איינע פון די נויטיקע מיטלען פון דער קונסט, די קונסט פון קאָפּירן; קונסט הייסט איבערגעבן אין בילד דאָס נשמהדיקע, דאָס מענטשלעכע, וואָלט איך געזאָגט, וואָס דער קינסטלער באַמערקט אין דעם לעבעדיקן באַשעפעניש, אָבער אַזוי, אַז אונדזער נשמה זאָל זיך אויפכאַפּן צום לעבן, וואַך ווערן.

און אין וואס באשטייט אט דאס דאזיקע לעבעדיק־ווערן פון דער נשמה?

דיכטונג רייסט מיטאמאל ארויס פון שפאן פון דער טאג־טעגלעכקייט, מען פארלירט די שווערקייט, וואס פרעסט אונדז אריין, דורך דער אייגענער וואג, אין זומפּ פון פראקטישן תכלית, מען באקומט צויבערפליגלען, אדאנק וועלכע מען פליט אריבער דעם אומדערגרייכבארסטן שפּיץ — איבערן אייגענעם קאפּ, מען הויבט אן צו פילן דאס פערזענלעכע ווי עפּעס אלגעמיין מענטשלעכעס, און נישט דערפאר, ווייל מען צווינגט אריין דאס אלגעמיין־מענטשלעכע אינעם סדום־בעטעלע פון דעם ענג־פערזענלעכן, נאר דערפאר, ווייל דאס ענג־פערזענלעכע ווערט פארמענטשלעכט אין ברייטסטן זין פון דאזיקןווארט, — מען דערשפּירט אין זיך נישט דעם „איך", נאר דעם מענטש. אין דעם לייטערנדיקן פייער פון דיכטונג ווערט צעשמאלצן די אינדיווידועלע ראם פון מענטשן און דער געפאנגענער גליענדער מענטש־קערן גיסט זיך צונויף מיטן אנטפלעקטן געלייטערטן און לייטערנדיקן פלאם פון דער לעבעדיקער און „טויטער" וועלט.

אט דאס איז דיכטונג, הגם דאס שעפּט נישט אויס די אומאויסשעפּלעכע אייגנשאפטן פון דיכטונג, וואס איז א טייל אדער איין מאניפעסטאציע פון לעבן. און דאס לעבן האט א מאדנע אייגנשאפט: זיינע עכטע טיילן זענען אומענדלעך ווי עס אינגאנצן.

2. איז דיכטונג א לוקסוס אדער א נויטווענדיקייט?

פאראן א סך מענטשן וואס קוקן אויף דיכטונג ווי אויף א לוקסוס, אויף א גוטער אדער שלעכטער געוווינהייט, וואס יעדנפאלס קאן מען זיך באגיין אן איר. דיכטונג איז, לויט זיי, א זאך, וואס איז גוט פאר לײדיקגייער אדער טרוימער (איינס און דאסזעלבע!) און אויך פאר פאכלייט. זענען דאך פאראן א סך מאדע־ארטיקלען, לוקסוס־ארטיקלען, וואס געוויסע מענטשן נוצן דאס און פאכלייט לעבן פון דעם, — איז נאך א לוקסוס־בראנזשע, א מאדע־ארטיקל, אבער צום פראקטישן לעבן האט עס קיין שייכות נישט. און פראקטישע מענטשן האבן מיט דעם נישט צו טאן. מהיכי־תיתי, מען קאן דאס באנוצן, ווי מען באנוצט אנדערע לוקסוס־זאכן, אבער מען קאן זיך באגיין אן דעם אויך. א ראיה — אט באגייען זיי זיך אן דעם און — גארנישט.

איז דאס ריכטיק? איז טאקע דיכטונג א לוקסוס? און אפשר גאר א נויטווענדיקייט?

אייגנטלעך איז שוין דער ענטפער אומדירעקט געגעבן געווארן אין ערשטן קאפּיטל: אויב דיכטונג איז א טייל פון לעבן, איז זי נישט קיין לוקסוס, נאר א נויטווענדיקייט. אבער איצט וויל איך פּרווון געבן אויף דער דאזיקער פראגע א דירעקטן ענטפער.

*

די פּראָנצויזישע קיך האָבן מענטשן צוגעטראַכט, אָבער דאָס עסן גופא האָט קיינער נישט צוגעטראַכט, — דאָס איז אַ פיזיאָלאָגישע, אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט. דאָס פּאָרן מיט אַ בעזן האָבן די מענטשן צוגעטראַכט, פּונקט ווי דאָס פּאָרן מיט אַ בויד, — אָבער דאָס באַוועגן זיך פון אָרט צו אָרט, דאָס באַוועגן מיט די פיס איז נישט קיין לוקסוס און נישט קיין צוטראַכטונג פון מענטשן, נאָר אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט. פּרוּווט, אדרבא, זיצן צו לאַנג אויף אַן אָרט (און בשעת מעשה זאָל אייך גאָרנישט פעלן, מ'זאָל אייך צוטראָגן פון כל טוב), וועט אייך נעמען הויבן פון אָרט, איר וועט פילן אַז דאָס גיין איז נישט נאָר אַ לוקסוס, אויף צו שפּאַצירן, אָדער אַ פּראַקטישער מיטל צו דערליידיקן געשעפטן, נאָר אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט, — נישט נאָר די פיס־מוסקולן, דער גאַנצער קערפּער מוז זיך באַוועגן.

דאָס זעלבע איז מיט דיכטונג: די סאָנעט־פאָרם האָבן מענטשן צוגעטראַכט, אָבער די דיכטונג גופא נישט.

דער מענטש קאָן זיך אָפּזאָגן פון לוקסוס און אויפהערן עסן פיין־צוגעגרייטע שפּייזן, אויפהערן פּאָרן מיט עקספּרעסן, אויפהערן שרייבן סאָנעטן, אָבער עסן, באַוועגן זיך און שאַפן און געניסן דיכטונג אין דער פּרימיטיווסטער פאָרם וועם דער מענטש קיינמאָל נישט אויפהערן, סיידן ער הערט אויף צו עקזיסטירן נאָרמאַל.

אויב דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך בנוגע עסן און באַוועגן זיך, איז דאָס בנוגע דיכטונג נישט אַזוי קלאָר אויפן ערשטן בליק, הגם נישט ווייניקער ריכטיק.

ווען אַ מענטש זיצט לאַנג אין אַ פאַרשפּאַרטן צימער, הערט ער אויף צו שפּירן די שלעכטע לופט, — הלואי זאָל מען נישט געפּרוּווט ווערן, צו וואָס מען קאָן געוווינט ווערן. אָבער עס איז גענוג אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, כדי מען זאָל פילן ווי גוט עס ווערט, סאַראַ סך מען האָט פאַרלאָרן פונעם זיצן אין פאַרשטיקטן צימער.

און צי דען האָט מען בלויז פאַרלאָרן פאַרגעניגן? אויך געזונט!

דאָס זעלבע איז מיט מענטשן, וועלכע געניסן נישט אַ לאַנגע צייט קיין דיכטונג אין אַ געהעריקער מאָס (אין אַ געהעריקער מאָס, זאָג איך דערפאַר, ווייל אין אַ מינימאַלער דאָזע געניסט יעדער די פּרימיטיווערע אַרטן דיכטונג, ווי מיר וועלן זען שפּעטער).

מענטשן זענען אויף אַ נאַטירלעכן אופן גענייגט צו עגאָאיזם, — עס טרייבט זיי דערצו דער אינסטינקט אויפצוהאַלטן זייער באַגרענעצטע קערפּערלעכע עקזיסטענץ. כדי דער מענטש זאָל צו פיל נישט פאַרשטיינערט ווערן אין זיין עגאָאיזם, מוז ער פון צייט צו צייט אָפּגעפרישט ווערן מיט דער הילף פון דיכטונג, וואָס ברעכט די גליווערנדיקע ראָם אַרום דעם מענטשלעכן קערן, אָרום דעם גליענדן פונק, און לאָזט אים נישט אויסגיין, בלאָזט אים פאַנאַנדער.

ווען מענטשן וואָלטן פאַרברויכט דעם נויטיקן סכום וויטאַמינען, וואָלטן אַ סך קראַנקהייטן נישט געווען; ווען מענטשן וואָלטן פאַרברויכט דעם געהעריקן סכום דיכטונג, וואָלטן זיי געווען זיין איידעלער, מילדער, מענטשלעכער. אַז געוויסע קראַנקהייטן נעמען זיך פון מאַנגל אין וויטאַמינען האָט מען נישט תמיד געוווסט, און ווען איינער וואָלט אַמאָל דערקלערט סקאָרבוט מיט מאַנגל אין געוויסע וויטאַמינען, — אַ זאַך, וואָס מען זעט עס נישט און מען קאָן דאָס נישט אָנטאַפּן, — וואָלט מען דאָס באַטראַכט פאַר אַ שפּאַס אָדער פאַר אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם. היינט ווייסט מען שוין וועגן דעם אָפּשטאַם פון געוויסע פיזישע קראַנקהייטן. און אַ דאַנק זיגמונד פרוידן ווייסט מען שוין אויך וועגן דעם אָפּשטאַם פון געוויסע גייסטיקע קראַנקהייטן. אָבער עס דאַרף נאָך קומען דער מענטש, וואָס זאָל אויפווייזן מיט גענוגנדער קלאָרקייט (אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין אַזעלכע זאַכן), אַז דער גייסטיקער סקאָרבוט, וואָס צעפרעסט דעם היינטיקן מענטשן מאָראַליש און גייסטיק, איז אַ רעזולטאַט אויך פון מאַנגל אין דיכטונג־וויטאַמין.

עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט אָנהויבן צו באַגרייפן, — ווען מען וועט פילן און וויסן אויף זיכער, — אַז דער מאַנגל אין דיכטונג־געברויך איז שולדיק אין אַ סך פון אונדזערע סאָציאַלע צרות (הגם מיר געפינען זיך דאָ אין אַ כּישוף־קרייז: דער מאַנגל אין דיכטונג־געברויך איז אויך א רעזולטאַט פון סאָציאַלע סיבות).

פריץ פאָן אונרו, דער דייטשישער עקספּרעסיאָניסט, אַ דייטשישער יונקער, דערציילט אין זיין בוך „די פליגלען פון דער ניקע" (ניקע — די באַפליגלטע געטין פון נצחון; דאָס בוך איז אַ באַשרייבונג פון אַ רייזע קיין פראַנקרייך עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה) אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן פאַקט. ער איז געווען אַ שילער אין אַ פּרייסישער קאַדעטן־שול. איינמאָל, בעת אַן אויספלוג, האָט דער יונגיטשקער דיכטער אויסגעשריגן: „סאַראַ שיינער זון־אונטערגאַנג!" דאָס ניין־יאָריקע דיכטערל איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן מיט קאַרצער.

מען קאָן נישט דעם דאָזיקן פאַקט אָפּפאַטערן מיט דער ערשטער רעאַקציע אונדזערער: סאַראַ זינלאָזער ביוראָקראַטיזם! סאַראַ טעמפּע פּרייסישע דיסציפּלין!

אין דער דאָזיקער האַנדלונג פון פּרייסישן פעלדפעבל איז דאָ מער זין, ווי דאָס קאָן זיך דאַכטן; אין דאָזיקן פאַקט ליגט עפּעס טיפערס ווי בלויז טעמפּע ליבע צו דיסציפּלין, — אין דאָזיקן פאַקט איז דאָ אַ שטומע אָנערקענונג פון דער קראַפט פון דיכטונג. דער פּרייסישער מיליטאַריסט ווייסט, אַז אַ זעלנער, וואָס באַמערקט אַ זון־אונטערגאַנג נישט בלויז מיטן אויג, נאָר אויך מיטן געמיט, איז אַ שלעכטער זעלנער. אַזאַ זעלנער קאָן נאָך אַרויסקומען אויפן געדאַנק דאָס זעלבע, וואָס לערמאָנטאָווס העלד פון זיין פּאָעמע „וואַלעריק". דער דאָזיקער העלד האָט באַמערקט נישט נאָר די שלאַכט, נאָר אויך אַז „דער אַרומיקער וואַלד האָט זיך געבליט אינעם פּולווער־רויך, ווי אין אַ נעפּל, און דאָרט, אין דער ווייט, אין

אַ נישט רעגלמעסיקער אָבער תמיד שטאָלצער און רואיקער ריי, האָבן זיך געצויגן בערג אין זייער שנייאיקער טראַכט, און קאַזבעק האָט געבלישטשעט מיט זיין שפּיציקן קאָפּ". און דאָס דאָזיקע נאַטור־בילד, באַמערקט מיטן געמיט, איז גענוג אויף צו פּאַראַליזירן, צו נייטראַליזירן די שלאַכט־שטימונג. דאָס ברענגט אים אַרויף אויף געפּערלעכע געדאַנקען, געפּערלעך בעת אַ שלאַכט, געפּערלעך פאַר אַ זעלנער, וואָס פאַר אים איז בכלל געזינטער נישט צו טראַכטן. דער העלד באַקומט אַ שטויס פון דיכטעריש־אויפגענומענעם נאַטור־בילד (צוליב זיין שאַרפער קאָנטראַסטיקייט צו דעם שלאַכט הו־האַ) צו פאָלגנדיקע געדאַנקען: „און מיט אַ פאַרבאָרגענעם, האַרציקן אומעט האָב איך געטראַכט: נעבעכדיקער מענטש... וואָס וויל ער? דער הימל איז קלאָר, אונטערן הימל איז גענוג אָרט פאַר אַלעמען, אָבער נאָר ער האַלט אין איין פירן מלחמה אומזיסט און אומנישט... צו וואָס?"

דאָס באַמערקן מיטן געמיט אַ זון־אונטערגאַנג איז אַ שווערע זינד פאַר אַ זעלנער, ווייל דאָס עפנט ברייט דעם טויער פאַר אַלדאָס דיכטערישע, דאָס הייסט: פאַר אַלע אַנטי־עגאָאיסטישע, אַנטי־גראָב־פּראַקטישע, אַנטי־חיהש־אינסטינקטיווע כוחות, דאָס רייסט אויף דעם פאַנצער פון געפּיללאָזער ראָבאָט־אַרטיקער טעטיקייט און דעקט אָפּ די געפערלעכסטע אַכילעס־פּיענטע פון פּראַקטישן מענטשן — די נשמה.

דער פרייסישער פעלדפעבל, מיט זיין פאַרשאַרפטן חוש פאַרן שונא, שפּירט זייער גוט די קראַפט פון דאָס דיכטערישע און באַקעמפט עס אומעטום, ווו ער טרעפט עס, ער וויל דאָס אַרויסרייסן מיטן וואָרצל.

און דער מענטש איז זייער דערפאָלגרייך אין זיין צעשטערערישער אַרבעט אויף אַלע געביטן, סיי אויפן געביט פון ריין פיזישן לעבן, סיי אויפן געביט פון עקאָנאָמישן, סיי אויפן געביט פון גייסטיק־דיכטערישער קולטור. די מעכאַניזאַציע פון אונדזער לעבן לאָזט דעם מענטשן ווייניק צייט אויף צו פלעגן די דיכטערישע קולטור, וואָס באַשטייט נישט נאָר אין לייענען דיכטונג, נאָר אין איבערלעבן זי דורך קומען אין קאָנטאַקט מיט דער נאַטור (נישט ווי איר באַצווינגער, נאָר ווי אַ נאָענטער שכן, ווי אַ נאָענטער קרוב, ווי אירס אַ קינד), מיט דאָס קינדישע אין לעבן, מיט דער חיות־וועלט (נישט נאָר ווי אַ מאַטעריאַל פאַר אַרבעטס־קראַפט און שפּייז־פּראָדוקטן), מיט מענטשן נישט נאָר ווי אַ קאָנקורענט און שונא, נאָר ווי אַ נאָענטסטן שכן אין דער פאַנטאַסטישער וועלט־רייזע; און די דערציאונג נישט נאָר וואָס זי פלעגט נישט דעם ביאָלאָגישן דיכטערישן אינסטינקט, נישט נאָר זי באַפרידיקט נישט זיינע פאָדערונגען, נאָר זי טוט אַלץ כדי אים צו דערשטיקן, פאַרשיטן, פאַרקריפּלען דורך דער היפּערטראָפיע פונעם פיזיש־פּראַקטישן מאָמענט און דער אַטראָפירונג פונעם גייסטיקן און געמיט־מאָמענט.

אָבער אויב עס געלינגט דעם מענטשן אָפּצושטעלן אין דער אַנטוויקלונג און אָפּצוטויטן אין זיין פונקציע דעם דיכטערישן דריז, הייסט עס נאָך נישט, אַז ווען

דער דאָזיקער דריז פונקציאָנירט יאָ, איז עס אַ זאַך פון לוקסוס און נישט פון נאַטירלעכער נויטווענדיקייט. און דאָס באַדייט אויך נישט, אַז מיר פאַרלירן גאָרנישט דאָרט, ווו ער פונקציאָנירט בכלל נישט, ווו ער ווערט דערפירט צו אַ רודימענ־טאַרער עקזיסטענץ.

דאָס נישט פונקציאָנירן פון געוויסע פיזיאָלאָגישע דריזן פירט צו פיזישער פאַרקריפּלונג און פיזיש־בולטן אידיאָטיזם; דאָס נישט פונקציאָנירן פון געוויסע פּסיכישע דריזן פירט נישט צו אַזעלכע בולטע, אָבער נישט ווייניקער אומגליקלעכע רעזולטאַטן, ווי דאָס באַווייזט בולט די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע מיט אירע אַוואַנגאַרד־שולעס.

ווען מען קוקט זיך צו צום פּוסטן, ציניש לעבן פון אַזוי פיל מענטשן, פון אַזאַ גרויסן טייל פון דער יוגנט (דעם נאַטירלעכסטן הויפּטקוואַל פון דיכטערישן לעבנס־שטייגער), — פילט מען בחוש, אַז דאָס איז — נישט אין דער לעצטער ריי — אַ רעזולטאַט פון א צעשטערטער פּסיכישער גלייכגעוויכט, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך פּסיכישע קריפּלען, אומנאָרמאַלע אינדיווידועל פון אַן אומנאָרמאַלער תקופה.

דיכטונג איז דער שליסל, וואָס שליסט אויף דעם פּסיכישן מאָטאָר פון מיטגעפיל און סימפּאַטיע (און מיטגעפיל הייסט נישט דווקא מיטפילן א קראַנקן און סימפּאַטיע — נישט דווקא סימפּאַטיזירן מיט אַ צווייטן מענטשן, — מען קאָן מיטפילן אויך אַ נאַטור־אָביעקט און סימפּאַטיזירן מיטן קאָסמאָס), וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די אויבנדערמאָנטע צעשמעלצונג פון דעם האַרטן „איך“־פּאַנצער, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער גרענעצלאָזער סימפּאַטיע־קאָנטאַקט מיטן נישט־„איך“ פון דער לעבעדיקער און טויטער וועלט.

צי איז דיכטונג אַ לוקסוס אָדער אַ נויטווענדיקייט?

דיכטונג איז אַ נויטווענדיקייט, וועלכע די מענטשן האָבן שיר נישט פאַר־וואַנדלט אין אַ לוקסוס סיי פאַר די, וואָס געניסן זי, סיי פאַר די, וואָס געניסן זי נישט. און אין דאָזיקן פּרט טיילט די דיכטונג דעם גורל פון אַ סך אַנדערע מענטש־לעכע באַדערפענישן, פיזישע ווי גייסטיקע. אין זיין פעיקייט צו פאַרוואַנדלען דאָס נאַטירלעכסטע אין פּערווערזעס, האָט דער מענטש פאַרוואַנדלט דאָס עסן שיר נישט אין אַ לוקסוס סיי פאַר די געניסער פון דער פראַנצויזישער קיך, סיי פאַר די געניסער פון געפעלשטע פּראָדוקטן, סיי פאַר די כראָניש־הונגעריקע.

אַ מענטשהייט, וואָס האָט ליבע פאַרוואַנדלט אין פּראָסטיטוציע, ליבע צום אייגענעם פאָלק — אין שאָוויניזם, האָט אויך די דיכטונג פאַרוואַנדלט אין פוטוריזם. אָבער די נויטווענדיקייט אין ליבע האָט די פּראָסטיטוציע נישט פאַרטיליקט, זי טליעט און כאַפּט זיך אויף צום לעבן דאָ און דאָרט אפילו פון אונטער די גרויס־שטאָטישע מיסטקאַסטנס, זי לעבט ווייטער אין די טרוימען פון די בעסטע און ריינסטע. און אויך די אַנדערע פּסיכישע נויטווענדיקייטן פונעם מענטשן האָט דער

מענטש נישט געקאָנט אויסרייסן מיטן וואָרצל. זיי קאָנען רעדוצירט ווערן ביז מינימום, זיי קאָנען פאַרטריבן ווערן אין דער סאַמע טיף, אָבער דאָרט בלייבן זייערע זוימען אומבאַשעדיקט, גרייט צו נייעם בלי...

און אויך די דיכטונג פירט ווייטער איר עקזיסטענץ אין אירע אַלע פאָרמען: אין די באַציאונגען פון מענטש צו דער נאַטור; פון מענטש צו מענטש; אין פאָלקס־געזאַנג; אין נאַכט־חלומות און אין טאָג־טרוימען, און אין ווערק פון גרויסע דיכטער, וואָס קעמפן קעגן שטראָם פון דער צייט, אָדער וואָס איילן פאָרויס זייער צייט. און מיר קאָנען זיין זיכער: די מענטשהייט וועט נישט צוריקגעפינען איר פּסיכישע און פיזישע גלייכגעוויכט ביז אויך דער לוקסוס פון דיכטונג וועט נישט פאַרוואַנדלט ווערן צוריק אין אַ פּאַקטישער נויטווענדיקייט, פון אַ יום־טוב צימעס — אין אַ נאַטירלעכן טעגלעכן ברויט.

3. דער וועג פון דיכטונג

די שפּראַך איז נישט נאָר די מוטער פון דיכטונג, נאָר אויך איר טאָכטער. דער דיכטערישער פּראָצעס איז טעטיק געווען אויך פאַר דער געבורט פון מענטש־לעכן וואָרט, און ערשט דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אין זיין אַנטוויקלונג געשאַפן דאָס וואָרט ווי אַ קינד פון דיכטונג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איר מוטער. פּונקט ווי די נאַטור האָט צוערשט געשאַפן די לעבעדיקע צעלע (און די צעלע איז נישט די מוטער פון לעבן, נאָר איר טאָכטער, הגם זי הויבט זי אויף אויף אַ העכערע מדרגה און ווערט איר מוטער) און דערנאָך דידאָזיקע לעבעדיקע צעלן פאַרוואַנדלט ווי מאַטעריאַל פאַר העכערע לעבעדיקע אָרגאַניזמען, אַזוי איז די ביאָלאָגישע פונקציע פון דיכטונג* צוערשט געקומען צום באַוווסטזיניקן אויסדרוק אין וואָרט און דערנאָך די דאָזיקע לעבעדיקע דיכטונגס־צעלעס אויסגענוצט ווי מאַטעריאַל פאַר אירע קאָמפּליצירטערע דיכטערישע אויסדרוקן.

דיכטונג, ווי געזאָגט, איז נישט באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט, — דיכטונג, ווי אַ ביאָלאָגיש־פּסיכישער דראַנג, האָט עקזיסטירט אין מענטשן נאָך איידער זי איז געקומען צום וואָרט, פּונקט ווי זי עקזיסטירט אין דער חיה.

ווען אַ הונט וואָיעט אויף דער לבנה, קאָנען מיר נישט וויסן גענוי, וואָס

---

* אַנרי בערגסאָן באַמערקט זייער טיף אין זיין בוך „די צוויי קוואַלן פון רעליגיע און מאָראַל", אַז די רעליגיע איז אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט.

דאָס זעלבע איז ריכטיק פאַר דיכטונג נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווייל אין לעצטן סך־הכל, ווען מען באַגרייפט אינטואיטיוו די דערשיינונג פון דיכטונג אין איר גאַנצער טיף, איז רעליגיע אַ ספּעציפישע אויסדרוק־פאָרם פון דיכטונג, אָדער אַנדערש: דיכטונג איז אין איר מהות רעליגיעז אין דער ריינסטער קערפּערלאָזסטער פאָרם.

עס קומט פאַר אין זיין שטומער נשמה (דער הונט איז שטום אין פאַרגלייך מיט אונדז, רעלאַטיוו, ווייל אין פאַרגלייך מיטן פיש איז ער שוין גאָרנישט שטום, — ער האָט אַ שפּראַך אויף וועלכער ער רעדט זיך צונויף נישט נאָר מיט די מיטגלידער פון זיין מין, נאָר אַפילו אונדז גיט ער גאַנץ אָפט איינדייטיקע מעגלעכקייטן צו פאַרשטיין זיינע פאַרלאַנגען און שטימונגען), אָבער מיר האָבן גענוג גרונט — שטיצנדיק זיך אויף דעם איינדרוק, וואָס דאָס מאַכט אויף אונדז; שטיצנדיק זיך אויף אונדזער אויפגערודערט געמיט בעת מיר הערן דאָס דאָזיקע וואָיען — אָנצונעמען, אַז מיר געפינען זיך דאָ פאַר אַ מין דיכטערישן אַקט: * די מאַגישע ליכט פון דער פולער לבנה ווירקט אויף דעם הונט אָן שום פּראַק־טישן, פיזישן נוצן פאַר אים, — ער ווערט אַרויסגעריסן פון זיין הינטישער עקזיסטענץ און ער דערנענטערט זיך צו אונדזערן אַ מענטשלעכן צושטאַנד, — ווי מיר באַמערקן דאָס, אגב, גאַנץ אָפט ביי חיות אין זייערע פאַרשידענע פּסיכישע צושטאַנדן פון ליבע, שרעק, מוטער־ליבע, קראַנקהייט און אַזוי ווייטער. עפּעס מאָנט אין אים דאָס דאָזיקע ליכט, עפּעס באַאומרואיקט עס אים מיט איר אומהיימלעכקייט און שיינקייט; עפּעס בענקט זיך אים נישט וויסנדיק נאָך וואָס און עס איז אים אומעטיק אָן שום שייכות מיטן מאָגן און מיטן געשלעכטס־אָרגאַן. און די דאָזיקע מאָנונג זוכט אַן אויסדרוק — און וואָס דען איז דיכטונג, ווי אַ טעטיקייט, אויב נישט פולווערטיקער אויסדרוק אויף איינדרוק? — און דאָס איז דאָס הינטישע וואָיען אין העלע לבנה־נעכט. און ווייל דאָס איז אַן עכטער אויסדרוק — הגם אַ פּרימיטיווער — אויף אַ דיכטערישן איינדרוק, ווירקט עס אויף אונדז, און אונדזער געמיט וויברירט מיט אין אומהיימלעכקייט.

דער מענטש גייט ווייטער אין זיין דיכטערישן אויסדרוק: ער שאַפט דאָס וואָרט, וואָס שלאָגט אַרויס פון אים, ווי אַ בליץ פון אַ שווערן, מיט עלעקטריצי־טעט אָנגעלאָדענעם וואָלקן. געטע דערגרייכט די גרעסטע הויך פון דיכטערישן וואָרט־אויסדרוק אויף דער זעלבער מאַגישער ווירקונג פון דער לבנה אויף לעבעדיקע באַשעפענישן (און האָט זי דען נישט קיין ווירקונג אויך אויף דעם צופלוס און אָפּפלוס פון ים און ווער ווייסט אויף וואָס נאָך?) אין זיין לירישן

* מאַקס איסטמאַן, אין זיין בוך „גענוס פון דיכטונג", טיילט דאָס לעבן אין צוויי הויפּט־פּראָצעסן: איינער שטרעבט צוצופּאַסן זיך און דער צווייטער — צו פאַרווירקלעכן זיך. דער ערשטער פּראָצעס איז פאַר אים אַ פּראַקטישע פונקציע פון לעבן, און דער צווייטער — די דיכטערישע. און די דאָזיקע צוויי לעבנס־פונקציעס געפינט ער שוין אין די באַוועגונגען פון דער פּלאַזמע, ווי אויך אין דער שפּראַך, וואָס פון איין זייט איז זי פּראַקטיש — פאַרשטענדיקן זיך צוליבן צופּאַסן זיך צום לעבן — און פון דער צווייטער — דיכטעריש, כדי צו פאַרווירקלעכן, אויסלעבן דאָס לעבן. אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, זאָגט מאַקס איסטמאַן, וויל נישט נאָר אויסמיידן דעם טויט, נאָר אויך לעבן. און דאָס לעבן צוליב לעבן, נישט כדי נישט צו שטאַרבן, איז דאָס דיכטערישע אין אונדזער וועזן, אין אונדזער לעבן.

מאַקס איסטמאַנס בוך איז פול מיט טיפע אַריינבליקן אינעם וועזן פון דיכטונג.

ליד „צו דער לבנה", וואָס זיינע שורות וואָלטן אפשר באפרידיקט און באַרואיקט דעם וואָיענדיקן הונט אין לבנה־נעכט, ווען ער זאָל קאָנען אויפליזן זיין הינטישן איינדרוק אין דאַזיקן מאגישן, מענטשלעכן וואָרט־אויסדרוק פון דיכטער.

דער סוד, ווי אַזוי דער מענטש האָט געשאַפן די שפּראַך, — די דאַזיקע גענעאַלסטע שאַפונג פון מענטשן, וואָס אָן איר איז נישטאָ קיין קולטור־טראַדיציע, קיין קולטור־ירושה, קיין קלאָרער געדאַנק, קיין מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף אַ מער־ווייניק העכערער מדרגה, ווי אַ מאַלפּעס־כּלל, — וועט מען געווי קיינמאָל נישט וויסן: דער דאַזיקער סוד ליגט טיף פאַרבאָרגן נישט נאָר אין דער פּרעהיסטאָרישער תקופה פון דער מענטשהייט, נאָר ער ליגט אַ סך טיפער — אין דער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון דער לעבעדיקער פּלאַזמע, וואָס האָט זיך געריסן צום אויסדרוק, צו זעלבסטאויסדרוק און זעלבסטדערקענונג צוערשט אין העכערן פאָרם־אויסדרוק און דערנאָך אין העכערן וואָרט־אויסדרוק. בלויז דיכטער, וואָס שטייען אינטואיטיוו צום נאָענטסטן (אין מאָמענטן פון עקסטאטישן שאַפן) צום אורקוואַל פון וואָרט, קאָנען אַמאָל דערשפּירן די געשיכטע פון זיין געבורט. (און אויך געלערנטע מיט דיכטערישע פעיקייטן מוזן אָנקומען צו דיכטערישע היפּאָטעזעס, ווען זיי ווילן אַריינדרינגען אין דעם סוד פון שפּראַך־געבורט). אַזוי האָט דער בעלגישער דיכטער עמיל ווערהאַרן געגעבן אַ דיכטעריש בילד פון דער וואָרט־אַנטשטייאונג, אין זיין געדיכט „דאָס וואָרט", ווען דאָס ערשטע וואָרט ווערט די ערשטע מענטשלעכע פּאָעמע, ווען די דיכטערישע פּאָטענצן פונעם מענטשן ווערן צום ערשטן מאָל געפורעמט אין קריסטאַל־ריינעם, דורכזיכטיק־פלאַמיקן וואָרט, דעם געמיט־באַפרייענדיקן און גייסטיק־פאַרבינדנדיקן וואָרט.

אַ סך גראַמאַטיקער האַלטן, אַז דעם אָנהויב פון דער שפּראַך דאַרף מען זוכן אין דעם אומאַרטיקולירטסטן טייל פון דער שפּראַך, אין די „אינטער־זשעקציעס", וואָס באַשטייען פון אויסדרוקן פון שרעק און אַנטציקונג, ד. ה. זיי זענען דער אוממיטלבאַרער רעזולטאַט פון אַ פּסיכישער שפּאַנונג, וואָס געפינט אין זיי אַן אַנטשפּאַנונג, אַן אויסדרוק. און היות אַ געוויסע שפּאַנונג האָט זיי געפורעמט, פאַרמאָגן זיי אין זיך, מיט דער הילף פון דער באַגלייטנדיקער אינטאָנאַציע, די פעיקייט תמיד צו אַנטשפּאַנען א באַשטימטע שפּאַנונג ביי אַ באַשטימטער גרופּע מענטשן, וועלכע נעמען אָן אויף שטענדיק דעם דאַזיקן אויסדרוק.

אַז דאָס איז אַזוי קאָן מען נאָך היינט אויך זען ביי קינדער. צי דען שאַפט נישט דאָס קינד אַ שפּראַך פאַר זיך אַליין, יעדעס קינד — אַן אייגענע שפּראַך? פון וואַנעט נעמט זיך דאָס? יעדעס קינד אַנטדעקט די וועלט פונסניי פאַר זיך גופא. מיט יעדן קינד הויבט זיך אָן פונסניי די געשיכטע פון „בראשית", ווען אדם הראשון גיט אַ נאָמען זיין אַרומיקע וועלט. די שפּאַנונג, וואָס די אַרומיקע

איינדרוקן רופן אַרויס ביים קינד, אַנטשפּאַנען זיך אין „ווערטער", געפורעמט דורך די געפילן, וואָס עס לעבט איבער, און באַפרידיקן די אויסדרוק־באַדער־פעניש פונעם קינד. אָפּטמאָל בירגערט זיך איין אַ געוויסע צאָל אַזעלכע „ווערטער" און זיי פאַרבלייבן ביים קינד אַ גאַנצע ריי יאָרן, געשטיצט אָפּטמאָל דורכן פּיעטעט פון די אַרומיקע פאַר דער אינדיווידועלער שאַפונג פון קינד. און די דאָזיקע „שפּראַך" פאַרמאָגט וויכטיקע סימנים פון די שפּראַכן פון די דערוואַקסענע: איין וואָרט באַצייכנט אַ גאַנצע ריי זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט איין טעטיקייט, וואָס זענען פאַרקרובהשט נישט נאָר דורכן אויסזען, נאָר דורך דער האַנדלונג. למשל: אַ שטעקן, אַ טעקע, אַ הוט, דאָס אַוועקגיין — אַלץ איז באַצייכנט געוואָרן דורך מיין איין־יאָריקן זון מיט איין נאָמען, וואָס האָט זיך איינמאָל ספּאָנטאַן אַרויסגעריסן ביי אים אין אַ שעפערישן מאָמענט און ער איז געבליבן טריי דעם דאָזיקן וואָרט אַ שטיק צייט.

די דאָזיקע קינדערישע שפּראַך שטאַרבט אָפּ אין שאָטן פון דער אָנגענו־מענער שפּראַך פון די דערוואַקסענע, וואָס רינגלט זי אַרום, ווי אַ יונגע שפּראָצונג שטאַרבט אָפּ אין שאָטן פון געדיכטע וועלדער, וואָס לאָזן צו איר קיין זון נישט צו. אָבער אַמאָל, אין די אורצייטן, איז זי גופא געוואַקסן אויף דעם זעלבן שטייגער. איצט, נאַטירלעך, קומט פאַר דער וווקס פון דער שפּראַך אין געוויסע אַנגעצייכנטע — דורך דער ירושה — גרענעצן, זי דערלאָזט נישט לייכט קיין נייע וואָרט־סובסטאַנץ, — (און זי טאָר נישט דערלאָזן, אויב זי וויל נישט פאַרלירן דעם אוצר געדאַנקען און געפילן, וואָס זענען אקומולירט אין דער שפּראַך), אָבער זי קוועלט נאָך אויך איצט מיט נייע מעטאַפאָרישע וואָרט־קאָמבינאַציעס, כדי צו אויסצודריקן, כדי צו אַנטשפּאַנען די נייע שפּאַנונגען, וואָס די וועלט און די איבערלעבונגען אין איר רופן אַרויס אין מענטשן.*

וואָס באַדייט דאָס? דאָס באַדייט, אַז נישט געקוקט אויף די סטאַביליזירטע שפּראַך־גרענעצן, אַנטוויקלט זי זיך פאָרט, אין תוך, לויט די זעלבע כללים, ווי אין דער אורצייט — מעטאַפאָריש (נאָר אויף אַ העכערער מדרגה פון מעטאַ־פאָרישקייט). ווייל שפּראַך איז מעטאַפאָר, בילדערישקייט. דאָרט, ווו מיר זעען נישט די מעטאַפאָרישקייט פון דער שפּראַך, איז זי אָפּגעריבן פון אַלטקייט, איז

* נאַטירלעך, שפּראַך איז אויך — חוץ פאַרלאַנג אויסצודריקן די געפילן — ווילן און באַדערפעניש צו פאַרשטענדיקן זיך פּראַקטיש מיט מיטמענטשן. און אויך די דאָזיקע פּראַקטישע נויטווענדיקייט האָט אַרויסגערופן די ערשטע „ווערטער", וואָס זענען געווען דער אור־וואָרצל פון אונדזער שפּראַך. אָבער דאָ גייט מיר אין דיכטערישן און נישט אין פּראַקטישן, און די פראַגע וועגן דעם וואָס איז פאָדערהאַנט אין דער שפּראַך — דאָס דיכטערישע אָדער דאָס פּראַקטישע — איז אַן „אייביקע פראַגע", וואָס יעדער איינער קאָן פאַרענטפערן לויט זיין געפיל מיט דער פולער זיכערקייט, אַז קיינער וועט אים נישט קאָנען אויפווייזן זיין טעות. מען קאָן דאָ אָנקומען בלויז צו היפּאָטעזעס, וואָס קאָנען בלויז לייכטער מאַכן דאָס דערשפּירן די ריכטונג פון אמת, דעם קאָנטור פון אמת.

זי אויסגעלאָשן פון דער צייט, ווי עס באַווייזט אַן אַנאַליז פון אַן אַ שיעור ווערטער, וועלכע רעדן שוין היינט נישט צו אונדזער פאַנטאַזיע, וועלכע ווייזן היינט נישט ארויס קיין שום דיכטערישע אייגנשאַפטן. די דאָזיקע ווערטער זענען געוואָרן בלויז פּראַקטישער מאַטעריאַל, ווי אָפּגעקילטע לאַווע, וואָס רופט שוין נישט אַרויס נישט קיין מיסטישע אַנטציקונג פון דער ווייטן און נישט קיין מיסטישע שרעק פון דער נאָענט, נאָר די פּויערים באַנוצן זי אויף צו באַפרוכפּערן זייערע פעלדער.

אָבער ביי זיין געבורט איז יעדעס וואָרט מעטאַפאָריש, בילדעריש, — דיכטונג. איך מיין דאָ, נאַטירלעך, יענע מעטאַפאָרישקייט, וואָס נישט דער שלעכטער דיכטער זוכט זי און צווינגט זי אַרויף אויף דער שפּראַך, נאָר זי קוועלט אַרויס פון דער שפּראַך צוזאַמען מיט איר גופא ווייל זיי זענען איינס.*

און עס איז דאָ כדאַי צו ברענגען די גרויסאַרטיקע דעפיניציע פון דער דיכטונג, וואָס מאַקס איסטמאַן גיט אין זיין בוך „געניוס פון דיכטונג".

„ווען מען לערנט זיך אויס אויפצונעמען דאָס פּאָעטישע אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך, זעט מען אַז עס איז נישט באַגרענעצט נישט צו באַשטימטע אָביעקטן און נישט צו אַ באַשטימטן אופן פון צאַרטן באַהאַנדלען זיי. דאָס באַשטייט פּשוט אין געבן דעם קעגנשטאַנד, דער געשעעניש אָדער דעם געפיל דעם נאָמען, וואָס כישופט אַרויס פאַר אייך זייער נאַטור". וואָס דען אַנדערש איז די אויפגאַבע און די פונקציע פונעם וואָרט?

אָבער די דאָזיקע איזאָלירטע דיכטונג־צעלעס זענען ערשט דער אַנהויב־יועג פון דער מענטשלעכער דיכטונג צו אירע זעלבסט־באַוווסטזיניקע הויכן, צו אירע אוצרות, וועלכע ווערן דורך אונדזער דערציאונג אַזוי לייכטזיניק און פאַרברעכעריש פאַרנאַכלעסיקט. פון דער דאָזיקער דיכטונג־צעלע ביז דבורה הנביאהס ליד און ניטשעס „זאַראַטוסטראַ", ביז סאָפאָקלס „אַנטיגאָנאַ" און דעם

* יאַקאָב וואַסערמאַן זאָגט אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער שפּראַך, אַז אין די דיאַלעקטן איז „די שפּראַך איינפאַכער, נישט אַזוי אויסגעפוצט און גלייכצייטיק פון גרעסערער בילדלעכקייט; נישטאָ קיין שום דיכטונג, וואָס איז ווערט איר נאָמען, וואָס זאָל זיך נישט באַזירן אויף דעם באָדן פון אַ דיאַלעקט; און ווען אירע שפּיצן באַרירן דעם הימל, ציט זי אירע זאַפטן פון אירע וואָרצלען, ווייל אויב נישט איז זי נאָר אַ קונסט־פּראָדוקט און פאַרגענגלעך".

און מאַקס איסטמאַן, איינער פון די גרויסע קענער פון דיכטונג, זאָגט אין זיין בוך „וואָס דיכטונג איז":

„פּאָעזיע... איז נישט נאָר אַ טריק וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אים צו מאַכן מיט אַ פּראַקטישן אינסטרומענט (געמיינט די שפּראַך — י. ר.), זי האָט געשפּילט איר ראָל ביים שאַפן דעם אינסטרומענט".

און ער זאָגט אויך: „עס איז, לויט מיין מיינונג, סענטימענטאַל און נאַריש צו זאָגן... אַז „שפּראַך איז דיכטונג". דער וווקס פון שפּראַך מוז זיין, פונקט ווי דאָס באַנוצן זי: טיילווייז פּאָעטיש און טיילווייז פּראַקטיש".

ערשטן טייל „פֿאַוסט" איז נאָך אַ לאַנגער אַנטוויקלונגס־וועג. די פּרימיטיווע פֿאָלקס־לידער פֿון די ווילדע זענען אַ מין מיטלוועג צווישן דער וואָרט־דיכטונג און דער נישט־אַרטיקולירטער געזאַנג־דיכטונג, ווען דאָס געפֿיל קומט צום אויסדרוק נישט אין קריסטאַליזירטן וואָרט, נאָר אין אינסטינקטיוון ניגון. זיי נעמען עטלעכע פּשוטע ווערטער, וואָס דריקן אויס דעם בלויזן פֿאַקט, וואָס רירט אָן זייער געמיט (למשל, דאָס אָפּפֿאָרן פֿון אַ נאָענטן מענטשן), און זיי חזרן זיי איבער אָן אַ שיעור מאָל מיט אַ ניגון, וואָס דריקט אויס די אינערלעכע נשמה פֿון פֿאַקט, דאָס, וואָס ער באַדייט פֿאַר זיי. און דעריבער איז אַ גרויסער טייל פֿון אַלע פֿאָלקס־לידער — אַפֿילו פֿון מער אַנטוויקלטע פֿעלקער, — אומצערייסבאַר פֿאַרבונדן מיטן ניגון, וועלכער גיט זיי צו דעם געפֿיל־אינהאַלט, דעם דיכטערישן אויסדרוק, וואָס די פּרימיטיווע לידער פֿאַרמאָגן נאָך נישט זעלבשטענדיק אינעם וואָרט־ריטם און אין דער וואָרט־עקספּרעסיע. ערשט שפּעטער, ווען דאָס דיכטערישע ליד ווערט אָנגעלאָדן מיט עקספּרעסיוון ריטם, מיט דינאַמישן אויסדרוק, ערשט דאַן ווערט דאָס דיכטערישע ליד זעלבשטענדיק פֿון ניגון. דאָס דערגרייכט נישט נאָר דאָס אַזוי גערופֿענע קונסט־ליד, נאָר אויך דאָס מער־אַנטוויקלטע פֿאָלקס־ליד, וואָס פֿאַרמאָגט אָפּטמאָל אַ וווּנדערבאַרע עקספּרעסיווע קראַפֿט סיי דורך דעם געהעריקן וואָרט־אָפּקלייב און סיי אַדאַנק דעם ריטם. אין אַ ווערק פֿון אַן ענגלישן פּאָעזיע־פֿאָרשער* „אַנהויב פֿון דיכטונג", האָב איך אַמאָל געפֿונען פֿיר וווּנדערבאַרע שורות פֿון אַ פֿאָלקס־ליד. אין די ערשטע צוויי, וועלכע איך געדענק נישט גענוי, זאָגט אַן אומגליקלעך־פֿאַרליבט מיידל, אַז זי קאָן נישט גיין תּפֿילה טאָן מיט איר פֿול האַרץ. און זי פֿאַרענדיקט:

„Let the others go to the churches,
I will go to the murmuring sea".

ווי פֿיין און קנאַפּוואָרטיק דאָ ווערט איבערגעגעבן אַ קאָמפּליצירטער פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד. דאָס מיידל וויל אַנטלויפֿן פֿון מענטשן, אויסבאַהאַלטן איר צער פֿון פֿרעמדע אויגן, און זי פֿילט, אַז איר קירכע קאָן איצט זיין בלויז די נאַטור, דער ווילד־רוישנדער ים, וועלכער האַרמאָנירט מיט איר געמיט־צושטאַנד. ווענן דעם אַלעם אָבער רעדט זי נישט, דאָס גיט אייך אַ שאָס צום האַרצן און מוח פֿאַראַמאָל, ווי אַ ראַקעטע, דורך דעם סוגעסטיוו־ווירקנדיקן קאָנטראַסט פֿון „זאָלן אַנדערע גיין אין די קירכעס, איך וועל גיין צום רוישנדיקן ים". די גאַנצע רייכקייט פֿון געדאַנק און געפֿיל, וואָס די דאָזיקע פֿיר שורות פֿאַרמאָגן, ווערט נישט אויסגעדריקט באַגריפֿלעך, אָפֿן, נאָר דיכטעריש־סוגעסטיוו, דורך אַ בילד. און דאָס קאָן נאָר גרויסע דיכטונג, וואָס איז אַ „מועט המחזיק את

---

* דעם נאָמען פֿונעם שרייבער געדענק איך נישט.

המרובה". צי דען קאָנען די דאָזיקע שורות נישט אָנגיין פאַר שורות פון גרעסטן דיכטער? זענען זיי דאָך ענלעך מיט זייער סוגעסטיווער קראַפט, מיט זייער עקספּרעסיוון ריטם און זייער דיכטערישער טיפקייט צו די פיינע סטראָפעס פון היינריך היינעס באַרימטן ליד „דאָס עולה־רגל זיין קיין קעווולאַר".

אינעם וווּנדערשיינעם פינישן עפּאָס „קאַלעוואַלאַ" זאָגט די עצה־געבערין צו דער כלה, וואָס גייט חתונה האָבן:

„לאָז איבער דיינע טאָג־טרוימען פאַר דיין שוועסטער".

ווי פיין! סאַראַ סך עס ווערט געזאָגט מיט דער דאָזיקער בילדלעכער שורה!

די גאַנצע ענדערונג פונעם מיידלס לעבן נאָך דער חתונה איז דאָ אַריינגעפאַנגען אין אַ דורכאויס פּאָעטישער שורה: לאָז איבער דיינע טאָג־טרוימען פאַר דיין שוועסטער, דעם מיידל, — דיינע טרוימען האָבן זיך שוין געענדיקט, די האַרטעווירקלעכקייט האָט זיי אונטערגעשניטן די פליגלען, זיי האָבן זיך געלאָזט פאַנגען אין נעץ פון אַ ווירקלעכקייט־פאַסטקע.

שווער צו געפינען אַ מער שלימותדיקן מוסטער פאַר דעם אופן ווי אַזוי אַ געדאַנק ווערט אויסגעדריקט פּאָעטיש אומדירעקט־דירעקט; מיט איין בילד, וואָס שליסט אויף די פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואָס עפנט דאָס האַרץ און דרינגט אַריין אין אים, באַלייכט דער דיכטער אַ ווענדפּונקט אינעם גורל פון מענטשן און פאַרשפּאַרט אים דאָס אויסטייטשן פּרטיותדיק.

אגב, אַ סך גרויסע דיכטער האָבן גאַנץ גוט געוווּסט ווי צו שעצן די בעסערע פאָלקס־דיכטונג, און זיי האָבן געשעפּט פון דאָזיקן אוצר די פשטותדיקע ראַפינירטקייט פון זייער אויסדרוק־אופן און ריטם. געטע, למשל, האָט זיך געטובלט אינעם קוואַל פונעם פאָלקס־ליד, וואָס איז שטאַרק פּאָפּולאַריזירט געוואָרן דורך דעם גרויסן הערדער, וועלכער האָט אַזוי גוט באַגריפן די שפּראַך פון דער דיכטונג און די דיכטונג פון דער שפּראַך און האָט אין גלענצנדיקע, באמת געניאַלע איבערזעצונגען געגעבן אַ תיקון דעם פאָלקס־ליד פון די פעלקער אין זיין באַרימטן בוך „די שטימען פון די פעלקער אין לידער". געטע, הערדערס אַ באַגייסטערטער אָנהענגער און שילער, האָט אַריינגעבראַכט פאָלקס־מאָטיוון אין די פּאָעטישסטע שטעלן פון ערשטן טייל „פאָוסט". אויך היינריך היינע, דער דאָזיקער לירישער מאַגיקער, האָט זייער אַ סך געלערנט פונעם פאָלקס־ליד. און נישט זיי זענען די איינציקע. ביי אונדז האָט מאַנגער געגעבן אַ תיקון דער נשמה פונעם פאָלקס־ליד אין זיין גרויסאַרטיקער דיכטונג.

און בכלל זענען די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פאָלקס־ליד און קונסט־ליד אַ סך אינטימער, ווי מען שטעלט זיך פאָר, ווייל סוף־כל־סוף פירט אַ גלייכע אַנטוויקלונגס־ליניע פון פּרימיטיווסטן וואָרט, ווי אַ דיכטערישע אור־צעלע, ביז דער העכסטער דיכטערישער שעפערישקייט.

די שפּראַך גופא, איז אויבן געזאָגט געוואָרן, איז די טאָכטער פון דיכטונג, און במילא איז נישט קיין וואונדער, וואָס דאָס וואָרט איז נישט קיין בלויזער מאַטעריאַל פאַר דיכטונג, נאָר עס איז אַ לעבעדיקע דיכטערישע פּלאַזמע, וואָס טראָגט די דיכטונג אין איר אייגענער סובסטאַנץ. און די שפּראַך גופא, אין איר אַנטוויקלונג, האָט געגומען אַנזאַמלען דיכטערישן שטאָף אין הסכם מיט איר פּאָטענציעלער קראַפט. עס האָבן זיך גענומען אָפּזעצן אין איר, ווי קריסטאַלן אין אַן אַנגעזעטיקטער לייזונג, פאָלקס-ווערטלעך, וואָס פיקסירן אין דיכטערישן אויסדרוק די דערפאַרונג און געפילן פון דורות. פון די דאָזיקע פאָלקס-ווערטלעך האָט זיך אַנטוויקלט דער משל, אין וועלכן די דערפאַרונגען און געפילן פון מענטשלעכע דורות האָבן געפונען אַ ברייטערע, אַ מער קינסטלערישע ראַם. און זייט ביי זייט איז געוואַקסן דאָס פאָלקס-ליד, דער פאָלקס-עפּאָס, דאָס פאָלקס-מעשהלע. ערשט שפּעטער קומען אויף אינדיווידועלע דיכטער, וואָס זייערע נעמען זענען פאַרבונדן מיט זייערע ווערק. אָבער דאָס איז אויך בלויז אַ כמותדיקער אונטערשייד און נישט קיין איכותדיקער, וואָרום אויך דאָס ערשטע וואָרט, דאָס שפּריכוואָרט, דער משל, דאָס פאָלקס-ליד זענען געבוירן געוואָרן דורך אַ יחיד. אָבער היות די געזעלשאַפט איז נאָך נישט געווען דיפערענצירט, ווי היינט, און די געמיינזאַמקייט פון געפילן און דערפאַרונגען איז געווען נישט אַן ערך גרעסער ווי היינט, איז דער איינער געווען אַן אומבאַוווסט-זיניקער שליח-ציבור, וואָס זיין שטים איז פון יעדן אויפגעכאַפּט געוואָרן ווי זיין אייגענע, פּונקט ווי דער שליח-ציבור גופא האָט גאָרנישט אונטערשיידט זיין שטים פון כלל, און דאָס וואָרט, דאָס שפּריכוואָרט, דאָס ליד זענען געוואָרן דאָס פאָלקס-אייגנטום, און דער קאָלעקטיוו האָט עס פאַרפולקאָמט, יעדנפאַלס אָפּט געענדערט, אין הסכם מיט געוויסע סיטואַציעס און געוויסע שטימונגען, ווו דאָס געפיל האָט געפאָדערט אַן ענדערונג אין קעגנזאַץ צום זכרון (און אפשר שפּילט דאָ אָפּט אַ גרויסע ראָל אויך דער דעפעקט פון זכרון, ווי אייניקע פאָרשער ווייזן אויף איבערצייגנדיקע באַווייזן).

און אויך די אינדיווידועלע קונסט-דיכטונג מאַכט דורך דעם זעלבן וועג נאָך היינט, אויב דעם דיכטער געלינגט אַרויסצוברענגען אין אונדזער פּאַראינדיווידואַליזירטער צייט קאָלעקטיווע שטימונגען, אויב ער געפינט אַ וועג צום פאָלקס-קאָלעקטיוו. עס זענען באַקאַנט לידער פון אינדיווידועלע דיכטער, וואָס דאָס פאָלק זינגט זיי ווי אייגענע אַנאָנימע שאַפונגען און אויך זיי מאַכן דורך די גלגולים פון אומציילינקע וואַריאַנטן, ווי די עכטע פאָלקס-לידער. אַזאַ ליד איז היינריך היינעס „לאָרעליי". די פאָלקס-לידער פון אונדזער וואַרשאַווסקי ווערן געזונגען ווי עכטע פאָלקס-לידער. ווער, למשל, ווייסט, אַז „אויפן פּריפּעטשעק ברענט אַ פייערל" האָט אַ כשרן טאַטן? אויך נאָמבערג, אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט, האָט אַ ליד, וואָס אַלע האַלטן עס פאַר אַ פאָלקס-ליד.

*

פאַראַן דיכטונג, וואָס קאָן צו די פאָלקס־טיפענישן נישט דערגרייכן, צוליבן גרויסן ריס וואָס די סאָציאַלע (אָדער אַנטיסאָציאַלע) אַנטוויקלונג האָט אַריינגעבראַכט צווישן מענטשן. אָבער אויך די דאָזיקע העכסטע מוסטערן (וועלכע טאָלסטאָי אַנערקענט בכלל נישט, ווייל זיי זענען פרעמד די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן) שטאַמען פון אַלגעמיינעם אור־וואָרצל — דער ביאָלאָגישער נויטווענדיקייט פון מענטשן צו שאַפן און געניסן דיכטונג (צוויי זאַכן, וואָס זענען איינס, ווייל שאפנדיק געניסט דער דיכטער — און דערפאַר טאַקע שאַפט ער, — און געניסנדיק שאפט דער לייענער איבער דיכטונג, ער לעבט זי שעפעריש איבער, און דערפאַר טאַקע לייענט ער). ווען נישט דער דאָזיקער טיפער וואָרצל, וואָלט אויך נישט געווען די דאָזיקע מעכטיק־באַבלעטערטע קרוין.

צום גליק פון דיכטער איז ער נישט קיין גליקלעכער אויסנאַם און נישט קיין אומגליקלעכער קראַנקער, נישט קיין געטלעכער אויסנאַם און נישט קיין אומנאָרמאַלער קריפּל. ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען, ווי די צוויי עקסטרעמע שיטות ווילן האָבן, וואָלט דער דיכטער געווען זיין נאָך איינזאַמער, ווי ער פילט זיך אַפילו אין היינטיקער אַנטי־דיכטערישער צייט, ער וואָלט נישט געקאָנט האָבן קיין שום האָפענונג ווען עס איז צו געפינען אַ וועג צום מענטשן, אַפילו צום צוקונפטיקן, ווייל דער מענטש וואָלט דאָך גאָרנישט געווען וויסן מיט וואָס מען עסט דאָס, ער וואָלט נישט געווען געהאַט קיין אָרגאַן דאָס אויפצונעמען. צום גליק, ווי געזאָגט, איז דער דיכטער נישט קיין זון פון די געטער, נאָר אַ נאָרמאַלער, הגם, וואָס שייך דעם דיכטערישן חוש, אַ מער געראָטענער זון פון מענטשן. אין אים פאַכעט זיך פאַנאַנדער דער אַלגעמיינער פונק פון דיכטונג אין אַ פלאַם, ביים שיין פון וועלכן נישט נאָר מיר וואַרעמען זיך אָן, נאָר מיר געפינען און דערקענען אַדאַנק אים אונדזער אייגענעם פונק.

יאָ, ווען נישט דאָס דיכטערישע אין אונדזער וועזן וואָלטן מיר נישט געווען געקאָנט שפּירן, אויפנעמען און איבערלעבן דיכטונג.

געטע האָט געזאָגט אין אַ באַרימטן פירצייליער: „ווען דאָס אויג וואָלט נישט געווען זוניק, וואָלט עס קיינמאָל נישט געקאָנט זען די זון; ווען מיר וואָלטן נישט פאַרמאָגט אין אונדזער וועזן גאָטס קראַפט, ווי וואָלטן מיר זיך געקאָנט אַנטציקן מיט געטלעכס ?“.

4. די סאָציאַלע פונקציע פון דיכטונג

די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער איז דאָס געביט פון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפן שלאַכט־פעלד צווישן די אַזוי־

גערופענע אָנהענגער פון „סאָציאַלער ליטעראַטור" און די אַזוי־גערופענע אָנהענגער פון דער „אַנטי־סאָציאַלער ליטעראַטור" אָדער מילדער, נייטראַלער זיך אויסגעדריקט: „אַסאָציאַלער ליטעראַטור".

„סאָציאַלער ראָמאַן", „סאָציאַלע נאָוועלע", „סאָציאַל ליד" זענען געוואָרן די גאַנגבאַרסטע טערמינען אין דער ליטעראַטור־קריטיק.

דער דאָזיקער קאַמף איז נישט קיין נייער, ווי דאָס קאָן זיך דאַכטן דעם לייענער, וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור־געשיכטע. גענייטע ביכער־ווערעם וועלן קאָנען געפינען שפּורן פון דאָזיקן קאַמף אַפילו אין אַלטערטום *, שוין אָפּגערעדט וועגן אונדזער נייערער צייט. דער דאָזיקער קאַמף איז טאַקע היינט שטורמישער ווי געוויינלעך, אָבער ער איז פאָרט נישט קיין נייער, נאָר אַ באַנייטער אין גרעסערן פאַרנעם צוליב דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון די לעצטע יאָרצענדליקער.

זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווערט דער דאָזיקער קאַמף אָפּן געפירט מיט מער אָדער ווייניקער טומל, לויט דעם אַפּפלוס אָדער צופלוס פון די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס. די סען־סימאָניסטישע שולע האָט פּראָקלאַמירט, אַז די איינציקע באַרעכטיקונג פון ליטעראַטור איז איר סאָציאַלע פונקציע, איר סאָציאַלער דינסט. די דאָזיקע טעאָריע איז שפּעטער סיסטעמאַטיזירט געוואָרן מיט פאַנאַטישער איינזייטיקייט דורך דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק. און קעגן דער דאָזיקער ריכטונג שטייט די באַרימט־געוואָרענע שיטה פון „קונסט־לשם־קונסט", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַשיצן די ליטעראַטור קעגן דער פאַרניכטנדיקער ווירקונג פון דער סען־סימאָניסטישער שיטה, ווייל דיכטונג איז אויטאַרקיש (אויב מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט אַ מאָדערן וואָרט), איר ציל איז אין איר עקזיסטענץ גופא און קיין שום זייטיקע סאָציאַלע אויפגאַבעס האָט זי נישט.

יעדעס מאָל, ווען די געזעלשאַפט ווערט אויפגעשטורעמט, גייט אַרויס פון די ברעגעס, צעפלאַקערט זיך בולט דער אייביק־לאַטענטער קאַמף צווישן די דאָזיקע צוויי בליקן אויף ליטעראַטור, — איינער אַן אוטיליטאַריסטישער און דער צווייטער אַן עפּיקורעישער. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. די ליטעראַטור איז אַ גרויסער כוח און דער געזעלשאַפטלעכער צד, וועלכער גייט איבער אין

* האָט דאָך אַפילו פּלאַטאָן געפאָדערט מען זאָל אַרויסטרייבן פון זיין אידעאַלער רעפּובליק אַלע דיכטער, חוץ די, וועלכע באַזינגען די געטער און גרויסע מענטשן. „הימנען צו די געטער — האָט ער געזאָגט — און לויב־געזאַנגען פאַר באַרימטע מענטשן זענען די איינציקע דיכטונג, וואָס דאַרף דערלויבט ווערן אין אונדזער מלוכה". אויף אַ צווייטער שטעלע וועל איך זיך אומקערן צום פאַלשן מאָטיוו פון פּלאַטאָנס פאָדערונג, אָבער דאָ גייט מיר אין אָנווייזן, אַז ער האָט שוין דאַן געפאָדערט דאָס, וואָס מען פירט היינט דורך אין די אידעאַל־טאָטאַלע מלוכות.

אַנגריף, ווײַל דעם דאָזיקן כּוח אײַנשפּאַנען אין זײַן רײַטוואָגן, אַרויסגײענדיק — אומבאַוווּסטזיניק אפשר — פון כּלל, אַז „ווער עס איז נישט מיט מיר, איז קעגן מיר״, בעת דער געשטורעמטער צד פאָדערט די נייטראַלקייט פון דאָזיקן כּוח, אַרויסגייענדיק — אומבאַוווּסטזיניק אפשר — פונעם כּלל, אַז „ווער עס איז נישט קעגן מיר, איז פאַר מיר״. און אַזוי איז דאָך דאָס טאַקע: די געשטורעמטע אָרדענונג איז דאָך אַלט, אײַנגעוואָרצלט אין די לעבנס־פאָרמען און אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, און במילא שפּיגלט זי זיך אָפּ, קומט זי צום אויסדרוק אין דער נייטראַלקייט פון דער ליטעראַטור. פאַר איר איז גענוג נייטראַלקייט, דער סטאַטוס קוואָ, — אָנגרײַפן מוז דאָך דער צווייטער.

וועלכע פון די דאָזיקע צוויי ריכטונגען איז גערעכט און וועלכע אומגערעכט?

דער אמת איז, אַז ביידע זענען גערעכט און ביידע אומגערעכט. די דיכטונג פירט זיכער אויס אַ סאָציאַלע פונקציע, אָבער נישט אין דער באַגרע־נעצטער פאָרם ווי דאָס שטעלן זיך פאָר די אָנהענגער פון דער „סאָציאַלער ליטעראַטור״; און די ליטעראַטור האָט אויך אַ זעלבסטצוועק, אַ זעלבסט־ווערט, אָבער אויך אין דאָזיקן פאַל ווירקט זי סאָציאַל, אין קעגנזאַץ צו דער קורצזיכטיקער מיינונג פון די „קונסט־לשם־קונסט״־אָנהענגער.

עס איז נישטאָ עפּעס אַ באַזונדערע, ספּעציפישע סאָציאַלע ליטעראַטור, ווײַל סיי די ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט זיך מיט בולטע סאָציאַלע ענינים, סיי די ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אינטים־יחידישע ענינים, פירן ביידע אויס אַ סאָציאַלע פונקציע. דער אונטערשייד איז בלויז אין דער פאָרם, אָבער נישט אין תּוך; דער וועג פון ביידנס סאָציאַלער פונקציע איז אַן אַנדערער, אָבער דער עיקר־ציל — דער זעלבער.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף דעם פּראָבלעם פון יחיד און געזעלשאַפט. אויסערלעך זענען די דאָזיקע צוויי גאָר באַזונדערע וועלטן: די געזעלשאַפט ווײַל אָפּטמאָל אײַנשלינגען דעם יחיד און דער יחיד ווײַל נישט פאַרשלונגען ווערן (אַחוץ אין מאָמענטן פון עקסטאַז, פון קאָלעקטיווען ענטוזיאַזם, ווי, למשל, בעת אַ מלחמה אָדער אַ רעוואָלוציע). אָבער צי דען עקזיסטירט אַ געזעלשאַפט אָן דעם יחיד? עס איז צו ריזיקאַליש אײַנצוהאַלטן מעכאַניש דעם פאַרגלײַך פון דער ספּענסערישער סאָציאָלאָגיע, אַז די געזעלשאַפט בויט זיך אויף פון יחידים, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם פון קעמערלעך. שוין דאָס אַליין, וואָס דאָס קעמערל פון דער געזעלשאַפט, דער יחיד, האָט זיכער אַ זעלבסטבאַוווּסטזיין פון זײַן יחידישקייט, וועלכע ער ווײַל פאַר יעדן פּרײַז — אַחוץ אין אויסנעמלעכע עקסטאַז־מאָמענטן — אויפהאַלטן, בעת דאָס קעמערל פון אָרגאַניזם האָט כּמעט ווי זיכער נישט אַזאַ זעלבסטבאַוווּסטזיין, מאַכט דעם פאַרגלײַך זייער ריזיקאַליש, צו מעכאַניש. אָבער דער אמת בלײַבט אַן אמת, אַז היות ווי אָן די יחידים איז

נישטאָ קיין געזעלשאַפט, איז אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן יחיד, פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַר דער געזעלשאפט.

דאַכט זיך, וואָס איז מער פערזענלעך־אינטים ווי האָבן אַ קינד? און דאָך איז דאָס דאָזיקע אינטים־פערזענלעכע ענג פאַרבונדן מיטן געזעלשאפטלעכן: מיטן דאָזיקן אינטים־אינדיווידועלן אַקט איז פאַרבונדן די גאַנצע צוקונפט פון דער געזעלשאַפט. און במילא איז אויך די ליבע־פּראָבלעם אַ געזעלשאַפטלעכע נישט ווייניקער, ווי א פערזענלעכע.

אָבער אויך אין אַנדערע פאַלן, שוין נישט אַזעלכע בולטע, איז דאָס זעלבע.

נישטאָ קיין איין מענטשלעך געפיל, קיין איין מענטשלעכער טרוים, וואָס זאָל נישט האָבן קיין דירעקטע באַדייטונג — סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן, — פאַר דער געזעלשאַפט. די געפילן פון מענטשן, זיינע טרוימען באַשטימען די טעטיקייט פונעם מענטשן אָדער זיי ווירקן אויף אים ער זאָל זיין אומטעטיק. די געזעלשאַפט איז בלויז פאַראינטערעסירט אין דער טעטיקייט פונעם מענטשן און אַז די דאָזיקע טעטיקייט זאָל זיין פאַר איר נישט דעסטרוקטיוו, נאָר קאָנסטרוקטיוו. פון די אינטימע ענינים פון יחיד ציען זיך קאַנאַלן צו די בולטסטע סאָציאַלע טעטיקייטן זיינע.

די געזעלשאַפט איז פאַראינטערעסירט, למשל, אַז אירע יחידים זאָלן זיין פסיכיש־גלייכגעוויכטיק, נישט געררייצט, אַז זיי זאָלן אָפּרעאַגירן, אין אַריסטאָטעליש־פּרווידיאַנישן זין פון דאָזיקן וואָרט, זייערע אומאויסגעלעבטע אינסטינקטן אויף אַן אומשעדלעכן אופן פאר דער געזעלשאפט.* נישט אומזיסט פלעגט די רוימישע מאַכט זאָרגן פאַר ברויט און פאָרשטעלונגען — דאָס ברויט האָט געדאַרפט האַלטן אין גלייכגעוויכט דעם מאָגן פון די מאַסן און די פאָרשטעלונגען — די אינסטינקטן פון די מאַסן, — דעם מאָגן און די אינסטינקטן, די דאָזיקע צוויי רעוואָלטירנדיקע כוחות, וועלכע פארלירן דאָס גלייכגעוויכט, ווען אומבאפרידיקטקייט צערייצט זיי.

---

* פלאַטאָן איז געווען קעגן דער דיכטונג דערפאַר, ווייל זי פלאַקערט צו שטאַרק פאַנאַנדער די מענטשלעכע ליידנשאַפטן, וועלכע קאָנען נישט קאָנטראָלירט ווערן. די קונסט וועקט זיי אין אונדז און גיט זיי נאָך צו אַ צוציענדיקע פאָרם. און אַ מענטש, וואָס איז באַהערשט פון שטאַרקע ליידנשאַפטן, איז נישט אַזוי נוצלעך פאַר דער געזעל־שאַפט, ווי אַ גלייכגעוויכטיקער מענטש; נאָכמער — ער איז אָפט שעדלעך פאַר איר, געפערלעך.

פלאַטאָן האָט נישט איינגעזען, אַז דווקא די קאָנצענטרירטע איבערלעבונג פון די ליידנשאַפטן, וועלכע די קונסט שענקט אונדז, ווירקט אויף אונדז היילנדיק, ווי די איינשפּריצונגען, וועלכע די מאָדערנע דאָקטאָריע נוצט היינט אויף צו קאָנצענטרירן די קראַנקהייט־באַקטעריעס פון גאַנצן קערפּער אין איין פונקט און אַזוי אַרום צו קאָנען זיי ווירקזאַם באַקעמפן. די דאָזיקע איינשפּריצונגען רופן אַרויס שטאַרקע היץ און אַ שאַרפן צושטאַנד פון דער קראַנקהייט. דאָס טוט אויך דיכטונג. און זי רייניקט דורך דעם די מענטשלעכע פסיכיק, איידלט זי אויס.

און די ליטעראַטור, אָדער ריכטיקער, די דיכטערישע פונקציע פון דער מענטשלעכער פסיכיק, שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דאָזיקן פּראָצעס פון רעגולירן דעם דרוק פון די פסיכישע כוחות, פון איינהאַלטן אַ געוויסע גלייכגעוויכט אין מענטשנס פסיכיק.

עס איז נישט אומאינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז די וועלט שטעלט זיך פאָר דער מיטאָלאָגיע־שאַפנדיקער און רעליגיע־שאַפנדיקער פאַנטאַזיע פון געוויסע פעלקער, ווי אַ געטלעכער חלום: גאָט טרוימט די וועלט, און די וועלט עקזיסטירט אין גאָטס חלום, — גאָט דיכטעט אויס די וועלט.

די וועלט, הייסט עס, איז אַן אויסשטראָם פון גאָטס איבערפליסנדיקער שעפערישער קראַפט, וואָס זוכט אַן אויסדרוק, באַפרייאונג. און היינריך היינע דריקט אויס דאָס זעלבע אין זיין ליד „וועלט־יצירה״:

„קראַנקהייט איז מסתמא געווען די לעצטע סיבה פון דעם גאַנצן יצירה־דראַנג; שאַפנדיק האָב איך געקאָנט גענעזן ווערן, שאַפנדיק בין איך געוואָרן געזונט״.

נאָכמער: מעגלעך, אַז נישט נאָר די דיכטונג שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דאָזיקן פּראָצעס, נאָר זי איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דאָזיקן פּראָצעס, איינע פון זיינע פאָרמען.

*

אַז מען וויל דערגיין דעם מהות פון אַ געוויסער דערשיינונג, מוז מען די דאָזיקע דערשיינונג באַאָבאַכטן אָדער פאָרשן אין איר פּרימיטיוסטער פאָרם, ווייל אין אירע קאָמפּליצירטע פאָרמען איז תמיד שווערער צו באַמערקן און אויסגעפינען דעם עיקר פון אַ דערשיינונג.

דאָס זעלבע איז מיט דיכטונג. אין אירע אַנטוויקלטע, קאָמפּליצירטע פאָרמען איז אָפּטמאָל זייער שווער צו באַמערקן און אויסגעפינען איר פונקציע, פונקט ווי דאָס איז מיט דער שפּראַך. אויף וויפל מען קען אַרויסרייסן די סודות פון דער שפּראַך, געלינגט דאָס אַדאַנק דער שפּראַך פון קינדער און פון ווילדע. דאָרט זענען נאָך די אור־וואָרצלען פון דער שפּראַך טיילווייז אָפּגעדעקט און מיר קאָנען זיי אָנטאַפּן. און אויף וויפל עס געלינגט צו דערגיין די סודות פון דער דיכטונג־פונקציע, געלינגט עס אַ דאַנק די פּרימיטיווערע פאָרמען פון דיכטונג, וועלכע מיר געפינען אין דער שפּראַך פון פאָלקסטימלעכער טאָג־טעגלעכקייט, אין דעם דיכטערישן שאַפן פון פּרימיטיווע פעלקער, אינעם פאָלקסשאַפן אַפילו פון אַנטוויקלטע פעלקער און דער עיקר אין די פסיכישע אור־וואָרצלען פון דיכטונג, וועלכע געפינען זיך אין מענטשן אין זייער נאַטירלעכסטן צושטאַנד. אַזאַ אור־וואָרצל פון דיכטונג איז — דער חלום, סיי אין זיין נאַכט־ סיי אין זיין טאָג־וואַריאַנט.

דער חלום איז איינע פון די פסיכישע דערשיינונגען, וואָס האָבן פון תמיד אָן אינטריגירט דעם מענטשן. פון די גאָר אַלטע צייטן ביז די נייע באַמיט זיך דער מענטש אויסצוגעפינען וואָס עס ליגט הינטער דער דאָזיקער דערשיינונג. אַמאָל האָט מען געגלויבט, אַז דורכן חלום קומט גאָט אין קאָנטאַקט מיטן מענטשן; היינט גלויבט מען, אַז דורכן חלום קומט צום וואָרט דעם מענטשנס אונטערבאַוווסטזיין; די דערשיינונג פון חלום איז נאָך ווייט נישט אויסגעפאָרשט (און כל־זמן די דערשיינונג פון לעבן גופא איז נישט אויסגעפאָרשט ביזן סוף, קאָן מען זיך נישט ריכטן, אַז דאָס זאָל געשען מיטן חלום), אָבער געוויסע אייגנשאַפטן זיינע זענען שוין קלאָר מחוץ פון יעדן ספק. אַ חלום איז, אין אַ גרויסער מאָס, אַ ווונטש־דערפילונג. נישט תמיד, ווי פרויד וויל האָבן אין זיין געלערנטער מאַניע פאַר פאַראיינפאַכנדיקן מאָניזם, אָבער אין אַ גרויסער מאָס. און דאָס ווייזט אונדז ווידער די פאָרשונג פון דער פרימי־טיוווסטער פאָרם פון חלומות, וואָס איז פאַר אונדז צוטריטלעך: די חלומות פון קינדער און ווילדע, וואָס די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם העכער־שטייענדיקן מענטשן ווירקט נישט אויף זייער אונטערבאַוווסטזיין.*

די פרימיטיוווסטע חלומות זענען ווונטש־דערפילונגען, אויף וויפל זיי זענען נישט קיין בלויזע אָפּשפּיגלונגען פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז אָדער געבליבן שטעקן פון טומלדיקן טאָג אין זכרון נישט פאַרדייעטערהייט אָדער זי רייסט זיך אַריין אין האַלב־שלאָפנדיקן אינטעלעקט און רופט אַרויס שטיקלעך ענלעכע ווירקלעכקייט לויטן אַסאָציאַציע־געזעץ, וואָס איז איינער פון די עיקר־דיקסטע געזעצן פון אונדזער פסיכיק.

וואָס ליגט אונטער דער פעסטשטעלונג, אַז „דער חלום איז אַ דערפילונג פון אַ ווונטש"?

אַ פאַרלאַנג, — אַ באַוווסטער, אַ האַלב־באַוווסטער אָדער אַן אומבאַוווסטער, — וואָס ווערט נישט באַפרידיקט, בלייבט אין דער פסיכיק — אין באַוווסטזיין ווי אין אונטערבאַוווסטזיין — ווי אַ נישט פאַרדייעטע שפּייז אין מאָגן. יעדער ווונטש וויל באַפרידיקט ווערן, דאָס איז זיין איינציקער ציל, צוליב דעם ווערט ער

---

* ווייל דאָס מוז מען זיך קלאָר מאַכן: נישטאָ קיין פסיכיק, וואָס זאָל קאָנען זאָגן מיט רעכט, אַז זי האָט זיך באַפרייט פון דער ווירקונג פונעם אונטערבאַוווסטזיין; אָבער נישטאָ אויך קיין אונטערבאַוווסטזיין, וואָס זאָל מיט דער צייט נישט ווערן באַאיינפלוסט פון דער אינטעלעקט־אַנטוויקלונג.

דאָס ערשטע איז לייכטער אויפצוווייזן און צו באַגרייפן, ווי דאָס צווייטע, אָבער עס איז נישטאָ ביי מיר קיין שום ספק, אַז דער אונטערבאַוווסטזיין פון אַן אינטעלעקטועל־אַנטוויקלטן מענטשן ווערט דורכגעדרונגען מיט אינטעלעקט און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין די חלומות פון די דאָזיקע אינטעלעקטועל־העכערשטייענדיקע. פונקט ווי דער אונטערבאַוווסטזיין פון אַ דיכטער אַרבעט איידעלער, „באַוווסטזיניקער" ווי אַן אַנדערנס.

געבוירן און ער לעבט, ווי דאָס איז צו זען ביי קינדער, וואָס ווילן „דאָס טעלערל פון הימל“, אויב עס ציט צו זייער אויפמערקזאמקייט.

פאַראַן פאַרלאַנגען, וואָס עס איז פּאַקטיש לייכט צו באַפרידיקן; אָבער פאַראַן זאַכן, וואָס עס איז שווער צו באַפרידיקן. וואָס טוט דאָס קינד, וואָס וויל כאַפּן די זון־שטראַלן? עס „כאַפּט“ זיי אין שפּיל און באַפרידיקט אַזוי אַרום זיין פאַרלאַנג. דאָס קינד פירט אויס אַ פּרימיטיוון אַקט פון דיכטונג.* אָבער אַפילו דאָס קינד (שוין אָפּגערעדט פון דערוואַקסענעם) באַפרידיקט נישט תּמיד די דיכטערישע שפּיל. ווען עס וויל עסן אַן עפּל און באַקומט אים נישט, חלומט עס וועגן דעם, און דער חלום באַפרייט אים פון עם דרוק פון אומבאַפרידיקטן פאַרלאַנג.

ווען די שפּאַנונג פון אַ נישט־דערגרייכטן פאַרלאַנג, פון אַ נישט־באַפרי־דיקטער באַדערפעניש ווערט צו שטאַרק, הויבט אָן צו באַדראָען די פּסיכישע גלייכגעוויכט, — דאַן הויבט אָן צו פונקציאָנירן דער חלום־אַפּאַראַט, וואָס רעגולירט די גלייכגעוויכט פון דער פּסיכיק. דער חלום איז אַזוי אַרום אַ ביאָלאָגישע פונקציע.

אַמאָל איז די דאָזיקע שפּאַנונג אַזוי גרויס, אַז די חלום־פונקציע הויבט אָן צו אַרבעטן אין מיטן העלן טאָג, באַקאַנט אונטערן נאָמען פון טאָג־חלומות, אָדער „חלומות אויף דער וואָר“. אַז דאָס איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט און נישט קיין קאַפּריז און קיין לוקסוס זעט מען פון דעם, וואָס אָן אַ שיעור מענטשן פאַלן אַריין אין דאָזיקן צושטאַנד און חלומען אויף דער וואָר נישט גאָר נאָכן געשמאקן מיטאָג, זיצנדיק אין ווייכן פאָטעל, נאָר אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען, אויסשטעלנדיק זיך אָפּטמאָל אויף גרויסע פיזישע און מאַטעריעלע געפאַרן. אין טאָג־חלום איז נאָך בולטער די פונקציע פון חלום, זיין כאַראַקטער פון אַ ווונטש־דערפילונג: אָדער ער איז אַ דירעקטע ווונטש־דערפילונג, אָדער ער שילדערט אין גרעלע פאַרבן דאָס, פאַר וואָס דער מענטש שרעקט זיך. דאָס איז אַזאַ מין וואָרענונג.

---

*) אָט זע איך פון מיין פענצטער ווי אַ קעצל שפּילט זיך מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, זי גיט עס אַ קלאַפּ מיט דעם פיסל און שפּרינגט אָפּ פונעם פּאַפּיר, וואָס האָט אַ פּלי געטאָן אַ ביסל ווייטער אַ דאַנק דעם קלאַפּ פונעם קעצלס פיסל. דאָס קעצל שפּילט אין קאַץ און מויז.

די שפּיל־טעאָרעטיקער זאָגן, אַז דאָס קעצל איבט אירע אברים, וואָס זענען איר נייטיק פאַר איר לעבנס־קאַמף. זי איבט זיך אין כאַפּן מייז.

אָבער דערוואַקסענע קעץ, וואָס קאָנען שוין די מלאכה, טוען אויך אַזעלכע קינדישע זאַכן. פאַרוואָס טוען זיי דאָס?

איך לייקן נישט, אַז די קאַץ איבט זיך טאַקע אויף אַזאַ אופן, אָבער דאָס איז במילא; דער עיקר באַפרידיקט זי די פּסיכישע נויטווענדיקייט איבערצולעבן די עמאָציעס פון כאַפּן אַ מויז, פון צערייסן זי, פון זויפן איר בלוט. די קאַץ פירט אויס אַ פּרימיטיוון אַקט פון דיכטונג.

און אַט די זעלבע פונקציע פון חלום פירט אויך אויס די דיכטונג. נאָכמער: דיכטונג איז אַן אַנטוויקלטערע פאָרם פון דער חלום־פונקציע: זי איז אַ ווונטש־דערפילונג, זי רעגולירט די פּסיכישע גלייכגעוויכט דורך באַזייטיקן די שפּאַנונג פון עפּעס אַ מאַנגל מיט דער הילף פון אַן אימאַזשינערער באַפרידיקונג.

אין צווייטן באַנד פון זיין „פּענעק" (ער הייסט, דאַכט זיך, „ביים דניעפּר"), ז. 173־74, שרייבט בערגעלסאָן: „זי האָט געוווּסט אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, און דאָך — פון דאַנקבאַרקייט צו מאַגידאָוויטשן, וואָס ער האָט ביי איר קיין געלט נישט גענומען, האָט זי אין געדאַנק מיט אים חתונה געהאַט, אים געמאַכט באַלעבאָס אויף איר פאַרמעגן און באַרואיקט לאַנג געטראַכט וועגן דעם.

„פון נחת האָבן פון זיך, ווי פון אַ חתונה געהאַטער, האָט איר ביסלעכווייז אויפגעהערט ווייטאָן דער קאָפּ.

„ענדלעך וועט זי איצט קאָנען אַנטשלאָפן ווערן".

*

אַז דער חלום איז אַ דירעקטער קרוב פון דיכטונג, דערין קאָן נישט זיין קיין ספק. מען דאַרף נישט גרינגשעצן די געניאַלע אינטואיציע פון דער שפּראַך: נישט אומזיסט רופט מען אַ דיכטער — „טרוימער". נישטאָ קיין איין דיכטער וואָס זאָל ביים שאַפונגס־פּראָצעס נישט אַריינפאַלן אין אַ צושטאַנד פון האַלב־טרוים. געוויס, פּונקט ווי דער טאָג־חלום איז בדרך־כלל באַוווּסטזיניקער, מער גאַנץ פאַרן נאַכט־חלום, אַזוי איז דער דיכטונגס־פּראָצעס באַלויכטן מיט אַ באַך גרעסערער ליכט פון קאָנטראָלירנדיקן באַוווּסטזיין, ווי דער טאָג־חלום, און איז גאַנצער, טיפער, ברייטער. אָבער דער וואָרצל איז דער זעלבער. און די פונקציע אויך. יעדע דיכטונג איז ווונטש־דערפילונג, איז באַשטימט צו שאַפן גלייכגעוויכט אין דיכטערס פּסיכיק, אין דיכטערס געמיט. און די זעלבע פונקציע פירט זי אויס אויך ביים לייענער.

ווען מען זאָל קאָנען צונויפשטעלן אַן אַנטאָלאָגיע פון טרוימען, וואָס הונדערט מענטשן פון פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן, פון פאַרשיידענער אַנטוויקלונג און פאַרשיידענע מאָראַלישע אייגנשאַפטן האָבן געטרוימט אין משך פון אַ יאָר, וואָלט מען געוועזן באַקומען אַ זאַמלונג, וואָס וואָלט אַרויסגערופן גרינגע קנאה ביי נישט איין גרויסן דיכטער אפילו און פון וועלכער דיכטער וואָלטן געקאָנט שעפּן הויפנווייז. זענען דאָך דאָ חלומות, וואָס זענען קאָשמאַרער פאַר עדגאַר פּאָס דערציילונגען, נאַטוראַליסטישער פאַר זאָלאָס ראָמאַנען, פאַנטאַסטישער פאַר ט. ג. האָפמאַנס דערציילונגען, אַוואַנטוריסטישער און דערפינדערישער אין דער פאַבולע פאַר קאָנאַן דאָילס, זשול ווערנס און ה. ג. אועלסעס ביכער, פּסיכאָלאָגיש טיפער פאַר דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען און סימבאָלישער פאַר די ווערק פון דער סימבאָליסטישער שולע.

עס זענען דאָ מענטשן, וואָס זייערע חלומות זענען אין אַזאַ מאָס פּאַרטיקע, פּעלערלאָזע פּאָעמעס, לידער, דערציילונגען, אַז ווען מען סטענאָגראַפירט זיי נישט נאָר אינעם חלום־פּראָצעס גופא, נאָר אַפילו דאַן, ווען מען דערציילט זיי (וואָס דאָס מוז אָפּשוואַכן זייער קראַפט), וואָלט מען געהאַט פּאַרטיקע דיכטערישע אַרבעטן.

און דעריבער איז אפשר איינער פון די גרעסטע מאָדערנע דיכטער — פראַנץ קאפקא, דער יונג־פאַרשטאָרבענער יידיש־דייטשישער דיכטער (פון פּראַג), ווייל קיינער אפשר פאר אים האָט אַזוי נישט באַוויזן איינצוהיטן אין זיין באַוואוסטזיניקן שאַפן די אייגנשאַפטן פון עכטן חלום.

און נישט נאָר ער: צי דען זענען די בעסטע זייטלעך פון טאָמאַס מאַנס „צויבערבארג" נישט ענלעך אויף אַ חלום? און צי דען איז שוין אַמאָל געלונגען קינסטלעריש צו דערציילן אַ חלום נישט קיין גרויסן שרייבער? כדי צו שילדערן אַ חלום מוז מען זיך אין וואַכן צושטאַנד דערגראָבן צום קוואַל פון אונטער־באַוואוסטזיין, אים עפענען און לאָזן אים פליסן אומגעשטערט און דאָך גלייכצייטיק קאָנטראָלירן אים דורכן באַוואוסטזיין, וועלכער מוז דערפילן א מוראדיק שווערע אויפגאַבע: סיי זיך אויפהאַלטן אויפן ראַנד פון באַוואוסטזיניקער וואַכזאַמקייט און סיי מיטפּולסירן מיטן אונטערבאַוואוסטזיין. מיט אַנדערע ווערטער: ביים שילדערן אַ חלום דאַרף דער דיכטער זיך געפינען אין נאָרמאַלן פּראָצעס פון דער אזוי גערופענער אינספּיראַציע, נאָר אין אַ שאַרפערער מאָס, ווייל חלום איז צושטאַנד פון שאַפנדער אור־דיכטונג.

*

איך האָב זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דיכטונג איז אין א גרויסער מאָס א ווונטש־באַפרידיקונג, אַ שפּיל־האַנדלונג, וואָס באַפרייט פון שפּאַנונג דורך פסיכישער באַפרידיקונג און רעאַלער אַנטשפּאַנונג. און אָט די דאָזיקע פונקציע פון דיכטונג איז אַ סאָציאַלע פונקציע.

ווען אַ מענטשליידט פון אַ נישט־באַפרידיקטער ליבע, איז דאָס נישט בלויז אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט: אַ נישט באַפרידיקטער מענטש איז אַ שלעכטער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. אַ מענטש אין שפּאַנונג פון אומבאַפרידיקטקייט איז ווייניק אַרבעטספּעיק און דאָס איז א בולטער היזק נישט נאָר פאַרן מענטשנס פּריוואַטן בודזשעט, נאָר אויך פאַרן בודזשעט פון דער גאַנצער פאָלקסווירט־שאַפט. ווען דער מענטש איז קראַנק אויף אייפערזוכט, איז דאָס נישט נאָר אַן אָנגעלעגנהייט פון אייפערזיכטיקן און דעם אָביעקט פון זיין אייפערזוכט, ווייל די אָפּטע טראַגישע רעזולטאַטן פון אייפערזוכט — ליבע־מאָרדן — פאַרוואַנדלען זי אין אַ וויכטיקן ענין פון דער געזעלשאַפט: זי איז פאר איר א ממשותדיקע געפאַר. און דאָס לייזן די דאָזיקע פּריוואַטע פּסיכישע קאָנפליקטן איז בפירוש

אַ סאָציאַלע האַנדלונג. און דאָס טוט די דיכטונג פון איר פּרימיטיוו־סטער פאָרם ביז איר העכסטער — פון געוויינלעכן חלום ביז דער טראַגעדיע.

ווען דער אייפּערזיכטיקער מענטש חלומט, אַז ער האָט דערשטיקט די אומטרייע געליבטע, און זיין שפּאַנונג ווערט גרינגער (אָדער דערפּאַר, ווייל ער באַפרידיקט אַזוי אַרום זיינע בלוטדורשטיקע נקמה־פאַרלאַנגען אָדער דערפּאַר, ווייל זיינע עטישע אינסטינקטן דערשרעקן זיך פאַר זיינע בולט־געוואָרענע חיהשע פאַרלאַנגען), האָט דער חלום גוט געדינט נישט נאָר דעם יחיד, נאָר אויך דער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַפרייט געוואָרן פון אַ דעסטרוקטיווער טאַט (פיזיש און מאָראַליש). דער חלום, די דאָזיקע פּרימיטיווע, פּריוואַטע דיכטערישע פונקציע, האָט, ווייזט זיך ארויס, אויך אַ סאָציאַלן אַספּעקט.

ווען אַן אייפּערזיכטיקער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן פאַר אַ פריינט, איז דאָס אַ פּרימיטיווע דיכטערישע דערשיינונג און זי איז סאָציאַל נישט נאָר צוליב דעם קאָנטאַקט מיט אַ צווייטן, נאָר אויך דערמיט, וואָס יעדער אויסדרוק פון אַ פּסיכישער שפּאַנונג באַפרייט זי און זי באַפרייט במילא די געזעלשאַפט פון אירע גרויסע אָדער קליינע נעגאַטיווע רעזולטאַטן. און ווען דער אייפּערזיכ־טיקער גייט אין טעאַטער אויף דער פאָרשטעלונג פון „אָטעללאָ" און ער רעאַגירט אָפּ זיין מאָרד־פאַרלאַנג דורך אָטעללאָס רייד און טאַט, דערפילט „אָטעללאָ" בפירוש אַ סאָציאַלע פונקציע, ווייל ער לייטערט די פּסיכישע לופט פון די צושווער ווי אַ שטורעם־אויסברוך, וואָס רייניקט די אַטמאָספערישע שפּאַנונג. און ווען דער אייפּערזיכטיקער לייענט אַ טיף ליבע־געדיכט און ער דערשפּירט פלוצלונג, — פאַרטראָגן אויף אַן אומגעהייערער הויך דורך די פליגלען פון גרויסן ליריקער, — ווי נישטיק עס זענען זיינע חיהשע מאָרד־פאַרלאַנגען אַקעגן דעם אוצר פון ליבע, וואָס קיינער קאָן ביי אים נישט אַוועקנעמען, אפילו נישט די אומטרייע געליבטע, און ער שטייט אויף אַ געלייטערטער, אַ באַפרייטער אַ דאַנק דער מאַכט פון דיכטונג צו ברעכן די שטימונג, אַריבערפירן זי אויף אַנדערע, העכערע פּלאַנען, — האָט די אינטימע לירישע דיכטונג געווירקט סאָציאַל. סיי אַ קרימינעלער ראָמאַן, סיי דאָס סובטעלסטע ליבע־ליד קאָנען זיין (און זענען) סאָציאַל אין זייער ווירקונג, הגם דער ערשטער איז אויבנאויף אַנטי־סאָציאַל און דאָס צווייטע — אַסאָציאַל, ווייל סיי ווען דער קרימינעלער ראָמאַן באַפרידיקט די שלעכטע אינסטינקטן (נישט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר פּסיכיש), סיי ווען דאָס ליבע־ליד סובלימירט אַ שלעכטן אינסטינקט, — אין ביידע פאַלן ווירקט דאָס נישט ווייניקער סאָציאַל, ווי יחידיש. די ליטעראַטור האָט געמאַכט דעם מענטשן מער סאָציאַל, סאָציאַל ווערטפולער סיי דירעקט (דורך הויבן אים מאָראַליש), סיי אומדירעקט (דורך אויסמיידן די פאַרברעכערישע טאַט). אמת, די דאָזיקע ווירקונגען זענען זעלטן דויערנדיק, אָבער פון אַזעלכע צייטווייליקייטן סומירט זיך דאָך דאָס מענטשלעכע לעבן סיי אין גוטן, סיי אין שלעכטן.

מיר זעען אַזויאַרום, אַז עס עקזיסטירט נישט אַזאַ זאַך, ווי אַסאָציאַלע ליטעראַטור. דער אונטערשייד צווישן אַן אַזויגערופענעם סאָציאַלן ראָמאַן און אַן אַזויגערופענעם נישט סאָציאַלן ראָמאַן באַשטייט אין דעם, וואָס דער סאָציאַלער ראָמאַן מאָביליזירט געזעלשאַפטלעך דעם באַוווסטזיין פון מענטשן, דאָס אָפן — אָדער אויסערלעך — סאָציאַלע, און דער נישט־סאָציאַלער ראָמאַן — דעם אונטערבאַוווסטזיין, דעם געמיט פון מענטשן, — דעם געביט, וואָס האָט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפן באַוווסטזיין פון מענטשן, אויף זיין ווילן און במילא אויף דאָס זעלבע אָפן־סאָציאַלע, נאָר דורך אַן אַנדער וועג; דער סאָציאַלער ראָמאַן ווירקט לטובת דער געזעלשאַפט דירעקט, דער נישט־סאָציאַלער ראָמאַן — אומדירעקט.

די צוויי אַרטן קונסט אַרבעטן פאַר איין ציל, אָבער מיט פאַרשיידענע מיטלען; זיי האָבן איין און די זעלבע פונקציע, אָבער אויף צוויי פאַרשיידענע אָפּשניטן פון איין פראָנט.

אין מענטשלעכן אָרגאַניזם שפּילן אַ גרויסע ראָל סיי די אויסערלעכע, סיי די אינערלעכע סעקרעציע. אָבער בעת די וויכטיקייט פון דער אויסערלעכער סעקרעציע ווייסט מען שוין פון לאַנג, איז די אַנטפּלעקונג און די באַדייטונג פון דער אינערלעכער סעקרעציע אַ זאַך פון נאָענטן עבר.

דאָס זעלבע איז מיט די צוויי מינים דיכטונג: דאָס בולט־סאָציאַלע פירט אויס די ראָל פון דער אויסערלעכער סעקרעציע; די כלומרשט אַסאָציאַלע דיכטונג פירט אויס די ראָל פון דער אינערלעכער סעקרעציע. מען האָט לאַנג נישט געוווּסט וועגן איר טעטיקייט און וויכטיקייט, מען זעט עס נישט און עס לאָזט זיך נישט לייכט אָנטאַפּן, אָבער די דאָזיקע פונקציע שפּילט א געוואַלדיקע ראָל ביים רעגולירן די פסיכישע גלייכגעוויכט פון געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם.*

---

* אינעם בוך פונעם באַקאַנטן ענגלישן מאָדערנעם דיכטער ט. ס. עליאָט („דער נוצן פון דיכטונג און דער נוצן פון קריטיק") געפין איך אַן אינטערעסאַנטע, אַפילו אַן איבעראַשנדיקע ציטאַט פון א. יע. האַוסמאַנס בוך: „דער נאָמען און די נאַטור פון פּאָעזיע".

האַוסמאַן זאָגט אין דער שטעלע וואָס עליאָט ציטירט: „איך מיין, אַז די דיכטערישע פּראָדוקציע איז אין איר ערשטער פאַזע גיכער אַ פּאַסיווער, נישט ווילנדיקער, ווי אַן אַקטיווער פּראָצעס; און ווען איך וואָלט געווען געצוווּנגען נישט צו דעפינירן דיכטונג, נאָר אָנצורופן דעם קלאַס זאַכן, צו וועלכע זי געהער, וואָלט איך זי דעפינירט ווי אַ סעקרעציע" (כמעט ווי מיין דעפיניציע). „אָדער אַ נאַטורעלע סעקרעציע ווי דער טערפּענטין אין דער סאָסנע, אָדער אַ קרענקלעכע סעקרעציע, ווי דער פּערל אין דער מושל. אין מיין אייגענעם פאַל, מיין איך, האַנדלט זיך אין דאָס צווייטע, ווייל איך האָב זעלטן געשריבן פּאָעזיע סיידן איך בין געווען נישט בקו הבריאות, און די דערפאַרונג, הגם זי האָט פאַרשאַפט הנאה, איז געווען אין אַלגעמיין סטימולירנדיק און אויסשעפּנדיק".

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער דאָס, וואָס ט. ס. עליאָט גיט צו נאָכן ציטירן האַוסמאַנען: „איך בין העכסט צופרידן מיטן פאַקט, וואָס איך האָב געלייענט מר. האַוסמאַנס עסיי אַ שטיקל צייט נאָכן האָבן אָנגעשריבן מיינע אייגענע שורות" (וועגן דיכטונג ווי אַ סעקרעציע).

סאַראַ צופרידנקייט דאַרף איך שוין פילן, וואָס כ'לייען די דאָזיקע שורות (האַוסמאַנס)

*

אויב די אויבן־באַרירטע אינטים־סאָציאַלע פונקציע פון דער דיכטונג איז שווערער אָפּצושאַצן און פעסטצושטעלן, ווי די אָפּן־סאָציאַלע, הייסט דאָס אָבער נישט, אַז די אָפּן־סאָציאַלע איז וויכטיקער אָדער ווירקזאַמער. די דיכטונג איז נישט קיין לוקסוס, נישט קיין קאַפּריז און נישט עמיצנס דערפינדונג, נאָר אַ ביאָלאָגישע פונקציע פון אונדזער פּסיכיק, און ווי יעדע ביאָלאָגישע פונקציע פון יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם פונקציאָנירט זי נישט מעכאַניש, נאָר וויטאַליס־טיש, צילבאַוווּסט, כמעט ווי מיט אינטואיטיווער באַוווּסטזיניקייט (מען מוז דאָ אָנקומען, כדי אויסצודריקן כאָטש מער־ווייניקער ריכטיק דעם געדאַנק, צו אַ קאָמבינירטן כלומרשט סתירהפולן אויסדרוק), צופּאַסנדיק זיך צו געענדערטע באַדינגונגען, אָבי נאָר צו דערגרייכן דעם ציל.

אַ זון־בלום דרייט אויס דאָס בלומיקע פּנים זיינס צו דער זון, ווו די זון זאָל זיך נישט געפינען; אַ קאַרטאָפל אין טיפן קעלער שיסט אַרויס מיט לאַנגע שפּראָ־צעלעך צום ווייטן, הויכן קעלער־פענצטערל, כדי צו פאַנגען אַ ביסל זון. ביי אַ בלינדן ווערט די שמיעה שאַרפער און אַ שוואַך קינד אַנטוויקלט מער אינטע־ליגענץ, כדי גייסטיק צו קאָמפּענסירן זיין פיזישע שוואַכקייט. און אַזוי אַרבעט אויך די דיכטונג־פונקציע: זי איז נישט קיין באַשטימטע טעטיקייט אין אַ באַשטימטער פאָרם, ווי די פּראָפעסאָרן־פאָרמאַליסטיק וויל האָבן, נאָר זי נעמט אָן די פאַרשיידנסטע פאָרמען און זי איז פאַרשיידנאַרטיק טעטיק, כדי צו דערפילן איר פונקציע, וואָס דאַרף דערגרייכן אַ געוויסן ציל, אָדער ריכטיקער: געוויסע צילן, וואָס אַמאָל קאָנען זיי אונדז אפילו פאָרקומען קעגנזעצלעך, אָבער זיי ווערן אינדעראַמתן האַרמאָניזירט, פאַרגליכן אין דער העכערער פונקציאָנאַלער באַשטי־מונג פון דער דיכטונג. דיכטונג איז אַן אויסדרוק פון לעבן און זי באַדינט דאָס לעבן, רעגולירט זיין פּסיכישע גלייכגעוויכט, און אַלץ, וואָס דאָס לעבן דאַרף, האָט אַ באַדערפעניש אויסצודריקן, ווייל עס איז פול מיט דעם ביז צום עקסטאַז־אָדער וויי־געשריי, איז איר, דער דיכטונגס, געביט. ליבע און האַס, פאַר־אַכטונג און פאַרהערלעכונג, פאַרערונג פונעם אַלטן און רעוואָלט קעגן אַלטן, ליבע צום נייעם און שרעק פאַרן נייעם, — אַלץ, אַלץ איז דער שטאָף פון דיכטונג. עס איז נישט ריכטיק, אַז ווען דאָס געוועט האָט דאָס וואָרט, שווייגן די מוזן, —

און כ'האָב געליינט מאַקס איסטמאַנען לאַנג נאָכן פאָרמולירן, שרייבן (אין 1939) און אַרויסגעבן מיין ביכעלע וועגן דיכטונג (אין 1941). (כ'האָב עליאָטן געליינט ערשט אין מעלבורן, אין 1948).

און מאָזעס אפרים קוה, אַ יידיש־דייטשישער דיכטער און שרייבער האָט געשריבן:

„איך מאַך אַ ליד ווי אַ זיידוואָרעם זייד; עס פּייניקט מיך, עס מוז אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין".

זיי רעדן אויך דאָך, נאָר מיט אַן אַנדער שפּראַך און אַן אַנדער טאָן, אָדער ריכטי־קער: זיי קאָנען רעדן מיט אַן אַנדער טאָן, און מיט אַן אַנדער שפּראַך, אָבער זיי מוזן דאָס גאָרנישט. אויפהויבנדיק די אויגן פון די אָקאָפּעס און באַמערקנדיק פּלוצלינג דעם בלויעם הימל, אַ ביימעלע אויף זיין פּאַך, קאָן דאָס דער זעלנער אויפנעמען, ווי אַן אָפּפרישנדיקן קאָנטראַסט, מיט אַזאַ פרישקייט, ווי דער אור־מענטש, ווען ער האָט דאָס צום ערשטן מאָל באַמערקט מיטן באַוווסטזיין און אויפגענומען מיטן געמיט און האָט זיך אין דאָזיקן געבענטשטן מאָמענט געטאָן אַ ריס אינדערהויך, איבער דעם אייגענעם קאָפּ, און איבערגעריסן די קייט, וואָס האָט אים צוגעשמידט בלויז צום נידעריקסטן שטאַפּל פון ערדישקייט. אָבער אויב עס איז נישט קיין אַבסאָלוט געזעץ, איז עס בדרך כלל פּאַרשטענדלעך, מענטש־לעך: אין צייטן, ווען מען לעבט איבער דעם פרילינג־אָטעם פון ליבע, איז מען גענייגט צו ליבע־דיכטונג — סיי דער דיכטער, ווי אַ מין פּריוויליק־געצוווונגע־נער שליח־ציבור, סיי דער קהל; און אין צייטן ווי היינט, ווען דער סאָציאַלער קאַמף — אין די ענגערע ראַמען פון איין פאָלק אָדער אין די ברייטערע פון דער צעריסענער פעלקער־משפּחה — בושעוועט, איז נאַטירלעך, וואָס דיכטער, וועלכע פילן דעם צאָרן פון דער צייט און קענען דער צייט, הויבן אָן צו דיכטן ווערק פול מיט אַקטועלן אינהאַלט, — ווערק, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן „סאָציאַלע", אויסדריקנדיק אַזוי אַרום דעם לעכערלעכן געדאַנק, אַז עס זענען כלומרשט דאָ נישט קיין סאָציאַלע ווערק. דער צויבערער פונעם ליבעס־ליד היינריך היינע איז גלייכצייטיק דער שעפער פון איינער פון די גרעסטע, מעכטיקסטע סאָציאַלע סאַטירעס — „דייטשלאַנד — אַ ווינטער־מעשהלע". און אין ביידע פאָרמען איז ער גוט, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער דיכטער און האָט באמת אַ סך ליב געהאַט די פרוי און באמת אַ סך פיינט געהאַט דאָס דאַמאָלטיקע דייטשלאַנד (ווי מיר האָבן פיינט דאָס היינטיקע), און זיין דיכטונג האָט גוט פונקציאָנירט ביי אַלע זיינע געמיט־צושטאַנדן. אָדער נעמט אַזאַ דיכטער, ווי דעם איטאַליענער איגנאַציא סילאָנע. ער איז דער איינציקער איטאַליענישער דיכטער, וואָס האָט אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער אַריבערגעטראָטן די איטאַליענישע גרענעצן צו וועלט־באַרימטקייט. און ער האָט דאָס דערגרייכט מיט די סאָציאַלע ראָמאַנען „פאָנטאַמאַראַ" און „ברויט און ווין". דאָס זענען ווערק, וואָס גיבן דעם בעסטן ענטפער די „קונסט־לשם־קונסט"ניקעס, וועלכע האַלטן, אַז דאָרט ווו די טעמע איז אָפן סאָציאַל, איז נישט מעגלעך די אָנוועזנהייט פון דער דיכטונג. סילאָנע איז אַ דיכטער —און אַ גרויסער! — אין יעדער שורה. מען פילט, אַז ווען נישט דער פאַשיזם, וואָלט ער געווען געשריבן וווּנדערבאַרע ליבע־ראָמאַנען, אפשר נישט אַזעלכע וואָרטפאַרביק־פייערווערקישע ווי ד'אַנונציאָ, דערפאַר אָבער טיפערע און דיכטעריש עכטערע.

און פון דער צווייטער זייט האָט איר דעם גרויסן יידיש־רוסישן דיכטער

פֿאַסטערנאַקן, וואָס איז נישט מיטגעריסן געוואָרן נישט מיט מאַיאַקאָווסקין און נישט מיט בלאָקן (אַן עכטער אינטימער ליריקער, וואָס דאָס ליריש־מוזיקאַלישע, דאָס ווערטערדיק־וואָרטלאָזע איז בכלל זיין הויפּט־אינסטרומענט) פֿון די „צוועלף" און איז געבליבן ביי זיין אינטים־מאַלערישער ליריק. און אפילו די אַרכיליטעראַר־מאַרקסיסטישע ראַטנפֿאַרבאַנדישע קריטיק האָט אים נישט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און אים געלאָזט עקזיסטירן ווי אַן אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כלל....

*

די מענטשלעכע נאַטור האָט אויך, ווי די טויטע נאַטור, פֿאַרשיידענע סעזאָנען (אמת, נישט אַזעלכע אָפּגעשלאָסענע, — אָבער צי דען שנייט נישט אַמאָל טיף אין זומער און עס רעגנט נישט אין ווינטער? איז אַ פּשיטא שוין די מענטשלעכע נאַטור!): דעם סעזאָן פֿון ליבע, דעם סעזאָן פֿון סאָציאַלע פֿאַראינטערעסירונגען און אַזוי ווייטער. ווען מען איז יונג, ווילט זיך מערסטנטיילס זינגען וועגן ליבע, — אָבער צי דען איז נישט נאַריש צו מאַכן פֿון דעם דעם אויספֿיר, אַז דיכטונג איז בלויז — ליבע־ליריק? ווען דעם דיכטערס פֿאָלק איז אונטערדריקט — און דער דיכטער פֿילט דעם גורל פֿון פֿאָלק ווי דעם אינטים־פּערזענלעכן גורל, — זינגט דער דיכטער וועגן פֿרייהייטס־קאַמף, — אָבער צי דען איז נישט נאַריש צו מאַכן פֿון דעם אַן אויספֿיר, אַז דיכטונג איז בלויז — פֿרייהייט־ליריק?

אויב עס פֿעלט אַ מענטשן אַן עפּעס, וואָס איז זייער נויטיק זיין מענטשלעכער נאַטור, שאַפֿט זיך ביים דאָזיקן מענטשן אַן אַזויגערופֿענער קאָמפּלעקס.* דאָס איז אַזאַ מין פּסיכישע פֿאַרשטעכעכץ, וואָס פּייניקט און קאָנצענטרירט אַרום איין ווייטאָקדיקן אָרט די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט און די גאַנצע אָנשטרענגונג פֿונעם מענטשן אויף צו באַזייטיקן די דאָזיקע פּיינלעכע לאַגע.

דאָס זעלבע געשעעט מיט אַ פֿאָלק, מיט א קלאַס מענטשן, וואָס עס פֿעלט זיי עפּעס וויכטיקס.

און די געשיכטע פֿון דיכטונג איז טאַקע פֿול מיט קאָמפּלעקסן, — מיט אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע.

ליריקער, ווי באַקאַנט, זענען איינטאָניק, ווייל זיי דריקן אויס דאָס אינטים־סוביעקטיווע, און די דאָזיקע אינטים־סוביעקטיווע וועלט איז טיף, אָבער שמאָל.

---

* אומבאַוווסטזיניק איז בלויז דער נויראָטישער קאָמפּלעקס, — ד. ה. דער קאָמפּלעקס, וואָס דער מענטש ווייסט נישט וועגן אים און ער (דער קאָמפּלעקס) קומט צום אויסדרוק אין נוירויטישע קראַנקהייט־סימנים. עס איז אויך מעגלעך אַ באַוווסטזיניקע פּסיכישע פֿאַרשטעכעכץ. דאָס רופֿט נישט אַרויס קיין נוירויטישע דערשיינונגען, וואָס דער מענטש קאָן נישט דערקלערן זייער סימבאָלישע אויסטערלישקייט, אָבער די קאָמפּלעקס־דערשיינונג איז דאָ.

ווער רעדט, ווען אַ ליריקער האָט אַ פּסיכישע פאַרשטעכעכץ, איז זיין ליריק באַפאַרבט כמעט ווי מיט איין פאַרב.

אָבער אויך עפּיקער און אפילו גאַנצע ליטעראַטור־פּעריאָדן קאָנען אַריינפאַלן אין א קאָמפּלעקס, וואָס איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג פון אַ אומנאָרמאַלן צושטאַנד, ווי פיבער בעת אַ שווערער קראַנקהייט.

נעמט די יידישע נביאים, — צי האָבן מיר דאָ נישט פאַר זיך אַ בולטן קאָמפּלעקס פון אַ גאַנצן ליטעראַטור־פּעריאָד? אַלע זענען זיי פול מיט זאָרג פאַרן פאָלקס־חורבן, וואָס דערנענטערט זיך, און אַלע שרייען זיי פון פאַרלאַנג אָפּצווענדן דעם גזר־דין — דורך ענדערן דעם לעבנס־שטייגער פון פאָלק, דורך אומקערן די זינדיקע צו זייער צאָרנדיקן גאָט — און פון וויטאָקדיקסטן געפיל פון אָנמאַכט לגבי דעם עם־קשה־עורף.

דאָס פּוילישע פאָלק איז ביי אַ הונדערט און פופציק יאָר געווען צעשניטן אין דריי חלקים און יעדער חלק באַזונדער האָט געוויטאָקט און געפיבערט מיטן טרוים פון באַפרייאונג און פאַראייניקונג, — און די גאַנצע פּוילישע ליטעראַטור אין אירע העכסטע אויסדרוקן* איז פול מיטן דאָזיקן קאָמפּלעקס פון פאָלקס־באַפרייאונג, פון פאָלקס־מאַרטירערטום, — דאָס איז איר העלדישער לייטמאָטיוו, דאָס איז איר אָדלער־פּלי, איר יחוס־קרוין.

די וועלט־מלחמה פון 1914־1918 האָט געשאַפן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אַ מלחמה־קאָמפּלעקס. נישט נאָר בעת דער מלחמה און תיכף נאָך איר, — די פּרווון אונטערצופירן סך־הכלען פון די קריגס־יאָרן, וואָס האָבן זיך איינגעשטאָכן אינעם באַוווסטזיין פון אַ גאַנצן דור, זענען ערשט איבערגעריסן געוואָרן דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די רוסישע רעוואָלוציע און דער בירגער־קריג האָבן געשאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד אַ קאָמפּלעקס, אַרום וועלכן די גאַנצע ראַטנפאַרבאַנדישע ליטעראַטור האָט זיך פאַרקראַמפּט.**

דער זיג פון פאַשיזם אין איטאַליע און — באַזונדערס — אין דייטשלאַנד

---

* און נאָר די העכסטע אויסדרוקן זענען תמיד דער אויסדרוק, — אַלדאָס איבעריקע איז אָדער נאָכמאַכונג און ליטעראַטור־אָפּפאַל אָדער דאָס געהער צו די נידעריקסטע שטאָקן פון לעבן; קאָן דאָך דער גרעסטער העלד נישט אויסקומען אָן די געוויינלעכע לעבנס־טעטיקייטן, אָן דעם געוויינלעכן לעבן.

** איך רעכן דאָ נישט אַריין די ראַטנפאַרבאַנדישע ליטעראַטור פון די לעצטע 10—12 יאָר, ווען די ליטעראַטור האָט על־פּי־רוב — מיט ווייניקע אויסנאַמען — געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ צוואַנג־קאָמפּלעקס — דעם אויפבוי־קאָמפּלעקס. צוליב דער דיקטאַטור און דעם טעראָר אויך אויפן דאָזיקן געביט, האָט די ראַטנפאַרבאַנדישע ליטעראַטור אויפגעהערט צו זיין אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט און פאַרלוירן איר שעפערישע קראַפט.

האָט ווידער אַרויסגערופן אַ נאַטירלעכן קאָמפּלעקס אין דער מערב־אייראָפּע־אישער ליטעראַטור: דעם אַנטי־פּאַשיסטישן קאָמפּלעקס.

אָבער פּונקט ווי עס וואָלט געווען די גרעסטע זינלאָזיקייט צו דערקלערן די דאָזיקע גאַנצע אָפּן־סאָציאַלע ליטעראַטור ווי אַנטי־דיכטעריש, ווייל זי האָט אַ טענדענץ, וואָלט אויך געווען דער גרעסטער אומזין מען זאָל נעמען די מעכטיקע קאָמפּלעקסן פון דער שטורעמדיקער קעגנוואַרט און פון די לעצטע יאָרצענדליקער און מען זאָל לויט זיי אויסשניידן אַ כלל פאַר דיכטונג בכלל: ליטעראַטור מוז זיין אָפּן־סאָציאַל. זי מוז טאַקע, אָבער בלויז אין באַשטימטע פּעריאָדן. צוליב דער זעלבער פונקציע אירער, צוליב וועלכער זי מוז היינט זיין „סאָציאַל", מוז זי אַן אַנדערש מאָל זיין אַנדערש. און איר יעדערמאָליקער צושטאַנד איז נישט קיין אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג פון דעם קעגנזעצלעכן. און די „סאָציאַלע" קאָמפּלעקס־ליטעראַטור קאָן אוודאי און אוודאי נישט פאַרלייקענען די „אַסאָציאַלע" ליטעראַטור: דאָס וואָלט געהייסן פאַרהערלעכן און ווען פאַראייביקן אַ קרענקלעכן צושטאַנד, אַ פיבערדיקן פּראָצעס, וואָס טראָגט אין זיך, אין זיין עקזיסטענץ גופא, דעם פיבערדיקסטן פאַרלאַנג צו זעלבסטבאַזייטיקונג.

אין אַזעלכע צייטן ווי אונדזערע, מוז אַ „סאָציאַלער" ראָמאַן אַרויסרופן אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט, האָבן מער דערפאָלג, ווייל ער אַנטשפּרעכט די איבערלעבונגען פון כלל, און ליטעראַטור איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּשפּיגלונג פון לעבן (אָפּשפּיגלונג, וואָס ווערט דערפירט צו טיפסטער זעלבסטבאַוווּסטזיניקייט). אָבער אפילו דאָס איז נישט קיין אַבסאָלוטער געזעץ: ליטעראַטור איז אויך דער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פונעם געוויינטן, צוגעגעסענעם, אָפּגעטעמפּטן און פאַרטעמפּנדיקן לעבן. אַזאַ טיף סאָציאַלע נאַטור ווי ראָמען ראָלאַן, וועלכער האָט מיטגעמאַכט אַזוי אַקטיוו (אויף זיין גייסטיקן שטייגער, שטייענדיק „איבער דעם קאַמף") די מלחמה פון 1914־18, שרייבט ערגעץ־ווּ אין זיינע אַרטיקלען, אַז דער גרעסטער אָפּרו אין די מלחמה־טעג איז פאַר אים געווען קאַרל שפּיטעלערס ווערק, וואָס האָבן מיט יענע יאָרן גאָרנישט צו טאָן. און דער זעלבער ראָלאַן, וואָס האָט געגעבן אַ געניאַלע בעלעטריסטישן באַריכט פון די מלחמה־ און נאָך־מלחמה־יאָרן („קלעראַמבאָל" און „פאַרצויבערטע נשמה"), האָט אויך געשריבן דעם רירנדיקסטן ליבע־ראָמאַן, איינגעפאַסט אין דער ראַם פון מלחמה („פּיער און לוסי"). און יעקב וואַסערמאַן דערציילט אין זיין טאָג־בוך (ציטירט אינעם בוך פון זיין פרוי מאַרטאַ קאַרלוויס ווענן לעבן און שאַפן פון איר מאַן: דער טאָג־בוך איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן) אַן אינטערעסאַנטן פאַקט, וועלכן אַ דייטשישער פּראָנט־אָפיציר האָט אים, וואַסערמאַנען, איבערגעגעבן.

ער איז געזעסן מיט זיינע זעלנער לאַנגע וואָכן אין אָקאָפּעס, אונטער אַ כסדרדיקן פייער פון שונא, און מען האָט זיי נישט איבערגעביטן. דאָס לעבן איז געווען שווער, די זעלנער האָבן זיך גענומען ברעכן מאָראַליש אונטער דעם

ביישפּיל נאָט אייך. וועגן די געשעענישן אין עסטרייך: „אַרבעטער — אַהער, אַהין שטייען אין ווין. האַנט ביי האַנט, שטייען ביים ראַנד. מיט שטאָלצע טריט, דאָס אַרבעטער־הויז היט...“ וואָס? איר זאָגט, ס׳קאָן נישט גוט ווערן, מען דאַרף נישט קיין גאַז־באָמבעס; מ׳קאָן מיט אַזוינע לידער דערהרגענען מענטשן. ריכטיק. כ׳מיין, אַז פּראָלעטאַרישע שרייבער און קריטיקער מעגן נישט וועגן מיט דער זעלבער מאָס און וואָג וואָס בורזשואַזע שרייבער, און אויך נישט דרוקן אַבי ס׳איז פון אַן אויסגעאַרבעטער מאַרקע, ווייל אויב אַ שרייבער שרייבט עפּעס אַן און ער ווערט באַקאַנט, דאַן וועט מען שוין דרוקן אַלע זיינע ווייטערדיקע זאַכן, צי זיי זענען גוט, צי שלעכט. לויט דער קריטיק פון ה׳ פּאַט וועגן זשורנאַל „שטעגן“ און לויט די ענטפערס, וואָס די רעדאַקציע דרוקט צו די, וואָס שיקן אַריין לידער, מעג מען דרוקן בעסערע לידער.

צום ביישפּיל: נעמט ברוך גלעזמאַנס ליד אין דער „קליינער פאָלקסצייטונג“ וועגן אַ שמיד, מיט אַ פּאַדקאָווע, מיט אַ פערד. האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, ווי אַ גוי רעדט יידיש. מ׳פילט פשוט, ווי דער מחבר האָט נישט געקוקט אויף קיין זאַך, אַבי — צום גראַם. און אין „וואָכנשריפט“ זיין ליד וועגן כאַטעס־קראַטעס, שווערן־סקווערן. אַז אַ מענטש וועט זיך אַוועקשטעלן אין גאַס און זאָגן: „כ׳בין הונגעריק, כ׳וויל עסן“, וועט דורכגיין דער פּאָעט, אָדער קריטיקער און זאָגן: פע, ס׳איז נישט ליטעראַריש. מ׳דאַרף זאָגן: „הונגעריק כ׳בין... עסן!“ און בכלל, וואָס איז פּאַר אַ מין אָט דער גאָט פון ליטעראַטור, וועלכן כ׳שטעל מיר פּאָר מיט גרויסע וואָנסעס, שטענדיק אַ בייזער, און לאָזט נישט דורך קיין זאַך, מעג זי זיין, ווי אינהאַלטרייך, אויב זי האָט נאָר נישט די פאָרעם און ס׳האַלט נישט אויס די וואָג און די מאָס?

איך אַליין בין אַ שניידערקע. כ׳האָב קיינמאָל נישט געשריבן און כ׳וועל אויך נישט שרייבן, און כ׳האָב אויך נישט, ווי איר קאָנט מיינען, געשריבן צו אייך לידער אָדער וואָס ס׳איז. נו, ווייל כ׳בין אַ שניידערקע און נישט קיין שרייבער. איך שרייב צו אייך, ווייל כ׳האָב געפרעגט מיין חברטע: צי זי פאַרשטייט דאָס ליד: „בלוט, וואַסער, ברויט“? האָט זי מיר געראַטן דאָס אָנפרעגן ביי אייך. אָט זעט איר פאַרקערט, אין מיכאל נאַטישעס פּאָעמע „מוליער הירש“ פילט מען עפּעס ווי דער שרייבער איז גאַרנישט שולדיק, וואָס ס׳פּאַסן זיך די ווערטער אַזוי צונויף, ווי „אלוהים, טאָ ווייזט מיר אים“!...

„טיילט אויס, וואָס איז מיר גוט און וואָס פלעק“ — לויט אהרון צייטלינס ליד, וואָס איר האָט רעצענזירט אַזוי טרעפלעך — וואָס גראַמט „דרעק“ מיט „פלעק“... כ׳גלויב, אַז איר וועט מיר ענטפערן, וואָרום ס׳שרייבט אַ לעזערין, אייגנטלעך — צוויי, איך און מיין חברטע, און די „וואָכנשריפט“ דרוקט זיך דאָך פאַר לעזער. מיט אכטונג

חנה סילשטיין

ביאַליסטאָק

2) אַ תשובה דער לעזערין פון חבר בער שנאַפּער

מען האָט מיר איבערגעגעבן אין רעדאַקציע אייער בריוו, אין וועלכן איר פּרוווט אַנגרייפן מיין ליד „בלוט, וואַסער און ברויט". עס וואָלט מיך נישט געאַרט, ווען אייערע טענות וואָלטן געווען כאָטש אין אַ קנאַפּער מאָס גערעכטע. איר זאָגט זיי אָבער אַרויס מיט אַזאַ זעלבסטזיכערן טאָן, אייערע אומגערעכטע טענות, אַז נעם כאָטש און בינד דיך אַליין אָן צום שאַנד־סלופּ, וואָס אין מיטן מאַרק און הייס דיך עפנטלעך אויסשמייסן.

איך ענטפער אייך גערן דערפאַר, ווייל איך זע, אַז נישט נאָר איר לייענט די לידער, ווילט זיי פאַרשטיין און אויסטייטשן, נאָר איר לאָזט זיך פון זיי אַזש אינטריגירן, אַריינכאַפּן אין פּראָצעס פון שאַפן, פון זייער געגעזע, מיט איין וואָרט — איר ווילט דערגיין, פון וואַנען „די פיסלעך וואַקסן". און דאָס איז, כ'מוז עס צוגעבן, אייער גרויסער פּלוס. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איר האָט זיך געווענדעט בריוולעך מיט אייערע ספקות וועגן אַ ליד אין רעדאַקציע, דאָס אַליין זאָגט עדות אויף אייך, אַז איר זענט אַ לייענערין נישט קיין פאַרשלאָפענע, אָן אַקטיווע און שוין גאָרנישט קיין מהיכא־תיתאַניצע און אַלע לייענער וואָלטן זיך באַדאַרפט אַראָפּנעמען פון אייך אַ ביישפּיל. עס וואָלט זיך דעמאָלט געשאַפן אַן אינטערעסאַנטע רובריק אין דער „וואָכנשריפט", אַ מין טרעף־פּונקט פאַר לייענער און דיכטער, ווו יעדער פון די צדדים וואָלט אַרויס מיט זיינע טענות ומענות, ספקות און באַוואָרענישן און אַזוי אַרום וואָלט געקומען צו אַ פאַר־שטענדיקונג, אַ דירעקטער, צווישן לייענער און דיכטער. עס וואָלט געווען געוויס עפּעס אַן אויפטו און די רעדאַקציע „וואָכנשריפט", מיין איך, וואָלט זיכער מסכים געווען און גערן אָפּגעגעבן אַ פּאָר שפּאַלטן אין איר צייטונג פאַר אַזאַ מין רובריק.

און איצטער צו די „טענות" אייערע גופא:

איר שרייבט: „וואָס באַדייט דאָס ליד „בלוט, וואַסער און ברויט"? וואָס מיינט מיט דעם דער מחבר, אָדער איז דאָס אַ רמז אויף עפּעס? ס'לייענט זיך: „בלוט? בלוט איז וואַסער — גוט? בלוט איז נאַסער!" — און ווייטער שרייבט איר: „כ'בין מער, ווי זיכער, אַז ווען דער מחבר האָט אָנגעשריבן דעם פערז „בלוט איז וואַסער" און זוכנדיק לויטן אלף־בית אַ גראַם צום וואָרט „וואַסער" און געפינענדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער, ווי „נאַסער", האָט ער זיך נישט געפוילט, נישט איבעראַשט געוואָרן, און אָנגעשריבן אַ שורה ווייטער „בלוט איז נאַסער".

נו, מילא, אויב איר פאַרשטייט נישט דאָס ליד, וואָלט מען עס אייך געקאָנט, אין ערגסטן פאַל, נאָך „אויסטייטשן"; הגם לידער דאַרפן זיך נישט „לייגן אויפן

שכל״, נאָר גיכער אויפן געמיט, האַרץ, חושים — אַלץ זאַכן, וואָס האָבן גיכער אַ שייכות צו אינסטינקט, אינטואיציע, סטיכיע, איידער צום פּשוטן פאַרשטאַנד. איך וואָלט מיך אונטערגענומען, ווי דערווידער דאָס זאָל נישט זיין, אייך געבן צו פאַרשטיין „וואָס מיינט דער מחבר״, ווען... ווען איר ווערט מיר נישט פלוצלינג, צווישן איין שורה און דער צווייטער, פאַרוואַנדלט אין אַ כמעט... בּיזווילינקן „פאַכמאַן״. אַז איר זענט דאָך דאָס אַליין דער „מבין אויף אַ טשאַד״! נאָר מער נישט — אַ „מבין״ קאָן זיך אויך אַמאָל טועה זיין, ווי למשל איר מיט דעם אומגליקלעכן גראַמען־פּאָרל: „וואַסער״ און „נאַסער״. אייער זיכערקייט זאָגט — נישטאָ מער קיין גראַמען! און איך זאָג אייך: פאַראַן, פאַראַן! און אָט האָט איר טאַקע אַ פּאָר באַדיי: בלאַסער, האַסער, שפּאַסער! און היינט אַסאָנאַנסן, ווי למשל: גאַסן, געלאַסן, גרימאַסן, פאַסן, האַסן, ראַסן א. אַ. וו. א. אַ. וו. — אָן אַ שיעור. נו, זעט איר שוין, אַז איך האָב גראָד יאָ געהאַט פון וואָס צו „ווילן״ און אויסגעווילט האָב איך דווקא — נאַסער! פאַרוואָס? אַז איך וועל אייך אויסזאָגן דעם „סוד״, וועט איר חס וחלילה אַרויס נאָך פון דער באַקוועמער און קאַפּריזנער לאַגע פון אַ לייענער און אַליין באַלד אָנהויבן שרייבן לידער און דענסטמאָל, אָ, דענסטמאָל, וועל איך אפשר מוזן אייך „אַראָפּרייסן״...

בכלל, ווי איך האָב פון אייער גאַנצן בריוו באַמערקט, ליידט איר אונטער צוביסלעך פון... „גראַמאָפאָביע״, אַ קרענק אַזאַ, וואָס באַשטייט אין שרעקן זיך פאַר גראַמען. וואָרום נישט מיינע גראַמען אַליין האָבן ביי אייך אַרויסגערופן אַזאַ געגנדזן־הויט, נאָר אויך די גראַמען פון אַנדערע חברים־דיכטער, וואָס דרוקן זיך אין „וואָכנשריפט״, און דווקא מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך גראָד געהאַט אָפּגעדרוקט טאַקע אין דער זעלבער „וואָכנשריפט״ אַ ליד און דאָס נישט מיט קיין אַנדער נאָמען, ווי דווקא: „גראַמען״. זוכט עס, זייט מוחל, אויף און לייענט עס אַדורך, אפשר וועט עס אייך זיין צו רפואה.

אַחוץ גראַמען אַרן אייך נאָך אַנדערע גרילצערייען און סתם „אומפאַר־שטענדלעכקייטן״. איר ציטירט: „וואַסער מוז מען גראָבן טיף — בלוט קאָן מען האָבן, פרווו״ און איר פרעגט קשיות: „ערשטנס, דאַכט זיך, גראָבט מען ערד און נישט קיין וואַסער; נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳רעדט זיך אַזוי, טאָ, וואָס מיינט דאָס? „בלוט וויל לעבן רויט, בלוט מוז מען געבן ברויט״?.

איך מיין, אַז אויף אַזוינע „שאלות״ מוז מען ענטפערן, ווי די „מה נשתנה״ דעם „שאינו יודע לשאול״ — „צא ופתח לו״ ד. ה. גיי און הייב אָן פון א״ב. דאָס אָבער וואָלט שוין פאַרנומען צופיל פּלאַץ און מיין „ענטפער״ איז שוין אַזוי אויך געוואָרן לאַנג.

דאָס מער ווייניקער זענען, אַזוי צו זאָגן, די פאָרמעלע טענות אייערע צו מיין ליד גופא. אַחוץ דעם קומט נאָך ביי אייך אַן אַלגעמיינע „אַטאַקע״ אויף פּראָלעטאַרישע פּאָעטן און קריטיקער בכלל, וועלכע ווילן נישט, אָדער קאָנען

נישט, לויט איך, זען דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, נאָר דווקא פּער דיסטאַנס, דורך עסטעטישעברילן, מיט אַ קריטישן אַרשין אין איין האַנט און אַ קינסטלע־רישער וואָג אין דער צווייטער. איר שרייבט: „וואָס איז דער גאָט פון ליטע־ראַטור, וועלכן איך שטעל מיר פאָר מיט גרויסע וואָנסעס, שטענדיק אַ בייזער און לאָזט נישט אַדורך קיין זאַך (אַ קינסטלעריש־פּרעטענדירנדיקע זאַך מסתמא — ב. ש.) מעג זי זיין, ווי אינהאַלטרייך, אויב זי האָט נישט די פאָרעם און ס׳האָלט נישט אויס די וואָג און די מאָס״.

איך מיין, אַז זיי טוען גאַנץ גלייך די „בייזע״ דיכטער, אָדער קריטיקער, וואָס זיי זענען אַזוי „שטרענג״ און לאָזן גאָרנישט אַדורך, אָן פאָרעם, וואָג און מאָס. ווייל וואָס פאַרא קונסט וואָלט דאָס געווען, ווען זי פאַרמאָגט נישט אָט די אַלע שיינע זאַכן? עס איז דאָך שוין אַן אַלט באַקאַנטע זאַך, אַז אינהאַלט איז בלויז רוישטאָף פאַרן קינסטלער; דער לעצטער פאַרעמט ערשט אויס דעם רוי־שטאָף, וואָס רופט זיך לעבן, באַנוצנדיק דערביי אַלע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע איר אַליין האָט אַזוי טרעפלעך פאָרמולירט. ווייל דאָס איז דאָך טאַקע קונסט: אינהאַלט + פאָרעם!.

מיט אַכטונג בער שנאַפּער

פון רעדאַקציע: מיר האַלטן די תשובה פון ח׳ בער שנאַפּער פאַר נישט קיין אויסשעפּנדיקע. דער עיקר האָט ער נישט געענטפערט אויף די קאָנקרעטע און האַרבע פראַגן פון דער לעזערין. מיר וועלן זיך נאָך צום ענין אומקערן.

3) וועגן בריוו פון דער לעזערין און ענטפער פון דיכטער

(אַ בריוו אין רעדאַקציע)

חשובע רעדאַקציע!

דערלויבט מיר צו נעמען אַ וואָרט אין דעם נישט־פּריוואַטן בריוו־אויסטויש צווישן דער לעזערין חנה סילשטיין און דעם דיכטער בער שנאַפּער. אַזוי אָרום וועט אינעם בריוו־וועקסל קומען צום וואָרט אויך דער „דריטער אין בונד״ — דער קריטיקער, וואָס איז לויט זיין וועזן אַ פאַרמיטלונגס־גליד: פון איין זייט איז ער אַ לעזער, און פון דער צווייטער — דאַרף ער זיין אַ שטיקל דיכטער.

קודם־כל מוז באַטאָנט ווערן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וועלכע דער דיכטער וויל נישט אָנערקענען: יעדע זאַך, וואָס ווערט געדרוקט, ד. ה. פאַרגע־לייגט דער עפנטלעכקייט, מעג עפנטלעך פון אַלעמען קריטיקירט ווערן. פונקט ווי דער דיכטער פרעגט ביי קיינעם קיין דעה נישט צו באַאַרבעטן אַ געשעעניש אָדער אַ דערשיינונג, אַזוי דאַרף קיינער ביי קיינעם נישט בעטן קיין דערלויבעניש צו באַהאַנדלען די דיכטעריש־באַאַרבעטע געשעעניש אָדער דערשיינונג. דעריבער

איז אַבסאָלוט נישט באַרעכטיקט דעם ה׳ שנאַפּערס פאָרוווּרף בנוגע דער חברטע סילשטיינס „זעלבסטזיכערן טאָן״. פאַרוואָס מיינט ה׳ שנאַפּער, אַז ער האָט יאָ געהאַט רעכט צו שרייבן זיין ליד אין אַ זעלבסטזיכערן טאָן, און די לעזערין האָט געדאַרפט שרייבן וועגן איר איינדרוק פון דעם ליד אין אַ נישט־זיכערן טאָן? אפשר פאָדערט דאָס ה׳ שנאַפּער אין נאָמען פון דעם אָנגענומענעם אָבערגלויבן וועגן דיסטאַנץ, וואָס מוז כלומרשט באַשטיין צווישן דעם אַריסטאָקראַטישן שטאַם פון דיכטער און דעם פּלעבעאישן שטאַם פון די סתם־לעזער?

ה׳ שנאַפּערס באַוואָרעניש, אַז דער זעלבסטזיכערער טאָן שאָקירט אים צוליב דער אומגערעכטיקייט פון די טענות, איז נישט קיין גענוגנדיקע באַוואָרעניש, ווייל... ווייל אפשר זענען די טענות גאָרנישט אַזעלכע אומגערעכטע, ווי ס׳דאַכט זיך דעם דיכטער? דאָס דאַרף דאָך נאָך באַוויזן ווערן — און ה׳ שנאַפּער האָט דאָס ווייט נישט באַוויזן. און דאָס טאַקע וויל איך באַווייזן.

ה׳ שנאַפּער איז נישט גערעכט, ווען ער זאָגט אין אַזאַ זעלבסטזיכערן טאָן: „מען האָט מיר איבערגעגעבן אין רעדאַקציע אייער בריוו, אין וועלכן איר פּרווט אָנגרייפן מיין ליד „בלוט, וואַסער און ברויט״. איך האַלט, אַז די חברטע חנה סילשטיין „פּרווט״ נישט אָנגרייפן דאָס ליד, נאָר זי גרייפט עס טאַקע אָן און גאַנץ שטאַרק, איבערצייגנדיק. אויב עס קאָן זיין אַ רייד וועגן אַ פּרווו, איז דאָס גיכער נוגע דעם ה׳ שנאַפּערס ענטפער, וועלכער „פּרווט״ צונישט מאַכן דער לעזערינס טענות, אָבער אויך אַ זייער נישט איבערצייגנדיקן און אפילו אויסטער־לישן אופן.

די לעזערין וואַרפט פאָר דעם ה׳ שנאַפּער אַז זיינע גראַמען אין ליד „בלוט, וואַסער און ברויט״ זענען נישט קיין רעזולטאַט פון אָרגאַנישער דיכטערישער וואָרט־פאַרבינדונג, נאָר אַ מעכאַנישע וואָרט־צונויפּפּאָרונג. איר אורטייל באַגרינדעט די לעזערין מיט דעם, וואָס אַזעלכע שורות, ווי:

„בלוט?

„בלוט איז וואַסער.

„גוט?

„בלוט איז נאַסער״ — זענען אינגאַנצן אינהאַלטלאָז. דערויף גיט ה׳ שנאַפּער צוויי ענטפערס. ערשטנס, ווייזט ער אויף, אַז אַחוץ „נאַסער״, האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע גראַמען צום „וואַסער״, ווי למשל: „בלאַסער״, „האַסער״ א. אַ. וו.

איך רעכן, אַז ה׳ שנאַפּער אַליין וועט נישט וועלן, מען זאָל נעמען דעם דאָזיקן ענטפער ערנסט. צי דען וויל ער, אַז מען זאָל אים חושד זיין אין קענען שרייבן:

„בלוט איז וואַסער — —

„בלוט איז בלאַסער״ — — ?

אויך זינלאָזע גראַמען מוזן האָבן אַ געוויסע גרענעץ אין זייער זינלאָזיקייט,

און לויט דער לעזערינס פאָרוואָרף איז „נאַסער" טאַקע דער איינציק זינלאָז־זינפולער גראַם, וואָס האָט זיך געלאָזט געברויכן אין אַן אינהאַלטלאָזער סטראָפע. דער דאָזיקער ענטפער שנאַפּערס מוז אָנגענומען ווערן סיידן ווי אַ שפּאַס. צי האָט אָבער אַזאַ גוטע לעזערין, — ווי ח' שנאַפּער גופא לויבט זי, — פאַרדינט אַזאַ שפּאַס־באַציאונג?

דער צווייטער ענטפער איז אויך ווייניק באַפרידיקנדיק. ער „שטעלט פעסט" ביי דער לעזערין אַ „גראַמאַפּאַביע", אַ קרענק אַזאַ, וואָס באַשטייט אין שרעקן זיך פאַר גראַמען. און אויב אַזוי, מיינט ח' שנאַפּער, קאָן ער אָפּפטרן די טענות פון דער לעזערין מיט שהי־פהי.

ניין, ח' שנאַפּער. איך האָב פון דער לעזערינס בריוו אַרויסגעטראָגן פּונקט אַ פאַרקערטע מיינונג. זי האָט נישט מורא פאַר קיין גראַמען, נאָר זי שפּירט צו שאַרף דעם אונטערשייד צווישן נאַטירלעכע גראַמען און געקינסטלטע. איר פיינע באַמערקונג: „אין מיכאל נאַטישעס פּאָעמע „מוליער הירש" פילט מען עפּעס ווי דער שרייבער איז גאָר נישט שולדיק, וואָס עס פּאַסן זיך די ווערטער אַזוי צונויף", באַווייזט אויף אַ פיינעם אויער ביים אויפנעמען די אויסערלעכע וווּל־קלינגעוודיקייט פון קורצע שורות.

ניין, מיט אַזעלכע לייכטע מעטאָדן לאָזט זיך דער בריוו פון דער לעזערין נישט אָפּפטרן, אויב ח' שנאַפּער וויל טאַקע אויף אַן אמת שאַפן אַ דירעקטע פאַרשטענדיקונג צווישן לייענער און דיכטער.

איינס פון די ביידע: אָדער ח' שנאַפּער האָט זיך געדאַרפט פאַרבאַריקאַדירן הינטער זיינע אייגענע ווערטער: „לידער דאַרפן זיך נישט לייגן אויפן שכל, נאָר גיכער אויפן געמיט, האַרץ, חושים — אַלץ זאַכן, וואָס האָבן גיכער אַ שייכות צום אינסטינקט, אינטואיציע, סטיכיע, איידער צום פשוטן פאַרשטאַנד", און דאַן וואָלט די לעזערין געקאָנט ענטפערן: „די צרה איז טאַקע, וואָס דאָס ליד „בלוט, וואַסער און ברויט" לייגט זיך נישט אויפן געמיט, און במילא מוז מען עס אויסטייטשן, ווייל ווען עס לייגט זיך יאָ אויפן געמיט, טייטשט זיך עס שוין אויס אַליין, אוממיטלבאַר.

אָדער ח' שנאַפּער וואָלט געדאַרפט, ווי „דערווידער דאָס זאָל נישט זיין", געבן צו פאַרשטיין „וואָס מיינט דער מחבר"... ער זאָגט דאָך אַליין, אַז מען וואָלט עס געקאָנט טאָן, טאָ פאַרוואָס טוט ער דאָס נישט? אָפּקומען מיט אַזעלכע וויצן, ווי: „אַז איך וועל אייך אויסזאָגן דעם סוד, וועט איר חס וחלילה אַרויס נאָך פון דער באַקוועמער און קאַפּריזנער לאַגע פון אַ לייענער און אַליין באַלד אָנהויבן שרייבן לידער און דעמאָלט, דעמאָלט וועל איך אפשר מוזן אייך „אַראָפּרייסן". — אָפּקומען מיט אַזעלכע וויצן, זאָג איך, איז באמת באַקוועם און קאַפּריזנע...

אָבער שוין מער ווי באַקוועם און קאַפּריזנע איז פאָלגנדיקע שטעלע פון ח' שנאַפּערס בריוו: „איך מיין, אַז אויף אַזוינע „שאלות" מוז מען ענטפערן, ווי די

„מה נשתנה" דעם שאינו יודע לשאול — „צא ופתח לו", ד. ה. גיי און הויב אָן פון א"ב. דאָס אָבער וואָלט שוין פאַרנומען צופיל פּלאַץ און מיין „ענטפער איז שוין אַזוי אויך גענוג לאַנג". דאָס דערמאָנט מיך אַ טריק פון געוויסע רעדנער. פריער רעדן זיי א שעה־צוויי וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט צו דער זאַך, און ווען זיי קומען ענדלעך צו נאָענט צום עצם ענין, גיבן זיי אַ זאָג: „דאָ איז נישט דאָס אָרט צו פאַרנעמען זיך דערמיט. דאָס וואָלט אונדז צו וויט פאַרפירט".

איך רעכן, אַז ווען ח' שנאַפּער וואָלט אַרויסגעוואָרפן פון זיין ענטפער דעם איבעריקן באַלאַסט, וואָלט ער געהאַט גאַנץ גענוג פּלאַץ צו געבן אַ זאַכלעכן ענטפער...

און היות די לעזערין איז בשום אופן נישט קיין „אינו יודע לשאול" (ח' שנאַפּער אַליין איז דאָס מודה אין אָנהויב פון זיין בריוו), איז אפשר אַ סברא, אַז דער דיכטער איז אין דעם פאַל אַן „אינו יודע... ענטפערן"?

מיט דרך־ארץ י. ראַפּאָפּאָרט

מ) פראַגמענטן וועגן קריטיק און דיכטונג

1

(וועגן די אויפגאַבן פון דער קריטיק לגבי די נייע ליטעראַרישע שטרעמונגען)

ווי אַזוי ווערט געבוירן קריטיק?

מענטשן לייענען ליטעראַרישע ווערק, אַנאַליזירן די איינדרוקן, וואָס זיי רופן אַרויס, נעמען אויף באַוואוסטזיניק די ווירקונג זייערע אויף אונדזער פאַר־שטעלונגס־קראַפט, אויף אונדזערע געפילן און אויף אונדזער געדאַנק, און אַזוי אַרום קומען זיי צו געוויסע אויספירן וועגן די אייגנשאַפטן, וועגן די פונקציעס און וועגן די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור.

ווען די דאָזיקע אויספירן ווערן קאָנאָניזירט, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט די אויספירן פון אריסטאָטלס „פּאָעטיק" (די „פּאָעטיק", אָט דאָס ערשטע קריטיש־עסטעטישע ווערק, איז דאָך נישט עפּעס אַנדערשט ווי דער אַנאַליז פון די איינדרוקן פון אַ געניאַלן לעזער פון דער אַנטיקער, ד. ה. פאַר אים מיטצייט־לערישער ליטעראַטור), דאַן ווערט אויף אַ צייטלאַנג פאַרקריפּלט די קונסט, אויב די קאַנאָניזירטע קריטיק באַהערשט די מוחות (דער פסיידאָקלאַסישער פעריאָד אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור!), אָדער בלויז די קריטיק, אויב זי בלייבט אַ נישט־אָנגענומענע טעאָריע (דאַדאַאיזם!).

אויב די קריטיק וויל דערפילן אירע אויפגאַבן, טאָר זי קיינמאָל נישט רוען אויף די דעראָבערטע לאָרבער־בלעטער אַפילו פון אירע ריכטיקסטע טעאָריעס. — זי דאַרף תמיד שטיין אויף דער וואַך און זי דאַרף לאָזן ווירקן אויף זיך דעם כסדרדיקן שטראָם פון דער ליטעראַטור, זי דאַרף תמיד באַוווסטזיניק אַנאַליזירן די כסדר דורכגעלעבטע נייע איינדרוקן פון די נייע ווערק און מאַכן קאָרעקטיוון אָדער צוגאָבן צו אירע פריערדיקע טעאָריעס — ווייל דער מענטש שטייט נישט אויף איין אָרט: אָדער ער גייט פאָרויס אָדער צוריק; און צוזאַמען מיטן מענטשן ענדערט זיך אויך זיין ליטעראַטור, וואָס פירט אויס אין פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידענע אויפגאַבן, און די קריטיק טאָר נישט אָפּשטיין פון דער זיך־ענדערנדיקער ליטעראַטור, פונקט ווי די דאָזיקע לעצטע טאָר נישט אָפּשטיין פון זיך־ענדערנדיקן לעבן און פון זיינע זיך־ענדערנדיקע באַדערפעניש.

מיט דער קריטיק קומט פאָר דאָס זעלבע, וואָס מיט דער גראַמאַטיק און מיט דער שפּראַך. די גראַמאַטיק ווערט געבוירן אַ דאַנק דעם אַנאַליז פון דער שפּראַך: יעדע שפּראַך האָט זיך איר גראַמאַטיק. אויב די גראַמאַטיק פון אַלע שפּראַכן פאַרמאָגט עפּעס אַלגעמיינס, איז דאָס דערפאַר, ווייל אַלע שפּראַכן פאַרמאָגן אַ סך געמיינזאַמס, זיי אַלע האָט געשאַפן דער זעלבער מענטש און זיי אַלע דינען די זעלבע צילן און באַדערפעניש. דער אונטערשייד פון די פאַרשיידענע גראַמאַטיקעס הענגט אָפּ פון די ענדערונגען אין די שפּראַכן, — די זעלבע מענטשן זענען דאָך פאָרט פאַרשידן צוליב די פאַרשיידנאַרטיקייטן אין דער געאָגראַפישער לאַגע, צוליב די פאַרשיידנקייטן אין דער געשיכטע און אין דער אַנטוויקלונג.

אויב די שפּראַך ענדערט זיך אין פאַרלויף פון איר אַנטוויקלונג, ענדערט זיך אויך איר גראַמאַטיק, וועלכע מוז זיך צופּאַסן צום וווּקס פון דער שפּראַך, און מען טאָר נישט האַנדלען קאַפּויער: צופּאַסן די שפּראַך צום סדום־בעטל פון דער גראַמאַטיק. און אַ שפּראַך, וואָס האַלט זיך נישט ביים דאָזיקן כלל, הערט זיך אויף צו אַנטוויקלען, זי שטייט אָפּ פון לעבנדיקן לעבן.

*

צו אַלץ, וואָס איז ניי, איז מען נישט צוגעוווינט, און צום נישט צוגעוווינטן איז יעדער איינער פול מיט אומצוטרוי: אונדזערע חושים זענען נאָך נישט געוווינט צו די נייע פאָרמען, אונדזער שכל שטייט אַ צעטומלטער פאַרן נייעם אינהאַלט. און דער מענטש איז דעריבער גענייגט צו משפּטן דאָס נייע לויט די געזעצן פון דער אַלטער עסטעטיק און קריטיק, ריכטיק ווי זיי וואָלטן פאַרגעשטעלט מיט זיך עפּעס אייביקס, וואָס אונטערליגט נישט קיין ענדערונג.

דער „אַני מאמין" פון יעדן קריטיקער מוז זיין, אַז די ליטעראַטור מאַכט דורך ענדערונגען, ערגאָ — אויך די עסטעטיק, און די קריטישע טעאָריעס מוזן זיך

ענדערן, און מען דאַרף שטיין אויף דער וואַך קעגן ערשטן געפיל־צאַפּל פון אומצוטרוי אָדער עקל צו עפּעס נייעס. מען דאַרף גוט קאָנטראָלירן, צי איז נישט אַמאָל דאָס דאָזיקע געפיל אַ קינד פון געוווינהייט, אַ קינד פון פוילקייט: ס'איז דאָך אַזוי שווער אַרויסצוּוואַרפן לאַנג אָפּגעגאָסענע־אמתן, מיט וועלכע עס לאָזט זיך זשאָנגלירן מיט אַזאַ לייכטקייט, און נעמען אָפּגיסן נייע פון רויען, ווידערשפּעניקן מאַטעריאַל פון לעבעדיקן לעבן אָדער פון לעבעדיקער ליטעראַטור.

אָבער באַציען זיך מיט חשד צום עקל־געפיל צום נייעם איז נישט דאָס זעלבע, ווי קריטיקלאָז איינשליסן אין די ברייט־צעעפנטע אָרעמס יעדן רמז אויף עפּעס נייעס. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק לגבי דער אייגענער געוווינהייט, אָבער אויך — לגבי דעם שפּעקולירן אויף דער פאַרבלענדקייט מיטן נייעם. דאָס, וואָס עס איז מעגלעך זיך טועה צו זיין ביים אָפּוואַרפן דאָס נייע, דאַרף נישט שטויסן צו לייכטזיניקייט ביים אָננעמען דאָס נייע. מען דאַרף זיך נישט האַלטן פּעדאַנטיש ביי די אַלטע טעאָריעס, אָבער מען טאָר נישט לייכטזיניק פאַרשווענדן די אמתן פון די אַלטע טעאָריעס און געפילן, וואָס מען האָט דערוואָרבן מיט אַזוי פיל מי.

טעאָרעטיש קאָן מען זיך רעכענען מיט אַ מעגלעכן יוסטיץ־מאָרד לגבי אַ נייער ליטעראַרישער ריכטונג. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק ביים אַרויסטראָגן אַן אורטייל איבערן נייעם, אָבער מען טאָר די דאָזיקע מעגלעכקייט נישט פאַרוואַנדלען אין אַ כלל, ווייל עס איז פּונקט אַזוי לייכט אַריינצופאַלן אין אַ קעגנזעצלעכן פעלער און באַרעכטיקן אַ פאַרברעכעריש נייעס. אויף אַ געוויסער ריזיקע מוז מען איינגיין איןביידע פאַלן, ווי ביי יעדער טריט אין לעבעדיקן לעבן און זיינע לעבעדיקע מאַניפעסטירונגען (וואָס אויך די ליטעראַטור און די קריטיק געהערן צו זיי) — מען דאַרף זיך באַציען מיט א געוויסער דאָזע חשד אי צו דער אַלטער געוווינהייט, וואָס שטערט אויפצונעמען דאָס נייע, אי צום נייעם, וואָס קאָן מיסברויכן מיטן רעכט צו לאָזן אין אַ זייט די טראַדיציע. די מאַכט פון יעדער ליטעראַרישער שול און איר עסטעטישער טעאָריע איז נישט קיין לעבנס־לענגלעכע, אָבער מען דאַרף נישט לייכטזיניק צולאָזן צום טראָן יעדן פאַלשן טראָן־פּרעטענדענט צוליב דער הנחה: און אפשר איז עס דער ריכטיקער טראָן־יורש? דער רעכטמעסיקער האַר פון דער היינטיקער צייט?

דאָס נייע האָט רעכט אויף עקזיסטענץ; אָבער דאָס אַלטע האָט אויך דאָס דאָזיקע רעכט אַזוי לאַנג, כל זמן עס ווערט נישט לחלוטין קלאָר, ביים ליכט פון אַן אַלזייטיקער קריטישער קאָנטראָל, אַז עס דאַרף אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַרן נייעם.

כדי ווי געהעריק צו דערפילן איר דאָזיקע שווערסטע אויפגאַבע, מוז די קריטיק פאַרמאָגן אַ ברייטן גייסטיקן האָריזאָנט, וועלכער גיט אַ מעגלעכקייט צו זען אי דעם דורכגעמאַכטן וועג, אי דעם וועג, וואָס פירט אין דער צוקונפט.

2

וועגן מאָדערנער דיכטונג

די מאָדערנע דיכטונג, וואָס באַשטייט פון אַן אַ שיעור גרופּעס און גרופּ־קעלעך, קאָן אָבער — געזען פון פויגל־פלי — איינגעטיילט ווערן אין צוויי קעגנזעצלעכע הויפּט־ריכטונגען: איין ריכטונג איז פיינטלעך צום אַנטייל פונעם באַוווסטזיין אינעם שאַפונגס־פּראָצעס, און די צווייטע איז פיינטלעך צום אַנטייל פונעם אונטערבאַוווסטזיין אינעם שאַפונגס־פּראָצעס.

צו דער ערשטער ריכטונג געהער אַ גאַנצע ריי „איזמען" אין דער מאָדערנער דיכטונג, וואָס ציען זיך פונעם עקספּרעסיאָניזם ביזן סורעאַליזם, אין וועלכן די דאָזיקע נעגירונג האָט באַקומען איר קאָנסעקווענטסטן און טעאָרעטישסטן אויסדרוק. די שפּעפער פונעם סורעאַליזם האַלטן, אַז דיכטונג טאָר גאָר נישט האָבן צו טאָן מיטן באַוווסטזיין, מיטן אינטעלעקט, — די אויפגאַבע פון דיכטער באַשטייט אין אַן אַנשטרענגונג ארויסצושפּרינגען פונעם באַוווסטזיין־קרייז און פאַרזינקען אין צושטאַנד פון אומבאַוווסטזיניקן טראַנס. דער דיכטער דאַרף, אַזוי צו זאָגן, פאַרשפּאַרן דעם פאַרשטאַנד הינטער זיבן שלעסער, האַלטן צוגעשפּאַרט פעסט די טיר און לאָזן אומגעשטערט קומען צום וואָרט דעם אונטערבאַוווסטזיין, און פאַרצייכענען זיינע איינפאַלן, ווי די שפּרוכן פונעם אָראַקול. אין דיכטונג מוז קומען צום וואָרט דאָס טיפערע אין מענטשן, בלויז דאָס עמאָציאָנעל־איראַציאָנעלע, די שפּראַך פון אונטערבאַוווסטזיין, פון די טונקעלע כוחות אינעם מענטשן.

די צווייטע ריכטונג באַשטייט — אין דער ערשטער ריי — פון דער אַזוי גערופענער פּראָלעטאַרישער דיכטונג. די דאָזיקע דיכטונג האַלט, אַז דיכטונג טאָר נישט האָבן צו טאָן מיט די טונקעלע כוחות פונעם מענטשן, מיטן אונטער־באַוווסטזיין, דער מענטש דאַרף פאַרשפּאַרן אונטער זיבן שלעסער די טונקעלע כוחות, צוהאַלטן פעסט די טיר און לאָזן קומען צום וואָרט דעם באַוווסטזיין, די שפּראַך פון אינטעלעקט.

די ערשטע ריכטונג האָט מורא פאַר קלאָרקייט; די צווייטע — פאַר אומ־קלאָרקייט; די ערשטע פירט אין טונקעלע טיפענישן; די צווייטע — אויף קלאָרער אויבערפלאַך; די ערשטע איז וועגלאָז; די צווייטע — מיט אַ קלאָרן, אָבער שמאָלן טענדענץ־שטעג.

ווי אָפט אין לעבן, ליגט ביי די ביידע עקסטרעמען צו האַלבער אמת, און ממילא זענען זיי ביידע פאַלש: דיכטונג דאַרף און מוז זיין אַן אויסדרוק פון מענטשנס גייסטיקן לעבן, און דאָס דאָזיקע גייסטיקע לעבן איז אַן איינהייט, אַ סינטעז פון אַלע גייסטיקע כוחות פון מענטשן — פונעם אונטערבאַוווסטזיין ביזן אינטעלעקט. פון דאָזיקן פּראָצעס טאָר קיין איין כוח נישט אויסגעשלאָסן

ווערן מיט געוואַלד, אויב מען וויל נישט פאַרקריפּלען דעם גאַנצן אָרגאַנישן פּראָצעס.

פאַראַן דיכטער, וואָס ביי זיי פונקציאָנירט שטאַרקער איין טייל פון זייער גייסטיקייט, און ביי אַנדערע — אַן אַנדער פעאיקייט. איינער איז מער אינטע־לעקטואַליסטיש, דער צווייטער — מער עמאָציאָנעל, און ממילא זענען תמיד געווען קלאָרערע דיכטער און אומקלאָרערע. אָבער ווען מען וויל שאַפן לויט טעאָריעס און דעקרעטירן, אַז דיכטונג איז בלויז אויסדרוק פון אונטער־באַוווסטזיין, אומבאַוווסטזיניקע שאַפונג, אָדער בלויז אויסדרוק פון באַוווסט־זיניקער ציל־געבונג, הייסט מאַניפּולירן מיט גראָבע הענט אין אַ פיינעם לעבעדיקן אָרגאַניזם; צי דען איז די באַוווסטזיניקע אויסשליסונג פונעם אינטעלעקטועלן מאָמענט ביים שאַפונגס־פּראָצעס נישט קיין עובדה פון... אינטעלעקט?

פאַראַן אַזויפיל אַרטן דיכטונג, וויפל עס זענען דאָ מענטשלעכע טיפּן. און אויב שוין רעדן טעאָרעטיש, איז די גרעסטע, פולקאָמענסטע דיכטונג די, וואָס איז אַ פּראָדוקט פונעם האַרמאָנישן צוזאַמענווירקן פון באַוווסטזיין און אונטער־באַוווסטזיין, פון די ראַציאָנעלע און איראַציאָנעלע כוחות פונעם מענטשן. אַזעלכע האַרמאָנישע פּראָדוקטן זענען זעלטן; מערסטנטיילס הערשט אין יעדן דיכטער אַן איבערוואָג פון איין כוח איבערן צווייטן. און אויב עס זענען אַפילו דאָ פאַלן, ווען דיכטונג איז אינגאַנצן ראַציאָנאַליסטיש (עס איז נאָך דאַן אַ פראַגע צי דאָס איז נאָך דיכטונג) אָדער ווען דיכטונג איז אינגאַנצן מיסטיש (און אויך אין דאָזיקן פאַל איז אַ פראַגע, צי דאָס איז דיכטונג), איז אָבער טעאָרעטיש אָן שום ספק, אַז כדי צו שאַפן דיכטונג מוז זיין אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דיביידע כוחות אין מענטשן. און דאָס, וואָס עס האָבן געקעמפט אויפקומען די קעגנזעצלעכע טעאָריעס, וואָס ווילן פאַרוואַנדלען דיכטונג אין אַ בעל־מום, וואָס האָט בלויז אַ האַרץ אָדער בלויז אַ מוח, איז אַ רעזולטאַט פון שווערן קריזיס, וואָס די מאָדערנע דיכטונג, וואָס די גאַנצע מאָדערנע קולטור־וועלט לעבט איבער.

דער קאַמף פון די צוויי ריכטונגען אין דער דיכטונג איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון זעלבן קאַמף, וואָס ווערט געפירט אין קולטור־לעבן פון דער וועלט בכלל: פון איין זייט דער ראַציאָנאַליסטישער מאַרקסיזם, וואָס האָט דערפירט צום סאָוויעטישן רעזשים, און פון דער צווייטער — דער ניטשעאַניזם אין אַלע זיינע פאָרמען, וואָס האָט דערפירט צום פאַשיזם.

די דיכטונג איז אויך אין דאָזיקן פאַל אַן אָפּשפּיגלונג פון אַלגעמיינעם גייסטיקן לעבן פון דער מענטשהייט.

*

טרעט מען צו צו די נייע ריכטונגען אין דער דיכטונג, דאַרף מען נעמען אין אַכט דריי זאַכן: 1) וואָס די ריכטונג וויל — איר טעאָרעטישן אַני־מאַמין;

2) צי האָבן די ווערק פון דער ריכטונג פאַרקערפערט די טעאָריע (אָדער צי איז זי בכלל פּראַקטיש־דערגרייכבאַר, ווי, למשל, דער פאַרלאַנג צו מאַכן פונעם וואָרט בלויז קלאַנג־ און פאַרב־מאַטעריאַל אויף צו דערגרייכן פּאָעטיש־ מוזי־קאַלישע צילן; 3) וואָס ליגט הינטער דער טעאָרעטישער נאָוואַטאָרישקייט, וואָס איז די טרייבקראַפט פונעם נייעם.

זייער אַ סך דערשיינונגען פון דער נייער דיכטונג זענען קאָמיש אָדער פאַלש, — אָבער דאָך שטעקט הינטער זיי אַ זין: זיי זענען סימפּטאָמען פון גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין מענטשן און אין דער געזעלשאַפט; מען דאַרף זיי אויספאָרשן — ווי ערד־וואַקלונגען — פון וואַנעט קומען זיי, ווו איז זייער צענטער? זיי זענען אָפט נישט בלויז די טראַגעדיע פון גאַנץ גרויסע טאַלאַנטן, וואָס זענען צו שפּירבאַר צום ווייטן קומענדיקן און צו ווייט פונעם אָפּגעלעבטן היינט (און זיי הענגען אין דער לופטן), נאָר אויך די טראַגעדיע פון אַ גאַנצן דור, פון אַ מענטשהייט אויפן פרשת־דרכים, וואָס איר נייע מאָראַלישע און וויסנשאַפטלעכע וויזיע פון דער וועלט וויל באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין דער קונסט.

דער פרשת דרכים איז אַ דרייפאַכער: אַ געענדערט וועלט־בילד (איינשטיין, מאַרקאָני); אַ געענדערט געפיל פון זיך אַליין, נישט נאָר ווי אַ טייל פונעם וועלט־בילד, נאָר ווי אַ פּסיכיש וועזן (פרויד, פּרייזער, בערגסאָן); אַ געענדערטער בליק אויף דער געזעלשאַפט (מאַרקס, בכלל אַלע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען).

3

וועגן די שטרעמונגען אין דער מאָדערנער דיכטונג

אין „אַננאַ קאַרענינאַ" (זייט 160 פון רוסישן אָריגינאַל) מאַכט ל. נ. טאָלסטאָי, — אַזוי זיך, ווי כלאחר יד — איינע פון זיינע דורכדרינגענדיקע פּסיכאָלאָגישע באַמערקונגען:

„אין געביט פון פּאָליטיק, פילאָזאָפיע, טעאָלאָגיע פלעגט אַלעקסעי אַלעקסאַנדראָוויטש (קאַרענין. — י. ר.) האָבן ספיקות אָדער ער פלעגט זוכן, אָבער אין פראַגן פון קונסט און פּאָעזיע, באַזונדערס פון מוזיק, וואָס אים האָט לגמרי געפעלט די פעאיקייט זי צו פאַרשטיין, האָט ער געהאַט די סאַמע באַשטימטע און פעסטסטע מיינונגען. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן שעקספּירן, ראַפאַעלן, בעטהאָווענען, וועגן דער באַדייטונג פון די נייע שולעס אין דער דיכטונג און אין דער מוזיק, וואָס אַלע זענען זיי ביי אים געווען פאַנאַנדערגעטיילט מיט דער קלאָרסטער סיסטעמאַטישקייט".

גראַד דאָס, וואָס איז אומבאַקאַנט, זעט אויס צו זיין אַזוי לייכט, קלאָר, וואַרפט זיך אונטער מיט אַזאַ לייכטקייט דער ענדגילטיקער קלאַסיפיקאַציע. געדעכט איז געווען יענער מחבר, וועלכער האָט געזאָגט: „אַז מען ווייסט ווייניק, איז מען לייכט זעלבסט־זיכער; אַז מען באַטראַכט אָבער אַלע מענטשלעכע פּראָגעס פון אַלע זייטן, איז מען נאָענט צו געליימטקייט".

אַזעלכע נישט - פאַרשטייענדיקע און דעריבער זעלבסט - זיכערע אַלעקסעי אַלעקסאַנדראָוויטשעס זענען דאָ אין אַלע געביטן פון לעבן, און זיי זענען דאָ אין אַ גרויסער צאָל אויך אין געביט פון דיכטונג. פאַר זיי איז קלאָר נישט נאָר די באַדייטונג פונעם וואָרט „ראָמאַנטיזם", אונטער וועלכן יעדער איינער פאַרשטייט עפּעס אַנדערש, נאָר אויך אַלע נייעסטע שטרעמונגען פון דער נייעסטער פּאָעזיע, ווי „פוטוריזם", „דאַדאַאיזם", „סוררעאַליזם" און אַז. וו., — ווערטער, וועלכע האָבן ביי אַ סך בכלל קיין שום אינהאַלט נישט, מיט וועלכע מען באַנוצט זיך, ווי מיט פשוטע צונעמענישן.

און די דאָזיקע נייע שטרעמונגען אין דער דיכטונג האָבן פאַרדינט, מען זאָל זיך באַציען צו זיי ערנסטער, ווי מיט זינלאָזן ענטוזיאַזם אָדער מיט זינלאָזער פאַראַכטונג, וואָס ווערן — סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן פאַל, — געבוירן פון „ווייניק וויסן", וואָס דאָס גיט אַ גרויסע זעלבסט־זיכערקייט.

שאַנכאַי, 1946

מא) פאַרגענגלעכקייט פון דיכטונגס־פאָרמען און אייביקייט פון דיכטונג

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט (אין דער פריער יוגנט) וועגן דעם, אַז די דיכטונג שטאַרבט אָפּ (איך האָב דאָס, אויף וויפל איך קאָן געדענקען, געלייענט ביים באַרימטן רוסישן קריטיקער און פובליציסט פּיסאַרעוו), אַז זי האָט אויסגעלעבט איר צייט און זי וועט ביסלעכווייז פאַרשווינדן, איז אין מיר גלייך אויפן אָרט אויפגעקומען דער ענטפער: אַלע פאָרמען פון דיכטונג, וואָס מיר קענען ביז איצט, קאָנען אָפּשטאַרבן, אָבער נישט די דיכטונג גופא, וועלכע וועט אויפן אָרט פון די אָפּשטאַרבנדיקע דיכטונג־פאָרמען שאַפן נייע.

דער ענטפער איז געווען אַ ספּאָנטאַנער, אַן אינטואיטיווער. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך באַגריפן דעם טיפן זין פון דאָזיקן אינטואיטיוון ענטפער: די פאָרמען פון דער דיכטונג זענען געשאַפן געוואָרן דורך מענטשן און זיי קאָנען במילא פאַרעלטערט ווערן און אָפּשטאַרבן, אָבער די דיכטונג גופא איז נישט אידענטיש מיט אירע פאָרמען, וואָס מענטשן גיבן איר צו, זי איז אַ קראַפט, וואָס ווירקט אין מענטשן, זי איז אַ זעקסטער חוש, וואָס איז אַ טייל פון דער

לעבנס־קראַפט, און זי קאָן אָפּשטאַרבן נאָר מיטן מענטשלעכן מין גופא, און אפשר ערשט מיטן לעצטן מין העכערע לעבעדיקע באַשעפענישן. כל־זמן עס לעבט אַ מענטש אָדער אַן אַנדער מין באַשעפעניש וואָס פילט בענקשאַפט, ווייטיק און פרייד, וואָס קאָן טראַכטן באַוווּסטזיניק אָדער אַפילו בלויז פילן עמאָציאָנעל, איז דאָ דיכטונג, וואָס איז איינע פון די פאָרמען פון גייסטיקן, פון פסיכישן לעבן.

און כל־זמן עס לעבט דיכטונג, וועט זי אויספורעמען פאַר זיך, פאַר איר אויסדרוק, נייע דיכטונג־פאָרמען.

זייט יענעם מאָמענט, ווען איך האָב אינסטינקטיוו זיך געווערט קעגן דעם טויט־אורטייל אויף מיינער אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, איז געבוירן געוואָרן מיין קלאָר באַגרייפן דאָס וועזן פון דיכטונג.

און זייט דאַן האָב איך שוין אַנגעטראָפן אַן א שיעור באַשטעטיקונגען פאַר מיין אויבנגעבראַכטער מיינונג, ווי אויך ענלעכע און אַפילו אידענטישע מיינונגען וועגן דיכטונג.

אָט איז נאָך איין אידענטישע (הגם אומדירעקטע) מיינונג צו מיינער:

„די אָפּטסטע סיבה, — זאָג ט. ס. עליאָט, — פאַרוואָס אונדזערע טעאָריעס... וועגן דיכטונג זענען אומבאַפרידיקנדיק באַשטייט אין דעם, וואָס בעת זיי פרעטענדירן צו גילטן פאַר דיכטונג בכלל, זענען זיי באמת טעאָריעס וועגן... באַגרענעצטע מינים דיכטונג.“

„מיר זענען פעאיק, — ציט ער ווייטער זיין ריכטיקן געדאַנק, — אָדער אויסצופורעמען אַ טעאָריע, וואָס זאָל דעקן די דיכטונג, וואָס רירט אונדז צום מערסטן, אָדער — און דאָס איז שווערער מוחל צו זיין — אויסצוקלייבן דעם מין דיכטונג, וואָס אילוסטרירט די טעאָריע, וואָס מיר ווילן זיך האַלטן ביי איר.“

„מען קאָן נישט דערוואַרטן, אַז די קריטיק פון אַ וועלכן נישט איז מענטשן אָדער פון אַ וועלכן נישט איז דור זאָל אַרומנעמען די גאַנצע נאַטור פון דיכטונג אָדער זאָל אויסשעפּן אַלע פאָרמען פון איר אָנווענדבאַרקייט.“

מיט אַנדערע ווערטער — קיין שום פאָרעם פון דיכטונג קאָן נישט זיין אידענטיש מיט דער דיכטונג, ווייל זי איז בלויז אַ טייל פון דער דיכטונג. און אַ טייל קאָן נישט אויסשעפּן די גאַנצקייט.

פונקט ווי קיין שום פלאַנץ קאָן נישט רעפּרעזענטירן די בלי־קראַפט פון דער נאַטור.

וואָסערע מינים פלאַנצן עס זאָלן נישט אָפּשטאַרבן, שטאַרבט מיט זיי נישט אָפּ די בלי־קראַפט וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט.

און אָט דערזע איך אַ שורה ביי דעם דיכטער דזשאָהן קיטס, ווו ער דריקט עס אויס פשוט און קלאָר:

„די דיכטונג וועט קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן אויף דער ערד.“

מב) „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן"

איך געדענק אַן אומפאַרגעסלעכע סצענע אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין.

פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז אָנהויב דער צווייטער, איז די יידישע דיכטונג אין פוילן על־פי־רוב געווען סאָציאַל־באַפאַרבט (און נישט זעלטן טאָקע גאָר שטאַרק). זייער אַ סך דיכטערס האָבן זיך געפילט געטראָפן פון דעם, וואָס מען לייגט אַזויפיל אַכט אויף מאַנגערן, דעם „עסטעטישן" דיכטער, בעת דער מזרח־וואַנט, די פאָרשטייער פון דער אמתער דיכטונג, דער סאָציאַלער, שענקט מען אַזוי וויניק אויפמערקזאַמקייט אָדער מען באַציט זיך צו זיי נעגאַטיוו.

ווען עס איז דערשינען מאַנגערס קליין ביכעלע „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער", — אַ ביכל וואָס איז און וויל טאַקע זיין בלויז שיין (מאַנגער זאָגט אין פאָרוואָרט צו אים, אז ער שרייבט אים כדי מקיים זיין זיין פּאָעטישן זאָג „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן"), — איז פאָרגעקומען אַן אימפּראָוויזירט־פּריוואַטע דיסקוסיע (צו וועלכער איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט) צווישן אַ גרופּע סאָציאַלע דיכטער און פאַלק האַלפּערנען ע"ה, וועלכער איז געהאַט אַראָפּגעקומען פון ווילנע קיין וואַרשע, פאַר זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל.

און איך געדענק ווי האַלפּערן האָט צונישט געמאַכט (יעדנפאַלס פאַר מיר) אַלע אָנגריפן פון מאַנגערס קעגנערס מיט דער לעצטער חתימה פון דער דיסקוסיע:

— דאָס איז אָבער שיין! דאָס ביכעלע פאַרמאָגט שיינקייט!... איר ווייסט נישט אַלע מאָל אקוראַט אין וואָס די שיינקייט באַשטייט, אָבער איר פילט זי!... ס'איז אַזוי שיין.

איך ספק צי פאַלק האַלפּערן האָט דאַן איבערצייגט די „סאָציאַלע דיכטער" (פּונקט ווי ס'איז דאָ נישט קיין סאָציאַלע דיכטונג! ווען מ'זינגט אין תפיסה אַפילו, אין אַן איינצל־צעלע, איז דאָס זינגען אויך סאָציאַל, ווייל עס איז באַשטימט פאַר אַ וועלט, צו וועלכער מ'בענקט, וועלכע מען פילט אין זיך און מ'רעדט זיך דורך מיט איר, מ'גיט איר צו וויסן וואָס מ'פילט), אָבער איך האָב געפילט, אַז ער רעדט נישט וועגן דער שיינקייט פון אַ מאָדע־מאָדעל, נאָר וועגן יענער דיכטע־רישער שיינקייט, וואָס פרעסט אייך צונויף דאָס האַרץ פון גערירטקייט, וואָס פאַרכאַפּט אייך דעם אָטעם מיט איר ריינער, אומגעוווינטער לופט פון די העכסטע הויכן.

דער עכטער מאַנגער, דער ווערטפולער, איז נאָר דאָרט, ווו ער פילט און גיט די דאָזיקע שיינקייט.

„קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן" איז נישט אמת אין קאָנקרעטן זין פון וואָרט — סאַראַ סך שיינקייט עס גייט פאַרלוירן אין אונדזער מיאוסער וועלט אומבאַמערקט, אומבאַקאַנט; אָבער דאָס דיכטערישע

געפיל איז דאָך גערעכט: אין זיין לײדנשאַפטלעכן איינזויגן און פאַרקערפּערן שיינקייט־רגעס ליגט פאַר אים, סוביעקטיוו, די געוויסהייט, אַז קיין איין רגע שיינקייט גייט נישט פאַרלוירן. ווי איז מעגלעך, אַז דאָס ווערטפולסטע זאָל פאַרלוירן גיין?

אָבער שאַ... אפשר איז דער דיכטער גערעכט אויך אין קאָנקרעטן זין פון וואָרט: עס איז געגוג ער זאָל דערפילן דעם צער פון די מיליאָנען שיינקייט־רגעס, וואָס רינען אויס אין זאַמד, כדי ער זאָל זיי אַלע מוציא זיין מיט זיין צער־געפיל און מיטן דיכטערישן אויסדרוק פאַרן דאָזיקן צער־געפיל, וואָס ער גיט אין זיין ליד.

ווען איך לייען מאַנגערס לידער, דערמאָנט ער מיר אַן א שיעור מאָל אין זיין וואַרעמען און וווּנדערבאַר־וויברירנדיקן פּערז: „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן".

מאַנגער געהערט צו די, וועלכע דערלאָזן נישט דערצו. ער איז איינער פון די מיפּולע זאַמלער פון די דאָזיקע רגעס, וואָס זענען דאָס ווערטפולסטע, וואָס די מענטשהייט האָט דערוואָרבן און קאָן דערווערבן פון איר גאַנצער מי און פּיין.

מג) די טרייסטנדיקע קראַפט פון דיכטונג

דער גרויסער אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט וויטמאַן האָט געשריבן צו זיין מוטער פונעם שפּיטאָל, ווו ער האָט געפלעגט די קראַנקע בעת דעם קריג צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שטאַטן, פאָלגנדיקס:

„מאַמע! היינטיקן אָונט... האָב איך די גאַנצע צייט פאַרבראַכט ביים בעט פון אַ יונגן בחור... — ער האָט... זייער אַ שווערע וווּנד. ער האָט מיך געבעטן פאַרצולייענען אים דעם נייעם טעסטאַמענט... איך האָב אים פאָרגעלייענט יענע קאַפּיטלעך, ווו עס ווערן באַשריבן די לעצטע שעהן פון יעזוס קריסט און ווי אַזוי מען האָט אים געקרייציקט. דער אומגליקלעכער האָט געבעטן פאַרצולייענען אים אויך וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געשען דער תחית המתים... דאָס לייענען האָט אים געטרייסט, אין זיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן (אָ, דער גלויבן דורך טרערן! — י. ר.). ער האָט מיר געפרעגט צי איך גלויב. איך האָב געענטפערט: נישט אַזוי ווי דו, און אפשר — טאַקע אזוי ווי דו. ער האָט מיר געענטפערט: „גלויבן איז מיין עיקרדיקער אָנשפּאַר".

און איך גלויב, אַז ביכער ווי דער נייער טעסטאַמענט ברענגען טרייסט נישט נאָר דאַן, ווען מען גלויבט אין זיי; זייער טרייסט פאַר אַ סך מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס אַ דאַנק זייער פּאָעטישער קראַפט רייסט זיך דער מענטש אַרויס פון די ענגע פערזענלעכע ראַמען און ער נעמט שפּירן דעם אָטעם פון

שאַפט פּאַראַייביקט געוואָרן דורך היינריך היינען אין זיין בוך „לע גראַנד״, האָט מיטגעריסן אויך אליהו חלפן הלוין און אים פאַרוואַנדלט אין אַ דיכטער אויף איין מאָל.

דאָס באַווייזט דאָך אָבער, אַז פּאָעזיע ווערט תמיד געשאַפן אויף איין אופן, סיי דאַן, ווען זי איז פאָלקסטימלעך, סיי דאַן, ווען זי איז אינדיווידועל. די דאָזיקע אָפּגעדעקטע וואָרצלען פון דיכטונג קאָן מען זען בלויז אין נישט קאָמפּליצירטע פאַלן פון פּאָעטישן שאַפן; ווען דאָס דאָזיקע שאַפן ווערט אָבער קאָמפּליצירט, גייען זיינע וואָרצלען אַוועק אין אַזאַ טיף, זיי פלעכטן זיך אַזוי איבער, אַז עס איז שווער פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין זייער געדיכטער נעץ.

דאָרט, ווו עס קאָנדענסירט זיך שטאַרק, גאָר שטאַרק די עמאָציע, שלאָגט אומפאַרמיידלעך אַרויס דער בליץ פון דיכטונג.

מעלבורן, 1947

ה) דער דיכטער ווי אַ טראַגישע פערזענלעכקייט

די מאַכט פון וואָרט־קונסט איז אַזוי גרויס, איר גלאַנץ אַזוי בלענדנדיק, איר טרייסטנדיקע און דערהויבנדיקע קראַפט אַזוי אומצעשטערבאַר — אַז מענטשן האָבן דעם וואָרט־שעפער (ווי דעם קינסטלער בכלל) אַרומגענומען מיט אַן אָרעאָל, מ׳האָט פון אים געשאַפן אַ קולט, ווי פאַר אַן אומשטערבלעכן, מ׳האָלט אים פאַרן גליקלעכסטן פון די מענטשן, וואָס זיין גורל איז מקנא צו זיין. און ווער טרוימט דען נישט אין דער יוגנט וועגן אַ לאָרבער־קראַנץ פון אַ דיכטער?

אַ טייל אמת איז דאָ אין דאָזיקן געפיל פון מענטשן. וואָס קאָן דען פאַרשאַפן אַ גרעסערן לעבנס־עקסטאַז, ווי אַ גרויסער שאַפונגס־מאָמענט? ווען עס גיט זיך אונדז איין, מיט דער הילף פון אַ דיכטער, צו דערשפּירן דעם ריטם פון וועלט־און־לעבן, פילן מיר, ווי דאָס גאַנצע אַלטעגלעכע לעבן אונדזערס ווערט פאַרטראָגן, ווי טרוקן שטויב, פאַרן דאָזיקן איין מאָמענט עקסטאַז. היינט ווי גוט מוז זיין דעם דיכטער?

אָבער דאָס דאָזיקע געפיל אונדזערס איז בלויז איין זייט פון דער מטבע, וואָס פאַרשטעלט פאַר אונדז איר צווייטע זייט, וועלכע געטע האָט אויסגעדריקט אין צוויי שורות פון זיין טאַרקוואַטאָ טאַסאָ:

„דער לאָרבער־קראַנץ איז דאָרט, ווו ער דערשיינט פאַר דיר,
אַ צייכן מער פון ליידן, ווי פון גליק״.

אַנדערע ווילן האָבן, אַז דאָס מענטשלעכע שאַפן בכלל איז אַ רעזולטאַט

פון ליידן, פון קראַנקהייט, פון אומנאָרמאַלקייט, ווי דער פּערל איז אַ רעזולטאַט פון דער מושלס אַ קראַנקהייט. יעדער מין מענטשלעכער שאַפן געפינט זיך אַזוי אַרום אונטערן חשד פון אומנאָרמאַלער, פיינפולער אָפּשטאַמונג. צי די דאָזיקע מיינונג איז בכלל ריכטיק, און אויב יאָ — טאָ אויף ווי ווייט — די דאָזיקע פראַגן אינטערעסירן אונדז דאָ נישט, ווייל מיר ווילן באַטראַכטן נישט די ליידן, וועלכע ברענגען צום שאַפן, נאָר יענע, וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון שאַפן, ד. ה. אונדז אינטערעסירט דאָ די קונסט נישט ווי אַ רעזולטאַט פון ליידן, נאָר ווי אַ קוואַל פון ליידן. כ׳וויל שוין אָבער גלייך פון אָנהייב באַמערקן, אַז דער טיפסטער קוואַל פון קינסטלערס ליידן, דאָס וואָס מאַכט אים פאַר אַ טראַגישער פערזענלעכקייט, וועט זיך צום סוף פון אונדזער ארבעט אַרויסשטעלן ווי איינער פון די וויכטיקסטע סטימולן פון קינסטלערישן שאַפן, ד. ה. אַז אין לעצטן גרונט באַגעגענען זיך אין דער קונסט דער רעזולטאַט און דער קוואַל פון איר ליידנס-וועג.

מאָפּאַסאַן קלאָגט זיך ערגעץ אויפן ביטערן גורל פון קינסטלער. ער פאַרלירט אַ געליבטן מענטשן, ער איז דערדריקט. אָט שלינגט שוין אײַן די ערד דעם טייערסטן וועזן, אַלע אַרום — פריינט און באַקאַנטע — טרויערן אויפריכטיק, אָדער כדי זיך אַרויסצושטעלן מיט זייער מיטגעפיל, און אָט הויבט אָן צו אַרבעטן אין טיף-ליידנדיקן מענטשן דער קינסטלער. ער הויבט אָן צו אַנאַליזירן זיינע געפילן, צו באַאָבאַכטן דעם אַרום. זיין גאַנצער קינסטלערישער מעכאַניזם רייסט זיך אַריין צווישן מענטשן און זיין אוממיטלבארן צער, און לאָזט אים נישט געניסן די לעצטע טרייסט פון לעצטן פּשוטסטן מענטשן: די טרייסט פון אויסטרינקען דעם בעכער ביזן סוף. דער קינסטלער געפינט זיך אין דער לאַגע פון יענעם קעניג פון דער לעגענדע, וואָס האָט אַלץ פאַרוואַנדלט אין גאָלד, צו וואָס ער האָט זיך נאָר צוגערירט, און אַליין שטאַרבט ער פון הונגער. אַלץ, וואָס גייט דורך דורכן אויג און האַרץ פונעם דיכטער, פאַרוואַנדלט ער אין גאָלד, און אַליין איז ער הונגעריק נאָך אַן אוממיטלבאַרן צוזאַמענזיין מיט זיין מענטשלעכן טרויער אָדער פרייד, ווען דאָס אַלץ, וואָס מ׳לעבט איבער, דינט נישט ווי מאַטעריאַל. ווי שטאַרק איז דער ווילן פון פאַרשאָלטענעם קעניג, אַז דאָס פּשוטע, ראַזאָווע ברויט פון אַ מענטשנס פּשוטן מאָלצייט זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן תמיד אין גאָלד!

כ׳געדענק נישט צי מאָפּאַסאַן האָט די דאָזיקע קינסטלער-שטימונג געגעבן אין אַ דערציילונג אָדער (גיכער פאַר אַלץ) אין די אינטימע בלעטלעך פון זיין „אויפן וואַסער״. יעדנפאַלס האָט ער אַזוי רירנדיק באַשריבן די אַריינמישונג פון זיין קינסטלער-מעכאַניזם צווישן אים און זיין אוממיטלבאַרער טרויער-איבער-לעבונג, אַז ביז אויפן היינטיקן טאָג קלינגט עס אין מיר ווי אַ טיפער באַקלאָגן זיך פון דאָזיקן גרויסן קינסטלער אויף זיין קינסטלערישן גורל. דער קינסטלער

רייסט דאָ פון זיין מענטשלעכן „איך“ די קינסטלערישע הויט, וואָס ברענט אים ווי עסוסעס קלייד — העראַקלעסן.

פאַראַן אָבער, פאַרקערט, פאַלן, ווען דעם קינסטלערס טראַגעדיע באַשטייט דווקא אין זיין אראָפּלאָזן זיך צום צושטאַנד פון דורכשניטלעכן מענטש־ניוואָ.

דער דיכטער דערהויבט זיך אין מאָמענט פון עקסטאַז צו א דערהויבענער וויזיע, צו א האַרמאָנישן אויפנעמען אין זיך די וועלט און דאָס לעבן. זיין שאַפונג הויבט אָן צו פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן, זי לעבט זיך אויס אין דער ווירקלעכקייט דורך ווירקן אויף מענטשן. אַדאַנק איר לעבן מענטשן איבער דעם צושטאַנד פון זיין שאַפונגס־עקסטאַז, אָבער ער אַליין איז שוין ווייט פון זיין אייגענער שאַפונג, זי איז שוין פרעמד זיין אוממיטלבאַרן געפיל. דאָס ווערק איז דורכגעגאַנגען דורך אים און — אים פאַרלאָזן. ער פילט עס צוערשט, ווי אַ מוטער אַ ניי־געבוירן קינד: שוין פון דרויסן, אָבער נאָך אַזוי נאָענט; אַזוי נאָענט — אָבער שוין פון דרויסן. עס אָטעמט שוין אָן איר הילף; דערנאָך שמייכלט עס צו פרעמדע, צו שונאים; עס איז הונגעריק, ווען זי איז זאַט, און פריילעך, ווען איר איז אומעטיק. און וואָס ווייטער, ווערט עס אַ וועלט פאַר זיך, עס רייסט זיך אָפּ, גייט אַוועק, זיי הערן זיך אויף צו פאַרשטיין, די מוטער בלייבט הינטערשטעליק; עס זינגט, ווען איר קומט אויס, אַז נישטאָ קיין גרונט צו זינגען.

דאָס אייביק־מענטשלעכע, וואָס קריגט אַן אויסדרוק דורך דאָס פערזענלעך־באַגרענעצטע, איז נישט געבונדן צו זיין אויסדריקער, צו זיין געבוירער. דער קינסטלער, ווי די מוטער, איז נאָר געווען אַ וועג, דורך וועלכן ס'איז עפּעס דורכגעגאַנגען און באַלויכטן און שעפעריש געמאַכט, און איצט איז ער ליידיק. ווי שוידערלעך דאָס איז צו הערן פון דער ווייטנס דעם געזאַנג פון אייגענע קינדער און נישט קאָנען מיטזינגען, נישט קאָנען מיטפילן דאָס געזאַנג, ווייל עס איז שוין אמאָל אזוי אומפאַרשטענדלעך, ווי אַן אָפּגעריבענער אַלטער כתב.
ווי אַזוי קומט אויס דעם דיכטער איבערצולעבן דעם דאָזיקן געפיל? נישט יעדעס מאָל אין אַ שאַרפער, פולקאָמער פאָרם, דערפאַר אָבער יעדעס מאָל. גלויבט דעם דיכטער, ווען ער זאָגט, אַז ווי נאָר דאָס בוך פאַרלאָזט דעם דרוק, הערט עס אויף אים צו אינטערעסירן, עס ווערט אים פרעמדלעך. ער ווערט ווי באַפרייט פון אַ גרויסן, שווערן, אָבער אויך באַגליקנדיקן דרוק, פון אַ דערהויבנדיקער, אָבער אויך פייניקנדיקער לאַסט. ער פאַלט ווי אַראָפּ פון אַ הויך, אויף וועלכער ער וועט אפשר מער קיינמאָל נישט קאָנען ארויפקריכן. אויף דער ערד איז ניכטערער, רואיקער, אָבער שטויביק־גראָ. דער קינסטלער פילט זיך דעגראַדירט.

וואַרשע, 1937

ו) וואָס אַזוינס איז אַ דיכטער?

דער דיכטער איז אין דער פאָרשטעלונג פונעם דורכשניטלעכן מענטשן פאַרבונדן מיט אומפּראַקטישקייט. און דאָס איז ריכטיק אין אַ סך אַ טיפערער מאָס, ווי עס דוכט זיך אויבנאויף. נישט נאָר דער דיכטער, ווי אַ פּערזאָן, איז אומפּראַקטיש, — די דיכטונג ווי אַ געוויסער צושטאַנד פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, פון דער מענטשלעכער שטימונג, איז אומפּאַראייִנבאַר מיט פּראַקטיש־קייט, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן, — מיט אַנדערע ווערטער, — ווי מאַטעריעלע צוועקמעסיקייט.

געוויס, מען קאָן אויפווייזן, אַז דער און דער דיכטער איז געווען — אָדער איז — גאַנץ פּראַקטיש ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, — ער פאַרקויפט פּראַקטיש אַ בוך, ער מאַכט אַ פּראַקטישע רייזע און באַהאַנדלט פּראַקטיש מענטשן. אָבער אויב מען קאָן נישט שטענדיק לייקענען, אַז די דאָזיקע פּראַקטישע זענען אויך דיכטער, קאָן מען אָבער שטענדיק מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אין יענע מאָמענטן, ווען זיי זענען פּראַקטיש, זענען זיי נישט קיין דיכטער, און דאַן, ווען זיי זענען דיכטער, זענען זיי נישט פּראַקטיש. נישט אַלע דיכטער זענען ווי דער נר־תמיד, וואָס ברענט תמיד מיט אַ הייליקן פייער, — אַ סך פון זיי זענען ווי ליכט, וואָס ברענען און צאַנקען און טשאַדען און לעשן זיך אויס, ביז זיי ווערן נישט ווידער אָנגעצונדן.

מען קאָן מיט דער פולער אחריות פעסטשטעלן ווי אַ כלל, אַז דיכטונג מיט פּראַקטישקייט פאָרט זיך פונקט אַזוי ווייניק, ווי פייער מיט וואַסער. און פונקט ווי אַ דיכטער ווערט אויס דיכטער, ווען עס כאַפּט זיך אויף אין אים דער פּראַקטישער חוש, אַזוי איז יעדער מענטש פּאָטענציעל דיכטעריש אין יענע מאָמענטן, ווען דער פּראַקטישער חוש ווערט ביי אים פּאַראַליזירט אונטער דעם אויסברוך פון געפילן, וואָס בילדן די הויפּט־עלעמענטן פון דער דיכטערישער סטיכיע: מיטלייד, התלהבות, באַוווּנדערונג און ביטול פאַר די דערשיינונגען פון וועלט און לעבן, וועלכע מען הערט אויף צו זען און פילן מיט די פּראַקטישע חושים און מען הייבט זיי אָן צו זען מיט אינערלעכע אויגן און פילן מיטן אינערלעכן זעקסטן חוש.

דערציילט מיר אַ נאָענטער פריינט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען קיין דיכטער און ער טראַכט נישט וועגן ווערן אַ דיכטער:

— ווי אַ חדר־ייִנגל האָב איך זיך קיינמאָל נישט געקאָנט שלאָגן. און נישט דערפאַר, ווייל איך בין געווען צו שוואַך, — אדרבא, איך האָב געהאַט אייזערנע הענט. און איך פלעג זיי טאַקע אויסנוצן, אָבער אויף אַן אָריגינעלן אופן: כ׳פלעג אָנכאַפּן דעם קעגנער פאַר די הענט און אים נישט לאָזן שלאָגן. וויפל מאָל כ׳פלעג

וועלן אַ קלאַפּ טאָן, פלעגט די האַנט ווי פּאַראַליזירט ווערן פון אַ מאָדנעם געפיל: ביי דער ערשטער באַוועגונג פון דער האַנט אַ קלאַפּ צו טאָן, פלעג איך דערפילן אַ ווייטאָק אין יענעם אָרט, וווּ מיין קלאַפּ פלעגט זיין געצילט. כ׳פלעג דערפילן א ווייטאָק און מיטפילן דעם קעגנער, וואָס דאַרף באַקומען דעם דאָזיקן קלאַפּ. די צו לעבעדיקע פאָרשטעלונגס־קראַפט, וואָס פלעגט וועקן דאָס מיטגעפיל, האָט מיר געשטערט אָנצוווענדן מיין קלאַפּ, און די האַנט פלעגט בלויז פּאַסיוו זיך שיצן, דורך אָנכאַפּן דעם צווייטנס האַנט און פּיזיש זי פּאַראַליזירן, ווי מיינע איז געווען פּאַראַליזירט פּסיכיש.

און ווען ס׳פלעגט טרעפן — און טאַקע נישט זעלטן! — אַז דער קעגנער פלעגט אויסנוצן די פּיס, אָנשטאָט די הענט, און אַ קאָפּע טאָן, ווי ס׳האָט זיך געלאָזן, פלעג איך שיעור נישט משוגע ווערן פאַר אויפרעגונג: ווי קאָן מען אַזוי לייכטזיניק אַ קלאַפּ טאָן וווּ עס לאָזט זיך? אָבער אויך מיין אויפרעגונג פלעגט נישט העלפן: מיין פּאַראַליזירנדיקע פאָרשטעלונגס־קראַפט פלעגט זיין שטאַרקער פאַר דער אָנטרייבנדיקער, אָנשפּאַרנעדיקער קראַפט פון אויפרעגונג, פון באַעוולט זיין; וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, אַז איך פלעג פאָרט אַליין פילן דעם קלאַפּ, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר יענעם, נאָך איידער ער פלעגט געגעבן ווערן?

מיין פריינט האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ דיכטע־רישער אייגנשאַפט זיינער, אויף וועלכער ער ליידט, נישט וויסנדיק וועגן דעם.

און די דאָזיקע אייגנשאַפט באַווירקט אָפט זיין לעבן, הגם ער קאָן איר נישט געבן דעם ריכטיקן נאָמען.

אָט האָט ער אַנומלט דערטאַפּט אין זיין קעשענע אַ פרעמדע האַנט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט און געוואָלט רופן אַ פּאָליציאַנט, אָבער דער פּראַקטישער אינסטינקט איז בליצשנעל פּאַראַליזירט געוואָרן דורך דעם בליק פונעם גנב.

— איך דערפיל פּלוצלינג — דערציילט ער מיר — נישט נאָר זיין האַנט אין מיין קעשענע, נאָר אויך זיין האַרץ ביי אים אינעם בליק. ער איז פול מיט אַזאַ שרעק, מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז איך דערזע זיין גאַנץ געמיט, וואָס זעגנט זיך איצט מיט די נאָענטע, פאַר וועלכע ער האָט צו זאָרגן, וואָס זעט אין שוואַרצע פאַרבן די אייגענע צוקונפט. און דער געשריי „פּאָליציאַנט!״ ווערט פאַרגליווערט אין דער קעל, דערשטיקט, די האַנט ווערט לויז און איך גיי אַוועק, ווי אַ גנב, פאַרשעמט פאַר דעם, וואָס איך האָב געוואָלט טאָן.

דער דאָזיקער פריינט קלאָגט זיך אָפט אויף זיין דאָזיקער שוואַכקייט, וואָס ער רופט אָן מיט רעכט „צו שאַרפע פאָרשטעלונגס־קראַפט״, ווייל וואָס דען איז דיכטונג אויב נישט פאָרשטעלונגס־קראַפט, וואָס איז אַזוי שטאַרק, אַז זי רייסט אָפּ דעם מענטשן פון דער בלויז צוועקמעסיקער ווירקלעכקייט און פאַרטראָגט

אים אין אַ ווירקלעכקייט אַ טיפערע, אַן אומפּראַקטישע, לויט אונדזער נידע־ריקער פּראַקטישקייט.

אַט די דאָזיקע אומפּראַקטישע לעבעדיקע דיכטונג, וואָס ווערט נישט געפורעמט אין וואָרט־שאַפונגען, פורעמט אָבער גאַנץ פּראַקטיש דאָס לעבן אין זיינע פיינערע דערשיינונגען. אַט די דאָזיקע דורכרייסן אין דעם פּראַקטישן לויף פון לעבן, היטן אָפּ דאָס לעבן פון פאַרגליווערט ווערן, האַלטן אויף די פיינערע באַציאונגען אין לעבן צווישן מענטש און מענטש און לאָזן נישט אָפּשטאַרבן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן מענטש און נאַטור.

דיכטונג איז אַזוי אַרום אַן עלעמענט פון לעבן און אַ פאַקטאָר אין לעבן, אפילו נישט אין זיין וואָרט־געפורעמטער פאָרם. דיכטונג ווי אַ לעבנס־סובסטאַנץ איז אַזוי אַרום נישט דער ערך ברייטער פאַר איר ליטעראַטור־פאָרעם, זי איז ברייט ווי דאָס לעבן גופא, זי איז זיינס אַן עלעמענט, וואָס אַן אים קאָן עס זיך נישט באַגיין און וואָס אָן איר, — ווען עס זאָל זיך שוין יאָ קאָנען באַגיין אָן איר, — וואָלט די וועלט געווען אָרעמער נישט נאָר אין ביבליאָטעקן, נאָר אויך אין לעבן גופא, אין זיינע פיינערע אויסדרוקן. פאַר אַלץ, וואָס איז אין לעבן שיין, וואָס מאַכט דאָס לעבן ווערט צו לעבן, האָבן מיר צו דאַנקען דער דיכטונג, דער אומפּראַקטישער דיכטונג, וואָס פּאַראַליזירט צו געבן אַ קלאַפּ און וואָס רופט אַרויס אויפרעגונג קעגן דער טעמפּקייט, וואָס קאָן דעם קלאַפּ יאָ געבן; וואָס מאַכט פאַרגעסן, אַז יענעמס האַנט איז געווען אין מיין קעשענע, און עפנט אויף דעם פרעמדנס האַרץ ביז אין זיינע טיפענישן.

וואָס איז אַזוינס אַ דיכטער?

נישט דווקא אַ מענטש, וואָס שרייבט פערזן, — ער קאָן אפילו קיין צורת אלף נישט קענען, — ער קאָן זיין אַ שוסטער, וואָס קלאַפּט צו אומזיסט אַ פּאָר זוילן אַן אָרעמען שלעפער, ווייל ער דערזעט אַמאָל אין באָרוועסן נישט נאָר דעם קונד, נאָר דעם באָרוועסן מענטשן...

*

אין ריכאַרד בער־האָפמאַנס דראַמאַטישער פּאָעמע „יעקבס חלום" איז דאָ אַ וווּנדערבאַרע סצענע, וואָס גיט אַ דיכטעריש־געפורעמטן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס אַזוינס אַ דיכטער איז.

אין אַ מעכטיקער סצענע צווישן יעקבן און זיין קנעכט, ווערט דער קנעכט דערשטוינט פונעם יינגל, וואָס ער האָט אים אויסגעהאָדעוועט, וואָס ער קען אים פון וויגל אויף און פלוצלינג שטייט ער פאַר אים ווי פאַר אַ רעטעניש: וואָסער קוואַל האָט זיך געעפנט אין אים, וואָס ער ווייסט אַלצדינג?! און דער קנעכט רופט אויס:

„ווער ביזטו, ווער — וואָס ווייסט אָזוינס צו זאָגן!
„אַלס האָר געבוירן — און ווייסט דעם קנעכטס געמיט?
„קיינמאָל מיין היימלאַנד נישט געזען און ברענגסט די בשורה מיר
פון איר:
„פילסט מיט דער חיה — אַליין נאָך קיינמאָל נישט געליטן,
„און יעדע פיין איז נאָנט דיר... דו, יינגלינג — ווער
„האָט דיר געזאָגט, וואָס אַלט זיין איז?...
— — — — — — — —
„וואָס ביזטו, יינגלינג, זאָג — ווער — וואָס?!!"

און „יעקבס חלום" גיט אַן ענטפער אויף דעם קנעכטס דאָזיקער פראַגע:

„וואָס רופט צו מיר אין פינצטערניש? וואָס רעדט?
„בין איך דען נישט אַליין?"
דער קוואַל:
„ווייל דו — ווייל דו ביזט יעקב,
„קאָנסטו דאָס קיינמאָל זיין.
יעקב:
„ווער רעדט?
דער קוואַל:
„צי קלינגט עס דיר ווי שפראַך —
„פאַרנעמסטו מיין געדאַנק,
„ווייל דו — ווייל דו ביזט יעקב?
„איך בין, איך רויש אַוועק,
„אַ קוואַל, פון טיפענישן ברעך איך דורך,
„דורך פעלז, אַ וועג פאַר זיך, —
„ווייל דו, יעקב, פאַרנעמסט מיין שפראַך,
„בין איך נישט איינזאַם מער!
„עס הערט מיך נישט געוויקס, חיה, שטיין —
„דעם בוראס שטערן זענען ווייט.
„בלויז איין יעקב, וואָס הערט מיך צו,
„נעמט צו מיין איינזאַמקייט!
יעקב:
„ביזט טרויעריק אַזוי?
דער קוואַל:
„וואָס איך בין —
„ווי קאָן איך וויסן עס? זאָג דו מיר דאָס,
„ווייל דו, ווייל דו ביזט יעקב —

„נייגסט צו דיין האַרץ צו אַלעם —
„נעם מיך מיט מיט דיר — און אויב דיין טאָג
„האָט פאַר מיר קיין רו און רוים —
„טאָ לאָז מיך רוישן יעדע נאַכט
„דורך יעקבס טרוים״...

אָט דאָס איז אַ דיכטער: אַלץ לעבט נאָר פאַר זיך — פּראַקטיש, — נאָר דער געפלאָגט־באַשאַנקענער מיט דיכטונג נעמט אויף אַלע עקזיסטענצן אין זיך, אפילו די שטומסטע עקזיסטענצן זענען פאַר אים נישט צו שטום ער זאָל נישט פאַרנעמען זייער שפּראַך, זייער טעמפּע בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג, זייער טעמפּן צער נאָך דערפילונג. דער דיכטער נעמט אויף אין זיך אַלץ, הערט אויס אַלע, נישט קימערנדיק זיך וועגן דער פּראַקטישקייט דערפון, פאַרקערט — קעגן דער פּראַקטישקייט. ווען יעקב ווונדערט זיך וואָס עמעצער רופט צו אים: „בין איך דען נישט אַליין?״ ענטפערט אים דער קוואַל: „ווייל דו, ווייל דו ביזט יעקב, קענסטו דאָס קיינמאָל זיין.״

און ווען עשיו וואַרפט פאַר יעקבן זיין אויסדערוויילטקייט, ענטפערט אים יעקב מיט גרענעצלאָזן טרויער: הייסט „אויסדערוויילט זיין״: נישט קענען קיין טרוימלאָזן שלאָף, זעאונגען ביינאַכט און שטימען אומעטום — ביי טאָג? בין איך דען אויסדערוויילט?! אויסדערוויילט דערצו, אַז אַלץ, וואָס ליידט, זאָל רופן מיך, זאָל זוכן מיך, זאָל קלאָגן זיך פאַר מיר? אַז אַפילו דער בליק פון דער חיה, וואָס גוססט שטום, זאָל פרעגן מיך: „פאַרוואָס?״

יעקב. דער דיכטער וועט זיך נישט בייטן מיט עשיון, ער וואַרפט אָפּ יענעמס פאָרשלאָג צו אַנטלויפן פון דאָזיקן גאָט, אָבער דאָך רעדט ער וועגן זיין אויס־דערוויילטקייט מיט גרענעצלאָזן טרויער, ווייל וואָס קאָן אַ פּראַקטישער עשיו פאַרשטיין אין דער קאָמפּליצירטער, פאַרשאָלטענער געבענטשטקייט פונעם דיכטער יעקב?

וואָס איז אַזוינס אַ דיכטער? אַ מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך אַ זיסע לאַסט, אַ פאַרשאָלטן־געבענטשטע זיסע לאַסט.

מעלבורן, 1946

ז) די פּראַקטישע דיכטונג

ווער האָט אויסגעטראַכט דעם בלבול, אַז דיכטונג איז נישט פּראַקטיש? אַז אין „אַזעלכע צייטן״ זענען דאָ וויכטיקערע זאָרגן, ווי פאַרנעמען זיך מיט דיכטונג? ווער האָט געמאַכט דעם דאָזיקן בלבול־אַטענטאַט אויף דאָס סאַמע פּראַקטישע, אויף דאָס פּראַקטיש־נויטווענדיקסטע — אויף דער דיכטונג, וואָס

פעלט אונדז גראָד היינט, אין „אַזעלכע צייטן", וואָס פעלט אונדז אין אונדזער טאָג־טעגלעכקייט ?

*

נישטאָ — זאָגט מען — קיין שלעכטס אָן גוטס ; אָבער צום באַדויערן איז אויך נישטאָ קיין גוטס אָן שלעכטס.

די פעאיקייט פונעם מענטשן צו אַבסטראַקטע געדאַנקען, צו פּאַראַלגע־מיינערן, צו אַבסטראַהירן, איז איינע פון די וויכטיקסטע פעאיקייטן פון מענטשן. ער האָט איר אַ סך צו פאַרדאַנקען אין זיין גייסטיקער דעראָבערונגס־געשיכטע. די דאָזיקע פעאיקייט איז פאַראַן אין אַן אַנטוויקלטער פאָרם בלויז ביי אינטע־לעקטועל־הויכשטייענדיקע מענטשן. ביים פּרימיטיוון מענטשן איז די דאָזיקע פעאיקייט נאָך שוואַך, נישט אַנטוויקלט ; אָבער דאָס דאָזיקע גוטע פאַרמאָגט אין זיך אַזויפיל שלעכטס !

דאָס אַבסטראַקטע דענקען ווערט באַגלייט דורך האַרצלאָזיקייט, דורך אַטראָפיע פון דער מיטפילנדיקער פאָרשטעלונגס־קראַפט. די ליבע צו דער גאַנצער וועלט איז אָפט פאַרבונדן מיט אכזריות צום קאָנקרעטן שכן, צו די נאָענטסטע מענטשן. די אַבסטראַקטע פאָרשטעלונג איז אַזוי ברייט, אַז עס פאַלן אַרויס פון אירע וועלט־אַרומנעמענדיקע אָרעמס דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס היימיש־נאָענטע, דער „בין אדם לחברו".

איך האָב אַמאָל געטראָפן אין אַ פּאַרק פון מיין היימשטאָט אַ מערקווירדיקן מענטשן : אַ הויכער, אָן אויסגעדאַרטער, ווי אַ סקעלעט, איז ער אין משך פון לאַנגע יאָרן אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט, ווי אַ געשפּענסט, שרעקנדיק אַלט און יונג. ער איז באַקאַנט געווען ווי אַ מאָרפיניסט ; אַלץ, וואָס ער פלעגט צונויפבעטלען, פלעגט ער אויסגעבן אויף מאָרפיום. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער לעבט בלויז פון דעם. און ס'איז געווען מאָדנע : ווי אַזוי האַלט זיך די נשמה אין אַזאַ צעבראָכענעם קערפער ? און עס האָט געוויילט פון דאָזיקן מענטשן מיט עפּעס מיסטישעס : אַ לעבעדיקע מומיע, וואָס דער טויט האָט אויף איר קיין שליטה נישט.

און אָט דער דאָזיקער מענטש, אַ רוס, איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן נעבן מיר, זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין באַנק און נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו פאַרווירקלעכן מיין ערשטן אימפּולס — אַנטלויפן ! — האָט ער מיך צוגעשמידט צום אָרט מיט זיין רעדן. דער זין פון זיינע „יענץ־וועלטיקע" רייד איז געלעגן, ווי אין אַ מאָטאָ, אין איינעם פון זיינע זאַצן, וואָס האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון אויף אייביק : „מען דאַרף אָנהויבן פון ווערעמל". אויב מען קאָן נישט ליב האָבן קיין ווערעמל, קאָן מען קיינעם נישט ליב האָבן. דאָס איז דער פונדאַמענט. דורך דאָס נישטיק־קאָנקרעטסטע — צום ברייט־אַבסטראַקטן.

אויב עס איז מעגלעך צו דערפילן אַמאָל „די גאַנצע תורה אויף איין פוס״, האָב איך זי דאַן באַגריפן. יענער מאָמענט איז געווען איינער פון די, ווען מען פילט, אַז מען בליקט אַריין אין אַ פונדאַמענטאַלן אמת פון לעבן.

ס׳אַראַ חורבן די קראַפט פון אַבסטראַקציע, פון קאָנען פּאַראַלעגמיינערן, האָט אַריינגעבראַכט אין דער וועלט.

ווי לייכט מיר רעדן אַרויס און מיט וואָסער געפיללאָזיקייט מיר לייענען: דריי מיליאָן זעלנער געפאַלן אויפן רוסישן פראָנט! זעקס מיליאָן יידן פאַרגאַזט, פאַרברענט! מיר זעען נישט דאָס „ווערעמל״ און מיר פילן נישט מיט זיין גסיסה־פּיין — מיר אַבסטראַהירן: עפּעס אַבסטראַקטס — דריי מיליאָן זעלנער, זעקס מיליאָן יידן! — איז פאַרטיליקט געוואָרן.

טוט אַ ייד אַן עוולה אַ קריסט — איז גלייך דאָ אויף דער שטעל די פעאיקייט צו פאַראַלגעמיינערן: די יידן זענען שווינדלער!

אָבער צו וואָס זוכן ווייטע, „אַבסטראַקטע״ ביישפּילן, — לאָמיר נעמען אַ קאָנקרעטן פאַקט פון אונדזער טאָג־טעגלעכקייט אין אַ שאַנכיי, אין אַ מעלבורן:

ס׳איז געוויינטלעך איבערצולעבן אַן עוולה מצד אַ דייטשן ייד, מצד אַ פּליט, און אונדזערע פּוילישע יידן און די תושבים כאַפּן זיך צום צוויי־שניידיקן שווערד פון אַבסטראַקציע (ער פאַרלענדט מאַראַליש סיי דעם שניידער, סיי דעם געשני־טענעם): אַלע דייטשע יידן זענען אַזעלכע! אַלע פּליטים זענען אַזעלכע!

און פאַרקערט אויך: טאָמער איז דער באַעוולטער אַ פּוילישער ייד אָדער אַ תושב (צי פון שאַנכיי, צי פון מעלבורן), איז ווידעראַמאָל: אַלע פּוילישע יידן זענען אַזעלכע! אַלע מעלבורנער יידן זענען אַזעלכע!

אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אויף דער דאָזיקער אַבסטראַקציע־קראַנקהייט קרענקען מיר אַלע, אַזוי אָפט טרעפט מען זיך צונויף מיט אירע דערשיינונגען ביי אַלע ארומיקע און ביי זיך גופא.

און איך שוידער אָפטמאָל אויף פאַר זיך און פאַר אַנדערע: אַליין קרבנות פון דער דאָזיקער אַבסטראַקציע־עפּידעמיע (וואָס דען איז דער אַנטיסעמיטיזם, אויף וואָס דען שטיצט ער זיין הערשאַפט, אויב נישט אויף דער דאָזיקער צוויי־שניידיקער פעאיקייט?), מענטשן פון זעלבן אָפּשטאַם (נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פאַרפרעמדקייט), פאַרגיפטן מיר זיך קעגנזייטיק מיט די זעלבע אַבסטראַקציע־מיקראָבן! מיר פילן גאָר נישט ווי אומגערעכט מיר זענען צו פאַראומגליקטע מענטשן (לאָמיר שוין אויסמיידן דעם סענטימענטאַלן וואָרט: ברידער!) אָדער צו סתם מענטשן.

געוויס, מען טרעפט־אָן געוויינטלעך אָפּשטויסנדיקע מענטשן, מען באַמערקט צופיל אָפּשטויסנדיקע שטריכן, — אָבער צי דען זענען טאַקע אַלע דייטשע יידן געמאַכט אויף איין קאָפּיטע און אַלע זענען זיי פּאָסט־סענטימענטאַל, קליינלעך־אַראָגאַנטיש, אומערלעך און אומסימפּאַטיש, לויט די פּאָר מוסטערן, וועלכע מיר

האָבן צופעליק באַגעגנט? צי דען זענען טאַקע נישטאָ קיין גוטע און איידעלע צווישן זיי?

און דאָס זעלבע אויך בנוגע די פּוילישע יידן. און דאָס זעלבע בנוגע די איינגעזעסענע יידן (ווען זיי ווערן געמשפּט דורך פּליטים).

די דאָזיקע אומגערעכטיקייט לגבי מענטשן איז נישט נאָר אַן עוולה, — דאָס איז אַ טראַגעדיע: זי האָט געשאַפן אַ וואַנט צווישן די דייטשע און די רוסישע יידן, צווישן די דייטשע און די פּוילישע יידן אין שאַנכיי און זי שטעלט־אויף ווענטלעך אויך אין מעלבורן און אין סידנעי. די אַבסטראַקציע פאַרשטעלט פאַר אונדז דאָס קאָנקרעט־מענטשלעכע, דאָס מענטשלעך־טראַגישע, וואָס מיט דעם האָט געוואוימלט אונדזער געמיינזאַם פּליטימש לעבן אין שאַנכיי און אומעטום, אין אונדזער אַלגעמיין־יידיש לעבן אין מעלבורן און אומעטום. דאָס מאַכט אונדז נישט נאָר אומגערעכט, נאָר אָרעמער אין מענטשלעכע איבערלעבונגען, אין מענטשלעכן מיטגעפיל, אין מענטשלעכער פאַרשטענדעניש, — מיט איין וואָרט, דאָס מאַכט אונדז געוואַלדיק אָרעם אין מענטשלעכער וואַרעמקייט, און דאָס ברענגט שאָדן אונדזער מאָראַלישן געזונט.

די דאָזיקע קרענק פון אַבסטראַקציע ברענגט מיט זיך שלעכטע פּראַקטישע רעזולטאַטן, — די לופט אין אונדזער לעבן איז אָנגעפילט מיט שנאה, מיט חשד, מיט טעמפּער פרעמדקייט, מיט בייסנדן אומרעכט לגבי דעם מיט־מענטשן, צי ער געפינט זיך אין דער זעלבער גויט, צי ער לעבט אין ווילטאָג. מיר פאַרמערן אין דער וועלט, און אין דער ערשטער ריי אין אונדזער אייגענער וועלט, די זעלבע אומגערעכטיקייט, פון וועלכער מיר זענען קרבנות.

און וואָס קאָן באַזייטיקן די דאָזיקע פּראַקטישע אומגערעכטיקייט פון דער אַבסטראַקציע?

בלויז איין זאַך: די כלומרשט אומפּראַקטישע דיכטונג.

מיט אַרגומענטן וועט איר דאָ גאָרנישט מאַכן: ערשטנס, זענען דער רוב מענטשן נישט צוגענגלעך פאַר לאָגישע אַרגומענטן, און צווייטנס, זיי נעמען זיי טאַקע אויף אין די מוחות, אָבער זיי האָבן נישט פון דאָרט קיין קאַנאַלן צום האַרצן, צום געפיל.

בלויז דיכטונג קאָן איבערשליסן די שטימונג און אָנגיסן די אַרגומענטן מיטן באַוועגנדיקן כוח פון געפיל. בלויז דיכטונג קאָן אָנכאַפּן מיט אַ מעכטיקער האַנט די אַבסטראַקציע און זי אומקערן צום קאָנקרעטן, צום פונדאַמענט, צום „ווערעמל״.

*

שטעלט זיך פאַר: עס קומט אַ דיכטער, וועלכער זעט די וועלט נישט דורך די טויטנדיקע ברילן פון אַבסטראַקציע, נאָר מיט דורכדרינגנדיקע אויגן, וואָס זעען דאָס קאָנקרעטע דורך און דורך, און דער דאָזיקער דיכטער פירט

אונדז אינטים צונויף אין אַ ליד, אין אַ נאָוועלע, אין אַ ראָמאַן מיטן לעבן, מיט דער וועלט פון אַ דייטשן ייד אין שאַנכיי, מיט דער וועלט פון אַ גרופּע דייטשע יידן אין שאַנכיי, מיט דער וועלט פון די פּוילישע יידן, מיט דער אינערלעכער וועלט פון די מעלבורנער יידן, און יעדע מענטשלעכע טראַגעדיע, וואָס דער דיכטער וועט אויפדעקן, יעדעס מענטשלעך געפיל, וואָס ער וועט אונדז אַנטפּלעקן אין דער אַבסטראַקציע „דייטשער ייד", „פּוילישער פּליט", „מעלבורנער גביר" וועט רייסן דעם פּאַנצער פון אַבסטראַקציע, וועט אויפדעקן דאָס קאָנקרעטע מענטשלעכע לעבן, וועט אונדז ווייזן די קאָלירפולקייט פון דער כלומרשט־איינהייטלעכער אַבסטראַקטער וועלט פון „דייטשן ייד", „פּוילישן ייד", „מעל־בורנער ייד", וועלכע מיר שאַפן זיך אין אונדזער אימפּאָטענץ אויפצונעמען זי אין איר קאָנקרעטער, פּראַקטישער אינדיווידועלקייט.

זאָל זיך נאָר באַווייזן אַ היימישער דיכטער ערגעץ־ווו אויף אַ פּאַרסמטן באָדן, זאָל ער נאָר אַ קליינינקן הויב טאָן דעם פּאַרהאַנג, וואָס דעקט־צו די אינטים־מענטשלעכע וועלט, — די אינטים־מענטשלעכע וועלטן און דערש־טערנ־דיקע טראַגעדיעס, — פון טויזנטער אויסגעוואָרצלטע, פּאַרקריפּלטע עקזיסטענצן, פון אומזיכערער איינגעפונדעוועטקייט, און דאָס גאַנצע בילד פון אונדזערע קעגנזייטיקע באַציאונגען וועט זיך נעמען ענדערן. מיר וועלן פּאַרלירן די גאַוהדיק־פּוסטע זיכערקייט פון אונדזער אַבסטראַקציע־אורטייל, מיר וועלן זיך נעמען באַוועגן פּאַרזיכטיקער ביים באַאורטיילן מענטשן און זייערע האַנדלונגען, מיר וועלן ווערן וואָכזאַמער לגבי דער אַבסטראַקציע „דייטשער ייד", „פּוילישער ייד", „מעלבורנער אַלרייטניק", כדי נישט צו צעטרעטן אַ צאַרט געפיל, וואָס נעמט זיך אפשר גראָד איצט פּאַנאַנדערבליען, אומבאַמערקט פאַר אונדז, און אונדזער אַ פּראַסטיקער בליק אָדער אַ קאַלט וואָרט טויט עס אין אָנהויב בליען.

בלויז דיכטונג קאָן אַריינברענגען אַן ענדערונג אין די נישט־פּאַסיקע באַצי־אונגען צווישן די פּאַרפּרעמדטע ברידער, — די קרבנות פון איין אומגערעכטיקייט.

בלויז דיכטונג קאָן דערפילן אויך אין דאָזיקן פּאַל די דאָזיקע פּראַקטיש־נויטיקע און מענטשלעך־שיינע אויפגאַבע, ווי דאָס איז איינע פון אירע הויפּט־פונקציעס בכלל.

און דווקא זי, די דאָזיקע דיכטונג, זאָל עס זיין נישט פּראַקטיש? דווקא זי זאָל דאָס זיין איבעריק אין „היינטיקער צייט", וואָס נוטיקט זיך מער ווי וועלכע נישט איז תקופה אין דער געשיכטע אין א קעגן־גיפט קעגן דער טויטנדיקער אַבסטראַקציע? וואָס נויטיקט זיך מער ווי וועלכע נישט איז תקופה אין דער געשיכטע אין לעבעדיקן, אינטימען קאָנטאַקט צווישן מענטש און מענטש, — דווקא זי זאָל דאָס זיין איבעריק און אומפּראַקטיש, זי, די איינציקע, וואָס קאָן אונדז דאָס שענקען?!

דווקא זי?!

איז דען דאָ אַ בעסערער באַוויז פאַר דער גייסטיקער פאַרבלאָנדזשעטקייט פון אונדזער צייט, וועלכע וויל אָפּהאַקן און שטויסט אָפּ די איינציק־רעטנדיקע האַנט!

1949

ח) דיכטונג ווי אַ ווילן צו אומשטערבלעכקייט

וואָס איז דיכטונג?

נישט נאָר יעדער דיכטער, קריטיקער און עסטעטיק־פאָרשער שטעלט זיך די דאָזיקע פראַגע אַן אַ שיעור מאָל, — אויך יעדער ליבהאָבער פון דיכטונג בלייבט אָפט שטיין פאַר דער דאָזיקער פראַגע, וואָס געהער צו דער קאַטעגאָריע אייביקע פראַגן: וואָס איז די וועלט? גאָט? לעבן? ליבע? עטיק?

די דאָזיקע פראַגן לעבן איבער אַלע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, אַלע פילאָזאָפישע און עסטעטישע סיסטעמען און אַפילו אַלע אינטואיטיוו־טיפע ענטפערס אויף זיי, — ווייל אויך די דאָזיקע טיפסטע ארייגבליקן אין די טיפסטע פּראָבלעמען איבערצייגן און באַפרידיקן בלויז אַ קורצע צייט: ווען זייער צייבער הויבט אָן צו פאַרשווינדן, זעט מען זיך ארום, אַז זיי האָבן נישט אָפּגע־שאַפט די אייביקע פראַגן, זיי האָבן זיי נישט געלייזט ענדגילטיק, זיי האָבן בלויז איינגעשטילט אויף אַ קורצער צייט דעם נאָגנדיקן אומרו...

וואָס איז דיכטונג?

איך גופא האָב שוין אומצאָליקע מאָל איבערגעלעבט די דאָזיקע פראַגע. נישט געשטעלט, נאָר טאַקע איבערגעלעבט, ווייל דער אונטערשייד איז גרויס: שטעלן שטעלט מען אַ פראַגע מיטן מוח; פון נייגעריקייט, פון וויסנגיריקייט, פון ליבע צו מוח־גימנאַסטיק און צו בויען סיסטעמען; איבערלעבן לעבט מען איבער אַ פראַגע, ווייל זי גיט אַ ברי אין האַרצן און זי ווערט דער צענטראַלער פּונקט פון לעבנס־געפיל; שטעלן שטעלט מען אַ פראַגע, ווייל מען וויל זי לייזן פאַר אַלעמען; לעבן לעבט מען איבער אַ פראַגע, ווייל מען מוז זי לייזן פאַר זיך. און איך גופא האָב זי שוין אומצאָליקע מאָל געלייזט, געגעבן אויף איר ענטפערס, וואָס באַפרידיקן מיך ביז — ביז די פראַגע גיט ווידער אַ ברי אין האַרצן מיט אורשפּרינגלעכער קראַפט און פאָדערט נאָך אַן ענטפער.

יעדער ווייטערדיקער ענטפער איז דערביי גאָרנישט מחויב צו זיין אַן אָפּלייקענונג פון די פריערדיקע; ער קאָן בלויז אויסברייטערן דעם אמת, אָדער אים מאכן דערזען פון אַן אנדער פּערספּעקטיוו. זייער אָפט איז אַ נייער אמת נישט קיין טויט־אורטייל אויף אַן עלטערן, — ער ווייזט בלויז אויף, אַז דער אַלטער אמת איז געווען נאָר אַ טיילווייזער אמת, וועלכער האָט דורך זיין נייקייט אַזוי געבלענדט און פאַרבלענדט, אַז ער האָט מיט זיך פאַרשטעלט די אַנדערע

אַספּעקטן אָדער טיילן פונעם אמת. דער אמת ברייטערט זיך אויס אין קאָנצענ־טרישע קרייזן.

און ווען איך גיב זיך איצט אַ נייעם ענטפער אויף דער אַלטער פראַגע: וואָס איז דיכטונג? וויל איך דורך אים לחלוטין נישט מבטל מאַכן מיין אַלטן ענטפער — אַז דיכטונג איז א ביאָלאָגישע פונקציע, א ביאָלאָגישע נויטווענדי־קייט, אָדער גענויער: אַ ביאָלאָגיש־סאָציאַלע פונקציע, אַ ביאָלאָגיש־סאָציאַלע נויטווענדיקייט. איך ברייטער בלויז אויס מיט מיין נייעם ענטפער דעם אלטן אמת. און מיין נייער ענטפער איז, אַז דיכטונג איז אַ דראַנג צו אומשטערב־לעכקייט, אַ פּרווו צו אנטרינען פאר דער מורא פון טויט, אַ פּרווו גובר צו זיין גייסטיק דעם פיזישן טויט.

דיכטונג איז מורא פאַרן טויט און ווילן צום לעבן.

און נישט אין באַנאַל־אַבסטראַקטן זין — ווילן צו לאָזן אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור־געשיכטע, ווילן צו בלייבן אין מענטשלעכן זכרון, אויף מענטשלעכע זינגענדיקע ליפּן, — נאָר אין קאָנקרעטן זין: יעדעס געבוירענע געפיל, יעדע פריידיקע אָדער טרויעריקע טיף־איבערגעלעבטע איבערלעבונג האָט מורא פאַרן פאַרגיין, האָט אַ פאַרלאַנג צו בלייבן לעבן, צו זיין אומשטערבלעך.

בלייבן! נישט אומקומען! זיך פאַרקערפּערן אין אַ דויערנדיקער פאָרעם! לעבן אייביק! — אָט די טיפסטע ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט, וואָס באַהערשט אונדזער פיזיש וועזן, באַהערשט אויך אונדזער גייסטיק לעבן. און היות דיכטונג איז אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט, איז זי אויך אַן אויסדרוק פון דער ביאָלאָגישער בענקשאַפט פון מענטשן נאָך דויער, אומשטערבלעכקייט.

דיכטונג — אַלס כוללדיקער באַגריף פון קונסט בכלל — איז די שענסטע פאָרם — די גייסטיקסטע, — פונעם ווילן צום לעבן, וואָס איז אָפט גאָרנישט אַזוי שיין, וואָס איז אָפט אַזוי גראָב־מאַטעריאַליסטיש, חיהש־אַכזריותדיק.

ווען איובסליידן ווערן אומדערטרעגלעך, שרייט ער אויס:

„הלוואי ווערן נאָר אויפגעשריבן מיינע ווערטער!
„הלוואי ווערן זיי אין א בוך פאַרצייכנט!
„מיט אַן אייזערנער פען און בליי
„אויף אייביק אין פעלדז איינגעהאַקט!"

די פיזישע ליידן איובס וועלן דערפון נישט ווערן קלענער, אָבער זיי וועלן — פאַר זיין געפיל — ווערן זינפולער — זיי וועלן ווערן אומשטערבלעך, — זיינע ווערטער, זיינע ליידן וועלן פאַרשריבן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות, מען זאָל וויסן אויך דאַן וועגן זיינע ליידן און וועגן זיין בונט קעגן גאָט, — זיינע ליידן זאָלן נישט שטאַרבן צוזאַמען מיט אים, — זיי זאָלן אייביק לעבן אין אַ דיכטערישן אויסדרוק.

*

דיכטונג איז דראַנג צו שלימות: די פרייד זאָל זיין ווי צום רייגסטן, דער טרויער ווי צום שטאַרקסטן א. אז. וו. אָט דער דראַנג צו שלימות איז אַן אנדער פּאַרעם פון דעם זעלבן דראַנג צו אומשטערבלעכקייט. צי קאָן דען זיין אַ גרעסערער דיסאַנאַנס צו שלימות ווי דער טויט, וואָס לאָזט נישט פאַרענדיקן אַזוי פיל זאַכן, וואָס רייסט איבער אַזוי פיל זיך וועבנדיקע פעדעם? דער דראַנג שלימותדיק צו פאַרקערפּערן אַן איבערגעלעבט געפיל, אַ באַמערקטן לעבנס־פונק, איז אין תוך דער זעלבער דראַנג צו געבן זיי דויער, אומשטערבלעכקייט, און דערפון נעמט זיך דאָס געפיל, וואָס איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט יעדער — אַקטיווער צי פּאַסיווער — דיכטונג־איבערלעבונג, אַז דיכטונג לייזט אויס, גיט אַ תיקון יעדער איבערלעבונג, — אַפילו דער גרויזאַמסטער. אין דער פּאַרעם פון דיכטונג באַקומט דאָס צופעליקע, דאָס זינלאָז־גרויזאַמע (וואָס איז פאַרמישט מיט אַזויפיל לעבנס־פּסולת) — דעם זין פון שטיין אין צענטער — אָן שום צומישן — פון אַ לעבן, פון דער וועלט, — דאָס צופעליק־אומפּולקאָ־מענע איז געוואָרן שלימותדיק, דאָס זינלאָז־רגעדיקע, ווי אַ פונק אין אַ נעפּל, ווערט אַן אייביקער נר־תמיד.

דיכטונג איז אַ כסדרדיקער קאַמף קעגן דער גרעסטער פּגימה פון לעבן, — די פּגימה פון שפּורלאָזן פאַרשווינדן, די פּגימה פון פאַרגעסנקייט, די פּגימה פון אומפולקאָמענקייט.

און דערפאַר איז דיכטונג אומשטערבלעך: כל זמן עס איז דאָ אויף דער וועלט א פונק לעבן, וועט שפּראָצן דיכטונג, ווייל דער פונק לעבן וויל נישט שפּורלאָז פאַרשווינדן, וויל נישט אומקומען זינלאָז נאָך אַ זינלאָז לעבן.

דעריבער רייסט זיך יעדער פון אונדז צו פאַרקערפּערן אונדזער גרויסע קאַטאַסטראָפע, — אויך דאָ ווירקט דער פאַרלאַנג צו מאַכן זי אומשטערבלעך, אַרויסרייסן זי פונעם צופעליק־אומשלימותדיקן און געבן איר אַן אויסגעלייטערט־שלימותדיקע פּאַרעם, ד. ה. אומשטערבלעכקייט, אומפאַרגענגלעכקייט, — זיכערן פאַר איר אַן אייביקן טיפן אָפּקלאַנג אין מענטשלעכער טיפער איבער־לעבונג.

*

אַ דיכטער איז, אַזוי אַרום, דער, ווער עס פילט דעם ווייטאָק פון אַלץ וואָס נישט שלימותדיק און דעם געגוס פון אַלץ וואָס איז שלימותדיק. אַ דיכטער איז דער, וואָס „געניסט" מער אַ שלימותדיקע טראַגעדיע אַפילו אין אייגענעם לעבן, ווי א פּגימהדיקע נישט שלימותדיקע פרייד. אַ דיכטער איז דער, וואָס מאַכט קיינמאָל נישט שלום מיטן געפיל פון „עס און טרינק, ווייל מאָרגן וועסטו שטאַרבן", ווייל ער בענקט תמיד נאָך אומשטערבלעכקייט, נאָך דויער. אַ דיכטער

איז דער, וואָס די אַנוועזנהייט פון טויט און אומפולקאָמענקייט אין לעבן מאַכט אים נישט פאַר קיין ציניקער, נאָר פאַר אַן אייביקן קעמפער קעגן דער נישט־שלימותדיקער וועלט־אָרדענונג.

אַ דיכטער איז דער, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט איינשלינגען דורך דעם פּראַקטישן איצט, דורך דעם אומפולקאָמענעם מאָמענט, — דער דיכטער איז דער „טויגעניכטס״, דער טרוימער, דער אומנאָרמאַלער, אויב איר ווילט, דער וואָס רעבעלירט קעגן די סדרי בראשית, ווייל נישט שלום מאַכן מיט זיי.

וואָס זענען די סיבות וואָס שאַפן ביי אַ טייל מענטשן די אומנאָרמאַלע אייגנשאַפטן פון אַ דיכטער?

דאָס לאָזט זיך נאָך דערווייל (נאָר דערווייל?) נישט דעטאַלירן. אָבער איין סיבה איז קלאָר: אַ שאַרפערע שפּירבאַרקייט, וואָס באַנעמט שאַרפער דעם עלעמענט פון טויט, פון אומשלימותדיקייט אין לעבן.

אויף דער דאָזיקער אייגנשאַפט וואַקסן אויס אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן, וואָס שאַפן דעם דיכטער און דיכטונג.

„קיום״, נומער 11 (35)

ט) וועגן ריינער פּאָעזיע און קאַמף־ליטעראַטור

ווען איך שטיי אין ביבליאָטעק און וואַרף דורך די ניי־דערשינענע ביכער, קומט פאַר אין מיר גאַנץ אָפט אַ „ויתרוצצו״ (אינערלעכער קאַמף): זאָל איך נעמען ווידער אַ צייט־ראָמאַן, אָנגעלאָדן מיט שטורעם־בליצן, אָדער אַן אינטים־דיכטעריש ווערק? און היות איך האַלט נישט, אַז אַן אינטים־דיכטעריש ווערק, אַ ליבע־ראָמאַן, אָדער אַ ריין פּסיכאָלאָגישע טעמע, איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אָדער לכל הפחות רעאַקציאָנער, נעם איך אַמאָל אַזאַ אומצייטמעסיק ווערק. איך פיל אַ באַדערפעניש פון גייסטיקער אָנטשפּאַנונג, פון גייסטיקן שלאָף (מיט חלומות, ווו אַפילו די שטורעמס זענען אויך אידיליש אין פאַרגלייך מיט די צייט־שטורעמס). אָבער עס טרעפט זייער אָפט, אַז עס פעלט די נויטיקע גייסטיקע רו, כדי זיך אָפּצורוען, עס פעלט דאָס ביסעלע אָנטשפּאַנונג, וואָס איז נויטיק צו אינוועסטירן אין לייענען, כדי צו געניסן עס הונדערטפאַך ביים לייענען און נאָכן איבערלייענען. עס איז נישט קיין עוולה, עס איז אפילו נויטיק, אָבער עס איז אָפט אוממעגלעך.

*

עס איז אָנגענעמער צו לייענען אַן אינטימע דיכטונג איידער אַ צייט־ראָמאַן, פונקט ווי ס׳איז אָנגענעמער צו מאַכן אַ זומער־רייזע, ווי זיצן אין אַקאָפּעס אויפן פראָנט; אָבער אין אַ מלחמה, וואָס גייט דיר אָן מער ווי ביזן

קנעפּל, ווו עס שטייט אין קאָן דער זין פון דיין וועלט־אַנשויאונג, דאָס געפיל פון לעבנס־גלייכגעוויכט, — אין אַזאַ צייט וועסטו לאָזן דאָס אינטים־ליבסטע און זיצן אין די אָקאָפּעס אויף איינעם פון די קאַמפּס־פראָנטן.

נייך, עס איז נישט קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, נישט רעאַקציאָנער, ווען דער זעלנער הויבט אויף פון אָקאָפּ זיין בליק און לאָזט אים פאַרזינקען אין בלויען הימל, טיף־טיף, ביז אין דער אומענדלעכקייט אַריין. נישט נאָר עס איז נישט רעאַקציאָנער, נאָר עס איז נויטיק: דער זעלנער מוז זיך פון צייט צו צייט אָנלאָדן מיטן קאָנטאַקט פון ריינעם קאָסמאָס, מיטן קאָנטאַקט פון ריין־מענטש־לעכעס, כדי צו קאָנען ווייטער טראָגן דעם שווערן יאָך, דעם שווערן פליכט־געפיל. עס איז נישט קיין פאַרברעך, נישט קיין אומזיסטע צייט־פאַרשווענדונג, עס איז ביז גאָר נויטיק, אָבער עס איז אַזוי זעלטן מעגלעך.

אין ראָמען ראָלאַנס אַרטיקלען־זאַמלונגען פון דער מלחמה־צייט, דערציילט ער, אַז אין גאָר שווערע מאָמענטן, פלעגט ער זיך אָפּרייסן פון דער פאַרשאָלטן־פאַרצווייפלטער צייט־זאַוויערוכע און, כדי צו פאַרגעסן זיך, כדי זיך אָפּצופרישן, לייענען קאַרל שפּיטעלערס, דעם שווייצערס, אַן עפּאָסדיק ווערק.

אין אנרי באַרביס „פייער", אין דאָזיקן בוך, וואָס באַשטייט בלויז פון צעשטורעמטן כאַאָס און צעשטורעמטן שמוץ, ווו די גרויסע מענטשלעכע ריינקייט און שיינקייט אַפילו איז איינגעראַמט אין שרעקלעכס און עקלדיקס, — אין דאָזיקן ווערק איז דאָ איין קליינער מאָמענט, וואָס טיילט זיך אויס פון גאַנצן ווערק: דער זעלנער, אין וועמענס נאָמען דאָס בוך איז געשריבן, גייט אַוועק, אין אַ רואיקערן מאָמענט, ווייט פון די אָקאָפּעס, און ער קוקט אַריין (נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג) דער נאַטור אויג אין אויג, ער כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ קאָשמאַר.

ראָלאַנס געפיל ביים לייענען קאַרל שפּיטעלערס אַ בוך; דאָס געפיל פון באַרביסעס זעלנער ביים אַריינקוקן דער לאַנג־נישט־באַמערקטער נאַטור אין די אויגן, — קיינמאָל האָבן מיר נאָך נישט פאַרשטאַנען און דורכגעפילט אַזוי גוט די דאָזיקע געפילן, ווי גראָד אין היינטיקער צייט, ווען מיר קאָנען זיך נישט אָפּרייסן, שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר, פריער פון די מלחמה־ווערק און איצט פון די אַנטי־פאַשיסטישע ווערק.

ווען דאָס אויג פאַלט, ביים בלעטערן אין קאַטאַלאָג, אויף טאָמאַס מאַנס „בודענברוקס", אויף הוגאָ פאַן האָפמאַנסטאַלס געדיכטן און דראַמען, אויף גאָטפריד קעלערס ראָמאַנען און דערציילונגען, גיט אַ ציטער דאָס האַרץ פון דער דעריננערונג: עס ווילט זיך נעמען די דאָזיקע אינטים־מענטשלעכע דיכטונגען, די דאָזיקע גרויסע מוזיקאַלישע וואָרט־שאַפונגען, די דאָזיקע טיפע זאָנדירונגען פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און מענטשלעכע גורלות — אָבער דער ווילדער צייט־שטראָם טרייבט אונדז אַרום פון איין קעסל־גרוב זיינעם צום

אַנדערן: מיר קאָנען זיך נישט אָפּרייסן, מיר האָבן כמעט נישט קיין אויג און קיין אויער פאַר עפּעס אַנדערש. נישט די דיכטער האָבן צייט, נישט די דירעקטע קעמפער אויף אַלע פראָנטן און נישט די גרויסע רעזערוו־ארמיי אויף די אומצייליקע געביטן הינטער די פראָנטן.

*

נישט נאָר עס איז דערלויבט, — עס איז אפילו א געבאָט: מען מוז זיך אַנלאָדן פון צייט צו צייט מיט האָריזאָנטן־ברייטקייט, מיט געמיט־טיפקייט, מיט פּשוטער מענטשלעכקייט אין איר אידילישקייט און איר טראַגיק, — אָבער דאָס איז אונדז אַזוי זעלטן מעגלעך, פּונקט ווי דאָס איז אַזוי זעלטן מעגלעך די שרייבער און דיכטער, וואָס דער צייט־קאַמף איז זייער קאַמף. ווי גערן זיי וואָלטן זיך אָפּגעטובלט אין אַ אינטים־מענטשלעך פּראָבלעם, ווי גערן זיי וואָלטן זיך גייסטיק אנטשפּאַנט! אָבער די פליכט און די צייט פאָדערן זייערס, און נאָר פון צייט צו צייט רייסט זיך אָפּ איינער, אָדער אַ צווייטער און גיט אַ קוק אויג אין אויג דער נאַטור, דער ליבע, דעם קאָמפּליצירטן מענטשלעכן כאַראַקטער.

בלויז פון צייט צו צייט רייסן מיר זיך אָפּ פון די צייט־ראָמאַנען און מיר כאַפּן זיך מיט מיט אַ דיכטער אויף זיין איי̇לי̇קן אויספלוג, אין דער אייביקייט אַריין...

וואַרשע, 1937

י) פּעסימיזם און אָפּטימיזם אין דיכטונג און אין לעבן

אין אָנהויב צוואנציקסטן יאָרהונדערט איז ביי דער יוגנט זייער אַקטועל געווען די פראַגע וועגן אָפּטימיזם און פּעסימיזם. די יוגנט פון נאָך דער מלחמה, וואָס איר אויפמערקזאמקייט איז כסדר צוגעשמידט צום אויסערסט־פאַרשאַרפטן עקאָנאָמישן לעבנס־קאַמף און צום וויכערדיק־דינאַמישן געראַנגל צווישן פאַשיזם און סאָציאַליזם, אָט־די יוגנט קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, סאַראַ אָרט עס האָט פאַרנומען די טעאָרעטישע פראַגע וועגן פּעסימיזם און אָפּטימיזם ביים אויסבילדן די וועלט־אַנשויאונג פון דער פאַרמלחמהדיקער גענעראַציע.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע וועלט־אַנשוילעכע אַמפעריען האָבן זיך געטראָגן פון לעבן אין דער ליטעראַטור און קאָפּויער. אין אַ גרויסער טייל פון דער ליטעראַטור האָט געהערשט דער גייסט פון אָטאָ ווייניגער און מאָריס מעטערלינק (פון זיין ערשטן — און איצטער אויך לעצטן — פּעסימיסטישן פּעריאָד): — דאָס הייסט, דער פּעסימיזם איז געפּאַנצערט געווען אין טעאָרעטישע און געפילס־עלעמענטן.

די ליטעראַרישע אָנהענגער פון אָפּטימיסטישן לעבנס־קוק פלעגן פאָרוואַרפן די פעסימיסטן, אַז זייער פעסימיזם ציט זיין יניקה פון אַ — שלעכטער פאַרדייאונג. די דאָזיקע ליטעראַרישע אָפּטימיסטן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן, צוזאַמען מיט אַ מאַקס נאָרדוי, געפונען די קוועלע פון פעסימיזם אין דער שלעכטער פאַרדייאונג.

מען דאַרף נישט זיין קיין צו שאַרפער גייסט, כּדי איינצוזען די גאַנצע נישטיקייט פון דאָזיקן מאָגן־אַרגומענט. וואָרום אויב דער פעסימיזם ווערט געפּסלט צוליב זיין מאָגן־אָפּשטאַמונג, ווערט דאָך, דורכדעם, ממילא געפּסלט אויך דער אָפּטימיזם, וועלכער שטאַמט בלויז פון אַ געזונטן מאָגן...

ביי דער היינטיקער יוגנט שפּילט שוין נישט אַזאַ גרויסע ראָלע דער אַבסטראַקט־ליטעראַרישער דיספּוט וועגן פעסימיזם און אָפּטימיזם. דאָך וואָלט געווען איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פראַגע איז אינגאַנצן פאַרשווונדן פון מענטשלעכן האָריזאָנט (ווי קאָן גאָר די דאָזיקע פראַגע אינגאַנצן פאַרשווינדן, בעת זי ליגט אין גרונט פון אונדזער לעבן?). היינט טראָגט שוין אָבער נישט דער שטרייט אַזאַ אַבסטראַקטן און פיזיאָלאָגישן כאַראַקטער; ער האָט באַקומען אַ מער־קאָנקרעטע און אידעאָלאָגישע באַפאַרבונג. דער פעסימיזם איז נישט קיין אויסדרוק פון אַ שלעכט־פונקציאָנירנדיקן מאָגן, נאָר פון אַן אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס. און פאַרקערט: דער אָפּטימיזם ליגט נישט אין דער גוטער פאַרדייאונג, נאָר אין אויפקומענדיקן קלאַס. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די אָפּטימיזם־פעסימיזם־פּראָבלעם שפּילט די גרעסטע ראָל אין דער ליטעראַטור און אין דער וועלט־אָנשויאונג פון די צוויי לענדער, וווּ דער קלאַסנקאַמף האָט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען: אין ראַטנפאַרבאַנד און אין דייטשלאַנד.

✽

דער מאָגן־אַרגומענט קעגן פעסימיזם און אָפּטימיזם איז וווּלגאַר, — נישט דערפאַר, ווייל ער איז, כּלומרשט, אין גאַנצן פאַלש, נאָר דערפאַר, ווייל ער גיט צו דעם ריכטיקן מאָגן־פאַקט אַ צו־גרויסע באַדייטונג. געוויס: אַ מענטש מיט אַ שלעכטער פאַרדייאונג איז געוויינלעך שלעכט געשטימט און שוואַרץ־זעעריש. אָבער נישט דער דאָזיקער מאָגן־פאַקט איז דער פאָטער פון „קהלת״ און פון בודיזם, פון איין זייט, און פון ניטשעס דיאָניזאָס־דיפיראַמבן און ווערהאַרנס הימנען צום לעבן, פון דער צווייטער.

דאָס זעלבע איז אויך מיטן קלאַסן־אַרגומענט פאַר און קעגן פעסימיזם. געוויס: פּערזענלעכער, ווי קלאַסן־אונטערגאַנג, ברענגט אַריין אין אַ שלעכטער שטימונג, פּונקט ווי פּערזענלעכער און קלאַסן־אויפשטייג ברענגט אַריין אין אַ גוטער שטימונג. ווייל מען אָבער דערקלערן יעדן פעסימיזם און יעדן אָפּטימיזם

מיטן קלאַסן־מאָמענט, ווערט ער פאַרוואַנדלט פון אַ ריכטיקן פּרט אין אַ מעכאַניש, טויטן אלץ־דערקלערער.

און צו אַזאַ מעכאַנישער ראָל איז די קלאַסן־דערקלערונג פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם דעגראַדירט געוואָרן דורך דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק.

*

פּעסימיזם איז די געמיט־שטימונג פון אונטערגייענדיקן קלאַס; אָפּטימיזם — פון אויפשטייגנדיקן. פּעסימיסטישע ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור פון דער אונטערגייענדיקער בורזשואַזיע; אָפּטימיסטישע — פון פּראָלעטאַריאַט. פּעסימיסטישע ליטעראַטור איז דעריבער — רעאַקציאָנער; אָפּטימיסטישע — רעוואָלוציאָנער.

אָט דאָס איז, אין אלגעמיינע שטריכן, דער געדאַנקענגאַנג פון דער דאָזיקער ליטעראַטור־קריטיק אין דאָזיקן פּונקט.

די דאָזיקע אַקסיאָמע האָט שוין אָנגעמאַכט אַ חורבן נישט נאָר אין דער ליטעראַטור־קריטיק, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור גופא. באַזונדערס אין ראַטנפאַרבאַנד,* ווו די דאָזיקע אַקסיאָמע געהער צו דער פאַרפליכטנדיקער גענעראַל־ליניע.

די דאָזיקע אַקסיאָמע איז אָבער פאַלש צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס, איז בכלל יעדע מעכאַנישע צעטיילונג נישט גילטיק פאַרן מענטשלעכן גייסט און געמיט. פּונקט ווי נישט יעדער מיטגליד פון בורזשואַזן קלאַס איז רעאַקציאָנער און נישט יעדער מיטגליד פון אַרבעטער־קלאַס — רעוואָלוציאָנער, אַזוי איז אויך נישט יעדער אָפּטימיזם — רעוואָלוציאָנער און נישט יעדער פּעסימיזם — רעאַקציאָנער.

איז דען דער אָפּטימיזם פון מוסאָליניס און היטלערס מלוכה־ און ליטעראַטור־אַפּאַראַטן רעוואָלוציאָנער? איז דען דער פּעסימיזם פון די פאַרראַטענע דייטשישע אַרבעטער רעאַקציאָנער?

*

נישט מורא האָבן פאַרן טויט איז די שענסטע אייגנשאַפט פון מענטשן. ווען מען לייענט, אָדער מען זעט ווי אַ הייסער חסיד שטאַרבט מיט שמחה, ווייל ער דערנענטערט זיך צום קוואַל פון ריינער פרייד; ווען מען זעט, ווי אַ רעוואָ־

* אין זיין ביכל „מאָסקווע 1937" ברענגט ליאָן פויכטוואַנגער פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן פאַל: אַ רעדאַקטאָר פון אַ ביכל דערציילונגען האָט פאַרבראַקירט אַ דערציילונג וועגן אַ פליער, וועלכער שלאָגט אַ וועלט־רעקאָרד און ווערט דערנאָך געהרגעט: דאָס איז צו פּעסימיסטיש פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, פאַר אַן אויפשטייגנדיקן קלאַס. ווי וווּלגאַר! ווי פלאַך!

לוציאַנערער אַרבעטער גייט רואיק צום עשאַפאָט, ווייל ער טראָגט אין זיך דעם גרעסטן אוצר, — דאָס געפיל, אַז ער האָט דערפילט זיין פליכט אין סוווערענער פרייהייט (ווייל — אָן מורא פארן טויט), — ווען מיר זעען די דאָזיקע און ענלעכע פאקטן), שפירן מיר אוממיטלבאַר — אָן דער באַטייליקונג פון אונדזער אורטיילס־קראַפט, — אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערהויבן אויפן העכסטן שטאַפל פון שטאָלצער מענטשלעכקייט. נישט מורא האָבן פארן טויט איז גרעסער, ווי אומשטערבלעכקייט, און אַ אומשטערבלעכער העלד איז דער, וואָס ווערט נישט געליימט אין זיינע האַנדלונגען דורך דער מורא פארן טויט אין פולשטענדיקער פרייהייט פון אויסערלעכן צוואַנג. ווען אַלע מענטשן וואָלט זיך איינגעגעבן גובר צו זיין אין זיך די מורא פארן טויט, וואָלט אין איין מינוט געווען געקומען די אויסלייזונג, ווייל דער מענטש וואָלט געווען געוווּנען די אבסאָלוטע סוווערענע האנדלונגס־פרייהייט, עס וואָלט פארשווונדן דער גרעסטער דרוק, אונטער וועלכן די מענטשהייט געפינט זיך.

איז דען אָבער יעדער אַרט נישט מורא האָבן פאַרן טויט — העלדישקייט? פאַראַן אַזאַ מין נישט־מורא־האָבן פארן טויט, וואָס איז — טעמפּקייט, באַוועגטקייט צום חיהשן צושטאַנד, קנעכטשאַפט, אינסטינקט־געוואָרענער צוואַנג. ווען דער יאַפּאַנישער זעלנער איז גרייט אויפגעריסן צו ווערן צוזאַמען מיט די גראַנאַטן, מיט וועלכע ער וואַרפט זיך אויפן שונאס פּאָזיציעס, פילט ער אויך נישט קיין מורא פאַרן טויט, אָבער דאָס קומט פון קנעכטשאַפט, פון טעמפּקייט, אויב נישט פון אויסערלעכן, איז פון אינערלעכן אינסטינקט־געוואָרענעם צוואַנג, — נישט פון סוווערענער פרייהייט, דעם איינציקן באַדינג פאַר עכטער, ס'הייסט — גייסטיקער העלדישקייט.

בלויז די פרייהייט פון דער טויט־מורא איז מענטשלעך־ווערטפול, פרייהייט־לעך־סוווערען, ווען איר טרעגער ווייסט דעם חבוט־הקבר פון טויט־שרעק, ווען איר טרעגער קאָן זיך אַריינפילן אינעם טרויער פון לעבנס־אָפּשטאַרבונג, אָבער ער איז דאָס גייסטיק גובר צוליב העכערע צוועקן, צוליב זיין מענטשלעכן שטאָלץ, צוליבן ווילן צו זיין סוווערען אין זיינע האנדלונגען, אָן דעם טויט־דרוק.

נישט אין דער גרינגשעצנדיקער באַציאונג צום טויט, נישט אין דער וווּליונגערישער באַציאונג צו דער לעבן־פאַרענדיקונג ליגט דאָס העכער־מענטשלעכע! דאָס העכער־מענטשלעכע באַשטייט אין גובר זיין אין זיך די מורא פאַרן טויט, די ליבע צום לעבן, — אין נאָמען פון עפּעס העכער־מענטשלעכס.

דאָס זעלבע איז גילטיק פאַר פּעסימיזם און אָפּטימיזם, אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור.

*

דער פּעסימיזם ווי אַזעלכער, ווי אַ וועלט־אַנשוילעכע דערשיינונג, ליגט

נישט אינעם שלעכטן מאָגן, פּונקט ווי דער עכטער וועלט־אַנשוילעכער אָפּטי־מיזם ליגט נישט אין גוטן; זיי ליגן אָבער אויך נישט, אין לעצטן סך־הכל, אינעם אונטערגייענדיקן קלאַס און אינעם אויפשטייגנדיקן.

דער פּעסימיזם ליגט אין מענטשלעכן גורל אין דער וועלט, ווי אויך אינעם גורל פון דער מענטשלעכער געשיכטע. ווי אַזוי זאָל דער מענטש נישט דורכמאַכן קיין קריזיסן פון פּעסימיזם, אויב ער פאַרלירט עלטערן, געליבטע, קינדער; אויב מען ווערט עלטער און עס שטייט פאַר צו פאַרלאָזן די וועלט מיט אירע אידילישע און טראַגישע שיינקייטן; אויב מען זעט אויף טריט און שריט אין לעבן און אין דער געשיכטע אומגערעכטיקייט און געוואַלד?

אויב דער וויל־יונגערישער אָפּטימיזם איז אָבער אַ קינד פון טעמפּער אומפּילבאַרקייט, פון אַנונגסלאָזיקייט, איז דער דאָזיקער וויסנדיקער פּעסימיזם אַ קינד פון אַ העכערער אַרט אומוויסנדיקייט. דער פּעסימיזם שאַצט ריכטיק אָפּ דאָס געפּיל פון פאַרלירן די מוטער, אָבער ער פאַרגעסט בשעת מעשה די גרייטקייט פון דער מוטער מקריב צו זיין צען מאָל אַ טאָג דאָס לעבן פאַר איר קינד; דער פּעסימיזם שאַצט ריכטיק אָפּ דאָס געפּיל פון צוזען טאָג־טעגלעך די כוואַליע גוואַלד־מעשים, אין וועלכער די מענטשהייט פאַרכליניעט זיך, אָבער ער פאַרגעסט בשעת מעשה די קעמפנדע שווימער, וועלכע שווימען קעגן שטראָם פון דאָזיקן אומרעכט־געוויסער. דער פּעסימיזם זעט ריכטיק דאָס לעבן, אָבער — בלויז פון איין זייט. דער אמתער, טיף־וויסנדער וועלט־אַנשוילעך־ווערטפולער אָפּטימיזם אָבער זעט די וועלט פוןביידע זייטן: אַ מחנה פאַשיסטישע כוליגאַנעס איז באַרעכטיקט אַרויסצורופן נישט נאָר אַ געפּיל פון פּעסימיזם: ווי טיף דער מענטש קאָן פאַלן!, נאָר אויך אַ געפּיל פון אָפּטימיזם: ווי הויך אַ מענטש קאָן שטייגן, אויב דער זעלבער מין מענטש, וואָס איז פּעאיק אויף פאַשיסטישן כוליגאַניזם, קאָן זיך אויך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פאַריזער קאָמונאַר, פון אַ פרייוויליקן אין שפּאַנישן פרייהייטס־קאַמף.

דאָס העכער־מענטשלעכע באַשטייט באַשטייט אין גובר זיין די מורא פאַרן טויט, פילנדיק זי אין איר גאַנצער פאַקטיש־באַרעכטיקטער גרויס; דאָס העכער־מענטשלעכע באַשטייט אין שפּירן דאָס פּעסימיסטישע אין אונדזער פיזישער עקזיסטענץ און אין אונדזער גזועלשאַפטלעכן לעבן, און אים — גובר זיין דורך שפּירן דעם טראַגישן אָפּטימיזם, וואָס פּילט אויס אונדזער לעבן פון העכער־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון סוווערענער פרייהייט.

איז דען רעאַקציאָנער צו שפּירן אַ געפּיל פון טיפן פּעסימיזם, ווען מען זעט ווי אַזעלכע מעכטיקע אַרבעטער־באַוועגונגען ווי די איטאַליענישע און דייטשישע האָבן זיך געלאָזט אָפּקוילענען אָן אַ מעסער ממש אין משך פון יאָרן, ביז עס איז שוין געוואָרן צו שפּעט פאַר יעדער רעטונג? אדרבא, דאָס איז רעוואָלוציאָנער! רעוואָלוציאָנערער ווי דער ביליקער אָפּטימיזם פון אַ סך

רעוואָלוציאָנערן, וואָס טאָרן אָפיציעל נישט פאַרלירן דעם גוטן הומאָר, ווייל דער זיג איז דאָך זיכער. בלויז די, וואָס האָבן געהאַט טיפע פעסימיסטישע איבער־לעבונגען פון דער דייטשישער טראַגעדיע, וועלן קאָנען שפּירן אין דער גאַנצער טיף דעם אָפּטימיזם, וואָס ווייעט פון שפּאַניע. ווען דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט נישט געווען אַזוי „רעוואָלוציאָנער"־אָפּטימיסטיש ביזן סאַמע סוף, נאָר ער וואָלט אַריינגעפאַלן — גלייך ביי די ערשטע פעלערן פון דער פירונג — אין טיפן פעסימיזם, וואָלט זיך דער פעסימיזם אפשר פאַרוואַנדלט מיט דער צייט אין זיין קעגנזאַץ, אין טעטיקן אָפּטימיזם, אַנשטאָט וואָס דער אָפיציעלער, יאָרנלאַנגער אָפּטימיזם האָט זיך פלוצלינג, ביי דער קאַטאַסטראָפע, פאַרוואַנדלט אין ליימענדיקן פעסימיזם.

טרויער קאָן זיין פונקט אַזוי שעפעריש, ווי פרייד, און פעסימיזם — ווי אָפּטימיזם. פרייד איז ווערטפול, אין טיפערן זין, בלויז דאַן, ווען זי איז נישט בלינד, נאָר אַזוי גרויס, אַז זי איז גובר דעם באַקאַנטן, טיף־באַקאַנטן טרויער. אָפּטימיזם איז ווערטפול, אין טיפערן זין, בלויז דאַן, ווען ער איז נישט וויל־יונגעריש, נאָר ווען ער איז גובר אין העכערער סוועריענער מענטשלעכקייט דעם טיף־באַקאַנטן פעסימיזם.

נישט נאָר איז רעוואָלוציאָנער, ווער עס צעטרעט, ווי איזי כאַריק זאָגט ווולגאַר, דעם אייגענעם טרויער, ווייל טרויער איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, — נאָר יענער, ווער עס לאָזט זיין טרויער זיך אַנטוויקלען ביזן וויסנדן טראַגישן אָפּטימיזם, ווי דער העלד פון אַנדרע מאַלראָס „די צייט פון פאַראַכטונג", אָדער ווי טשען, דער טעראָריסט פון מאַלראָס „דער גורל פון מענטשן", אָדער ווי קיאָ, פון זעלבן „גורל פון מענטשן", כדי צו בלייבן ביי אַין ליטעראַרישן ביישפּיל, אַ היינטצייטיקן, אַ רעוואָלוציאָנערן. און דאָס איז טאַקע איינע פון די סיבות (אָדער רעזולטאַטן), וואָס מאַלראָ איז אַ גרויסער שרייבער. זיינע העלדן זענען נישט וויל־יונגעריש אָפּטימיסטיש, ווי דאָס פאָדערט די מאַרקסיסטישע ליטע־ראַטור־קריטיק, נאָר ער ווייזט דעם מענטשן אומגעפעלשט אין זיין סווערענער פעסימיסטיש־אָפּטימיסטישער פּאָלאַריטעט.

*

און וואָס איז מיט טיף־פעסימיסטישע ביכער און שטימונגען, וואָס דערגייען נישט ביז דעם פּאָלאַרן אָפּטימיזם, וואָס פאַרענדיקן זיך מיטן יאושדיקן אויס־קלאַנג: „תמיד וועט קומען אַ היטלער און פאַרפירן נאָך זיך די מענטשהייט": „עס איז תמיד אַזוי געווען און עס וועט תמיד אַזוי זיין" ?

ווי עס זאָל נישט זיין אונדזער באַציאונג צו אַזאַ יאושדיקער איבערצייגונג, — אויב זי איז טיף, נישט וויל־יונגעריש („טאָ וואָס דאַרף מען זיך אומזיסט אָפּעסן דאָס האַרץ? לאָזט־זשע גיין ווי עס גייט!"), איז לעכערלעך עס אָנצורופן

קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, רעאַקציאָנער. אַזאַ בוך, אַזאַ דיכטונג, אַזאַ שטימונג, געשריבן און איבערגעלעבט מיט וויטיקדיקן יאוש, קאָן גיכער אָנצינדן צו רעוואָלוציאָנערע מעשים (אויב עס איז אַזוי, — איז דער אויסזיכטסלאָזער קאַמף קעגן די אומפאַרמיידלעכע היטלער־רעצידיוון דאָס שענסטע אין דער געשיכטע; דער דאָזיקער קאַמף פאַר אַן אילוזאָרישן זיג איז דאָס פּאָזיטיוו־ווערטפולסטע אין לעבן!), ווי אַ וויל־יונגעריש־פעלשנדיקער אָפּטימיזם פון אַ געוויסן מין „רעוואָלוציאָנערער" ליטעראַטור.

וואַרשע, פעברואַר 1939

יא) קונסט און לעבן

קונסט — זענען אַ סך געוווינט צו זאָגן — איז אַ לוקסוס־אַרטיקל וואָס ווערט פּראָדוצירט דורך און פאַר די אויבערשטע צען טויזנט. בלויז אַ קלאַס, וואָס איז פריי פון מאַטעריעלע זאָרגן, קאָן פּראָדוצירן און געניסן קונסט.

די דאָזיקע קונסט־אַריסטאָקראַטן פאַרבייטן אָבער די יוצרות: אַ כמותדיקע דערשיינונג ווערט ביי זיי פאַרוואַנדלט אין אַן איכותדיקער. קלאָרער' זיך אויסגעדריקט: פון דעם, וואָס דער מאַטעריעל־פאַרזאָרגטער קלאַס פּראָדוצירט און געניסט (אויך נישט תמיד!) מער קונסט, מאַכן זיי אַן אויספיר, אַז קונסט איז אַ לוקסוס־אַרטיקל בלויז פון דאָזיקן קלאַס, וועלכער האָט עס צוגעטראַכט, כדי צו באַרייכערן, צו פאַרפאַרביקן זיין לעבן.

דער רייכער, מאַטעריעל־פאַרזאָרגטער קלאַס עסט מער און פאַרשידנ־אַרטיקער ווי די אָרעמע; ער טראַכט צו, כדי צו רייצן זיין איבערגעזעטיקטן גומען און איבערגעשטאָפּטן מאָגן, פאַרשיידענע געווירצטע פּאַטראַוועס — אַמאָל טאַקע זייער פּיקאַנטע און נערנדיקע און אַמאָל — בפירוש שעדלעכע און נישט־נערנדיקע, — אָבער דעם עסן גופא האָבן די רייכע נישט אויסגעטראַכט, און דאָס פּשוטע עסן פון די אָרעמע, וואָס נעמען עס אויף מיט אויסגעהונגערטע, געזונטע און נאָרמאַל־מידע גלידער, פאַרשאַפט מער גענוס און נערט בעסער, ווי די פּאַטראַוועס פון די רייכע.

פונקט אַזוי ווי מיטן עסן, איז מיט דער קונסט — אויף קיין האָר נישט אַנדערש. קונסט איז פונקט אַזאַ עלעמענטאַרע באַגלייט־דערשיינונג פון לעבן, ווי דאָס עסן. די רייכסטע שפּראַך פון קולטורעלסטן פאָלק וואָרצלט נישט נאָר אין דער פּרימיטיווער צאָל ווערטער און וואָרט־פאַרבינדונגען פון ווילדסטן אַפריקאַנער שטאַם, נאָר אין די קלאַנגען, וואָס עס גיבן אַרויס פייגל און חיות. דאָס איז ווי דער לייטער פון חומש, וואָס מיט איין שפּיץ שפּאַרט ער זיך אָן אויף דער ערד און זיין צווייטער גרייכט אין — הימל אַריין. דאָס זעלבע איז

מיט דער קונסט: געטעס שענסטע געזאַנגען זענען בלויז דער הימל־גרייכנדיקער שפּיץ פון זעלבן לייטער, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף דער ערד אין געזאַנג פונעם אור־מענטשן בעת דער אַרבעט, בעתן געיעג, בעת דער ליבע.

*

קונסט, זאָגט מען, שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן. ריכטיק. אָבער נישט ווי אַ שפּיגל, נאָר ווי די שפּראַך, ווי די זשעסטן. די קונסט שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן ווי אַ פונקציע פון לעבן; דאָס לעבן דריקט זיך אויס אין דער קונסט; קונסט איז איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע דאָס לעבן לעבט זיך אויס. נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל נישט פּראָדוצירן און נישט געניסן קיין קונסט. דער אונטערשייד איז נאָר אין וואָסער פאָרנעם, פון וועלכן ווערט. איינער אָטעמט איין אַ סך לופט אין זיין ברייטער ברוסט, אַ צווייטער ווייניק — ווייל די לונגען זענען ביי אים שוואַך אַנטוויקלט; איינער אָטעמט מיט פרישער באַרג־לופט, אַ צווייטער — מיט פייכטער קעלער־לופט, — אָבער אָן אָטעמען איז קיין לעבן נישט מעגלעך. די קונסט־פונקציע — סיי אין איר אַקטיוו־פּראָדוצירנדיקער, סיי אין איר פּאַסיוו־געניסנדיקער פאָרעם — איז פונקט אַזוי עלעמענטאַר ווי די פונקציע פון אָטעמען. און דאָס ווייס מען נישט נאָר פון דער קונסט־געשיכטע, וועלכע דערציילט וועגן דער סקולפּטור פון די הייל־מענטשן, וועגן מוזיק און דיכטונג פון די ווילדסטע שטאַמען, — דאָס קאָן יעדער איינער אַנטדעקן, אויב ער וועט זיך נאָר געבן די מי אויסצוקוקן זיך צווישן אַ גרופּע פאָלקס־מענטשן ביי דער אַרבעט, ביים אָפּרו, שוין אָפּגערעדט ביים פאַרווילן זיך, — און האַלטן דערביי אָפן די אויערן און די אויגן. די דאָזיקע מענטשן — אָדער זיי פאַרציען אַ ניגון, אַ לידל, וואָס איז זיי באַקאַנט פון אַמאָל (זיי געניסן קונסט), אָדער זיי פּראָדוצירן קונסט אין דער פאָרעם פון הומאָר, פון דערציילן געשעענישן, כאַראַקטעריזירן פּערזאָנען, פיקסירן לעבנס־דערפאַרונג אין בילדלעכן אויסדרוק. און ווען דער מענטש הויבט אויף דעם קאָפּ פון זיין אַרבעט און לאָזט פאַרזינקען זיין בליק אין האָריזאָנט, אין וווּנדערבאַרן שאָטנשפּיל פון בין־השמשות, און ער דערזעט די פאַרבנשפּיל טיפער ווי בלויז מיטן אויג (זי דערגייט ביז זיין געמיט), — איז עס אַ קונסט־איבערלעבונג, אַ פּראָדוצירעריש־געניסערישע, ווי יעדער שאַפונגס־אַקט.

ווי די ערד איז אַרומגענומען מיט לופט, אַזוי איז דעם מענטשנס לעבן אַרומגענומען מיט קונסט, מיט דיכטונג. דער אונטערשייד איז נאָר אין דער מדרגה, סיי בנוגע דער אינטענסיווקייט, סיי בנוגע דער טעכניק. פאַראַן קונסט־פּראָדוקציע, וואָס איז ענלעך צו אַ מענטשנס רעדן אין אַ געשלאָסענעם רוים, אָדער אין זיך: די רייד דערגייען נישט צו קיינעם, זיי לאָזן נישט קיין שפּור, זיי לעבן נישט איבער דעם מאָמענט, — סיידן אין זכרון פון דעם, וואָס האָט

גערעדט. פאַראַן קונסט, וואָס איז ענלעך צו אַ מענטשנס רעדן צו אַנדערע מענטשן: זיינע רייד גייען אַרויס פון יחידישע גרענעצן, און קומען אָן צו אַנדערע און לעבן אין זיי ווייטער. פאַראַן קונסט, וואָס איז ענלעך צו רייד פון אַ בריוו, וואָס קאָן גרייכן אומעטום, וואָס פאַראייביקט זיך (אויב מיר זאָלן די אייביקייט פאַרשטיין רעלאַטיוו) אין געשריבענעם דיכטערישן וואָרט.

*

קונסט איז אַ לעבנספונקציע. ווי יעדע פונקציע קאָן זי אויסגעפירט ווערן שלימותדיק (רעלאַטיוו, נאַטירלעך) און זי קאָן אויך פאַרקריפּלט ווערן, פאַרמאָרעט ווערן ביז אומקענטלעכקייט. אָבער איינס איז אוממעגלעך: זי זאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן פון לעבן. נאַטירלעך, אויף וויפל יעדע פונקציע ווערט אויסגעפירט שלימותדיק, גאַנץ — ווערט דאָס לעבן פולער, שלימותדיקער אויסגעלעבט, און — פאַרקערט, אָבער יעדע פונקציע פון לעבן איז אַן אָרגאַנישער פּראָצעס און אַ אָרגאַנישער פּראָצעס קאָן נישט פאַרקומען מעכאַניש, אַרויפגעצוווּנגען פון דרויסן; ער מוז זיין צוועקמעסיק, אַן אויסדרוק פון אָרגאַנישער נויטווענדיקייט. די שלימותדיקייט פון דער קונסט קאָן דעריבער נישט געמאָסטן ווערן מיט אירן אַ באַשטימטן אינהאַלט אָדער אַ באַשטימטער פאָרעם, ווייל די פונקציע פון קונסט איז אייביק, דער אינהאַלט, וועלכער פילט אויס די דאָזיקע פונקציע, ווערט דיקטירט דורכן לעבן, ווען די קונסט־פונקציע דינט ווי אַ מיטל זיך אויסצולעבן.

טרינקען איז אַ נויטווענדיקייט פאַרן אָרגאַניזם, אָבער זומער, ווען דער קערפּער פאַרלירט, דורכן שוויצן, אַ סך פייכטקייט, פאָדערט דער קערפּער אַ סך צום טרינקען, ווינטער — ווייניקער; זומער טרינקט מען קאַלטס, ווינטער — וואַרעמס.

בלויז טעמפּע הערצער און פוסטע קעפּ קאָנען איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשטימען, אַז פּאָעזיע דאָס איז — ליבע־דיכטונג אָדער שרעק פאַרן טויט אָדער פרילינג־פרייד. דיכטונג דאָס איז דער אויסגעשריי פון דער מענטשלעכער נשמה, אָבער דער אינהאַלט פון דאָזיקן געשריי איז אָפּהענגיק פון דער יאָר־תקופה, אין וועלכער די נשמה געפינט זיך, פון דעם, וואָס עס פייניקט זי. מען קאָן נישט דעקרעטירן, אַז דער אויסגעשריי פון דער נשמה נאָך פרייהייט איז פּאָליטיק, און נאָך ליבע — דיכטונג. פאַראַן צייטן, ווען די ליבע צו פרייהייט איז שטאַרקער אין מענטשן, ווי זיין בענקשאַפט נאָך ליבע, און אין דאָזיקן צושטאַנד וועט דער מענטש פּראָדוצירן און געניסן קאַמף־ליטעראַטור און בלייבן קאַלט צו ליבע־טעמעס. און יעדער איינער, וואָס וועט מאַכן אַ גוואַלד, אַז מען דעגראַדירט די קונסט, אַז מען פאַראָרעמט דאָס לעבן, אַז מען טויט די קונסט, וועט

בלויז באַווייזן, אַז ער באַגרייפט נישט דעם טיפסטן מהות פון דער קונסט: איר אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט מיטן לעבן, איר לעבעדיקע לעבנס־פונקציע.

ווען דער מענטש איז זאַט, באַרואיקט אין זיינע עלעמענטאַרע חיונה־באַדערפענישן, האָט ער גיכער די מעגלעכקייט צו פאַרטיפן זיך אין זיינע אינטימע ליבע־איבערלעבונגען, אין די פיינסטע ניואַנסן פון זיין געמיט־וויבראַציע; ווען דער מענטש דאַרף קעמפן פאַרן ביסן ברויט, איז ער בלויז זעלטן אימשטאַנד אויפצונעמען די פיינע נשמה־מוזיק. אויב עמעצער האָט טענות צו דער פּאָליטישער צייט־טעמאַטיק פון היינטיקע ווערק, זאָל ער האָבן די טענות צום — לעבן, וואָס פּאָליטיק איז געוואָרן זיין גורל, און די לעבעדיקסטע קונסט, די אָרגאַנישסטע, וואָס איז נישט קיין אָראַנזשעריע־בלימל, נאָר אַ לעבנס־פונקציע, דריקט אויס דעם לעבנס־קאָמפּלעקס, די לעבנס־זאָרג, דעם לעבנס־אינהאַלט.

פאַראַן נאָך היינט געגנטן און לענדער, ווו די פאַרקער־מיטלען זענען בוידן און אייזלעך. רעדט מען אָבער וועגן די קאָמוניקאַציע־מיטלען פון אונדזער צייט, — וועגן די קאָמוניקאַציע־מיטלען, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער און דעם גורל פון אונדזער צייט, מיינט מען שנעלצוגן און עראָפּלאַנען. אַזוי איז אויך די קונסט פון אונדזער צייט, די קונסט וואָס כאַראַקטעריזירט זי און דריקט זי אויס, — נישט גאָאָרג־קייזערס און לעאָנאַרד פראַנקאָס דעקאַדענטיש־אראַנזשערישע ליבע־ראָמאַנען, — נאָר סילאָנעס און גלעזערס פּאָליטישע צייט־ראָמאַנען.

דאָס, וואָס מ׳קען וואָרפן פאַר דער צייט־טעמאַטיק ווי אַ טענדענץ, איז די טענדענץ פון לעבן, וואָס זוכט אַן אויסדרוק און לעבט זיך אויס אין דער קונסט, ווייל קונסט און לעבן זענען אָרגאַניש פאַרבונדן ווי עסן און לעבן און אָטעמען און לעבן.

געוויינלעך דאַכט זיך דעם מענטשן, אַז אָן אָטעמען קאָן מען טאַקע נישט לעבן, אָבער אָן קונסט — יאָ. דאָס איז אָבער אַ טעות: כל־זמן דער מענטש אָטעמט, פּראָדוצירט ער און געניסט קונסט. דער טעות נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש האָט פאַרבונדן דעם באַגריף קונסט מיט אַ באַשטימטן אויסדרוק אירן: מיטן בוך, מיט דער סטאַטוע, מיט דער געשפּילטער סימפאָניע. ער פאַרגעסט, אָדער ער האָט נאָך נישט אַנטדעקט, אַז ווען זיין אויג פאַרמירט פון וואָלקנס געשטאַלטן, פּראָדוצירט ער און געניסט קונסט; דאָס זעלבע, ווען ער טרוימט אויף דער וואָר און פאַנטאַזירט פאַר זיך גוטס און פאַר שונאים — שלעכטס; דאָס זעלבע, ווען ער ברומט אַ מעלאָדיע, וואָס פּאַסט זיך צו זיין שטימונג; דאָס זעלבע, ווען ער לעבט איבער אַ טיף געפיל פון מיטלייד צום גורל פון אַ צווייטן אָדער צום אייגענעם גורל; דאָס זעלבע, ווען ער באַוווּנדערט און געניסט די געשטאַלט פון אַ שיינער פרוי און די טאַט פון אַ פרייהייטס־קעמפער. ווי נאָר עס קומען אין מענטשן אין באַוועגונג די איידעלערע, די

טיפערע, די אַלטרואיסטישערע אייגנשאַפטן; ווי נאָר עס שפּילט זיך פאַנאַנדער אין אים די אָפּגעקלערטע בענקשאַפט און די דערהויבנדיקע פאַנטאַזיע, — האָבן מיר פאַר זיך דעם פונקציאָנירנדיקן קונסט־חוש פון מענטשן.

עס איז ווינציק צו זאָגן, אַז קונסט איז נישט מעגלעך אָן לעבן, ווייל איר אויפגאַבע איז אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן; מען מוז אויך זאָגן, אַז לעבן איז אוממעגלעך אָן קונסט, ווייל עס טיילט זי אויס פון זיך אין זיין עצם פּראָצעס ווי איינע פון די פונקציעס, וואָס בילדן דעם פענאָמען לעבן, דורך וועלכע דאָס לעבן לעבט זיך אויס ווי — לעבן, דורך וועלכע דאָס לעבן זינגט זיך אויס אין דיכטונג פון אַלע פאָרמען.

וואַרשע, 1937

יב) צייט־דיכטונג *

יאָהאַנעס ר. בעכער.

א נאָמען, באַקאַנט נישט פון היינט. זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער זענען באַקאַנט געווען נאָך אין יענער צייט, ווען דער ווילן צו נייער דיכטונג האָט מיט געוואַלד געזוכט נייע וועגן און נייע ווערטן, ווען מען האָט באַטויבט די אייגענע אינערלעכע אומזיכערקייט דורך „שטאַרקע" ווערטער און הויכע געשרייען. יאָהאַנעס ר. בעכער האָט דאַן מיטגעשריגן אין אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלן כאָר. אמת, שוין דאַן, אין יענער כאַאָטישער צייט, האָט ער געהערט צו די סאָליסטן, דאָך זענען זיינע לידער געווען גענוג שלעכט, אַז געוויסע מבינים זאָלן האַלטן פאַר מעגלעך צו געבן פון זיי פּראָבעס אין יידיש. איצט האָט יאָהאַנעס ר. בעכער אַרויסגעגעבן אַ נייעם באַנד דיכטונגען פון 10 בויגן, זאַכן, געשריבן אין די יאָרן 1932—1935, אויף דער שוועל פון היטלעריזם־הערשאַפט און אין דער עמיגראַציע.

די דערשיטערנדיקע איבערלעבונג פון היטלעריזם, די פיזישע און גייסטיקע פּיין פון עמיגראַציע האָבן בעכערן פאַרטיפט. זיין דיכטונג איז פאַראינערלעכט געוואָרן. דעם אָרט פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַזע אין גראַמען פאַרנעמט עכטע רעוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָנירנדיקע דיכטונג. און כמעט אויף אַלץ ליגט דער שטילער גרויסער ערנסט פון טיף איבערגעלעבטס, פון אויפריכטיק־דורכגעפילטן וואָרט. מיר האָבן פאַר זיך עכטע צייט־דיכטונג, ד. ה. נישט נאָר די צייט קומט דאָ צום פולן אויסדרוק, נאָר אויך — די דיכטונג.

---

* Johanes Becher: „Der Mann der alles glaubte". Dichtungen, 1935. Edition du Carre Jour, Paris.

אין איינעם פון זיינע סאָנעטן (בעכער איז „אראָפּגעזונקען“ אַפילו צו דער דאָזיקער נישט־רעוואָלוציאָנערער, אַלטער פאָרעם און זי אָנגעפּילט מיט נייעם אינהאַלט, פאַריונגט), וואָס הייסט „וועגן סאָנעט“, זאָגט בעכער: „איך האָב זייער לאַנג באַטראַכט דעם סאָנעט־געפלעכט פאַר אַ פאָרעם, וואָס איז פאַרעל־טערט און אָפּגעבליאַקעוועט, די אַלטע פאָרמען האָב איך צעריסן און געדיכטעט פאַר זיך, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. זענען אָבער די נייע פאָרמען געווען עכט? האָבן זיי דען אויסגעפורעמט דאָס געוויסן פון דער נייער צייט? צופיל באַמיט צו ענדערן די פאָרעם, האָב איך פאַרנאַכלעסיקט דעם נייעם וועזן...

...לאָזט נישט אַרויס פון אויג, אַז די נייע פאָרמען הויבן אָן אַנטשטיין פון אינעווייניק, קוים מערקלעך פאַר אונדז“.

דער דאָזיקער שיינער סאָנעט, ביי וועלכן כ׳האָב צוגענומען זיין שיינע דיכטערישע פאָרעם, איז גענוג אויף צו כאַראַקטעריזירן די עוואָלוציע פון דיכטער. ער האָט טיף באַגריפן דעם אמתן, אָרגאַנישן וועזן פון דיכטונג, און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ווערן מיט געוואלד זוכן נייע פאָרמען. אַדאַנק דעם האָט ער אויך מער נישט נויטיק דעם אויסערלעכן געשריי, וואָס פאַרדעקט די אומזי־כערקייט און פוסטקייט פונעם מוחדיקן זוך־פּראָצעס אין דיכטונג. ער לאָזט זיין דיכטונג אָרגאַניש זיך אַנטוויקלען. און די דערגרייכונג איז אַ קאָלאָסאַלע. דאָס איז דאָס ערשטע בוך לידער אין דער דייטשישער עמיגראַציע־ליטעראַטור, וואָס איז עכטע דיכטונג.

*

דאָס ביכל באַשטייט פון 3 טיילן. דעם ערשטן טייל פאַרנעמט אַ גרעסערע זאַך אונטערן נאָמען „דער מאַן, וואָס האָט אַלץ געגלויבט (דאָס ליד פון בראַון מאַן)“; דער צווייטער טייל באַשטייט פון צייט־דיכטונגען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל: „דער דייטשישער חלום“; און דער דריטער טייל באַשטייט פון 55 סאָנעטן.

„דער מאַן, וואָס האָט אַלץ געגלויבט“ איז דער סימבאָל פונעם בראַון, אָבער נאַאיוון און באַגרענעצטן דורכשניט־דייטש, דעם אומשטערבלעכן קליינ־בירגער, וואָס גלויבט אַלץ, וואָס מען זאָגט אים אין נאָמען פון גאָט, פאָטערלאַנד, ראַסע, צ־ריערטום און וואָס דען נישט? אין קלאָרע, לייכטע, פּרעציז־שפּראַכיקע פערזן דערציילט בעכער מיט הומאָר די געשיכטע פון דאָזיקן מאַן אין משך פון אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביז דער היטלעריסטישער פאַרפלייצונג.

דאָס איז אַ קליינער ראָמאַן אין פערזן אָבער מיט אַ גרויסן רעאַל־סימבאָלישן אינהאַלט. מיר האָבן דאָ נישט נאָר די אויסערלעכע געשיכטע פון דורכשניטלעכן בראַון קליינבירגער אין ווילהעלמס צייטן, אין דער צייט פון קריג, אין די צייטן פון דער רעפּובליק און פון היטלעריסטישן אויפשטייג, — נאָר מען זעט אויך די פיינסטע פסיכאָלאָגישע נעצן, מיט וועלכע מען פאַנגט די דאָזיקע מענטשן, וואָס

גלויבן אַלעמען. עס וואָלט אונדז פּאַרפּירט צו ווייט, מיר זאָלן ווען אָפּשטעלן זיך אויפן דאָזיקן דיכטעריש־דערציילערישן ווערק גענויער. איך וויל דאָ בלויז ברענגען איין בולטע אילוסטראַציע.

דער בראַוונער קליינבירגער, דער אָרעמער שלאָסער־מייסטער, לייענט אין זיין צייטונג — זיין איינציקע לעקטור, און ער לייענט זי פון שורה ביז שורה צו עטלעכע מאָל, אַפילו אין קלאָזעט — דעם קייזערס רעדע, אַז די וועלט וועט גענעזן ווערן אַדאַנק דעם דייטשישן וועזן. און די רעאַקציע אין קליינבירגערס געמיט שילדערט בעכער אין עטלעכע טרעפלעכע שורות:

„דאָ שפּרינגט אויף אונזער מאַן, עס ציט
„איהן מעכטיק האָך, אים שפּיגעל זיעט
„ער זיך, ער שטייט אונד סאַלוטירט
„אונד זאָגט צו זיך: „וויר דויטשען! וויר!"
„שטייט שטראַם פאַר זיינער עסקאַדראָן
— „איין בילד הענגט אָן דער וואַנד דאַפאָן, —
„דאַן רופט ער פאָן דער שטראַס די בובען,
„מאַרשירט מיט איהנען דורך די שטובען".

דאַן קומט אַ גראָטעסק־סימבאָלישע סצענע פון אַ סאָלדאַטן־שפּיל: דער קליינבירגער, אין וועלכן עס האָט אויפגעוואַכט זיין שטאָלץ („וויר דויטשען! וויר!") שפּילט אין זעלנער מיט זיינע קליינע קינדער, שטורעמט די קיך און פּלוצלינג ווערט די שפּיל איבערגעריסן דורך דעם אויסברוך פון ווירקלעכן קריג — זיך דערשפּילט.

„דאָ ווירדס אויף איינמאָל שטיל, גאַנץ שטיל..."

— די געשיכטע פון בראַוון מאַן ענדיקט זיך פּאַרט מיט זיין זעעוודיק ווערן — און דערפאַר באַשטראָפט מען אים טאַקע, ווייל „דאָס איז הויכפאַרראַט. דו ווילסט צורויבןביים אָרעמען פאָלק דעם הייליקן גלויבן, וואָס שאַפט וווּנדער"

נישט אַזוי לייכט קומט אָן דאָס זעעוודיק ווערן: דער בראַוונער מאַן איז אַ פּילמאָליקער רעצידיוויסט. אָט, דאַכט זיך, איז ער שוין זעעוודיק געוואָרן, און אָט פאַלט ער שוין ווידער אַריין אין אַ פאַלשן גלויבן, ווייל אומעטום שפּרייטן די שטאַרקע און רייכע אויס נעצן פון פאַלשן גלויבן: דאָס איז דאָך דאָס איינציקע מיטל אומשעדלעך צו מאַכן דעם פּשוטן, גלויביקן מאַן. צולעצט זעט איין דער בראַוונער מאַן, וועלכער איז געוואָרן אַ גלויביקער היטלעריסט אונטער דער השפּעה פון זיין פרוי („זאָג, מאַן, ווילסט מיר נישט גלויבן?! דער היטלער! כ'האָב אים דאָך געהערט! דער ייד האָט אַזוי צעשטערט דייטשלאַנד!"), אַז דער היטלעריזם האָט אים אָפּגענאַרט. וועט ער שוין איצט אויסלערנען זיך צו

דענקען זעלבשטענדיק? וועט ער שוין איצט מער נישט געשלאָגן ווערן מיט בלינדקייט?

*

דער דאָזיקער קליינער ראָמאַן איז די בעסטע זאַך פון ביכל. אָבער אויך די צוויי איבעריקע טיילן פאַרמאָגן ווערטפולע זאַכן.

לאָמיר נעמען אַזאַ ליד, ווי „אַ ליבעס-געדיכט". דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט דער דערינערונג פון דער רייכסטאַג-שריפה, ווען ער האָט געמוזט אַפּפאָרן; עס רעדט זיך וועגן אומלעגאַלער ארבעט, וועגן דערציען דעם זון אין זייער גייסט, — און דאָך איז עס אַן עכט ליבעס-ליד, אַן עכטס, ווייל אַדורכגעלעבט פון אַ מענטשן אין אַ הייינטצייטיקער סיטואַציע — נישט לויט דיכטונג- און ראָמאַן-רעמיניסצענצן (דערינערונגען), נאָר לויט דער פורעמונג פון לעבעדיקן, זעלבשטענדיק זיך-אויסווירקנדיקן געפיל. די גאַנצע פּערזענלעכע ליבע קומט צום אויסדרוק אינעם פּערז: „מיר זענען צעשיידט און גייען דאָך צוזאַמען"...

„אין יעדער אַרבעט, וואָס איך טו הייינט, שפיר איך, אַז דו גייסט מיט מיר מיט, פול מיט פרייד. איך שפיר דיין רו, ווען איך רו. מיין שריט איז שטאַרק דורך דיין שטאַרקן טריט. אַ וואָרט איז אָפט אַזאַ פּוסטע זאַך: „איך האָב דיך ליב" — וואָלט געווען אַ צו שוואַך וואָרט".

און אונדזער עמאָציע איז מסכים: וואָס זענען טויזנט שאַבלאָנע ליבעס-לידער קעגן אָט דעם געפיל פון נאָענט זיין אויף אַזאַ דיסטאַנץ ביי אַזעלכע באַדינגונגען? אָט דאָס איז נייער אינהאַלט אין אָרגאַנישער נייער פאָרעם.

און די שטאַרקע, שיינע „באַלאַדע וועגן די שווערע שעהן!". עס איז שווער איבערצוגעבן דורך קורצע ציטאַטן די האַרבע שיינקייט און עכטקייט פון דאָזיקן טיפן געדיכט. אָבער איך מוז עס פּרוּוון, ווייל דאָס ליד איז צו גרויס.

„אַ שווערע שעהן! עס איז שווער, ווען עס שיינט דיר זינלאָז צו מאַכן ווייטער אָנשטרענגונגען". דער דיכטער איז אַזוי דעפּרימירט, אַז קיין שום זאַך אין מענטשלעכן לעבן פאַרשאַפט אים נישט קיין פרייד און קיין אינטערעס. פאַרקערט: אַלץ איז ווי געשאַפן געוואָרן, כדי אים צו קוועלן, אַפילו דאָס שפּילן זיך פון קינדער. „וואָסער נייעם גליק האָסטו דען געגעבן דער וועלט, און ווער, ווער וועט בלאָס ווערן ביי דיין טויט און טראַכטן, אַז די צייט איז געבליבן שטיין?" אַזוי נוצלאָז שטעלט זיך אים פאַר דאָס לעבן. אָבער אין שווערסטן, אומדער-טרעגלעכסטן מאָמענט דערבליקט דער דיכטער אין דער וועלט נאָך עפּעס, אויסער זיך, און דאָרט געפינט ער „די מאַס פון קלאַס, און מיין אויג מעסט מיך גופא מיט אים, מיך, וואָס איז כלומרשט מאַסלאָז. יאָ, איך האָב פאַרגעסן די מאַס, וואָס באַגרענעצט מיך. איך האָב זיך געהאַלטן פאַר דער העכסטער מאָס פון אַלע זאַכן. ווי לעכערלעך איך האָב זיך איבערגעשאַצט, אַמאָל צו הויך און

אַמאָל צו נידעריק". אין דאָזיקן ליד איז געפּורעמט אין פּרעכטיקע פּערזן אַ געפיל און אַ געדאַנקענגאַנג, וואָס איז פאַר פּערזן כמעט אַ בראשיתדיק געביט.

נישט אַלץ אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז גוט. עס זענען נאָך דאָ סימנים פון פריער, אויב נישט אינעם געשריי, איז אין אינהאַלט, אָדער ריכטיקער: אין דער צייטונגסמעסיקער אינהאַלטלאָזיקייט. לאָמיר נעמען, למשל, אַזאַ געדיכט, ווי „טרילאָגיע". דאָס ערשטע ליד באַשרייבט דעם תלין אין היטלערלאַנד, — אַ שטאַרק, דערשיטערנדיק ליד; דאָס צווייטע ליד באַשרייבט דעם פאַראורטיילטן, ווי ער טרוימט פון אַ נייער וועלט, בעת מען ראַזירט אים דעם נאַקן פאַרן תלינס האַק, — אַ גוט ליד; דאָס דריטע שילדערט דעם קומענדיקן גרויסן יום־הדין — און דאָ איז דער דיכטער אראָפּגעזונקען. ער באַשרייבט ווי עס קומט אום דער תלין, ווי מען דערשיסט דעם פּאָליציאַנט, דעם אָפיציר און אַזוי ווייטער:

„עס איז געקומען דער טאָג. עס שטייען אין לאַנגע רייען די אָנגעקלאָגטע, דאַן קומט צו צום טיש אַ טויטער, מיט אַ שניט אויף זיין האַלדז. פאַר די ריכטער איז גענוג זיין עדות־זאָגן"...

דאָס איז פלאַך, אַן וויזיאָנערע קראַפט, די נקמה איז אָן ליידנשאַפט, בלוטיק אָבער בלוטלאָז אין איר דיכטערישער איבערלעבונג, אָן דערהויבנדיקן ציטער, אָן סובלימירונג. דאָס בילד פון אַ לאַנגער ריי אָנגעקלאָגטע ביים ריכטער־טיש איז שוין גאָר ביליק.

שוואַך, ביז גאָר שוואַך איז דאָס ליד וועגן טעלמאַנען, דאָס ליד „חלום וועגן ראטן־דייטשלאַנד", וווּ דער ריטם און דער גאַנצער בוי דערמאָנען אין היינען, אָבער אָן יענעמס וויזיאָנערער קראַפט, אָן יענעמס פאַנטאַזיע.

*

צו אַ באַדייטנדיקער הויך האָט זיך יאָהאַנעס ר. בעכער דערהויבן אין זיינע סאָנעטן.

דער סאָנעט איז זייער אַ שווערלייביקע פאָרעם. זייער אָפּט דערדריקט די דאָזיקע פאָרעם דעם דיכטערישן קערן — כדי איינצוהאַלטן די אויסערלעכע פאָרעם, פאַרנעפּלט מען דעם געדאַנק. און היות ווי פאַרנעפּלטקייט און שווער־לייביקייט שטויסן באַזונדערס שטאַרק אָפּ פון דיכטונג, ווו מען גרייט זיך געטראָגן צו ווערן פון לייכטע פליגל, האָבן אָפּט אַפילו פּאָעזיע־ליבהאָבער אַ ווידערווילן צו סאָנעטן. נאָכן לייענען בעכערס סאָנעטן וועלן זיי זייער ווידער־ווילן זיכער פאַרלירן. זיי זענען קלאָר, ממש דורכזיכטיק; דער געדאַנק פּילט זיי אויס ביז זייער לעצטער שורה (אַ חוץ אין געציילטע פאַלן). איך געדענק: ווען איך האָב איייניקע פון די דאָזיקע סאָנעטן געזען אין עמיגראַנטישע צייט־שריפטן, האָב איך זיי געוואָלט אויסמיידן, אָבער קוים פאַרטשעפּעט זיך ביי

דער ערשטער שורה, האָט שוין דאָס אויג געמוזט פאַרענדיקן מיט דער לעצטער און אויך די דאָזיקע סאָנעטן זענען אין בעסטן זין פון וואָרט צייט־דיכטונג. אָט שרייבט דער דיכטער אַ סאָנעט אונטערן נאָמען „גליק". ער חזרט כסדר איבער אין דרייצן שורות די פראַגע: „וואָס איז גליק?" ער ברענגט ביישפּילן פון גליק, און קיין איינער פון זיי איז נישט גענוג איבערצייגנדיק. און מיטאַמאָל פאַרענדיקט זיך דער ווייך־עלעגישער, סקעפּטישער סאָנעט מיט פעסטע, זיכערע שורות: „מיר שיינט, אַז איך האָב גליק אין דאָזיקן לעבן, ווייל אין געוואַלטיקן שטרייט פון מיין צייט האָב איך געקעמפט אויף דער ריכטיקער זייט". און מען פילט, אַז דאָס איז נישט קיין געקינסטלטער סוף, אַז דאָ איז נישטאָ קיין שעטנז: ער דריקט אויס מיטן דאָזיקן סאָנעט דאָס געפיל, דאָס אינטים־טיפע איבער־לעבונג פון טויזנטער און צענטויזנטער, פאַר וועלכע דאָס וואָרט „גליק" האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט, ווי אין דער תקופה פון די ראָמאַנטיקער.

איך וויל דאָ ברענגען נאָך איין מוסטער פון בעכערס אַ צייט־סאָנעט. דאָס מאָל אינגאַנצן, און טאַקע אין אָריגינאַל, נאָר מיט יידישער טראַנסקריפּציע:

„זייט דאַמאַלס"

„זייט דאַמאַלס, אַלס אין דויטשלאַנד מאַן פערבראַנטע,
„די דיכטונג אונד די היימאַט מיר ענטצאָג
„אונד נור דאַס וואָרט נאָך געלטען ליעס, דאַס לאָג,
„אונד דיזעס וואָרט צום מארד נאָך אונז ענטזאַנדטע.

„זייט דאַמאַלס, אַלס איך בעסער מיך ערקאַנטע,
„אונד איך דעם וואָרטעס אינערען ווערט ערוואָג,
„אונד איך ערקאַנטע, דאַס איך אָפט בעטראָג
„דאַס וואָרט דורכס וואָרט, דאַ איך עס שלעכט פערוואַנדטע:

„זייט דאַמאַלס איזט׳ס אַלס זיי אין מיר דאַס וואָרט
„— דעם וואָרטעס פיללע אונד דעם וואָרטעס שטרענגע —
„נון אויפגעבראָכען, אונד עס טרעגט מיך פאָרט,

„קראַפטפאָל אין מיר צערשפּרענגענד יעדע ענגע —
„די קלאַסע צייגט געניאו מיר אַן די ריכטונג,
„אָוס דער פערניכטונג רעטע איך די דיכטונג".

די דאָזיקע סאָנעטן זענען גלייכצייטיק צייט־דיכטונג־מעסיק און סובטעל, דיכטעריש־פאַראינערלעכט.

יאָהאנעס ר. בעכער איז געוואָרן איינער פון די, וואָס ראַטעוועט פון פאַרניכטונג די דיכטונג, די צייט־דיכטונג. אפשר וועלן דאָס דאָזיקע ארטיקל און די עטלעכע מוסטערן זיין אַ דערמאָנונג און אַ דערמוטיקונג פאַר אַ סך פון אונדזערע יונגע צייט־דיכטער. אַ דערמאָנונג — זיי זאָלן ווערן דיכטערישער, און אַ דערמוטיקונג — צו בלייבן ביי זייער צייט, נישט מורא האָבנדיק צו שאַדענען דורך דעם זייער דיכטערישקייט.

וואַרשע, 1936

יג) וואָס איז אַזוינס קונסט?

עס זענען דאָ זייער אַ סך גוטע דעפיניציעס וועגן מהות פון קונסט, גוטע און ריכטיקע, אָבער קיין איינע פון זיי שעפּט נישט אויס די פּראָבלעם אינגאַנצן. און אַנדערש קאָן דאָס גאָר נישט זיין, ווייל קונסט איז ווי דער מן, וואָס איז די יידן אַראָפּגעפאַלן פון הימל, בעת זייער וואַנדערונג אין מדבר, און וואָס יעדער איינער האָט געשפּירט אין אים אַן אַנדער טעם. אויך קונסט האָט פאַר יעדן איינעם אַן אַנדער טעם, אָבער אין יעדן טעם פילט מען די עכטקייט פונעם מן — פון דער קונסט, דעמדאָזיקן מן פאַר דער מענטשהייט אויף איר וואַנדערונג אין מדבר פון געשיכטלעכן גורל.

דער פאַרגלייך צווישן קונסט מיט מן איז אַ בילדלעכער מיטל באַגרייפלעך צו מאַכן מיין געדאַנק וועגן דעם, ווי שווער עס איז צו דעפינירן, וואָס קונסט איז: דער מן — האָבן די יידן געוווסט — זעטיקט, גיט לעבן, איז געשמאַק, אָבער וואָס אַזוינס דער מן איז — דאָס איז אוממעגלעך געווען צו דעפינירן אַזוי, אַז אַלע זאָלן זיין איינשטימיק.

אָבער די אומדעפינירבאַרקייט פון באַגריף קונסט לאָזט זיך באַווייזן אויך לאָגיש — נישט נאָר בילדלעך.

די טעכניק און די מעדיצין, למשל, קאָן מען דעפינירן קלאָר, ענטגילטיק, אַזוי צו זאָגן. מען קאָן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן זייער ווערט, וועגן זייער אַנטוויקלונגס־מדרגה, אָבער וועגן זייער מהות קאָן מען זיך פאַרשטענדיקן. דאָס איז דערפאַר, ווייל די טעכניק און די מעדיצין האָט געשאַפן דער מענטש, זיין אינטעליגענץ, זיין אינטעלעקט, און, במילא, קאָן ער די באַשעפעניש זיינע אַרומנעמען מיט זיין אינטעלעקט פון אַלע זייטן, פולשטענדיק. קונסט אָבער האָט דער מענטש נישט געשאַפן, — ער שאַפט כסדר קונסט־ווערטן, אָבער די קונסט גופא האָט ער נישט דערפונדן: די קונסט איז נישט

דעם מענטשנס אַ דערפינדונג, נאָר זיינע אַ פונקציע, כּמעט ווי אַ ביאָלאָגישע איינגעשאַפט זיינע. פונקט ווי מען קאָן זאָגן, אַז דער מענטש איז אַ געזעלשאַפט־לעכע חיה, וואָס אָן אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה קומט ער אום נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק, אַזוי קאָן מען אויך זאָגן, אַז דער מענטש איז אַ קונסט־פּראָדוצירנדיקע און קונסט־געניסנדיקע באַשעפעניש. אַז דער מענטש קאָן נישט לעבן אָן עסן, איז לייכטער איינצוזען, ווי דאָס, אַז דער מענטש קאָן נישט לעבן אָן קונסט, ווייל דער שאָדן איז אַ שנעלערער און חומרדיק־קענט־לעכער. אָבער אָט האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט געוווּסט, אַז דער מענטש קאָן נישט לעבן אָן וויטאַמינען און דער מקור פון אַ סך קראַנקהייטן איז נישט געווען באַקאַנט. ערשט איצט ווייסט מען דעם ווערט פון וויטאַמינען און מען קאָן אָפּשאַצן דעם שאָדן, וואָס זייער מאַנגל ברענגט דעם מענטשלעכן קערפּער. פונקט אַזוי וועט מען נאָך אַמאָל גענויער קאָנען אָפּשאַצן וויפל פסיכישע פאַר־קריפּלונגען, וויפל פסיכישע גלייכגעוויכט־שטערונגען עס ברענגט מיט זיך דער מאַנגל אין קונסט־געברויך. נישט נאָר אַ קינסטלער קאָן פסיכיש קראַנק ווערן, ווען ער האָט נישט די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן און, במילא, אויך געניסן קונסט (דיביידע פונקציעס זענען פאַראייניקט נישט נאָר ביים קינסט־לער, נאָר אויך ביים קונסט־געניסער: געניסנדיק שאַפט ער־מיט, ער לעבט איבער די שאַפונגס־עמאָציעס), נאָר אויך דער פּאַסיווער קונסט־געניסער (און קונסט־רעפּראָדוצירער אין גייסט) ליידט גייסטיק פון קונסט־מאַנגל. ווער ווייסט אויף וויפל פיינער און איידעלער די מענטשהייט וואָלט געווען, ווען מען וואָלט געלייגט אויף דער קונסט־אויסבילדונג און קונסט־פאַרברויך נישט ווייניקער אַכט ווי אויף דער טעכניק און ספּאָרט־אויסבילדונג! ניין, די קונסט איז נישט קיין גוטע אָדער שלעכטע געוווינהייט, וואָס דער מענטש האָט זיך איינגעשאַפט, — דאָס איז אַ געוויסע פסיכישע — און אפשר ביאָלאָגישע — פונקציע, וואָס איז אייגן דעם מענטשן. ווען דער מענטש זינגט און טאַנצט — שאַפט ער און געניסט קונסט, ווען דער מענטש קוקט אויפן זון־אונטערגאַנג און הערט זיך צו צו דער מוזיק פון די ים־כוואַליעס — געניסט ער און שאַפט קונסט. די עסטע־טישע פונקציע, אָדער די קונסט־פונקציע איז נישט דעם מענטשנס קיין אויס־טראַכטעניש און נישט דעם מענטשנס אַ דערפינדונג, נאָר זיינע אַ נאַטירלעכע טעטיקייט.

געוויס, דער מענטש האָט אין משך פון זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג אויסגעפיינערט זיין דאָזיקע פונקציע, זי מזווג געווען מיט זיין באַוווּסטזיין — און דער דאָזיקער זיווג איז געווען אַ ברכה פאַר זיין קונסט־פונקציע, — אָבער באַגרייפן די דאָזיקע פונקציע, איר גאַנצן מהות קאָן ער פונקט אַזוי ווייניק ווי די דערשיינונג פון לעבן גופא: מען קאָן שפּירן דאָס לעבן אויף טויזנט אופנים, טיף און געוואַלדיק, אָבער ענטגילטיק זאָגן וואָס אַזוינס דאָס

לעבן איז, קאָן מען נישט; מען קאָן דערשפּירן אַ טייל אמת פון זיין וועזן, אָבער נישט דעם גאַנצן. דאָס זעלבע — מיט קונסט.

דעריבער איז נישטאָ קיין ענטגילטיקע דעפיניציע וועגן וועזן פון דער קונסט. עס זענען דאָ קוואַטש־דעפיניציעס און עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס דריקן אויס אירע טיילווייזע אמתן — יעדע אַזאַ דעפיניציע דערשפּירט דעם עכטן טעם פון דער קונסט, גיט די מעגלעכקייט אינטואיטיוו אַריינצובליקן אין איר וועזן, נישט אויסשליסנדיק דערמיט אַנדערע עכטע טעמים, הגם מיר ווייסן אויף זיכער, אַז די אַלע עכטע גן־עדן־טעמים פאַרמאָגן איין טאָטן: די וווּנדערבאַרע פונקציע פון מענטשלעכן גייסט, וואָס מיר רופן אָן — קונסט, דיכטונג.

*

ווען איך שטעל דעריבער די פראַגע: וואָס אַזוינס איז קונסט און איך פּרוּוו געבן אַן ענטפער אויף איר, — באַדייט עס בלויז: וואָסער טעם שפּיר איך אין דער קונסט, דורך וואָסער טעם אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר די קונסט־רעאַליטעט?

אַ יידישער אַרטיסט און שרייבער האָט אַמאָל געגעבן פאָלגנדע דעפיניציע וועגן קונסט: „אַ לעבעדיקע קו, וואָס בעט נישט עסן, איז קונסט". דערמיט האָט ער אויסגעדריקט די באַנאַלע קונסט־טעאָריע, אַז די גענויע קאָפּירונג פון דער ווירקלעכקייט איז קונסט. דאָס איז אָבער אַ פאַלשע טעאָריע. אַ לעבעדיקע קו, וואָס בעט נישט קיין עסן איז — קראַנק, קיין קונסט־ווערק זיכער נישט.

געוויס, די פעאיקייט צו קאָפּירן די ווירקלעכקייט סיי אין פאַרבן, סיי אין ווערטער געהער צו די פעאיקייטן, וועלכע יעדער קינסטלער מוז פאַרמאָגן, אויב ער זאָל נישט בלייבן קיין פּאַסיווער קינסטלער, קיין פּאָטענציעלער קינסטלער, אָבער די דאָזיקע פעאיקייט אַליין מאַכט נאָך נישט קיין קינסטלער. אַ קינסטלער דאַרף פאַרמאָגן אויך די דאָזיקע אייגנשאַפט, אָבער זי אַליין איז נישט גענוג. די דאָזיקע פעאיקייט גיט די מעגלעכקייט צו ווערן אַ קינסטלער ערשט דאַן, ווען עס קומט איר צו הילף אַ צווייטע — און אַ וויכטיקערע — אייגנשאַפט: צו קאָנען דערזען אין דער ווירקלעכער קו עפּעס אַזוינס, וואָס אין טאָג־טעגלעכן לעבן באַמערקט עס קיינער נישט: די נשמה אירע, דעם העכערן וועזן אירן, וואָס פלאַטערט אין איר בליק, וועלכער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ מענטשנס אויג, אָדער איז פאַרקוקט אין האָריזאָנט; וואָס פלאַטערט אין איר אויסדרוק ביים לעקן איר קעלבעלע, — מיט איין וואָרט — יעדע ווירקלעכקייט, אין וועלכער עס ווערט אַנטפּלעקט עפּעס גייסטיקעס, נשמהדיקעס, מענטשלעכעס — ווערט פאַרוואַנדלט אין קונסט, אין אַ קונסט־איבערלעבונג, אָדער אין אַ קונסט־ווערק, אין דיכטונג.

ווען מען גייט אין אַ גאָרטן מיט אַ סך בלומען, זענען אייגנטלעך אַלע

שיין, אָבער נישט אַלע גנבענען זיך אַריין דורכן אויג טיף אין אונדזער נשמה; אַ געוויסע בלום אין אַ געוויסער באַלויכטונג, אין אַ געוויסער מיליע־קאָמבי־נאַציע, אָדער צוליב וואָס עס זאָל נישט זיין — רעדט צו אונדז אינטימער ווי די אַנדערע, וועקט עפּעס אין אונדזער געמיט, מאָנט עפּעס פון אונדז, אַנטפּלעקט פאַר אונדז די אַנונג פון אַ סימבאָל, און ווער עס דערפילט דאָס און קאָן געבן אַן אויסדרוק אין ווערטער אָדער פאַרבן פאַרן בלום פליוס עפּעס, — פליוס איר ספּעציפישן אָרעאָל — דער איז אַ דיכטער, אַ קינסטלער. מיט איין וואָרט: קונסט איז דאָס, וואָס נעמט אַ שטיק קערפּערלעכעווירקלעכ־קייט און גליט עס דורך מיט גייסט, וואָס אַנטפּלעקט אינעם חומרדיקן — גייסטיקייט, וואָס שמעלצט דורך דאָס חומרדיק־ווירקלעכע אינעם הויכאויוון פון אַ פּערזענלעכקייט און מאַכט פריי פאַר אַלעמען איר גייסטיקן אינהאַלט, איר נשמה, איר גייסטיק־סימבאָלישע באַדייטונג.

וואַרשע, סוף 1938

יד) וואָס איז שונד?

שטעלט מען די פראַגע וועגן שונד, מוז מען גלייך צוגעבן, אַז זי באַשטייט פון צוויי הויפּט־טיילן: די ערשטע איז מער טעאָרעטיש — „וואָס איז שונד?" און די צווייטע איז מער פּראַקטיש — „ווי ווייט גרייכט די שעדלעכקייט פון שונד"?

*

עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז שונד מיינט — קודם כל, און אפשר בלויז — פּאָרנאָגראַפיע, געשלעכט־שונד. יעדעס בוך, אָדער טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס מיסברויכט מיט דעם געשלעכט־שטאָף, מיטן סעקס־עלעמענט, איז שונדיסטיש.

אַז דער מיסברויך מיטן סעקס־עלעמענט פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין דער שונד־ליטעראַטור און אינעם טעאַטער־שונד, איז אַ פאַקט, וואָס קיינער וועט נישט לייקענען. און דאָס איז קיין ווונדער נישט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, סאַראַ אָרט דער סעקס־מאָמענט פאַרנעמט אין מענטשנס לעבן און אין דער אַזוי־גערופענער וואַנט־ אָדער בית־הכסא־ליטעראַטור. אָבער דאָך איז נישט ריכטיק צו אידענטיפיצירן דעם באַגריף „שונד" מיטן באַגריף „פּאָרנאָגראַפיע". שונדיש קאָן זיין אויך אַזאַ ליטעראַטור, וואָס איז אינגאַנצן פריי פון דעם געשלעכט־מאָמענט, ווי, למשל, די ריזיקע דעדעקטיוו־ליטעראַטור.

אויב דער באַגריף „שונד" איז אַ סך ברייטער, ווי דער באַגריף „געשלעכט־שונד"; אויב דער געשלעכט־שונד, די פּאָרנאָגראַפיע, איז בלויז איינער פון די

סך מינים שונד, הגם איינער פון די פאַרשפּרייטסטע, בלייבט דאָך אָפן די פראַגע „וואָס איז שונד״?

כדי דער באַגריף „שונד״ זאָל קאָנען אַרומנעמען אַלע מינים שונד און מען זאָל נישט פאַרבייטן, ווי אָפט ביז איצט, איינעם פון זיינע מינים (דעם פּאָרנאָגראַפישן, למשל) מיטן באַגריף גופא, מוזן מיר אויף דער פראַגע, „וואָס איז שונד?״ ענטפערן מיט דער פאָלגנדיקער דעפיניציע: שונד אין ליטעראַטור, אין דיכטונג — ווייל ער איז פאַראַן אויך אין אַלע אַנדערע געביטן פון מענטש־לעכער טעטיקייט: אין פּאָליטיק, וויסנשאַפט א. אַ. וו. — איז יעדעס ווערק, ווו דער שטאָף ווערט באַהאַנדלט נישט לשמה, צוליב אינערלעכער נויטווענדי־קייט, נאָר צוליב אויסערלעכן פּערזענלעכן נוצן, צוליב קליינלעכער, עגאָאיס־טישער אויסרעכענונג.

נעמט, למשל, אַזאַ גליטשיקן שטאָף ווי געשלעכט־באַציאונגען. ביים דאָזיקן שטאָף איז זייער לייכט אַראָפּצוגליטשן זיך אין תהום פון שונד. אָבער ווען איר לייענט אַזאַ בוך, ווי מאָפּאַסאַנס „אַ לעבן״, ווו דער שרייבער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר די דראַסטישסטע סצענעס, פילט איר נישט דעם קיצל פון פּאָרנאָגראַפיע, נאָר דעם עלעקטרישן אויפטרייסל פון קונסט.

פאַרוואָס? ווייל מאָפּאַסאַן האָט געפילט דעם טראַגיזם פון זיין העלדינס איבערלעבונגען, ער איז אַליין געווען אויפגעטרייסלט ביזן גרונט פונעם בילד, וואָס ער האָט געזען אין לעבן און אין זיין קינסטלערישער פאַנטאַזיע, און ער האָט עס אונדז געוויזן, כדי צוצוקומען דורך דעם כח־הדמיון צום געוויסן.

דאָס קאָמישע, זאָגן די פּסיכאָלאָגן, איז קאָמיש בלויז אַזוי לאַנג, ווי מיר זעען דאָס אויסערלעכע, די אויסערלעכע דערשיינונג; דערזעען מיר די זעלבע ד׳ערשיינונג אַ ביסל טיפער, הערט דאָס קאָמישע אויף צו זיין קאָמיש, עס ווערט טראַגיש. דער געלעכטער פאַרשווינדט — עס ווערט געבוירן מיטגעפיל, עס הערן אויף צו אַרבעטן די לאַך־מוסקולן, עס הויבט אָן צו אַרבעטן דאָס האַרץ. איר קאָנט לאַכן פון אַ מענטש, וואָס לויפט אומגעלומפּערט, פּלאָנטערט זיך אין לאַנגן מאַנטל און ער פאַלט, בלויז אַזוי לאַנג, ווי איר זעט נאָר די אויסערלעכע און קאָמישע באַוועגונגען זיינע; דערוויסט איר זיך אָבער, אַז ער אַנטלויפט פון פאַרפאָלגער, אָדער ער לויפט מיט די לעצטע כוחות נאָך אַ דאָק־טאָר פאַר אַ קינד, וואָס האַלט אין שטאַרבן, ווערן די זעלבע באַוועגונגען טיף פאַרוואַנדלט — פון קאָמיש ווערן זיי טראַגיש.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן דראַסטישער געשלעכט־שילדערונג: דאָס קיצלט בלויז אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מען זעט עס און מען שילדערט עס אין דער אומאַנשטענדיקער אויסערלעכקייט; דערזעט מען אָבער די זעלבע סצענעס נישט נאָר מיטן אויסערלעכן אויג, נאָר אויך מיטן מוח און מיטן האַרץ, קאָן עס ווערן טראַגיש אָדער אידיליש־שיין.

אויב דער שרייבער איז אויפגעטרייסלט, דורכגענומען מיט דעם, וואָס ער גייט שילדערן, אויב ער פאַרנעמט עס אין זיינע טיפערע, טראַגישע אַקצענטן, ווערט דאָס דראַסטישע — קונסט; אויב ער באַנוצט עס ווי אַ מיטל כּדי צו קיצלען דעם לייענער און צובינדן אים צו זיין בוך, איז דאָס שונד.

קונסט — קאָן מען דאָס אויבן־געזאָגטע פאָרמולירן — דעגראַדירט נישט דעם שטאָף, צו וועלכן זי רירט זיך צו; אדרבא — זי דערהויבט אים; זי עקספּלואַטירט אים נישט, זי פּראָסטיטואירט אים נישט, — זי איז זיך מזווג מיט אים בקדושה ובטהרה, פון אינערלעכער נויטווענדיקייט, פון אָרגאַנישער נויטווענדיקייט: כּדי איבערצוגעבן, כּדי אויסצודריקן וואָס זי פילט, מוז זי באַנוצן דאָס דראַסטישע, ווייל דער קינסטלער האָט אין דעם, גראָד אין דעם, באַמערקט די סימבאָל־מעגלעכקייט, די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף אונדזער פאַנטאַזיע און איבערצייגן אונדזער פאַרשטאַנד, רירן אונדזער האַרץ, אויפטרייסלען אונדזער געוויסן.

שונד אָבער דעגראַדירט דעם שטאָף, צו וועלכן ער רירט זיך צו; ער איז פאַר אים אַ קיצל־שטאָף, אַ זאַך, וואָס מען עקספּלואַטירט, פּראָסטיטואירט, וואָס „גייט אָן ביזן קנעפּל".

אָבער די דאָזיקע צווייפאַכע באַציאונג איז מעגלעך נישט נאָר ביים געשלעכט־שטאָף, — זי איז מעגלעך ביי יעדן מין שטאָף. און דעריבער איז מעגלעך אפילו אין דער ליטעראַטור אַזאַ דערשיינונג, ווי סאָציאַלער שונד: ווען אַ שרייבער נעמט זיך צו אַ סאָציאַלער טעמע נישט דערפאַר, ווייל ער איז דורכגעדרונגען מיט איר; נישט דערפאַר, ווייל ער לעבט און פיבערט מיט איר, — נאָר דערפאַר, ווייל די סאָציאַלע טעמאַטיק איז געוואָרן מאָדע, אַ גאַנגבאַרע סחורה, — איז זייער וואַרשיינלעך, אַז ער וועט שאַפן נישט נאָר אַ שוואַך ווערק, נאָר אויך אַ שונדיסטיש ווערק. די סאָציאַלע פּראָבלעמאַטיק און דער סאָציאַלער פּאַטאָס וועלן פאַרקריפּלט ווערן צום סאָציאַלן שונד־טראַפּאַרעט און סאָציאַלער שונד־סענטימענטאַלקייט.

און היות ווי שונד איז נישט פאַרבונדן מיט קיין באַשטימטן שטאָף, נאָר מיט אַ באַשטימטן צוגאַנג צום דאָזיקן שטאָף, איז דעריבער די שונד־סקאַלע אין דער ליטעראַטור זייער אַ ברייטע: עס איז גענוג, אַז דער שרייבער זאָל אויף איין מאָמענט פאַרלירן די געהעריקע באַציאונג און ער גליטשט זיך שונדיסטיש אויס — און פון דאָזיקן אויסגליטש בלייבט אַמאָל אַן אומאָנגענעמער שפּור אין אַ גרויס ווערק. און פאַרקערט קאָן אויך טרעפן. ווי דאָס לעבן, אַזוי איז אויך די ליטעראַטור ניואַנסירט: אַבסאָלוטע צדיקים זענען פּונקט אַזוי זעלטן (אָדער פּונקט אַזאַ לעגענדע) ווי אַבסאָלוטע רשעים; עס דעצידירט דער איבערגעוויכט, דער אַלגעמיינער טאָן. וואָס ווייטער פון דאָזיקן גאָלדענעם

מיטן, אַלץ מער דערנענטערט מען זיך אָדער צום אידעאַל פון קונסט, אָדער צו דער טומאה פון שונד.

*

ווי ווייט איז שונד שעדלעך? ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט פּאַרקומען אין פּלוג, איז אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט ווייניקער שווער צו ענטפערן, ווי אויף דער פראַגע „וואָס איז שונד?“

נישט אויף יעדן מענטשן האָט שונד די זעלבע ווירקונג, און נישט יעדער שונד איז פון זעלבן מין אָדער גראַד.

דאָס לאַנגע איינזאַפּן שונד קאָן ווירקן פאַרפלאַכנדיק אויף עסטעטיש־אַנטוויקלטע מענטשן, און עסטעטיש־אומאַנטוויקלטע לאָזט שונד זיך נישט אַנטוויקלען; שונד קאָן ווירקן דעמאָראַליזירנדיק אויף עטיש־אַנטוויקלטע מענטשן און עטיש־אומאַנטוויקלטע לאָזט שונד זיך נישט אַנטוויקלען. דאָס הייסט, אַז שונד ברענגט אַ צווייפאַכן שאָדן אויף צוויי געביטן, אויפן עטישן און עסטעטישן (וואָס זיי זענען, לויט מיין געפיל, איינס און דאָס זעלבע; לויט מיין געפיל, ווייל באַווייזן דאָס איז שווער: די גרענעצן און באַציאונגען צווישן דאָס שיינע און דאָס גוטע מוזן נאָך גוט אויסגעפאָרשט ווערן); פון איין זייט איז דער שונד אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג, און פון דער צווייטער דריקט ער אַראָפּ דעם ניוואָ, וועלכן מען האָט שוין געהאַט דערגרייכט.

אָבער מען טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאָלגנדיקן זיכערן פאַקט: געוויסע ביכער און טעאַטער־שטיק, וואָס זענען אָן שום ספק שונד־מאַכערייקעס, ווירקן אויף אַ געוויסן טייל פון לייענער־ און צושויער־עולם נישט נאָר נישט דעמאָראַליזירנדיק, נאָר — פאַרקערט: זיי וועקן אין אים פּאָזיטיווע געפילן פון מיטלייד צום קרבן און שנאה צו זיין תליך. די זעלבע מענטשן, וואָס וואָלטן זיכער נישט געווען אויפגענומען די געפיל־איידלקייט פון סאָפאָקלס „איפיגעניע“, ווערן גערירט ביז טרערן און אויפגעבראַכט ביז הייליקן צאָרן פון אַ פאָטער אַ טיראַן אין דער ערגסטער שונד־מאַכערייקע אויף דער יידישער סצענע.

דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז שונד קאָן אין געוויסע פאַלן דערפילן, ביי אַ פּרימיטיוון עולם, די זעלבע פונקציע, וואָס הויכע קונסט ביי אַן אַנטוויקלטערן.

מען דאַרף פון דעם נישט מאַכן קיין פאַלשן אויספיר, אַז אויב אַזוי — לאָמיר נישט באַקעמפן דעם שונד. פאַרקערט: מען דאַרף זען ביסלעכווייז דערציען דעם עולם אַזוי, אַז זיינע איידעלע געפילן זאָלן קאָנען געוועקט ווערן דורך גרויסע קונסט־ווערק און נישט דורך פּרימיטיוון שונד; אָבער מען מוז מאַכן פון דעם אויבן־געבראַכטן פאַקט דעם ריכטיקן אויספיר, אַז

פונקט ווי די טענדענץ פון לעבן איז געזונטקייט, און דאָרט ווו עס זענען נאָך נישטאָ קיין היגיענישע איינריכטונגען, פאַרמאָגט דער מענטש מער ווידערשטאַנד־קראַפט קעגן מיקראָבן, ווי אין היגיעניש־פאַרגעשריטענע געגנטן, אַזוי איז אויך די טענדענץ פון דער מענטשלעכער נאַטור — עטישע געזונטקייט, און דאָרט ווו דער עולם ווערט נישט דערצויגן דורך קונסט־ווערק, איז דער דורכשניטלעכער פאָלקס־מענטש מער פעאיק זיך צו ווערן קעגן שונד־מיקראָבן: דאָס, וואָס אַן עסטעטיש מער אַנטוויקלטן שלאָגט צו דער גאַל, קאָן אַן עסטעטיש ווייניקער אַנטוויקלטן אַריינוואַרפן אין עקסטאַז פון די אידלסטע געפילן. נישט נאָר דער פיש שטינקט פון קאָפּ — אויך דער מענטש. אַ שונד־ראָמאַן, וואָס איז שעדלעך פאַרן שרייבער און שעדלעך פאַר דער ליטעראַטור, קאָן נישט נאָר דעמאָראַליזירן, נאָר אויך ווירקן — קעגן זיין כוונה און קעגן זיין באַשטימונג — פּאָזיטיוו ביי געוויסע פערזאָנען און אפילו ביי גאַנצע קרייזן. (אגב מוז מען דאָ געדענקען דעם חילוק צווישן עכטן שונד און זיין אומשולדיקער שכנה — דער פאָלקסטימלעכער נאַאיווקייט. דערמיט לאָזט זיך אפשר דערקלערן די גוטע ווירקונג פון אַ געוויסן מין שונד, וועלכער פאַרמאָגט צופעליק אין זיך אַ געוויסע דאָזע פון דער דאָזיקער נאַאיווקייט. די גרענעצן פון שונד און פרימיטיווער פאָלקסטימלעכער נאַאיווקייט זענען אָבער בלויז זעלטן קלאָר אָנגעצייכנט, מערסטנטייל זענען זיי קוים־באַמערקבאַר).

די דאָזיקע פּאָקטן טרייסטן, ווייל זיי וועקן האָפענונג:

פונקט ווי דער מענטש איז אַ באַשעפעניש, וואָס קאָן אַלץ מיסברויכן, אפילו דאָס שענסטע, אַזוי איז ער אויך פעאיק פון אַלץ צו ציען אידעלע זאַפטן: נישט נאָר דאָס פעלד פאַרוואַנדלט מיסט אין גאָלדענע זאַנגען, אויך דער מענטש קאָן פאַרוואַנדלען מיסט אין אידעלע געפילן. וויפל שאָדן אַ בייזער ווינטער זאָל נישט אָנמאַכן, — קומט דער פרילינג, גלייכט די נאַטור ווידער אויס די ביינער; וויפל שאָדן דער ליטעראַרישער שונד־ווינטער זאָל נישט אָנמאַכן, — פאַרניכטן איינגאַנצן די עטישע און עסטעטישע זאַפטן פון מענטשן קאָן ער נישט. דער שניי גופא היט אויף אַ סך בלי־וואָרעמקייט.

און נאָך אַן אויספיר מוזן מיר מאַכן פון דעם אויבן־געבראַכטן פאַקט: נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די גרענעצן צווישן דעם עסטעטיש־שיינעם און דעם עטיש־שיינעם זענען זיכער זייער ענגע, מוז מען דאָך אונטערשיידן צווישן עטישן שונד און אַנטי־עטישן. עטישער שונד קאָן אָפט זיין זייער עטיש אין זיינע פרימיטיווע טענדענצן, — די דאָזיקע עטישע געפילן זענען אָבער שונדיש דערפאַר, ווייל זיי זענען אין זייער עסטעטישן אויסדרוק — שונד. אַנטי־עטישער שונד איז שונדיש צווייפאַך — אין זיינע עסטעטישע אויסדרוקן און אין זיינע אַנטי־עטישע טענדענצן. און דער אַנטי־עטישער שונד איז נישט דער ערגער שעדלעכער ווי דער עסטעטישער. עסטעטישער

שונד לאָזט דעם לייענער און דעם צושויער נישט אַנטוויקלען זייער עסטעטישן געשמאַק, לאָזט זיי אויך נישט אויספיינערן, ראַפינירטער מאַכן דעם עטישן מעסטער, אָבער דאָך איז זיין ווירקונג נישט געפערלעך. מען קאָן זיך טרייסטן מיטן ווערטל: אַזוי ווי דער עולם ווייסט נישט פון עפּעס בעסערס, אַזוי זאָל אים נישט שאַטן. אָבער דירעקטער אַנטי־עטישער אָדער אַמאָראַלער שונד קאָן אָנמאַכן חורבונות. בלויז ביי גאָר פיינפיליקע וועט ער אַרויסרופן אַ פאַרקערטע ווירקונג — אַ רעאַקציע פון עקל; ביי די איבעריקע וועט ער אָדער איינשלעפערן די עטישע געפילן אָדער וועקן צום לעבן די אַנטי־עטישע. ער וועט רייסן די דאַמבע, וואָס טויזנטער דורות האָבן געבויט קעגן דער חיה אין מענטשן.

ווילנע, 1940

טו) שונד און קונסט

אין דער „פּ. אַ. ש." פון 4־טן סעפּטעמבער האָט ד"ר צבי כהן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן שונד, און איז געקומען צום אויספיר, אַז שונד עקזיסטירט בלויז אויפן סעקסועלן געביט, אין דער „פּראָפאַנירונג פון די אינטימע מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן".

ד"ר צבי כהן מאַכט דערביי אַ פאַנאַנדערשיידונג צווישן קונסט און שונד אויפן דאָזיקן סעקסועלן געביט. שונד איז, זאָגט ד"ר כהן, „די וואָלגאַ־ריזירונג פון יענע באַהעפטונגס־מינוטן, וואָס זענען „אַן און פאַר זיך" נישט קעגן דעם עסטעטישן בליק, אָבער וועלכע ווערן אויסגענוצט אונטער דער פען פון אַ שונד־שרייבער צו רייצן און צו וועקן די בלוטן צו ביליקע, היהשע און מיאוסע פאָרמען פון לעבן". „עס זענען געווען גרויסע קינסטלער, וואָס האָבן אָט־די מאָמענטן באַשריבן, און ווען מען לייענט זיי, פילט מען זיך נישט גערייצט, נישט דערנידעריקט, נאָר, פאַרקערט, געלייטערט און דערהויבן..."

„אָבער דאָס געשעט נאָר דאַן, ווען אַ קינסטלער רירט זיך צו צו דער טעמע. אַ קינסטלער קאָן קיין שונד נישט שרייבן. צו וואָס ער רירט זיך צו, ווערט קונסט".

ד"ר צבי כהנס אויספיר, אַז עס איז דאָ בלויז סעקסועלער שונד, איז אינגאַנצן פאַלש, און זיינע אויבן־ציטירטע אַרגומענטאַציעס זענען אַ געמיש פון ריכטיקס מיט פאַלשס. איך וויל דאָס פּרוּוון קורץ באַווייזן.

עס איז זייער ריכטיק, אַז שונד איז „די פּראָפאַנירונג פון די אינטימע מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן", אָבער עס איז זייער פאַלש, אַז די אינטימע מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן, און במילא אין דער קונסט, באַגרענעצן זיך מיט די סעקסועלע באַציאונגען. די ליבע צו גערעכטיקייט און דאָס געפיל פאַר יושר; פריינטשאַפט, מיטלייד, רחמנות, קאַמף פאַר פרייהייט; שנאה צו שקלאַפעריי און גראָבקייט; בענקשאַפט צום אַבסאָלוטן אמת, נאָכן זין פון

לעבן, — אַלץ איז אינטים, אויף וויפל דער מענטש לעבט עס איבער טיף, אינערלעך, נישט נאָר מיטן שכל, פון ביכל אַרויס, נאָר מיטן געמיט, פון אינסטינקט אַרויס, ליידנשאַפטלעך. אַלץ, וואָס אַ מענטש לעבט טיף איבער, וואָס רירט אים אָן מער ווי „ביזן קנעפל" — איז אינטים. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז אַלץ, וואָס איז קונסט, מוז זיין אינטים איבערגעלעבט, נישט פּראָפּאַנירט, און די ריכטיקע פאָרמול מוז אויסגעברייטערט ווערן אויף אַלע געפילן אונדזערע, אויף אַלע טעמעס פון דער קונסט. אַלע מענטשלעכע געפילן, אַלדאָס מענטשלעך־אינטימע, וואָס ווערט פּראָפּאַנירט, ד. ה. נישט באַנוצט לשמה, פון אינערלעכן דראַנג, פון טיפער איבערלעבונג, איז — שונד. איך האָב שוין אַמאָל אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער אָרט, אין מיינעם אַן אַרטיקל וועגן „יאָשע קאַלב", אַז עס איז דאָ אויך אַזאַ זאַך ווי סאָציאַלער שונד. דאָס איז דאַן, ווען מען נעמט אַ סאָציאַלן מאָטיוו און מ'באַנוצט אים „אויף קאַלט", צוליב אַן אויסערלעכן צוועק, צוליב אַ נויטיקן עפעקט, ווייל די מאָדע פאָדערט עס, ווייל מען וויל ווייזן, אַז מען איז אויך מאָדערן, אַז מען קאָן זיין „סאָציאַל" אַפילו אין אַ „פאָרווערטס"־ראָמאַן.

אָט־דעם סאָציאַלן שונד קאָן מען טרעפן אין אַ מוראדיקער פאָרעם אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער ליטעראַטור, ווייל דער שרייבער באַהאַנדלט זיין סאָציאַלע טעמע אָפט נישט פון אינערלעכער פולקייט און נויטווענדיקייט, פון עכטער איבערלעבונג, נאָר צוליב אַן אויסערלעכן דרוק, צוליב אַ פאַרלאַנג צוצופּאַסן זיך, אויסדינען זיך, נישט קרייצן די ליניע. און עס גרילצן די פאַלשע סאָציאַלע טענער, און מיר פאַרצייכענען עס אין אונדזער געפיל: שונד. דער פּאַטאָס פון סאָציאַלן איבערבוי, פון סאָציאַלע קאַמפן ווערט פּראָפּאַנירט.

אַלץ קאָן זיין שונד, און אַלץ קאָן זיין קונסט. פּושקינס ליד „וואַגאַם ראָסיאי", הגם עס איז אונדז פרעמד לויטן אינהאַלט, לויט דער איינשטעלונג, איז פּונקט אַזוי ווייניק שונד, ווי בלאָקס אַן ענלעכע, אָבער אונדז נעענטערע ווענדונג צו די פיינט פון אָקטאָבער, זיין ליד „סקיפן"; היינריך פאָן קלייסטס מעכטיק שנאה־ליד צו די פראַנצויזן („דער גאָט, דער אייזען וואַקסען ליעס") איז נישט קיין שונד, ווייל עס איז עכט. עס איז באַרבאַריש־ווילד אין זיין שאָוויניזם, אין זיין פעלקער־שנאה, אָבער קיין שונד איז עס נישט. און נישט דערפאַר, ווייל עס איז קינסטלעריש, נאָר ווייל עס איז עכט (איך לאָז דאָ אין אַ זייט דעם פאַקט, וואָס עכטקייט און קינסטלערישקייט זענען איינס, נישט אָפּצוטיילן). אָבער איזי כאַריקס ליד וועגן די זעכצן דערשאָסענע טראָצקיסטן איז עכטער שונד, ווייל עס פּראָפּאַנירט דאָס געפיל פון גערעכטן נקמה־דורשט צוליב קליינלעך עגאָאיסטישע מאָטיוון: אויסדינען זיך לגבי דער ליניע, ווייזן די כשרע ציצית. עס איז שונד, ווייל עס איז אַ שנאה אָן אינער־לעכן עכטן פלאַקער, ווייל דאָס זענען סאָציאַלע מאָטיוון אָן אינערלעכן ברען.

דאָס וואָס עס איז אויך גראַפאָמאַניע, איז אַן אומפאַרמיידלעכע באַגלייט־דערשיינונג פון דער נישט־עכטקייט: דאָס וואָרט לאָזט זיך נישט פאַרגוואַלטיקן, עס גיט זיך אָפּ בלויז דער עכטער ליידנשאַפט... אָבער דאָס איז נישט קיין קינסטלעריש־שוואַכע זאַך (ווי ד״ר צבי כהן וויל האָבן), נאָר — שונד.

און אויך דער סעקסועלער שונד איז שונד צוליב די זעלבע מאָטיוון, אויף קיין האָר נישט אַנדערש. ד״ר צבי כהן ווייזט גאַנץ ריכטיק אויף, אַז די זעלבע סעקסועלע דראַסטישקייטן קאָנען ווירקן קינסטלעריש אָדער שונדיסטיש. ער מאַכט אָבער אַ פעלער דערמיט, וואָס אויף אַנדערע געביטן מאַכט ער אַן אונטערשייד צווישן אַ שוואַך ווערק און אַ קינסטלעריש ווערק, אָבער ביי סעקסועלע מאָטיוון ציט ער אַן אַנדער גרענעץ־ליניע: קונסט און — שונד. דאָס איז נישט ריכטיק. אויך סעקסועלע סצענעס קאָנען זיין שוואַך־קינסטלעריש אָבער נישט שונדיסטיש, פונקט ווי עס קאָן זיין קינסטלערישע פּאָרנאָגראַפיע. ארעטינאָס פּאָרנאָגראַפיע איז זייער טאַלענטירט געשריבן, אָבער דאָך — פּאָרנאָגראַפיע, סעקסועלער שונד, ווייל ער קוקט זיך צו צו די סעקסועלע פונקציעס פון דרויסן, אָן אינערלעכער פאַראיידלענדיקער, דערהויבנדיקער ליידנשאַפט, אָן אינערלעכער צניעות. און איך וואָלט אויך געקאָנט אָנווייזן אַ סך יידישע שרייבערס, וואָס זייערע סעקסועל־דראַסטישע סצענעס זענען נישט קינסטלעריש, זייער שוואַך, אָבער קיין שונד איז עס נישט, ווייל זיי גייען צו דערצו מיט ערנסט, מיט אינערלעכער צניעות, הגם אָן טאַלאַנט.

מיט אַנדערע ווערטער: אין געביט פון סעקסועלן שונד דאַרף געמאַכט ווערן נישט ד״ר צבי כהנס פאַנאַנדערטיילונג, נאָר די צעטיילונג פון ווירקלעכן לעבן. סעקסועלע באַציאונגען אונטער דער ווירקונג פון אינערלעכער ליידנשאַפט, פון בלוט־סימפּאַטיע זענען טאַקע „אַן און פאַר זיך נישט קעגן דעם עסטעטישן בליק״ (ווי ד״ר כהן דריקט זיך אויס זייער שווערלייביק), אָבער יעדע סעקסועלע באַציאונג אָן אינערלעכער ליידנשאַפט, ד. ה. אָן אינערלעכער צניעות, איז טאַקע פּראָסטיטוציע, זנות. קונסט שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן אויך דערין.

די דאָזיקע אינטימע פאַנאַנדערטיילונגס־ליניע איז אויף אַזוי ווייט ריכטיק, אַז אַפילו שונד קאָן אויפהערן צו זיין שונדיסטיש אין דער ווירקונג, ווי באַלד זי רופט אַרויס ביי אַ פּרימיטיוון טעאַטער־צושויער אָדער לעזער (און עס טרעפט אַזוינס צום גליק) אַן אינטים־שטאַרקע איבערלעבונג, נישט קיין ציניש־ביליקע נערוון־רייצונג. ווען אַ שונדישע פאַרגוואַלדיקונגס־סצענע רופט אַרויס ביי אַ פּרימיטיוו־ריינעם לעזער אַ געפיל פון שנאה צום פאַרגוואַלטיקער, אַנשטאָט אַ ציניש קיצל, ווערט אין דאָזיקן מאָמענט די אָביעקטיווע שונד געלייטערט צו סוביעקטיווער קינסטלעריש־דיכטערישער איבערלעבונג.

„פ. א. ש.״

טז) די מיסטעריע פון דיכטערישן וואָרט

פריץ מאוטנער, דער סובטעלער דייטש־יידישער סקעפּטיקער, דער מחבר פון דער דריי־בענדיקער „געשיכטע פונעם סקעפּטיציזם אין מערב", האָט זיין גאַנצן לעבן געאַרבעט איף אַ מאָנומענטאַל ווערק „וועגן קריטיק פון דער שפּראַך".ביים סוף פון זיין לעבן, שוין כמעט אינגאַנצן אַ בלינדער, האָט ער געלאָזט אָפּדרוקן דאָס דאָזיקע בוך — דאָס געליבטסטע קינד פון העכסטן סקעפּטיציזם, — אין אַ נישט־פאַרענדיקטער פאָרעם. די ביטערע ראָזשינקע פון דאָזיקן בוך באַשטייט אָט אין וואָס: נישט דער געדאַנק געבוירט דאָס וואָרט, ווי אַ מיטל זיך צו פאַרקערפּערן, צו קומען צום אויסדרוק, נאָר דאָס וואָרט געבוירט דעם געדאַנק; נישט דער געדאַנק פירט אָן מיטן וואָרט, נאָר דאָס וואָרט — מיטן געדאַנק.

אַ שרעקלעכע השערה: ווי אַזוי קאָן מען האָבן צוטרוי צום אייגענעם געדאַנק, אויב ער איז נישט סוווערען אין זיין אויסדרוק, אויב נישט ער פורעמט דאָס וואָרט, נאָר דאָס וואָרט פורעמט אים?

צי איז דאָס אָבער ריכטיק?

אמת: אָן שפּראַך, אָן ווערטער, קאָן מען נישט דענקען; אפילו דאַן, ווען עס דאַכט זיך אונדז אַמאָל, אַז מען „דענקט אָן ווערטער", איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל די ווערטער, וואָס ליגן טיף אין הינטערגרונט פון אונדזער באַוווסטזיין, וואַרפן פאַרויס זייער שאָטן אין אונדזער אינטעלעקט און מיר „דענקען אָן ווערטער". כל־זמן דער מענטש האָט נישט געהאַט קיין שפּראַך, האָט ער נישט געקאָנט דענקען. אָבער צי דען האָט די שפּראַך געקאָנט געבוירן ווערן אָן דער אַנטרייבנדיקער קראַפט פון געדאַנק?

כדי דער מענטש זאָל קאָנען דענקען, האָט ער געמוזט שאַפן די שפּראַך; אָבער כדי דער מענטש זאָל קאָנען שאַפן די שפּראַך, האָט ער געמוזט שפּירן אין זיך אַ דראַנג צו דענקען. ווי אַבעלאַרד דריקט דאָס אויס: „שפּראַך איז געבוירן געוואָרן דורכן אינטעלעקט, און עס געבוירט אינטעלעקט".

וואָס איז געשאַפן געוואָרן פריער: דער גוף צי די נשמה? אָן דעם גוף, קאָן די נשמה נישט קומען צום אויסדרוק, אָבער אָן דער נשמה איז דער גוף — טויט. כדי זיך צו קאָנען מאַניפעסטירן, האָט אפשר די נשמה געשאַפן דעם גוף? און כדי זיך צו קאָנען מאַניפעסטירן, האָט אפשר דער געדאַנק געשאַפן דאָס וואָרט?

דאָס איז נישט קיין שפּיל אין ווערטער. אויב דער געדאַנק מוז ווערן אויסגעדריקט דורך עפּעס פרעמדס, איז ער נישט סוווערען, קאָן מען צו אים קיין צוטרוי נישט האָבן; אויב דער געדאַנק קאָן גיין נאָר אויף פרעמדע פיס, טאָ

ווי קאָן מען האָבן צוטרוי צו זיין וועג: אפשר שלעפּן אים די פיס וווּ זיי ווילן און ער מוז צובאַמקען, ווייל — אַ ברירה האָט ער, דער פיסלאָזער געדאַנק?

אָבער אויב דער געדאַנק שאַפט פאַר זיך די „פיס”, אויב די פיס זענען זיינע אַן אָרגאַנישע שאַפונג, דאַן פירן זיי אים וווּהין ער וויל, הגם אַן זיי קאָן ער נישט גיין. אַן פיס קאָן אויך דער גוף נישט גיין, אָבער די נאָרמאַלע פיס פון אַ נאָרמאַלן גוף ווערן געפירט דורכן ווילן, וואָס באַלעבט דעם קערפּער.

אַן וואָרט איז נישטאָ קיין געדאַנק, אָבער דער געדאַנק שאַפט דאָס וואָרט און דאָס וואָרט, געשאַפן דורכן און פאַרן געדאַנק, דריקט אויס דעם געדאַנקס סוווערענעם ווילן.

נאַטירלעך: דאָס מענטשלעכע וואָרט איז אַ מעכטיקער שטראָם, און ד׳עריבער איז תמיד דאָ אַ רעאַלע געפאַר, אַז דער שוואַכער געדאַנק קאָן אַוועקגעטראָגן ווערן דורך דעם קאַפּריז פונעם וואָרט־שטראָם. דאָס באַדייט אָבער נישט לחלוטין, אַז צוערשט ווערט געבוירן דאָס פוסטע וואָרט, וואָס ווערט ערשט שפּעטער אָנגעפילט מיטן אינהאַלט פון געדאַנק (ווי עס לאָזט זיך, און דעריבער קאָן נישט דער אויף אַזאַ אופן געבוירענער געדאַנק וועקן צו זיך אַ צו־גרויסן צוטרוי). דאָס וואָרט קאָן ווערן פוסט, דאָס וואָרט קאָן אונדז אונטערוואַרפן אַ ממזר־געדאַנק (ווי אַלץ, וואָס עקזיסטירט אָדער וואָס דער מענטש שאַפט, קאָן אויך דאָס וואָרט מיסברויכט ווערן), — אָבער ביי זיין געבורט איז דאָס וואָרט פונקט אַזוי אומאָפּטיילבאַר פונעם געדאַנק, ווי אַ לעבע־דיקער קערפּער פון דער נשמה, פונעם לעבן. עס זענען בלויז אַרויסגעוואָרפן אַלע פּרוּוון צו דערגיין צום אור־וואָרצל — וועמען געהערט די בכורה: דעם גוף אָדער דער נשמה? דעם וואָרט אָדער דעם געדאַנק?

אַלס צווינגנדיקער באַווייז פאַר דעם קאָן דינען דאָס פּאָעטישע וואָרט. אין זיינע העכסטע, לעבעדיקסטע דערשיינונגען איז דאָס פּאָעטישע וואָרט אויף אַזוי ווייט צונויפגעגאָסן מיטן געדאַנק, אַז די קלענסטע ענדערונג טויט אַוועק דעם דאָזיקן פּאָעטישן וווּנדער.

אויב דער דיכטער פאַרטראַכט אַמאָל איינס, און אין טראַנס פונעם שאַפן קומט אַרויס עפּעס גאָר אַנדערש, — באַדייט דאָס לחלוטין נישט, אַז דאָס וואָרט האָט אַראָפּגעפירט זיין געדאַנק פונעם דיכטערישן דרך הישר; דאָס באַווייזט נאָר, אַז אינעם טראַנס פון דער שעפערישער אַרבעט נעמט די אָנפירנ־דיקע ראָל איבער די אינטואיציע, אָפּרוקנדיק אויפן צווייטן פּלאַן דעם אויבנ־אויפיקן שיכט פונעם לאָגישן געדאַנק, איבערלאָזנדיק פאַר אים בלויז דאָס רעכט פון לאָגישער קאָנטראָל.

מעגלעך, אַז גראָד פאַרקערט: דער ערשטער געדאַנק (אָדער פּלאַן) פונעם דיכטער איז גאָר דיקטירט געוואָרן דורך די טויטע ווערטער, וואָס שווימען ביי אונדז אויף דער אויבערפלאַך אין די הונדערטער און טויזנטער; ערשט

ווען דער דיכטער איז צוגעקומען טיפער, האָט דאָס עכטע שעפערישע וואָרט (וואָרט־געדאַנק) איבערגענומען די פירונג.

מיר קאָנען זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין פּרטים פון דער דאָזיקער שווערער פּראָבלעם; אגב, — מוז מען מודה זיין, — איז זי גאָר פולשטענדיק נישט צו לייזן. מיר געפינען זיך דאָ פאַר אַ מיסטעריע. לאָמיר נעמען, למשל, פאָלגנדיקע פאַקטן:

שאַרל דע קאָסטער, — דער פלעמישער שרייבער, דער גרינדער און באַרד פון דער פלעמישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, — האָט געשריבן אויך אויף פלעמיש; אָבער אויף דער דאָזיקער אייגענער, געליבטער שפּראַך האָט ער נישט געשאַפן קיין שום זאַך, וואָס איז ווערט אונדזער אויפמערקזאַמקייט; דערפאַר אָבער האָט ער אויף פראַנצויזיש אָנגעשריבן דאָס בוך „טיל אולענשפּיגעל", וואָס שטעלט פאַר מיט זיך די נאַציאָנאַלע עפּאָפּייע פונעם פלעמישן פאָלק, פון זיין גייסט, פון זיין פיינפולער געשיכטע און פון זיינע נאַציאָנאַלע האָפענונגען.

דאָס איז אַ גרויס אוניווערסאַל ווערק, וואָס איז גלייכצייטיק אַ נאַציאָנאַלע עפּאָפּייע פון אַן אונטערדריקט פאָלק, געשריבן אויף דער שפּראַך פון די אונטערדריקער. דאָס אייגענע וואָרט איז פאַר שאַרל דע קאָסטער געווען אומפּרוכטבאַר אין העכערן מאַסשטאַב; דאָס פרעמדע, אַדאַפּטירטע איז געווען שעפעריש.

און איצט אַ פאַרקערטער ביישפּיל:

ביאַליק, וועלכער איז אויפגעוואַקסן אין אַן אָרעמער יידישער פאַמיליע, אין דער געדיכטעניש פונעם יידישן לעבן, האָט געשריבן יידישע געדיכטן; אָבער ווען ער וואָלט אונדז נאָר געוועזן איבערגעלאָזן די דאָזיקע יידישע געדיכטן, וואָלט ער געוועזן פאַרנומען אַ גאַנץ באַשיידענעם אָרט אינעם פאַנטעאָן פון דער יידישער פּאָעזיע (הגם אויך אין די יידישע געדיכטן פילט זיך אָפט עפּעס אַ פרישע קראַפט אין דער שפּראַך, אינעם סטיל, אין דער אַטמאָספער פון די פערזן), בעת אויף העברעיש איז ער אַ מעכטיקער, גרויסער דיכטער. בעת זיין גרויס געדיכט אויף יידיש א. נ. „דאָס לעצטע וואָרט" (נביאיש) איז נאָר אַ רעטאָרישע נאָכמאַכונג פונעם נביאישן סטיל, איז זיין העברעישע דיכטונג — אויך אַן אמת דורכגעדרונגען מיט נביאישער קראַפט.

לעכערלעך זענען יענע, וועלכע ווייזן אָן אויף די דאָזיקע צוויי ביאַליקס ווי אויף אַ באַוויז דערפאַר, אַז ביאַליק איז נישט געווען קיין גרויסער דיכטער. אַז עס באַצייבערט אונדז בלויז זיין רייכע העברעישע שפּראַך (מיר דאַרפן חושד זיין, הייסט עס, זיין פּאָעטישן זשעני, וואָס ווערט געפירט פונעם וואָרט). ביאַליקס מיטלמעסיקייט אין זיינע יידישע געדיכטן שטרייכט בלויז אונטער די מיסטעריע פונעם וואָרט, וואָס גראָד ביי ביאַליקן קומט זי צום אויסדרוק מיט

אַזאַ בלענדנדיקער בולטקייט. זיין פּאָעטישער זשעני האָט זיך פאַרקערפּערט, קעגן אונדזערע לעגיטימע דערוואַרטונגען, נישט אין דער שפּראַך פון זיין קינדהייט און סביבה, נאָר אין דער שפּראַך, וואָס זיין גאַנצע נשמה האָט געשפּירט, אַז זי איז זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך. זיין דיכטערישע געניאַלקייט האָט זיך ווי אָפּגעזאָגט באַפרוכפּערט צו ווערן דורך יידיש, — זי האָט זיך געריסן צו די עלטסטע שיכטן פון ביאַליקס נשמה, ווו זי איז געווען העברעיש. און מיר געפינען טאַקע — מיט שטוינונג — אין ביאַליקס שפּראַך אי די דינאַמישע קראַפט פון תנ״כישן וואָרט, אי די קרישטאָלענע דורכזיכטיקייט פונעם „מדרש״-סטיל.

קיין איין דיכטער פון דער ניי-יידישער ליטעראַטור איז נישט געווען אַזוי טיף פאַרבונדן מיט אונדזער אַלטער קולטור, ווי ביאַליק. זיין שפּראַך טראָגט אין זיך דעם שטראָם פון טויזנט-יעריקע אסאָציאַציעס; ער איז ניי, ווי אַ ניי-געבוירן קינד, און אַלט, ווי אונדזער פאָלק; ער שפּיגלט אָפּ די דינסטע ניואַנסן פון אַ טויזנט-יעריקער שעפערישער אַרבעט פון געדאַנק און פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע.

ווי טיף ביאַליק איז צוגעשמידט געווען צום אוצר פון דער פאָלקס-קולטור, באַווייזן נישט נאָר זיינע פּאָעטישע ווערק, ווי „המתמיד״, „פאַרן ביכער-שאנק״, נאָר אויך זיין טעטיקייט ווי אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון די אַלטע אוצרות פון אונדזער קולטור, — זיין „ספר האגדה״, זיין „שלמה איבן גבירול״, זיין געניאַל אַרטיקל „הלכה און אגדה״.

ווען מען לייענט דעם גרויסן שרייבער ברענער, פילט מען, אַז אויף יידיש וואָלט ער געווען געשריבן נישט נאָר נישט ערגער, נאָר אַפילו בעסער, ווייל מען פילט, אַז ער איבערזעצט זיך אַליין פון יידיש; ווען מען לייענט דעם צווייטן גרויסן העברעישן דיכטער, טשערניכאָווסקין, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז ער וואָלט געווען געשריבן גוט אויך אויף אַן אַנדער שפּראַך; ביאַליקן אָבער קאָן מען נישט אָפּטיילן פון העברעיש. אָבער נישט די הערשאַפט פון דער שפּראַך איבער זיין דיכטונג זע איך אין דעם; די שפּראַך רופט זיך דאָ אָפּ אויף אַן אינערלעכער פאָדערונג פון געדאַנק. נישט דער העברעישער אינסטרומענט הערשט איבער ביאַליקן; דאָס טיפערע דיכטערישע אין ביאַליקן האָט זיך באַנוצט מיטן העברעישן אינסטרומענט אין הסכם מיט זיינע פאָדערונגען.

ביי ביאַליקן איבערראַשט אונדז, דעריבער, קודם-כל אַן אויסטערלישע מאַניפעסטאַציע פון דער מיסטעריע פון שפּראַך.

II

נאטיצן וועגן דיכטונג

א) וואָלט וויטמאַן

וויטמאַנס באַציאונג צו דער וועלט איז אַ רעליגיעזע. ביי אים איז געקומען צו אַ מערקווירדיקער איינהייט צווישן זיינע רעליגיעזע געפילן און זיין פאַרלאַנג צו קינסטלערישן אויסדרוק.

רעליגיע און קונסט זענען שוועסטער אָדער צוויי גופים מיט איין נשמה; ביי וויטמאַנען באַמיען זיי זיך צו זיין איין נשמה מיט איין גוף.

דער גוף איז זעלטן געלונגען; אָבער די נשמה — זייער אָפּט. די אינערלעכע פּאָעטישע וועלט זיינע — די נשמה פון זיינע רעליגיעזע געפילן און פון זיינע קינסטלערישע אויסדרוק־באַדערפעענישן — איז צו גרויס פאַר די טעכנישע דיכטערישע מעגלעכקייטן זיינע.

עס איז אָבער נאַריש צו זאָגן, אַז דערפאַר ווייל די טעכניש־דיכטערישע פעאיקייטן זיינע זענען שוואַך, אָפּט ממש פרימיטיוו און אומבאַהאָלפן, איז ער קיין דיכטער נישט; אויך אין זיין רויקייט פילט מען דעם גרויסן, און אַמאָל טאַקע דעם געוואַלטיקן דיכטער.

זיין גרויסקייט באַשטייט אויך אין דעם, וואָס ער האָט זיין דיכטערישע וועלט נישט געפּרוווט אַריינשטופּן אין די שמאָלע ראַמען פון נאָכגעמאַכטע פאָרמען, וואָס וואָלטן זי געווען פאַרקריפּלט, פאַרהיימישט און געווען געמאַכט סאַלאָנפעאיק אויפן חשבון פון איר ווילדער שיינקייט; די אַלטע פאָרמען וואָלטן פאַר זיין נייעם אינהאַלט געווען זיין אַן אמת סדום־בעטל.

וויטמאַן האָט געהאַט דעם באַוווסטזיין פון זיין נייער אינערלעכער וועלט, און ער האָט געהאַט דעם מוט (דעם סימן מובהק פון געניאַלקייט) צו זיין פּראָזאַאיש אין זיין דיכטונג, צו זיין פאָרמלאָז, צו זיין געטריי צו זיין קנאָספּענדיקער געפילס־וועלט, איידער שרייבן גלאַטיקע פערזן אין גלאַטיקע ריטמען, פאַרראַטנדיק דורך דעם זיין רייכע, נייע אינערלעכע וועלט.

ווי עס טרעפט אָפט מיט מענטשן — אַפילו מיט דיכטער — האָט ער געזוכט פאַר זיין מוטיקער רויקייט טעאָריעס און דערקלערונגען — טיילווייז ריכטיקע און טיילווייז נישט קיין ריכטיקע; אויך אַנדערע האָבן געזוכט פאַר דער דערשיינונג „וואָלט וויטמאַן" דערקלערונגען, און געשאַפן טעאָריעס, —

אָבער קיין שום טעאָריע קאָן נישט באַזייטיקן דעם פאַקט, אַז אין וויטמאַנס דיכטונג האָבן מיר פּסולת מיט גאָלד געמישט צוזאַמען — גאָלד־אינהאַלט און פאָרעם־פּסולת. און ווער עס וואַרפט אָפּ דאָס גאָלד צוליבן פּסולת, באַגייט אַ נאַרישקייט; און ווער עס אָנערקענט אַלץ פאַר גאָלד — באַגייט נישט קיין קלענערע.

*

וויטמאַן האָט געזוכט פאַרענטפער־טעאָריעס פאַר זיין אויסערלעכער פאָרעם־שוואַכקייט (אַ שוואַכקייט, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיין שטאַרקייט צו גיין מיט אָן אייגענעם וועג דורך אַ דזשונגל פון נייע געפילס־אינהאַלטן, איידער זיך לייכט צו באַוועגן אויף אויסגעטראָטענע שליאַכן פון באַנאַלקייטן).

אָט זאָגט ער אין דער הקדמה צו זיינע „גראָז־שטענגלעך": „די קונסט פון קונסט, דער רום פון אויסדרוק... איז פּשטות.

„...צו רעדן אין ליטעראַטור מיט אַבסאָלוטער אויפריכטיקייט... וועגן די באַוועגונגען פון חיות און וועגן דער פולקאָמענקייט (unimpeachableness) פוןביימער אין די וועלדער און פונעם גראָז ביים זייט פון וועג, איז דער פּגימה־לאָזער טריאומף פון קונסט".

עפּעס אמתדיקס איז דאָ אין דעם (הגם די באַגרינדונג פון דאָזיקן אמת פון פּשטות איז אויסגעדריקט נישט אַזוי קלאָר, ווי פּשטות וואָלט דאָס פאַרלאַנגט, און נישט אַזוי פּשוט, עס זאָל זיין גאָר קלאָר), אָבער די געפּאָדערטע אוממיטל־באַרקייט פון אויסדרוק דאַרף נישט און טאָר נישט זיין אַזוי רוי און כראָניק־אַרטיק, ווי דאָס איז אַ גרויסע טייל פון וויטמאַנס דיכטונג.

„דער גרעסטער דיכטער האָט נישט קיין געשטעמפּלטן סטיל, און איז מער אַ קאַנאַל פאַר געדאַנקען און זאַכן, אָן צו פאַרגרעסערן אָדער צו פאַרקלענערן זיי... ער שווערט צו זיין קונסט: איך וועל נישט זיין צו צודרינגלעך (meddlesome), איך וועל אין מיין שרייבן נישט האָבן קיין שום עלעגאַנץ אָדער כוונה אָדער אָריגינעלקייט, וואָס זאָלן הענגען אין וועג צווישן מיר און די איבעריקע ווי פאָרהאַנגען. איך וויל עס זאָל גאָרנישט הענגען אין וועג, אַפילו נישט די רייכסטע פאָרהאַנגען... איר וועט שטיין ביי מיין זייט און קוקן אין שפּיגל צוזאַמען מיט מיר"...

דאָס איז נישט אין קיין קליינער מאָס אַ ביישפּיל פון מאַכן „אַ טוגנט פון אַ נויט".

מען דאַרף נישט קיין מליצהדיקע פאָרהאַנגען, וואָס פאַרדעקן אַזוי פיל און אַזוי אָפט; אָבער מען קאָן נישט סתם קוקן אין שפּיגל צוזאַמען מיטן דיכטער — מען זעט נישט וואָס דער דיכטער זעט הינטער דער זאַך, וואָס ביידע זעען.

די אויפגאַבע פון דיכטער איז צו ווייזן די זאַכן אַזוי, אַז דער לעזער, וועלכער שטייט ביי זיין זייט, זאָל זען נישט נאָר די זאַך, נאָר אויך דאָס וואָס דער דיכטער זעט אין איר, הינטער איר, — איר סימבאָלישע באַדייטונג, איר סימבאָלישע אויסשטראַלונג, איר נשמה, — קינסטלעריש אויסגעדריקט אין דיכטערישע אַסאָציאַציעס־אויסשטראַלונגען. און ווען דער דיכטער לאָזט בלויז דערשיינען די זאַכן (ווי זיי זענען) אינעם שפּיגל פון זיין וואָרט, איז דאָס נישט גענוג פאַרן לעזער; און במילא איז דאָס אויך נישט גענוג פאַרן דיכטער.

מען דאַרף נישט קיין מליצה און קיין פאַרהאַנגען, — אָבער מען דאַרף דעם כּישוף פון דיכטערישן אויסדרוק, דאָס קאָנען אַזוי ווייזן די זאַך, אַז דער לעזער זאָל זי זען נישט נאָר מיטן אויג, נאָר אויך מיטן זעקסטן חוש פון דיכטונג, וואָס דער דיכטער דאַרף אים אויפוועקן אין לייענער.

און וויטמאַן קאָן דאָס אָפט נישט (שטענדיק — אַוודאי נישט). ער ווערט באַרוישט פון די זאַכן גופא, און ער רעכנט זיי אָפּט אויס דעם לעזער מיט זייערע נעמען, בלויז מיט זייערע נעמען; אָבער, אָט דער מעטאָד ווירקט נישט — די באַרוישטקייט, וואָס וויטמאַן פילט פון די זאַכן (און דעריבער רעכנט ער זיי אויס מיט פאַרקוועטשטע, אין עקסטאַז פאַרקוועטשטע אויגן), גיבן זיך נישט איבער דעם לעזער.

עס איז זייער שיין, ווען וויטמאַן זאָגט אין זיין טעאָרעטישן פאָרוואָרט צו זיינע לידער: „די בשורה פון גרויסע דיכטער צו יעדן מאַן און צו יעדער פרוי איז פאָלגנדע: קום צו אונדז ווי אַ גלייכער צו גלייכע, ווייל נאָר אַזוי קאָנסטו אונדז פאַרשטיין. מיר זענען נישט בעסער פאַר דיר; דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן, פאַרמאָגסטו אויך; דאָס וואָס מיר געניסן, קאָנסטו אויך געניסן". דאָס איז שיין, אָבער ריכטיק איז דאָס על תנאי: דו פאַרמאָגסט דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן, אָבער דו ווייסט נישט וועגן דעם, און דו קאָנסט עס נישט אויפזוכן אָן אונדז — מיר האָבן דעם כּישוף־שליסעלע דאָס אויפצושליסן פאַר דיר; און ערשט דאַן, ווען מיר שליסן דאָס אויף פאַר דיר, קאָנסטו דאָס געניסן.

מיר זענען נישט בעסער פאַר דיר, אָבער גליקלעכער — אָדער אומגליקלעכער — פאַר דיר, — יעדנפאַלס אַנדערש אין דער שפּירבאַרקייט און אין דער פעאיקייט אונדזער שפּירבאַרקייט אָנצוצינדן אין דיר.

דער גרויסער דיכטער פאַרמאָגט אויך דאָס, וואָס וויטמאַן האָט נישט פאַרמאָגט: דעם אויבנדערמאָנטן כּישוף־שליסעלע צו אַ צויבער־וועלט פון דיכטונג, וואָס ווערט געעפנט פאַרן נישט אַקטיוון דיכטער אין אונדז.

וויטמאַן איז געווען אַ גרויסער דיכטער מער אין דער פּאָטענץ, ווי אין די טעכנישע מעגלעכקייטן צו לאָזן קומען צום וואָרט אָט די דיכטערישע פּאָטענצן זיינע...

און איינער פון די גרעסטע וווּנדער פון דער וויטמאַן־דערשיינונג באַשטייט

אין דעם, וואָס וואַלט וויטמאַן איז דאָך געוואָרן אַ גרויסער דיכטער נישט געקוקט אויף זיין דיכטערישער שטאַמלעניש.

דערצו האָט אים געהאָלפן זיין מוט, זיין איבערמענטשלעכער שטאָלץ פון געפיל און באַוווסטזיין.

ער האָט געהאַט דעם מוט פון אַ גאון צו וועלן ווערן אַ דיכטער אויך בפועל, נישט געקוקט אויף די גרויסע שטערונגען דערצו; און זיין מוט האָט אים געהאָלפן צו פאַרוואַנדלען טיילן פון זיין פאָרעמלאָזיקייט אין אַן אייגנ־אַרטיקער פאָרמלאָזער פאָרעם; פאַראַן אָבער אויך טיילן אין זיין דיכטונג, ווו דער מוט האָט נישט באַוויזן דורכצוגליען איר פאָרמלאָזיקייט אַזוי, זי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אייגנאַרטיקער וויטמאַנישער פאָרמלאָזער פאָרעם.

פאַראַן פאָטאָגראַפיעס וויטמאַנס, אין וועלכע דער גרויסער דיכטער קוקט אַרויס פון זיינע אויגן אַ סך מער, ווי פון צענדליקער לידער זיינע.

דערפאַר אָבער: דאָרט ווו וויטמאַנס מוט האָט באַוויזן דעם ווונדער צו פאַרוואַנדלען דעם פאָטענציעלן דיכטער אין אַ דיכטער בפועל, דערפילן מיר אַן אומגעצוימטע דיכטערישע סטיכיע, ממש ווי דער ים, וואָס אויך זיין פאָרעם איז גראַנדיעזע פאָרמלאָזיקייט, אומפאַרגלייכלעכער כאַאָס, וואָס אַרומנעמען דאָס מיטן אויג, ווי יעדע זאַך וואָס האָט אַ פאָרעם, קאָנט איר נישט, אָבער איר קאָנט זיך אַריינלעבן אין אים, אַריינפילן זיך אין זיין ריטם און שטיין צוגעשמידט און דערשיטערט, און אָטעמען מיט אומענדלעכקייט; ווי איר שטייט פאַר אַלץ, וואָס איז צו גרויס איר זאָלט עס קאָנען אַריינגעמען אין זיך דורך אַרומנעמען עס מיטן אויג, און דורך אַרומנעמען עס מיטן פאַרשטאַנד, און במילא קאָנט איר בלויז פאַרזינקען דערין, זיך אויפלייזן אין דעם.

ווער עס וויל פאַרזינקען אין וויטמאַנס געוואַלטיקער, ממש סטיכישער דיכטונג, ווער עס וויל שטיין פאַר אים אַ צוגעשמידטער און דערשיטערטער, זאָל לייענען און לייענען איינס פון זיינע געוואַלטיקסטע לידער, דאָס ליד „פון דעם אייביק זיך וויגענדיקן וויגעלע״.

דאָס ליד דאָס דאָזיקע וויגט זיך מיטן ריטם פון ים, עס איז אומענדלעך ווי דער ים און רופט אַרויס, ווידער ווי דער ים, שווער־קאָנטראָלירבאַרע געפילן, אָבער אַזעלכע וואָס פאַרכאַפּן דעם אָטעם, פאַרשווענקען אייך מיטן גרויסן בראשית און גיבן אייך דאָס געפיל פון אומענדלעכקייט, ווייל אייער ענדלעכע קליינקייט גיסט זיך צונויף מיטן אומענדלעכן, מיטן אין־סוף, וואָס איז פון אייביק ביז אייביק.

אין דאָזיקן ליד וועגן אַ קינד, וואָס הערט אין דער נאַכט, אויפן ברעג ים, דאָס טרויער־ליד פון אַן ער־פויגל נאָך זיין אומגעקומענער זי (און דאָס ליד ווערט אַקאָמפּאַנירט דורך דעם רויש פון ים), זאָגט דאָס קינד (וויטמאַן) נביאות:

„אָ, וואָס איז מיין גורל?
(איך האָב מורא, אַז דאָס איז פון איצט אָן כאַאָס").
און זיין ליד איז כאַאָס, אָבער אַזאַ וואָס געבוירט וועלטן.

„לאָז מיך מער נישט זיין דאָס פרידלעכע קינד, וואָס איך בין געווען פריער", — איידער עס האָט געהערט דאָס ליד פונעם טרויערנדיקן פויגל, וואָס האָט אים דערשיטערט, און „אַ טויזנט זינגענדיקע עכאָס, וואָס וועלן קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן, האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אין מיר".

דאָס זעלבע געפיל האָבן מיר, ווען מיר הערן וויטמאַנס געזאַנג וועגן פּאָמענאָקס ים־ברעג, וועגן דעם פויגלס קאָסמישן טרויער־געזאַנג, וואָס דאָס קינד נעמט פאַרשטיין: די טויזנטער טענער וואָס נעמען וויברירן אין אונדז אַ דאַנק וויטמאַנס גרויסן געדיכט, וועלן אויך אין אונדז קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן. די איבערלעבונג פונעם קינד אין יענער נאַכט איז וויטמאַנען געלונגען אַריינצופּאַנגען אין אַ ריטם און אין ווערטער פון אַזאַ צויבער און קראַפט, אַז זיין געוואַלטיקע איבערלעבונג ווערט אויך אונדזערע.

דאָס ליד איז שעפערישער כאַאָס, — דער כאַאָס פון באַשאַף.

וויטמאַן דאָס קינד האָט דערפילט און פאַרשטאַנען דאָס געזאַנג פון ים און פונעם פויגל (פון דער ליידנדער און ליבנדער קרעאַטור) און מיר דערפילן און פאַרשטייען דאָס געזאַנג פון וויטמאַן דעם דיכטער, — דעם געוואַלטיקן דיכטער.

ב) אַ דיכטונג פון דינסטמיידלעך

איך האָב שוין נישט איינמאָל געהערט (און כ'קאָן שווערן אַז אויך געלייענט) אַ פאַראַכטנדיקע מיינונג וועגן יידישע פאָלקסלידער.

זיי זענען דאָך מייסטנס, — גיבן זיך די „דיכטונג־ליבהאָבער" אַ קרים, — פרויען־לידער, פון דינסטמיידלעך און שניידערקעס.

די דאָזיקע כלומרשטע דיכטונג־ליבהאָבער האָבן זיך אָבער קיינמאָל נישט גענומען די מי צו לייענען די פאָלקסלידער פון אַ סך פעלקער, וואָס די מערהייט פון זיי זענען אויך געשאַפן געוואָרן דורך פרויען, — און נישט תמיד דורך דבורה הנביאהס און מרימס.

איך וואָלט די דאָזיקע כלומרשטע דיכטונג־ליבהאָבער און דיכטונג־פאַרטיידיקער געעצהט איבערצולייענען קאַרל ביכערס ביז גאַר אינטערעסאַנטן בוך „אַרבעט און ריטם", וואָס אין איינעם פון זיינע קאַפּיטלען („פרויען־אַרבעט און פרויען־דיכטונג") ברענגט ער אַ גרויסן מאַטעריאַל וועגן דאָזיקן ענין.

אָבער ווער עס וויל זיך איינשפּאָרן די אַרבעט פון לייענען קאַרל ביכערס בוך, קאָן ער דאָס, ווי אויבן געזאָגט, פאַרבייטן אויף לייענען די פאָלקס־דיכטונג פון אַ סך פעלקער. ער וועט דאָן אַן קאַרל ביכערס הילף איינזען, אַז דער פונדאַמענט פון דיכטונג איז נישט נאָר ביי יידן געלייגט געוואָרן דורך דער פשוטער פרוי, דער שקלאַפין און דער דינסטמויד, דער פויערטע און דער שניידערקע.

קרימט נישט מיט דער נאָז, איר דיכטונג־פאַרטיידיקער, אויפן אונטער־שטן שטאַפּל; ווי וואָלט איר זיך אָן אים געוועזן דערקליבן צו די העכערע?

אין זיין ממש אָפּפרישנדיקן בוך „דאָס הנאה האָבן פון דיכטונג", זאָגט מאַקס איסטמאַן זייער ריכטיק:

„לידער זענען נישט אויסגעוואַקסן אין ביכער, אויך נישט אין דער אָפּגעשלאָסנקייט פון עקסטאַזן, — זיי זענען אויסגעוואַקסן אין די פאַרהאַר־טעוועטע נשמות פון וואַגאַבונדן, וואָס האָבן ליב געהאַט צו קומען אין באַרירונג מיט אַלע אַרבעטן און זאָרגן און קאַמפן און יום־טוב־פאַרגעניגנס פון די מענטשן אויף דער ערד, און וואָס האָבן ליב געהאַט צו שמועסן און זינגען אויף זייער וועג — אַט די זענען געווען פּאָעטן".

דיכטונג איז געוואַקסן ביים וואַגאַבונד און ביי דעם דינסטמיידל, און ביי אַלעמען וואָס האָבן דירעקט זיך געשטייערט מיטן לעבן און ארויסגעריסן ביי אים פאַר אַלע זייערע פיינען און מאַטערנישן דעם זיסן און טרייסטנדיקן געזאַנג — די דיכטונג.

דיכטונג איז געוואַקסן ביי די קליינע — אומבאַקאַנטע — און ביי די גרויסע בראָדיאַגעס — ביי די ווילאָנס, ביי די ווערלענס, ביי די מאַנגערס, ביי די וויטמאַנס.

און נישט צופעליק ווערט אָפט דיכטונג באַנייט (ווען זי ווערט צופיל פאַרצימערט און פארביכערט) דורך אויסזויגן די אוממיטלבארע לעבנס־איבער־לעבונגען פון די פאָלקסלידער און פון די בראָדיאַגישע דיכטונגען: זיי טראָגן אין זיך פרישע לופט אויף אָפּצופרישן.

נאָך פעריאָדן פון דיכטונג־באַנייאונג (דורך אַ קאָנטאַקט מיט דער דיכטונג־סובסטאַנץ פון לעבן), קומען פעריאָדן פון שפע אין דער ליטעראַטור.

נאָכן איינאָטעמען אַ גוטע פאַרציע פרישע לופט, נעמט דאָס בלוט קרייזן ריטמישער און שטאַרקער.

קרימט נישט די נאָז אויף דער דיכטונג פון די דינסטמיידלעך — זי איז געווען די מאַמע אָדער די אַם פון נישט איין געראָטן אַריסטאָקראַטיש דיכטעריש קינד.

ג) אַן אַ צווישנשיכט

איך האָב געלייענט אַ בוך לידער פון אַן אויסטראַלישן דיכטער, און איך האָב באַמערקט: אויב איך האָב אָנגעטראָפן אויף שטעלן, ווו די שפּראַך איז געווען שווער (פאַר מיר אָדער בכלל) האָב איך געמוזט פריער גוט אַדורכאַקערן דעם שפּראַך־טעקסט, ביז איך האָב געקאָנט דערגראָבן זיך צום בילד־אינהאַלט וואָס הינטער אים.

נישט הינטער אַלע שווערע שפּראַך־שטעלן האָב איך געפונען — נאָך אַזאַ אָפּרייניקונגס־אַרבעט — אַ דיכטעריש־בילדלעכן אינהאַלט; אָבער דאָרט ווו איך האָב אַזאַ יאָ געפונען, איז ער פריער געווען אויסבאַהאַלטן הינטער דעם שווערן (יעדנפאַלס פאַר מיר שווערן) שפּראַך־צודעק.

אין עטלעכע פאַלן, ווען איך בין שוין געווען זיכער, אַז עס איז דאָ נישטאָ וואָס צו געפינען, האָב איך געהאַט אַ גאַר אָנגענעמע איבעראַשונג: הינטער דער שווערער רעטאָריק (ווי עס האָט זיך מיר געדאַכט) פלעגט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקן אַ פּרעכטיק בילד. און איך האָב זיך פאַרטראַכט: פאַרוואָס האָב איך אים גלייך נישט באַמערקט? דער וואָרט־טייטש איז מיר דאָך באַקאַנט געווען.

האָב איך זיך דערמאָנט מיינעם אַ שמועס אין שאַנכיי מיט אַ יידן, וועלכער איז געקומען קיין כינע אַלס קינד און האָט דורכגעמאַכט אַ כינעזישע שולע.

מיר האָבן גערעדט וועגן דער כינעזישער דיכטונג, וואָס איך האָב זי געלייענט אין איבערזעצונגען. איך האָב זיך געקלאָגט דערויף, וואָס זייער ווייניק לידער ווערן ווי געהעריק איבערגעזעצט (אָדער לאָזן זיך ווי געהעריק איבערזעצן), וואָס די מערהייט איבערזעצונגען זענען פאַלסיפיקאַטן. האָט מיר מיין באַקאַנטער געזאָגט, אַז דאָס איז טויזנט מאָל מער ריכטיק פאַר כינעזישער דיכטונג. אויב אַן ענגלישע איבערזעצונג פון אַ פראַנצויזיש ליד, למשל, קאָן נאָך איינהיטן דעם שאָטן פון אָריגינאַל, איז דאָס ביי אַ כינעזיש ליד נאָך שווערער, ממש אוממעגלעך. דאָ קאָנט איר דעם שאָטן פון אָריגינאַל אויך נישט באַקומען.

פאַרוואָס? ווייל די כינעזישע דיכטונג גיט זיך איבער דעם לייענער דירעקט, דורך די כינעזישע בילד־סימבאָלן און נישט דורך ווערטער. דער קאָנטאַקט צווישן דעם געדיכט און דעם געניסער איז אַן אוממיטלבאַרער, אָן אַ צווישן־שיכט פון שפּראַך. דער „לעזער" פון כינעזישער דיכטונג איז קיין לעזער נישט — ער איז אַ זעער, — ער זעט אוממיטלבאַר דאָס בילד, וואָס דער דיכטער מאָלט פאַר אים, אָן וואָרט־פאַרמיטלער. דאָס בילד דאַרף נישט

דורכגיין דעם צאַלאָמט פון וואָרט, כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אינעם לעזערס געמיט.

און קענער פון כינעזיש און כינעזישער דיכטונג זאָגן טאַקע, אַז די ווירקונג אירע איז שטאַרקער, אוממיטלבאַרער פאַר יעדער אַנדער דיכטונג.

און מיט דעם דערקלערט זיך אויך מיין דערפאַרונג מיטן אויסטראַלישן דיכטער: אויפן וועג צו זיין בילדלעכקייט, איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי אַ וואַנט, אַ שפּראַך, אויף וועלכער איך האָב געמוזט פאַרווענדן צופיל אויפמערקזאַמקייט.

די שפּראַך פון דיכטונג מוז זיין וואָס דורכזיכטיקער, מוז וואָס ווייניקער שטערן די פאַרבינדונג צווישן דער דיכטונג און דעם לעזערס געמיט. במילא מוז דיכטונג זיין ווי מעגלעך קנאַפּוואָרטיק, דער וואָרט-לבוש פון די געדאַנקען און בילדער מוז זיין אַ מינימאַלער.

דער אידעאַל פון דיכטונג איז, אַז דער מינימאַלסטער סכום ווערטער, וואָס מען מוז עוין באַנוצן, זאָלן זיין אַזוי דין אויסגעשליפן, זיי זאָלן בילדן נישט מער ווי אַ דין, קוים באַמערקבאַר הייטל צווישן דעם בילד און זיין אויפגענומען ווערן.

די בעסטע ווערטער פאַר דיכטונג זענען די, וועלכע מען באַמערקט קוים, וועלכע קאָנען זיך מאַכן כמעט ווי אומבאַמערקבאַר, וועלכע קאָנען דערפילן זייער שליחות דיסקרעט.

ווען מען לייענט דיכטונג אין אַ פרעמדער שפּראַך, און די שפּראַך איז נאָך שווערלעך, און מען דאַרף זיין אויפמערקזאַם צו איר, שטערט דאָס דעם פּראָצעס פון דיכטערישן אויפנעמען, און אין אַזאַ פאַל זעט מען דאָס בולט איין; אָבער די שטערונג איז אויך דאָ בעת דער וואָרט-לבוש פון דיכטונג איז צו דיק, צו „דיכטעריש" אַפילו אין מאַמע-לשון.

די קונסט פון דיכטונג באַשטייט נישט נאָר אין פאַרמאָגן באַפליגלטע בילדער און געדאַנקען, נאָר אויך צו קאָנען באַפליגלען די שפּראַך אַזוי, זי זאָל נישט זיין שווערוואָגיק, — זי זאָל זיין דורכזיכטיק און לייכט ווי עטער, זי זאָל נישט שטיין ווי אַ שאָטן צווישן בילד און דעם אויפנעמענדיקן געמיט, צווישן דיכטערישן געדאַנק און דעם אויפנעמענדיקן מוח.

דאָס איז פאַר פּראָזע אויך געזונט, אָבער אַ ליד קאָן אָן דעם נישט לעבן.

ד) דיכטונג צערייסט די קייטן פון געפּענטעטן „איך"

אין קאָנסטאַנטין סימאָנאָווס מלחמה-דראַמע „רוסישע מענטשן", זאָגט גלאָביאַ, דער העלד פון דער דראַמע: „וואָס קוקסטו אַזוי, חבר קאַפּיטאַן? דאָס טרינק איך דאָך נישט אויף צו באַקומען מוט, — איך טרינק כדי זיך אָנצוואָ־

רעמען, אויף צו באַקומען מוט העלפט דאָס נישט. דערצו העלפט מיר אַ ליד". (דריקט אַלעמען די הענט, צוקומענדיק צו דער טיר, דרייט ער אום דעם קאָפּ און צעזיגנט זיך פלוצלינג: „נאַכטיגאַל, נאַכטיגאַל־פויגעלע". זינגענדיק פאַרשווינדט ער דורך דער טיר.)

גלאַביאַ גייט אויף אַ זיכערן טויט און ער קרעפטיקט זיך פאַר זיין אויפגאַבע מיט אַ לירישן פאָלקס־ליד.

און ער טוט דאָס נישט אינסטינקטיוו, ווי דאָס האָבן געטאָן אומצייליקע מיליאָנען פאַר אים און אומצייליקע מיליאָנען וועלן דאָס טאָן נאָך אים, — ער טוט עס מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז דאָס העלפט, אַז אינעם ליד איז אַ קוואַל פון קראַפט, פון וועלכן מען קאָן פיל שעפּן אין אַ פאַל פון סכנה, ווען גייסטיקע קראַפט איז שטאַרק נויטיק — דאָס נויטיקסטע.

פאַרוואָס איז לייכטער צו גיין צום טויט מיט אַ ליד? ווייל אַ ליד (איך באַנוץ דאָס דאָזיקע וואָרט אין דאָזיקן פאַל אַלס סימבאָל פון קונסט בכלל) רייסט אַראָפּ פון אַ מענטשן די קייטן פון זיין ענגן „איך", ברייטערט אויס זיין האָריזאָנט, זיין עגאָאיזם נעמט אים אויסזען אַזוי קליין אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער, טיפער וועלט פון אייביקייט, וווּהין דיכטונג, ווען זי ווירקט (און זי ווירקט, ווען דיכטונג איז דיכטונג), פאַרטראָגט דעם מענטשן.

די פונקציע פון דיכטונג — איר עיקרדיקע פונקציע — באַשטייט אין באַפרייען דעם מענטשן פון זיין פאַרשקלאַפט צו זיך אַליין; דיכטונג פאַרטראָגט דעם מענטשן פון דער תפיסה פון פראַקטישקייט און „איך"־נוצלעכקייט אין דער פרייער וועלט פון אומפראַקטישע געפילן, וועלכע לייזן אויף זיין נאַטירלעכן עגאָאיזם און — ס'איז לייכטער צו גיין אויף טויט, ס'איז לייכטער דאָס שטאַרבן.

נישט אומזיסט זענען אַזוי פיל קדושים אונדזערע אומגעקומען אין די פלאַמען פון די פאַרשיידענע אינקוויזיציעס מיטן עקסטאַטיש־אויסגעשריגענעם „אחד".

וואָס איז דען דער עקסטאַז פון פאַרבינדן זיך מיט גאָט דורכן כלות־נפשדיקן „שמע ישראל", אויב נישט דיכטונג?

נישט דער אַבסטראַקט־פילאָזאָפישער געדאַנק פונעם „אחד" האָט זיי געטרייסט און געשטאַרקט, — זיי האָט געטרייסט און געשטאַרקט דער דיכטערישער עקסטאַז, דער אומפאַרגלייכלעכער טעם פון דער מיסטישער וויזיע, וואָס מאַכט נישטיק דעם ענגן „איך" (וואָס ווערט פאַרברענט), פנים אל פנים מיטן גייסטיקן „איך", וואָס ווערט באַפרייט פאַר אַ פאַראייניקונג מיט דאָס באמת ווערטפולע אין לעבן.

פאַר איינעם איז לייכטער צו גיין צום טויט מיטן „אחד", ווייל דאָס איז זיין נאַציאָנאַלע דיכטונג, וואָס רעדט צו זיין געמיט פון געבורט אָן, פון זיין בלוט אַרויס; פאַרן צווייטן איז דאָס זיין און זיין פאָלקס בענקשאַפטס־ליד צום

„נאַכטיגאַל, נאַכטיגאַל־פייגעלע", פאַר אַ דריטן — אַן אַנדער ליד; אָבער פאַר אַלעמען איז דאָס דיכטונג, מיט איר וווּנדערבאַרער אייגנשאַפט צו באַפרייען דעם „איך", אים צוצוגרייטן אַריבערצושפּרינגען איבער זיין אייגענעם קאָפּ, אים ווילּיק מאַכן צו פאַרשיידענע עקידות, אים צוצוגעבן מוט, אים מאַכן „אויס מענטש" — עפּעס העכערס.

ה) פאַר דער אייביקייט?

מען האָט ליב צו זאָגן: דיכטונג ווערט געשאַפן פאַר דער אייביקייט. און מען מיינט דערמיט אַרויסצווייזן טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דיכטונג און טיפע פאַרערונג צו דיכטונג.

אין דער אמתן אָבער באַווייזט עס בלויז, ווי ווייניק די דאָזיקע דיכטונג־פאַרערער פאַרשטייען דעם מהות פון דיכטונג.

עס איז נישט ריכטיק, אַז דיכטונג ווערט געשאַפן פאַר דער אייביקייט; דיכטונג ווערט געשאַפן פאַרן מאָמענט, זי ווערט נאָכגעשיקט די פרישע פּוסטריט פון איבערלעבונגען. דיכטונג העלפט דעם דיכטער צו באַפרייען זיין געמיט־שפּאַנונג, זי העלפט אים איבערקומען קריזיסן, זיי אויס־דיכטן, ד. ה. זיי מאַכן אויס דורך דיכטונג. דיכטונג העלפט די לייענער אין שווערע מאָמענטן און פאַרשאַפט גוטע מאָמענטן, — זי איז אַ פריינט אין דער טאָג־טעגלעכקייט.

אמת, גוטע דיכטונג לעבט איבער דורות, און אַמאָל טאַקע אייביקייטן, — אָבער זי ווערט געשאַפן דורכן און פאַרן מאָמענט, פאַר זיין פּראַקטישן נוצן.

ווער עס פאַרשטייט דאָס נישט, דער האָט קיינמאָל קיין דיכטונג נישט פאַרשטאַנען, ווייל — נישט איבערגעלעבט אויף אַן אמת. ער האָט זיך נאָר געדרייט אַרום איר, אָבער נישט געלעבט מיט איר.

ו) אַן אַריינבליק אויף אַ מאָמענט

אַ דיכטערישע מעטאַפאָר, דיכטערישע בילדלעכקייט, דיכטערישער סימבאָל קומען אויף אויפן זעלבן אופן ווי חלומות: דאָס באַוווסטזיין איז נישט אינגאַנצן — בלויז האַלב־וואַך. און דער האַלב־וואַכער באַוווסטזיין באַמערקט זאַכן, נישט אויפנעמענדיק זייער פּראַקטישע פונקציע, — ער זעט זיי אין זייער זאַכיקייט, אַלס סוביעקטן, און זיי רופן אַרויס אַסאָציאַציעס, אָבער נישט קיין מיושבדיק־פּראַקטישע, די זאַכן שטראַלן אַרויס זייער זעלבשטענדיקע נשמה.

איך שרייב דאָס דאָזיקע אין אַ האַלב־וואַכן צושטאַנד פון באַוווסטזיין, און איך זע די דיכטונג נישט מיושבדיק פּראַקטיש — איך זע איר נשמהדיקסטן

פּונקט: אָן איר פעלט די נויטיקע קאַטאַרזיס־פונקציע, עס פעלט די מעגלעכקייט זיך צו דערהויבן איבער זיך, צום איבער־אינדיווידועלן, צו גענישן אַ צושטאַנד, ווען עס איז אַזוי לייכט שלום צו מאַכן מיטן גורל, — מען זעט דאָך זיך גופא אין האַלב־וואַכן צושטאַנד פון באַוווסטזיין, מען זעט און מען פילט זיך גופא נישט מיושבדיק־פּראַקטיש, נאָר ווי אַ לעבעדיקן נערוו פון דער וועלט־מיסטעריע, ווי אַ מעדיום פאַר דער קראַפט פון דער וועלט־מיסטעריע.

דיכטונג איז טאַקע — אויב איר ווילט — דאָס כישוף־שטעקעלע, וואָס פאַרוואַנדלט אַ חיהש־חומרישע באַשעפעניש אין אַ האַלב־באַוווסטזיניקע טייל פון גרויסן סוד.

דיכטונג איז — דאָס פּערזענלעכע געפילט אלס דאָס אייביקע, אַלס אַלגעמיין־מענטשלעכע (נישט ווייל דאָס אייביקע ווערט אַראָפּגעשלעפּט צום פּערזענלעכן, נאָר פאַרקערט: דאָס פּערזענלעכע ווערט דערהויבן אין עקסטאַז צום אייביקן). דאָס דיכטערישע צעשמעלצט דאָס פּערזענלעך־איבערגעלעבטע און לאָזט איבער דערפון בלויז דאָס אַלגעמיין־ווערטפולע (אָדער — פורעמט דאָס איבער אין עפּעס אַלגעמיין מענטשלעכס).

נאָר די ווירקונג פון גרויסער דיכטונג, נאָך אַ לאַנגער צייט פון אַ דיכטונג־תענית, קאָן ערשט געבן אַ באַגריף ווי עס פעלט אונדז די ווירקונג פון דיכטונג, ווי פאַרזשאַווערט מען ווערט אָן איר — (סיי דער יחיד, סיי די געזעלשאַפט), ווי אַ מאַשין, וואָס ווערט נישט געאיילט פון צייט צו צייט.

ז) אַ מינוטיקער שפּאַציר אין דער געדיכטעניש פון דער טעאָריע פון דיכטונג

אין זיין אינטערעסאַנט בוך וועגן דער קונסט פון איבערזעצן, אונטערן נאָמען „די הויכע קונסט", ברענגט קאָרנעי טשוקאָווסקי צוויי שורות פון פּעטס אַ ליד:

„יאַ ניע זנאַיו טשטאָ יאַ בודו
פּעט׳, נאָ טאָל׳קאָ פּעסניאַ זרעיעט".
(„איך וויים נישט וואָס איך וועל
זינגען, אָבער ס׳ליד נעמט רייפן")

און ער באַמערקט:

„אין דער סטרוקטור פון פּעטס צוויי שורות איז דער עיקר דער דאָזיקער נישט געוויינטלעכער פונאַנדעררייס צווישן די ווערטער „איך וועל" און „זינגען"; דאָס אַריבערטראָגן דאָס וואָרט „זינגען" אין אָנהייב פון דער צווייטער שורה, צוליב וואָס עס ווערט געשאַפן אַ ריטמישער אָפּהאַלט („פּערעבאָי"), וואָס

אַנטשפּרעכט דעם אומװיסן װעגן זיין צוקונפטיק ליד, װאָס קומט צום אויסדרוק אין פּעטס געדיכט."

איז קומט אויף פון זיך אַליין די פראַגע: האָט דאָס פּעט געטאָן באַװוּסט־זיניק? צי האָט ער זיך געזאָגט: היות װי איך װייס נישט װאָס איך װעל זינגען, װעל איך מאַכן אַ קינסטלעכן ריטמישן פונאַנדעררײס צװישן „איך װעל" און „זינגען" און אויף אַזאַ אופן, אַ דאַנק דער פונאַנדערגעריסענער ריטמיק, װעל איך בילדלעך אויסמאָלן מיין פּאָעטישע אומזיכערקייט, װאָס איז שייך דעם אינהאַלט פון מיין אָנרייפנדיק ליד?

זיכער נישט. דאָס געפיל פון רייפנדיקן ליד אָן קאָנקרעטן אינהאַלט האָט זיך געריסן צו פאַרקערפּערונג און די דאַזיקע אינערלעכע שטרעבונג האָט אומבאַװוּסטזיניק אָרגאַניזירט די ריטמיק פון געדיכט אין הסכם מיטן פּאָעטס לעבעדיקן געפיל.

אין דעם באַשטייט טאַקע די אומבאַװוּסטזיניקייט פון שעפערישן פּראָצעס.

אויפן זעלבן אופן מוזן מיר זיך דערקלערן די דערשיינונג אין דער דיכטונג, װען אַ געװיסער צוזאַמענשטעל פון קלאַנגען דריקט אויס אַ געװיס געפיל, אָפט אַפילו אַ געװיס פּאָעטיש בילד. דער דיכטער מאַכט נישט קיין שום אַריפמע־טישע אויסרעכענונגען, װי די פאָלגנדע: איך װיל אויסדריקן אָדער אויסמאָלן דאָס אָדער יענץ, און דעריבער װעל איך נעמען אָט־אָ־די און אָט־אָ־יענע קלאַנגען, כ'װעל זיי פאַראייניקן אין אַ געװיסער קאָמבינאַציע און װעל אַזוי אַרום באַקומען דעם נייטיקן עפעקט.

אויב דער דיכטער װעט מאַכן אַזאַ אַריפמעטישע אויסרעכענונג, ד. ה. אויב ער װעט צוגיין צו זיין פּאָעטישער אויפגאַבע פון דרויסן, װעט זיך נישט באַקומען קיין לעבעדיקער פּאָעטישער אָרגאַניזם (אַן אָרגאַניזם װאַקסט אויס פון אינעװייניק), נאָר אַ פּלוידער, ענלעך צום באַלמאַנטישן פערז אויף „טש", װאָס דאַרף, טעאָרעטיש, עפּעס אויסדריקן, אָבער ער דריקט גאָרנישט אויס, אַחוץ דעם מחברס געשמאַקלאָזיקייט:

„טשוזשדי טשאַראָם טשאָרני טשאַלן"

מיר האָבן דאָ פּאַר זיך אַ בולט־אויסערלעכן אַפּקלייב פון װערטער אויף „טש". װאָלטן זיך געװוען אונטערגערוקט אַנדערע אויף „טש", װאָלט אויך געװוען זיין גוט.

דאָרט, װוּ דער אָפּקלייב פון קלאַנגען דריקט טאַקע אויס אַן עפּעס, װאָס אַן דעם דאַזיקן קלאַנגען־אָפּקלייב לאָזט זיך עס נישט אויסדריקן, דאָרט װערט דער דאַזיקער קלאַנגען־אָפּקלייב אָרגאַניזירט דורך דעם אינערלעכן דרוק פון געפיל, װאָס זוכט קאָנװולסיװ אַן אויסדרוק, װאָס זאָל באַפרידיקן, אָנטשפּאַנען דעם דאַזיקן דרוק, און אינעם אינסטינקטיװן זוכן אָט־אָ־די אָנטשפּאַנונג,

זואַרפט אַף דאָס דינע פּאַטעטישע געפיל אַלע אומבאַפרידיקנדיקע אויסדרוקן, וואָס רוקן זיך אונטער, ביז די שפּאַנונג אָרגאַניזירט אונטער איר דרוק יענעם קלאַנגגען־אַפּקלייב, וואָס באַפרידיקט און אַנטשפּאַנט אומבאַוווּסטזיניק. אַזאַ קלאַנגגען־אַפּקלייב ווערט געבוירן אָרגאַניש, אין חבלי יצירה, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם ווערט געבוירן פון אַ לעבעדיקן זאָמען.

מיר באַמערקן דאָס באַוווּסטזיניק און מיר דעשיפרירן די ווירקונג פון די דינע ריטמען און וואָרט־קלאַנגען, — ביים דיכטער אָבער זענען זיי מיטן באַוווּסטזיין נישט געבונדן.

די סאַמע קונציקע ריטמען זענען אַ רעזולטאַט פון אוממיטלבאַרקייט.

ח) אָרעמער נאַטוראַליזם

וואָס וויל דער נאַטוראַליזם? געבן אַ בילד פון דער ווירקלעכקייט, אַזוי ווי זי איז. גראָב זיך אויסגעדריקט — אָפּמאָלן די ליבע־פּאַראייניקונג אין איר קאָנקרעטער, זעבאַרער אַנטאַפּבאַרקייט.

אָבער נישט שוין־זשע איז אין דער ליבע־פּאַראייניקונג דאָ נאָר דאָס זעבאַרע? אין איר איז דאָך דאָ אויך דאָס געפילטע! און נישט נאָר דאָס געפילטע מיט דער הויט, מיט די גלידער, נאָר אויך מיט דער נשמה, מיטן געמיט־צושטאַנד. און דאָס איז נישט נאָר אויך ווירקלעכקייט, נאָר די ווירקלעכקייט, די איינציקע ווירקלעכקייט וואָס האָט אַ ווערט, ווייל די אַנדערע זייט פון דער ווירקלעכקייט איז נאָר איר קערפּער, איר מעדיום, דורך וועלכן זי, די דאָזיקע ווירקלעכע, ווערטפולע ווירקלעכקייט, מאַניפעסטירט זיך אויף דרויסן.

ט) די אַרומנעמענדיקע מלוכה פון פּאָעזיע

די מערהייט מענטשן לעבט אומבאַוווּסטזיניק — זיי לעבן מיט דער אינערציע פון ווילן צום לעבן. אָבער אַפילו אין די סאַמע אינערטנע וואָקסט צייטנווייז אויס אַ פּאַרגעפיל, אַן אַנונג, אַז נישט אינעם אומבאַוווּסטזיניקן ווילן צום לעבן איז אַלץ, און די בעסערע, וואָס געפינען זיך נישט צווישן דעם אינערטנעם רוב, שטייען כסדר פונסניי פאַר די פראַגן: וואָס אַזוינס איז לעבן? וואָס אַזוינס איז די וועלט? וואָס איז גאָט?

און די אייביקע פראַגן פון גוט און שלעכט, גערעכטיקייט און שולד, שטראָף און אומשולדיקייט, שיינקייט און מיאוסקייט, רחמנות און אכזריות, עגאָאיזם און מסירת־נפש, ציניזם און קידוש־השם, — די אַלע פראַגן זוכן, פאָדערן אַן ענטפער, און די דאָזיקע ענטפערס און די דאָזיקע פראַגן זענען די

דיכטונג פון דער מענטשהייט, צי זי טראָגט דעם כאַראַקטער פון מיטן, רעליגיע, לידער, מעשהלעך, צי אין־ווערטער־נישט־פאַרקערפּערטן־קאַמף פון דער מענטש־לעכער נשמה פאַר אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן, צי זי איז פאַרקערפּערט (אין די מעשים פון הייליקע און מאַרטירער) אין אַ זיג איבער די דאָזיקע פראַגן.

י) וואָלט וויטמאַנס קאָסמישער כאַאָס

פאַראַן אפשר איין איינציקער דיכטער, וועגן וועמען די מיינונגען זענען אַזוי צעטיילט, אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג ווען נישט איז צו קאָנען אַריבערוואַרפן אַ בריק איבער זיי. דער דאָזיקער פּאָעט הייסט: וואָלט וויטמאַן.

פאַר איינע איז ער דער קעניג פון גראַפאָמאַנען, פאַר אַנדערע — אַן איינ־ציקאַרטיקע דערשיינונג אין דער וועלט־דיכטונג; אַ דיכטער — אַ רעליגיע־גרינדער.

דערמיט — און נישט נאָר דערמיט — איז וואָלט וויטמאַן ענלעך צו דער ערד און צום לעבן: פאַר איינע זענען זיי שמוציק, פּוסט און געמיין; אָבער פאַר אַנדערע — הייליק און שיין, פול מיט זין און דערהויבן.

וואָלט וויטמאַן האָט געזאָגט: „קאַמעראַד, דאָס איז נישט קיין בוך; דער־יעניקער, וואָס רירט עס אָן, רירט אָן אַ מענטשן“...

דאָס איז נישט נאָר שיין, נאָר אויך אמתדיק, אָבער נישט דער גאַנצער אמת. וויטמאַן איז אַ קאָסמישע דערשיינונג: די נאַטור און די נאַטור פון מענטשן האָבן דורך אים באַקומען די מתנה פון שפּראַך, זיי האָבן אויסגעבראָכן מיט רייד ווי אַ ווולקאַן ברעכט אויס מיט לאַווע — צוזאַמען מיט שטיינער, מיט אַש און רויך.

און דעריעניקער, וועלכער רירט אָן וויטמאַנס בוך, רירט אָן נישט נאָר אַ מענטשן אַ חבר, נאָר די נאַטור גופא, אירע עכטע עמאָציעס און שטרעבונגען. נישט אַלע קאָנען זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער נאַטור און אין לעבן — זיי זענען אַזוי קאָמפּליצירט און פאַרפלאָנטערט; נישט אַלע קאָנען זיך פאַנאַנדער־קלייבן אין וואָלט וויטמאַנען: ער איז אַזוי פאַרפלאָנטערט און קאָמפּליצירט. ער איז כאַאָס, אָבער דער כאַאָס נישט נאָך דער פאַרניכטונג, וואָס איז פול מיט חורבות און אומקום, נאָר דער קאָסמישער כאַאָס, דער כאַאָס פון אין־סוף, דער פאַרבאַגיניקער כאַאָס פון דער וועלט, דער כאַאָס, פון וועלכן עס ווערן אַרויסגעבאָרן וועלטן, דער כאַאָס — אין וועלכן עס דרימלען און ווערן רייף אַלע כוחות פון לעבן.

די יעניקע, וועלכע זענען פעאיק צו באַמערקן אין אַזאַ כאַאָס די גראַנדיעזע קאָנטורן און די מלכותדיקע באַוועגונגען פון די וועלטן, וואָס קלייבן זיך

געבוירן צו ווערן, — די יעניקע זענען די לייענער און די פאַרערער פון וואָלט וויטמאַנען.

ווי ליב איך האָב וואָלט וויטמאַנס כאַאָס, וואָס טראָגט אין זיך גאַנצענע וועלטן!

יא) זיגמונד פרויד ווי אַ פּאָעט

איך בעט איך זיך נישט צו באַאומרואיקן: פרויד האָט קיין געדיכטן נישט געשריבן... און דאָך באַשטיי איך אויף דעם, אַז פרויד האָט געליטן פון פּאָעטישע אַנפאַלן, נישט געקוקט דערויף וואָס זיין לערע קאָן אויסזען ווי אַ ריין־מאַטעריאַליסטישע אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. געוויס, אין דער לערע פון דאָזיקן זשעני איז דאָ אַ סך אויסערלעכע גראָבקייט, אָבער יענע, וועלכע באַמערקן נישט הינטער דער דאָזיקער גראָבקייט די קלאָרע ליניעס פון אַ גראַנדיעזער מעטאַפיזיק, פאַרמאָגן נישט אויף קיין גראָשן פאַנטאַזיע. פרוידס זשעני ווערט פאַרצערט פונעם דראַנג צום שטרענגסטן מאָניזם, פונעם דראַנג אַרומצוכאַפּן די פילגעשטאַלטיקע וועלט מיטן רייף פון אַן איינציקן פּרינציפּ, פון אַן איינ־איינציקן געדאַנק — און צי דען רופט נישט אַרויס דער דאָזיקער פאַנטאַס־טישער מאָניזם אַ מיסטישן, רעליגיעזן ציטער, ווי יעדער מאָניזם? איז דאָך אויך אינעם מאַטעריאַליסטישן מאָניזם דאָ עפּעס פון דער מאָנאָטעאיסטישער רעליגיע, פון מענטשנס פאַרלאַנג צו האָבן צו טאָן מיט אַן איינציקן און אומגע־טיילטן, פאַר וועמען מען זאָל קאָנען אי וויינען, אי יובלען, און אויף וועמען מען זאָל קאָנען אַרויפלייגן אי די האָפענונגען, אי די אחריות פאַר אַלדאָס שלעכטס.

און חוץ דעם איז דאָך פרויד אַ פּסיכאָלאָג — אַ פּאָעט, אַ שעפערישער ראָמאַניסט! צי דען וואָלט אַ טרוקענער געלערנטער געקאָנט זיך דערטראַכטן צו דער טעאָריע פונעם עדיפּוס־קאָמפּלעקס? מען דאַרף דאָך פאַרמאָגן אַ נישט דורכשניטלעכע פאַנטאַזיע, כדי זיך צו דערטראַכטן צו דער דאָזיקער טעאָריע, וואָס איז אויסגעאַרבעט ביז די קלענסטע דעטאַלן מיט א דערפינדונגס־טאַלאַנט, וואָס נישט איין ראָמאַניסט מעג אים מקנא זיין.

און צי דען דאַרף מען נישט זיין אַ דיכטער ביזן מאַרך פון די ביינער, כדי אָנצושרייבן אַזאַ פּותר־חלומות, וואָס פרויד האָט אונדז געגעבן?

ניין, ניין, עס איז אָפילו נישט נויטיק צו לייענען זיין קליין ביכל „די צוקונפט פון אַן אילוזיע" (וועגן רעליגיע), כדי זיך צו איבערציייגן, אַז פרוידס טעאָריע פירט העכער ווי די אונטערשטע טייל קערפּער, ווי דאָס דאַכט זיך אַ סך. עס איז גענוג אַ בלעטער צו טאָן פרוידס וועלכן נישט איז בוך, כדי זיך אָנצושטויסן אויף פערלען פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע, וואָס ביי פּאָעטן וועט איר זיי נישט אָפט געפינען.

סאַראַ דיכטער מען דאַרף זיין, כדי צו פאַרזיכערן (ווייל ער פילט דאָס און לעבט דאָס איבער), אַז קיין איין מענטשלעך באַשעפעניש קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם זעלישן שאָק, וואָס עס האָט איבערגעלעבט ביים געבוירן ווערן אויף דער וועלט. און דעריבער, פאַרזיכערט פרויד, איז דער מענטש תמיד פול מיט אַ טונקעלן דראַנג צו געפינען שוץ אין דער מוטערלעכער טראַכט, ווהין ער וויל זיך צוריקקערן אין זיין אַנטלויפן פון דער וועלט.

צי דען קאָן דאָס דערוויזן ווערן וויסנשאַפטלעך־פסיכאָלאָגיש?

אָבער דערפאַר — סאַראַ גראַנדיעזער סימבאָל פון מענטשלעכן גורל! פון דער וואַרעמער חסדיקער מוטערטראַכט ווערט ער אַרויסגעשטויסן אין דער פייכטער, קאַלטער וועלט, וואָס איז פול מיט נויט, און ער קאָן שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע ערשטע איבערגעלעבטע עוולה! זי איז דאָך נישט נאָר די ערשטע, נאָר אויך די גרעסטע, די סיבה פון אַלע שפּעטערדיקע.

יאָ, ווי אַלדאָס גרויסע אין לעבן, איז אויך פרויד פאַרקרובהט מיט דיכטונג.

יב) דיכטונג און ליבע

מיט פּאָעזיע איז דאָס זעלבע ווי מיט ליבע. אָדער זי באַהערשט אַלץ, הערשט איבער אַלץ, אָדער זי איז אַ גענאַרעריך. עכטע דיכטונג, ווי עכטע ליבע, פילט אויס ביז איבער די ברעגן, שמידט צו צו זיך אינגאַנצן: פּונקט ווי ביי אַן עכטער ליבע איז נישטאָ קיין אָרט אין דער נשמה פאַר אַ צווייטער פרוי, אַ חוץ דער געליבטער, אַזוי קאָן אין דער נשמה נישט זיין קיין אָרט פאַר אַנדערע געפילן, אַ חוץ די, מיט וועלכע עס איז פול די דיכטונג, מיט וועלכער מען גיסט זיך צונויף.

אויב דיכטונג געפעלט אַזוי זיך, ווי יעדע נישט גאָר מיאוסע פרוי, דאַן איז דאָס נישט קיין ליבע און נישט קיין דיכטונג.

יג) פּערזן זענען נישט עפּעס קינסטלעכס

פּערזן, טענהט מען, זענען עפּעס קינסטלעכס, — מענטשן רעדן דאָך געוויינטלעך אין פּראָזע. אָבער די דאָזיקע מענטשן קאָנען נישט נישט נאָר די טעאָריעס, וואָס פאַרזיכערן, אַז פּראָזע האָט זיך אַנטוויקלט פון דער פּאָעטישער שפּראַך, אָדער בעסער: אַז פּראָזע דאָס איז דאָס קלייגעלט, וואָס האָט זיך באַקומען נאָכדעם, ווי דער אימפּעריאַל פון פּאָעטישן לשון איז צעביטן געוואָרן אויף טאָג־טעגלעכער פּראָזע, — די דאָזיקע מענטשן קענען אויך נישט די פּראַקטיק פון מענטשנס גייסטיקן לעבן, — זיי ווייסן נישט, אַז פּערזן גיבן

צום בעסטן איבער די אויפגעברויזטקייט פון דער נשמה, דעם עקסטאַטישן צושטאַנד אירן.

געוויס, מען קאָן פערזן דערפירן צו דער נידעריקער מדרגה פון קינסט־לעכקייט, ווען דער דיכטער קלויבט צונויף צוגעטראַכטע, נישט נאַטירלעכע פאָרמען, — דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז פערזן פאַר זיך גופא, ווי אַ מאַני־פעסטאַציע פון דער מענטשלעכער נאַטור, זענען עפּעס קינסטלעכס.

פערזן זענען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פון מענטשנס קינסטלערישער נאַטור. כל זמן דער מענטש וועט האָבן עמאָציעס און ער וועט זוכן פאַר זיי אַן אויסדרוק, וועלן פערזן זיין זיין נאַטירלעך געווער אויף אויסצודריקן דורך זיי זיינע עמאָציעס, וואָס רייסן זיך צו קינסטלערישער פאַרקערפּערונג.

יד) אומגליקלעכע

אייניקע יידישע דיכטער וואָלטן נאָך געקאָנט האָבן אַ האָפענונג אויפ־צושטיין תחית המתים פאַר די לייענער, ווען נישט די יאָר־יערלעכע יאָרצייט־אַרטיקלען, וועלכע פאַרשיטן די דאָזיקע דיכטער צום צווייטן מאָל נאָך גרינט־לעכער, ווי צום ערשטן מאָל, — אַזוי גרינטלעך, אַז פון דאָזיקן פאַפּירענעם קבר־בערגל וועלן זיי זיך שוין נישט אַרויסרייסן אויף גאָטס ליכטיקער וועלט...

טו) נישט אמת, נישט אמת

„ווען דאָס געוויער האָט דאָס וואָרט — שווייגן די מוזעס".
סאַראַ ליגן דאָס איז!

ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: ווען דאָס געוויער האָט דאָס וואָרט — הערט מען נישט די ווערטער פון די מוזעס. ווי מען הערט נישט דעם רוישן פון אַ טייכל בעת אַ שטורעם, — אָבער צי דען ווערט דאָס טייכל שטום אין שטורעם?

די מוזעס פאַרלירן קיינמאָל נישט די פעאיקייט צו רעדן — און ווען דאָס געוויער ווערט אַנטשטומט, הערט מען תיכף די שטים פון די מוזעס, וואָס איז אויף קיין איין מינוט נישט אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָר אונדזערע פאַרפיייניקטע הערצער דאַכט זיך, אַז די הייליקע שטים לאָזט זיך ווידער הערן, נאָך אַ לאַנגן איבעררייס.

די ווילדעוועדיקע שטים פון שטורעם קאָן פאַרטויבן אַלע צאַרטע שטימען פון לעבן, — אָבער אויסראָטן זיי? — קיין מאָל נישט!

טז) וועגן פּאָעטישע פאַרגלייכן

איך זוך קיינמאָל נישט קיין פאַרגלייך.

עס וואַקסט אין מיר דער פאַרלאַנג עפּעס אויסצודריקן; דער דאָזיקער פאַרלאַנג זוכט פאַר זיך אַן אויסדרוק, — ניין, ער זוכט נישט, נאָר ער קוועלט אַלץ מער און מער אַן מיטן דאָרשט נאָך אַן אויסדרוק. איך פיל, אַז מיט פּשוטע סתם־ווערטער וועט זיך דאָס נישט לאָזן אויסדריקן, — יעדנפאַלס איז דאָס אַ צו־לאַנגער וועג. און מיט אַמאָל הויבט זיך אָן צו צאַפּלען אַ פאַרגלייך, אַ בילד — אָבער ער טויג נישט, איך וואַרף אים אָפּ, עפּעס אין מיר וואַרפט אים אָפּ אָן מיין ווילן, אומבאַפרידיקט. און אַזוי אַ צווייט מאָל, אַ דריט, ביז עס גיט אַ שווים אַרויף אויבנאָן, פון עפּעס אַ טיפעניש, אַ בילד, וואָס ברענגט אויס־לייזונג דער בענקשאַפט נאָך אַן אויסדרוק.

איך זוך קיינמאָל נישט קיין בילד, — אַ בילד נעמט פּיקן אין מיר, ווי אַ הינדעלע אין איי־שאָל, ווען עס זוכט אַן אויסגאַנג! און פּלוצלונג צעברעכט עס די שאָל און — אָט עקזיסטירט עס שוין, אַ פאַרטיקס, אַ לעבעדיקס, אַ שלימותדיקס אין זיין אָרגאַנישער צוועקמעסיקייט, זיך אַריינפּאַסנדיק נאַטיר־לעך אין דער אַרומיקער וועלט, בילדנדיק אירן אַן אינטעגראַלן טייל.

יז) אַ טיפער אמת

וויליאַם בלעיק, דער ענגלישער מיסטיקער־דיכטער, זאָגט ערגעץ־ווו:

„אַ פאַרלאַנג, וואָס ווערט נישט באַגלייט מיט קיין טאַט, שאַפט אַ מגיפה“.

ס׳אַראַ וווּנדערלעכע און טיפע דערקלערונג פון אַ סך מגיפות אין דער אינדיווידועלער און סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע.

עס איז אַ סך געזינטער (סיי פיזיש, סיי מאָראַליש) בכלל נישט צו ווילן, איידער צו האָבן די בעסטע פאַרלאַנגען, וואָס זענען נישט באַגלייט מיט קיין מעשים.

די דאָזיקע פאַרלאַנגען פוילן און פאַרגיפטן צו ערשט די אימפּאָטענטע ווילנדיקע, און דערנאָך — זייער גאַנצן אַרום.

שאַנכאַי, 1945

יח) וואָס איז מיסטיק?

קבלה און מיסטיק זענען דיכטערישע פיבער־פאַנטאַזיעס פון אַ מענטשהייט וואָס זוכט גאָט. פאַראַן אין זיי אמתן וועגן דער באַדערפעניש פון דער מענטש־

לעכער נשמה, אמתן וועגן מענטשנס אומגעשטילטער, אומשטילבאַרער בענק־שאַפט נאָך גאָט און אַ גערעכטע, הייליק לעבן.

פאַראַן אין קבלה און אין מיסטיק זייער אַ סך וועגן מענטשן. צום ווינציקסטן וועט איר געפינען אין זיי פון דעם, נאָך וואָס זיי שטרעבן — וועגן גאָט. און גאָט איז נישט נאָר דאָס איינציקע, וואָס זיי זוכן, נאָר איז דאָס איינציקע, וואָס זיי זענען זיכער, אַז זיי האָבן געפונען.

יט) אַ נויטווענדיקייט? אַ לוקסוס?

איז דאָס דיכטערישע בוך אַ נויטוועדיקייט אָדער אַ לוקסוס? אויב מען קוקט אויף אַ סך קאָנקרעטע ביכער, קאָן זיך נעמען דאַכטן, אַז נישט נאָר אַ לוקסוס, נאָר טאָקע אַן אומנויטיקער קאַפּריז, אַן איבעריקע אָנשיקעניש, ווייל מענטשן קאָנען מיסברויכן מיטן נאָטירלעכסטן, מיטן נויטווענדיקסטן; קוקט מען אָבער אויפן סאַמע וואָרצל, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דאָס דיכטע־רישע בוך, זעט מען בולט, אַז דאָס בוך איז אַ נויטוועדיקייט, ווייל זיין וואָרצל איז דאָס וואָרט.

דאָס ערשטע וואָרט, אַרויסגעבראַכט פון מענטשן, איז דער אָנהייב פון בוך. און דאָס וואָרט וואָרצלט זיכער אין אַ נויטוועדיקייט, אין אַן אור־נויטוועדיקייט אויסצולאָזן די פּסיכישע שפּאַנונג, געבן אַ תיקון דעם ווייטאָג, דער בענק־שאַפט, דער פרייד, די געדאַנק־ און געפיל־אָנונגען, וואָס האָבן שפּעטער דעם מענטשן גרויס געמאַכט און וואָס וועגן זיי האָט דער מענטש געשאַפן אַזוי פיל גרויסע דיכטונג.

כ) פאָלקס־דיכטונג

יאַ. גרים פאָרמולירט דאָס אַזוי: „פאָלקס־דיכטונג ווערט געבוירן אין דער נשמה פון גאַנצן פאָלק; דאָס וואָס איך באַצייכן ווי קינסטלעכע דיכטונג (אַנדערע רופן דאָס אַן ריכטיקער: „קונסט־דיכטונג“ — י. ר.), ווערט געבוירן אין דער נשמה פון אַ דיכטער אַ יחיד“.

אָט די דעפיניציעס זענען פאַלש. פאָלקס־דיכטונג ווערט געבוירן, פונקט ווי קונסט־דיכטונג, דורך יחידים; דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס פאָלקס־דיכטער זענען נאָך נישט אויסגעטיילט — דורכן באַוווסטזיין — פון קאָלעקטיוו, און דער קאָלעקטיוו פילט זיי און נעמט זיי אויף ווי אַן אָרגאַנישן טייל פון זיך, — פונקט ווי די פאָלקס־דיכטער פילן זיך ווי אָרגאַנישע טיילן פונעם קאָלעקטיוו. דער קונסט־דיכטער, פאַרקערט, פילט זיך אויסגעטיילט פונעם קאָלעקטיוו, ווי אַ וועלט פאַר זיך.

במילא קאָן דער פאָלקס־דיכטער, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון אַ קאָלעק־טיוו, גיכער אויסדריקן דאָס קאָלעקטיווע געפיל, איידער דער קונסט־דיכטער, און זיינע רעאַקציעס, און זיינע אויסדרוק־מיטלען זענען נענטער און פאַר־שטענדלעכער דער פאָלקס־נשמה. נישט אין דער פאָלקס־נשמה ווערט פאָלקס־דיכטונג געבוירן; זי ווערט געבוירן אין אַ נשמה, וואָס איז פאָלקסטימלעך, וואָס איז אַ טייל פון דער פאָלקס־נשמה.

כא) דאָס געוויינלעכע און דאָס אויסערגעוויינלעכע

אַז אַ דיכטער (און אויך אַ קינסטלער) וויל אויסדריקן אַן אויסערגעוויינלעך געפיל אָדער שילדערן אַן אויסערגעוויינלעכע סיטואַציע, מוז ער זען געבן דאָס אויסערגעוויינלעכע מיט געוויינלעכע מיטלען. דאָס איז נישט נאָר אַ מעלה, נאָר ממש אַ נויטווענדיקייט, אַן וועלכער עס איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן דעם לייענער און דעם שרייבער, און דאָס בלייבט עזאָטערישע דיכטונג (פאַרשטענדלעך בלויז פאַר אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייז מענטשן).

למשל, פראַנץ קאַפקאַס גרעסטע קראַפט נעמט זיך פון דעם, וואָס זיינע אויסערגעוויינלעכע סיטואַציעס און געפילן ווערן געגעבן אין אַ געוויינלעכער פאָרעם, מיט רעאַליסטישע מיטלען. אויב נישט אַלעמען איז קלאָר דאָס אויסערגעוויינלעכע (קאַפקאַ איז אַן עקסטרעמער פאַל פון אויסערגעוויינלעכקייט, ער איז באמת אַן אויסערגעוויינלעכער שרייבער וואָס שילדערט אויסערגע־וויינלעכס) אין קאַפקאַס ביכער, ווערט אָבער יעדער איינער צוגעשמידט צו זיין פאָרעם, וואָס איז אַזוי פּשוט. איר זעגט ווי אין אַ חלום, וווּ דאָס רעאַלע איז גלייכצייטיק אומרעאַל, וווּ דאָס פּשוטע איז שוין גאָרנישט פּשוט, וווּ אַלץ איז דאָפּל - פלאַכיק; ביי אַנדערע „אויסערגעוויינלעכע" שרייבער (ביי די סורעאַליסטן, דאַדאַיסטן וכדומה) האָט איר בלויז אַ כאַאָס.

ביי קאַפקאַן קאָן מען נישט תמיד (און נישט יעדער קאָן עס אַפילו אַמאָל) דורכדרינגען דורכן רעאַלן, דורך דאָס געוויינלעכע צום אומרעאַלן, צום אויסער־געוויינלעכן; ביי די אַנדערע אָבער קאָן מען וועגן דעם אַפילו נישט טראַכטן: איר האָט נישט ביי זיי קיין געוויינלעכן טויער, דורך וועלכן איר זאָלט קאָנען אַריינגיין זוכן דאָס אויסערגעוויינלעכע.

כב) דאָס ווערק און דער קריטיקער

מען זאָגט: זייער אָפט האָט גאָר דער דיכטער נישט געהאַט אינזינען, ביים שרייבן זיינע ווערק, וואָס די קריטיקער געפינען אין זיי. געוויס, ווען אַ פיינער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט כאַפּט אַראָפּ אַ שטיק לעבן, געפינט מען אין דעם

דאָזיקן שטיקל לעבנס־ווירקלעכקייט — אָן דער אינטענץ פונעם אַפּאַראַט — אַ סך, אַ סך לעבנס־אמת, לעבנס־חכמה. דער אַפּאַראַט ווייסט נישט, אַז דאָס איז דאָ אין דעם שטיקל ווירקלעכקייט, וואָס זיין שפּירבאַרקייט האָט אויפגעכאַפּט; אָבער אויב ער איז פעאיק אויפצוכאַפּן אַ שטיקל ווירקלעכקייט, כאַפּט ער עס אויף מיט אַלע קנייטשן, און דער וואָס איז אי שפּירבאַר, אי באַשאָנקען מיט אַנאַליטישן באַוווסטזיין, לייענט עס ארויס פון דער פאָטאָגראַפיע. אַזוי איז אויך מיטן קינסטלער.

נאַטירלעך, דער פאַרגלייך פון אַ קינסטלער מיט אַן אַפּאַראַט איז בלויז אַ פאַרגלייך (און אַביסל אַ באַליידיקנדיקער פאַרן קינסטלער); דער קינסטלער איז נישט קיין טויטער אַפּאַראַט, ער פאָטאָגראַפירט נישט די אויסערלעכקייט; אָבער ווען ער כאַפּט אויף מיט זיין שפּירבאַרן געמיט אַ שטיקל לעבן, מוז עס נישט דווקא געטון ווערן נאָך אַ גענויעם קריטישן אַנאַליז; היות אַז דאָס שטיקל ווירקלעכקייט פאַרמאָגט דאָס און דאָס, דעריבער שילדער איך עס. דער קינסטלער קאָן באַאיינדרוקט ווערן פון אַ שטיק לעבן, עס אויפנעמען, דאָס אויסדריקן, נישט ווויסנדיק דערביי אַלץ וואָס עס פאַרמאָגט אין זיינע דינסטע קנייטשן, אָדער וואָס עס פאַרמאָגט, קאָן פאַרמאָגן, לכל הפּחות, פאַר אַ געוויסן געמיט, פאַר אַ געוויסן אינטעלעקט. און אַנדערע זעען אָפּט אין זיין שאַפן אַזוינס, וואָס ער גופא, דער קינסטלער, האָט עס נישט באַמערקט. און דערביי טייטשט מען דאָס נישט אַריין אין זיינע ווערק, — מען דערזעט דאָס אין זיי, מען פילט דאָס אַרויס פון זיי.

האָט דען פראַנץ קאַפקאַ אַלץ געוווּסט, וואָס זיינע ווערק פאַרמאָגן פאַרן מענטשנס געדאַנק, פאַרן מענטשלעכן געמיט? ווען ער וואָלט דאָס אַלץ געוווּסט געוווּסט, וואָלטן זיינע דיכטערישע ווערק געווען אלעגאָריעס, פאַרפּלאָנטערטע אַלעגאָריעס: איצט אָבער זענען זיי פּילשטראַליקע סימבאָלן, רייך אין געפילן און געדאַנקען ווי דאָס לעבן גופא, וואָס יעדעס מאָל קאָן זיך עס אַנטפּלעקן מיט נייע אמתן, מיט נייע אַסאָציאַציעס צו איינעם, וואָס איז פעאיק זיי אַרויסצורופן, זיי אַרויסצולאָקן ביים לעבן.

אין קונסט איז זייער ריכטיק דער כלל: וואָס מער איינער פאַרמאָגט, אַלץ מער באַקומט ער. אַמאָל באַקומט ער מער ווי דער קינסטלער האָט באַקומען; און אַמאָל אויך מער ווי דער קינסטלער האָט פאַרמאָגט.

ער איז נאָר געווען אַ פאַרמיטלער.

כג) אינספּיראַציע

דאָס וואָס מען באַצייכנט מיטן נאָמען אינספּיראַציע איז אַ פאַקט, וואָס קיינער קאָן אים נישט אָפּלייקענען. פלוצלינג באַפאַלט אַ מענטשן אַ געהויבענע

שטימונג, ער דערפילט אין זיך אַ קראַפט, וואָס מיט אַ מינוט פריער האָט ער גאָרנישט געחלומט וועגן איר, און ער שאַפט אַ ווערק וואָס זעט אים אויס צו זיין אַ ווערק פון עפּעס אַ קראַפט, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט אים ווי מיט אַ מעדיום.

יאָ, אינספּיראַציע איז אַ פאַקט. מער נישט, מען דאַרף נאָך פעסטשטעלן וואָס מען פאַרשטייט קאָנקרעט מיטן דאָזיקן באַגריף. צי קומט אינספּיראַציע פון דרויסן, ווי אַ געשאַנק פון אַ דרויסנדיקער מוזע, אָדער קומט זי פון אינעווייניק, ווי איינע פון די געהיימנישפולע כוחות אין דער אינערלעכער וועלט פון מענטשן? דאָס וואָס מען רופט אָן „מוזע" קאָן גאָר זיין אַ קרענק־לעכער צושטאַנד, און נישט דווקא פון גייסט, נאָר אַמאָל אויך פּראָסט פּשוט פון קערפּער (הגם ווער ווייסט באַשטימען די גרענעץ־ליניע צווישן קערפּער און גייסט?!), וואָס ווירקט אויפן גייסט, און דער שטאָף, וואָס באַקומט פאָרעם אינעם אינספּיראַציע־צושטאַנד, מוז זיין אַן אינטימער אינהאַלט פון דיכטער. פונקט ווי די מוזע איז נישט קיין דרויסנדיקע, נאָר אַ היימישע (הגם עס איז זי אַמאָל שווער צו דערקענען אין איר פּלוצלינגדיקער פאַרוואַנדלונג), איז אויך די אינספּירירטע דיכטונג נישט קיין געשאַנק פון דרויסן.

דער מענטש בכלל, און דער דיכטער אָדער דער דיכטעריש גענייגטער בפרט, האָט כסדר איינדרוקן, געפילן, געדאַנקען; זיי זעצן זיך אָבער געוויינלעך אָפּ אינעם אונטערבאַוווּסטזיין ווי רוי־מאַטעריאַל, אַטאָמיזירט. מיט אַמאָל, אין אַ געוויסן צושטאַנד פון געמיט (דער פּראָצעס קאָן דויערן לאַנג, אָבער דער אויסברוך קומט פאָר „אויף־אַמאָל", „פּלוצלינג", אומגעריכט, ווי אַן איבעררא־שונג פאַרן באַוווּסטזיין), שאַפט זיך אַ שטאַרקער דרוק, וואָס פּרעסט צונויף די אַטאָמיזירטע און אומבאַוווּסטזיניק־געוואָרענע איינדרוקן, געפילן, געדאַנקען אין אַן איינהייט, וואָס ברעכט אויס ווי אַן אימפּראָוויזירט ווערק, ווי געשאַפן דורכן ווילן פון אַ העכער וועזן, פון אַ העכערער קראַפט.

אָט דער צושטאַנד ווערט גאַנץ אָפט געשילדערט — אויף זייערע אייגענע קאָנקרעטע ביישפּילן — דורך אַן אַ שיעור דיכטער (למשל, היינריך היינע האָט באַשריבן ווי ער האָט אין משך פון דריי טעג אָנגעשריבן זיין טראַגעדיע „אַלמאַנזאָר", און בעת מעשה האָט ער געהערט ווי אַן אָדלער זאָל רוישן איבער זיין קאָפּ). אייניקע ווידער האָבן מרמז געווען אויף דעם פּראָזאַאישן הינטערגרונט פון דער פּאָעטישער אימפּראָוויזאַציע. ט. ס. עליאָט, למשל, דערקלערט, אַז „אויך דאָס אָרגאַניזירן (אויף צו שאַפן אַ ווערק — י. ר.) איז נויטיק נישט ווייניקער ווי אינספּיראַציע".

דער אויבן־באַשריבענער „אינקובאַציע"־פּעריאָד פון אויפנעמען און אומ־באַוווּסטזיניק אויפהיטן דעם מאַטעריאַל פאַר דעם אינספּיראַציע־מאָמענט,

איז טאַקע מסתמא דער פּראָזאאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער עלעמענט פון דעם מוזע־
געשאַנק — דער אינספּיראַציע.

קאָנקרעט איז שווער צו באַווייזן, אַז מיין דערקלערונג איז ריכטיק,
אָבער טעאָרעטיש איז עס מחוץ פון יעדן ספק. עס טרעפט אָבער אויך אַמאָל,
אַז דער פאַקטאָלאָגישער וועג פון אַן אימפּראָוויזאַציע איז מער ווי קלאָר.

אָט קומט מיר איצט אין געדאַנק, ביים שרייבן די דאָזיקע שורות, דער
פאַקט מיט הערצלס „יידנשטאַט".

הערצל האָט געשריבן זיין היסטאָרישע בראָשור אין זעלבן צושטאַנד, ווי
היינריך היינע זיין „אַלמאַנזאָר". אָבער אַ צייט פאַר דעם ווי די אינספּיראַציע
האָט אים פאַרכאַפּט, האָט ער זיך כסדר באַשעפטיקט מיטן געדאַנק וועגן
אויסלייזן די יידן. לייענט דעם טאָג־בוך זיינעם און איך ווייס קלאָר ווערן, אַז
הערצלס „יידנשטאַט" איז פאַקטיש געשאַפן געוואָרן פונקט אַזוי, ווי איך
האָב דאָס באַשריבן אויבן אַבסטראַקט־טעאָרעטיש.

עפּעס ענלעכס, הגם פאַרנעפּלטער אין אויסדרוק, זאָגט דער דיכטער ט. ס.
עליאָט, וועלכער איז אַ סך אַ גרעסערער קריטיקער (אַ קריטיקער אַ העלזעער
צייטנווייז), אין איינעם פון זיינע ביכער וועגן דיכטונג:

„דער פּראָצעס פון דיכטונג איז נישט קיין „אינספּיראַציע", ווי מיר שטעלן
זיך געוויינלעך פאָר, נאָר דער צוזאַמענברוך פון שטאַרקע געוווינהייטס־
באַריערן, וואָס האָבן די טענדענץ זייער שנעל צוריקגעשטעלט צו ווערן".

ער זאָגט נישט וואָס עס פירט צום צוזאַמענברוך פון די געוווינהייט־
באַריערן, אָבער דאָס וואָס ער זאָגט וועגן דער שנעלער צוריקשטעלונג פון די
דאָזיקע באַריערן איז גענוג קלאָר. דער שטאַרקער דרוק (דער נשמה־קורצשלוס,
אַזוי צו זאָגן) דויערט נישט לאַנג, קאָן לאַנג נישט דויערן, — דער דרוק
ווירקט זיך אויס און — אַלץ איז ווידער ווי געווען. דער פּראָצעס וואָס פירט
צו אַ ווולקאַן־אויסברוך געדויערט לאַנגע יאָרן, אָבער דער אויסברוך דויערט
קורץ. ער לאָדט אויס דאָס אָנגעזאַמלטע אין לאַנגע יאָרצענדליקער אין קורצע
שעהן, אין געציילטע טעג.

איך בין איבערצייגט, אַז דער צושטאַנד, וואָס ווערט באַצייכנט ווי אינספּי־
ראַציע, איז דער שורש נישט נאָר פון יעדן דיכטערישן שאַפן, נאָר אויך פון
יעדן דיכטערישן צושטאַנד. נישט יעדער דיכטערישער צושטאַנד לייזט זיך
אויף אין דיכטערישן שאַפן; נישט יעדעס מאָל ווערט אינספּיראַציע תיכף
פאַרוואַנדלט אין דיכטונג (אָדער אין וואָסער נישט איז אַנדער שעפערישן אַקט),
ווי דאָס געשעט אין די קלאַסישע פאַלן פון אינספּיראַציע: עס טרעפט אַז
אינספּיראַציע איז די מוטער פון אַ שעפערישן אַקט, וואָס קומט אויף דער
וועלט אין אַ צייט אַרום, ווען די שייכות צווישן דעם אינספּירירטן מאָמענט
און דער שאַפונג איז שווער פעסטצושטעלן.

אינספּיראַציע איז אַ צושטאַנד, וואָס נישט נאָר אַקטיוו־שעפערישע מענטשן געניסן פון אים; אויך פּשוטע בשר־ודמס לעבן איבער צושטאַנדן פון אינספּיראַציע, מיסטישער קלאָרזעעוודיקייט, אָבער נאָר אויף קורצע מאָמענטן (וואָס גייען פאַרביי און ווערן פאַרזונקען אינעם טאָג־טעגלעכן חומרדיקן לעבן), אָדער אַפילו אויף לענגער, אָבער זיי פאַרוואַנדלען זיך נישט אין דיכטערישע אָדער רעליגיעז־דיכטערישע פאָרעם־אָביעקטיווירטע אויסדרוקן. און דערפאַר טאַקע, וואָס מיר זעען די דאָזיקע צושטאַנדן בלויז אין זייערע אָביעקטיווירטע דיכטערישע אָדער רעליגיעז־קאָנפעסיאָנעלע אויסדרוקן, גלויבן מיר, קורצזיכטיקערהייט, אַז זיי זענען אַן אויסנאַם, אַ מתנה פון די געטער בלויז פאַר אַ פאָר אויסנעמלעכע מענטשן. ווען מען פאָרשט אָבער ווי געהעריק דאָס פאָלקסשאַפן, אין וועלכן מען קומט אין באַרירונג מיט די אור־וואָרצלען פון דיכטונג, זעט מען איין, אַז דער אינספּיראַציע־פּלאַם פון גרויסער דיכטונג איז פאַרקרובהט מיט די אינספּיראַציע־פונקען פון פּשוטע פאָלקס־מענטשן.

אין זיין בוך „ניי־גריכישע פאָלקסלידער", שרייבט ס. פאָוריעל:

> די מערסטע מיריאָלאָגיעס (אימפּראָוויזירטער טרויער־געזאַנג — פאַר אַ טויטן — פון אַ פרוי. — י. ר.) פאַרשווינדן ווי אימפּראָוויזאַציעס, און די דיכטערינס גופא געדענקען זיי נישט, ווען די באַגייסטערונג פון שמערץ פאַרלאָזט זיי.
>
> לויט זייער כאַראַקטער אָדער אורשפּרונג זענען זיי תמיד אימפּראָוויזאַציעס און זיי ווערן געשאַפן אין מאָמענטן פון פיזישן שמערץ און פון שטאַרקן טרויער.

דער מחבר לייקנט נישט, אַז פאַר די דאָזיקע לידער זענען דאָ געוויסע קלישעס, געוויסע פאַרטיקע פאָרמולעס, ווי אַריינפירן און אָפּשלוסן פון די אימפּראָוויזאַציעס, אָבער די פאַרשיידנקייט פון דער טויט־סיבה און די שייכותן פון דער זינגערין צום טויטן פאַרוואַנדלען די לידער אין אייגענע אימפּראָוויזאַציעס.

> עס איז אַ מערקווירדיקע דערשיינונג צו זען, ווי אַזוי די ערשטע אויסברוכן פון שמערץ פאַרוואַנדלען שעמעוודיקע און אומוויסנדיקע פרויען אין דיכטערינס... עס איז אָבער איבעריק צו באַמערקן, אַז נישט אַלע גריכישע פרויען פאַרמאָגן אין אַ גלייכער מאָס אָט די וווּנדערבאַרע פעאיקייט. אייניקע פון זיי זענען באַרימט דורך זייער מיריאָלאָגישער באַגייסטערונג...

איז דען אָבער מיט דיכטער אַנדערש? נישט אַלע פאַרמאָגן אין אַ גלייכער מאָס די דיכט־פעאיקייט. אָבער די פעאיקייט באַגייסטערט צו ווערן, ד. ה.

פון אינספּיראַציע, פאַרמאָגן זיי אַלע. אַזוי פאַרמאָגן אויך אַלע מענטשן די פעאיקייט פון אינספּיראַציע. עס זענען בלויז פאַרשיידן די מדרגות, זייערע פאָרמען און זייערע רעזולטאַטן.

ווען אינספּיראַציע וואָלט נישט געווען אייגן דער מענטשלעכער נאַטור, וואָלט זי נישט געווען אייגן אויך די דיכטער און עס וואָלט בכלל נישט געווען עקזיסטירט קיין דיכטונג. כדי אַ קוואַל זאָל אַרויסשלאָגן, מוז דער באָדן פאַר־מאָגן וואַסער; אָבער נישט אומעטום שלאָגט אַרויס אַ קוואַל אַפילו אין אַ באָדן וואָס פאַרמאָגט וואַסער, — און אויך אַ מדבר־באָדן איז אַ זעלטנקייט. אַ מענטש אינגאַנצן אָן אינספּיראַציע־מאָמענטן איז אַ דעגענערירטער מענטש, ווי אַ מדבר איז אַ דעגענערירטער באָדן.

נישטאָ קיין שאַפן אָן אינספּיראַציע. אמת, ט. ס. עליאָט זאָגט (אין איינער פון זיינע פיינע אַרבעטן וועגן דיכטונג), אַז

> איך בין אַפילו נישט זיכער, צי די דיכטונג, וואָס איך האָב געשריבן אויף אַזאַ אופן (אין מאָמענט פון אינספּיראַציע — י. ר.), איז די בעסטע וואָס איך האָב געשריבן.

דאָס הייסט, אַז דיכטונג מוז נישט דווקא געשאַפן ווערן ווי אין איין גוס, אין רויש פון אינספּיראַציע, ווי היינריך היינע (און נישט נאָר ער) האָט געשריבן זיין טראַגעדיע „אַלמאַנזאָר״; ווייל „דער אופן — ווי עליאָט זאָגט ריכטיק, — אויף וועלכן פּאָעזיע ווערט געשריבן, איז נישט קיין באַווייז (אויף ווי וויט עס גרייכט נאָך דערוויַיל אונדזער וויסן וועגן דאָזיקן טונקעלן ענין) פאַר איר ווערט״; אָבער כדי דער דיכטער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו אָרגאַ־ניזירן זיין דיכטונג (און אַמאָל אפשר שאַפן אַ דאַנק דעם עפּעס גרעסערס ווי בלויז מיט אינספּיראַציע), מוז דער ערשטלינג־אימפּולס קומען דורך אינספּי־ראַציע.

אויב עס איז נישטאָ דער ערשטער אינספּיראַציע־שטויס, קאָן דער דיכטער נישט אָרגאַניזירן, ד. ה. העלפן זיך אַנטוויקלען עפּעס לעבעדיקס, נאָר ער שטוקעווען צונויף עפּעס מעכאַניש־טויטס.

ער וויל שאַפן אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אין אַ רעטאָרטע, און עס קומט דערפון גאָרנישט אַרויס.

כד) וועגן סאָציאַלער, ד. ה. פּאָליטישער דיכטונג

זינט איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף דעם פּראָבלעם, אָדער ריכטיקער: אויף דער לאָזונג „סאָציאַלע דיכטונג״, איז מיר קלאָר געווען, אַז דאָס מאָל ליגט דער אמת, אויף אַן אמת, אין גאָלדענעם מיטן.

נישט געדעכט זענען די, וועלכע האַלטן, אַז נישט נאָר טאָר זיך דיכטונג נישט מטמא זיין מיט סאָציאַלע, ד. ה. פּאָליטישע טעמעס, נאָר זי קאָן דאָס גאָרנישט, ווייל דיכטונג און פּאָליטיק זענען ווי פייער מיט וואַסער: נישט געדעכט זענען אויך די, וועלכע ווילן האָבן, אַז דיכטונג מוז זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, מיטן סאָציאַלן קאַמף, ווייל אויב נישט, איז זי נישט נאָר אָן אַ טעם און אָן אַ ריח, און אָן אַ זין, נאָר זי איז אַ זונה, וואָס פאַרקויפט זיך דעם הערשנדיקן קלאַס, כדי אָפּצורייסן די מאַסן פון קאַמף.

דער אמת איז אין דער מיט: אַ דיכטער קאָן זיך פאַרנעמען מיט אַלץ, וואָס ער לעבט טיף איבער, און במילא קאָן ער אויך דיכטן אויף פּאָליטישע טעמעס. היינריך היינעס „דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מעשהלע" איז איינס פון זיינע שטאַרקסטע דיכטערישע ווערק, הגם עס איז דורך און דורך פּאָליטיש־קעמפעריש; אָבער דיכטונג פאַרלירט גאָרנישט פון איר ווערט (אויב זי איז דיכטונג), ווען זי איז אַפּאָליטיש. אַט דער הויפּט־געדאַנק פון אַ סך מיינע אַרטיקלען אין משך פון אַ דרייסיק יאָר איז מיר אויפגעשוווּמען אין זכרון, ווען איך האָב זיך צופעליק אָנגעשטויסן אין קלאַבונדס אַ בוך אויף אַט דער שטעל:

> די בעסטע פּאָליטישע געדיכטן האָבן אויסגעזונגען די יעניקע, וועלכע זענען, ווי פּלאַטען און היינע, געווען אויך, „אַלס צוגאַב", ד. ה. בעיקר, ריינע ליריקער... פּאָליטיק און קונסט קאָנען זיך אויסמישן, געוויס, אָבער זייער פאַראייניקונג דערהייבן צום געזעץ (ווי דאָס וויל די מאַרקסיסטישע קריטיק. — י. ר.) הייסט... צווינגען אַן אומזין צו באַגיין אַ ווילדע זאַך.

עס איז נישט צו באַגרייפן: ווען אַזאַ פּשוטער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאַך האָט מען געשריבן גאַנצע ביבליאָטעקן, וואָס די מיטלאַלטערלעכע סכאָלאַסטיק איז פּשוטסטער רעאַליזם לגבי זיי. איז דען אַ וווּנדער וואָס אַזויפיל מענטשן באַגרייפן נאָך אַלץ נישט די פּשוטקייט פון דעם פּראָבלעם „סאָציאַלע דיכטונג"? נאָך אַזאַ סכאָלאַסטישן מבול איז אַ וווּנדער וואָס דער אמת איז אַרויס טרוקן כאָטש פאַר אַ קליינעם טייל מענטשן...

איך האָב נישט ליב ט. ס. עליאָטס דיכטונג, הגם איך פיל די קראַפט און די אייגנאַרטיקייט פון געוויסע שטעלן אירע; מיר איז אַוודאי פרעמד זיין באַציאונג צו סאָציאַלע פּראָבלעמען; און אַוודאי און אוודאי שטויסט מיך אָפּ זיין ווולגאַרער, זעלבסט־צופרידענער אַנטיסעמיטיזם. אַט דער אָפּט טיפער דענקער ווערט דאָן אַזוי אויבערפלעכלעך! אָבער אויף איין געביט גיי איך אים אַנטקעגן מיט טיפסטער אַכטונג און אַפילו באַוווּנדערונג: אויפן געביט פון ליטעראַטור־קריטיק.

ווען איך האָב געלייענט זיינע קריטישע אַרבעטן, באַזונדערס זיין בוך „דער נוצן פון דיכטונג און דער נוצן פון קריטיק", האָב איך אָפטמאָל געהאַט אַ געפיל ווי איך זאָל לייענען אַ סך פון מיינע אַלטע אַרטיקלען, און עס האָט זיך מיר אויך געדאַכט, אַז עליאָט איז אַריינגעדרונגען אין דער שאַצקאַמער פון מיינע געדאַנקען און זיי אַנטפּלעקט.

עס איז מיושבדיק... צו אָנערקענען אַ געוויסע צאָל אָנווענדונגען פאַר דיכטונג, אָבער גלייכצייטיק טאָר מען נישט אָננעמען, אַז דיכטונג מוז תמיד און אומעטום זיין אונטערגעוואָרפן צו איינער פון די דאָזיקע אָנווענדונגען.

דער וואָס באַגרייפט אין זייער ריכטיקן זינען אָט די ווערטער, וועט שוין קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין די נעצן פון דער סאָציאַלער (מאַרקסיסטישער) קריטיק.

כה) דאָס פּאָעטישע וואָרט

פאַראַן דיכטער, וואָס פאַרנעמען זיך אַזוי פיל מיטן וואָרט און מיטן גראַם און מיטן ריטם, אַז זיי דעקן צו, נישט ארויסצוזען, די דיכטונג. און אָפטמאָל דערשטיקן זיי זי אינגאַנצן. דאָס אַלץ — אַלע פּאָעטישע מיטלען און מאַטעריאַלן — האָבן אַ ווערט בלויז דאַן, ווען זיי ברענגען אַרויס די דיכטונג, ווען זיי זענען בלויז מעדיומס פאַר דער דיכטונג, ווען זיי גופא באַמערקט מען קוים.

איך האָט אין 1940, אין ווילנע, אין אַ מאָמענט פון אינספּיראַציע און אימפּראָוויזאַציע (אין אויבנבאַשריבענעם זין פון די דאָזיקע ווערטער) אָנגע־שריבן אַן עסיי וועגן דעם וואָרט ווי דיכטונג־מאַטעריאַל. איך האָב דאָרט געניי אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז דאָס וואָרט אין עכטער דיכטונג איז אַזוי געשליפן, אַז מען זעט עס כמעט נישט אַרויס, מען פילט עס קוים; עס איז ווי אַ דין הייטעלע, וואָס גיט בלויז מעגלעכקייט דעם דיכטער צו האָבן אַ מעדיום פאַר זיין דיכטונג.

דאָס וואָרט ווי דיכטונג־מאַטעריאַל איז דאָך אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, צוליב זיינע טאָפּלטע אייגנשאַפטן: עס איז אי מאַטעריאַל פאַר דיכטונג, ווי מאַרמאָר פאַרן סקולפּטאָר, לאָמיר זאָגן, און אי פאַרטיקע, זעלבשטענדיקע שאפונג: איז דאָך יעדעס וואָרט אַ יצירה פאַר זיך.

וואָרט האָט מערקווירדיק־אינהאַלטרייכע קלאַנג־אייגנשאַפטן; צי פאַרמאָגט עס זיי אָבער דערפאַר, ווייל וועלנדיק אויסדריקן אַ זאַך (לאָמיר זאָגן: איבער־זעצן אַ זאַך אין וואָרט), האָט דער מענטש אויסגעוויילט — אונטערן דרוק

פון אימפּולס, פון דער פּסיכישער שפּאַנונג — פּונקט די קלאַנגען, וואָס גיבן איבער די פיזישע אָדער פּסיכישע אייגנשאַפטן פון דער געגעבענער זאַך, אָדער די ווערטער האָבן מיט דער צייט באַקומען פון די זאַכן (וואָס זיי פאַר־טרעטן סימבאָליש) זייער עמאָציאָנעלע אָנגעלאָדנקייט?

אַז אַ סך ווערטער דריקן עפּעס אויס בלויז מיט זייער קלאַנג, איז זיכער, אָבער אין וואָסער מאָס? און צוליב וועלכע סיבות?

די סוגעסטיוו־אייגנשאַפט פון געוויסע וואָרט־קלאַנגען שפּילן אין דיכטונג אַ גרויסע ראָל, אָבער נאָר ווען דער דיכטער באַנוצט זיך מיט זיי אומבאַוווסט־זיניק, אינסטינקטיוו, אָפּקלייבנדיק זיי מיט זיין חוש אין פיבערדיקן פּראָצעס פון שאַפן.

וויל זיך אָבער דער דיכטער באַוווסטזיניק באַנוצן מיט זיי, ווי דער מוזי־קער, — וואָרט־קלאַנג זאָל זיין דער אויסשליסלעכער בוי־מאַטעריאַל פונעם ליד, אַנשטאָט וואָרט־אינהאַלט, באַזוימט מיט וואָרט־קלאַנג, — ווערט עס פּרוכטלאָזע מאַניר, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אַ סך מאָדערנע דיכטער: דער קלאַנג־מאַטעריאַל איז געבליבן אָנגעהויפט, אָבער די דיכטונג איז פאַרשווונדן, אויסגערונען.

כו) דיכטונג און קריטיק

דער גוטער יידישער לייענער (אויף וויפל ער איז נאָך דאָ און דאָרט געבליבן), וואָס האָט אַן אינטערעס — און במילא אַ גוטן זכרון — פאַר אונדזער ליטעראַטור, געדענקט זיכער די אָפטע וויכוחים פון אומגעפער אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק, צי קריטיקער מעגן זיין אויך נישט קיין דיכטער, צי בלויז דיכטער מעגן זיין קריטיקער.

יידישע נאַראָנים־סיסטעמאַטיקער, גוטע בוכהאַלטאָרן און שלעכטע שרייבער האָבן אַפילו אויך דאָ געלאָזט אין גאַנג זייער סיסטעמאַטישקייט: דיכטער דאַרפן נעמען אין אַרענדע די קריטיק פון דיכטונג; נאָוועליסטן — די קריטיק פון נאָוועלן א. אז. וו. די דאָזיקע „פּראָבלעם" איז, נאַטירלעך, נישט קיין ריין־יידישע, — אויך ביי די אומות העולם האָט מען זיך באַשעפטיקט מיט איר. מער נישט — ביי אונדז יידן האָט דאָס אָנגענומען אַ קאַריקאַטוראַלן כאַראַקטער. דריידען — דער ענגלישער דיכטער און קריטיקער — האָט געהאַלטן, אַז „די פּאָעטן אַליין זענען די פּאַסיקסטע, ווען אַפילו נישט די איינציקסטע קריטיקער" (נאָך גוט וואָס נישט די איינציקע — י. ר.). אויך אַרטור סאַימאָנד האָט געהאַלטן, אַז „עס איז דאָ אַ גרויסע מאַסע ווערטפולע קריטיקער, וועלכע זענען נאָר קריטיקער, (אָבער) די ווערטפולסטע און די

עיקרדיקסטע קריטיק (איז) געשריבן געוואָרן דורך שעפערישע שרייבער, דאָס רוב דורך פּאָעטן".

הגם איך בין אַ קריטיקער נישט קיין „שעפערישער שרייבער", דאָך בין איך טיילווייז מסכים מיט דריידענען און סאַימאָנדן: אַז מען לייענט די קריטיק פון קאָלרידזשן, וואָרדסוואָרטן, שעלין און אַנדערע ענגלישע דיכטער, מעג מען קומען צום אויספיר, אַז די ווערטפולסטע קריטיק איז געשריבן געוואָרן פון פּאָעטן, הגם אויך נישט קיין פּאָעטן האָבן געהאַט וואָס צו זאָגן. אָבער דערביי מוז מען געדענקען איין זאַך: אויף צו זיין אַ גוטער קריטיקער, מוז מען טאַקע זיין אַ דיכטער; אויב נישט פאַקטיש, איז פּאָטענציעל, ד. ה. דער קריטיקער מוז האָבן די שפּירבאַרקייט, די עמאָציעס, די אייגנשאַפטן פון אַ דיכטער, וואָס אים פעלט עפּעס צו ווערן אַ דיכטער בפועל; אָבער וויפל פאַקטישע „דיכטער" פאַרמאָגן נישט די עכטע דיכטערישע אייגנשאַפטן, וואָס אַ סך סתם קריטיקער פאַרמאָגן זיי יאָ?

פאַראַן אַ סך „דיכטער", וואָס פאַרמאָגן בלויז די איינע פעאיקייט פון אַ דיכטער, — די, וואָס מאַכט אים פאַר אַ דיכטער בפועל: די טעכנישע דיכט־פעאיקייט, וואָלט איך דאָס באַצייכנט. פונקט ווי די פּאָטענציעל־דיכטע־רישע קריטיקער פעלט בלויז די טעכנישע דיכט־פעאיקייט, אַזוי פאַרמאָגן די עקרדיקע דיכטער בלויז די טעכנישע דיכט־פעאיקייט.

ווען מען לייענט ביי אונדז אַ גרויסע טייל קריטיק פון אַ סך דיכטער, קאָן מען צו איר נישט האָבן די באַציאונג, ווי זי קומט צום אויסדרוק ביי דריי־דענען און סאַימאָנדן: זי איז נישט נאָר נישט די ווערטפולסטע, נאָר טאַקע גאָר פאַרקערט — די ווערטלאָזסטע. איין נוצן דער קריטיק ברענגט זייער קריטיק יאָ: זי איז דער בעסטער גבית עדות פאַר זייער נישט־דיכטערישקייט. וואָלטן זיי געווען דיכטער, וואָלט זייער קריטיק אויסגעזען אַנדערש, גאַנץ אַנדערש.

אין דאָזיקן מיינונגס־געפעכט וועגן דער קריטישער קאָמפּעטענטקייט פון דיכטער, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט די מיינונג פון סאָקראַטן (געבראַכט ביי פּלאַטאָן):

> שיער נישט אַלע, וואָס זענען געווען ביי אונדזערע אונטער־האַלטונגען, האָבן גערעדט בעסער ווי זיי (די דיכטער) וועגן די ווערק, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן. איך האָב דאַן שנעל באַגריפן, אַז די דיכטער ווערן געפירט, ווען זיי שאַפן זייערע ווערק, נישט דורך דעם פאַרשטאַנד, נאָר דורך עפּעס אַ נאַטירלעכער גאָב און אַ רוח־הקודש, פונקט ווי די כוהנים און די אָראַקולס. זיי זאָגן דאָך אויך אַ סך שיינע זאַכן, מער נישט זיי ווייסן נישט אַליין וואָס זיי רעדן...

דאָס מיינט נישט, אַז דיכטער קאָנען נישט זיין קיין קריטיקער, — עס קאָנען זיין דיכטער, וואָס פאַרמאָגן אַ רוח־הקודש, אַ פאַרשטאַנד (פּונקט ווי עס זענען דאָ „דיכטער", וואָס פאַרמאָגן ביידע נישט); אָבער דאָס באַווייזט, אַז דאָ לאָזט זיך נישט מאַכן קיין לייכטע געזעצן: דיכטער דאַרפן זיין די קריטיקער, און נישט קיין דיכטער — נישט. דיכטער קאָנען זיין קריטיקער, ווייל זיי דערלויבן זיך אַמאָל צו פאַרמאָגן אויך פאַרשטאַנד און קריטישן חוש; און נישט קיין דיכטער קאָנען אויך זיין קריטיקער, ווייל זיי פאַרמאָגן אַמאָל אַחוץ פאַרשטאַנד, אויך אַלע דיכטערישע אייגנשאַפטן, אַחוץ דער מעלה פון קאָנען שרייבן דיכטערישע ווערק, און אַחוץ דעם חסרון פון שרייבן זיי, די דאָזיקע „דיכטערישע" ווערק, הגם זיי קאָנען נישט...

אָפטמאָל זענען פּאָטענציעלע דיכטער די בעסטע קריטיקער דערפאַר, ווייל זייער שטאַרקער קריטישער חוש און זייער שטאַרקע פּאָטענציעלע דיכטערישקייט האָבן זיי אויסגעהיט פון פאַרשוועכן די דיכטונג — וואָס איז זיי טייער און נאָענט — דורך ווערק, וואָס זיי האָבן געלאָזן פאַר די פּעדערס פון די יעניקע, וועלכע פאַרמאָגן ווייניקער קריטישן פאַרשטאַנד פאַר זיי, און אויך ווייניקער עכטע דיכטערישקייט פאַר זיי...

כז) וועגן מאָדערנער דיכטונג

מאָדערנע דיכטונג — אין פּאָזיטיוון זין פון דאָזיקן וואָרט — איז פאַר מיר גוטע דיכטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אונדזער צייט און וואָס שפּיגלט אָפּ דעם היינטיקן מענטשנס אינערלעכע וועלט. דאָס איז פאַר מיר, מיט איין וואָרט, די דיכטונג פון אַ וואָלט וויטמאַן, פון אַן עמיל ווערהאַרן און פון אַ סך אַנדערע. איר געפינט זיי אין יעדער ליטעראַטור: אויך אין דער יידישער. פאַראַן אָבער אַן אַנדער באַגריף פון „מאָדערנער דיכטונג". דאָס איז אַזאַ דיכטונג, וואָס רעקלאַמירט זיך (ריכטיקער: האָט זיך רעקלאַמירט) אַלס איינציק מאָדערנע דיכטונג, וואָס קליידט זיך אין שרייעדיקע, עקסטראַוואַגאַנטע קליידער, מע זאָל זי חס ושלום נישט אָננעמען פאַר נישט מאָדערן. דאָס זענען די פוטוריסטיש־דאַדאַיסטיש־עקספּרעסיאָניסטישע שולעס, מיט אַלע זייערע נאָכלויפער אין אַלע ליטעראַטורן פון דער וועלט; אויך אין דער יידישער.

די דאָזיקע דיכטונג איז, לויט מיין מיינונג, שלעכטע דיכטונג; אָפט איז זי אַזוי שלעכט, אַז זי איז שוין בכלל קיין דיכטונג נישט. אָבער אַ באַוועגונג אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט אָנגעשטעקט אַ גאַנצע וועלט כמעט, קאָן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ קאַפּריז פון עפּעס אַ פּאָר יחידים, וואָס האָבן געהאַט מזל און איז געוואָרן אַ מאָדע. געוויס, דער עלעמענט פון קאַפּריז און פון

מאָדע איז דאָ זיכער אויך דאָ, אָבער נאָר ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג; הינטער זיי מוז ליגן, ווי אַ פונדאַמענט, אָדער ריכטיקער: ווי אַ שורש, עפּעס טיפערס.

וואָס זשע ליגט הינטער די גראָטעסקע דערשיינונגען פון דער מאָדערנער דיכטונג פונעם נעגאַטיוון מין? די באַוועגונגען פון דער עקסטראַוואַגאַנטער מאָדערנער דיכטונג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער אויסגעוואַקסן זענען זיי אין דער מלחמה און נאָך איר. אין דער רואיקער צייט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די באַוועגונגען אין דער מאָדערנער דיכטונג אויסגעזען ווי סתם ליטעראַרישע קאַפּריזן, אָפּגעריסענע פון דער רעאַלער וועלט; אָבער דאָס וואָס דער שטורעם פון דער מלחמה האָט זיי נישט אויסגעריסן פון לעבן, נאָר פאַרקערט: זיי געשטאַרקט, האָט באַוויזן, אַז זייערע וואָרצלען שטעקן אַ סך טיפער אין דער ווירקלעכקייט, ווי מען האָט געקאָנט מיינען. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט באַוויזן, אַז די אויסערלעכע רואיקע זיכערקייט פון דער וועלט פון פאַר דער מלחמה איז געווען אַן אילוזאָרישע; נישט די מלחמה האָט קראַנק געמאַכט די וועלט, נאָר די קראַנקהייט פון דער וועלט האָט אַרויסגערופן די מלחמה. דאָס זעלבע איז מיט דער מאָדערנער דיכטונג: איר אַנטוויקלונג בעת און נאָך דער מלחמה האָט באַוויזן, אַז די זעלבע סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו דער קאַטאַסטראָפע פון דער מלחמה, האָבן אויך דערפירט צו דער ערד־ציטערניש אין דער דיכטונג. ווען די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען (און דאָס האָט דערפירט צו דער מלחמה), האָט דאָס צוערשט דערפילט די דיכטערישע שפּירבאַרקייט פונעם מענטשן — די ליטעראַטור האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט.

דער וואָס האָט געלייענט פריץ פאָן אונרוס דראַמע „אַ דור" („איין געשלעכט"), וועט פאַרשטיין וואָס איך מיין. אין דער דאָזיקער דראַמע — דעם מעכטיקסטן עקספּרעסיאָניסטישן געשריי אין דער ליטעראַטור — קומט פאָר אַ ווילדער אָנגריף פון אַ זון קעגן דער מוטער: דער יונגער דור באַשולדיקט דעם אַלטן אין חרוב מאַכן זיין וועלט. אַ גאַנצער דור שרייט אויס אין רעוואָלט וועגן פאַרראַט קעגן אים, וועגן דער וועלט — זיין וועלט — וואָס ליגט אין חורבן. די אויסערלעך־פעסטע וועלט פון אָט־אָט־אָ, ליגט אַ צעשמעטערטע, און אונטער אירע חורבות, פאַרשאָטן, ליגט אַ דור אין שרעקלעכע פיזישע ווונדן און אין נאָך אַ שרעקלעכערן פסיכישן שאָק.

אָפּגעשניטן פון דער חרובער וועלט, אָן אַ בריק אפילו צו אירע חורבות, האָט זיך דער דור געווענדט צו זיך אינעווייניק, — ער איז פאַרזונקען אין די אייגענע אויפגערודערטע טיפענישן. אָט דער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געגומען אָפּשפּיגלען אָפן אין און נאָך דער מלחמה, האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אונטערערדיש פאַר דער מלחמה. דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרן באַוווסטזיניק נאָך דער מלחמה, איז פאַר דער מלחמה פאָרגעקומען אונטערבאַוווסטזיניק.

דאָס געפּיל פונעם יונגן דור פאַר און נאָך דער מלחמה איז געווען אַ ריכטיק געפּיל: זיי האָבן געפּילט ווי זיי פאַרלירן דעם פעסטן באָדן אונטער די פיס, און זיי האָבן זיך ווי געוואָלט אָנכאַפּן — ווי אין אַ רעטונג — אין זיך גופא. זיי האָבן ווי געוואָלט שאַפן פאַר זיך אין זיך גופא, אין זייער אינערלעכער וועלט, אַ פעסטן באָדן פאַר זיך, אַ נייע זיכערע וועלט. אָבער זייערע אינערלעכע פאַרצווייפלטע ראַנגלענישן האָבן אויסערלעך אָנגענומען לעכערלעכע פאָרמען. זייער קונסט, וואָס האָט פאַרלוירן דעם אָנשפּאַר אין אַן אויסערלעכער וועלט (דעם פעסטן סקעלעט פאַר דער אינערלעכער וועלט), איז געוואָרן פאָרמלאָז. דיכטונג קאָן נישט זיין בלויז עזאָטערישע קונסט, וואָס הענגט, ווי די וועלט פון בראשית, אויף גאָרנישט. דיכטונג מוז האָבן אַ בריק צום צווייטנס נשמה; די דאָזיקע בריק קאָן זיין בלויז דאָס וואָרט, וואָס איז נישט קיין בלויזער מאַטעריאַל, אָן אַ זין, אָן אַ קאָנקרעטן אינהאַלט, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַרן צווייטן, — דאָס וואָרט מוז ליגן פעסט אויף צוויי געמיטן, וואָס רעדן אַ געמיינזאַמע שפּראַך, כדי די אינטים־געפּילטע דיכטערישע וועלט זאָל איבער דער דאָזיקער בריק קאָנען אַריבערקומען צום צווייטן אויף דער צווייטער זייט אָפּגרונט. דאָס דיכטערישע וואָרט קאָן נישט באַשטיין בלויז אין פּערזענלעכן אינסטינקטיוון אונטערטאָן: צוערשט מוז עס זיין שכלדיק פעסט געגרונטעוועט, און ערשט דאַן קאָן עס מיטנעמען מיט זיך אין וועג אַריין דעם דיכטערישן אונטערטאָן. נישט נאָר דער טעלעגראַף מוז האָבן פעסטע דראָטן, כדי מען זאָל זיך דורך אים קאָנען קאָמוניקירן; אויך ראַדיאָ מוז האָבן פעסטע אַפּאַראַטן אין צוויי פונקטן, כדי די לופט־כוואַליעס זאָלן קאָנען ברענגען און פאַרשטענדלעך מאַכן פאַרן צווייטן די דינסטע וויבראַציעס.

די „מאָדערנע" דיכטונג אָבער האָט געוואָלט פאַרניכטן יעדע פעסטע בריק פון וואָרט, — זי האָט געוואָלט מאַכן פון וואָרט בלויז אינדיווידועלע קלאַנג און פאַרב: די פעסטע בריק פון אַסאָציאַציעס, וואָס קאָנען ברענגען פון איינעם צום צווייטן די דינסטע אינדיווידועלע ניואַנסן, בלויז ווי אַן אונטערטאָן צו אַ געמיינזאַמער מעלאָדיע, האָבן זיי געוואָלט צעשטערן דורך נייע אַסאָציאַציעס, וואָס האָבן נישט אין זיך קיין שום שכלדיק־געמיינזאַמס, קיין שום באַוווסטזיניק־קלאָרס.

טאָ צו וואָס דען האָט עס געקאָנט דערפירן, אויב נישט צו כאַאָס, צו אַ זינלאָזער צאַפּלעניש?

די עקסטרעמע ריכטונגען אין דער מאָדערנער דיכטונג האָבן איין זין: זיי זענען געווען די ערשטע סימנים פון דעם חורבן פון אַ וועלט; זיי האָבן אויסגעדריקט — דורך זייער כאַאָס און זינלאָזיקייט — די טויט־קראַנקהייט פון אַ וועלט, וואָס האָט פאַרלוירן איר וועג, איר גלויבן, אירע שעפערישע זאַפטן.

ליטעראַטור איז א ביאָלאָגישע פונקציע פון מענטשלעכן גייסט. ווי אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט האָט זי אַ זין אפילו אין איר זינלאָזיקייט: זי שפּיגלט דאַן אָפּ די צעשטערטע פּסיכישע גלייכגעוויכט פון אַ געזעלשאַפט, איר צעשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט, איר וועג צום כאַאָס פון משוגעת. די מאָדערנע דיכטונג איז געווען אַ וואָרענונג, וואָס מען האָט זי פאַר דער מלחמה נישט באַגריפן ווי געהעריק; די מאָדערנע דיכטונג איז נאָך דער מלחמה געווען אַן אָפענער צייכן פון אַ וועלט וואָס פאַלט זיך פאַנאַנדער נישט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך (און דער עיקר) גייסטיק.

*

צוויי אָנשטרענגונגען האָט די וועלט־ליטעראַטור געמאַכט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, כדי צו געפינען דעם אינערלעכן גלייכגעוויכט אין לעבן, און במילא אויך אין דער ליטעראַטור. פון איין זייט איז דאָס געווען די רעוואָלוציע־ליטעראַטור אין רוסלאַנד; און פון דער צווייטער זייט — די אַנטי־פאַשיסטישע ליטעראַטור אין מערב־אייראָפּע.

די טיפע אויפטרייסלונג פון דער רעוואָלוציע האָט אין רוסלאַנד אָפּגע־וואָרפן אין אַ זייט אַלע אָפּצווייגונגען פון די סורעאַליסטיש־דאַדאַיסטישע קאָנוואולסיעס; עס האָבן גענומען שפּראָצן האָפענונגען אויף אַ נייעם גרויסן אינהאַלט אין לעבן און במילא אין דער ליטעראַטור. אַ נייער הומאַניזם האָט גענומען פּולסירן אין דער רוסישער דיכטונג. איר טיפסטן אָנהויב האָט זי געהאַט אין אי. באַבעלן, דעם טיפן ליריקער אין פּראָזע, און איר לעצטן אויפצאַפּל אין שאָלאָכאָווס „שטילן דאָן" (באַזונדערס אין די ערשטע טיילן).

ווי טיף די רוסישע ליטעראַטור איז געזונקען אינעם קאַזיאָנעם נוסח פון דעם קאָמוניסטישן דיקטאַט נאָך די הערלעכע ערשטע אָקאָרדן פון אי. באַבעל (וועלכער איז — ווי סימבאָליש! — אינגאַנצן פאַרשוווּנדן שוין לאַנג־לאַנג...)!

דעם זעלבן גורל האָט געהאַט די אָנשטרענגונג פון דער מערב־אייראָפּע־אישער ליטעראַטור צו געפינען אַ נייעם אינהאַלט און אָנהאַלט אין דער אַנטי־פאַשיסטישער כוואַליע, וואָס האָט זי פאַרגאָסן און געטראָגן צו נייע הויכן. די דאָזיקע נייע האָפענונגען פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט דעם שפּעטעסטן אויסדרוק באַקומען אין איגנאַציאָ סילאָנעס קלאַסישע אַנטי־פאַשיסטישע דיכטערישע ווערק (פון „פאָנטאַמאַראַ" ביז „קערנער אונטערן שניי"), איז פאַרזונקען געוואָרן אינעם אויפשטייג פונעם היטלעריזם, מיט דער באַוווסט־זיניקער און אומבאַוווסטזיניקער הילף פון ראַטנפאַרבאַנד פון איין זייט און פון די דעמאָקראַטיעס פון דער צווייטער.

איצט שטייט די וועלט־ליטעראַטור אַן אויסגעליידיקטע — ווי די וועלט — פון יעדן אינהאַלט, פון יעדן גלויבן, ווי נאָך אפשר קיינמאָל נישט. די

זינלאָזע קאָנוואולסיעס פון די עקסטרעמע מאָדערניסטישע ריכטונגען זענען אָפּגעשווענקט געוואָרן פון דעם ליטעראַרישן אויבערפלאַך נישט דורך נייער זין־געפינונג (און במילא נייער פאָרם־געפינונג), נאָר פשוט דערפאַר, ווייל די דאָזיקע ריכטונגען זענען געווען די אומבאַוווסטזיניקע סימפּטאָמען פון אַן אומבאַוווסטזיניקן נויראָטישן אומרו, וואָס האָט גענומען פייניקן די וועלט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און וואָס האָט דערפירט צו די צוויי וועלט־קאַטאַסטראָפעס.

ווי אַלע נויראָטישע סימפּטאָמען, האָבן אויך די דאָזיקע דיכטערישע געקאָנט אָנהאַלטן בלויז כל זמן זיי זענען געווען אומבאַוווסטזיניק; ווען די וואָרצלען פון די מאָדערנע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור האָבן זיך אָפּגעדעקט און מען האָט גענומען איינזען פון וואַנען זיי וואַקסן, האָבן זיי געמוזט פאַרשווינדן אינעם ליכט פון באַוווסטזיין.

כל זמן דער פּאַציענט — אין דאָזיקן פאַל די מאָדערנע דיכטער — האָט נישט געוווסט וועגן דער סיבה פון זיין קאָמפּלעקס, האָט זיך זיין אומבאַוווסט־זיניקער קאָמפּלעקס אומבאַוווסטזיניק אויסגעדריקט אין נויראָטישע סימפּטאָ־מען; ביים ליכט פון די מלחמה־ און רעוואָלוציע־קאַטאַסטראָפעס, ווען זייער אומרו־קאָמפּלעקס האָט זיך דערקענט אינעם פיזישן און אידעישן וועלט־חורבן, האָבן די סימפּטאָמען גענומען אָפּשטאַרבן.

זייער אָרט האָבן בלויז אויף אַ קורצע ווײַלע געירשנט די אויבנדערמאָנטע צוויי דורכגעפאַלענע אָנשטרענגונגען זיך אויסצוקויפן פון אומגלויבן, פוסטקייט און כאַאָס; איצט איז זייער אָרט פאַרנומען בלויז דורכן דאָזיקן מאָנסטער מיט דריי קעפּ: אומגלויבן, פוסטקייט און כאַאָס.

כל זמן דער מענטש לעבט, מוז ער באַגלייט ווערן דורך ליטעראַטור, צי ווי אַן עמוד האש, צי ווי אַ שאָטן. איצט באַגלייט זי אים ווי אַ שאָטן.

זי זעט היינט אויס ווי איר באַשעפער, — דער היינטיקער מענטש, וועלכער געפינט זיך — אין זיין פּאַניק־געפיל — אין אַ טונקעלן טונעל, ווו פון איין זייט לויערט אויף אים דער געשפּענסט פון נאַציזם און פון דער צווייטער — דער געשפּענסט פון סטאַליניזם. און ער זוכט פאַרלוירן דעם נס פון אַ דריטן אויסוועג. זיין פּאַנישע פאַרלוירנקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פאַרלוירנקייט פון זיין ליטעראַטור, וואָס זעט נישט און במילא ווייזט זי נישט קיין אויסוועג.

כח) דיכטונג און רעליגיע

שוין העכער דרייסיק יאָר ווי מיר איז קלאָר, אַז רעליגיע און דיכטונג זענען שוועסטער, אַז זיי שטאַמען פון איין מוטער.

עס איז אָבער שווער פעסטצושטעלן גענוי, ווער די מוטער איז, דאָס הייסט, ווי דעפינירט מען די אייגנשאַפֿט אין דער מענטשלעכער פסיכיק, וואָס איז „שולדיק" פאַר די דערשיינונגען אין מענטשלעכן לעבן, וועלכע מיר באַצייכענען מיט די נעמען „רעליגיע" און „דיכטונג".

מען פילט אָפט וואָס דאָס איז אַזוינס (ביים איבערלעבן אַ דיכטעריש אָדער אַ רעליגיעז געפיל); איינעם באַוווסטזיין שוועבט דורך אַ שאָטן פון אַ דעפיניציע, וואָס אויב מען וועט זי קאָנען אַרויסברענגען קלאָר, וועט קלאָר ווערן דער אָפּשטאַם־מקור פון רעליגיע און דיכטונג; אָבער דאָס געשעט נאָר זעלטן, און דער ליכטשאָטן שוועבט פאַרביי, לאָזנדיק ווידער אין דער פינצטער.

צופעליק איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ בוך פון ווּם. וואַן אָ'קאָננאָר זינען און שפּירעוודיקייט אין מאָדערנער דיכטונג, דערשינען אין 1948, אַרויס־געגעבן דורך דעם שיקאַגער אוניווערסיטעט. זאָגט דאָרט דער מחבר, אַז סאַנטיאַנאַ האַלט, אַז „רעליגיע און פּאָעזיע זענען אין תוך אידענטיש". און ער ברענגט אַ ציטאַט פון סאַנטיאַנאַ: „פּאָעזיע ווערט באַצייכנט ווי רעליגיע, ווען זי מישט זיך אַריין אין לעבן"...

פאַקטיש זאָגט סאַנטיאַנאַ נישט מער ווי איך, ווייל דאָס שטיקל דעפיניציע, וואָס דאַרף אויפקלערן דעם מקור פון געמיינזאַמען אָפּשטאַם פון רעליגיע און דיכטונג, איז נישט צו קלאָר, מילד גערעדט; אָבער דאָך האָט עס מיך דערפרייט, ווייל אויף וויפל איך געדענק געפין איך צום ערשטן מאָל ביי אַ צווייטן (הגם איך בין זיכער אַז צענדליקער, אויב נישט הונדערטער האָבן דאָס שוין געפילט און זיך באַמיט דאָס אויפצוקלערן) מיין טיפסטן גלויבן און געפיל, אַז רעליגיע און דיכטונג זענען צווילינג־שוועסטער, אַז זיי שטאַמען ביידע פון איין כוח אָדער אייגנשאַפט אין מענטשלעכן גייסט, וואָס נעמען אָן פאַרשיידענע פאָרמען.

דאָס געפינען ביי אַ צווייטן דעם זעלבן געדאַנק, מיט וועלכן דו טראָגסט זיך אַרום, סטימולירט מעכטיק דעם גלויבן אין דיין געדאַנק און עס גיט צו מוט צו זוכן די לייזונג פאַר דער דאָזיקער פראָבלעם.

איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ווען איך געפין סאַנטיאַנאַס ציטאַט מיט צוויי יאָרצענדליק פריער, וואָלט איך קאָנצענטרירטער (און אפשר דערפאָלגרייכער) געוועז אַטאַקירט אָט די גרויסע פראָבלעם: פון וואַנען שטאַמט אָפּ דער גרויסער מיסטישער צווילינג פון רעליגיע און דיכטונג.

דורך אַ פיינעם אַנאַליז וואָס עס גיט דעם מענטשן רעליגיע און וואָס דיכטונג, קאָן מען אַרויספילן, וואָס עס זענען די אייגנשאַפטן פון זייער געמיינ־זאַמער מוטער.

*

איך לייען איצט דעם פאַרשטאָרבענעם חיים גרינבערגס געקליבענע עסייען.

חיים גרינבערג איז געווען אויסערגעוויינלעך שפּירעוודיק צום דיכטערישן און רעליגיעזן (ווי אַלע עכטע, גרויסע עסייאיסטן). ער האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט דיך צו דעפינירן דיכטונג און רעליגיעזן געפיל. באַרירט ער אין זיינער אַ רעדע (זיינע רעדעס זענען ראַפינירטע עסייען) „אַ בליק אין דער צוקונפט" די פראַגע פון רעליגיע מיט אויסערגעוויינלעכער טיפקייט און דינקייט. איז אָ מאָדנע זאַך: ווו ער באַרירט די פראַגע פון רעליגיע, פאַרטשעפּעט ער זיך אויך ביי דיכטונג. אומעטום!

„זי (רעליגיע — י. ר.) רופט אַרויס און זוכט צו פאַרוואָרצלען אַ באַשטימטע עטיש-לירישע אָריענטאַציע אויף וועלט, לעבן און שיקזאַל".

פאַר גרינבערגן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אמתן טאַלאַנט פאַר רעליגיע און דיכטונג, איז דאָס צווילינגוואָרט „עטיש-לירישע" נישט געווען קיין צופעליקייט: ער האָט אַרויסגעשפּירט זייער קרובהשאַפט.

דאָס געפיל פון איבעררעאַשונג, וואָס די נאַטור רופט אַרויס ביי אַ דיכטער, ווערט אויפגעוועקט אויך ביים רעליגיעזן מענטשן: „השמים מספרים כבוד אל" קאָן אַרויסרופן אַ ליריש ליד און אַ תפילה צו גאָט; און דאָס געפיל פון רחמנות צו אַלץ וואָס לעבט, וואָס איז איינע פון די הויפּט-שפּירונגען פון רעליגיעזער געמיט-אויפטרייסלונג, רופט זיך אָפּ מיט אַ שטאַרקן עכאָ אויך אין דיכטונג.

און לאָמיר ווייטער געבן דאָס וואָרט חיים גרינבערגס עסיי: „די מיסטעריע פון לעבן קאָן און וויל רעליגיע נישט אויפקלערן; זי באַטאָנט נאָר — מיט אירע אייגענע, מײַנסטנס קינסטלערישע מיטלען (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.) די עקזיסטענץ פון מיסטעריע, יראת־הכבוד צו איר און פאַרטרויען אין איר".

אָבער דאָרט, ווו עס ווערט באַטאָנט די עקזיסטענץ פון מיסטעריע, עפענען זיך אויף נישט נאָר די רעליגיעזע קוואַלן, נאָר אויך די קוואַלן פון דיכטונג (זייערע מים חיים זענען אַזוי אויסגעמישט).

און ווייטער: „דאָס טריוויאַלע איז דער היפוך און דער שונא פון רעליגיע, ווי עס איז דער היפוך און שונא פון קונסט, וואָס זעט אין אַלץ דאָס זינפולע און דאָס אייביק פייערלעכע".

ווי מען זעט, אומעטום, ווו חיים גרינבערג גראָבט אָפּ אַ וואָרצל פון רעליגיע, פאַרטשעפּעט ער זיך אין קונסט, ווייל דער וואָרצל שטעלט זיך אַרויס

צו זיין פּאַר אים אַ געמיינזאַמער — סיי פון קונסט, פון דיכטונג, און סיי פון רעליגיע.

און ווען ער רעדט וועגן חסידות, זאָגט גרינבערג: „איר (פון חסידות — י. ר.) רעפאָרם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט דעם יידן... אומגעקערט דעם טאַלאַנט פון דערבליקן דעם „נס" אין דעם טאָג־טעגלעכן".

מיט די זעלביקע ווערטער קאָן מען אָבער כאַראַקטעריזירן נישט נאָר דאָס רעליגיעזע חסידות, נאָר אויך די וועלטלעכסטע דיכטונג, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פעאיקייט צו דערזען דאָס טאָג־טעגלעכע, ווי אַ נס.

*

יאָ, פאַרטיפט מען זיך אין אָט די ענינים, מוז יעדער איינער קומען צו דער איבערצייגונג, אַז רעליגיע און דיכטונג שטאַמען פון איין וואָרצל, זענען צווילינג־שוועסטער פון איין מאַמען.

יעדער איינער, וואָס פילט דיכטונג, איז רעליגיעז, און יעדער איינער, וואָס איז רעליגיעז, מוז אויך פילן דיכטונג.

די נאָך נישט־געלייזטע (און אפשר אומלייזבאַרע) פראַגע איז נאָר: ווער איז די מוטער, וואָס געבוירט דעם צווילינג: רעליגיע־דיכטונג?

כט) ליטעראַטור אין דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע לענדער

איך האָב ווידער געלייענט פראַנץ קאַפקאַס ביכער, ווי אויך זיין ביאָגראַפיע, און זיין שרייבן, ווי זיין גורל, האָבן זיך אַסאָציאירט ביי מיר מיט מיינער אַן אַלטער טעמע: ליטעראַטור אין דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע לענדער.

*

נאָך היינט אַפילו, שוין נאָך די אַלע „פאַסטערנאַק־דערפאַרונגען" (איך גוץ דאָ דעם נאָמען „פאַסטערנאַק" ווי אַ שם־נרדף), געפינען זיך נאָך מענטשן, וואָס פאַרגלייכן דעם גורל פון שרייבער אין רוסלאַנד און אין קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע לענדער לטובת רוסלאַנד: אין רוסלאַנד לעבט אַ שרייבער גוט פון זיין שרייבן, בעת אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קאָן אַ שרייבער לעבן פון זיין שרייבן נאָר דעמאָלט, ווען ער שרייבט אַן אַ בעסט־סעלער; אויב נישט — מוז ער בייטאָג אַרבעטן אויף פּרנסה ביי וואָס עס לאָזט זיך, און ביינאַכט שרייבן פאַר עולם־הבא.

די דאָזיקע קורצזיכטיקע (און אפשר מאַכן זיי אומישנע צו אַן אויג אָדער ביידע?...) באַמערקן נישט (אָדער זיי מאַכן זיך תמעוואַטע), אַז אויב דער שריי־

בער אין רוסלאַנד דאַרף נישט וואַרטן אויף אַ בעסט־סעלער, כדי צו קאָנען לעבן פון זיין שרייבן, דאַרף ער זיך אָבער פּאַר דעם צוועק (ד״ה פּאַר דער מעג־לעכקייט צו לעבן — און צו לעבן גוט — פון זיין שרייבן) באַזאָרגן מיט אַ כשרות־צייגעניש פון דער רעגירונג...

אויב אַ שרייבער אין די דעמאָקראַטיעס דאַרף, אויף צו לעבן, נושא־חן זיין ביים ברייטן עולם, דאַרף דער שרייבער אין רוסלאַנד, פאַרן זעלבן צוועק, נושא־חן זיין ביי דער רעגירונג, ביים פּאָליטישן קאָמיסאַר פון שרייבער־פאַריין.

וואָס געשעט אָבער מיט די שרייבער, וואָס נישט זיי קאָנען און נישט זיי ווילן נושא־חן זיין ביים ברייטן עולם אָדער ביי דער רעגירונג? ווי איז דער גורל פון אָט די, סיי אין רוסלאַנד און סיי אין די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָ־קראַטישע לענדער? ווו איז די־אָ שרייבער בעסער?

אַ קלאָרן ענטפער דערויף גיט דער גורל פונעם געניאַלן דיכטער פראַנץ קאַפקאַ.

קאַפקאַס שרייבעריש לעבן (און קיין אַנדער לעבן האָט ער נישט געהאַט) איז פול מיט טראַגיזם. מיט זיין פעדער האָט אָנגעפירט זיין שרייבערישער דעמאָן, — נישט ער האָט געקאָנט זיך צודינען צום ברייטן עולם און נישט צום פּאָליטישן קאָמיסאַר. און זיין שריפטשטעלערישער גורל אין אייראָפּע איז באַקאַנט: דער דאָזיקער געניאַלער דיכטער האָט געמוזט אָפּגעבן זיין טאָג אַ ביוראָקראַטישער שטעלע, וואָס האָט אים געגעבן אויף צו פירן אַ באַשיידן לעבן; זיינע נעכט האָט ער אָפּגעגעבן זיינע פיבערדיקע וויזיעס, וואָס נאָר געציילטע האָבן געפילט זייער שעפערישן ווערט. כמעט קיין איין גרויס ווערק זיינס איז נישט פאַרענדיקט, — אפילו די „פאַרענדיקטע״ אויך נישט. אמת, די סיבה דערפון איז געווען נישט נאָר זיין אויסערלעכע לאַגע (ער האָט געהאַט גרויסע און טיפע אינערלעכע העמונגען, וואָס האָבן פאַרהאַלטן זיין שעפערישן פּראָצעס. — העמונגען, וואָס זענען געווען אַ רעזולטאַט פון זיין נאַטור און פון זיין אייגנאַרטיקן טאַלאַנט), אָבער עס איז אויך אמת, אַז די געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט געשאַפן, האָט אים נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט נאָרמאַל צו שאַפן, זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צום אייגנאַרטיקסטן דיכטער אין פּראָזע פון 20־טן יאָרהונדערט (ביז איצט), זי האָט אַרויסגעוויזן אַ מערדע־רישן גלייכגילט צו אַ שעפערישן מענטשן ווי קאַפקאַ; זי האָט אַלץ געטאָן, כדי פּאַסיוו צו דערשטיקן אַ טאַלאַנט, וואָס איז געווען צו אייגנאַרטיק, צו פרעמד איר גייסט און צו קריטיש צו איר גייסט (אָדער אומגייסט).

דאָס אַלץ קאָן נישט לייקענען קיינער, וואָס קען אפילו בלויז אויבערפלעכלעך קאַפקאַס פּערזענלעכע און ליטעראַרישע ביאָגראַפיע; אָבער כדי צו קאָנען זען אָט די פאַקטן אין דעם געהעריקן ליכט, דאַרף מען זען, וואָס עס וואָלט

דערוואַרט קאַפקאַן, ווען ער לעבט אין קאָמוניסטישן טייל פון דער וועלט (וויסנדיק ווי די אָפיציעלע ליטעראַרישע דאָגמע, דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, באַציט זיך צו קאַפקאַן און זיין ווערק).

אויב קאַפקאַ איז אין אַמאָליקן פּראָג טיילוויז דערשטיקט געוואָרן פּאַסיוו, וואָלט ער אין היינטיקן פּראָג געווען דערשטיקט געוואָרן אין גאַנצן אַקטיוו.

מיט דער הילף פון גרויסע קרבנות (דורך אַרבעטן איבער די כוחות ביי נאַכט, אין דער אָפּרוצייט, וואָס דאָס האָט צעשטערט זיין שוואַכן געזונט און אים געטריבן צו פאַרצווייפלונג, ווייל ער האָט נישט געקאָנט שטילן זיין גרויסן הונגער נאָך שעפערישער אַרבעט) איז קאַפקאַן דאָך געלונגען טיילוויז צו פאַרקערפּערן אין געניאַלע שריפטן זיינע פּיבערדיקע וויזיעס און דיכטע־רישע טרוימען; מחמת דער רעזשים פון קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע האָט אים געשטיקט פּאַסיוו, אָבער נישט אַקטיוו; האָט אים קרעמפּירט דירעקט בלויז פיזיש־מאַטעריעל, אָבער נישט גייסטיק־שעפעריש: קיינער האָט נישט געקאָנט לייגן אַ וועטאָ אויף זיינס אַ ביכעלע דערציילונגען, ווייל עס איז נישט כשר לויט די לעצטע רעזאָלוציעס פונעם פּאָליטביוראָ; און אויב ער האָט נישט געקאָנט (האָט נישט געוואָלט) ביים לעבן אַרויסגעבן זיינע נישט־אַרומ־געשליפענע ווערק (ווי דעם פּערפעקציאָניסט קאַפקאַ האָט זיך געדאַכט), האָט ער זיי אָבער נישט מורא געהאַט צו שרייבן אין די נעכט, לויטן דיקטאַט פון זיין קינסטלערישן אינסטינקט, — קיינער האָט אים נישט געקאָנט אַ דעה זאָגן וואָס ער זאָל טאָן; און ביים לעבן צי נאָכן טויט — זיינע ווערק זענען דערשינען און שלאָגן זיך דורך אַ וועג אין געדיכטן „וועגטערוואַלד" פונעם וועלטשאַפן, און קיינער קאָן זיי נישט פאַרבאָטן צו טאָן זייער שליחות.

וואָס וואָלט אָבער געווען קאַפקאַס גורל אין נייעם פּראָג? נישט קאָנענדיק נושא־חן זיין ביים פּאָליטישן קאָמיסאַר, ביי אַ טשעכישן ליטעראַטור־דיקטאַ־טאָר, וואָלט געווען געפערלעך פאַר אים צו שרייבן זיינע „דעקאַדענטישע" ווערק אפילו אויפן חשבון נישט פון דער געזעלשאַפט, נאָר פון זיין געזונט. אין יעדן זייטל פון זיינע ווערק איז לייכט איינצוזען אַ רמז אויף דער לאַגע אין קאָמו־ניסטישן גן־עדן, אין קרעמל, אין דער נ. ק. וו. ד.

דער שלאָס — דאָס איז אַ סאַטירע אויפן קרעמל; דער פּראָצעס? ס'איז קלאָר, אַז מיט יעדן וואָרט מיינט מען די גזעצלאָזע יוסטיץ פון די „לענדער פון סאָציאַליזם" אאַז"וו. היינט זיין פּעסימיזם? ריינער סאַבאָטאַזש!

וואָלט קאַפקאַ פּרובירט אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד צו לעבן פון זיין שרייבן, ד"ה פאַרלייגן דער מלוכה אַרויסצוגעבן זיינע ביכער, וואָלט ער פיזיש געווען געליטן פאַר דעם; וואָלט ער געווען געוואָרט אויף „עולם הבא", ד"ה אַרויס־געגעבן צו ווערן נאָך זיין טויט — וואָלטן זיך זיינע ווערק קיין מאָל נישט געווען דערוואַרט דערויף — זיינע ווערק וואָלטן נישט נאָר פּאַסיוו פאַראור־

טיילט געוואָרן דורך דעם ברייטערן עולם, נאָר אויך אַקטיוו וואָלטן זיי אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם ליטעראַרישן שטראָם דורך די דעה־זאָגער אויפן געדרוקטן וואָרט.

אין די קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס פאַרלירן אָפּט די אַוואַנגאַרד־שעפּער זייער עולה הזה, — זיי ווערן פיזיש פאַראורטיילט אויף כּרת; אָבער קיינער קאָן ביי זיי נישט צונעמען די האָפענונג אויף השארת־הנפש; אין דער קאָמוניסטישער אָרדענונג קאָנען די קאַפקאָס נישט נאָר נישט געניסן פון עולם הזה (פאַר דעם דאַרף מען דאָרט באַצאָלן מיט פאַרלירן דאָס רעכט אויף עולם הבא), נאָר עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין שום האָפענונג אויף השארת־הנפש.

אין ראַטן־פאַרבאַנד איז גוט די שרייבער, וואָס האָבן טאַלאַנט נושא־חן צו זיין ביי די מאַכט־האָבער, אָבער דעם מין איז אויך נישט שלעכט אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער — די האָבן אויך די פעאיקייט, ווען מען דאַרף, צו געפעלן די ברייטע מאַסן.

אָבער די קאַפקאָס פון אַלע מינים, וואָס נעמען באַפעלן צו שרייבן נאָר ביי זייער טאַלאַנט, האָבן דאָרט קיין שום שאַנס נישט צו קומען צו דער עפנט־לעכקייט אפילו נאָך זייער טויט.

און ביים לעבן איז זיי אויך בעסער אין דעמאָקראַטישן לאַגער, ווייל זיי ליידן דאָרט טאַקע פיזיש, אָבער זיי קאָנען כאָטש האָבן די באַפרידיקונג פון צעבייזערן זיך אויף זייער געזעלשאַפט, אויסצולאָכן זייער סביבה; זיי קאָנען זיך קילן דאָס האַרץ דורך זיין אַקטיוו אַ ווידערשפּעניקער, אַ רעבעל, — אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך פאַר די קאַפקאָס אין די קאָמוניסטישע לענדער.

און אַפילו ווען אַ דאָרטיקער קאַפקאַ וויל זיין אַ מאַרטירער, קאָן דאָס אים דאָרט געלינגען נאָר פיזיש (ער קאָן אומקומען), אָבער נישט גייסטיק, ווייל זיין מאַרטירערטום וועט קיין שום אָפּקלאַנג נישט האָבן, — ער וועט פיזיש אומ־קומען ביי אַ גרויסן שווייגן, אין וועלכן דער מאַרטירער קומט אום אויך גייסטיק...

זיין מאַרטירעריי וועקט דאָרט קיינעם נישט אויף (האָט פּאַסטערנאַקס מאַרטירעריי עפּעס געגעבן גייסטיק דעם רוסישן מענטשן?), ווייל עס ווערט פאַרליגנערט און קיינער קאָן עפנטלעך נישט פעסטשטעלן דעם אמת...

מעלבורן, 1960

ל) אינספּיראַציע און קונסט

אינספּיראַציע איז דער מאָמענט פון באַפרוכטנדיקן זוימען; די קונסט איז דער פּראָצעס פון אויסבילדן פון דער באַפרוכטעטער צעלע אַן אָרגאַניזם.

לא) די ראָל פון סאַטיריקער

סאַטיריקער און הומאָריסטן קאָנען נישט שילדערן דאָס וואָס נעמט געבוירן ווערן, — זייער אויפגאַבע איז אָפּצולאַכן פון דעם, וואָס נעמט אָפּשטאַרבן, זיך בייטן.

און דאָס איז זייער עיקרדיקער צושטייער פאַרן ניי־געבוירענעם, — זיי רוימען אָפּ פאַר אים דעם באָדן פונעם אָפּגעלעבטן אַלטן.

לב) וועגן דורכזיכטיקן שפּראַך־לבוש

אין איינעם פון מיינע צאָלרייכע „נאָטיצן וועגן דיכטונג" („אָן אַ צווישנשיכט") האָב איך געשריבן: „די שפּראַך פון דיכטונג מוז זיין וואָס דורכזיכטיקער, מוז וואָס וויניקער שטערן די פאַרבינדונג צווישן דער דיכטונג און דעם לייענערס געמיט. במילא מוז דיכטונג זיין ווי מעגלעך קנאַפּוואָרטיק, דער וואָרט־לבוש פון די געדאַנקען און בילדער מוז זיין אַ מינימאַלער".

„דער אידעאַל פון דיכטונג איז, אַז דער מינימאַלסטער סכום ווערטער, וואָס מען מוז שוין באַנוצן, זאָלן זיין אַזוי דין אויסגעשליפן, זיי זאָלן בילדן נישט מער ווי אַ דין, קוים באַמערקבאַר הייטל צווישן דעם בילד און זיין אויפגענומען ווערן.

„די בעסטע ווערטער פאַר דיכטונג זענען די, וואָס מען באַמערקט זיי קוים, וואָס קאָנען זיך מאַכן כמעט ווי אומבאַמערקבאַר, וואָס קאָנען דערפילן זייער שליחות דיסקרעט".

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער דאָזיקער נאָטיץ מיינער ביים לייענען „דאָקטאָר זשיוואַגאָ" פאַסטערנאַקס.

אין דעם דאָזיקן בוך באַשרייבט פאַסטערנאַק ווי אַזוי ד"ר יורי זשיוואַגאָ שרייבט לידער און באַשרייבט דעם דיכטערישן פּראָצעס פון שאַפן. און דאָס וואָס ער שרייבט קאָן זיין ווי אַ טייל פון מיין אויבן ציטירטער „נאָטיץ וועגן דיכטונג".

„זיין גאַנץ לעבן — **שרייבט פאַסטערנאַק וועגן ד"ר זשיוואַגאָ — האָט ער** געקעמפט פאַר אַ שפּראַך, וואָס זאָל זיין אַזוי רעזערווירט און נישט פּרעטענציעז, אַז זי זאָל דערמעגלעכן דעם לייענער אָדער דעם הערער צו באַהערשן דעם אינהאַלט, נישט באַמערקנדיק די מיטלען אַ דאַנק וועלכע ער האָט אים דערגרייכט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשטרעבט צו דערגרייכן אַ סטיל, וואָס ציט נישט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, און ער איז געווען דערציטערט אויסגעפינענדיק ווי ווייט ער איז נאָך פון זיין אידעאַל" **(זייט 394).**

וויפל דיכטער ביי אונדז פארשטייען דאס בעתן שאפן אדער אפילו בעתן לייענען וואס מען שרייבט פאר זיי וועגן דעם?

לג) שפראך איז א פאררעטער...

קריטיק איז טאקע אפט געבויט אויף געשמאק (און געשמאק איז א זאך פון געשמאק!), אבער דאך זענען פאראן פאלן, ווען איר קאנט בולט אויפווייזן מיט וואס א ליד אדער א דערציילונג איז שלעכט.

אט ליגט פאר מיר א ליד וועגן א ישראל־מאמע, וואס איר זון איז אוועק אין מלחמה, „מיט ביקס געלאדן אין טראנשייען", און זי טראכט וועגן איר קינד אין דער פינצטערער נאכט און זי וויינט.

דאס גאנצע ליד איז שוואך, שלעכט, אבער עס וואלט שווער געווען אויפ־צווייזן א לייענער מיט נישט קיין אנטוויקלטן חוש פאר דיכטונג, מיט וואס דאס ליד איז אזוי שלעכט.

געפינט זיך אבער אינעם שלעכטן ליד א בולט שלעכטע שורה, וואס דעקט אפ די שלעכטקייט פונעם ליד פאר יעדן לייענער, וואס פארמאגט אפילו א פרימיטיוון ליטערארישן געשמאק.

„מיט ביקס געלאדן אין טראנשייען,
„שטייט איר זונדל אויף דער וואך..."

די ערשטע שורה פון ציטאט איז שרעקלעך שלעכט, אבער איר קאנט זי נישט כאפן, אזוי צו זאגן, ביי דער האנט, — דאס איז א זאך פון געשמאק, וועט מען אנטקעגנווארפן אייער קריטיק; אבער די צווייטע שורה פונעם ציטאט קאן מען בפועל ממש כאפן ביי דער האנט.

דאס ליד, וואס וויל דאך זיין אן אפאטעאז פארן ישראל־זון, באנוצט דאסווארט „זונדל" (דער דיכטער דארף האבן א טראף צום ריטם, מ'שטיינס געזאגט) אנשטאט „זון", אדער דעם צארט־צארטן „זוניו"; אבער „זונדל" איז אין יידיש א גרינגשעצנדיקע פארקלענערונג־פארם, נישט קיין פארצערטלענ־דיקע; און א „דיכטער", וואס פילט נישט אז ער פירט אריין אינעם ליד א פאלשן טאן, וואס צעשטערט זיין גאנצע כוונה, איז קיין דיכטער נישט, ווייל דיכטונג איז בעיקר מוזיק, און קודם כל מוז א דיכטער אפפילן דעם ריכטיקן טאן אין א ליד, אין זיין שפראך...

לד) מדרגות

אלע פילן דיכטונג אדער לעבן מיט דיכטונג, פונקט ווי אלע נישט טויטע — לעבן.

אָבער פּונקט ווי דאָס לעבן פון אַ סך לעבעדיקע איז קוים־קוים אַ העכערע מדרגה פון טויט־זיין, אַזוי איז אויך די דיכטונג פון אַ סך מענטשן (אויך פון אַ סך אַזעלכע, וואָס רופן זיך אָדער וועלכע מען רופט — דיכטער) קוים־קוים העכער פון פּראַקטיש־פּראָזאַאישן לעבן.

לה) עכטע קונסט

עכטע קונסט נעמט אויף דאָס קלענסטע אויפן ברייטסטן האָריזאָנט פון מענטש־לעכן גורל; זי פילט דאָס קלענסטע מיטן וועלט־געפיל; זי זעט דאָס קלענסטע ווי עפּעס אייביק מענטשלעכס, מענטשלעך־גורלדיקס.

לו) וואָס איז דער וווּנדער...

די ליטעראַטור אונדזערע האָט על־פּי־רוב חתונה מיט עקרים, — טאָ וואָס איז דער וווּנדער, אַז עס ווערט אַזוי זעלטן געבוירן עפּעס לעבעדיקס?...

לז) דיכטונג און מוזיק

מען קאָן אין פּערזען דערציילן גענוי, מיט די קלענסטע פּרטים, וואָס מען פילט; אָבער דאַן איז דאָס פּראָזע אין אַ פאָרם פון דיכטונג; דיכטונג דאַרף קאָנען דערציילן אַלץ אויפן ווונק; געבן וויניק, אָבער דאָס וויניקע זאָל דער־ציילט ווערן אין אַזאַ טאָן, וואָס רעגט אָן אין אייך אָן אַ שיעור געפילן און געדאַנקען און אַסאָציאַציעס, — ווי מוזיק, אַ שטייגער.

אין דעם זין איז דיכטונג ענלעך צו מוזיק, אָבער נישט דורך וועלן קאָנ־קורירן מיט מוזיק דורך באַנוצן וואָרט־קלאַנגען אָן דיכטערישער און אָן ווערטערבוך־באַדייטונג.

אַזאַ אויסערלעכע מוזיק־דיכטונג איז דיכטעריש ווערטלאָז, זי איז בלויז אויסערלעכע טעכניק.

מוזיקאַלע דיכטונג דאַרף גאָר נישט האָבן אין זיך אויסערלעך־מוזיקאַלי־שעס; זי דאַרף בלויז פאַרמאָגן די דיכטערישע קראַפט, וואָס רופט אַרויס ביים לייענער שטימונגען, וואָס די מוזיק רופט אַרויס ענלעכע צו זיי ביי די צוהערער...

לח) היט זיך, דיכטער: שאַבלאָן!

די ליטעראַטור איז פול מיט אימיטאַציע: יעדער שרייבער הויבט געוויינלעך אָן מיט אימיטירן אָדער אַ באַשטימטע ליטעראַטור־פאָרעם אָדער אַ געוויסן שרייבער און ענדיקט געוויינלעך מיט אימיטירן זיך גופא.

דער דראַנג צו ברענגען צום אויסדרוק די אייגענע אינערלעכע וועלט און צו געשטאַלטיקן די דרויסנדיקע, וואָס לייגט זיך ווי אַ זיסע אָדער ביטערע לאַסט אויפן מענטשן, איז אַ נאַטירלעכע אוממיטלבאַרע דערשיינונג ביי יעדן איינעם, אָבער דער פּרווו צו געבן דעם דאָזיקן אויסדרוק־פאַרלאַנג אַ באַשטימטע פאָרעם איז שוין אַ רעזולטאַט פון אימיטאַציע.

די אייגנאַרטיקייט פון אַ שרייבער, ד. ה. די עכטקייט פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט קומט צום אויסדרוק אין דעם, וואָס ער באַווייזט אָדורכצודרינגען די דאָזיקע ליטעראַרישע אימיטאַציע־אַטמאָספער מיט פערזענלעך־אינטימע טענער.

אָבער ווען דער עכטער טאַלאַנט באַווייזט צו שאַפן מיט אָנשטרענגונג — דורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג דורך דער געדיכטעניש פון דער ליטעראַרישער טראַדיציע — אַן אייגענע אויסדרוק־פאָרעם, האָט ער דערמיט באַזייטיקט בלויז איין געפאַר, וואָס לויערט אויף אים: די געפאַר צו אימיטירן אַנדערע, — און גראָד דאַן, ווען ער וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט פייערן זיין טריאומף, ווערט ער באַפאַלן פון אַ צווייטער געפאַר: די געפאַר פון אימיטירן זיך אַליין.

די בין־האָדעווער דערציילן, אַז די בינען, וועלכע פירן, דאַכט זיך אונדז, אויס זייער אַרבעט פון זאַמלען מאַטעריאַל אויף האָניק בלויז אינסטינקטיוו, פאַרמאָגן די פעאיקייט פון מאַכן זיך גרינגער די אַרבעט, ווי נאָר עס מאַכט זיך זיי אַ געלעגנהייט דערצו. ווען זיי געפינען ערגעץ־ווו, אין דער נאָענט פון די בינשטאָקן, פאַרטיקן סיראָפּ, פאַרשיידענע זיסיקייטן, הערן זיי אויף צו זאַמלען בלומען־שטויב און זיי גנבענען סיסטעמאַטיש דעם פאַרטיקן סיראָפּ. די בינען גייען מיטן וועג פון קלענערער אָנשטרענגונג. דאָס זעלבע טוען אויך פויגל ביים בויען נעסטן: זיי פאַרווענדן פאַרטיקע טיילן פון געביידעס, פון בוימער אָדער פאַרטיקע מאַטעריאַלן, כדי זיך לייכטער מאַכן די אַרבעט פון בויען נעסטן פון רוי־מאַטעריאַלן.

אַזוי טוט אויך דער מענטש, ווען ער איז אַ שרייבער, און אַפילו אַן עכטער. זיין טאַלאַנט טרייבט אים דורכצורייסן די ליטעראַרישע אימיטאַציע־אַטמאָספערע און שאַפן פאַר זיך אַן אייגענע אויסדרוק־פאָרעם, אָבער ווען די דאָזיקע אויסדרוק־פאָרעם ווערט שוין דורך אים געשאַפן, ווערט ער תיכף איר געפאַנגענער: ער הערט אויף צו זיין וואַכזאַם לגבי דער געפאַר פון אימיטירן — ער האָט דאָך אַן אייגענעם נוסח! — און ער פאַלט אַלס איר קרבן.

און דעריבער איז נישט גענוג פאַר א דיכטער צו מנצח זיין די געפאַר,

וואָס שטייט פאַר אים אין אָנהויב פון זיין שאַפן, נאָך איידער ער האָט אַן אייגענע אויסדרוק־פאָרעם, — ער מוז בייקומען די אימיטאַציע־געפאַר אויך — און אפשר דער עיקר! — דאַן, ווען ער האָט שוין אַן אייגענע אויסדרוק־פאָרעם. יעדער עכטער שרייבער מוז באַקעמפן נישט נאָר דעם שאַבלאָן, וואָס עס שטעלט זיך איין אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור־אַטמאָספערע, נאָר אויך יענעם, וועלכער שטעלט זיך איין אין דער אינדיווידועלער ליטעראַטור־אַטמאָספער פון יעדן שרייבער באַזונדער.

די באַדייטונג פון אַ שרייבער, וואָס געפינט פאַר זיך אַ געוויסן ליטעראַרישן דורכשניט־נוסח — איינגעשטעלט דורך אימיטירן עטלעכע גרויסע מוסטערן — איז זייער גרויס. אַזאַ שעפערישער גייסט טוט אויס די ברילן, דורך וועלכע דער דורכשניטלעכער שרייבער זעט די וועלט און דאָס לעבן, זיין ליטעראַרישן זשאַנר, ער רייסט זיך אַרויס פון דער אַלגעמיינער קולטור־אַטמאָספער און אַ דאַנק אים רייסט זיך אַריין אין דער ליטעראַטור פרישע לופט, אַ באַלעבנדיקער, אַפּפרישנדיקער ווינט: אַלע דערשפּירן, — אַז ס׳איז שוין לאַנג צייט געווען איבערצולופטערן די ליטעראַרישע אַטמאָספער, אַז עס איז שוין לאַנג צייט געווען אויסצוטאָן די אַלטע ברילן און באַנוצן די יונגע געזונטע אויגן.

אָבער נאָך גרעסער איז די קראַפט פון אַ שרייבער, וועלכער קאָן זיך אויסהיטן פון דער געפאַר, וואָס לויערט אויף אים מצד זיין אייגענער אייגנאַרטיקייט. אַזאַ שרייבער איז אַזוי פול מיט וואַכזאַמער לעבעדיקייט, מיט שעפערישן אימפעט, מיט אינטימער אוממיטלבאַרקייט, אַז ער מיידט אויס די נעצן פון קלענסטער אָנשטרענגונג, וואָס ווינקען צו אים פון זיין אייגענעם נצחון איבער דער אימיטאַציע, פון זיין אייגענער אייגנאַרטיקייט, — ער מיידט אויס צו ווערן אַ קרבן פון דער אייגענער פאַרגליווערטקייט.

אַזאַ שרייבער העלפט דורכצורייסן די שאַבלאָן־אַטמאָספער פון דער ליטעראַטור נישט כדי צו העלפן תיכף שאַפן אַן אַנדער שאַבלאָן — צוערשט פאַר זיך און דערנאָך פאַר אַלעמען, — ער בלייבט ווי אַ קוואַל, וואָס באַנייט בסדר זיין לעבעדיקן שטראָם, אַפּפרישנדיק תמיד דעם אַרום.

לט) אַ דיסקוסיע וועגן אַ ליד צווישן אַ לעזערין, אַ דיכטער און אַ קריטיקער

1) טענות פון אַ לעזערין.

2) אַ תשובה דער לעזערין פון דיכטער בער שנאַפּער.

3) וועגן בריוו פון דער לעזערין און ענטפער פון דיכטער.

פאַרבאַמערקונג: איך נעם אַריין אין בוך אָט די דאָזיקע דיסקוסיע צוליב צווײ טעמים: ערשטנס איז זי זייער אינטערעסאַנט און צווייטנס שטעלט זי פאָר מיט זיך אַ וויכטיקן קולטור־דאָקומענט, וואָס וואַרפט ליכט אויף אַ גאַנצער עפּאָכע. — י. ר.

1) טענות פון אַ לעזערין

מיט אייניקע וואָכן צוריק איז געווען אין „וואָכנשריפט" געדרוקט אַ ליד פון ב. שנאַפּער. האָבן מיר באַקומען פון אַ לעזערין פון ביאַליסטאָק אַ בריוו, אין וועלכן דאָס ליד ווערט שאַרף קריטיקירט און דערביי מאַכט די לעזערין אַ רייע טשעקאַווע באַמערקונגען אויך וועגן אַנדערע לידער. מיר האָבן איר בריוו איבערגעגעבן דעם ה' ב. שנאַפּער, ער זאָל זיך מיט אים באַקענען און ענטפערן אויף די טענות פון דער קריטיקערין. ה' ב. שנאַפּער האָט עס געטאָן.

דאָ דרוקן מיר די קריטיק פון דער לעזערין און דעם ענטפער וועלן מיר געבן איבעראַכטאָג.

*

חבר רעדאַקטאָר פון „וואָכנשריפט"!

אַלס שטענדיקע לעזערין פון דער „פאָלקסצייטונג", און לעצטנס צוליב דער פּרעמיע פון דער „פאָלקסצייטונג" אויך אַ לעזערין פון דער „וואָכנשריפט", דערלויב איך מיר צו פרעגן, וואָס באַדייט אין לעצטן נומער דאָס ליד „בלוט, ברויט און וואַסער", וואָס מיינט מיט דעם דער מחבר? אָדער איז דאָס אַ רמז אויף עפּעס? ס'לייענט זיך: „בלוט? בלוט איז וואַסער. גוט? בלוט איז נאַסער". כ'בין מער ווי זיכער, אַז ווען דער מחבר האָט אָנגעשריבן דעם פערז, „בלוט איז וואַסער" און זוכנדיק, לויטן אלף־בית, אַ גראַם צום וואָרט „וואַסער" און געפינענדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער ווי „נאַסער", האָט ער זיך נישט געפוילט, נישט איבערראַשט געוואָרן, און אָנגעשריבן אַ שורה ווייטער: „בלוט איז נאַסער". און ווייטער: „וואַסער מוז מען גראָבן טיף! בלוט קאָן מען האָבן — פּרווו". ערשטנס, דאַכט זיך, גראָבט מען ערד און נישט קיין וואַסער. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז ס'רעדט זיך אַזוי, טאָ וואָס מיינט דאָס? וואָס מיינט דאָס — „בלוט וויל לעבן רויט, בלוט מוז מען געבן ברויט"?

און אַזוי ווייטער כסדר. לייענט אַליין איבער דאָס גאַנצע ליד. אַזוינע לידער קאָן מען דאָך שאַפן אויף באַשטעלונג. אַזוי ווי פאָטאָגראַפיעס. אָט צום

ביישפּיל נאָט איך. וועגן די געשעענישן אין עסטרייך: „אַרבעטער — אַהער, אַהין שטייען אין וויך. האַנט ביי האַנט, שטייען ביים ראַנד. מיט שטאָלצע טריט, דאָס אַרבעטער־הויז היט...“ וואָס? איר זאָגט, ס׳קאָן נישט גוט ווערן, מען דאַרף נישט קיין גאַז־באָמבעס; מ׳קאָן מיט אַזוינע לידער דערהרגענען מענטשן. ריכטיק. כ׳מיין, אַז פּראָלעטאַרישע שרייבער און קריטיקער מעגן נישט וועגן מיט דער זעלבער מאָס און וואָג וואָס בורזשואַזע שרייבער, און אויך נישט דרוקן אַבי ס׳איז פון אַן אויסגעאַרבעטער מאַרקע, ווייל אויב אַ שרייבער שרייבט עפּעס אָן און ער ווערט באַקאַנט, דאַן וועט מען שוין דרוקן אַלע זיינע ווייטערדיקע זאַכן, צי זיי זענען גוט, צי שלעכט. לויט דער קריטיק פון ה׳ פּאַט וועגן זשורנאַל „שטעגן“ און לויט די ענטפערס, וואָס די רעדאַקציע דרוקט צו די, וואָס שיקן אַריין לידער, מעג מען דרוקן בעסערע לידער.

צום ביישפּיל: נעמט ברוך געלמאַנס ליד אין דער „קליינער פאָלקסצייטונג“ וועגן אַ שמיד, מיט אַ פּאָדקאָווע, מיט אַ פערד. האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, ווי אַ גוי רעדט יידיש. מ׳פילט פּשוט, ווי דער מחבר האָט נישט געקוקט אויף קיין זאַך, אַבי — צום גראַם. און אין „וואָכנשריפט“ זיין ליד וועגן כאַטעס־קראַטעס, שווערן־סקווערן. אַז אַ מענטש וועט זיך אַוועקשטעלן אין גאַס און זאָגן: „כ׳בין הונגעריק, כ׳וויל עסן“, וועט דורכגיין דער פּאָעט, אָדער קריטיקער און זאָגן: פּע, ס׳איז נישט ליטעראַריש. מ׳דאַרף זאָגן: „הונגעריק כ׳בין... עסן!“ און בכלל, וואָס איז פאַר אַ מין אָט דער גאַט פון ליטעראַטור, וועלכן כ׳שטעל מיר פאָר מיט גרויסע וואָנסעס, שטענדיק אַ בייזער, און לאָזט נישט דורך קיין זאַך, מעג זי זיין, ווי אינהאַלטרייך, אויב זי האָט נאָר נישט די פאָרעם און ס׳האַלט נישט אויס די וואָג און די מאָס?

איך אַליין בין א שניידערקע. כ׳האָב קיינמאָל נישט געשריבן און כ׳וועל אויך נישט שרייבן, און כ׳האָב אויך נישט, ווי איר קאָנט מיינען, געשריבן צו אייך לידער אָדער וואָס ס׳איז. נו, ווייל כ׳בין אַ שניידערקע און נישט קיין שרייבער. איך שרייב צו אייך, ווייל כ׳האָב געפרעגט מיין חברטע: צי זי פאַרשטייט דאָס ליד: „בלוט, וואַסער, ברויט“? האָט זי מיר געראַטן דאָס אָנפרעגן ביי אייך. אָט זעט איר פאַרקערט, אין מיכאל נאַטישעס פּאָעמע „מוליער הירש“ פילט מען עפּעס ווי דער שרייבער איז גאָרנישט שולדיק, וואָס ס׳פּאַסן זיך די ווערטער אַזוי צונויף, ווי „אלוהים, טאָ ווייזט מיר אים“!...

„טיילט אויס, וואָס אין מיר גוט און וואָס פלעק“ — לויט אהרון צייטלינס ליד, וואָס איר האָט רעצענזירט אַזוי טרעפלעך — וואָס גראַמט „דרעק“ מיט „פלעק“... כ׳גלויב, אַז איר וועט מיר ענטפערן, וואָרום ס׳שרייבט אַ לעזערין, אייגנטלעך — צוויי, איך און מיין חברטע, און די „וואָכנשריפט“ דרוקט זיך דאָך פאַר לעזער. מיט אכטונג

חנה סילשטיין

ביאַליסטאָק

2) אַ תשובה דער לעזערין פון חבר בער שנאַפּער

מען האָט מיר איבערגעגעבן אין רעדאַקציע אייער בריוו, אין וועלכן איר פּרוווט אָנגרייפן מיין ליד „בלוט, וואַסער און ברויט". עס וואָלט מיך נישט געאַרט, ווען אייערע טענות וואָלטן געווען כאַטש אין אַ קנאַפּער מאָס גערעכטע. איר זאָגט זיי אָבער אַרויס מיט אַזאַ זעלבסטזיכערן טאָן, אייערע אומגערעכטע טענות, אַז נעם כאַטש און בינד דיך אַליין אָן צום שאַנד־סלופּ, וואָס אין מיטן מאַרק און הייס דיך עפּנטלעך אויסשמייסן.

איך ענטפער אייך גערן דערפאַר, ווייל איך זע, אַז נישט נאָר איר לייענט די לידער, ווילט זיי פאַרשטיין און אויסטייטשן, נאָר איר לאָזט זיך פון זיי אַזש אינטריגירן, אַריינכאַפּן אין פּראָצעס פון שאַפן, פון זייער געגעזע, מיט איין וואָרט — איר ווילט דערגיין, פון וואַנען „די פּיסלעך וואַקסן". און דאָס איז, כ׳מוז עס צוגעבן, אייער גרויסער פּלוס. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איר האָט זיך געווענדעט בריוולעך מיט אייערע ספקות וועגן אַ ליד אין רעדאַקציע, דאָס אַליין זאָגט עדות אויף אייך, אַז איר זענט אַ לייענערין נישט קיין פאַרשלאָפענע, אַן אַקטיווע און שוין גאָרנישט קיין מהיכא־תיתאניצע און אַלע לייענער וואָלטן זיך באַדאַרפט אַראָפּנעמען פון אייך אַ ביישפּיל. עס וואָלט זיך דעמאָלט געשאַפן אַן אינטערעסאַנטע רובריק אין דער „וואָכנשריפט", אַ מין טרעף־פּונקט פאַר לייענער און דיכטער, ווו יעדער פון די צדדים וואָלט ארויס מיט זיינע טענות ומענות, ספקות און באַוואָרענישן און אַזוי אַרום וואָלט געקומען צו אַ פאַר־שטענדיקונג, אַ דירעקטער, צווישן לייענער און דיכטער. עס וואָלט געווען געוויס עפּעס אַן אויפטו און די רעדאַקציע „וואָכנשריפט", מיין איך, וואָלט זיכער מסכים געווען און גערן אָפּגעגעבן אַ פּאָר שפּאַלטן אין איר צייטונג פאַר אַזאַ מין רובריק.

און איצטער צו די „טענות" אייערע גופא:

איר שרייבט: „וואָס באַדייט דאָס ליד „בלוט, וואַסער און ברויט"? וואָס מיינט מיט דעם דער מחבר, אָדער איז דאָס אַ רמז אויף עפּעס? ס׳לייענט זיך: „בלוט? בלוט איז וואַסער — גוט? בלוט איז נאַסער!" — און ווייטער שרייבט איר: „כ׳בין מער, ווי זיכער, אַז ווען דער מחבר האָט אָנגעשריבן דעם פערז „בלוט איז וואַסער" און זוכנדיק לויטן אלף־בית אַ גראַם צום וואָרט „וואַסער" און געפינענדיק, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער, ווי „נאַסער", האָט ער זיך נישט געפוילט, נישט איבעראַשט געוואָרן, און אָנגעשריבן אַ שורה ווייטער „בלוט איז נאַסער".

נו, מילא, אויב איר פאַרשטייט נישט דאָס ליד, וואָלט מען עס אייך געקאָנט, אין ערגסטן פאַל, נאָך „אויסטייטשן"; הגם לידער דאַרפן זיך נישט „לייגן אויפן

שכל״, נאָר גיכער אויפן געמיט, האַרץ, חושים — אַלץ זאַכן, וואָס האָבן גיכער אַ שייכות צו אינסטינקט, אינטואיציע, סטיכיע, איידער צום פשוטן פאַרשטאַנד. איך וואָלט מיך אונטערגענומען, ווי דערווידער דאָס זאָל נישט זיין, אייך געבן צו פאַרשטיין „וואָס מיינט דער מחבר״, ווען... ווען איר ווערט מיר נישט פלוצלינג, צווישן איין שורה און דער צווייטער, פאַרוואַנדלט אין אַ כמעט... ביזוויליקן „פאַכמאַן״. אַז איר זענט דאָך דאָס אַליין דער „מבין אויף אַ טשאַד״! נאָר מער נישט — אַ „מבין״ קאָן זיך אויך אַמאָל טועה זיין, ווי למשל איר מיט דעם אומגליקלעכן גראַמען־פּאָרל: „וואַסער״ און „נאַסער״. אייער זיכערקייט זאָגט — נישטאָ מער קיין גראַמען! און איך זאָג אייך: פאַראַן, פאַראַן! און אָט האָט איר טאַקע אַ פּאָר באַדיי: בלאַסער, האַסער, שפּאַסער! און היינט אַסאָנאַנסן, ווי למשל: גאַסן, געלאַסן, גרימאַסן, פאַסן, האַסן, ראַסן א. אַ. וו. א. אַ. וו. — אָן אַ שיעור. נו, זעט איר שוין, אַז איך האָב גראָד יאָ געהאַט פון וואָס צו „ווײלן״ און אויסגעווײלט האָב איך דווקא — נאַסער! פאַרוואָס? אַז איך וועל אייך אויסזאָגן דעם „סוד״, וועט איר חס וחלילה אַרויס נאָך פון דער באַקוועמער און קאַפּריזנער לאַגע פון אַ לייענער און אַליין באַלד אָנהויבן שרייבן לידער און דענסטמאָל, אָ, דענסטמאָל, וועל איך אפשר מוזן אייך „אַראָפּרייסן״...

בכלל, ווי איך האָב פון אייער גאַנצן בריוו באַמערקט, ליידט איר אונטער צוביסלעך פון... „גראַמאָפאָביע״, אַ קרענק אַזאַ, וואָס באַשטייט אין שרעקן זיך פאַר גראַמען. וואָרום נישט מיינע גראַמען אַליין האָבן ביי אייך אַרויסגערופן אַזאַ געגדזן־הויט, נאָר אויך די גראַמען פון אַנדערע חברים־דיכטער, וואָס דרוקן זיך אין „וואָכנשריפט״, און דווקא מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך גראָד געהאַט אָפּגעדרוקט טאַקע אין דער זעלבער „וואָכנשריפט״ אַ ליד און דאָס נישט מיט קיין אַנדער נאָמען, ווי דווקא: „גראַמען״. זוכט עס, זייט מוחל, אויף און לייענט עס אַדורך, אפשר וועט עס אייך זיין צו רפואה.

אַחוץ גראַמען אַרן אייך נאָך אַנדערע גרילצערייען און סתם „אומפאַר־שטענדלעכקייטן״. איר ציטירט: „וואַסער מוז מען גראָבן טיף — בלוט קאָן מען האָבן, פּרוּוו״ און איר פרעגט קשיות: „ערשטנס, דאַכט זיך, גראָבט מען ערד און נישט קיין וואַסער; נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳רעדט זיך אַזוי, טאָ, וואָס מיינט דאָס? „בלוט וויל לעבן רויט, בלוט מוז מען געבן ברויט״?.

איך מיין, אַז אויף אַזוינע „שאלות״ מוז מען ענטפערן, ווי די „מה נשתנה״ דעם „שאינו יודע לשאול״ — „צא ופתח לו״ ד. ה. גיי און הייב אָן פון א״ב. דאָס אָבער וואָלט שוין פאַרנומען צופיל פּלאַץ און מיין „ענטפער״ איז שוין אַזוי אויך געווען לאַנג.

דאָס מער ווייניקער זענען, אַזוי צו זאָגן, די פאָרמעלע טענות אייערע צו מיין ליד גופא. אַחוץ דעם קומט נאָך ביי אייך אַן אַלגעמיינע „אַטאַקע״ אויף פּראָלעטאַרישע פּאָעטן און קריטיקער בכלל, וועלכע ווילן נישט, אָדער קאָנען

נישט, לויט איך, זען דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, נאָר דווקא פּער דיסטאַנס, דורך עסטעטישע ברילן, מיט אַ קריטישן אַרשין אין איין האַנט און אַ קינסטלע־רישער וואָג אין דער צווייטער. איר שרייבט: „וואָס איז דער גאָט פון ליטע־ראַטור, וועלכן איך שטעל מיר פאָר מיט גרויסע וואָנסעס, שטענדיק אַ בייזער און לאָזט נישט אַדורך קיין זאַך (אַ קינסטלעריש־פּרעטענדירנדיקע זאַך מסתמא — ב. ש.) מעג זי זיין, ווי אינהאַלטרייך, אויב זי האָט נישט די פאָרעם און ס׳האַלט נישט אויס די וואָג און די מאָס".

איך מיין, אַז זיי טוען גאַנץ גלייך די „בייזע" דיכטער, אָדער קריטיקער, וואָס זיי זענען אַזוי „שטרענג" און לאָזן גאַרנישט אַדורך, אָן פאָרעם, וואָג און מאָס. ווייל וואָס פאַראַ קונסט וואָלט דאָס געווען, ווען זי פאַרמאָגט נישט אָט די אַלע שיינע זאַכן? עס איז דאָך שוין אַן אַלט באַקאַנטע זאַך, אַז אינהאַלט איז בלויז רוישטאָף פאַרן קינסטלער; דער לעצטער פאָרעמט ערשט אויס דעם רוי־שטאָף, וואָס רופט זיך לעבן, באַנוצנדיק דערביי אַלע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע איר אַליין האָט אַזוי טרעפלעך פאָרמולירט. ווייל דאָס איז דאָך טאַקע קונסט: אינהאַלט + פאָרעם!.

מיט אַכטונג בער שנאַפּער

פון רעדאַקציע: מיר האַלטן די תשובה פון ח׳ בער שנאַפּער פאַר נישט קיין אויסשעפּנדיקע. דער עיקר האָט ער נישט געענטפערט אויף די קאָנקרעטע און האַרבע פראַגן פון דער לעזערין. מיר וועלן זיך נאָך צום ענין אומקערן.

3) וועגן בריוו פון דער לעזערין און ענטפער פון דיכטער

(אַ בריוו אין רעדאַקציע)

חשובע רעדאַקציע!

דערלויבט מיר צו נעמען אַ וואָרט אין דעם נישט־פּריוואַטן בריוו־אויסטויש צווישן דער לעזערין חנה סילשטיין און דעם דיכטער בער שנאַפּער. אַזוי אַרום וועט אינעם בריוו־וועקסל קומען צום וואָרט אויך דער „דריטער אין בונד" — דער קריטיקער, וואָס איז לויט זיין וועזן אַ פאַרמיטלונגס־גליד: פון איין זייט איז ער אַ לעזער, און פון דער צווייטער — דאַרף ער זיין אַ שטיקל דיכטער.

קודם־כל מוז באַטאָנט ווערן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וועלכע דער דיכטער וויל נישט אָנערקענען: יעדע זאַך, וואָס ווערט געדרוקט, ד. ה. פאַרגע־לייגט דער עפנטלעכקייט, מעג עפנטלעך פון אַלעמען קריטיקירט ווערן. פונקט ווי דער דיכטער פרעגט ביי קיינעם קיין דעה נישט צו באַאַרבעטן אַ געשעעניש אָדער אַ דערשיינונג, אַזוי דאַרף קיינער ביי קיינעם נישט בעטן קיין דערלויבעניש צו באַהאַנדלען די דיכטעריש־באַאַרבעטע געשעעניש אָדער דערשיינונג. דעריבער

איז אַבסאָלוט נישט באַרעכטיקט דעם ה׳ שנאַפּערס פאָרוואורף בנוגע דער חברטע סילשטיינס „זעלבסטזיכערן טאָן”. פאַרוואָס מיינט ה׳ שנאַפּער, אַז ער האָט יאָ געהאַט רעכט צו שרייבן זיין ליד אין אַ זעלבסטזיכערן טאָן, און די לעזערין האָט געדאַרפט שרייבן וועגן איר איינדרוק פון דעם ליד אין אַ נישט־זיכערן טאָן? אפשר פאָדערט דאָס ה׳ שנאַפּער אין נאָמען פון דעם אַנגענומענעם אַבערגלויבן וועגן דיסטאַנץ, וואָס מוז כלומרשט באַשטיין צווישן דעם אַריסטאָקראַטישן שטאַם פון דיכטער און דעם פּלעבעאישן שטאַם פון די סתם־לעזער?

ה׳ שנאַפּערס באַוואָרעניש, אַז דער זעלבסטזיכערער טאָן שאָקירט אים צוליב דער אומגערעכטיקייט פון די טענות, איז נישט קיין גענוגנדיקע באַוואָרעניש, ווייל... ווייל אפשר זענען די טענות גאָרנישט אַזעלכע אומגערעכטע, ווי ס׳דאַכט זיך דעם דיכטער? דאָס דאַרף דאָך נאָך באַוויזן ווערן — און ה׳ שנאַפּער האָט דאָס ווייט נישט באַוויזן. און דאָס טאַקע וויל איך באַווייזן.

ה׳ שנאַפּער איז נישט גערעכט, ווען ער זאָגט אין אַזאַ זעלבסטזיכערן טאָן: „מען האָט מיר איבערגעגעבן אין רעדאַקציע אייער בריוו, אין וועלכן איר פּרוווט אָנגרייפן מיין ליד „בלוט, וואַסער און ברויט”. איך האַלט, אַז די חברטע חנה סילשטיין „פּרוווט” נישט אָנגרייפן דאָס ליד, נאָר זי גרייפט עס טאַקע אָן און גאַנץ שטאַרק, איבערצייגנדיק. אויב עס קאָן זיין אַ רייד וועגן אַ פּרווו, איז דאָס גיכער נוגע דעם ה׳ שנאַפּערס ענטפער, וועלכער „פּרוווט” צונישט מאַכן דער לעזערינס טענות, אָבער אויף אַ זייער נישט איבערצייגנדיקן און אפילו אויסטערלישן אופן.

די לעזערין וואַרפט פאָר דעם ה׳ שנאַפּער אַז זיינע גראַמען אין ליד „בלוט, וואַסער און ברויט” זענען נישט קיין רעזולטאַט פון אָרגאַנישער דיכטערישער וואָרט־פאַרבינדונג, נאָר אַ מעכאַנישע וואָרט־צונויפּפּאָרונג. איר אורטייל באַגרינדעט די לעזערין מיט דעם, וואָס אַזעלכע שורות, ווי:

„בלוט?
„בלוט איז וואַסער.
„גוט?

„בלוט איז נאַסער” — זענען איינגעצוואַנגען אינהאַלטלאָז. דערויף גיט ה׳ שנאַפּער צוויי ענטפערס. ערשטנס, ווייזט ער אויף, אַז אַחוץ „נאַסער”, האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע גראַמען צום „וואַסער”, ווי למשל: „בלאַסער”, „האַסער” א. אַ. וו.

איך רעכן, אַז ה׳ שנאַפּער אַליין וועט נישט וועלן, מען זאָל נעמען דעם דאָזיקן ענטפער ערנסט. צי דען וויל ער, אַז מען זאָל אים חושד זיין אין קענען שרייבן:

„בלוט איז וואַסער — —
„בלוט איז בלאַסער” — — ?

אויך זינלאָזע גראַמען מוזן האָבן אַ געוויסע גרענעץ אין זייער זינלאָזיקייט,

און לויט דער לעזעריגס פאַרוווּרף איז „נאַסער" טאַקע דער איינציק זינלאָז־זינפולער גראַם, וואָס האָט זיך געלאָזט געברויכן אין אַן אינהאַלטלאָזער סטראָפע. דער דאָזיקער ענטפער שנאַפּערס מוז אָנגענומען ווערן סיידן ווי אַ שפּאַס. צי האָט אָבער אַזאַ גוטע לעזערין, — ווי ח׳ שנאַפּער גופא לויבט זי, — פאַרדינט אַזאַ שפּאַס־באַציאונג?

דער צווייטער ענטפער איז אויך ווייניק באַפרידיקנדיק. ער „שטעלט פעסט" ביי דער לעזערין אַ „גראַמאָפאָביע", אַ קרענק אַזאַ, וואָס באַשטייט אין שרעקן זיך פאַר גראַמען. און אויב אַזוי, מיינט ח׳ שנאַפּער, קאָן ער אָפּפּטרן די טענות פון דער לעזערין מיט שהי־פהי.

ניין, ח׳ שנאַפּער. איך האָב פון דער לעזעריגס בריוו אַרויסגעטראָגן פונקט אַ פאַרקערטע מיינונג. זי האָט נישט מורא פאַר קיין גראַמען, נאָר זי שפּירט צו שאַרף דעם אונטערשייד צווישן נאַטירלעכע גראַמען און געקינסטלטע. איר פיינע באַמערקונג: „אין מיכאַל נאַטישעס פּאָעמע „מוליער הירש" פילט מען עפּעס ווי דער שרייבער איז גאָר נישט שולדיק, וואָס עס פּאַסן זיך די ווערטער אַזוי צונויף", באַווייזט אויף אַ פיינעם אויער ביים אויפנעמען די אויסערלעכע וואויל־קלינגעוודיקייט פון קורצע שורות.

ניין, מיט אַזעלכע לייכטע מעטאָדן לאָזט זיך דער בריוו פון דער לעזערין נישט אָפּפּטרן, אויב ח׳ שנאַפּער וויל טאַקע אויף אַן אמת שאַפן אַ דירעקטע פאַרשטענדיקונג צווישן לייענער און דיכטער.

איינס פון די ביידע: אָדער ח׳ שנאַפּער האָט זיך געדאַרפט פאַרבאַריקאַדירן הינטער זיינע אייגענע ווערטער: „לידער דאַרפן זיך נישט לייגן אויפן שכל, נאָר גיכער אויפן געמיט, האַרץ, חושים — אַלץ זאַכן, וואָס האָבן גיכער אַ שייכות צום אינסטינקט, אינטואיציע, סטיכיע, איידער צום פשוטן פאַרשטאַנד", און דאַן וואָלט די לעזערין געקאָנט ענטפערן: „די צרה איז טאַקע, וואָס דאָס ליד „בלוט, וואַסער און ברויט" לייגט זיך נישט אויפן געמיט, און במילא מוז מען עס אויסטייטשן, ווייל ווען עס לייגט זיך יאָ אויפן געמיט, טייטשט זיך עס שוין אויס אַליין, אוממיטלבאַר.

אָדער ח׳ שנאַפּער וואָלט געדאַרפט, ווי „דערווידער דאָס זאָל נישט זיין", געבן צו פאַרשטיין „וואָס מיינט דער מחבר"... ער זאָגט דאָך אַליין, אַז מען וואָלט עס געקאָנט טאָן, טאָ פאַרוואָס טוט ער דאָס נישט? אָפּקומען מיט אַזעלכע וויצן, ווי: „אַז איך וועל אייך אויסזאָגן דעם סוד, וועט איר חס וחלילה אַרויס נאָך פון דער באַקוועמער און קאַפּריזנער לאַגע פון אַ לייענער און אַליין באַלד אָנהויבן שרייבן לידער און דעמאָלט, דעמאָלט וועל איך אפשר מוזן אייך „אַראָפּרייסן". — אָפּקומען מיט אַזעלכע וויצן, זאָג איך, איז באמת באַקוועם און קאַפּריזנע...

אָבער שוין מער ווי באַקוועם און קאַפּריזנע איז פאָלגנדיקע שטעלע פון ח׳ שנאַפּערס בריוו: „איך מיין, אַז אויף אַזוינע „שאלות" מוז מען ענטפערן, ווי די

„מה נשתנה" דעם שאינו יודע לשאול — „צא ופתח לו", ד. ה. גיי און הויב אָן פון א"ב. דאָס אָבער וואָלט שוין פאַרנומען צופיל פּלאַץ און מיין „ענטפער איז שוין אַזוי אויך געַנוג לאַנג". דאָס דערמאָנט מיך אַ טריק פון געוויסע רעדנער. פריער רעדן זיי א שעה־צוויי וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט צו דער זאַך, און ווען זיי קומען ענדלעך צו נאָענט צום עצם ענין, גיבן זיי אַ זאָג: „דאָ איז נישט דאָס אָרט צו פאַרנעמען זיך דערמיט. דאָס וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט".

איך רעכן, אַז ווען ח' שנאַפּער וואָלט אַרויסגעוואָרפן פון זיין ענטפער דעם איבעריקן באַלאַסט, וואָלט ער געהאַט גאַנץ גענוג פּלאַץ צו געבן אַ זאַכלעכן ענטפער...

און היות די לעזערין איז בשום אופן נישט קיין „אינו יודע לשאול" (ח' שנאַפּער אַליין איז דאָס מודה אין אָנהויב פון זיין בריוו), איז אפשר אַ סברא, אַז דער דיכטער איז אין דעם פאַל אַן „אינו יודע... ענטפערן"?

מיט דרך־ארץ י. ראַפּאָפּאָרט

מ) פראַגמענטן וועגן קריטיק און דיכטונג

1

(וועגן די אויפגאַבן פון דער קריטיק לגבי די נייע ליטעראַרישע שטרעמונגען)

ווי אַזוי ווערט געבוירן קריטיק?

מענטשן לייענען ליטעראַרישע ווערק, אַנאַליזירן די איינדרוקן, וואָס זיי רופן אַרויס, נעמען אויף באַוווסטזיניק די ווירקונג זייערע אויף אונדזער פּאַר־שטעלונגס־קראַפט, אויף אונדזערע געפילן און אויף אונדזער געדאַנק, און אַזוי אַרום קומען זיי צו געוויסע אויספירן וועגן די אייגנשאַפטן, וועגן די פונקציעס און וועגן די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור.

ווען די דאָזיקע אויספירן ווערן קאָנאָניזירט, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט די אויספירן פון אריסטאָטלס „פּאָעטיק" (די „פּאָעטיק", אָט דאָס ערשטע קריטיש־עסטעטישע ווערק, איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי דער אַנאַליז פון די איינדרוקן פון אַ גענויאַלן לעזער פון דער אַנטיקער, ד. ה. פאַר אים מיטצייט־לערישער ליטעראַטור), דאַן ווערט אויף אַ צייטלאַנג פאַרקריפּלט די קונסט, אויב די קאַנאָניזירטע קריטיק באַהערשט די מוחות (דער פסיידאָקלאַסישער פעריאָד אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור!), אָדער בלויז די קריטיק, אויב זי בלייבט אַ נישט־אָנגענומענע טעאָריע (דאַדאַאיזם!).

אויב די קריטיק וויל דערפילן אירע אויפגאַבן, טאָר זי קיינמאָל נישט רוען אויף די דעראָבערטע לאָרבער־בלעטער אַפילו פון אירע ריכטיקסטע טעאָריעס, — זי דאַרף תמיד שטיין אויף דער וואַך און זי דאַרף לאָזן ווירקן אויף זיך דעם כסדרדיקן שטראָם פון דער ליטעראַטור, זי דאַרף תמיד באַוווסטזיניק אַנאַליזירן די כסדר דורכגעלעבטע נייע איינדרוקן פון די נייע ווערק און מאַכן קאָרעקטיוון אָדער צוגאָבן צו אירע פריערדיקע טעאָריעס — ווייל דער מענטש שטייט נישט אויף איין אָרט; אָדער ער גייט פאָרויס אָדער צוריק; און צוזאַמען מיטן מענטשן ענדערט זיך אויך זיין ליטעראַטור, וואָס פירט אויס אין פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידענע אויפגאַבן, און די קריטיק טאָר נישט אָפּשטיין פון דער זיך־ענדע־רנדיקער ליטעראַטור, פונקט ווי די דאָזיקע לעצטע טאָר נישט אָפּשטיין פון זיך־ענדערנדיקן לעבן און פון זיינע זיך־ענדערנדיקע באַדערפענישן.

מיט דער קריטיק קומט פאָר דאָס זעלבע, וואָס מיט דער גראַמאַטיק און מיט דער שפּראַך. די גראַמאַטיק ווערט געבוירן אַ דאַנק דעם אַנאַליז פון דער שפּראַך; יעדע שפּראַך האָט זיך איר גראַמאַטיק. אויב די גראַמאַטיק פון אַלע שפּראַכן פאַרמאָגט עפּעס אַלגעמיינס, איז דאָס דערפאַר, ווייל אַלע שפּראַכן פאַרמאָגן אַ סך געמיינזאַמס, זיי אַלע האָט געשאַפן דער זעלבער מענטש און זיי אַלע דינען די זעלבע צילן און באַדערפענישן. דער אונטערשייד פון די פאַרשיי־דענע גראַמאַטיקעס הענגט אָפּ פון די ענדערונגען אין די שפּראַכן, — די זעלבע מענטשן זענען דאָך פאָרט פאַרשידן צוליב די פאַרשיידנאַרטיקייטן אין דער געאָגראַפישער לאַגע, צוליב די פאַרשיידנקייטן אין דער געשיכטע און אין דער אַנטוויקלונג.

אויב די שפּראַך ענדערט זיך אין פאַרלויף פון איר אַנטוויקלונג, ענדערט זיך אויך איר גראַמאַטיק, וועלכע מוז זיך צופּאַסן צום וווקס פון דער שפּראַך, און מען טאָר נישט האַנדלען קאַפּויער: צופּאַסן די שפּראַך צום סדום־בעטל פון דער גראַמאַטיק. און אַ שפּראַך, וואָס האַלט זיך נישט ביים דאָזיקן כלל, הערט זיך אויף צו אַנטוויקלען, זי שטייט אָפּ פון לעבנדיקן לעבן.

*

צו אַלץ, וואָס איז ניי, איז מען נישט צוגעוווינט, און צום נישט צוגעוווינטן איז יעדער איינער פול מיט אומצוטרוי: אונדזערע חושים זענען נאָך נישט געוווינט צו די נייע פאָרמען, אונדזער שכל שטייט אַ צעטומלטער פאַרן נייעם אינהאַלט. און דער מענטש איז דעריבער גענייגט צו משפּטן דאָס נייע לויט די געזעצן פון דער אַלטער עסטעטיק און קריטיק, ריכטיק ווי זיי וואָלטן פאַרגע־שטעלט מיט זיך עפּעס אייביקס, וואָס אונטערליגט נישט קיין ענדערונג.

דער „אַני מאמין" פון יעדן קריטיקער מוז זיין, אַז די ליטעראַטור מאַכט דורך ענדערונגען, ערגאָ — אויך די עסטעטיק, און די קריטישע טעאָריעס מוזן זיך

ענדערן, און מען דאַרף שטיין אויף דער וואַך קעגן ערשטן געפּיל־צאַפּל פון אומצוטרוי אָדער עקל צו עפּעס נייעס. מען דאַרף גוט קאָנטראָלירן, צי איז נישט אַמאָל דאָס דאָזיקע געפיל אַ קינד פון געוווינהייט, אַ קינד פון פוילקייט: ס׳איז דאָך אַזוי שווער אַריסצוואַרפן לאַנג אָפּגעגאָסענע־אמתן, מיט וועלכע עס לאָזט זיך זשאָנגלירן מיט אַזאַ לייכטקייט, און נעמען אָפּגיסן נייע פון רויען, ווידערשפּעניקן מאַטעריאַל פון לעבעדיקן לעבן אָדער פון לעבעדיקער ליטעראַטור.

אָבער באַציען זיך מיט חשד צום עקל־געפּיל צום נייעם איז נישט דאָס זעלבע, ווי קריטיקלאָז איינשליסן אין די ברייט־צעעפנטע אָרעמס יעדן רמז אויף עפּעס נייעס. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק לגבי דער אייגענער געוווינהייט, אָבער אויך — לגבי דעם שפּעקולירן אויף דער פאַרבלענדקייט מיטן נייעם. דאָס, וואָס עס איז מעגלעך זיך טועה צו זיין ביים אָפּוואַרפן דאָס נייע, דאַרף נישט שטויסן צו לייכטזיניקייט ביים אָננעמען דאָס נייע. מען דאַרף זיך נישט האַלטן פּעדאַנטיש ביי די אַלטע טעאָריעס, אָבער מען טאָר נישט לייכטזיניק פאַרשווענדן די אמתן פון די אַלטע טעאָריעס און געפילן, וואָס מען האָט דערוואָרבן מיט אַזוי פיל מי.

טעאָרעטיש קאָן מען זיך רעכענען מיט אַ מעגלעכן יוסטיץ־מאָרד לגבי אַ נייער ליטעראַרישער ריכטונג. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק ביים אַרויסטראָגן אַן אורטייל איבערן נייעם, אָבער מען טאָר די דאָזיקע מעגלעכקייט נישט פאַרוואַנדלען אין אַ כלל, ווייל עס איז פּונקט אַזוי לייכט אַריינצופאַלן אין אַ קעגנזעצלעכן פעלער און באַרעכטיקן אַ פאַרברעכעריש נייעס. אויף אַ געוויסער ריזיקע מוז מען איינגיין איןביידע פאַלן, ווי ביי יעדער טריט אין לעבעדיקן לעבן און זיינע לעבעדיקע מאַניפעסטירונגען (וואָס אויך די ליטעראַטור און די קריטיק געהערן צו זיי) — מען דאַרף זיך באַציען מיט אַ געוויסער דאָזע חשד אי צו דער אַלטער געוווינהייט, וואָס שטערט אויפצונעמען דאָס נייע, אי צום נייעם, וואָס קאָן מיסברויכן מיטן רעכט צו לאָזן אין אַ זייט די טראַדיציע. די מאַכט פון יעדער ליטעראַרישער שול און איר עסטעטישער טעאָריע איז נישט קיין לעבנס־לענגלעכע, אָבער מען דאַרף נישט לייכטזיניק צולאָזן צום טראָן יעדן פאַלשן טראָן־פּרעטענדענט צוליב דער הנחה: און אפשר איז עס דער ריכטיקער טראָן־יורש? דער רעכטמעסיקער האַר פון דער היינטיקער צייט?

דאָס נייע האָט רעכט אויף עקזיסטענץ; אָבער דאָס אַלטע האָט אויך דאָס דאָזיקע רעכט אַזוי לאַנג, כל זמן עס ווערט נישט לחלוטין קלאָר, ביים ליכט פון אַן אַלזייטיקער קריטישער קאָנטראָל, אַז עס דאַרף אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַרן נייעם.

כדי ווי געהעריק צו דערפילן איר דאָזיקע שווערסטע אויפגאַבע, מוז די קריטיק פאַרמאָגן אַ ברייטן גייסטיקן האָריזאָנט, וועלכער גיט אַ מעגלעכקייט צו זען אי דעם דורכגעמאַכטן וועג, אי דעם וועג, וואָס פירט אין דער צוקונפט.

2

וועגן מאָדערנער דיכטונג

די מאָדערנע דיכטונג, וואָס באַשטייט פון אַן אַ שיעור גרופּעס און גרופּ־קעלעך, קאָן אָבער — געזען פון פויגל־פלי — איינגעטיילט ווערן אין צוויי קעגנזעצלעכע הויפּט־ריכטונגען: איין ריכטונג איז פיינטלעך צום אַנטייל פונעם באַוווסטזיין אינעם שאַפונגס־פּראָצעס, און די צווייטע איז פיינטלעך צום אַנטייל פונעם אונטערבאַוווסטזיין אינעם שאַפונגס־פּראָצעס.

צו דער ערשטער ריכטונג געהער אַ גאַנצע ריי „איזמען" אין דער מאָדערנער דיכטונג, וואָס ציען זיך פונעם עקספּרעסיאָניזם ביזן סורעאַליזם, אין וועלכן די דאָזיקע נעגירונג האָט באַקומען איר קאָנסעקווענטסטן און טעאָרעטישסטן אויסדרוק. די שפּעטער פונעם סורעאַליזם האַלטן, אַז דיכטונג טאָר גאָר נישט האָבן צו טאָן מיטן באַוווסטזיין, מיטן אינטעלעקט, — די אויפגאַבע פון דיכטער באַשטייט אין אַן אַנשטרענגונג אַרויסצושפּרינגען פונעם באַוווסטזיין־קרייז און פאַרזינקען אין צושטאַנד פון אומבאַוווסטזיניקן טראַנס. דער דיכטער דאַרף, אַזוי צו זאָגן, פאַרשפּאַרן דעם פאַרשטאַנד הינטער זיבן שלעסער, האַלטן צוגעשפּאַרט פעסט די טיר און לאָזן אומגעשטערט קומען צום וואָרט דעם אונטערבאַוווסטזיין, און פאַרצייכענען זיינע איינפאַלן, ווי די שפּרוכן פונעם אָראַקול. אין דיכטונג מוז קומען צום וואָרט דאָס טיפערע אין מענטשן, בלויז דאָס עמאָציאָנעל־איראַציאָנעלע, די שפּראַך פון אונטערבאַוווסטזיין, פון די טונקעלע כוחות אינעם מענטשן.

די צווייטע ריכטונג באַשטייט — אין דער ערשטער ריי — פון דער אַזוי גערופענער פּראָלעטאַרישער דיכטונג. די דאָזיקע דיכטונג האַלט, אַז דיכטונג טאָר נישט האָבן צו טאָן מיט די טונקעלע כוחות פונעם מענטשן, מיטן אונטער־באַוווסטזיין, דער מענטש דאַרף פאַרשפּאַרן אונטער זיבן שלעסער די טונקעלע כוחות, צוהאַלטן פעסט די טיר און לאָזן קומען צום וואָרט דעם באַוווסטזיין, די שפּראַך פון אינטעלעקט.

די ערשטע ריכטונג האָט מורא פאַר קלאָרקייט; די צווייטע — פאַר אומ־קלאָרקייט; די ערשטע פירט אין טונקעלע טיפענישן; די צווייטע — אויף קלאָרער אויבערפלאַך; די ערשטע איז וועגלאָז; די צווייטע — מיט אַ קלאָרן, אָבער שמאָלן טענדענץ־שטעג.

ווי אָפט אין לעבן, ליגט ביי דיביידע עקסטרעמען צו האַלבער אמת, און ממילא זענען זיי ביידע פאַלש: דיכטונג דאַרף און מוז זיין אַן אויסדרוק פון מענטשנס גייסטיקן לעבן, און דאָס דאָזיקע גייסטיקע לעבן איז אַן איינהייט, אַ סינטעז פון אַלע גייסטיקע כוחות פון מענטשן — פונעם אונטערבאַוווסטזיין ביזן אינטעלעקט. פון דאָזיקן פּראָצעס טאָר קיין איין כוח נישט אויסגעשלאָסן

ווערן מיט געוואַלד, אויב מען וויל נישט פאַרקריפּלען דעם גאַנצן אָרגאַנישן פּראָצעס.

פאַראַן דיכטער, וואָס ביי זיי פונקציאָנירט שטאַרקער איין טייל פון זייער גייסטיקייט, און ביי אַנדערע — אַן אַנדער פעאיקייט. איינער איז מער אינטע־לעקטואַליסטיש, דער צווייטער — מער עמאָציאָנעל, און ממילא זענען תמיד געווען קלאָרערע דיכטער און אומקלאָרערע. אָבער ווען מען וויל שאַפן לויט טעאָריעס און דעקרעטירן, אַז דיכטונג איז בלויז אויסדרוק פון אונטער־באַוווסטזיין, אומבאַוווסטזיניקע שאַפונג, אָדער בלויז אויסדרוק פון באַוווסט־זיניקער ציל־געבונג, הייסט מאַניפּולירן מיט גראָבע הענט אין אַ פיינעם לעבעדיקן אָרגאַניזם; צי דען איז די באַוווסטזיניקע אויסשליסונג פונעם אינטעלעקטועלן מאָמענט ביים שאַפונגס־פּראָצעס נישט קיין עובדה פון... אינטעלעקט?

פאַראַן אַזויפיל אַרטן דיכטונג, וויפל עס זענען דאָ מענטשלעכע טיפּן. און אויב שוין רעדן טעאָרעטיש, איז די גרעסטע, פולקאָמענסטע דיכטונג די, וואָס איז אַ פּראָדוקט פונעם האַרמאָנישן צוזאַמענווירקן פון באַוווסטזיין און אונטער־באַוווסטזיין, פון די ראַציאָנעלע און איראַציאָנעלע כוחות פונעם מענטשן. אַזעלכע האַרמאָנישע פּראָדוקטן זענען זעלטן; מערסטנטיילס הערשט אין יעדן דיכטער אַן איבערוואָג פון איין כוח איבערן צווייטן. און אויב עס זענען אַפילו דאָ פאַלן, ווען דיכטונג איז אינגאַנצן ראַציאָנאַליסטיש (עס איז נאָך דאַן אַ פראַגע צי דאָס איז נאָך דיכטונג) אָדער ווען דיכטונג איז אינגאַנצן מיסטיש (און אויך אין דאָזיקן פאַל איז אַ פראַגע, צי דאָס איז דיכטונג), איז אָבער טעאָרעטיש אָן שום ספק, אַז כדי צו שאַפן דיכטונג מוז זיין אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דיביידע כוחות אין מענטשן. און דאָס, וואָס עס האָבן געקאַנט אויפקומען די קעגנזעצלעכע טעאָריעס, וואָס ווילן פאַרוואַנדלען דיכטונג אין אַ בעל־מום, וואָס האָט בלויז אַ האַרץ אָדער בלויז אַ מוח, איז אַ רעזולטאַט פון שווערן קריזיס, וואָס די מאָדערנע דיכטונג, וואָס די גאַנצע מאָדערנע קולטור־וועלט לעבט איבער.

דער קאַמף פון די צוויי ריכטונגען אין דער דיכטונג איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון זעלבן קאַמף, וואָס ווערט געפירט אין קולטור־לעבן פון דער וועלט בכלל: פון איין זייט דער ראַציאָנאַליסטישער מאַרקסיזם, וואָס האָט דערפירט צום סאָוויעטישן רעזשים, און פון דער צווייטער — דער ניטשעאַניזם אין אַלע זיינע פאָרמען, וואָס האָט דערפירט צום פאַשיזם.

די דיכטונג איז אויך אין דאָזיקן פאַל אַן אָפּשפּיגלונג פון אַלגעמיינעם גייסטיקן לעבן פון דער מענטשהייט.

*

טרעט מען צו צו די נייע ריכטונגען אין דער דיכטונג, דאַרף מען נעמען אין אַכט דריי זאַכן: 1) וואָס די ריכטונג וויל — איר טעאָרעטישן אני־מאמין;

2) צי האָבן די ווערק פון דער ריכטונג פאַרקערפּערט די טעאָריע (אָדער צי איז זי בכלל פּראַקטיש־דערגרייכבאַר, ווי, למשל, דער פאַרלאַנג צו מאַכן פונעם וואָרט בלויז קלאַנג־ און פאַרב־מאַטעריאַל אויף צו דערגרייכן פּאָעטיש־ מוזי־קאַלישע צילן; 3) וואָס ליגט הינטער דער טעאָרעטישער נאַוואַטאַרישקייט, וואָס איז די טרייבקראַפט פונעם נייעם.

זייער אַ סך דערשיינונגען פון דער נייער דיכטונג זענען קאָמיש אָדער פאַלש, — אָבער דאָך שטעקט הינטער זיי אַ זין: זיי זענען סימפּטאָמען פון גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין מענטשן און אין דער געזעלשאַפט; מען דאַרף זיי אויספאָרשן — ווי ערד־וואָקלונגען — פון וואַנעט קומען זיי, ווו איז זייער צענטער? זיי זענען אָפט נישט בלויז די טראַגעדיע פון גאַנץ גרויסע טאַלאַנטן, וואָס זענען צו שפּירבאַר צום ווייטן קומענדיקן און צו ווייט פונעם אָפּגעלעבטן היינט (און זיי העגגען אין דער לופטן), נאָר אויך די טראַגעדיע פון אַ גאַנצן דור, פון אַ מענטשהייט אויפן פרשת־דרכים, וואָס איר נייע מאָראַלישע און וויסנשאַפטלעכע וויזיע פון דער וועלט וויל באַקומען אן אָפּקלאַנג אין דער קונסט.

דער פרשת דרכים איז אַ דרייפאַכער: אַ געענדערט וועלט־בילד (איינשטיין, מאַרקאָני); אַ געענדערט געפיל פון זיך אַליין, נישט נאָר ווי אַ טייל פונעם וועלט־בילד, נאָר ווי אַ פּסיכיש וועזן (פרויד, פרייזער, בערגסאָן); אַ געענדערטער בליק אויף דער געזעלשאַפט (מאַרקס, בכלל אַלע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען).

3

וועגן די שטרעמונגען אין דער מאָדערנער דיכטונג

אין „אַננאַ קאַרענינאַ“ (זייט 160 פון רוסישן אָריגינאַל) מאַכט ל. נ. טאָלסטאָי, — אַזוי זיך, ווי כלאחר יד — איינע פון זיינע דורכדרינגענדיקע פּסיכאָלאָגישע באַמערקונגען:

„אין געביט פון פּאָליטיק, פילאָזאָפיע, טעאָלאָגיע פלעגט אַלעקסעי אַלעק־סאנדראָוויטש (קאַרענין. — י. ר.) האָבן ספיקות אָדער ער פלעגט זוכן, אָבער אין פראַגן פון קונסט און פּאָעזיע, באַזונדערס פון מוזיק, וואָס אים האָט לגמרי געפעלט די פעאיקייט זי צו פאַרשטיין, האָט ער געהאַט די סאַמע באַשטימטע און פעסטסטע מיינונגען. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן שעקספּירן, ראַפאַעלן, בעטהאָווענען, וועגן דער באַדייטונג פון די נייע שולעס אין דער דיכטונג און אין דער מוזיק, וואָס אַלע זענען זיי ביי אים געווען פאַנאַנדערגעטיילט מיט דער קלאָרסטער סיסטעמאַטישקייט“.

גראַד דאָס, וואָס איז אומבאַקאַנט, זעט אויס צו זיין אַזוי לייכט, קלאָר. וואַרפט זיך אונטער מיט אַזאַ לייכטקייט דער ענדגילטיקער קלאַסיפיקאַציע. געדרעכט איז געווען יענער מחבר, וועלכער האָט געזאָגט: „אַז מען ווייסט ווייניק, איז מען לייכט זעלבסט־זיכער; אַז מען באַטראַכט אָבער אַלע מענטשלעכע פראַגעס פון אַלע זייטן, איז מען נאָענט צו געלײמטקייט״.

אַזעלכע נישט ־ פאַרשטייענדיקע און דעריבער זעלבסט ־ זיכערע אַלעקסעי אַלעקסאַנדראָוויטשעס זענען דאָ אין אַלע געביטן פון לעבן, און זיי זענען דאָ אין אַ גרויסער צאָל אויך אין געביט פון דיכטונג. פאַר זיי איז קלאָר נישט נאָר די באַדייטונג פונעם וואָרט „ראָמאַנטיזם״, אונטער וועלכן יעדער איינער פאַרשטייט עפּעס אַנדערש, נאָר אויך אַלע נייעסטע שטרעמונגען פון דער נייעסטער פּאָעזיע, ווי „פוטוריזם״, „דאַדאַאיזם״, „סוררעאַליזם״ און אַז. וו., — ווערטער, וועלכע האָבן ביי אַ סך בכלל קיין שום אינהאַלט נישט, מיט וועלכע מען באַנוצט זיך, ווי מיט פשוטע צונעמענישן.

און די דאָזיקע נייע שטרעמונגען אין דער דיכטונג האָבן פאַרדינט, מען זאָל זיך באַציִען צו זיי ערנסטער, ווי מיט זינלאָזן ענטוזיאַזם אָדער מיט זינלאָזער פאַראַכטונג, וואָס ווערן — סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן פאַל, — געבוירן פון „ווייניק וויסן״, וואָס דאָס גיט אַ גרויסע זעלבסט־זיכערקייט.

שאַנכאַי, 1946

מא) פאַרגענגלעכקייט פון דיכטונגס־פאָרמען און אייביקייט פון דיכטונג

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט (אין דער פריער יוגנט) וועגן דעם, אַז די דיכטונג שטאַרבט אָפּ (איך האָב דאָס, אויף וויפל איך קאָן געדענקען, געלייענט ביים באַרימטן רוסישן קריטיקער און פובליציסט פּיסאַרעוו), אַז זי האָט אויסגעלעבט איר צייט און זי וועט ביסלעכווייז פאַרשווינדן, איז אין מיר גלייך אויפן אָרט אויפגעקומען דער ענטפער: אַלע פאָרמען פון דיכטונג, וואָס מיר קענען ביז איצט, קאָנען אָפּשטאַרבן, אָבער נישט די דיכטונג גופא, וועלכע וועט אויפן אָרט פון די אָפּשטאַרבנדיקע דיכטונג־פאָרמען שאַפן נייע.

דער ענטפער איז געווען אַ ספּאָנטאַנער, אַן אינטואיטיווער. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך באַגריפן דעם טיפן זין פון דאָזיקן אינטואיטיוון ענטפער: די פאָרמען פון דער דיכטונג זענען געשאַפן געוואָרן דורך מענטשן און זיי קאָנען במילא פאַרעלטערט ווערן און אָפּשטאַרבן, אָבער די דיכטונג גופא איז נישט אידענטיש מיט אירע פאָרמען, וואָס מענטשן גיבן איר צו, זי איז אַ קראַפט, וואָס ווירקט אין מענטשן, זי איז אַ זעקסטער חוש, וואָס איז אַ טייל פון דער

לעבנס־קראַפט, און זי קאָן אָפּשטאַרבן נאָר מיטן מענטשלעכן מין גופא, און אפשר ערשט מיטן לעצטן מין העכערע לעבעדיקע באַשעפענישן. כל־זמן עס לעבט אַ מענטש אָדער אַן אַנדער מין באַשעפעניש וואָס פילט בענקשאַפט, ווייטיק און פרייד, וואָס קאָן טראַכטן באַוווּסטזיניק אָדער אַפילו בלויז פילן עמאָציאָנעל, איז דאָ דיכטונג, וואָס איז איינע פון די פאָרמען פון גייסטיקן, פון פּסיכישן לעבן.

און כל־זמן עס לעבט דיכטונג, וועט זי אויספורעמען פאַר זיך, פאַר איר אויסדרוק, נייע דיכטונג־פאָרמען.

זייט יענעם מאָמענט, ווען איך האָב אינסטינקטיוו זיך געוועהרט קעגן דעם טויט־אורטייל אויף מיינער אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, איז געבוירן געוואָרן מיין קלאָר באַגרייפן דאָס וועזן פון דיכטונג.

און זייט דאַן האָב איך שוין אָנגעטראָפן אַן א שיעור באַשטעטיקונגען פאַר מיין אויבנגעבראַכטער מיינונג, ווי אויך ענלעכע און אַפילו אידענטישע מיינונגען וועגן דיכטונג.

אָט איז נאָך איין אידענטישע (הגם אומדירעקטע) מיינונג צו מיינער:

„די אָפּטסטע סיבה, — זאָגט ט. ס. עליאָט, — פאַרוואָס אונדזערע טעאָריעס... וועגן דיכטונג זענען אומבאַפרידיקנדיק באַשטייט אין דעם, וואָס בעת זיי פּרעטענדירן צו גילטן פאַר דיכטונג בכלל, זענען זיי באמת טעאָריעס וועגן... באַגרענעצטע מינים דיכטונג."

„מיר זענען פעאיק, — ציט ער ווייטער זיין ריכטיקן געדאַנק, — אָדער אויסצופורעמען אַ טעאָריע, וואָס זאָל דעקן די דיכטונג, וואָס רירט אונדז צום מערסטן, אָדער — און דאָס איז שווערער מוחל צו זיין — אויסצוקלייבן דעם מין דיכטונג, וואָס אילוסטרירט די טעאָריע, וואָס מיר ווילן זיך האַלטן ביי איר."

„מען קאָן נישט דערוואַרטן, אַז די קריטיק פון אַ וועלכן נישט איז מענטשן אָדער פון אַ וועלכן נישט איז דור זאָל אַרומנעמען די גאַנצע נאַטור פון דיכטונג אָדער זאָל אויסשעפּן אַלע פאָרמען פון איר אַנווענדבאַרקייט."

מיט אַנדערע ווערטער — קיין שום פאָרעם פון דיכטונג קאָן נישט זיין אידענטיש מיט דער דיכטונג, ווייל זי איז בלויז אַ טייל פון דער דיכטונג. און אַ טייל קאָן נישט אויסשעפּן די גאַנצקייט.

פּונקט ווי קיין שום פלאַנץ קאָן נישט רעפּרעזענטירן די בלי־קראַפט פון דער נאַטור.

וואָסערע מינים פלאַנצן עס זאָלן נישט אָפּשטאַרבן, שטאַרבט מיט זיי נישט אָפּ די בלי־קראַפט וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט.

און אָט דערזע איך אַ שורה ביי דעם דיכטער דזשאָהן קיטס, ווו ער דריקט עס אויס פשוט און קלאָר:

„די דיכטונג וועט קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן אויף דער ערד."

מב) „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן"

איך געדענק אַן אומפאַרגעסלעכע סצענע אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין.

פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז אָנהויב דער צווייטער, איז די יידישע דיכטונג אין פוילן על־פי־רוב געווען סאָציאַל־באַפאַרבט (און נישט זעלטן טאַקע גאָר שטאַרק). זייער אַ סך דיכטערס האָבן זיך געפילט געטראָפן פון דעם, וואָס מען לייגט אַזויפיל אַכט אויף מאַנגערן, דעם „עסטעטישן" דיכטער, בעת דער מזרח־וואַנט, די פאַרשטייער פון דער אמתער דיכטונג, דער סאָציאַלער, שענקט מען אַזוי וויניק אויפמערקזאַמקייט אָדער מען באַציט זיך צו זיי נעגאַטיוו.

ווען עס איז דערשינען מאַנגערס קליין ביכעלע „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער", — אַ ביכל וואָס איז און וויל טאַקע זיין בלויז שיין (מאַנגער זאָגט אין פאָרוואָרט צו אים, אז ער שרייבט אים כדי מקיים זיין זיין פּאָעטישן זאָג „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן"), — איז פאָרגעקומען אַן אימפּראָוויזירט־פּריוואַטע דיסקוסיע (צו וועלכער איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט) צווישן אַ גרופּע סאָציאַלע דיכטער און פאַלק האַלפּערנען ע״ה, וועלכער איז געהאַט אַראָפּגעקומען פון ווילנע קיין וואַרשע, פאַר זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל.

און איך געדענק ווי האַלפּערן האָט צונישט געמאַכט (יעדנפאַלס פאַר מיר) אַלע אָנגריפן פון מאַנגערס קעגנערס מיט דער לעצטער חתימה פון דער דיסקוסיע:

— דאָס איז אָבער שיין! דאָס ביכעלע פאַרמאָגט שיינקייט!... איר ווייסט נישט אַלע מאָל אקוראט אין וואָס די שיינקייט באַשטייט, אָבער איר פילט זי!... ס׳איז אַזוי שיין.

איך ספק צי פאַלק האַלפּערן האָט דאַן איבערציידט די „סאָציאַלע דיכטער" (פונקט ווי ס׳איז דאָ נישט קיין סאָציאַלע דיכטונג! ווען מ׳זינגט אין תפיסה אַפילו, אין אַן איינצל־צעלע, איז דאָס זינגען אויך סאָציאַל, ווייל עס איז באַשטימט פאַר אַ וועלט, צו וועלכער מ׳בענקט, וועלכע מען פילט אין זיך און מ׳רעדט זיך דורך מיט איר, מ׳גיט איר צו וויסן וואָס מ׳פילט), אָבער איך האָב געפילט, אַז ער רעדט נישט וועגן דער שיינקייט פון אַ מאָדע־מאָדעל, נאָר וועגן יענער דיכטעריש שיינקייט, וואָס פרעסט אייך צונויף דאָס האַרץ פון גערירטקייט, וואָס פאַרכאַפּט אייך דעם אָטעם מיט איר ריינער, אומגעוווינטער לופט פון די העכסטע הויכן.

דער עכטער מאַנגער, דער ווערטפולער, איז נאָר דאָרט, ווו ער פילט און גיט די דאָזיקע שיינקייט.

„קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן" איז נישט אמת אין קאָנקרעטן זין פון וואָרט — סאַראַ סך שיינקייט עס גייט פאַרלוירן אין אונדזער מיאוסער וועלט אומבאַמערקט, אומבאַקאַנט; אָבער דאָס דיכטערישע

געפיל איז דאָך גערעכט: אין זיין לײדנשאַפטלעכן אײנזויגן און פאַרקערפערן שײנקײט־רגעס ליגט פאַר אים, סוביעקטיוו, די געוויסהייט, אַז קײן אײן רגע שײנקײט גײט נישט פארלוירן. ווי איז מעגלעך, אַז דאָס ווערטפּולסטע זאָל פאַרלוירן גיין?

אָבער שאַ... אפשר איז דער דיכטער גערעכט אויך אין קאָנקרעטן זין פון וואָרט: עס איז געוווינט ער זאָל דערפילן דעם צער פון די מיליאָנען שײנקײט־רגעס, וואָס רינען אויס אין זאַמד, כדי ער זאָל זיי אַלע מוציא זיין מיט זיין צער־געפיל און מיטן דיכטערישן אויסדרוק פארן דאָזיקן צער־געפיל, וואָס ער גיט אין זיין ליד.

ווען איך לײען מאַנגערס לידער, דערמאָנט ער מיר אָן א שיעור מאָל אין זיין ווארעמען און ווונדערבאַר־וויברירנדיקן פערז: „קײן רגע שײנקײט גײט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן".

מאַנגער געהערט צו די, וועלכע דערלאָזן נישט דערצו. ער איז אײנער פון די מיפולע זאמלער פון די דאָזיקע רגעס, וואָס זענען דאָס ווערטפּולסטע, וואָס די מענטשהייט האָט דערוואָרבן און קאָן דערווערבן פון איר גאַנצער מי און פּיין.

מג) די טרייסטנדיקע קראַפט פון דיכטונג

דער גרויסער אמעריקאַנער דיכטער וואָלט וויטמאַן האָט געשריבן צו זיין מוטער פונעם שפּיטאָל, ווו ער האָט געפלעגט די קראַנקע בעת דעם קריג צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שטאַטן, פאָלגנדיקס:

„מאַמע! היינטיקן אָוונט... האָב איך די גאַנצע צייט פאַרבראַכט ביים בעט פון אַ יונגן בחור... — ער האָט... זייער אַ שווערע וווּנד. ער האָט מיך געבעטן פאַרצולייענען אים דעם נייעם טעסטאַמענט... איך האָב אים פאָרגעלייענט יענע קאַפּיטלעך, ווו עס ווערן באַשריבן די לעצטע שעהן פון יעזוס קריסט און ווי אַזוי מען האָט אים געקרייציקט. דער אומגליקלעכער האָט געבעטן פאַרצולייענען אים אויך וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געשען דער תחית המתים... דאָס לייענען האָט אים געטרייסט, אין זיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן (אַ, דער גלויבן דורך טרערן! — י. ר.). ער האָט מיר געפרעגט צי איך גלויב. איך האָב געענטפערט: נישט אַזוי ווי דו, און אפשר — טאַקע אַזוי ווי דו. ער האָט מיר געענטפערט: „גלויבן איז מיין עיקרדיקער אָנשפּאַר".

און איך גלויב, אַז ביכער ווי דער נייער טעסטאַמענט ברענגען טרייסט נישט נאָר דאַן, ווען מען גלויבט אין זיי; זייער טרייסט פאַר אַ סך מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס אַ דאַנק זייער פּאָעטישער קראַפט רייסט זיך דער מענטש אַרויס פון די ענגע פערזענלעכע ראַמען און ער נעמט שפּירן דעם אָטעם פון

עפּעס גרעסערס, דעם אָטעם פונעם מענטשלעכן טרוים וועגן גאָט, וועגן אומ־שטערבלעכקייט, וועגן אַ גערעכט לעבן, וועגן אַ לעבן א שענערס — ניין, אַ מער הייליקס. באַהויכט פון די דאָזיקע טרוימען, ווערט דער מענטש דורכגעדרונגען מיט אַכטונג צו זיך, — עס צעגייט אין אים, אונטער דער ווירקונג פון גערירטקייט, דער גראַניטענער ווילן פון זיין חיהשער זעלבסטבאַהויפּטונג, זיין נשמה נעמט זיך באַטויען דורכן קוואַל פון פרומען געפיל צום קאָסמישן סוד, וואָס וואַקסט אויס אין אַזאַ מאָס, אַז ער דערגרייכט דעם באַוווסטזיין פונעם געוויינלעך־באַגרענעצטן מענטשלעכן וועזן. און דאָס דאָזיקע געפיל איז אַ רעליגיעז געפיל, אַפילו אָן דעם גלויבן אינעם געוויינלעכן זין פון דאָזיקן וואָרט.

דאָס שוואַכע, דאָס פּערזענלעך־מענטשלעכע טרעט אָפּ זיין פּלאַץ פאַר דאָס גרויסע, אַלמענטשלעכע, קאָסמישע, — הגם ביים אָפּטרעטן דעם פּלאַץ האָט עס טרערן אין די אויגן.

ניין, נישט נאָר גלויבן ברענגט טרייסט (גלויבן — געוויס!), — עס ברענגט טרייסט אויך דעם פליגל־פאַך פון דער מענטשלעכער נשמה אין יענעם מאָמענט, ווען זי הויבט זיך אויף (מיט טרערן אין די אויגן!) איבער דעם אייגענעם אָרעמען קאָפּ, כדי צו פאַרפליען אין די הימלען.

דער אָטעם פון דער וועלטס־ און דער לעבנס־מיסטעריע, דער אָטעם פון דער וועלטס־ און דער לעבנס־טראַגעדיע צעאַקערט און באַפרוכפּערט דעם מדבר פון דער פּערזענלעכער עקזיסטענץ און ברענגט אַ נאַגנדיקע (טרערנדיקע) טרייסט.

די הייליקע, די גרויסע ביכער פון דער מענטשהייט, די גרעסטע דענקמעלער פון דער מענטשהייטס דיכטונג, זענען הייליק נישט נאָר פאַר די גלויביקע, — זיי זענען הייליק אויך פאַר די וואָס דאַרשטן נאָך גלויבן, פאַר די, וואָס דאַרשטן נאָך מענטשלעכער דערהויבנקייט.

און די זעלביקע קראַפט פאַרמאָגט די דיכטונג אויך דאַן, ווען זי טראָגט נישט קיין הייליקע באַקליידונג.

אין איינעם פון נאָמבערגס קורצע, אָבער אינהאַלטסרייכע אַרטיקלען וועגן פּרצן, געפינען מיר אַ וווּנדערבאַרן גבית עדות, וואָס זעט אויס ווי אַ צווילינגס־ברודער פון וויטמאַנס איבנגעבראַכטן בריוו וועגן דעם שטאַרבנדיקנס געטרייסט זיין מיט טרערן אין די אויגן.

נאָמבערג האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן. עס האָט אים געשראָקן די פּוסטקייט פון דער וועלט און דאָס שנעל־פאַריבערגייענדיקע לעבן. עס האָט אים געפּייניקט די פראַגע פון אַלע פּערסאָנאַזשן אין זיינע קומענדיקע דערציילונגען: „וואָס טוט מען אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוי פּוסט און אַזוי וויסט? וואָסער זין האָט דאָס לעבן, וואָס איז באַגרענעצט מיט זיבעציק יאָר און ענדיקט זיך מיט טויט און פאַרניכטונג?“ אָבער אָט פאַלט אריין אין נאָמבערגס הענט פּרצעס העברעיש לידער־ביכל „העוגב“. „אומפאַרשטענדלעך פאַר מיר אַליין, — דערציילט נאָמבערג

— האָט מיך דאָס ביכל אַזוי באַוועלטיקט, אַז... איך האָב די שירים געלייענט, איבערגעלייענט, און נישט גערנווילליק האָב איך זיי געגומען אויסזינגען, ביי „הגידי לי, תמורה" האָב איך געהאַט פולע אויגן מיט טרערן...

„עפּעס איז וואַכנדיק געוואָרן אין מיר אין יענער נאַכט. דער ערשטער שטאַרקער איינדרוק פון פּאָעזיע איז דאָס געווען...

„אַז איך האָב דערנאָך אויפגעהויבן די אויגן צום אויסגעשטערנטן טונקעלן הימל, האָט ער מיך מער נישט געשראָקן מיט זיין וויסטער, פּוסטער אומענד־לעכקייט..."

אין נאָמבערגס אויגן זענען געשטאַנען די זעלביקע טרערן, ווי ביי וואָלט וויטמאַנס גוסס; און די זעלבע טרייסט (דורך טרערן) איז געווען אין זיין האַרצן.

אַפילו די יעניקע, וועלכע גלויבן נישט, אַז די רעליגיע איז אַ טאָכטער פון דיכטונג, מוזן מודה זיין, אַז זי איז איר שוועסטער, אַ לייבלעכע שוועסטער. זיי זענען אַזוי ענלעך איינע אויף דער צווייטער מיט זייער חן און וואַרעמקייט, אַז ווען איינע שטאַרבט אָפּ, קאָן מען זיך צוטוליען צו דער צווייטער.

מ״ד) וועגן געשטאַלטן

יאַקאָב וואַסערמאַן האָט געפונען טרעפלעכע ווערטער אויף אויסצודריקן די באַדייטונג פון דער געשטאַלט אינעם לעבן פון מענטשן.

„די באַדייטונג פון דער געשטאַלט באַשטייט אין דעם, וואָס זי פאַרוואַנדלט דעם מענטשן מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע".

„...עס איז נויטיק די פעאיקייט צו פאַרגעסן אין זיך, כדי מיט דער הילף פון אַ געשטאַלט דערגרייכן אַ העכערע שטופע פון עקזיסטענץ..."

„אַזוי טוט אויך אַ פאַרליבטער, וואָס פאַרוואַנדלט די געליבטע פרוי אין אַ געשטאַלט; ער פאַרגרעסערט זי... און דערהויבט, אַ דאַנק דעם, זיך גופא; ווייל דאָס, וואָס די ווירקלעכקייט לייגט אים פאָר, האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט דער שאַפונג פון זיין פאַנטאַזיע".

די דאָזיקע באַדייטונג — אָדער, ריכטיקער, די דאָזיקע פונקציע האָט די געשטאַלט סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבן (בכלל, ווען מיר אַנטדעקן אַ וואַסער נישט איז לעבנס־פונקציע פון דער ליטעראַטור, געפינען מיר די זעלבע פונקציע אויך אין לעבן, ווייל די ליטעראַטור איז בלויז איינע פון די פונקציעס פון לעבן).

נישט אומזיסט ווערט אַ געשטאַלט גערופן „העלד" — זי איז אַ פּראָדוקט פון מענטשנס באַדערפעניש אין אַ העלדן־קולט. דעם מענטשן איז אייגן דאָס רייסן זיך פון זיין באַגרענעצטקייט, צו קריכן, אַזוי צו זאָגן, פון זיין הויט אַרויס, און

די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע, אָפּרופֿנדיק זיך אויפֿן דאָזיקן דראַנג, שאַפֿט געשטאַלטן, פֿאַרוואַנדלענדיק מיט זייער הילף דעם נעבעכדיקן מענטשן אין אַן אימפּאָנירנדיקן העלד. און דער מענטש, קומענדיק אין באַרירונג מיט די דאָזיקע געשטאַלטן, פֿאַרגעסט אין זיך און דערגרייכט — צוזאַמען מיט די געשטאַלטן — די העכסטע שטופֿע פֿון עקזיסטענץ, א פּולערע, אַן אינטענסיווערע — אַן עקזיסטענץ, וואָס ברענט מיט אַ שטאַרקערן און ריינערן פֿלאַם.

וואַסערמאַן איז גערעכט: ווען אַ מאַן האָט ליב אַ פֿרוי מיט אַ גרויסער ליבע, פֿאַרוואַנדלט ער זי אין אַ געשטאַלט און דערנאָך, ווען די ליבע פֿאַרגייט, באַשולדיקט ער די פֿרוי, אַז זי האָט זיך געענדערט צום ערגערן. ער איז גאָרנישט חושד, אַז ער גופֿא — אָדער ריכטיקער: זיין ליבע — האָט איר געהאָט געענדערט צום בעסערן.

און דאָס וואָס עס טוט דער פֿאַרליבטער מיט זיין געליבטער פֿרוי, טוט דער דיכטער מיט די אָרומיקע מענטשן, פֿאַרוואַנדלענדיק זיי אין געשטאַלטן: דאָס טוט דער פּאַרטיי־מאַן מיט זיינע פֿירער, דער חסיד מיט זיין רבין, די געשיכטע מיט איר עיקרדיקן מענטשן־מאַטעריאַל.

דער מענטש און די מענטשהייט לעבן על פּי רוב פֿלאַך, קליינלעך, אָבער על פּי רוב — כמעט תמיד! — האָבן זיי פֿיינט די דאָזיקע קליינלעכקייט, זיי שטרעבן זי אַריבערצוּוואַקסן, פֿאַרשיכורנדיק זיך מיט געשטאַלטן, געשאַפֿן דורך דער פֿאַנטאַזיע.

דער מחבר פֿון באַרימטן בוך „דער טרעפּנוויץ פֿון דער וועלט־געשיכטע", וו. ל. הערטסלעט, האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו ווייזן אויף ווי ווייט עס איז גרויס דער עלעמענט פֿון פֿאַנטאַזיע אין דער וועלט־געשיכטע. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז גאַלילעיען האָט מען גאָרנישט געפּייניקט און ער האָט גאָרנישט געזאָגט די באַרימטע ווערטער „אָבער זי דרייט זיך פֿאָרט". און נישט נאָר גאַלילעי — אַ סך אַנדערע האָבן אויך נישט געזאָגט יענע באַרימטע ווערטער, וואָס די פֿאַנטאַזיע פֿון דער מענטשהייט האָט זיי אַריינגעלייגט אין מויל אַריין און אַן וועלכע די געשיכטע ווערט אָרעמער פֿון לעצטן אָרעמאַן.

אָבער ווי איבערצייגנדיק הערטסלעט זאָל נישט זיין, איבערצייגט אָבער זיין בוך נאָך מער אין דעם, אַז קיין שום דעמאַסקירונגען וועלן דאָ נישט העלפֿן. די דאָזיקע „פֿעלערן, פֿאַרקריפּלונגען און אויסטראַכטענישן" פֿון דער געשיכטע זענען נישט קיין פּשוטע פֿעלערן, נאָר אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פֿאַר דער מענטשהייט און במילא וועלן די דעמאַסקירונגען נישט העלפֿן, — די מענטשהייט וועט אויך ווייטער אויסבעסערן די שוואַכקייטן פֿון אירע גאַלילעיס און זי וועט זיי אַריינלייגן אין מויל דאָס, וואָס זיי וואָלטן געוועזן באַדאַרפֿט זאָגן, און זי וועט זיי צווינגען טאָן דאָס, וואָס זיי וואָלטן געוועזן באַדאַרפֿט טאָן, כדי אומשטערבלעך צו מאַכן אי זיך, אי די מענטשהייט (דער עיקר — די מענטשהייט). די מענטש־

הייט מוז קאָמפּענסירן איר מיטלמעסיקייט דורך געשטאַלטן פון העלדן, גאַנצע און אומגעטיילטע אין זייער העלדישקייט. און דאָרט, ווו די מענטשהייט געפינט כאַטש דעם קלענסטן שפּור פון אַ העראָאישער ליניע, פירט זי זי וווייטער ביז איר לאָגישן סוף, דערפירנדיק גלייכצייטיק ביז שלימות אי די דאָזיקע ליניע, אי זיך.

און אויב דער פּראַגמאַטיזם — דער דאָזיקער פילאָזאָפישער מעטאָד, וואָס האָט די דרייסטקייט אָדער די העזה (אָדער אָט די בײדע אייגנשאַפטן צוזאַמען) צו זאָגן, אַז ער יאָגט זיך נישט נאָך דעם אַבסאָלוטן אמת, — אויב דער פּראַגמאַטיזם איז גערעכט, קאָן ער גראָד אין דער געשיכטע געפינען די בעסטע באַווייזן פאַר זיין גערעכט זיין: וואָסער ווערט האָט דער אַבסאָלוטער סקעפּטישער אמת פון הערטסלעטן (אויב דער אמת איז טאַקע ביי אים) אַקעגן דעם אמת פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, וואָס האָט אַריינגעלייגט אין גאַלילעיס מויל די אומשטערבלעכע ווערטער, וואָס ווען אָפּשטאַרבן בלויז צוזאַמען מיט דער מענטשהייט? די דאָזיקע ווערטער גאַלילעיס זענען נישט קיין „אַבסאָלוטער״ אמת, דערפאַר אָבער זענען זיי אַ פּראַגמאַטישער אמת, ד. ה. אַזאַ אמת, וואָס פאַרמאָגט אַן אומשעצבאַרן פּראַקטישן ווערט פאַר דער מענטשהייט: ער האָט געשענקט דעם מענטשן אַזויפיל קראַפט, אַזויפיל אויסדויער אין שלעכטע צייטן; ער האָט אים פאַרשיכורט מיט אַזאַ אײדעלן שטאָלץ און ער האָט אים פאַרשאַפט אַזויפיל דערהויבנדיקע עמאָציעס! זאָל זיין, אַז גאַלילעיס ווערטער זענען אַ היסטאָרישער ליגן! זאָל זיין — אָבער אָט דער ליגן פון אײן מינוט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיכטערישן אמת פון יאָרהונדערטער; אַ דאַנק אָט דעם ליגן איז דער גרויסער געלערנטער, אָבער נישט העראָאישער מענטש, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ העלדישער געשטאַלט פון און פאַר דער מענטשהייט.

איז וואָס גייט אונדז אָן צי אַ קאָנקרעטער לעבעדיקער מענטש האָט געזאָגט אָט די ווערטער, ווען די דאָזיקע ווערטער — אונטערגעזאָגט דורך דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע — זענען לעבעדיק אין מיליאָנען מענטשלעכע הערצער? זענען שעפעריש אין דער מענטשלעכער געשיכטע?

דער לעבנבאַנייענדיקער, אייביקער אמת פון דער מענטשהייט איז נישט נאָר וויכטיקער — ער איז אויך הייליקער פאַרן עקרדיקן, „אַבסאָלוטן״ אמת פון אַ צופעליקן, פאַרגייענדיקן מאָמענט.

נעמט אָפּ ביי דער געשיכטע איר געשטאַלט־שאַפונג, און איר וועט צורויבן ביי איר יעדן זין: פּונקט אַזוי וועט איר צורויבן יעדן זין ביי דער ליטעראַטור, ביים לעבן, אויב איר וועט זיי צווינגען אָפּצוזאָגן זיך פון שאַפן געשטאַלטן, מיט דער הילף פון וועלכע דער מענטש דערגרייכט, לויט יאַקאָב וואַסערמאַנס טיפן אויסדרוק, „אַ העכערע שטופע פון עקזיסטענץ...״

אין אירע געשטאַלטן — צי אין ליטעראַטור, צי אין לעבן — דריקט די מענטשהייט אויס אירע בעסטע טרוימען און שטרעבונגען.

אין זיי פאַרדיכטעט זיך ביז לעבעדיקער קערפּערלעכקייט דאָס, וואָס עס ווירט אין דער נשמה און אין האַרצן פון דער מענטשהייט אין דער פאָרעם פון ציטערנדיקע שאַנס.

אויב איר ווילט וויסן דעם העכסטן אמת פון דער מענטשהייט, ווענדט זיך צו די געשטאַלטן, וואָס זי האָט געשאַפן אין דער ליטעראַטור און אין דער געשיכטע; ווענדט זיך נישט צום „אַבסאָלוטן" אמת פון אַ צופעליקן מאָמענט, נאָר צום אייביקן אמת פון איר פאַנטאַזיע, צום אייביקן אמת פון אירע טרוימען!

מה) וואָס איז דיכטונג?

כ'האָב זיך (צום וויפלטן מאָל?) געשטעלט די דאָזיקע פראַגע און צום הונדערטסטן מאָל דערפילט (דערפילט ממש בחוש), אַז אויף די פּשוטסטע פראַגן איז צום שווערסטן צו ענטפערן. איז דען דאָ אַ פּשוטערע פראַגע, ווי „וואָס איז לעבן?" אַלע לעבן מיר דאָך, אַלע זעען מיר אַרום זיך לעבן, און דאָך איז אַזוי שווער צו געבן דעם ענטפער דערויף. איר פילט עס, איר ווייסט עס, אָבער ס'איז גענוג אַ שטעל צו טאָן די פראַגע און אַלץ ווערט פאַרפּלאָנ־טערט.

וואָס איז דיכטונג? ווער ווייסט דאָס נישט? אַלע לייענען דיכטונג, יעדער איינער זאָגט צוואַנציק מאָל אין חודש: „דאָס איז דאָך אמתע דיכטונג"! — און דאָך ווערט מען צעטומלט, ווען מען דאַרף געבן אַ קלאָרן און קורצן ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס איז דיכטונג"? (געוויס, אַחוץ יענע לייט, און מיר פאַרמאָגן זיי נישט אין קיין קליינער צאָל — וואָס ענטפערן דערויף פון סידור אַרויס, פון אַן ענציקלאָפּעדיע, אָדער פון אַ בראָשור אַרויס).

און מיטאַמאָל, ווען איך האָב זיך שוין מייאש געווען צו קאָנען זיך געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, איז מיר קלאָרער געוואָרן וואָס דיכטונג איז. ס'איז מיר קלאָר געוואָרן נישט אַבסטראַקט, נאָר דורך אַ קאָנקרעטן ביישפּיל, וואָס איז אויפגעשווומען אין מיין זכרון.

*

אין 1926 האָב איך געלייענט אַ דיקע פראַנצויזישע אַנטאָלאָגיע פון אַלע יונגע פראַנצויזישע דיכטער, וואָס זענען אומגעקומען אין קריג. די אַנטאָלאָגיע האָט געוואָלט שטעלן אַ דענקמאָל די דאָזיקע יונג־פאַרשניטענע טאַלאַנטן, אַ דענקמאָל אין דער ליטעראַטור, אין וועלכער זיי וועלן נישט קאָנען אַריין. זענען דאָך די גרעסטע טייל פון די דאָזיקע דיכטער אָנפאַנגער.

נישט נאָר איצט: שוין גלייך נאָכן לייענען די היפּשע צאָל לידער, האָב איך קיין סך נישט געדענקט; אָבער איינס איז מיר געבליבן איינגעשניטן אין געמיט נישט נאָר דאַן, נאָר אויך איצט. עטלעכע שורות געדענק איך נאָך איצט אויף אויסנווייניק, און זיי נעמען מיך דורך און דורך, ווי נאָר זיי שווימען אויף אין מיין געמיט (יאָ, נישט אין זכרון, נאָר אין געמיט).

דער דיכטער ווענדט זיך אויפן שוועל פון טויט צו זיין פאַרלאָזענער (אויף אייביק פאַרלאָזענער) געליבטער מיט אַן אַפּיל, מיט אַ מאַניפעסט צו דער הייליקייט פון לעבן:

„...פאַרגעס! און זאָל דיין האַרץ נישט האָבן קיין שום געוויסן־פּיין!
„האָב ליב צו לעבן!
„דאָס געדענקען אַ טויטן איז אַ גרויסע זינד,
„האָב ליב די פרייד!
„אַדיע! אַנטלויף ווייט פונדאַנען, אויף די כוואַליעס פון דער צייט...
„...דאָרט־ווייטער, וואַרט אויף דיר ליבע...״

דאָס ליד הייסט „צו דער, וואָס וועט פאַרגעסן״ און דאָס ליד האָט געשריבן אַ נישט געוואָרענער דיכטער מיטן לאַנגן נאָמען מאַרק דע לאַריני סיווריע, און נישט געקוקט אויף דער שוואַכער, כמעט „פּראָזאַאישער״ פאָרעם פונעם ליד, איז עס דיכטונג דערפאַר, ווייל עס פיקסירט אַן אויפגעפלאַמטן שטאַרקן געפיל, וואָס איבערראַשט אונדז מיט זיין נשמה־יתירהדיקייט, מיט זיין שבת־יום־טובדיי־קייט אינדערוואָכן. דאָס איז נישט קיין ליבע־ליד, וואָס פליסט אין די אויסגע־פאָרענע רינוועס, מיט די אַלטעגלעכע נאָרמאַל־געוויינטע געפילס־וועגן. דאָ איז אַ מענטש פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַ געפיל, וואָס איז אַזוי ניי, אַז עס איבעראַשט, וואָס איז אַזוי מענטשלעך־אַנדערשדיק, אַז עס רייניקט, אַז עס רייסט אַריבער די פּערזאָן, וואָס לעבט עס איבער, איבער דער באַריערע פונעם ענגן „איך״ און פירט אים אַריין אַ געלייטערטן אין דער האַרמאָניע פון איך־סופיקן „איך״, דעם אל־איך, ווי מען וואָלט עס געקאָנט אָנרופן, וואָס קאָן איבערלעבן האַרמאָניע ביי אַלע באַדינגונגען, ביי די ערגסטע — וועלכע צעשמעטערן און צעפּייניקן געוויינ־לעך דעם ענגן „איך״.

און שוין — אָט־דאָס איז דיכטונג. דאָס אומגעוויינטע, דאָס נישט־אַלטעג־לעכע, וואָס דערהויבט און ברענגט האַרמאָניע אין גרעסטן ווייי. די האַרמאָניע, וואָס שטראָמט פון דאָזיקן ליד, איז אַזוי פּשוט און דורכזיכטיק, אַז עס איז נישט נויטיק צו אַנאַליזירן די אויבן־געבראַכטע שורות מיטן פאַרשטאַנד. פּונקט ווי ראַדיום שטראַלט פון זיך אַליין, אַזוי שלאָגט דערהויבנדיקע מענטשלעכקייט און האַרמאָנישע געלייטערטקייט פון דאָזיקן ליד, וואָס איז נישט גענוג קינסט־לעריש, אָבער גענוג דיכטעריש.

וואָס איז דיכטונג? אַלץ, וואָס איז ענלעך אין דער ווירקונג צו די דאָזיקע שורות...

מו) עפּעס וועגן דיכטונג

אין דער „פ.אַ.ש." פון 7־טן דעצעמבער 1951, האָט פּר. לואיס שיין אָפּגעדרוקט אַ בריוו וועגן יאָסל קאָהנס ליד „אַ פריידי".

אויפן דאָזיקן בריוו האָט דער דיכטער יאָסל קאָהן געענטפערט מיט אַן אַרטיקל (אין זעלבן נומער פון 7־טן דעצעמבער) — „דאַרף מען פּאָעזיע פאַרשטיין אָדער דערפילן?".

צוליבן דאָזיקן אַרטיקל אַליין איז שוין כדאי געווען לואיס שיין זאָל שרייבן זיין „פּראָוואָצירנדיקן" בריוו.

פּאָעזיע איז טאַקע ביי אונדז זייער אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל — נישטאָ גאָר אַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל פּראָדוצירן אַזויפיל לידער־ביכער, אָבער מיט דיכטונג גופא פאַרנעמט מען זיך ביי אונדז נישט ערנסט. איר קאָנט נישט דרוקן וועגן דעם דאָזיקן ענין קיין ערנסטע אַרטיקלען און אַזעלכע אַרטיקלען ווי יאָסל קאָהנס זעט מען ביי אונדז אַלץ זעלטענער און זעלטענער.

און דעריבער טאַקע וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט (אַלץ אין זכות פון לואיס שיינס בריוו. זאָל לעבן דער אַקטיווער לעזער!) און עפּעס זאָגן וועגן דיכטונג אין שייכות מיט צוויי שטעלן פון יאָסל קאָהנס אַרטיקל, וווּ ער איז זיכער ווייט פון אמת, — יעדנפאַלס פון גאַנצן אמת.

יאָסל קאָהן זאָגט:

„דעם פּאָעטס מאַטעריאַל איז וואָרט און שפּראַך. ווי ביים מוזיקער קלאַנג און ביים מאָלער פאַרב. ער דאַרף דורך אָט די באַגרענעצטע מיטלען... איבערגעבן זיינע געפילן און זעאונגען, און ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ סך פון זיינע זעאונגען, וועלכע קריגן אַ תיקון דורכן וואָרט, זאָלן זיין נישט קלאָר. אַמאָל דוכט זיך דעם לייענער, אַז די שולד איז די נישט קלאָרקייט פון וואָרט; ווי אַ כלל אָבער, איז די שולד — נישגעשטאַנענקייט און באַגרענעצטער באַנעם פון די ווייזעס און שטימונגען, וואָס דער פּאָעט האָט אַריינגעאָטעמט אין וואָרט".

קודם כל איז נישט גאַנץ אמת, אַז דאָס וואָרט איז פּונקט אַזאַ מאַטעריאַל ווי קלאַנג און פאַרב. געוויס נוצט דער דיכטער דאָס וואָרט אַלס מאַטעריאַל, אָבער יעדעס וואָרט איז דאָך אַ זעלבשטענדיקע שאַפונג פאַר זיך גופא. ווען וואָרט ווערט בלויז טויטער מאַטעריאַל, ווי קלאַנג און פאַרב, טויג עס נישט פאַר דיכטונג. און די אויפגאַבע פון דיכטונג באַשטייט טאַקע אין דעם, צו פאַרוואַנדלען ווידער דעם טויטן (דורכן פּראַקטיש־מעכאַנישן לעבן געטויטן)

וואָרט-מאַטעריאַל אין לעבעדיקע, אין זעלבשטענדיק-לעבעדיקע שעפערישע עלעמענטן.

וואָרט איז נישט נאָר מאַטעריאַל פאַר דיכטונג, נאָר די דיכטונג גופא.

די פאַלשע הנחה פון אַ געוויסער ריכטונג אין דער מאָדערנער פּאָעזיע, אַז וואָרט איז בלויז מאַטעריאַל, ווי קלאַנג און פאַרב, אַז יעדעס וואָרט און יעדער אות אין אַ שפּראַך האָט אַ באַשטימטע פאַרב (לויט אַרטור רעמבאָס באַרימטן סאָנעט וועגן די הילכערס, וואָס יעדערער פון זיי האָט אַ באַשטימטע פאַרב), איז אַן אומזין. דער דיכטער גיט צו דעם וואָרט זיין קלאַנג און זיין פאַרב. דאָס איז די אויפגאַבע פון דיכטער, און אין דעם באַשטייט זיין טאַלאַנט אָדער זיין זשעני.

און עס איז געפערלעך צוצושרייבן די אומקלאָרקייט פון דיכטונג דעם דיכטערס פּגימהדיקן מאַטעריאַל — דעם וואָרט. די פעאיקייט פון דיכטער באַשטייט דאָך טאַקע אין דעם, וואָס ער קאָן שאַפן שלימות פונעם נישט-שלימות־דיקן. דאָס איז דער נס פון דיכטונג, און אָן דעם דאָזיקן נס איז קיין דיכטונג נישטאָ.

עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען מיטן אַקוראַט אויף וויפל פּראָצענט די שולד פאַרן נישט פאַרשטיין דיכטונג ליגט ביים טעמפּן לעזער, און אויף וויפל — ביים שלעכטן דיכטער. אָבער איך גלויב, אַז די גרעסערע טייל שולד ליגט ביים דיכטער.

„פּאָעזיע, — שרייבט יאָסל קאָהן אין זיין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, — איז נישט קיין מעכאַנישער שטייגער. פּאָעזיע קאָן נאָר רעאַליזירט ווערן ווען דער לייענער ווערט אַ שותף צום פּאָעט. אויב דאָס געשעט נישט, איז פּאָעזיע נישט נאָר נישט קיין פאַרשטאַנענער ענין, נאָר פּראָסט און פּשוט אַ טויטע פאָרמע פון אויסדרוק פאַר דעם געפיל-גלייכגילטיקן לייענער".

ריכטיק, פּאָעזיע מוז האָבן אַלס שותף דעם לייענער, אָבער עס איז כמעט ווי אַ כלל, אַז ווען אַ פּרוי איז קאַלט, איז דערין שולדיק דער מאַן — ער איז נישט פעאיק אָנצוצינדן אין איר ליבע.

אפשר איז אין לעזערס קאַלטקייט שולדיק דער דיכטער, וואָס פאַרמאָגט נישט די קראַפט אים אָנצוצינדן?

זעען מיר דאָך אָפט, אַז אַ לעזער, וואָס איז קאַלט צו איין דיכטער, ווערט אָנגעצונדן דורך אַ צווייטן.

געוויס, איך קאָן זיך גוט פאָרשטעלן אַ פאַל, ווען אַ לעזער קאָן נישט באַגרייפן אַ דיכטער, אָבער איך קאָן זיך פאָרשטעלן נאָך מער פאַלן, ווען אַ לעזער האָט נישט וואָס צו פאַרשטיין און וואָס צו דערפילן ביי אַ דיכטער, פּשוט דערפאַר, ווייל דער דיכטער האָט נישט דערפילט זיין אויפגאַבע.

עס קאָן זיין, אַז דאָס וואָס דעם דיכטער זעט אויס ווי „אָפּגעשטאַנענקייט און

באַגרענעצטער באַנעם פון די וויזיעס און שטימונגען, וואָס דער פּאָעט האָט אריינגעטעמט אין וואָרט", נעמט זיך גאָר דערפון, וואָס דער דיכטער האָט געוואָלט אַריינאָטעמען וויזיעס און שטימונגען אין וואָרט, אָבער ער איז געבליבן ביים ווען. ווי זאָגט דער דיכטער יאָסל קאָהן גופא: „פּאָעזיע איז נישט קיין מעכאַנישער שטייגער". פּאָעזיע איז אַ שעפערישע באַנייאונג פון וואָרט, אַ פרישע באַפרוכטונג פון וואָרט, אַן אַקט פון מעשי־בראשית.

פאַראַן אָבער נישט נאָר סטערילע לייענער — אויך דיכטער.

מעלבורן, 1952

מז) נוסח שאַפט נוסח...

אין זיין שטענדיקער אָפּטיילונג „ביכער און שרייבער" („מאָרגן־זשורנאַל") שרייבט ד"ר א. מוקדוני אין שייכות מיט מרדכי יאָפעס בוך קריטישע אַרטיקלען „רינגען אין דער קייט":

„איך הויב אָן מורא צו האָבן, אַז אונדזער יידישע ליטעראַטור־קריטיק ווערט אַ מין נוסח אַט ווי דער ניגון פון „כל־נדרי", למשל. דער ניגון איז דער זעלביקער, נאָר אַמאָל זינגט אים אַ חזן מיט אַ בייזלעכער באַס־שטימע, אַמאָל זינגט אים אַ חזן מיט אַ ווייכער לירישער טענאָר־שטימע" (און אַמאָל אַ חזן — אינגאַנצן אָן אַ שטימע, וועט מיר ד"ר א. מוקדוני דערלויבן צו דערגאַנצן זיין ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דער יידישער קריטיק — י. ר.).

„און באַדאַרפט האָט שוין לאַנג קימען אַן עזות־פּנים, אַ שייגעץ און אַן איפּכא־מסתבראַניק און צערודערן דעם נוסח, און צו אומוואַרפן די אָנגענומענע, די קאַנאָניזירטע מיינונגען און צו לעסטערן די ליטעראַרישע הייליקייטן אונ־דזערע".

איך שרייב זיך אונטער מיט ביידע הענט אונטער ד"ר א. מוקדוניס פאָדע־רונגען, אָבער ווער טראָגט די שולד דערפאַר, וואָס אונדזער ליטעראַטור־קריטיק קאָן נישט אַרויסקריכן פון איר נוסחדיקייט?

עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן באַקעמפן נוסחדיקס, פונדעסטוועגן וועט נישט שאַדן צו ברענגען דאָ אַ נוסחדיק ווערטל: יעדע ליטעראַטור האָט אַזאַ קריטיק, וועלכע זי פאַרדינט.

איך טפק אָפּט, צי די יידישע ליטעראַטור טוט דאָס, וואָס זי דאַרף, אויף אַ סך געביטן, — אָבער אויפן געביט פון קולטיווירן אַ נוסחדיקע קריטיק האָט זי געטאָן באמת אַלץ, וואָס איז נאָר געלעגן אין אירע כוחות. נישט נאָר זי שטיצט אונטער די נוסחדיקע קריטיק, נישט נאָר זי טראָגט זי באַראַנטשיק, נאָר זי כאָוועט זי, זי פלעגט זי, זי קולטיווירט זי מיט אַלע מעגלעכע — און אוממעגלעכע — מיטלען.

„און באַדאַרפט האָט שוין לאַנג קומען אַן עזות־פּנים, אַ שייגעץ און אַן איפכא־מסתבראניק״, — עס איז גרינג צו זאָגן! דורך וואָנען זאָל ער אַריינקומען אין דער יידישער ליטעראטור, אַז אַלע וועגן זענען פאַרשטעלט מיט גוט־געהיטענע ראַגאַטקעס? ווען מרדכי יאָפּע קומט מיט איפכא־מסתבראדיקע אַרטיקלען, וואָלט ד״ר א. מוקדוני נישט געוווען געקאָנט האָבן קיין הנאה, ווייל עס וואָלט דאָן נישט געוווען זיין קיין — „מרדכי יאפע בוך־קאָמיטעט״...

צי דען ווייסט נישט ד״ר א. מוקדוני, אַז ווען אַ רעדאַקציע ביי יידן באַשטעלט אַרטיקלען וועגן געוויסע שרייבער און ביכער, גיט זי צו — „אויב איר וועט שרייבן פּאָזיטיוו״? אָדער אין אידעלערע פאַלן — „אָביעקטיוו״, ווייל עס האָט זיך איינגעשטעלט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ נוסח — אַמאָל אַ קליינקע־פּלדיקער, אַמאָל א צביעותדיקער, — אַז אָביעקטיוו איז אַ לויב־רעצענזיע, מיט סופּערלאַטיוון, אָבער אַ נעגאַטיווע איז — פּערזענלעך, אַ רעזולטאַט פון פּערזענלעכע חשבונות. אַז הינטער אַ פּאָזיטיווער רעצענזיע קאָנען ליגן בערג מיט אויסרעכענונגען — געשעפטלעכע, אָדער חברישע — דאָס מאַכט זיך די יידישע ליטעראַטור נישט וויסן, דאָס לוינט איר צו פאַרשווייגן.

אדרבא, זאָל מען מאַכן אַן אויספאָרשונג און זאָל מען פעסטשטעלן, צי איז דאָ כאָטש איין בכבודיקע יידישע צייטונג אָדער זשורנאַל אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, ווו מען זאָל קאָנען דרוקן אַן אַרטיקל, מיט אַן איפכא־מסתבראדיקער מיינונג וועגן אהרן צייטלינס פרעמירטער „אסתרקע״? איך רעכן, אַז אפילו ד״ר א. מוקדוני, וואָס בענקט אַזוי נאָך איפכא־מסתבראדיקייט, נאָך עזות־פּנימדיקייט, וועט אויך קוקן קרום אויף אַזאַ זאַך, ווייל אויך אים איז אַפּטמאָל ליבער ליבע צו דער יידישער ליטעראטור, איידער „פאַרביטערטקייט״.

און דאָס איז אַ צווייטער נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור: איבערחזורן לויב־ווערטער, איז אַן אויסדרוק נישט פון אינדיפערענטקייט, פון „אַ געשעפט־האָב־איך״, נאָר פון ליבע, און אָנגריף איז אַ רעזולטאַט פון פאַרביטערטקייט — נישט, חס־ושלום, פון בלוטיקער, פּערזענלעכער (אין העכערן, גייסטיקן זין), אינטים־פּערזענלעכער מאַראינטערעסירטקייט מיט ליטעראַטור.

צי ווייסט דען נישט ד״ר א. מוקדוני, אַז אַ פאַרלעגער, ווען ער געפינט זיך שוין, וועט זיך אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן קריטיק־ביכער, אויב עס געפינען זיך אין זיי איפכא־מסתבראדיקע אַרטיקלען, פונקט ווי זשורנאַלן און צייטונגען זאָגן זיך אָפּ זיי צו דרוקן?

און פון וואַנעט נעמט זיך דאָס אַלץ? פונעם נוסח, וואָס הערשט אין דער יידישער ליטעראַטור; פונעם מאָראַלישן און מאַטעריעלן טעראָר, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט איינגעשטעלט לגבי יעדן איפכא־מסתברא, לגבי יעדן עזות־פּנים. די צייטונגען און זשורנאַלן האָבן מורא פאַר „קאָנסעקווענצן״ מצד די „שטאַרקע״ אין דער יידישער ליטעראַטור, די פאַרלעגער האָבן מורא פאַר

דאָס זעלבע: מען וועט נישט געבן קיין אַנאָנסן, מען וועט נישט געבן קיין נאָטיצן און קיין רעצענזיעס, מען וועט באָיקאָטירן, פּאַסיוו און אַקטיוו.

נוסח שאַפט נוסח, ווען דער נוסח באַנוצט טעראָר לגבי דעם אַנטי־נוסח. אין אונדזער ליטעראַטור הערשט פּראָסט־פּשוט אַ גלייכגעשאַלטעטע קריטיק. ווי שטאַרק דאָס דאַזיקע וואָרט זאָל נישט שאָקירן אַפילו די ליבהאָבער פון עזות־פּנימער — מוז דאָס געזאָגט ווערן.

כּל־זמן מען וועט נישט אָנהויבן קיין קאַמף קעגן דער דאָזיקער גלייכשאַל־טונג, וועט דער נוסח פון דער יידישער קריטיק בלייבן דער זעלבער, וואָס אין דער ליטעראַטור (אין פּראָזע און דיכטונג) — צוליבן פּשוטן טעם, ווייל דער אַנטי־נוסח ווערט דערשטיקט אין וואָרצל.

1939, „פּ. אַ. ש.“

מח) וואָס איז רעאַליזם?

יעדער באַגריף, וואָס זעט אויס אין טאָג־טעגלעכן מעכאַנישן געברויך פעלדזנפעסט, קלאָר, ווי אַ זוניקער טאָג, ווערט וואַקלדיק, ווי אַ פּאָנטאָן־בריק (אַריבערגעוואָרפן איבערן תהום פון דער פיל־געשטאַלטיקער, אין אירע באַציאונגען און ניואַנסן, אומענדלעכער ווירקלעכקייט) — נעפלדיק, ווי אַ האַרבסטיק־פאַרטאָגיקער בין־השמשות.

וואָס איז רעאַליזם, רעאַליסטישע קונסט?

ווי זיכער מען באַנוצט דאָס דאָזיקע וואָרט, און ווי אָפט: „געזונטער רעאַליזם“, „רעאַליסטישע דערציילונג“, „רעאַליסטישע קונסט“. מען באַנוצט דאָס דאָזיקע וואָרט פּונקט אַזוי אָפט, ווי זיין אַנטיפּאָד (קעגנזאַץ): „ראָמאַנטיש“, „מיסטיק“, „אידעאַליסטיש“. דאָס ערשטע ווערט געווענלעך דערמאָנט צום גוטן, דאָס צווייטע צום גנאַי.

עס איז אָבער גענוג זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן אויף דער פראַגע: „וואָס איז רעאַליזם“? כּדי איינצוזען, אַז די זאַך איז גאָרנישט אַזוי פּשוט, ווי עס דאַכט זיך.

*

וואָס איז רעאַליסטישע קונסט? אַזאַ קונסט, וואָס זי שעפּט אירע טעמעס פון דער ווירקלעכקייט. אָבער וואָס איז ווירקלעכקייט? צי דען נאָר דאָס, וואָס איז הומרדיק און לאָזט זיך אָנטאַפּן מיט דער האַנט, מיטן אויג, מיטן פּשוטן באַוווּסטזיין? צי דען זענען רעאַל נאָר שמוגליאַרעס, נאָר געשלעכטלעכע באַצי־אונגען? זענען דען אויך מקובלים אַ רעאַלע — ווירקלעכע — דערשיינונג,

זענען דאָך אויך פאַראַן אין דער ווירקלעכקייט גרויסע פּלאַטאָנישע ליבעס (דאַנטע־בעאַטריטשע־ליבעס). זענען דען רעאַל בלויז די מגושמדיקע אָדער די טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען און באַציאונגען פון אונדזער פּריוואַטן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן? אידייען און גייסטיקע באַוועגונגען זענען דאָך אויך רעאַליטעטן אין לעבן פון יחידים און אין לעבן פון קאָלעקטיוון. אויך? אַמאָל נאָך רעאַלער פאַר דאָס חומרדיק־מגושמדיקע!

ווי מיר זעען, איז רעאַליזם נישט אַזאַ פּשוטער באַגריף: עס איז דאָ אַ נאַאיווער, איבערפלעכלעכער רעאַליזם, און אַ טיפערער, אַ קאָמפּליצירטערער.

*

דער קעגנזאַץ צווישן רעאַליזם און אידעאַליזם אין דער ליטעראַטור איז פּונקט דער זעלבער ווי צווישן קערפּער און נשמה.

די מאַטעריאַליסטישע און אידעאַליסטישע פילאָזאָפן האָבן זיך אַזוי לאַנג באַקעמפט, ביז עס איז געקומען אַ סינטעטישער געדאַנק, וואָס האָט מער וואַרשיינלעכקייט צו זיין אַן אמת, ווי סיי דער אַבסאָלוטער אידעאַליזם, סיי דער אַבסאָלוטער מאַטעריאַליזם: עס איז נישטאָ קיין גייסט אָן מאַטעריע, אָבער אויך נישט קיין מאַטעריע אָן גייסט; מאַטעריע און גייסט — אַן איינהייט, וואָס בלויז דער נאַאיווער אידעאַליזם און דער נאַאיווער מאַטעריאַליזם האָבן זי פאַנאַנדער־געריסן.

נישטאָ קיין אידעאַליסטישע, ראָמאַנטישע, אָדער מיסטישע קונסט און נישטאָ אויך איר קעגנזאַץ — אַ רעאַליסטישע קונסט — דאָך, ווען זי איז קונסט — האָט זי צו טאָן מיט דער סינטעטישער ווירקלעכקייט, — מיט דער טיפערער, מיט דער עכטסטער, — וואָס איז נישט נאַאיוו חומרדיק און נישט אַבסטראַקט ראָמאַנטיש, נאָר זי איז אַן איינהייט פוןביידעס; קונסט האָט צו טאָן מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס איז נישט קאַסטרירט פון קערפּער און נישט קאַסטרירט פון גייסט.

*

דער רעאַליזם, וואָס איז באַקאַנט ווי אַ שיטה אונטערן דאָזיקן נאָמען, איז אייגנטלעך יונג. ער איז אויפגעקומען ווי אַ רעאַקציע קעגן ראָמאַנטיזם (וואָס איז פון זיין זייט אויך געווען אַ דעגענעראַציע פון דער סינטעטישער קונסט, און איז געוואָרן וועלטערדיק־אַבסטראַקט, ערד־פרעמד, לעבן־פרעמד, פאַרזונקען אין די שמאָלע טיפענישן פון אייגענעם „איך", אין דער איינזייטיקער ווירק־לעכקייט פון „אני ואפסי עוד"), און ווי אַ רעאַקציע איז ער אָפּגעשליידערט געוואָרן צום צווייטן עקסטרעם: אָנשטאָט ראָמאַנטישע פאַרזונקנקייט אין דער פאַרקריפּלטער, איינזייטיקער „איך"־ווירקלעכקייט, איז געקומען פאַרקריפּלטע, איינזייטיקע פאַרזונקנקייט אין דעם חומרדיקן אַרום, בלויז אין דעם, וואָס ליגט

אָפּגעדעקט פאַר די אויסערלעכע חושים — דער רעאַליזם איז דערגאַנגען ביז נאַטוראַליזם.

*

אין 1937 האָט פראַנץ ווערפעל — דער גרויסער דיכטער און טיפער קולטור־ און קונסט־באַגריפער — געהאַלטן אין ווין אַ רעדע וועגן קונסט און ער האָט דאָרט געזאָגט (די רעדע איז איצט אַרויס אין אַ באַזונדערער בראָשור אין אַן עמיגראַנטישן פאַרלאַג אין שטאָקהאָלם):

„דער מיטישער מענטש האָט... אויפגענומען אין דער נאַטור אומעטום די איבערנאַטירלעכע באַדייטונג. אָבער, וואָס איז, אין קעגנזאַץ דערצו, דער רעאַליזם?... דאָס איז דער ווידערשפעניקער ווילן צום באַדייטונגסלאָזן, צו דעם, וואָס איז נישט־באַדייטנדיק. דער רעאַליסט מיט זיין אָפּגעשוואַכטער נשמה האָט מורא פאַר דאָס סודותדיקע (און ער לייקנט עס), וואָס איז איינגעשלאָסן אין די זאַכן און וואָס דער אורשפּרינגלעכער זין פון יעדער קונסט איז געוועזן צו זינגען וועגן דעם... אַ בלויז רעאַליסטיש בוך פאַרמערט אונדזער קענטעניש פון דאָס גרייפבאַרע, אַן אינספּירירט געדיכט מאַכט אונדז זעעוודיק פאַר דעם אומגרייפבאַרן".

אין אַ ביסל אַ ווערטערדיק־ראָמאַנטישער שפּראַך (איינער פון ווערפעלס פעלערן) דריקט ווערפעל אויס דעם ריכטיקסטן פאָרוואָרף, וואָס מען קאָן מאַכן דעם רעאַליזם, — אָבער בלויז דעם נאַאיוון, ווייל דער רעאַליזם פון אַ טאָלסטאָי, דער סינטעטישער, דער עכט־קינסטלערישער, פירט אויס גלענצנד די פונקציע פון זעעוודיק מאַכן אויך פאַר דעם אומגרייפבאַרן. נישט דעם רעאַליזם דאַרף מען באַקעמפן, — ווייל יעדע עכטע קונסט איז רעאַליסטיש. באַקעמפן דאַרף מען דעם נאַאיוון רעאַליזם, ווייל ער איז קיין עכטע קונסט נישט, ער איז דעגענערירטע, דעגראַדירטע אומשעפערישע קונסט־אימיטאַציע.

יעדע עכטע קונסט איז רעאַליסטיש, נישט נאָר, ווייל זי האָט צו טאָן בלויז מיט ווירקנדע רעאַליטעטן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זי ווערט תמיד געשאַפן דורך דער אור־רעאַליטעט פון קונסט־אינספּיראַציע. אָבער נישט יעדער רעאַליזם איז קונסט, ווייל אַמפּוטירטער, איינזייטיקער, פאַר דאָס אומגרייפבאַרע בלינדער רעאַליזם איז נאָך קיינמאָל ניט געבוירן געוואָרן דורך אינספּיראַציע.

וואַרשע, 1937

מט) קונסט און שיינקייט

וויפל טעאָריעס פון עסטעטיק דער מענטש האָט שוין געשאַפן! וויפל קלוגע און נאַרישע זאַכן מען האָט געשריבן וועגן שיינקייט, וועגן די קעגנזײַטיקע

באַציאונגען צווישן שיינקייט און קונסט! און תמיד האָלט מען פון אָנהויב, ווי ביי יעדן האַרבן ענין. זאָל זיך יעדער איינער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שטודירן די דאָזיקע פּראָבלעמען אין דינע און גראָב־בייכיקע ביכער, — זאָל זיך יעדער איינער דערמאָנען, וויפל מאָל ער האָט שוין געהאַלטן דעם אמת, ווי מען האָלט אין דער צוגעמאַכטער האַנט אַ געפאַנגען פייגעלע, און געפילט מיט אַנטציקונג דאָס לעבעדיק־וואַרעמע פּולסירן פון ענדגילטיקן אמת (ווי מען פילט מיט אַנטציקונג דאָס לעבעדיק־וואַרעמע פּולסירן פונעם געפאַנגענעם פייגעלע), און דער סוף איז געווען אויך ווי מיטן פייגעלע: אָדער עס איז אַוועקגעפלויגן, אָדער עס איז געבליבן אין האַנט אַ טויטס.

שרייבנדיק איצט אויף דער דאָזיקער קאַרדינאַלער טעמע, בין איך לחלוטין נישט אויסן צו מאַכן אַ רעוויזיע פון מיינע אייגענע אָדער פון דעם און יענעמס מינוטיקע אַנטציקונגען און שעהדיקע ביטערע אַנטוישונגען אויפן דאָזיקן געביט. נאָך ווינציקער בין איך אויסן צו שאַפן נייע טעאָריעס אָדער ווער רעדט — נייע סיסטעמען. צום גליק פעלן מיר דערצו סיי די נויטיקע מעלות, סיי די, נאָך מער נויטיקע, חסרונות. איך וויל נישט כאַפּן דאָס פייגעלע־אמת אין דער האַנט, עס באַזיצן אויף אַ מינוט און פאַרלירן אויף שטענדיק, — איך וויל עס נאָכפליען מיטן אויג אין אומענדלעכן רוים, מיטפליען און מיטפּולסירן מיט זיין פלי אין קעגנזייטיקער פרייהייט.

*

שיינקייט. נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל דאָס דאָזיקע וואָרט נישט האָבן אויף זיינע ליפּן צענדליקער מאָל. און אַ וואָרט, וואָס מען באַנוצט אַזוי אָפט, ווייסט מען דאָך זיין באַדייטונג! אָבער דאָס דאָזיקע ווייסן דויערט אַזוי לאַנג, ביז מען שטעלט זיך נישט די פראַגע: וואָס איז שיינקייט? פונקט ווי מיטן שמעטערלינג: רירסטו אים אָן — מאַכסטו אַ תל פון זיינע פאַרבן.

מיט שיינקייט איז ווי מיט מאָראַל: דאָס וואָס איז מאָראַליש פאַר איינעם איז אוממאָראַליש פאַרן צווייטן, — פאַרן צווייטן מענטשן אָדער פאַרן צווייטן פאָלק. אָבער איינס באַשטעטיקן זיי אַלע: דער מענטש פאַרמאָגט אַ זעקסטן חוש, וואָס וועגט און מעסט האַנדלונגען און יעדער באַמיט זיך צו באַקומען זיין הכשר.

דאָס זעלבע איז מיט שיינקייט. דאָס, וואָס די שיינקייט־באַגריפן זענען אַזוי פאַרשיידן צווישן מענטשן און פעלקער (און אָפילו ביי יעדן מענטשן אין פאַרשיידענע לעבנס־תקופות און פאַרשיידענע לעבנס־באַדינגונגען) באַווייזט נישט, אַז שיינקייט בכלל איז אַ פיקציע; דאָס באַדייט בלויז, אַז שיינקייט, — ווי אַלדאָס טיפסטע אין לעבן — איז נישט געבונדן אין פעסטע אויסערלעכע פאָרמען, נאָר זי הויבט אָן איר עקזיסטענץ אין מענטשנס געפיל.

*

מענטשן זאָגן: אַ שיינער הימל, אַ שיין בוך, אַ שיינע נשמה. אין פלוג זעט עס אויס אומלאָגיש, זינלאָז: ווי אַזוי קאָן מען אָנרופן מיטן זעלבן נאָמען אַזעלכע קעגנזעצלעכע זאַכן ווי „הימל" און „נשמה"? אָבער די שפּראַך, די דאָזיקע ווּנדערבאַרסטע שאַפונג פון מענטשן, פאַרמאָגט אַפילו אין אירע ראָמאַנטישע טיפענישן אַ טיפערע לאָגיק. סיי דער הימל קאָן זיין שיין, סיי אַ נשמה, ווייל זייער שיינקייט באַשטייט אין דער שטימונג, וואָס זיי רופן אַרויס ביי אונדז, ווייל שיינקייט האָט איר עקזיסטענץ אין מענטשנס געפיל, אין מענטשנס געמיט.

אַ זאַך איז שיין נישט דערפאַר, ווייל זי פאַרמאָגט געוויסע אויסערלעכע פאָרמען אָדער געוויסע איינמאָל-פאַר-אַלעמאָל פעסטגעשטעלטע אייגנשאַפטן, — די אויסערלעכע פאָרמען און די קאָנקרעטע אייגנשאַפטן קאָנען פאַר איינעם זיין שיין און פאַרן צווייטן נישט, — אַ זאַך אָדער אַ געשעעניש איז שיין דערפאַר, ווייל זי רופט אין אונדז אַרויס אַ געוויסן צושטאַנד, ווייל זי וועקט אויף אין אונדז דרעמלענדיקע געפילן און בענקשאַפטן, ווייל זי רייסט אונדז אַרויס פון דער פסיכישער מעכאַנישקייט, אין וועלכער מיר וועגעטירן ווי אויטאָמאַטן אין לעבנס-קאַמף. די אויסערלעכע פאָרמען פון טויט אויפן עלעקטרישן שטול זענען זיכער די זעלבע סיי פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי, סיי פאַרן רויבער פון לינדבערגס קינד. אָבער די זעלבע סצענע, וואָס רופט אַרויס אין אונדזער פאָרשטעלונג אַ געפיל פון עקל, פון העסלעכקייט, רופט אַרויס ביי אונדז אַ גאַנץ אַנדער געפיל פון עקסטאַטישער שיינקייט, ווען מיר שטעלן זיך פאָר דעם מוטיקן מאַרטירער-טויט פון סאַקאָ און וואַנזעטי. סאַקאָ-וואַנזעטיס אינערלעכע וועלט אויפן עלעקטרישן שטול ענדערט לגמרי אונדזער געפיל ביים דאָזיקן אַקט, און דאָס וואָס איז אין איין פאַל זינלאָז-מיאוס, ווערט אין צווייטן פאַל — הייליק-שיין. נישט קיין געפיל פון עקל האָבן מיר, נאָר אַ געפיל פון באַוווּנדערונג, פון שטאָלץ, פון בונטאַרישער באַגייסטערונג — פון שיינקייט.

*

איצט איז שוין לייכט צו באַשטימען די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן שיינקייט און קונסט.

קונסט און שיינקייט זענען סינאָנימען: קונסט איז שיין, קונסט וואָס איז נישט שיין איז קיין קונסט נישט. אָבער די דאָזיקע שיינקייט באַשטייט נישט אין געוויסע אויסערלעכע פאָרמען אָדער אין געוויסע איינמאָל-פאַר-אַלעמאָל פעסטגעשטעלטע סיטואַציעס.

קונסט מוז זיין פאָרעם-שיין? ריכטיק. אָבער די פאָרעם-שיינקייט הויבט אויך אָן איר עקזיסטענץ אין געפיל פון מענטשן. ד'אַנונציאָס „שיינע" שפּראַך

האָט געווירקט אויף זייער אַ סך לעזער אָפּשטויסנדיק (נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ פאַשיסט) דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געפונען קיין וועג צו זייער אינערלעכער וועלט, אָדער ריכטיקער: ער האָט אין איר נישט געקאָנט אַריינ־ברענגען יענע ענדערונג, וואָס שיינקייט רופט אַרויס. דערפאַר אָבער האָט דאָסטאָיעווסקי מיט זיין גרויען סטיל אַרויסגערופן דאָס געפיל פון שיינקייט, ווייל ער רייסט אונדז אַרויס ווי אַ שטורעם־ווינט פון אונדזער טאָג־טעגלעכקייט, פון אונדזער טאָג־טעגלעכער אויטאָמאַטישקייט.

איינע פון די אַמאָליקע עסטעטיק־טעאָריעס קאָן סכעמאַטיש אויסגעדריקט ווערן אַזוי: אַ לוזשע אויף דער גאַס איז אַ מיאוסע זאַך, אָבער אַ לוזשע, וואָס איז ווי „לעבעדיק" איבערגעגעבן אויף לייוונט מיט פאַרב, איז — קונסט.

צו דער דאָזיקער טעאָריע דאַרף מען צוגעבן בלויז איין באַוואָרעניש: אויב דער קינסטלער האָט באַוויזן אַריינצוגעבן אין זיין קונסט־לוזשע עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרכאַפּן אונדזער בליק, אַריינדרינגען דורך אים — דורכן דאָזיקן טויער צו דער נשמה — טיפער, עפּעס אויפוועקן דאָרט אַ בענקשאַפט, אַן אָנונג, אַ געפיל, וואָס רייסט אונדז אָפּ פון מעכאַנישן גלייכגעוויכט און צעוויגט אונדז — אין דאָזיקן פאַל איז אויך אַ קונסט־לוזשע שיין, פּונקט ווי די „שענסטע" פּרוי אין לעבן און אין דער קונסט איז נישט שיין, — אין עכטן זין פון שיינקייט, — אויב זי באַווייזט נישט די דאָזיקע קונסט.

III

וועגן דיכטער און לידער

א) די אור־צעלן פון דיכטונג

„אַנטאָלאָגיע" פון ליטווישע און לעטישע פאָלקסלידער (דיינעס). איבערגעזעצט, דערקלערט און מיט איינלייטונגען פון אוריה קאַצענעלבאָגן

קאָן מען פון פאָלקס־דיכטונג האָבן אַ גרויסן קינסטלערישן געניס (און דיער אַ סך פאָלקס־לידער פארשאַפן דעם דאָזיקן געניס), איז אוודאי גוט; אָבער — איז אויך די צייט נישט אַרויסגעוואָרפן: מען באַקומט אַ קאָנדענסירטע לעקציע פון געשיכטע און קולטור־געשיכטע, מען קומט אין אַן אוממיטלבאַרער באַרירונג מיט דער נשמה פון אַ פאָלק — מיט דער דורכשניטלעכער נשמה פון אַ פאָלק — און אפשר טאָקע פונעם מענטשן בכלל. און — חוץ דעם — קומט מען אין דער נאָענטסטער באַרירונג מיט די אוממיטלבאַרסטע אויסדרוקן פון דיכטונג, מיט די אורצעלן פון דיכטונג, מיט אירע אורשפּרינגלעכסטע קריסטאַלן, ווי זיי זעצן זיך אָפּ אין מענטשנס געמיט.

קאַצענעלבאָגנס איבערדיכטונגען פון די ליטווישע און לעטישע פאָלקס־לידער (דיינעס) זענען ווערטפול סיי ווי דיכטונג, סיי ווי אַנטפּלעקונגען פון פאָלקס־נשמות, סיי ווי באַלערנדיקער מאַטעריאַל, סיי ווי אַ באַווייז, אַז דיכטונג איז — אין תוך גענומען — נישט קיין קולטור־פּראָדוקט, נישט קיין פּראָדוקט פון אויסטערלישע יחידים, נאָר אַ נאַטירלעכע פונקציע פון מענטשנס גייסט, פונקט ווי דאָס דענקען איז נישט קיין דערפינדונג פון פילאָזאָפן.

*

אוריה קאַצענעלבאָגן האָט די ליטווישע און לעטישע דיינעס זאָרגעוודיק אָפּגעקליבן און מיט ליבשאַפט איבערגעדיכטעט.

אָרעם און מאַנאָטאָן איז דאָס לעבן פון אָרעמען פּויערים־מענטש: אָרעם אין אויסערלעכן געשעען, מאָנאָטאָן ווי עס איז דער בייט פון טאָג און נאַכט, ווי דער בייט פון די יאָר־תקופות. ער האָרעוועט פאַרן אָרעמען שטיקל ברויט, ער האָט ליב און ליידט, ער איז פול צוטרוי צו דער נאַטור און פול אומצוטרוי צו זיינע אונטערדריקער. די רייכקייט פון די דאָזיקע מענטשן ליגט אין זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען, וועלכע זענען אָבער קאַרג — הגם טרעפלעך — אין אויסדרוק. און נאָר דער קאָן ווי געהעריק געניסן די דאָזיקע פאָלקס־לידער, ווער עס נויטיקט

זיך נישט אין קיין בונטע ווערטער און לאַנגע רייד, כדי אויפּצונעמען דעם עיקר: דעם אוממיטלבאַרן צאַפּל פון מענטשלעכן געמיט.

טאָלסטאָי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מען דאַרף שוין זיין גאָר אַ שפּירבאַרער מענטש, כדי אויפּצונעמען די פּיין פון אַ געשניטענעם פיש, — ווייל געוויינלעך נעמען מענטשן אויף נאָר אַזאַ פּיין, וואָס שרייט בקולי־קולות, און פיש זענען שטום.

אויך פאָלקס־דיכטונג קאָן אויפנעמען נאָר אַ שפּירבאַר געמיט, וואָס נויטיקט זיך נישט אין שרייאיקע פאַרבן, כדי געררייצט צו ווערן.

*

דעם פויערס גורל ליגט — אַחוץ אין פּריצס — אין די הענט פונעם וועטער. צוויי פאָלקס־לידער — זייטן 36 און 37 — באַהאַנדלען די דאָזיקע גורל־פראַגע פון פויער. ווי פּשוט, אָבער אויך ווי האַרציק; סאַרא ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט נאָך זון און ווי צניעותדיק־איינגעהאַלטן אין אויסדרוק:

„שוועבט, וואָלקנדלעך,
וואָלקן שוואַרצינקע,
צו פּרייסנלאַנד.
*
מאַמע־זונעלע,
דערבאַרעם זיך
אויף אונדז אָרעמע,
מאַמע־זונעלע.
— — — — — — — — — — — —
אָט־אָ אין פּרייסנלאַנד
איז באַרג און אַקער־פעלד,
גלייך זאַמד צעשרפּעטער.
די פעלדער אונדזערע,
פון איבער בערגעלעך —
צעפּלייצטע טייכעלעך.
*
זונעלע מאַמעלע,
צו אונדזער לאַנד,
צו אונדזער לאַנד.
וואָלקנדל טאַטעלע,
נישט צו אונדזער לאַנד,
נישט צו אונדזער לאַנד.“

און אַחוץ דעם הויפּט־מאָמענט, האָט מען דאָ, אין די דאָזיקע לידער, נאָך ווּיכטיקע אויסדרוקן. אין דעם שיקן די שוואַרצע וואָלקנדלעך קיין פרייסנלאַנד ליגט נישט סתם די מענטשלעכע טבע אָנצוווייזן דעם אומגליק דעם שכנס טיר, — אין דאָזיקן איינעם אויסדרוק ליגט אַ שטיק געשיכטע פון ליטווישן אומגליק, ווען דער ליטווישער פּויער האָט געלערנט געאָגראַפיע — וועגן פּרייסנלאַנד — אויפן אייגענעם רוקן.

און די נאָענטקייט צו דער נאַטור — „וואָלקנדל־טאַטעלע, נישט צו אונדזער לאַנד, נישט צו אונדזער לאַנד״, — די מאַגישע גוטברודערשאַפט מיט דער זון, מיטן וואָלקן: מען פילט אין די דאָזיקע לידער, אַז דאָס איז נישט קיין פּאָעטישע רעטאָריק, נאָר אַ דיכטערישער אויסדרוק פון אַן אוממיטלבאַרן געפיל. און דאָס איז איינער פון די שטאַרקסטע איינדרוקן פון די דיינעס: דער מענטש שטייט דאָ נישט קיין פרעמדער קעגנאיבער דער נאַטור, נאָר ער איז אַריינגעוועבט אין איר.

הונדערטער ביישפּילן וואָלט מען געקאָנט ברענגען פאַר דער שטאַרקייט און נאַטירלעכקייט פונעם דאָזיקן געפיל, ווייל עס איז זעלטן אַ ליד, ווו דאָס דאָזיקע געפיל זאָל נישט קומען צום אויסדרוק. אָבער פאַראַן לידער, ווו דער דאָזיקער אויסדרוק רירט אונדז באַזונדערס טיף. אינעם ליד אויף זייט 28 גייט איינער זוכן אַ פאַרלאָרן שעפּסעלע. גייט ער בעטן דעם מאָרגנשטערן, ער זאָל אים העלפן זוכן, אָבער —

„פאַר זונעלע פרימאָרגן
אַ פייערל מוז איך צינדן.״

גייט ער בעטן הילף ביים אָוונט־שטערן, אָבער —
„איך מוז דער זון אין אָוונט
ס׳געלעגערל אויסבעטן.״

גייט ער בעטן הילף ביי דער לבנה, אָבער —
„פון שווערד בין איך צעשניטן
און טרויעריק איז מיין פנים.״*

איז ער געקומען צו דער זון, און זי ענטפערט אים:
„ניין טעג, אוי, וועל איך זוכן,
דעם צענטן — אויך נישט רוען.״

סאַראַ סך מיטגעפיל און ליבע עס איז דיכטעריש פאַרקערפּערט אין אויסדרוק — „דעם צענטן — אויך נישט רוען״.

* „פּערקונאַס (דער גאָט פון דונער און בליץ) אין גרויס צאָרן צעהאַקט מיט שווערד לבנהלע״.

*

און ווי בילדלעך עס זענען די דאָזיקע פאָלקסלידער! אָט זאָגט אַ פרוי אין אַ קלאָג־ליד אויף איר מאַן: „כאָטש געווען פאַר מיר אַ שיטער פאַרקנדל, דאָך פון ווינט פאַרשטעלט".

אָדער דאָסדאָזיק פירצייליק ליד:

„איך האָב ביי מיין לעבן
נישט פאַרליטן זאַמד אין שוך,
אוי ווי לייד איך, אַז אין גאַנצן
האָט מען מיך מיט זאַמד פאַרשאָטן."

ווי סובטעל דאָ קומט צום אויסדרוק דער עקל פאַרן טויט!
און ווי מייסטערהאַפט עס איז פאָלגנדעס ליד:

„איך קאָן נישט אויפשטיין, טעכטערל,
ליג איך אונטער שלעסער דריי:
געלער זאַמד באַדעקט די אויגן,
דריקט מיין ברוסט געדיכטע גראָז,
מיינע גלידער איינגעפּענטעט
האָבן וואָרצלען פון בעריאָזע."

*

מען לייענט די דאָזיקע פאָלקס־לידער און מען זעט פאַר זיך דאָס אינטימע לעבן פון די ליטווישע און לעטישע פאָלקס־מענטשן, זייער שטייגער־לעבן, זייער לעבנס־ און וועלט־אַנשויאונג; אָבער אין די דאָזיקע קליינע, פּשוטע לידער איז אויך פיקסירט זייער נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אונטערדריקונג. פּשוט, אָבער בולט. קאָנפּוואָרטיק, אָבער בילדלעך.

„היינט אויף דער לאָנקע,
פינף פרייע ברידער,
מאָרגן אונדז אַלע
קרייץ־טרעגער פאַנגען."

— איז דער אָנהויב פון אַ ליטוויש פאָלקסליד (זייט 42), דווקא איינס פון די לענגסטע; צי דאַרף מען נאָך לייענען ביכער פון געשיכטע וועגן די איבערפאַלן פון די קרייץ־טרעגער אויף די ליטווישע פּויערים? אין די דאָזיקע פיר שורות פונעם ליד איז פאַראייביקט אַ שטיק געשיכטע, וואָס נישטאָ צו איר וואָס צוצוגעבן און נישטאָ וואָס אַראָפּצודינגען — אַ נאָקעטער געשיכטלעכער אמת פול מיט קאָנקרעטן מענטשלעכן שווידער:

„איר'ט געזען, עלטערן,
ווי איך בין געבוירן,

זאָלט איר נישט אָנזען,
ווי איך וועל שטאַרבן.״

און אָט איז פאַרקערפּערט דער גרויל פון מלחמה: דער ברודערל איז אַוועק אין מלחמה, אָבער ס׳פערדעלע איז געקומען אַליין און עס דערציילט:

„איי, אייער ברודערל,
ברודערל אייערס,
אין שלאַכט דערשלאָגן, —
טויט איז געפאַלן.״
„אוי, ווי, אונדזער גאַטעלע,
גאַטעניו ליבינקער,
ווער העלפט אונדז ויינען
אויף ברודערל אונדזערס?
עס רופט אויס זונעלע
האַלב שוין פאַרגאַנגען:
איר טרויערט, שוועסטערלעך,
איך וועל אייך העלפן.
איך וועל אויף הימל
ניין טעג נישט אויפגיין,
און נאָך אין צענטן
וועט הימל כמאַרען.״

ווען איר לייענט איבער פאָלגנדע לעטישע דיינע:

„זונעלע, אַ נעפּל אויפהויבנדיק,
פאַרשטעקט זיך הינטער וואָלקן, —
רופן פּריצים צו מלחמה,
אַליין אַנטלויפנדיק קיין דייטשלאַנד״

— איז דען דאָ וואָס צוצוגעבן צו דער דאָזיקער בליצאַרטיקער, מעסער־שאַרפער אָפּהאַנדלונג?

און ווי קאָן מען צאַרטער און סובטעלער אויסדריקן דער מאַמעס ווייטיק ביים אָפּלאָזן דעם זון אין מלחמה:

„האָט אַזוי געזאָגט מיין מאַמעלע,
מיר דאָס קעפּל גלעטנדיק:
— אוי, מיין זונדעלע, ליב זונדעלע,
ווו וועסטו אַוועקפאַלן:

צי אין ליטע,
צי אויף דעק פון וואַסערל?"

פּיין קומט צום אויסדרוק אין די לעטישע דיינעס דעם פויערס באַציאונג צום דייטש, צום דייטשישן באַראָן, — פון רעזיגנירטער שרעק איבער בייסיקער איראָניע ביז שטאָלצער פאַראַכטונג:

„פּריץ, פּריצל,
שלאָג אונדז נישט ביינאַכט, —
שלאָג אונדז אין באַגינען,
ווייַנען זאָל דאָס זונעלע."
צו וואָס קומסטו, דייטש,
צו דעם פויערס חתונה? —
וואָסער טיוול גייט
אויף אַ חתונה ביי דייטשן?"
„אַי, גייט, מענטשן, אָנקוקן,
וואָסער וווּנדער אויפן פעלד, —
שלעפּן פינף קעץ אַן אַקער־אייזן,
אַקערט ווייַנענדיק אַ דייטש."
עסט דער חזיר פון דער קאַרטע,
מוז ער דאָרט אַ פּיסל אָפּטונקען,
אַז דער פּריץ טרינקט זיין וויין,
מוז ער חוזקן פון אָרעמען."

געבנדיק דעם עקסטראַקט פון זאַכן און דערשיינונגען, זענען די פאָלקס־לידער נישט נאָר שטיקער געשיכטע, נאָר אויך — שטיקער קעגנוואַרט.

*

די איבערזעצונג פון אוריה קאַצענעלנבאָגן איז מייסטערהאַפט. די שפּראַך איז אָפּגעהיט, דורכגעזיפּט, פּרעציז אין אויסדרוק און (על־פּי־רוב) אין ריטם.

בלויז פון צייט צו צייט וואַרפט זיך דורך אין די לידער אַ שורה, וואָס קאַצענעלנבאָגן וואָלט לייכט געקאָנט אויסבעסערן איר ריטם אָן שאָדן פאַר דער טרייקייט פון דער איבערזעצונג. לאָמיר ברענגען עטלעכע ביישפּילן:

„דין — דין הייבעלע,
הייבעלע ווייס,
וועסטו נאָך רוישן
אויף פרייען ווינטעלע?".

צי וואָלט נישט בעסער געווען „אויף ווינטעלע פרייען״ ?

„גיי באַגלייטן, מיידעלע,
דעם וואָס האָט פאַרבראַכט מיט דיר,
ווען דו האָסט אָוועקגעשאָנקען
דיין גרין רוטן־קרענצעלע.״

צי וואָלט נישט געווען בעסער „ווען דו האָסט אָוועקגעשאָנקען״ ?
אויף זייט 63:

„אוי, אוי, דו גאָטעלע,
מיין ליבער גאָטעלע,
ווער וועט אָנזאָגן מיין מאַמעלען ?״

צי איז דען נישט אַ סך בעסער — „ווער וועט מיין מאַמען אָנזאָגן ?״ אי ריטמישער, אי דער טראַגישער אויסלאַז פונעם ליד ווערט שטאַרקער אַקצענטירט.

אַדאַנק אַזעלכע קלייניקייטן וואָלטן אַנדערע לידער געוואָרן בעסער, בעת איצט שטערן זיי אַן אויער, וואָס איז עמפּינדלעך אויף ריטם־שטערונגען.

און נאָך עפּעס: צי באַנוצט נישט דער איבערזעצער אין יידיש צו געטריי די פאַרקלענערונגס־פאָרמען, וואָס זענען פאַראַן אין ליטוויש און לעטיש ? אין געוויסע סטראָפן שטערן דעם יידישן לייענער די פאַרקלענערונגען.

*

ווי אַזוי קאַצענעלנבאָגן קאָן איבערזעצן לידער אַפילו אין גראַמען, באַווייזט דאָס „גזלנים־ליד״ אויף זייט 194. ווי אין די מיינסטע פאָלקס־לידער (נישט געגראַמטע) פילט מען אויך דאָ נישט די איבערזעצונג. אַזוי נאַטירלעך איז די שפּראַך, דער ריטם, דער גראַם — קיין סימן פון איבערזעצערישער אָנגעשטרענגט־קייט.

ב) יהואָש*

אין דער פריער יוגנט פלעג איך אָפט מאָל לייענען יהואשעס ביבלישע און נאַציאָנאַלע לידער. נישט נאָר לייענען, נאָר טאַקע דעקלאַמירן אויפן קול, מיט געפיל, מיט טעמפּעראַמענט. די לידער האָבן נישט נאָר גערעדט צו מיינע נאַציאָ־

* צוערשט פלעג איך אין שאַנכיי שרייבן אויף יידיש און איבערזעצן אין רוסיש. דערנאָך, כדי צו פאַרשפּאָרן אַרבעט (איצט צאָל איך דערפאַר כפל־כפלים, ווייל כ׳מוז איבערזעצן אַ 1000—1200 דרוק־זייטן פון רוסיש אין יידיש), האָב איך דריי יאָר צייט געשריבן כמעט נאָר רוסיש. דאָס אַרטיקל וועגן יהואשן (געשריבן דעם 14טן מערץ 1945) איז געווען

נאָלע געפילן, — עס איז מיר אויך געפעלן געווען, וואָס איך קאָן דעקלאַמירן נישט נאָר לערמאָנטאָוון און נעקראַסאָוון, נאָר אויך אַ פּאָעט, וואָס שרייבט יידיש. דאָס באַליבטסטע ליד מיינס ביי יהואשן איז געווען זיין „ווייט פון פאָלק“.

„פון דעם גרויסן ים דערווייטערט,
„ווו די כוואַליעס שלאָגן ווילד,
„ערגעץ ליגט אַ מייערקעפּל,
„דאָך עס פילט,
„ווען די שטאָלצע וועלן יאָגן
„אין אַ מעכטיקן גאַלאָפּ —
„און דאָס קליינע מייערקעפּל
„ענטפערט אָפּ...
„לייגט עס נאָר צום אויער, הערט איר
„ווי עס הוזשעט — עס געדענקט
„זיינע אַלטע קאַמעראַדן
„און עס בענקט...

*

„ווייט פון פאָלק, פון דאָרט ווו ס׳וואָרצלט,
„פול מיט זאַפט, זיין אַלטער שטאַם,
„פיל איך ווי דאָס מייערקעפּל
„צו דעם ים...
„שטייגט צי פאַלט פון פאָלק דער דופק,
„וואַקסט זיין שטאָלץ, צי פאַלט זיין מוט,
„מיין נשמה חזרט איבער
„וואָס עס טוט...
פון זיין דענקען, פון זיין שטרעבן,
„ציטערט דורך מיין ברוסט דער שטראַל,
„און איך לעב דאָס גלות־לעבן
„פון דעם כלל...“

איך האָב נאָך דאַן נישט פאַרשטאַנען, אַזוי ווי היינט, ווי שוואַך דער דאָזיקער דיכטערישער פאַרגלייך איז אויסגעפירט; אָבער אויך היינט — און אפשר דווקא

דאָס ערשטע אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן אין יידיש, נאָך אַ לאַנגער צייט פון אילוזיע, אַז איך שרייב אויף גוייש פאַר פאַרגויישטע יידן, כדי זיי צו מאַכן פאַר יידישלעכע יידן. „איך האָב סיויוי געשריבן כמעט ווי פאַר זיך אַליין, — געפין איך אַ צושריפט צום אַרטיקל, — ווייל איך דאָס בעסער טאָן אין יידיש“.

היינט — פיל איך דאָס געזונטע דיכטערישע געפיל און די געזונטע דיכטערישע אינטואיציע, וואָס ליגן אינעם וואָרצל פון דאָזיקן שוואַך־אַנטוויקלטן געדיכט.

ווו נאָך ווי אין שאַנכיי, אין דאָזיקן דרייפאכן יידישן גלות (אין גלות צווישן די רוסישע רעזידענטן, אין גלות צווישן די דייטשע עמיגראַנטן, אין גלות צווישן די פוילישע פליטים), קאָן מען פילן די קלעמעניש, וואָס ליגן אין די שורות:

„ווייט פון פאָלק, פון דאָרט ווו ס'וואָרצלט,
„פול מיט זאַפט, זיין אלטער שטאָם,
„פיל איך ווי דאָס מייערקעפל
„צו דעם ים..." ?

ווו נאָך קאָן מען איבערלעבן דאָס דאָזיקע ליד מיט מער געפיל?

און דאָך האָט מיך איצט אַפילו דאָס דאָזיקע באַליבטסטע ליד יהואשעס געלאָזט קאַלטלעך. אין אַלע זיינע ריין־לירישע לידער, אין די ריינסטע, לויטן וואָרצל פון געפיל, איז דאָ אַ צו גרויסער תהום צווישן דאָס געפילטע, דאָס אינער־לעך געזעענע, און דאָס פאַרקערפּערטע, דאָס פאַרפּלאַסטישטע.

צו די בעסטע געדיכטן יהואשעס געהערן דווקא נישט די ריין־לירישע, נאָר אַזעלכע ווי „ספרדישע טרייהייט", וואָס איז אַ לייכט און פיין סאַטיריש געדיכט, געבויט אויף אַ צייטונגס־נאָטיץ, וואָס איז איבערגעדרוקט אלס מאָטאָ צום ליד: „ווען קעניג אלפאָנסאָ פון שפּאַניע האָט נישט לאַנג צוריק באַזוכט לאָנדאָן, האָבן די שפּאַנישע יידן דאָרטן געשיקט צו אים אַ פּאַפּיר, אין וועלכן זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז די טרייעסטע בירגער פון שפּאַניע זענען יידן, א. אַ. וו." (פון אַ צייטונג).

אויך דאָס דאָזיקע געדיכט, ווי ס'איז צו זען פון זיין מאָטאָ, איז אַקטועל אין יידישן לעבן, באַזונדערס אין שאַנכיי, ווו אַלטע זאַכן אַפילו קאָן מען נישט זאַמלען אַנדערש, ווי אונטערן שילד פון „ווינטער־הילפע" (סאַרא ליבע צום „פאָטער־לאַנד"); אָבער דער ווערט פון דאָזיקן געדיכט איז שוין נישט נאָר אין זיין געפיל־וואָרצל, נאָר אין זיין גאַנצקייט, ווי אַ לייכט אָבער שיין סאַטיריש געדיכט.

און דאָך, נישט געקוקט אויף דער נישט געלונגענקייט פון כמעט אַלע ריין־לירישע געדיכטן זיינע, איז יהואש אַ דיכטער. אָבער זיינע דיכטערישע געמיט־קנאָספּן זענען נישט געבענטשט געוואָרן מיט דער פעאיקייט פאַנאַנדערצובליִען זיך אין לידער. אין זיינע פערזן איז יהואשן באַשערט געווען דער גורל פון יענע דיכטער, וועלכע פלאָסטערן אַ וועג פאַר דער דיכטונג פון זייער פאָלק אין דער אָנהויב־סטאַדיע פון איר אַנטוויקלונג, בלייבנדיק אַליין פון הינטן. זיי טרעטן פאַר איר אויס אַ וועג, מיט וועלכן אַנדערע דערגייען ווייט־ווייט, לאָזנדיק זיי, די פּיאָנערן, הינטערשטעליק.

אָבער דער דיכטער אין יהואשן האָט זיך דאָך געראַטעוועט פון אומקום אין

זיין פּראָזע, כּמעט ווי בהיסח הדעת. אין זיין לייכט געשריבענעם רייזע־בוך „פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק" איז דאָ נישט דער ערך מער עכטע דיכטונג, ווי אין יהואשעס „געזאמלטע לידער" (1917).

און דערצו איז גאָרנישט נויטיק קיין פאַרגליידך צווישן דעם רייזע־בוך און די געזאמלטע לידער, — ס'איז גענוג צו פאַרגלייכן די פּראָזע פונעם רייזע־בוך מיט די אָפּט ארייגעטריפטע פּערזן אין אים.

יהואש האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט צו דיכטן אין פּערזן, — עס האָט אים געצויגן צו דעם, וואָס איז געווען פאַר אים נישט צוטריטלעך. און אויך אינעם רייזע־בוך זיינעם קומט צום אויסדרוק זיין דאָזיקע לײַדנשאַפט — איבערצופּו־רעמען זיינע געפילן און געדאַנקען אין פּערזן. די קאַפּיטלען פון זיין רייזע־בוך הויבן זיך אָן און פאַרענדיקן זיך נישט זעלטן מיט קורצע געדיכטלעך, זאָל זיין כאָטש מיט פיר שורות. און ווי זיי טיילן זיך על־פּי־רוב אויס צום שלעכטן פון דער פּראָזע, וואָס קומט נאָך זיי אָדער פאַר זיי!

אין ערשטן באַנד „פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק", אויף זייט 23־122, געפינען מיר פאָלגנדע פּראָזע:

„אונדזער לעצטע נאַכט אויף דער „לאַקאָניא".

„אַ שטילע לבנה־נאַכט...

„ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט גרייכן, האָבן די כוואַליעס געצאַפּלט אונטער אַ ווייסער שעמערירנדיקער נעץ...

„צוזאמען מיט דער העלקייט האָט אַראָפּגענידערט אַ גרויסער פאַרשלאָסענער סוד...

„איך און די שיף און אַלע מיינע חלומות וועגן פאָלק און לאַנד און די גאַנצע וועלט זענען אַזוי ווי אין אַ מעל־שטראָם אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן סוד, און זענען צעגאַנגען אין דער געהיימניספולער ווייסקייט, וואָס האָט אייגגע־וויקלט דעם ים פון הימל־ראַנד צו (ביז — י. ר.) הימל־ראַנד...

„איך האָב נישט געטראַכט און נישט געטרוימט פון קיין זאַך.

„דער גאַנצער ליכטיקער ים־שטח האָט געפליצט דורך מיר, האָט געטראַכט פאַר מיר און געטרוימט פאַר מיר. איך האָב ברייט די ברוסט אויפגעריסן:

— זאָל עס פליצן..."

אין דער דאָזיקער שטעלע איז נישטאָ קיין שום אָנשטרענגונג צו שאַפן פּאָעזיע, אָבער דער פּאָעטישער געפיל־קנאָספּ הויבט אָן אַנצוקוועלן אין זיין אומגעמיטלבארן אויסדרוק מיט עכטע דיכטערישע זאַפטן און מיטאַמאָל גיט ער אַ פּלאַץ אויף מיט אַן עכטן דיכטערישן קוויט:

„דער גאַנצער ליכטיקער ים־שטח האָט געפליצט דורך מיר, האָט געטראַכט פאַר מיר און געטרוימט פאַר מיר. איך האָב ברייט די ברוסט אויפגעריסן:

— זאָל עס פליצן..."

דאָס איז נישט קיין פולקאָמענע דיכטערישע וואָרט־פאַרקערפּערונג, אָבער די ליניעס פון אַ גרויסער דיכטערישער איבערלעבונג זענען זיכער דאָ. צווישן די ליניעס ליגט געפּאַנגען דאָס געפיל נישט קיין געטויטס, נאָר אַ לעבעדיקס, גרייט זיך אויסצולעבן — הגם בלויז אין אַנונג — אין אונדזער געמיט, אין אונדזער וויברירנדיקער מיטאיבערלעבונג.

אָבער די פּערז־ליידנשאַפט יהואשעס לאָזט אים נישט צורו. ער זאָגט: „זאָל עס פליִצן...״, אָבער אין דער אמתן קאָן ער נישט ביישטיין דעם נסיון פון אַריינכאַפּן דאָס פליִצנדיקע אין זיין פערזן־זיפּ.

און ער פאַרענדיקט מיט אַ געדיכט:

„עס פליִצן וואַסער־פאַלן
„פון קאַלטן שיין...
„שלינגט אַלצדינג איין
„די וואָל פון אַלע וואָלן,
„די קוואַל פון אַלע קוואַלן...
„צעפּליסן טויזנט זונען,
„ווי נישט געווען...
„ווערט זיין און זען
„ווי טוי אין זון צערונען,
„ווי טוי, וואָס פאַלט אין ברונעם״...

און דאָס מאַגישע „זאָל עס פליִצן״, וואָס האָט גענומען פליִצן אויך דורך אונדז און אין אונדז — לייענער, — איז תיכף איבערגעהאַקט געוואָרן...

נישט אומעטום איז דער דאָזיקער קעגנזאַץ אַזוי בולט, אָבער אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדער פאָרפּאַרץ איז ער דאָ אומעטום, ווו יהואש גייט איבער פון גוטער אוממיטלבאַרער פּראָזע צו פּרעטענציעזן פערז...

לאָמיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל, שוין נישט אַזאַ שאַרפן, אָבער דאָך אַ גענוג בולטן.

דאָס קאַפּיטל „נאַפּאָלי״ הויבט זיך אָן מיט אַ קליין ליד:

„האָט איטלעכער פון זיי געקושט די ערד,
„און פרייד האָט פון די אויגן זיי געטערערט:
„ליבהאַרציק לאַנד, מיר קערן אום צוריק,
וועסט אונדזער קבר זיין, ווי אונדזער וויג״...
„האָט מיך פאַרקלעמט אַ שטילער שאַרפער ווייִ...
„די אָרעמע, פאַרגונען האָב איך זיי
„דאָס גליק פון ווידערקער, דאָך ערגעץ־ווו
„געעגבערט האָט עס אין דער ברוסט: „און דו?״...

דאָס איז דער דיכטערישער אויסדרוק פון קנאה צו די אָרעמע איטאַליענער, וועלכע קערן זיך אום צוריק צו זייער היימלאַנד מיט דער אייגענער שיף, מיט וועלכער ער פאָרט צו זיין היימלאַנד. אָבער סאַראַ אונטערשייד! פאַר זיי איז דאָס היימלאַנד אַ לעבעדיקע מאַמע; פאַר אים — אַ לאַנג־פאַרשטאָרבענע, וועלכע מען דאַרף מחיה מתים זיין.

צי איז אָבער דער אויסדרוק עקוויוואַלענט צום געפיל, וואָס האָט אים אַרויסגערופן, וועלכן ער דאַרף פאַרקערפּערן?

מיט פינף זייטן שפּעטער דריקט יהואש אויס דאָס זעלבע אין פּראָזע. לאָמיר־זשע זען, צי זיין פּראָזע איז נישט צענפאַך דיכטערישער פאַר דער פּאָעזיע:

„שטונדן לאַנג שטיי איך און קוק אויף די איטאַליענער אונטן אויפן צווישנ־דעק, און איך בין זיי מקנא.

„ביי זיי איז איצט ערב יום־טוב. אַלע לוסטיק. מען זינגט און מען טאַנצט, מען ראַנגלט זיך און מען שטויסט זיך און מען פּאַטשט זיך פאַר שמחה און מען ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טאָן פאַר אויפגעראַמטקייט און אומגעדולדיקייט.

„די נאָז־לעכער שפּירן אין ווינט דעם ריח פון דער נאָענטער היימישער ערד און די אויגן צינדן זיך אָן און רוקנס, אויסגעבויגן פון שיך פּוצן, גלייכן זיך אויס, און די פּיס פון אַלטע לייט ווערן גרינג ווי ביי אַ ייִנגל...

„דער פאַרקריפּלטער „נעאַפּאָליטאַנעזע" פון די אָפּגעריסענע לאַצאַראָני וועט קלינגען אין די אויערן פון די צוריקקערנדע, ווי קלאַסישע מוזיק. און די שמאָלע פעסטיקע גאַסן, באַהאַנגען מיט צעריסענע וועש און מאַקאַראָני, וואָס טריקענען זיך אין דער זון, וועלן האָבן אין זייערע אויגן אַ גרעסערן חן, ווי אַלע ניו־יאָרקער און שיקאַגער בולוואַרן.

„נאָענט פון אַ פערטל מיליאָן מענטשן אין נעאַפּאָל לעבן פון האַנט צו מויל. און ביז נישט לאַנג צוריק פלעגן יעדן טאָג אין אַ דורכשניט שטאַרבן פון פיר ביז פינף מענטשן פון הונגער...

„גייט מען אָוועק איבער ימים אין אַ פרעמד לאַנד... לויפן די יאָרן אַריבער, און די בענקעניש פאַרציט אַ שלייער איבער דער נויט... און דער שלייער ווערט אַלץ דיקער און די אָרעמע היימישע גאַס ציט און ציט...

„אַ שלאַנג שטעקט מיט אַמאָל אַרויס איר גרינעם קאָפּ און צערייסט אַלע מיינע מחשבות:

„ו ו י פ ל היימען האָב איך?"...

צו וואָס, פרעג איך, דאַרף מען ווי אַן אַריינפיר צו אַזאַ פּראָזע, אַזאַ פּאָעזיע?

*

דאָס בוך „פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק" איז אַלט 30 יאָר. און די 30 יאָר צווישן 1914 ביז 1945 איז שקול כנגד דריי מאָל דרייסיק פון אַנדערע יאָרהונדערטן פאַר אַלעמען, אָבער באַזונדערס פאַר אונדז יידן.

און דאָך האָט דאָס דאָזיקע בוך אַ גרויסן ווערט אויך היינט. און נישט נאָר צוליב זיין דורכגענומענקייט מיטן ריח פון דיכטונג, — אויך מיט די פּראָבלעם־שטעלונגען און מיט די פּראָבלעם־לייזונגען.

יהואש איז געווען, צווישן די יידישע דיכטער פון ערשטן און צווייטן „נאָבאָר״, איינער פון די קולטורעלסטע און נאַציאָנאַלסטע. ער איז נישט געווען נאַציאָנאַל אין שמאָלן זין פון וואָרט, ווי ראָזענפעלד, נאָר אין ברייטן זין פון וואָרט, ווי ליעסין; ער האָט נישט באַזונגען בלויז דעם ווייי פון יידישן לעבן, נאָר געזוכט און געפונען לייזונגען פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

די שלאַנג האָט אין יהואשעס האַרץ אַרויסגעשטעקט איר גרינעם קאָפּ נישט נאָר ביים באַטראַכטן די אָרעמע איטאַליענער, וואָס זענען רייך מיט אַ פּאָטער־לאַנד, — זי דערפילט ביי אים אָפט די דאָזיקע פונקציע אין דאָזיקן לייכטן רייזע־בוך, און דעריבער איז דאָס בוך געבליבן פריש אויך היינט און עס געהער אפשר צו די אויפריכטיקסטע און טיפסטע ביכער, וואָס יידישע שריפטשטעלער האָבן געשריבן וועגן ארץ־ישראל.

דאָס, וואָס יהואשן איז נישט געלונגען צו געבן אין זיינע נאַציאָנאַלע און ביבלישע לידער — עכטן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, — איז אים געלונגען אין זיין רייזע־בוך.

„דורך הונדערט דורות פלעכט זיך אַ קייט און ציט מיך צו אַ ווייטן קליינעם לאַנד... הונדערט דורות רופן דורך מיינע בלוטן און איך מוז געהאָרכן...״

ווי קנאַפּוואָרטיק (דאָס גאַנצע בוך איז קנאַפּוואָרטיק, עס שוועבט נישט צו הויך און נישט צו נידעריק, עס פאַרלירט זיך נישט אין פּרטים, אָבער עס זעט דעם וויכטיקסטן פּרט, וואָס לאָזט אָנען דאָס גאַנצע) יהואש באַשרייבט דעם טראַגישן ריס אינעם נאַציאָנאַלן יידן, וואָס האָט ליב דאָס לאַנד פון זיין רעאַליטעט און עס ציט אים דאָך צום לאַנד פון זיין בלוט־מיסטעריע, וואָס איז דאָך סוף כל סוף אויך אַ רעאַליטעט.

ער מוז געהאָרכן, אָבער ווי שווער דאָס איז אים, אַזוי שווער, אַז מודה זיין זיך דעריןן קאָן נאָר אַ דיכטער, — פאַר אַ פּאַרטיי־אויטאָמאַט איז דאָס גאָר אוממעגלעך.

„דאָס האַרץ האָט גענומען זינקען, זינקען אַזוי ווי אין אַ קאַשמאַר, און די אויגן זענען געוואָרן פאַרנעפּלט...

„איך האָב מיט אַמאָל דערפילט ווי שטאַרק די פעדעם זענען, מיט וועלכע מיין נייע היים האָט מיך צו זיך געקניפּט.

„איך האָב ליב געקריגן אירע פּרעריס און אירע בערג... איר ריזיקן פּיאָנערן־גייסט, איר ברייטקייט און איר פרייהייט...

„ליבע טייער־געוואָרענע היים!... מיט ליבע וועל איך דיך דערמאָנען, און

בענטשן וועל איך דיך און בענקען וועל איך נאָך דיר, אָבער זען וועלן דיך מער נישט מיינע אויגן...

„און אפשר זענען עס די פרישע ווינטן פון דיינע פּרעיריס געווען, די וואָס האָבן די טויטע הונדערט דורות אין מיין בלוט געוועקט?

„אפשר זענען עס די שטאָלצע שפּיצן פון דיינע שניי־בערג געווען, די וואָס האָבן מיך געמוטיקט דעם רוף צו געהאָרכן?״.

דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָט יהואש אָנגעהויבן מיט פיר שורות פּאָעזיע, — אָבער ער האָט דאָס מאָל אַרויסגעוויזן גוטן געשמאַק און ציטירט יהודה הלוין אין ביאַליקס איבערזעצונג:

„כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
„כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
„כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן:
„טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס...״

און געשמאַקפול איז עס נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז שיינע דיכטונג, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דער דאָזיקער ציטאַט פּאַסט זייער גוט פאַר דעם גייסט פון יהואשעס בוך, אין וועלכן מיר זעען, ווי עס ציט אים ווי מיט טויזנט מאַגנעטן צו דער מוטערס שויס.

„פאַר די לעצטע זיבן טעג האלט איך אין איין טרינקען פון דעם בעכער פון שיינקייט און ווי זיס דער טראַנק זאָל נישט זיין, און ווי שטאַרק דער גענוס זאָל נישט זיין, ציט דאָס האַרץ די גאַנצע צייט ערגעץ אַנדערש־ווו. אָט די אַלע מאָלערישע לענדער וואָלטן מיך אין אַן אַנדער צייט און אין אַן אַנדער געמיט צען מאָל מער אַנטציקט און פאַרשיכורט.

„אָט די אַלע שטעט און מענטשן — זאָג איך צו זיך, — זענען פון אַ וועלט, וואָס איך וויל פון זיך אָפּטרייסלען, פון וועלכער איך וויל זיך באַפרייען...

„מיינע שיינקייטן וועלן זיין דאָרטן, ביי די בערג פון יהודה... זיי וועלן רעדן צו מיר אין אַ לשון, וואָס קיינער פון די מענטשן, וואָס איך זע אין אָט די אַלע שטעט, קאָן נישט פאַרשטיין. דאָס איז מיין געהיימשפּראַך. דאָס איז דער סוד, וואָס מיר האָבן צווישן זיך, איך און דאָס לאַנד פון מיינע חלומות...״

מען קאָן אָן גוזמא זאָגן, אַז קיינער פון די יידישע דיכטער איז נישט געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אינעם טרוים פון נאַציאָנאַלן משיח־קומען, ווי יהואש.

אין יהואשעס רייזע־בוך דערהערן מיר ערשט דעם שטאַרקן רויש פונעם מייערקעפל פון יהואשעס ליד „ווייט פון פאָלק״ (באַזונדערס אין 24־טן קאַפּיטל, אינעם „אַ ברייוו״, וואָס איז אַ פּאָעמע).

מיר הערן דאָס מיט דער אויסערסטער נאַטירלעכקייט, אָן אָנשטרענגונג, קורץ און פילפאַרביק. פּאַטאָס מיט הומאָר, געדאַנקענרייכקייט און שטייגער־

שילדערונג גייען האַנט ביי האַנט. מיר האָבן פאַר זיך אַ דיכטעריש־פּילבאַרן, ערנסט־אויפריכטיקן און דענקענדיקן באַאָבאַכטער.

אַט נעמט פאָלגנדיקע שטעלע:

„מיר זענען פאַרבייגעפאָרן אַן אַלטן באַרוועסן אַראַבער, וואָס האָט געפירט אַן אָנגעלאָדענעם קעמל. זיינע אבות אבותיו פון גאָט ווייסט וויפל דורות האָבן דאָ אוודאי קעמלען געטריבן און שאָף געפאשעט, און לייוונטענע ביידלעך אויפגע־שטעלט, און פאַרנאַכט האָבן זיי פייערן אָנגעצונדן און האָבן „פּיטעס" געבאַקן און דערנאָך זענען זיי קעגן די פייערן געזעסן און האָבן גערויכערט און זיך דערציילט מעשיות אין דער שטילער נאַכט.

„איך בין נאָר וואָס געקומען פון אַ וויטן לאַנד, נאָך צומאָל אַ נאַכט אין ארץ־ישראל נישט איבערגעשלאָפן, נאָך צומאָל קיין גלאָז וואַסער אין איר נישט געטרונקען, נאָך צומאָל קיין דלד־אמות אויף איר נישט געשפּאַצירט, און דאָך —

„האָב איך אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פרעמדן. איך בין געווען דער תושב און ער דער איינגעוואַנדערטער.

„דאָס געפיל פון יושר און גערעכטיקייט האָט זיך געשעמט... אָבער פון מיין בלוט האָט עס געשריגן: — נחלת אבות..."

ווי פיין און ערלעך ער פאָרמולירט (איך האָב שיעור נישט געזאָגט „ער לייזט", ווייל פּסיכאָלאָגיש לייזט ער עס טאַקע) דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. דיכטעריש און מענטשלעך. דאָס איז נישט דער געשריי פון היינטיקן „ביתריזם", דאָס איז דער קווינטעסענץ פון אַ פּסיכאָלאָגישערווירקלעכקייט. ער ווייסט אַליין, אַז ער זינדיקט קעגן יושר און לאָגיק און אויסערלעכער רעאַליטעט, אָבער דאָס בלוט אין אים, דערהיצט דורך צוויי טויזנט־יאָריקער דערציאונג, ווייסט פון אַן אַנדער רעאַליטעט.

ווי יעדער עכטער דיכטער, דעקט יהואש נישט צו דאָס טראַגישע אין לעבן, — אדרבא, ער דעקט עס אויף, ער פאַרקוקט איר אויג אין אויג.

דער דאָזיקער בלוט־אויפשריי פירט צו צוויי אויסוועגן: 1) דעם ברוטאַל רעוויזיאָניסטישן, און 2) דעם פרווו אויסצוגלייכן די צוויי רעאַליטעטן, די צוויי אמתן — יהואשעס און דעם אַראַבישן קעמל־פירערס.

אין איין בילד האָט יהואש אַריינגעפאַנגען די גרעסטע טראַגיק פון יידישן נאַציאָנאַלן אויפבוי־טרוים.

דער זעלבער אויפריכטיקער ערנסט איז אייגן אויך יהואשעס באַהאַנדלונג פון דעם צווייטן אַנגעווייטיקטן פּראָבלעם אין אונדזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג — פון דער שפּראַכן־פראַגע.

יהואש האָט ליב העברעיש, ווי יעדער טיף־נאַציאָנאַלער ייד, אין וועמענס בלוטן עס רופן הונדערט דורות, אויפגעוועקט און אויפגעהאַלטן דורך דער אַלטער עכט־יידישער דערציאונג. אָבער ער האָט אויך ליב יידיש, די אדאַפּטירטע

שפּראַך פון זיין פאָלק, וואָס איז געוואָרן מאַמע־לשון. און יהואש איז אַ דיכטער, וואָס ווייסט וועגן דער פונקציע און ווירקונג פון שפּראַך, וואָס ווייסט, אַז שפּראַך איז פאַרוואָרצלט נישט אין ווערטער־בוך, נאָר אין די טיפסטע גרונטן פון בלוט. ער באַמערקט ווי „אַ גרופּע יונגע גימנאַזיסטן" שפּילן פוטבאָל און אין דער גרעסטער היץ פון שפּיל האָט זיך קיינער נישט ארויסגעכאַפּט מיט אַ נישט העברעיש וואָרט. „דאָס איז ביי מיר געווען דער בעסטער באַווייז, אַז די שפּראַך איז זיי אַריין אין דער נשמה און איז אין זיי אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן".

אָבער ער מערקט אויך, אַז „די דערוואַקסענע מענטשן, הגם זיי רעדן העברעיש זייער פליסיק, ווייזן אַרויס אַ סך געקינסטלטקייט, אַ סך געצוווּנגענקייט...". „דאָס רוב געשפּרעכן אָדער, לכל הפחות, די יעניקע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן, זענען פלאַך און בלוטלאָז..." „ווייניק המצאות ווערן געזאָגט, און דער לעבעדיקער הומאָר פעלט אינגאַנצן... עס דאַכט זיך, אַז אַזוי שנעל ווי זיי וואָלטן נעמען רעדן יידיש, וואָלטן זיי פרייער אויפאָטעמען און רעדן אינטערעסאַנטער, האַרציקער, הומאָריסטישער..."

„אָבער עס איז ארץ־ישראל, און די מאַטערניש איז ליב. מען קוקט אויף די אייגענע קינדער און מען הערט ווי געשמאַק און ווי נאַטירלעך זיי רעדן העברעיש און עס צעגייט דאָס האַרץ פון פרייד".

נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך אַ ביאַליקשער וויץ, דערציילט דורך ארץ־ישראל־יידן. ביאַליק כאַפּט אַ מענטש אין גאַס און רופט אים צום ברעג ים, ווייט פון מענטשן, כדי אַביסל רעדן יידיש און „אָפּכאַפּן דעם אָטעם".

עס דערמאָנט זיך אויך ביאַליקס פּאָלעמיק מיט אוסישקינען, אין וועלכער ער קוקט נאָך פּעסימיסטישער (און אין אַ סך יאָרן שפּעטער נאָך יהואשן!) אַפילו אויף דעם העברעיש פון די קינדער. ביאַליק איז געווען אַ סך אַ גרעסערער דיכטער און ער האָט אַ סך מער געפילט די אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט צווישן שפּראַך און נשמה און במילא האָט ער מער ווי יהואש געפילט סאַראַ לאַנגע צייט עס דאַרף פאַרגיין ביז אַ נייע שפּראַך וואַקסט צונויף מיט דער נשמה פון אַ יחיד און אַ פאָלק.

יהואש גלויבט אויך, ווי ביאַליק, אַז „מיט דער צייט קאָן העברעיש ווערן אַזוי נאַטירלעך פאַר די איצטיקע (?! — י. ר.) איינוווינער פון פּאַלעסטינע, ווי פאַר זייערע אור־עלטערן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק".

„פון דער אַנדערער זייט טראַכט איך אָפט, וואָס פאַר אַ גרויסער טייל פון גוטער פּיאָנער־ענערגיע גייט אַוועק אויף דער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

„דערמאָן איך זיך וואָס היינע האָט ערגעץ ווו געזאָגט:

„ווען די רוימער וואָלטן געדאַרפט זיך ערשט אויסלערנען לאַטיין, וואָלטן זיי קיין צייט נישט געהאַט די וועלט צו באַזיגן..."

סאַראַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער טראַגעדיע פון דער שפּראַכן־פּראַגע עס קלינגט אין דאָזיקן גוטן היינעשן וויץ, פאַראייגנט דורך יהואשן...

און אויב שוין אָפּשאַצן ווי געהעריק די לעבעדיקסטע שטעלן פון יהואשעס בוך, קאָן מען נישט פאַרבייגיין מיט שטילשווייגן — באַזונדערס אין שאנכיי — די טרעפלעכע שטעלע אויף די זייטן 154־55, ווו מיט פיינסטן הומאָר ווערט פאַרניכטנדיק געשלאָגן א מיאוסער שטריך פון אונדזערע יידישע פילאַנטראָפּן און נאָך מער פון אונדזער יידישער געזעלשאַפט.

יהואש האָט געטראָפן אין תל־אביב, אויף אַן אָוונט פון דער העברעישער גימנאַזיע, דעם שיקאַגער פילפּאַכן מיליאָנער און פילאַנטראָפּ ר. מיט זיין פרוי.

„אַחוץ אפּלאָדיסמענטן האָט ער אויך געשאָנקען פינף הונדערט דאָלאַר אויף אַ טעניס־פּלאַץ פאַר די שילער.

„די פאָרשטייער פון דער גימנאַזיע האָבן נאָכאַנאַנד אַרומגעפּאַדעט אַרום אים, און די תלמידים האָבן אים געמאַכט אַן אָוואַציע".

„דער זעלביקער מיליאָנער און פילאַנטראָפּ... האָט צו מער ווי איין נעגער־פאַריין פון דער „יאַנג מענס קריסטשען אסאָסיאיישן" געשאָנקען די סומע פון פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, און איך צוויפל שטאַרק אויב זיינע שוואַרצע פּראָטעזשעס האָבן אים ווען עס איז געגעבן אַזאַ מין פעטע פּאַרציע כבוד, ווי די שלאַנקע שיינע בחורים פון דער העברעישער גימנאַזיע אין תל־אביב.

„ווען ער האָט באַזוכט אַ געוויסן דערציאונגס־אַנשטאַלט אין ירושלים... האָט מען זיך מער מיט אָוואַציעס נישט באַגענוגנט און מען האָט אים — געטראָגן אויף די הענט...

„צוליב דעם כבוד פון מיין מיליאָנערסקן לאַנדסמאַן וויל איך גלויבן, אַז ער האָט זיך שטאַרק געראַנגלט און אייניקע פון זיי כאַטש אַ פּאַר ציינער אויסגעבריקעט".

סאַראַ פיינער דיאַלעקטישער קנייטש: נישט דער מיליאָנער איז שולדיק, נאָר אונדזערע יידעלעך. זיי דאַרף מען אויסהאַקן ציין (ווי דעם עבד כנעני דאַרף מען צוּעגבערן אַן אויער). און דווקא נישט קיין אַנדערער, נאָר דער געפייערטער מיליאָנער־פילאַנטראָפּ גופא.

אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, נאָר א כאַראַקטער־שטריך ביי אונדז, באַווייזט מיר מיין פּראַקטיק אין שאַנכיי: די רוסישע יידן, גבירים, וועלן גיכער געבן הונדערט דאָלאַר אויף א דענקמאָל פאַרן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן אָדער פאַר אַ בילעט אויף א בענעפיס פון אַ קריסטלעכן אַנטיסעמיטישן אַרטיסט, איינגע־אָרדנט אין יידישן קלוב, איידער איין דאָלאַר אויף אַ יידישן פאַרלאַג.

און טאָמער גיבן זיי שוין דעם איינציקן דאָלאַר, טראָגט מען זיי אויף די הענט: הללויה!

אָבער אויך זיי, צום באַדויערן, פלעגן נישט אויסבריקען די ציין פון די לויבנדיקע רעפּאָרטערן, גראַפאָמאַנען און רבנים.

אדרבא, זיי פלעגן נאָך בעטן מער כבוד, און מען פלעגט זיי אים געבן...

אַפילו אַזאַ סאַרקאַסטישער פּרט האָט אויך אין יהואשעס בוך אַ בלייבנדיקן ווערט. יעדער איינער, וואָס לייענט אים, וועט אַ טראַכט טאָן וועגן זיין סביבה, וויל אומעטום, צו אונדזער שאַנד, האָבן מיר אַזעלכע פילאַנטראָפּן, וואָס היטן און באַוואָסערן אַלע פּרעמדע וויינגערטנער, און אונדזער וויינגאָרטן לאָזן זיי פאַרוועלקן...

*

דאָס רייזע־בוך יהואשעס באַווייזט יהואשן נישט נאָר ווי אַ דיכטער, נאָר ווי אַ דיכטער מיט קולטור.

אָבער יהואש איז נאָך עפּעס מער: אַ דיכטער, וואָס האָט מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן זיך מיט גרויסער, עכטער, דויערנדיקער קולטור־אַרבעט: ער האָט געשאַפן די ערשטע פולשטענדיקע און פולשטענדיק־מאָדערנע איבערזעצונג פונעם תנ״ך אויף יידיש.

פאַרליבט אין העברעיש און גלויבנדיק אין איר צוקונפטיקער ווידער־אויפלעבונג, איז ער נישט ווייניקער פאַרליבט געווען אין יידיש מיט אַ ליבע, וואָס גיט כוח אָפּצוגעבן איר העכער 20 יאָר אינטענסיווע אַרבעט. דאָס קאָן באַווייזן נאָר אַ ליבע, וואָס איז פאַרבונדן מיט גלויבן. יהואש האָט אין זיין אַרבעט און דורך זיין ארבעט געוואָרפן אַ בריק צווישן זיין טאָפּלטער טראַגישער ליבע.

די איבערזעצונג פון תנ״ך איז געוואָרן יהואשעס לעבנס־אַרבעט און זי פאַרשאַפט אים אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור אומאָפּהענגיק פון זיין היסטאָרישן פאַרדינסט פאַר דער יידישער דיכטונג און אומאָפּהענגיק פון זיין דיכטעריש און קולטורעל פיינעם רייזע־בוך.

תנ״ך־איבערזעצונגען זענען ביי יידן נישט קיין זעלטנקייט. איין איבער־זעצונג האָט אַפילו דערלעבט דעם גרויסן כבוד פאַרערט צו ווערן צוגלייך מיטן אָריגינאַל: דעם תרגום אונקולוס איז אַ מצווה צו לייענען צוגלייך מיטן העברעישן טעקסט: „אחד מקרא ושנים תרגום״. די איבערזעצונג פון הייליקן בוך איז פאַרהייליקט געוואָרן.

עס זענען אַפילו דאָ ביי אונדז איבערזעצונגען, וואָס זענען קאָלעקטיווע אַרבעטן פון דורות, ווי די מיטלאַלטערלעכע דאָמען. די חדר־איבערזעצונג האָט אַ טראַדיציע פון יאָרהונדערטער, און אַ טראַדיציע א מינדלעכע, ביז מען האָט זי אויסגענוצט פאַר שריפט־איבערזעצונגען. אַ גאַנצע רייע דורות רביים האָבן געשמידט די טראַדיציאָנעלע איבערזעצונג ביים לערנען מיט די קינדער תנ״ך,

און די דאָזיקע טראַדיציע קאָן מען מערקן — און אַמאָל אַפּילו צו שטאַרק — אין יהואשעס מאָדערנער איבערזעצונג: ער האָט געשעפּט פאַר זיין איבערזעצונג סיי פונעם טראַדיציע־קוואַל, סיי פון דער ביבל־קריטיק.

נישט איך בין באַרופן און נישט איך האָב בדעה אָפּצושאַצן פאַכמעניש יהואשעס ביבל־איבערזעצונג. איך וויל נאָר באַמערקן, אַז ווי מען זאָל אָפּט נישט אַ קרים טאָן זיך צוליב דער צו ווערטלעכקייט פון דער איבערזעצונג, וואָס צוליב דעם פאַרשווינדט דער פּאָעטישער סטיל־צויבער פון אַ סך שטעלן (קאָן דען, למשל, באַפרידיקן דיכטעריש־עסטעטיש אַ ווערטלעכע איבערזעצונג פון „על פני המים" — „אויפן געזיכט פון די וואַסערן"? אָדער „לשאול לכם מלך" — „איך צו פאַרלאַנגען אַ מלך"? אָדער „חדל ממנו" — „טו זיך אָפּ פון אונדז"? ער צאַפּט אָפּט אָפּ פון תנ"ך־לשון זיין קראַפט און מאַכט אים אַנעמיש און קינסטלעך. הגם יהואשעס איבערזעצונג קאָן אַ סך מאָל נישט אויסהאַלטן דעם פאַרגלייך־עקזאַמען מיט אַנדערע יידישע איבערזעצונגען, אַפּילו נישט מיט שלום־עליכמס צופעליקע פראַגמענטן־איבערזעצונגען פון „קוהלת"), איז יהואשעס איבערזעצונג אַ ריזיקער קולטור־אויפטו און אויף יהואשן וואַרפט די דאָזיקע טאַט אַ באַזונדערס סימפּאַטיש ליכט: ער איז געווען פאַרבונדן נישט נאָר מיט די פאַרגאַנגענע הונדערט דורות, נאָר ער האָט געטראָגן אין זיך אויך די בענקשאַפט נאָך און דעם גלויבן אין די צוקונפטיקע.

יהואשעס תנ"ך־איבערזעצונג האָט נישט קיין קלענערע היסטאָרישע באַדייטונג, ווי די באַרימטע מענדעלסאָנישע איבערזעצונג אין דייטש, — נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. מענדעלסאָנס איבערזעצונג איז באַשטימט געווען אָוועקצופירן די דערוואַקסטע יידן פון „זשאַרגאָן" און זיי דערנענטערן צו דער אויפקלערונג, ד. ה. זי איז אָביעקטיוו באַשטימט געווען צו דענאַציאָנאַליזירן די יידישע יוגנט.

דער הויפּט־טראָפּ פון מענדעלסאָנס תנ"ך־איבערזעצונג איז געלעגן אויף דער דייטשער שפּראַך, וועלכע מען האָט געדאַרפט דערלערנען אַ דאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיטן דערנעבנדיקן העברעישן טעקסט.

יהואשעס איבערזעצונג דאַקעגן לייגט דעם הויפּט־טראָפּ אויף געבן אַ מעגלעכקייט דעם יונגן ייד פון דער יידישער מאַסע זיך צו באַקענען מיט דער ביבל, ד. ה. איר אויפגאַבע איז צו נאַציאָנאַליזירן די יידישע מאַסן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זייער אַלטער קולטור. זעלבסטפאַרשטענדלעך, יהואשעס אויפגאַבע איז באַשטאַנען אויך אין קולטיווירן די יידישע שפּראַך, געבן איר אַ נאַציאָנאַלן קולטור־רוקנביין, אָבער דאָס צווייטע שטייט גאָרנישט אין סתירה צום ערשטן.

און דעם אמתן תיקון האָט טאַקע די יהואש־איבערזעצונג באַדאַרפט באַקומען

ערשט אין אַ טאָפּל־טעקסטיקער אויסגאַבע פון תנ״ך — אַ העברעישער תנ״ך מיט אַ תרגום יהואש *.

און די דאָזיקע ארבעט איז אונטערגעגנומען געוואָרן אַ יאָר פאַרן קריג: דער וואַרשעווער פאַרלאַג פון ה. בזשאַזאַ האָט באַקומען אַ באַשטעלונג פון יהואשעס יורשים ארויסצוגעבן די טאָפּל־טעקסטיקע אויסגאַבע פון תנ״ך, — אַן אויסגאַבע באַשטימט, לויט דער ביליקייט, פאַר די ברייטע מאַסן. און עס איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז דאָס דערשיינען פון דער דאָזיקער מאַסן־אויסגאַבע פון תנ״ך מיטן תרגום־יהואש, וואָלט געווען איינע פון די וויכטיקסטע קולטור־דערשיי־נונגען און אויפטוען אין אונדזער יונגער יידישער קולטור־באַוועגונג.

די דאָזיקע אַרבעט, — וואָס די טעכנישע צוגרייטונגען צו איר האָבן געדויערט העכער אַ האַלב יאָר, — איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן קריג, וואָס האָט איינגעשלונגען אויך דעם שטאַמיקסטן יידישן מאַסן־ישוב, פאַר וועלכן — אין דער ערשטער ריי — די דאָזיקע ארבעט איז געגרייט געוואָרן.

אָבער יהואשעס ארבעט וועט איבערלעבן אויך די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע, ווי עס וועט זי איבערלעבן דאָס פאָלק, פאַר וועלכן זי איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזוי פיל אומענדלעכער מי און ליבע.

שאַנכיי, 14־15 מערץ, 1945

ג) אַ דיכטער איז צוגעקומען

א. סוצקעווער: „לידער״. ביבליאָטעק פון יידישן פּען־קלוב, וואַרשע 1937

לייענט מען די לידער פון דער ווילנער גרופּע „יונג־ווילנע״, פילט מען ביי זיי עפּעס אויסערלעך־געמיינזאַמעס: זיי פאַרמאָגן לשון. זיי דאַרפן נישט קריכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט — עס איז שטענדיק גרייט אין איבערפלוס. די ווילנער דיכטער פון „יונג־ווילנע״ פאַרמאָגן רעטאָריק, אָבער נישט קיין אומבאהאָלפענע, ד. ה. א רעטאָריק נישט נאָר מיט הוילע חסרונות, נאָר אויך מיט מעלות. נישט נאָר אַן אויסדרוק פון שוואַכקייט, נאָר אויך פון קראַפט.

געוויס, עס איז דאָ אַ טיפער אונטערשיד צווישן דער רעטאָריק פון לייזער וואָלף, וואָס איז דער עיקר פאַראַדיסטיש - שפּילעוודיק באַפאַרבט, און דער רעטאָריק פון ח. גראַדע, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס, נאָכמער: מיט עטאָס. איך האָב גענומען די צוויי עקסטרעמען פון דער גרופּע „יונג־ווילנע״ (דערביי

*) ווען איך האָב דאָס געשריבן, דעם 14־15 מערץ 1945, האָב איך נישט געוווּסט, אַז אַזאַ אויסגאַבע, אונטערן זעלבן נאָמען, איז שוין דערשינען אין אַמעריקע.

מוז איך מאַכן אַ באַמערקונג, אַז וועגן לייזער וואָלפס שאַפן אורטייל איך לויט זיינע צעוואָרפענע לידער אין צייטשריפטן און צייטונגען), אָבער אויך די צווישנ־שיכטן, ווי וואָגלער און סוצקעווער, זענען פאַרשיידן אין זייער רעטאָריק: וואָגלערס איז מער אויסערלעך־דעקאָראַטיוו, סוצקעווערס — אינערלעך־פאַר־טיפט, מיט אַ געמישטן אָפּקלאַנג פון לייזער וואָלפס פּאַראַדיסטיק און גראַדעס פּאַטאָס.

*

רעטאָריק, שיינשרייבעריי איז קיינמאָל נישט קיין מעלה פאַר דיכטונג, אָבער גוטע רעטאָריק קאָן אויך זיין דיכטעריש, יעדנפאַלס ווי אַ דיכטעריש הילפס־מיטל. עס איז גאָר גוט, ווען אַ דיכטער קאָן זיך אינגאַנצן באַפרייען פון רעטאָריק, אָבער אַ דיכטער מוז זיך באַפרייען פון שלעכטער רעטאָריק.

„אויך דו...
„טרייבסט אַרויס
„דיין סטאַדע טעג אין סטעפּ פון הוילע וועלף"
איז נישט גאָר קיין גוטע רעטאָריק;
„ס'איז גוט, וואָס דו גייסט אַנגעטאָן אין קלאַנגען,
„ווען דיין גוף איז ווי אַ פּלאָקן הויל"
איז נאָך ערגערע, אָבער
„וואָס פלעכט פאַר דיר אַ תליה־שטריק פון שטערן"
איז גאָר שלעכט.

א. סוצקעווער רעדט אָפט צו פיל (פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם, וואָס ער זאָגט), אָבער ווען ער פאַלט אַריין אין בילקער אָנגעשטרענגטער מליצה, ווי די אויבנ־געבראַכטעביישפּילן (אָדער ווי די פאָלגנדע „שטאַרקע" ווערטער: „מעסערדיקע וואָר", „געדאַנקען־פינגער", „געהלפּט", „זיינע ברעמען מעסערן זיך קעגן נאַכט און ווינט") באַגייט ער אַ גרויסע עוולה קעגן זיין דיכטערישן טאַלאַנט: ער לאָזט אים אין די דאָזיקע פאַלן נישט קומען צום וואָרט. און עס זענען דאָ ביי סוצקע־ווערן אַ סך לידער, וואָס איר לייענט זיי כמעט ביזן סוף אָן אינערלעכער באַטיי־ליקונג. און מיט אַמאָל לאָזט זיך הערן די שטים פון דיכטונג. עס גיט אַ קוק אַרויס אַן עכט דיכטעריש בילד: פון דער רעטאָריק־שאָלעכץ האָט זיך אויסגעע־שיילט דער דיכטונג־קערן. נעמט, למשל, דאָס צווייטע ליד פון „ביי די טויערן פון געטאָ" (זייט 10) אַ קאַטערינשטשיק זינגט אַ ליד.

„זיבן ברידער האָט מען אויסגעמאָרדעט אין פּאָגראָם,
„דער אכטער ליגט פאַרוווּנדעט ביי אַ טויער",

אָבער נישט דאָס ליד און נישט די שילדערונג גייען איך אָן. אָבער דער סוף גיט איך א ביס ביי דער נשמה:

„אַ סטייע ברידער,
„ווי הונגעריקע וועלף, אנטלאָפן פונעם טויטנשאָס פון יעגער,
„לויפן זיך צוזאמען אין אן עיגול.
„פאַרצאַרנט, האַרט, ווי די פאַרגרויטע שטיינער —
„און איינער
„פאַרן צווייטן איז אַ שפּיגל".

אויך די דאָזיקע שורות ברענג איך נישט אלס ביישפּיל פון סוצקעווערס דערגרייכונגען — איך ברענג עס בלויז אלס באַווייז, ווי אָפט זיין דיכטונג דאַרף זיך ארויסשלאָגן פון הארטן שטיין — אָבער זי שלאָגט זיך אַרויס.

סוצקעווערס דיכטונג דאַרף אויך גובר זיין אַמאָל זיין שלעכטן געהער, וואָס לאָזט פאַרטראָגן צו פיל רעש, געפּילדער און בפירוש שלעכטע קלאַנג־האַרמאָניע. למשל:

„...ווי בלוט שטראָמט די ליבע, די פרייהייט,
„דורך שטיינערנע גרונטן, אין בונטן, און בונטער
„צעשפּילן זיך הערצער אין הילכיקן מונטער".

אָבער ער קאָן זיך באַפרייען אויך פון דעם. און אַ באַווייז דערויף איז דאָס ליד „אַ נאַכט מיט שפּינאָזען". אין דאָזיקן ליד איז דער רעש דערשראָקן געוואָרן פאַר דער מאַכט פון שטילן וואָרט. יעדע רגע דאַכט זיך, אַ אָט־אָט לאָזט ער זיך שוין ווידער הערן, דער רעש, אָבער ווידער און ווידער ווערט ער געדעמפּט פון גרויסן אינערלעכן איינהאָרכן זיך צו שפּינאָזעס אויפגעוועקטער וועלט.

דאָס דאָזיקע ליד „אַ נאַכט מיט שפּינאָזען" איז אַן אויסטערלישער עדות פון א געראַנגל צווישן דיכטונג און רעטאָריק, צווישן דער ליאַרעמדיקער פּראָזע און דעם שטילן פולאינהאַלטלעכטן, פולבילדלעכן וואָרט. די שפּינאָזע־איבער־לעבונג איז אין סוצקעווערן געוועזן אַזוי שטאַרק, ד. ה. אַזוי עכט־דיכטעריש, אַז זי האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט פאַרפעלשן, פאַרגוואַלדיקן דורך סוצקעווערס שלעכטער געוווינהייט צו רעדן אַ סך און מליצהדיק־שרייאיק. אין דאָזיקן ליד האָבן זיך צונויפגעטראָפן סוצקעווער דער דיכטער און סוצקעווער דער פילרעדער און מליצהניק — און דער דיכטער איז אַרויס ווי אַ זיגער. עס זענען נאָך דאָ רעשטלעך פונעם שלעכטן ביי סוצקעווער:

„די נאַכט, ווי אַ גדר
„פון שטערן געשפּונען, צעשיט איר געביין אויף דער ערד",

אָבער עס זענען אויך דאָ אַזעלכע שורות, ווי:

„איך שפּיר דורך די נערוון פון ביימער און גראָז דעם שאָרך״.

*

בפירוש שלעכטע געדיכטן זענען אין סוצקעווערס בוך דאָ זייער ווייניק; די גרעסטע טייל לידער זענען פון דעם מין ווי „אַ נאַכט מיט שפּינאָזען״, ווי „אידייע״ און אַ סך, אַ סך אַנדערע, ווו דער דיכטער גייט פון זיג צו זיג: פון רעטאָריק צו דיכטונג, פון פאַרמלאָזן רעש צו פאַרמרייפער געשטאַלטונג פון טיפס און שיינס.

צו די גרעסטע דערגרייכונגען אין ביכל געהער די פּאָעמע „ציפּריאַן נאָרוויד״, ווו סוצקעווערן געלינגט נאָענט מאַכן אונדז די געשטאַלט פון גרויסן פּוילישן דיכטער; די באַלאַדע „לאַשקאַ האלוב״, אַ באַלאַדע, וואָס לויט איר קאָמפּאָזיציאָנעלער גאַנצקייט האָט זי נישט קיין גלייכן אין סוצקעווערס ביכל, און „שטערן אין שניי״ (סיבירער פּאָעמע), אַן אויטאָביאָגראַפישער פראַגמענט, וואָס פאַרמאָגט גרויסע דיכטערישע מעלות: קינדישע פרישקייט פון איבערלעבונג, גוטע פאָרעם און אַ טאָן, פאַר וועלכן איך האָב קיין אַנדער באַצייכענונג נישט, ווי — פרומער.

*

די סקאַלע פון סוצקעווערס טעמאַטיק איז נאָך אין ערשטן ביכל נישט קיין גאָר ברייטע, אָבער דאָך אַ פאַרשידנאַרטיקע.

סוצקעווער האָט אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט דער נאַטור. דערויף זאָגן עדות נישט נאָר די פּרעכטיקע נאַטור־שילדערונגען אין זיין אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „שטערן אין שניי״, נאָר אַ סך געדיכטן און נאַטור־מאָטיוון אין געדיכטן. למשל: „אַ סקירדע היי״, באַזונדער די צווייטע העלפט ליד, איז גאָר מערקווירדיק לויט דעם געפיל פון פאַרבונדנקייט מיט דער נאַטור, דער דיכטער אידענטיפיצירט זיך כמעט מיט דער סקירדע היי, אויף וועלכער עס רוט זיין קאָפּ. אמת, דאָס דאָזיקע דינע, טרוימאַרטיקע געפיל איז נישט פולקאָמען פאַרקערפּערט אין די פערזן, דעם געדיכט פעלט יענע סוגערירנדיקע קראַפט, וואָס וואָלט פון דאָזיקן ליד געמאַכט אַ שעדעוור. אָבער האַלב פאַרקערפּערט צאַפּלט זיך דאָס געפיל אין די שורות און צווישן די שורות, וועקנדיק אַנונגען אין אונדז, און דאָס אליין איז שוין אויך אַ גרויסע דערגרייכונג.

שטאַרק פאַרטראָטן זענען אויך סאָציאַלע מאָטיוון. פאַראַן צווישן די דאָזיקע מאָטיוון גאָר שרייאיקע און האַלב־שרייאיקע, ווי „אָרום די פייערן״, „מיין חבר״, אָבער עס זענען אויך דאָ אָריגינעלע, פיינע סאָציאַלע לידער, אָריגינעל פאַרטראַכט און פיין אויסגעפירט. למשל: „דאָס געזאַנג וועגן הילצערנעם לעפל״, „ליטווישע פּויערים״, די פּרעכטיקע באַלאַדע וועגן „לאַשקאַ האלוב״.

אָבער צום שטאַרקסטן איז אין סוצקעווערן דער עלעמענט, וואָס מען קאָן אָנרופן — דער עלעמענט פון אידייע, פון אינערלעכער פּאַרטיפּונג.

אין זיין אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע איז דאָ אַ קליין און שיין קאַפּיטעלע „דערקענטעניש״. דער קליינער סוצקעווער לויפט צום באַרג, כדי צו זען, ווו עס ענדיקט זיך די וועלט. און צום סוף:

„קאַלטער שוידער, פויסטנדיקע (?) הענט.
„הימלראַנד — אַ צאַנקענדיקער שייטער —
„מיילנווייט איז. ס׳איז נישטאָ קיין ענד״.

אַט דער אינטעלעקטועלער, אַט דער אידייאַישער צאַפּל ציט זיך ווי אַ זיידן שנירעלע דורך סוצקעווערס ערשט געראָטן ביכל. ער גלאַנצט אינעם ליד „אַ נאַכט מיט שפּינאָזען״, ער קרעפּטיקט זיך אין „ציפּריאַן נאָרוויד״, און ער באַקומט אַן אַני מאמין־אויסדרוק אינעם גאַנץ גוטן געדיכט „אידייע״. זי קומט צו אים. סוצקעווער דערקענט זי:

„אויפגעקומען ביסטו אין מיין וואַנדער
„ליכטיק ווי אַ געטלעכע פיגור. —
„און אין צייט, ווען כ׳האָב אליין צעריסן
„ווי אַ ליד — מיין נעכטן און מיין היינט,
„האָסטו אין דער טרער פון מיין געוויסן
„אין אַ וועלט אַ נייער אויפגעשיינט״...

און די אידייע־געשטאַלט לאָזט זיך דערקענען:

„...מיין נאָמען איז אידעע,
„פאַל און קוש דעם שטויב פון מיינע טריט״...

פון אַלע מאָטיוון, וואָס סוצקעווער באַרירט אין זיין בוך, איז צום שוואַכסטן רעפּרעזענטירט דער עראָטישער מאָטיוו. די אידייע איז זייער אַן איפּערזיכטיקע געליבטע נישט נאָר ווען מען קושט זי אין די ליפּן, נאָר אַפילו דאַן, ווען מען קושט נאָר דעם שטויב פון אירע טריט...

*

אַ. סוצקעווער באַהערשט די שפּראַך (אַמאָל באַהערשט זי אים אויך...) און דעם פּערז מיט אַ סך פרישקייט און זעלבשטענדיקייט (אַמאָל מיסברויכט ער זיין זעלבשטענדיקייט און פאַלט אַריין אין בדחנישע אָפּנויגן: „לערן זיך ביי ביימער העלן מוט. בייג זיך נישט פאַר יעדן ליליפּוט״ — אַ פּאָר שורות ווי אויסגעליגן ביי אהרן צייטלינען); אַ. סוצקעווער באַוועגט זיך אינעם קליינעם ביכל אין פאַרשידענע ריכטונגען מיט נישקשהדיקער זיכערקייט, — אָבער עס איז קלאָר,

אַז ער האַלט זיך נאָך אין פורעמען, ער זוכט נאָך זיין וועג. (און הלוואי זאָל ער אים נאָך נישט האַלטן פאר אויסגעוויילט). עס שפּירן זיך ביי אים אַ סך איינפלוסן — אָבער זעלבשטענדיק באַאַרבעטע, פאַרדייעטע. עס איז שווער פאַרויסצוזאָגן סוצקעווערס ענדגילטיקן וועג — ווייל ער געפינט זיך אויף אַ פּילזייטיקן פרשת־דרכים. איינס איז אָבער זיכער: עס איז צוגעקומען אַ דיכטער, וואָס קאָן עפּעס און (צום וויכטיקסטן!) — וואָס וויל עפּעס.

ד) א. סוצקעווערס „אין פייערוואָגן" *

פאַרלאַג „גאָלדענע קייט". תל־אביב, 1952

סוצקעווער איז אַ מייסטער פון שפּראַך און פערז. ער קאָנקורירט אָפט אין זיין דאַזיקער מייסטערשאַפט מיט מוזיק.

איז דען נישט מוזיק זיין ליד „ליכט"?

„דער טל
אין טאָל —
אַ קוואַל
קרישטאָל.
און שטיל זיין קול:
טאָלטיל
טאָלטאָל". (ז. 45).

און „גלעקלעך פון קעמלען"?

„גלעקלעך פון קעמלען
„קלינגען און דרעמלען:
„רו.
„שטערן מיליאַרדן
„דעקן דעם ירדן
„צו". (ז. 62).

אָבער צו וואָס לייקענען: איך נעם אויף די מוזיק פון די אויבנגעבראַכטע (און אויך פון אַנדערע) פערזן זיינע, אָבער געזעטיקט פון זיי בלייבט בלויז מיין אויער — נישט מיין הונגער נאָך דיכטונג.

---

* דאָס איז א פראגמענט פון א רעצענזיע וועגן „אין פייער־וואָגן". די גאַנצע רעצענזיע איז בשעתו פאַרלאָרן געגאַנגען ביים פריינט משה גראָסמאַן ע"ה.

און חוץ דעם שטויסן מיך אָפּ די אָנשטרענגונגען (אין אַזעלכע לידער) צו שאַפן נייע ווערטער — אַן אָנשטרענגונג וואָס נישט תמיד גיט זיך עס איין.

„לאָמיר צעהאַלבטע, זיך גאַנצענען פאָרט" געפעלט מיר פאָרט נישט.

מיט מיין גאַנצן חוש פאַר דיכטונג, זענען מיר ליב יענע געדיכטן סוצקעווערס, ווו שפּראַך־פערז און קלאַנג־מייסטערשאַפט טרעטן נישט אַרויס סאָלאָ, נאָר זיי זענען זיך מזווג מיט טיפער דיכטערישער שטימונג, מיט טיפע, שטאַרק סוגערירנדע דיכטערישע בילדער און — געבוירט שעדעוורן פון דיכטערישער קונסט.

אינעם געדיכט „פעלדזענע שפּיגלען" (ז. 89) זענען די אויסערלעכע מיטלען סוצקעווערס נישט אַזוי שרייאיק ווי אין „גלעקלעך פון קעמלען" אָדער ווי אין „ליכט", אָבער סאַראַ דיכטונג! סאַראַ שיינקייט! סאַראַ שיינע טיפקייט!

„אויב זען ווילסטו איין מאָל די אייביקייט
„פּנים אל פּנים
„און, אפשר, ניט שטאַרבן —
„די אויגן באַהאַלט,
„דריי אַראָפּ זיי
„ווי קנויטן אין שאַרבן.
„און דעמאָלט
„אַן אין־זיך־געצונדענער,
„גיי, ווו עד היום
„דיין וואַנדערשאַפט איז ניט מסוגל געווען זי צו טרעפן —
„און גיב זיך אַן עפן
„אַנטקעגן די פעלדזענע שפּיגלען פון ירושלים".

סאַראַ מייסטערשאַפט פון בילד און סאַראַ ווירקונג. די ערשטע צען פערזן ציען אָן די שטימונג ווי אַ בויגן, געשפּאַנט ביז דער לעצטער מעגלעכקייט; און אין די צוויי לעצטע שורות גיט ער אַ לאָז אָפּ די דיכטערישע פייל, און זי טרעפט אייך גלייך אין האַרצן, אין סאַמע געמיט, און דאָס בילד בלייבט שטעקן אין אייך מיט אַ בענקשאַפט נאָך דער אייביקייט; איר זעט זי נישט אינעם ליד, איר ווייסט נישט ווי זי זעט אויס, אָבער איר פילט זי, איר גלויבט אַז מען זעט זי דאָרט, אין די פעלדזענע שפּיגלען, וווהין דאָס ליד פירט אייך מיט מייסטערהאַפטע מיטלען פון דיכטערישער סוגעסטיע.

און „אין פייער־וואָגן" זענען דאָ אַ סך געדיכטן פון דאָזיקן מין, ווו מייסטער־שאַפט פון שפּראַך און פערז בלייבט נישט קיין מייסטערשאַפט לשם מייסטערשאַפט, נאָר איז מייסטערשאַפט לשם דיכטונג.

צו די דאָזיקע געהערן אַזעלכע געדיכטן ווי „דער באַקסערבוים",

„זונפארגאנג אין צפת", „ביים דענקמאָל אין יד־מרדכי", „הירשן ביים ים־סוף" און אַ געזעגנדע צאָל אַנדערע.

צו די שענסטע געהערט דאָס ערשטע ליד פונעם ציקל „קאָמענטאַרן צו א פנים אין שפיגל":

„און ווען דו פארמאָלן דאָס בילד פון דער יידישער גאַס,
„מיט פענדזל געטונקט אין דיין זוניקן, נייעם פאַלעטער, —
„זיי וויסן: די פארבן די איצטיקע וועלן זיך שיילן.
„דאָס געוועזענע בילד מיט אַ האַק וועט באַפאַלן דיך שפעטער,
„פאַרוואונדן אזוי, אַז דאָס נייע וועט קיינמאָל נישט היילן".

אין „פייער־וואָגן" טראָגט זיך א. סוצקעווער אַלץ העכער, צו אַלץ נייע דיכטערישע דערגרייכונגען.

ה) „אין מדבר סיני"

א. סוצקעווער: „אין מדבר סיני". פאַרלאַג פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, 1957

אויב דיכטונג איז די לעצטע קלאַרקייט וועגן מענטשן און זיין וועלט (און איך גלויב אז דאָס איז אזוי), איז וואָס קלאָרער זי איז, אַלץ גרעסער איז זי; וואָס קאָנצענטרירטער איר בילד, וואָס בליציקער זי שניידט זיך איין אין געפיל און געדאַנק, אינעם געמיט פונעם מענטשן, וואָס ווירקזאַמער איר בליצאַרטיקע באַלויכטונג פונעם מענטשנס לעבן (אויף אויסן און אינעווייניק), אַלץ פערפעקטער איז זי.

געמאָסטן מיט דער דאָזיקער איינציק־ריכטיקער מאָס (איינציק, יעדנפאַלס, פאַר מיר), האַלט סוצקעווער אין רעכטן מיטן פון זיין דיכטערישן וווקס.

זיין לעצט בוך „אין מדבר סיני" פאַרמאָגט אַ שפע פון רייפער, גרויסער דיכטונג.

דאָס בוך טראָגט דעם נאָמען פון דער פּאָעמע, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „גאָלדענער קייט", געשריבן אונטערן איינדרוק פון דער סיני־עפּאָפּייע.

די סיני־אַקציע האָט פאַרמאָגט גענוג לעגיטימען שטאָף נישט נאָר פאַר פובליציסטישער רעטאָריק, נאָר אויך פאַר גרויס־דיכטערישע אַסאָציאַציעס פון אומגעהויערן היסטאָרישן פאַרנעם. דריי טויזנט־יאָריקע אָפּקלאַנגען פון אַן אור־אַלטער געשיכטע! ווידער די מצרים (נאָך אַזאַ אומוועג! — פּערציק יאָר מדבר, מתן־תורה, דעראָבערונג פון א צוגעזאָגטן לאַנד, דוד המלך, די חשמונאים,

אומצאָליקע — אָפּט מאָל גייסטיק־רומרייכע — גלותן, ווידערגעבורט פון אַ יידישער מלוכה), ווידער אין מדבר סיני מיט זיין הייליקן באַרג, ווידער דונערן און בליצן און אַ פרישער דור נעשה־ונשמעניקעס, — דער קאָפּ פאַרדרייט זיך ממש פונעם אַרויפקוקן צו אַזאַ הויך!

מען האָט נאָך אַפילו פּובליציסטיש נישט אויסגעשעפּט די היסטאָרישע אָפּקלאַנגען, וואָס האָבן זיך דערוועקט אין אונדז ביי דער דאָזיקער טאַט, בפרט דיכטעריש. דער גרויסער דיכטערישער עפּאָס אויף דער דאָזיקער טעמע (פון ביאַליקס „מתי־מדבר״־פאַרנעם) איז נאָך נישט געשריבן געוואָרן, אָבער סוצקעווערס „אין מדבר סיני״ איז מער ווי אַן אַדערויף. די טיפסטע היסטאָרישע עכאָס, די צאַרטסטע היסטאָרישע אַסאָציאַציעס האָבן אין דער דאָזיקער קליינער פּאָעמע געפונען אַ ראשי־פּרקימדיקן אויסדרוק פון ריינסטן דיכטערישן טאָן.

ווי צאַרט עס איז דער פּערז, ווי וואַרעם ער פּולסירט מיט לעבעדיקע געפיל־וויבראַציעס, ווי קלאָר בדרך כלל די בילדער, ווי טיף און דין דער עמאָציאָנעלער אויפבראָויז:

„די טרער די בענקענדיקע אויף מיין וויע
איז אַלט ווי דו. פון דור המדבר שטאַמט זי...
אַ גאָט מיין גאָט, מיט וואָס בין איך דאָס זוכה,
אַז איך, ביז האַלדז פאַרקנאָטענער אין גושן,
זאָל קומען צו דעם אָפּקלאַנג פון אנכי,
זאָל קומען ווו די פליגל דיינע רוישן״.

ווי קלאָר, ווי בליצאַרטיק די בילדער, ווי דורכריזלענדיק (ביזן מאַרך פון די ביינער) זייער ווירקונג.

„האָסט אויפגעוואַכט אין סיני, אל נקמות
— — — — — — — — — — — — — —
צעטראָטענע ווי שפּילצייג אונטער זוילן —
צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פּחד.
און אויף די ליפּן גליען דיינע קוילן.
און מיט די קינדער ביסטו זיך מתייחד!״

ווי שורות פון משהס „אָז ישיר״ ביים ים־סוף, — „און אויף מיין רוקנביין לויפט דורך אַ ציטער״ (אַ שורה פון „אין מדבר סיני״), אָבער נישט נאָר פון די פּאָר ציטירטע שורות, — אויך פון אַ סך אַנדערע.

„טו אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה.
טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.
אַצינד איז דאָ די צייט פון מתן־גבורה.

די שטילקייט איז אַ תהום. אַ תהום פון בענקען,
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
ווי ס׳וואַלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פון די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אָוועק די שנאה.
פאַרשנייד אויף ס׳נייַ א בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!״

ווען איר ענדיקט אָט די קליינע פּאָעמע, וואָס איז אַזוי אָנגעלאָדן (אָבער נישט איבערגעלאָדן) מיט דעם הויך פון אַ שלל אוראַלטע אַסאָציאַציעס פון אונדזער אוראַלט־נייער געשיכטע, קערט איר זיך ווידער אום, נישט ווילנדיק, צו דעם ערשטן דורכגעמענדיקן אַקאָרד פון אָט דער פּאָעמע:

„די טרער די בענקענדיקע אויף מיין וויע
איז אַלט ווי דו, פון דור המדבר שטאַמט זי.״

ווייל פונקט ווי אויף יעדן לייענערס רוקנביין „לויפט דורך אַ ציטער״ ביי אַ סך שטעלן פון דער פּאָעמע, פון איר גאַנצער אַטמאָספער, אַזוי באַוויזט זיך אויף יעדן לייענערס וויע די בענקענדיקע טרער וואָס שטאַמט פון דור המדבר...

*

די קליינע פּאָעמע „אין מדבר סיני״ איז דאָס גרעסטע און שענסטע געדיכט אין דער דאָזיקער נייער לידער־זאַמלונג סוצקעווערס. זי שטעלט אין שאָטן אלדאָס איבעריקע (און אַ טייל שוואַכע לידער האָבן זיך ווי צוגעטוליעט אין איר מעכטיקן שאָטן, אין איר שוץ), אָבער זי פאַרמאָגט אויך נאָך שיינע, טיף־רירנדיקע לידער. מען קאָן לאַנג נישט פאַרגעסן דאָס געדיכט „שפּילצייג״, וואָס נאָך צוועלף שיינע שורות שליסט עס זיך אָפּ מיט נאָך פיר, וואָס צינדן אָן דעם גאַנצן האָריזאָנט פון אונדזער לעבן מיט אַ בילד, וואָס קאָן שוין אין אונדז נישט אויסגעלאָשן ווערן:

„האָב זיי ליב דיינע קליינע בת־מלכהס,
איך געדענק אַזא טאָג — וויי און ווינד —
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד״.

און ווי שיין עס איז דאָס ליד וועגן אריה מערזער, וועלכער זיצט אין צפת און קלאַפּט אויס אין קופּער אונדזער שטעטלשן עבר.

אגב, סארא דין־דינע זאך דיכטונג איז; ווי געהיימנישפול עס זענען אירע וואָרט־ און קלאַנג־צירופים. אַט לייען איך אינעם געדיכט וועגן מערזערן:

„...מיטן קלאַנג פון העמערל אין קופּער —
עס קומט דאָ די פאַרגאַנגענהייט צו גיין".

און איך דערפיל ווי איבעריק עס איז דער „עס" ביים אָנהויב פון צווייטן ציטירטן פערז; דער „עס" איז דאָ איבעריק, אומנויטיקער וואָרט־פּוילשטאָף, א שטער פאַרן פלוס פונעם עכטן ריטם פון דער שורה. ווער עס האָט אַן אינערלעכן געהער פאַר דיכטונג, וועט דערפילן ווי שטאַרקער, ווי סוגעסטיווער עס איז די אויבן ציטירטע שורה אָן דעם „עס".

און ווי שיין עס איז דאָס ליד „פּרץ מארקיש". אַט איז דעם לידס אָפּשלוס:

„און כ'האָב דערזען דיין טרער אין קייטן,
ווען ס'איז אַוועק אַהיים דיין טרער — — —
ווו ביסטו, חבר? — זינג דעם אמת!

פון קבר זינג מיט פרייען מויל:
איך האָב דיר, לאַנד, געשאָלט פּאָעמעס
און האָסט צוריקגעשאָלט א קויל".

און דאָס גאנצע ליד שפּילט זיך אָפּ ביים געזעגענען זיך פון די צוויי פּאָעטן ביים פּושקין־דענקמאָל, ווו מארקיש דערזעט, אין סוצקעווערס וויזיע, ווי אלעקסאַנדער פּושקין

„פאַרשטעלט אין בראָנז אַ הייסע וווּנד".

דער דיכטער זעט סימבאָליש אין פּושקינס הייסער ווונד — זיין אייגענע.

און דאָס ליד „ניינטע סימפאָניע"? (די יידישע ניינטע סימפאָניע):

„עס ווייגען די פידלען מיט קלאַנגען צעגליטע...
נאָר איך האָב אין כוואַליקע פידלען דערהערט
אַ שטים פון דער ליטע:
— יידן, שטייט אויף צו דער שחיטה".

ווי וויזיאָנעריש סוצקעווערס פערז איז געוואָרן! אמת, די אויגן גליטשן זיך אויך איבער שורות (עטלעכע מאָל אפילו „אין מדבר סיני"), נישט דורכלאָזנדיק זיי צום געמיט, נישט אָפּרופנדיק זיך אויף זיי מיט קלאָרער וויזיע; עס שפּרינגט אָפּ פון דיר פון צייט צו צייט אַ נישט פּאַסיק וואָרט (צוליב אַ גראַם: „ווילנע" — „שטשעפּעטילנע"; „סאָליע" — „אַ וואָליע"), אָבער דאָס זענען אויסנאַמען צווישן אַזויפיל וויזיאָנערע שורות און זינגענדיקע לידער.

אינעם ליד „תפילה צו זיך אליין" (ז. 73), איז דאָ א שורה:

„און מיינע אויגן, איבערפול מיט זינגענדיקער זעאונג״.

ווי ריכטיק דאָס איז פאַר סוצקעווערס בעסטע לידער. זיי זענען ווי זינגענ־דיקע זעאונגען, אַ מין פּלאַסטישע מוזיק אָדער מוזיקאַלישע פּלאַסטיק.

די בענקענדיקע טרער, וואָס שטאַמט פון דור המדבר, איז נישט נאָר איר זעט זי, נאָר זי קרייזט אין איך ניגונדיק אָן אויפהער, ווי אַ „פאַרשטראָמטע נאָדל״, לויט סוצקעווערס אַן אויסדרוק.

ו) ווי דער קעניג מידאַס

א. סוצקעווער: „אָאַזיס״. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1960

ווען איך האָב באַקומען סוצקעווערס לידער־בוך „אָאַזיס״, האָט עס מיך געטראָפן ביים לייענען סוצקעווערס פריערדיקן בוך — „אין מדבר סיני״, וואָס איך לייען אים פון צייט צו צייט, דער עיקר צוליב זיין עיקרדיקן ווערק דאָרט, „אין מדבר סיני״.

איך לייען עס אָפט און מאַך אָפט קליינע אַנטדעקונגען, ווי, למשל: „אין מדבר סיני״ האַלט בלויז צען האַלבע זייטלעך און דאָך האָב איך תמיד דעם איינדרוק, אַז עס איז אויך אַ כמותדיק גרויס ווערק. ווי עס ווייזט אויס, זענען דאָ נישט נאָר צוויי מינים צייט — (די געוויינלעכע, זייגערדיקע, און די פּסיכאָלאָגישע, וואָס ביי איר קאָן אַ זייגערדיקע מינוט אויסזען ווי אַ שעה אָדער אַפילו ווי אַן אייביקייט), נאָר אויך צוויי מינים שטח: פינף זייטלעך אָדער צען האַלבע זייטלעך דיכטונג קאָנען פאַרקומען אַמאָל ווי אַ גאַנץ גרויס בוך.

פאַראַן אינעם בוך „אין מדבר סיני״ שיינע לידער, אומפאַרגעסלעכע לידער, ווי למשל: „זיי ווערן גראָ די געטאָ־פּאַרטיזאַנען״, „שפּילצייג״, און אנד., און דאָך שטייען זיי אַלע אין שאָטן פון דעם צענטראַלן ווערק אין דאָזיקן בוך, לויט וועלכן עס טראָגט זיין נאָמען: „אין מדבר סיני״. דאָס איז דער רוקנביין פון בוך. און יענץ בוך איז געווען פאַר מיר אַ סך אַ גרעסערער אָאַזיס ווי דער איצטיקער, וואָס האָט אויך שיינע לידער, אָבער עס פעלט אים אַ חוט־השדרהדיק ווערק. דער אָאַזיס איז דאָ צו ווייניק באַשאָטנט, און דער קוואַל זיינער איז צו דין־שטראָמיק, צו קנאַפּ־שטראָמיק...

„אָאַזיס״ איז אינגאַנצן מיט אַ צען זייטלעך ווייניקער ווי „אין מדבר סיני״, און סאַראַ אונטערשייד אין געפיל, אין דער איבערלעבונג, אין דויערנדיקן איינפלוס. הגם איך האָב זייער ליב סוצקעווערס אַרט שאַפן און זיין דיכטונג איז פאַר מיר על־פּי־רוב בלענדיק (אַ וואָרט וואָס סוצקעווער האָט אַזוי שטאַרק ליב און נוצט

עס אַזוי אָפּט), דאָך ספק איך צי דאָס בוך וועט זיין אזא שטאָם־גאַסט אויף מיין טיש ווי די פריערדיקע ביכער זיינע.

*

סוצקעווערס בלענדנדיקע (אָדער ווי ער זאָגט: בלענדיקע) ווערסיפיקאַציע איז אין דאָזיקן בוך ווי אַ צו־רייפע פרי. עס קומט, דאַכט זיך, דעם דיכטער אָן שוין צו לייכט, ווי זי וואָלט געקומען פון זיך אַליין, אָן געבורט־ווייען.

פון איין זייט איז דאָס גוט, ווייל דאָס שטערט דעם לייענער צו פילן, צו „זען" די אַרבעט אויף דער פאָרעם; אָבער פון דער צווייטער זייט פאַרלירט צייטנווייז דער דיכטער די באַוווסטזיניקע קאָנטראָל אויף דער פאָרעם (און במילא אויך אויפן אינהאַלט) פון זיינע לידער.

אויב עס איז ריכטיק, ווי איך האָב אַמאָל געשריבן, אַז די שפּראַך פון דיכטונג דאַרף זיין אַזוי דין, אַז מען זאָל זי קוים באַמערקן אין ליד, זי זאָל וואָס ווייניקער זיין אַ צווישנוואַנט צווישן דער דיכטונג און דעם לייענער, און וואָס מער אַ דין דורכזיכטיק הייטל, וואָס איז נישט קיין מחיצה צווישן זיי, צוליב איר דינקייט און דורכזיכטיקייט, — אויב דאָס איז ריכטיק, דערנענטערט זיך סוצקעווער אַלץ מער און מער צום דאָזיקן אידעאַל פון דיכטערישן וואָרט. אָבער וואָס מער ער דערנענטערט זיך צום דאָזיקן אידעאַל, אַלץ מער וועט ער דאַרפן אַכטונג געבן ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן, ווי אויבנגעזאָגט, צוליב דער לייכטקייט מיט וועלכער דאָס ליד קומט אים אָן.

פון סוצקעווערן זינגט זיין דיכטונג אַרויס — עס זינגט פון אים ווי אַ קוואַל וואָס קוואַלט, פליסט און זינגט אָן אויפהער. יעדע מינוט. און עס זענען ביי אים דאָ לידער, וואָס זענען ווי אויפגעכאַפּטע מינוטן פון דיכטערישער שטימונג. נישט קיין אויסגעפורעמטע דיכטערישע אָרגאַניזמען, נאָר איינצלנע דיכטונג־צעלן.

סוצקעווער איז ווי דער קעניג מידאַס, וואָס אַלץ צו וואָס ער פלעגט זיך צורירן, פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלד. אַלץ צו וואָס סוצקעווער רירט זיך צו, ווערט פאַרוואַנדלט אין געזאַנג, אַמאָל אין טיפערן, אַמאָל אין לייכטערן, אָבער תמיד אין מעלאָדישן.

סוצקעווער געהער צו אונדזערע זינגעוודיקסטע מוזיקאַלישע דיכטער.

ביים לייענען דאָס בוך „אָאַזיס" האָב איך זיך אָפּט דערמאָנט אין פערזן פון סוצקעווערס ליד פון זיין פריערדיקער לידער־זאַמלונג — „פּאָעזיע":

שפּאַלטן אַ גראָז ווי אַ מילגרוים און טרינקען,\
לאָזן די גלידער פאַרשווימען אין לידער\
ביז דיינע לידער אויף ס'ניי ווערן גלידער —\
אָט צוליב דעם ביסטו, יינגל (מייסטער — י. ר.) באַשאַפן.

ריכטיק. אָבער סוצקעווער דאַרף געדענקען אַ פּאָר פריערדיקע וווּנדערלעכע פערזן פון דאַזיקן ליד „פּאָעזיע":

דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מען זאָל נישט זען קיין סימן פון די פינגער.

אין דאַזיקן לידער־בוך (מער ווי אין פריקן) זעט מען סימנים פון די פינגער. אויף זייט 52, אינעם ליד „מירטנוואַלד", למשל, זענען די ערשטע און דריטע שורות פון ליד געגראַמט אַזוי:

פאַראַן אַ וואַלד, אַ מירטנוואַלד, אַנטקעגן צפת, ביים וואדי — — —
אנטזיגלט מיט אַ קוש און בין פארנאכט אַריין לבדי.

„לבדי" גראַמט זיך זייער גוט מיט „וואָדי". אָבער די צרה איז וואָס „לבדי" איז נישט קיין געזעצלעכער העבֿרעיזם, נאָר אַ העברעיש וואָרט, וואָס איז דאָ געקידנעפּט געוואָרן פון העברעישן ווערטערבוך צוליב אַ גראַם...

אינעם ליד „דער וועג צום גן־עדן" ווערט געגראַמט:

אַריינגעזויפּט האָט דער געוואַלטיקער האַלענדער
און אָט איז פאַראייביקט זיין חלום דער...

אַ צו־ביליקער גראַם פאַר אַזאַ מייסטערהאַפטן און שפּילעוודיק־זינגענדיקן דיכטער־ווערסיפיקאַטאָר... מען זעט דאָ דעם שטאַרקן דרוק פון די פינגער; ס׳איז אַזש געבליבן אַ שיניאַק...

דער פיר־צײלער אויף זייט 58 איז צו אַרטיקלדיק פאַר סוצקעווערס דיכטונג! גראָד ביי אים, וואָס איז בדרך כּלל ווייט פון פּובליציסטיק, ביי אים, ביי וועמען דאָס וויזיאָנערע נעמט שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָל, לאָזט זיך דאָס שפּירן ווי אַ שאַרפער דיסאָנאַנס. דער פיר־צײלער הייסט „קאָנטראַסטן":

כ׳האָב געזען ווי עס טויט זיך אַליין אַ סקאָרפּיאָן,
ווען ער האָט נישט קיין אויסוועג פון גראַזיקן פייער.
און אַ תּלין, וואָס האָט נישט קיין האַרץ דאָס צו טאָן —
אים איז, נעבעך, דאָס ביליקע לעבן צו טייער.

*

נישט אַלע לידער פון דאַזיקן בוך (פון קיין און קיינעמס בוך) רעדן צו מיר, צו מיין געפיל און פאַרשטאַנד (צום בעסטן האָב איך ליב לידער וואָס רעדן צו ביידע, אי צום פאַרשטאַנד, אי צו דער פאַרשטעלונגס־קראַפט), אָבער עס זענען דאָ פּרעכטיקע לידער, וואָס מען קאָן זיי לייענען אַ סך מאָל (און כ׳האָב אַזוי געטאָן). צו אַזעלכע געהערן די לידער אויף זייט 84 „ריטעם" און אויף זייט 36

„דאָס רויטע פּיסל". „ריטעם" איז אַ שלימותדיק ליריש ליד, ווו אַ טיף געפיל ווערט לייכט אויסגעהאַמערט און אַריינגעהאַמערט אין קרייזלויף פון אונדזער בלוט, און „דאָס רויטע פּיסל" איז אַ דערציילעריש ליד פון גרויסער קראַפט און פּלאַסטישער שיינקייט.

„די באַלאַדע פון זעקסטן פינגער" (זייט 33) איז ערטערווייז אויך גאַנץ שיין, באַזונדערס אַזאַ פאַרגלייך ווי

אַ בלויער פּוקסנעק
פאַרשאַרט אין שניי די האַלאָוועשקעס
פון אויסגעברענטער זון.

אָבער אַזאַ שורה ווי „אַ פּאַטש אין באַק פון דער נשמה" איז אַביסל צו שלעכטע פּראָזע פאַר דער דאָזיקער קליינער פּאָעמע און זי פּאַריאָגט דעם צויבער פון סוצקעווערס צאַרטער דיכטונג. און חוץ דעם: נאָכן לייענען דאָס דאָזיקע ליד ביי אַ צענדליק מאָל, ווייס איך נישט וואָס צו מאַכן מיטן סוף, וואָס איך בין טויב און בלינד צו אים.

מען וואָלט, נאַטירלעך, געקאָנט אויסטיילן נאָך גוטע לידער און שיינע שורות, ווי אויך שלעכטע שורות און שוואַכע לידער, אָבער דאָס שטייגט ווייט אַריבער די אויפגאַבע פון אַ רעצענזיע.

דער סך־הכל פון מיין אָפּשאַצונג:

אין אַ באַנד געזאַמלטע לידער סוצקעווערס וועלן נישט אַלע לידער פון דער דאָזיקער זאַמלונג אַריינגענומען ווערן, און זיי וועלן נישט פאַרנעמען דעם אויבנאָן ווי דאָס גרויסע ווערק (אין איכות) „אין מדבר סיני", אָבער דער קומענדיקער קריטיקער פון סוצקעווערס לידער וועט אויך אין דאָזיקן באַנד געפינען מאָטיוון און וויזיעס, וואָס וועלן דינען ווי ציגל פאַרן אויפבוי פון סוצקעווערס דיכטערישער געשטאַלט.

ז) סוצקעווערס „גייסטיקע ערד"

א. סוצקעווער: „גייסטיקע ערד", אָריגינאַל־האַלבשניטן — א. קאַלניק. פאַרלאַג „דער קוואַל", ניו־יאָרק, 1961

סוצקעווער האָט זיך טיף פאַרוואָרצלט אין ישראל. אין איר גייסטיקער ערד און אין איר פיזישער. זיין טאַלאַנט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם באָדן און זיין דיכטונג וואַקסט, בליט און טראָגט היימישע פּרוכט.

דער לעצטער שניט — די פּאָעמע „גייסטיקע ערד".

*

„מדבר סיני" איז אַ מעכטיק ווערק וועגן איין גראַנדיעזער געשעעניש; „גייסטיקע ערד" איז אויך אַ גרויס ווערק וועגן איין גראַנדיעזער געשעעניש (די געבורט פון מדינת ישראל), אָבער דער צוגאַנג איז נישט קיין דירעקטער, נאָר אַן אומדירעקטער, וואָלט איך געזאָגט: דער דיכטער איז דאָ ווי אַ בין, וואָס פליט אַרום איבער אַ פעלד און זאַמלט אַ טראָפּעלע נעקטאַר דאָ און אַ טראָפּעלע נעקטאַר דאָרט, — ער באַזינגט די אַטמאָספער פון דער גרויסער געשעעניש, ער באַזינגט אירע אַטאָמען, פון וועלכע זי איז אויסגעבויט געוואָרן.

„מדבר סיני" איז אַ מעכטיקע סטאַטוע, אַ גראַנדיעזער מאָנומענט; „גייסטיקע ערד" איז אַ זאַמלונג פון איינצלנע מעלאָדיעס, פון איינצלנע טענער אפילו, וואָלט איך געזאָגט, וואָס איר שפּירט אַרויס די אַטמאָספער פון זייער גאַנצקייט. „מדבר סיני" איז אינגאַנצן סקולפּטור־אַרבעט; „גייסטיקע ערד" — מוזיק. עס איז לייכטער צו זען די גרויסקייט פון „מדבר סיני" ווי פון „גייסטיקער ערד".

דער סימבאָלישער גאָלדשמיד אין דער פּאָעמע, וואָס שמידט אויס אין אַ גאָלדענעם בעכער זיין חלום (פון אַ יידישער מלוכה), איז דער סימבאָל אי פון אַ דור, פון די „בני אור" (אַן אַלוזיע צו די געפונענע מגילות ביים ים המלח), וואָס האָבן אויסגעקעמפט דאָס לעבן פון ישוב, וואָס האָבן אים געבויט מיט זייערע לעבנס, ווי די פּיטשינקע קאָראַלן בויען זייערע אינדזלען, און ער איז אויך אַ סימבאָל פונעם פּאָעט, וואָס שמידט איבער אָט דעם אויסגעשמידטן חלום אין אַ פיליגראַנישער פּאָעמע.

*

אָט דער גילדענער סימבאָל־בעכער פונעם דיכטער איז אויסגעשמידט דינטשיק־דיק, לופטיק, אָפט קוים אָנצוטאַפּן, און דאָך:

„און ס'וואָרט, וואָס אַלע דיכטער נוצן: אייביק —
„איז קיין מאָל נאָך מסתמא נישט געווען אַזוי באַגלייביק".

איבער די לופטיקע, פריי־פליענדיקע (פון בלום צו בלום) סטראָפן שוועבט אַזאַ מין סובסטאַנץ פון אייביקייט, ווייל ווי קליין עס זאָל נישט זיין דער פּרט, איז עס אַ פּרט פון דעם געשמידטן גאָלדענעם בעכער, איז ער אַ קליינער חלק פון אַן אייביקייט.

*

דער אַריינפיר צו דער פּאָעמע טראָגט דעם נאָמען „אויפן ים, ביים געבורט פון לעגענדעס".

געראַטעוועטע פון די לאַגערן, די אמתע שארית הפליטה, פאָרן קיין ארץ־

ישראל. זיי פירן עפּעס מיט — דעם נעכטן. („און אַלע זעען דעם געהיימען פּאַסאַזשיר: דעם נעכטן״).

דער צווייטער טייל הייסט „די סאַברעס בליען״.

איר קאָנט עס פאַרשטיין — ווי יעדן סימבאָל — פאַרשיידן: דאָס קאָנען זיין אי די סאַברעס אונדזערע, וואָס בליען און מיט זיי צוזאַמען בליט אויף די מלוכה; אָבער דאָס קאָן אויך באַדייטן „די קאַקטוסן בליען״, ווייל סוצקעווערס דיכטונג האָט זיך שוין אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אינעם לאַנד, אַז ער נעמט שוין דיכטעריש אויף די פאַרבן און דאָס דיכטערישע געמעל פון די בליענדיקע קאַקטוסן; ער שפּירט שוין נישט נאָר די גרויסע געשעענישן, נאָר אויך די קליינע פּרטים פון דער לאַנדשאַפט, דעם אַראָמאַט פון רעגנדיקע וועטערן און אַזוי ווייטער.

דער ווייטערדיקער קאַפּיטל הייסט „אַ חלום פון אַ גאָלדשמיד״. און די פּאָעמע ווערט געשלאָסן מיט אַן „עפּילאָג״.

ווי געזאָגט, איז אָט די פּאָעמע נישט קיין דערציילערישע, ווי „די געהיימשטאָט״, און נישט קיין מאָנומענט פאַר איין גראַנדיעזער געשעעניש. די געבורט פון דער מלוכה, דער קאַמף פאַר איר ווערט געגעבן פאַרבייגייענדיק, מיט קליינע פּרטים, וואָס איר קאָנט זיי אַמאָל אַפילו נישט באַמערקן, — דאָס איז אַ בילד פון קליינע פאַרב־פלעקן, וואָס גיט איבער די שטימונג פון דער נאַטור, די אַטמאָספער פון כותל המערבי (אַ קורצע באַשרייבונג פון גרויסער קראַפט), דעם פאַרקריפּלטן קערפּער פון אַ יונגן קעמפער מיט העגט קעגן טאַנקן, — מיט איין וואָרט אַ פּאָעמע פון אימפּרעסיעס, שטימונגען, געשעענישן — קליינע און גרויסע — וואָס צוזאַמען גיבן זיי אַ געמעל פון די בליענדיקע סאַברעס — אין ביידע דימענסיעס — פון דער נאַטור און פון פאָלק.

*

ווי דין עס איז סוצקעווערס דיכטונג אין דער דאָזיקער פּאָעמע! און ווי לייכט זי באַהערשט טעכניש דאָס שווערסטע, וואָס זי וויל נאָר זאָגן!

אויף זייט 79 גיט ער אַ זאָג:

„אַ פייגעלע גראַווירט מיט רויטע טרעלן
„דעם האָריזאָנט״.

ווי שיין, ווי דין, ווי דיכטעריש אילומינירנדיק!

אויף זייט 130 זאָגט סוצקעווער:

„און ערגעץ קלאַפּט אַ קוואַל — דער שטילקייטס דופּק״.

ווי שיין דאָס איז. מיט עטלעכע ווערטער, מיט איין בילדלעכן אויסדרוק האָט איר די גאַנצע שטימונג און דעם גאַנצן בילד פון אַ לאַנדשאַפט.

ווי אַ פיליגראַן־אַרבעט פון אַ גאָלדשמיד איז די באַשרייבונג פון ישראל און פון איר נגב־מדבר מיט זייערע פאַרבן און ריחות.

אָבער פונקט אַזוי גיט ער אונדז איבער — דורך דינע דיכטערישע סוגעסטיעס — דעם טעם פון דער גייסטיקער ערד, ער שטעקט אונדז אָן מיטן געפיל, אַז אָרעם, ווי דער לעצטער בעטלער אָרעם, איז דער, וואָס האָט נישט איבערגעלעבט די מלחמה פאַר דער יידישער מדינה. ער רעדט דאַכט זיך אַזוי ווייניק וועגן דער מלחמה, און דאָך שפּירן מיר ממש אויפן גומען דעם טעם פון יענער מלחמה, וואָס איז אריינגעפאַנגען אין סוצקעווערס לייכט־שוועבנדיקע סטראָפעס.

*

סוצקעווערס דיכטונג ווערט אַלץ מער וויזיאָנעריש — דער חלום פאַרשווענקט די וואָר, און די וואָר פאַרשווימט אין חלום.

אָבער דאָס איז טאַקע אין דער אמתן דאָס, וואָס מען רופט אָן „רעאַליזם״, ווייל אַזוי איז דאָס לעבן: אַן אויסמיש פון חלום און וואָר.

אָט איצט, ווען איך טראַכט וועגן סוצקעווערן, זעט עס דען נישט אויס ווי אַ פאַנטאַסטישער חלום?

איך דערמאָן זיך ווילנע פון 1939. איך שמועס מיט סוצקעווערן אויפן הויף פון ייוו״אָ. ער זאָגט מיר, אַז ער חלומט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווי פאַנטאַסטיש דאָס האָט דאַן אויסגעזען; און דאָך — נאָך אַ פאַנטאַסטיש־גרויליקן קנאַפּן יאָרצענדליק איז דאָס געוואָרן וואָר. סוצקעווער קומט צו אונדז פון דאָרטן, שוין אַ פאַרוואָרצלטער אַפילו אין דער לאַנדשאַפט; נישט נאָר די גאַסן פון תל־אביב מאָלט ער פאַר אונדז, מיט דער

„ראָיעניש פון פנימער. ווי מאָדנע:
„די זעלביקע, וואָס מ׳האָט פאַרברענט אין ווילנע, קאָוונע, גראָדנע״

(זייט 52), נאָר אויך די לאַנדשאַפט די דאָרטיקע, וואָס ער האָט זי שוין אויפגענומען אין זיך און קינסטלעריש פאַרדייעט.

ווען סוצקעווער איז אַריין אין דער יידישער דיכטונג, אומגעפער מיט 25 יאָר צוריק, האָב איך געשריבן וועגן זיין ערשט בוך לידער: „אַ דיכטער איז צוגעקומען״.

נאַטירלעך האָב איך דאַן נישט געוווּסט וואָס פאַרא דיכטער עס איז צוגעקומען.

איצט ווייסן מיר דאָס שוין: מיר האָבן פאַר זיך אַ וווּנדער פון געזאַנג, ווי איך האָב אַ נאָמען געגעבן מיין אַרטיקל וועגן איינס פון זיינע גרעסטע ווערק — „די געהיימשטאָט״.

נישט נאָר זיינע לידער און פּאָעמען זענען אַ וווּנדער פון געזאַנג — ער גופא

איז אויך דער וווּנדער — ער איז דער זינגער און דאָס געזאַנג. עס זינגט ביי אים און פון אים, ווי אַ קוואַל רוישט און פליסט.

*

איך וויל נאָך אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ פּאָר קלייניקייטן, וואָס האָבן מיך געאַרט ביים לייענען אָט דאָס שיינע דיכטערישע ווערק.

טאַקע קלייניקייטן — אָבער אין דיכטונג הערשט דער פּרינציפּ פון דין פּרוטה כדין מאה.

אויף זייט 31 דערציילט איינע פון די שארית הפליטה (אין „אויפן ים, ביים געבורט פון לעגענדעס") איר גרויליקע געשיכטע און זי פאַרענדיקט: „און ביי אָט דעם קדיש זענען צוריק שוואַרץ געוואָרן מיינע ווייסע האָר, ווייל ווערן ווייסער האָבן זיי שוין נישט געקאָנט"...

דאָס איז אַ מליצה, וואָס פּאַסט נישט פאַר סוצקעווערן. דאָס איז אַ פּראָזע אָן דיכטערישער דעקונג, בכלל אָן יעדער דעקונג...

אין זיין פּאָעמע באַנוצט סוצקעווער דאָס העברעישע וואָרט „יין" (ווייַן) ווי אַ מיטל צו אַ גראַם: („דו זאָלסט צונייגן צום יין „די ליפּן דיינע").

„יין" איז אָבער אַ העברעיש וואָרט און נישט קיין העברעיזם. און דעריבער קלינגט עס קינסטלעך און אַלץ וואָס ווירקט קינסטלעך שטערט אין דיכטונג, ווי עפּעס פאַלשס, אומנאַטירלעכס.

אַזאַ מייסטער פון פערז און גראַם, ווי סוצקעווער, וואָלט זיך געוווּן געקאָנט אָן עצה געבן אָן אַ קינסטלעכער הילף פון אַ פרעמד וואָרט (פאַר יידיש). אָבער אויב אַפילו נישט, איז בעסער אינגאַנצן אָן אַ גראַם.*

ח) זינלאָזע יידיש־טייטשן

אין משך פון אַ יאָר צייט האָט יעקב גלאַטשטיין אַרויסגעגעבן צוויי נייע ביכער: אַ פּראָזע־בוך „ווען יאש איז געפאָרן"... און אַ לידער־בוך „יידיש־טייטשן". האָט מיך דאָס פּראָזע־בוך איבערציינט, אַז יעקב גלאַטשטיין איז אַן עכטער דיכטער, וואָס נעמט אויף דעם קלענסטן פּרט דיכטעריש, ד. ה. עמאָציאָנעל; דאַקעגן זיינע „יידיש־טייטשן" האָבן מיך איבערציינט אַן איבעריק מאָל, אַז דיכטונג קאָן נישט געמאַכט ווערן מיטן קאָפּ, ד. ה. לויטן רעצעפּט פון געוויסע קאָנצעפּציעס, פון געוויסע איזמען. לויט אַ געוויסן מין פּאָעזיע קאָן מען קאָנס־

* אנדערע רעצענזיעס מיינע וועגן א. סוצקעווערס ווערק זענען אריין אין מיינע ביכער: „טראָפּנס גלויבן" און „אויסגעריסענע בלעטער".

טרואירן געוויסע איזמען, מען קאָן אַ געוויסן מין דיכטונג קלאַסיפיצירן ווי ראָמאַנטיזם, אָבער קיין שום „איזם" האָט נאָך נישט געבוירן קיין דיכטונג.

אויך יעקב גלאַטשטיינס „אינזיכיזם" האָט דאָס נישט באַוויזן אין זיינע אַרכי־מאָדערנע, אינזיכיסטישסטע „יידיש־טייטשן".

אין גלאַטשטיינס דיכטערישן פּראָזע־בוך „ווען יאָש איז געפאָרן" געפינט מען געציילטע שפּורן פון געוויסע חסרונות, וואָס מען געפינט זיי אין אזא גרויסער מאָס אין די „יידיש־טייטשן"; אָבער אין די „יידיש־טייטשן" געפינט מען בלויז געציילטע שפּורן פון יענע דיכטערישע מעלות, וואָס פילן אויס די זייטלעך פון „ווען יאש איז געפאָרן".

*

אויפן גאַנצן בוך ליגט דער חותם פון אַזאַ סטערילער אויסגעמוטשעקייט און זעלבסטצופרידן־קריטיקלאָזער שפּראַך־ און פאָרעם־„שעפערישקייט", אַז עס האָט כמעט קיין גלייכן נישט אין דער יידישער דיכטונג (מיר יעדנפאַלס זענען ענלעכע מוסטערן נישט באַקאַנט). קענענדיק גלאַטשטיינס „ווען יאָש איז געפאָרן", זיינע אַרטיקלען אין „אינזיך", אַ געוויסע צאָל לידער זיינע (און אייניקע אויסנאַמען אין די „יידיש־טייטשן" גופא), קומט אָפּט אויף אַ פאַרדאַכט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מיסטיפיקאַציע, אַז דער קלוגער, אינטעליגענטער און טאַלאַנטירטער גלאַטשטיין האָט נישט געקאָנט נעמען ערנסט אַזעלכע „לידער" ווי „זייגער און מאמע":

„אַ קליק טיקט און זי אַ
„איז אַ וואָרעם און אויג
„און אויג און כא און האַנט און האַנט
„און קלייד און קליק
„קליק קליק קליק".

אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָך אוממעגלעך, אַז אַ דיכטער פון גלאַטשטיינס פאָרנעם זאָל צונויפקלייבן און ארויסגעבן אין אַ בוך די רעזולטאַטן פון קאַפּריזנע שפּילערייען מיט דער פען, בעת זי איז פאַראייניקט בלויז מיט דער האַנט אָבער נישט מיטן געמיט.

און אויב אַזוי האָבן מיר דאָ אַ בולטןביישפּיל ווי ווייט פאָרעם־לשם־פאָרעם־באַמיאונגען קאָנען פאַרפירן אַפילו טאַלאַנטירטע און הויך־אינטעליגענטע דיכטער.

גלאַטשטיינס „יידיש־טייטשן" מוזן אָנטרעפן אויף אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד מצד דער יידישער קריטיק.

*

די ערשטע אָפּטיילונג פון גלאַטשטיינס יידיש־־טייטשן טראָגט דעם נאָמען

„פון קינדער־צימער". און דער דאָזיקער נאָמען איז פּונקט אַזוי ווילקירלעך, אינהאַלטלאָז, ווי דער אַלגעמיינער טיטל פון בוך — „יידיש־טייטשן". אַ נאָמען פון אַ בוך, פון אַן אָפּטיילונג, דאַרף פאַרמאָגן די עסענץ פון בוך, פון דער לידער־אָפּטיילונג, דאַרף האָבן אינהאַלט. אָבער דאָ זענען די נעמען פּונקט אַזוי אומשע־פעריש־צוגעטראַכט, ווי דער רוב לידער פון בוך. די בעסטע לידער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג (די, וואָס האָבן אַ שטיקל זין אָדער פונקען פון דיכטונג) האָבן נישט קיין שום שייכות מיטן „קינדער־צימער" (למשל „נאַכט־לידער", זייט 23־24) און די קינדער־לידער ווי „זייגער און מאַמע", „גאָטבעכי" און „אַ יינגעלע און אַ זעמעלע" האָבן קיין שום דיכטערישע שייכות נישט צום קינדער־צימער.

וואָס איז דאָ דיכטערישעס אין „זייגער און מאַמע" (אויבן ציטירט) ? וואָס איז דאָ קינדיש־דיכטערישעס אין „גאָטבעכי", דער דאָזיקער בולטער „זילבעקס־צענטרישקייט" (נאָמען פון גלאַטשטיינס לעצטער בוך־אָפּטיילונג), דעם דאָזיקן צוגעשפּיצטן נאַדיריזם ? די פיר שיינע שורות :

„איינער אליין,
אין דער פינצטער,
ליגט ער אויסגעשטערנט
איבערן הימל",

זענען היימלאָז אין דאָזיקן ניין־שורהדיקן ליד, וואָס איז קיין ליד נישט, ווייל קיין איין שורה אין אַן עכטן ליד טאָר זיך נישט פילן היימלאָז, בפרט אַ העלפט ליד. וואָרום וואָסער שייכות האָבן די דאָזיקע פיר לעצטע שורות צו דער עקסקאָרטע פון אויסגעקליגלטע וואָרט־עקסצענטרישקייטן, ווי :

„באַשירעמט זאָל מען ווערן.
באַהיט זאָל מען ווערן.
גאָטבעכי.
גאָטבעכי איז אַ מלאך,
וואָס האָט נישט מורא פאַר דעם דרויסן".

און פּונקט אַזאַ שייכות (דיכטעריש !) צום קינדער־צימער האָבן אַזעלכע אויסדרוקן ווי „דאָס יינגעלע איז שלעפּע און הונגע", „זיי שווייג צו מיר — שווייגע נאַכט", „נאַכט, זיי קום צו מיר", „נאַכט זיי קוק צו מיר, קוקע נאַכט".

אַז מען וויל זיין פּרעציז אין אויסדרוק מוז מען זאָגן, אַז דאָס איז פּרעטענ־ציעזע פּלוידעריי.

אין אַזאַ ליד ווי „אַלייך" (זייט 13) ציטערט עפּעס דורך, אָבער דער עפּעס קאָן צום וואָרט נישט קומען, ווייל גלאַטשטיין האָט מורא פאַר קאָמפּראָמיטאַציע : דער עפּעס זאָל חס־ושלום נישט קומען צום וואָרט אוממיטלבאַר, מענטשלעך־

דיכטעריש. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, געהער דאָס דאָזיקע ליד צו די בעסערע אין בוך, עס ווייזט, אז גלאַטשטיין קאָן נישט נאָר אומפּראָדוקטיוו זיך קליגלען מיט וואָרט־עקסצענטרישקייטן, נאָר ער איז אַ דיכטער, אַ קינסטלער, וואָס אָנשטאָט פאַנאַנדערצוּוויקלען די נאַטירלעכע דיכטערישע פליגל און פליען, באַמיט ער זיך צו שוועבן אויף פּאַפּירענע וואָרט־עקסצענטרישקייטן.

אין די „נאַכט־לידער" (זייט 23־24), וואָס פרישן אָפּ מיט זייער נאַטירלעכן ליריזם אין דאָזיקן ים געקינצלטע עקסצענטרישקייטן, זענען דאָ פּרעכטיקע שורות, וועלכע טראָגן אַרויס דעם שטרענגסטן אורטייל אויף גלאַטשטיינס „יידיש־טייטשן" ווי אַ גאַנצקייט: „וווּרטער טונקלען. אינהאַלט איז געזאַנג". — — — „דער גרויסער זשעסט פון פולע לאָגלען אינהאַלט אין שטילקייט — — — זעק מיט רענדלעך רייד אין שטומקייט".

יאָ, אינהאַלט איז געזאַנג, דיכטונג איז פולע לאָגלען אינהאַלט, דיכטונג איז שטילקייט און שטומקייט, וואָס פאַרמאָגט זעק מיט רענדלעך רייד. אָבער ווען עס איז נישטאָ קיין אינהאַלט ווערט די שטילקייט עקסצענטריש שרייאיק און די זעק מיט רענדלעך רייד ווערן פאַרוואַנדלט אין שערבלעך און פאַיאַנץ־גלעקלעך.

*

„יידיש־טייטשן" זענען אַ מוסטער־באַשטעטיקונג פאַרביידע אויבנדערמאָנטע טעזיסן: אַז אינהאַלט איז געזאַנג און אַז אָן אינהאַלט ווערט פונעם געזאַנג פּרוכט־לאָזע וואָרט־עקסצענטרישקייט.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט דאָס ליד „אַליין". דאָס איז דאָס זעקסטע ליד אין בוך און דאָס ערשטע, ביי וועלכן מען דערהערט אינהאַלט־געזאַנג, מען נעמט אויף קאָנקרעטן דיכטערישן אינהאַלט הגם אויסגעדריקט אין אַ קוים הערבאַרער פאָרעם. און אַזוי כסדר: אומעטום, ווו אויפן דעק פונעם ליד ליגט נאָר אַ קערן פון קאָנקרעטן דיכטערישן אינהאַלט (מעג עס זיין ווי טיף פאַרגראָבן) שפּיצט דאָס געמיט אָן דעם אויער, שפּירן מיר אַ שטילע באַהעפטונג מיטן ליד. אַזעלכע לידער ווי „סאָבוויי־נאַכט" (זייט 34־35) זענען — בעסערע צי ערגערע — דיכטונג, אָבער דאָס ליד אויף ז"ז 42־45 אונטערן פאַיאַצישן פירשטאָקיקן נאָמען „אוי די נאַכט, אַ די נאַכט, אָהאָ די נאַכט, אָהאָ די נאַכט" איז קיינמאָל לעבן דיכטונג נישט איינגעשטאַנען. דאָס איז וואָרט־הפקרות, שיער נישט וואָרט־זנות. עס גרילצן די זעלבסטצופרידענע, פּוסט־אַלרייטישע שורות. נאָט אייך אַ מוסטער און זייט מיר נישט חושד אין גוזמאות:

„מיט קאַטשן, פּאַטעפּאָנען,
„פול־געפאַקטע שטאַלן,
„גרינע ליכט־קאַראַלן,
„זינגט מיר אויס אַ צו

„אין אויצעם (?) און אין גויצעם (?)
„קאַלטע ליכט־אַפּאַלן,
„ברענען אַלע שטאַלן —
„שטיל די צויבער איז אַ גרויס.
„גאַנצע וואַסער איז אַרויס.
„פליִיצן די קאַנאַלן,
„גראמען די באַנאַלן,
„שוימען די באַקאַלן"

און אזוי ווייטער. יעדע שורה איז אַ פּאַטש אין פּנים די אייניקע לידער און דעם געוויסן — נישט קליינעם — סכום שורות, וואָס האָבן אינהאַלט און בילדן דעם ווערטפולן קערן פון דאָזיקן בוך.

דער דאָזיקער קליינער קערן אין די זיבן זילבעקסצענטרישע שאַלעכצן, וואָס ווּיקלען אים ארום, צייכענען בולט אָן די גרענעצן ביז וואנעט עס זענען מעגלעך די נאָוואטאָרישע וועגן פון דער וואָרט־קונסט, וואָס אויב זי טרעט אַריבער די דאָזיקע גרענעצן ברעכט זי האַלדז און נאַקן. ספּאָרט, פיז־קולטור מאַכן דעם קערפּער עלאסטישער, פלינקער, אויסהאַלטעוודיקער, אָבער די גרונט־ געזעצן פון דעם קערפּערס עקזיסטענץ קאָן קיין שום זאַך ראַדיקאַל נישט ענדערן. אַזוי איז אויך מיטן וואָרט־מאַטעריאַל. מען קאָן אים — מען דאַרף אים — עלאסטישער מאכן, צופּאַסן אים צו די נייע פאָדערונגען פון אונדזער וועלט־געפיל און לעבן־ טעמפּאָ, אָבער דאָס אַלץ אין די גרענעצן פון זיינע עקזיסטענץ־געזעצן; מען טאָר נישט פאַרלאָזן דעם געביט פון קאָנקרעטן געדאנק־ צי געמיט־אינהאַלט, מען טאָר נישט ברעכן דעם נאָרמאלן וואָרט־ווילקלאַנג און די נאָרמאַלע וואָרט־ לאָגיק. און נאָך עפּעס טאָר מען נישט: פאַרבייטן דעם לעבעדיקן פאָטער פון דיכטונג — די עמאָציאָנעלע אויפרודערונג — אויפן ראָבאָט־אויטאָמאַט פון מוח־ קאָמבינאַציע.

אין גלאַטשטיינס ליד „מיר, די וואָרט־פּראָלעטאַריער" איז דאָ פאָלגנדיקע שורה: „דו זיצסט און זוכסט נאָך אַלץ די שאָטנס פון וואָרט און רייניקסט דעם שימל פון מיינען". גלאַטשטיין פאַרנעמט זיך מיט דעם. אָבער נישט יעדעס מאָל שעפעריש. עס געלינגט אים אָפט פיין צו ניואַנסירן אַן אַלטן וואָרט־באַגריף; עס געלינגט אים אַמאָל אויסצובררייטערן די אויפנעם־פעאיקייט פון זאַצן און בילדער, אָבער נאָך אָפטער פאַלט ער אריין אַנשטאָט אין שעפערישער וואָרט־נאָוואטאָריש־ קייט, אין געשמאַקלאָזער וואָרט־עקסצענטרישקייט.

וואָס, אַ שטייגער, ליגט אין אָט־אַזעלכע שורות:

„אין דעם וואַנדערלאַנד
„ליגט אַ טויטע האַנט

„אַ שטולע (?), ליולע איבערפולע
„הויטע טויטע האַנט,
„און איבער דער גאַנצער לענג
„קעניגט דאָרט אַ קענג
„אַ הוידער בוידער קוידער לוידער
„גוטער מוטער קענג״?

עס איז טאַקע גאָרנישטאָ אין זיי: נישט קיין זין, נישט קיין דיכטונג, אַפילו נישט קיין וואָרט־געזאַנג, ווייל — „אינהאַלט איז געזאַנג״.

*

גלאַטשטיינס פּראָזע געפעלט מיר בכלל בעסער פאַר זיין דיכטונג. גלאַטשטיינס דיכטערישקייט קומט א סך בעסער צום אויסדרוק אין פּראָזע, ווי אין דער געבונדענער דיכטערישער שורה. די דיכטערישע פּראָזע פאַרטראָגט בעסער סיי גלאַטשטיינס איראָניע, סיי זיין ציניזם, ווי די ליריק. אָבער דאָ איז מיר נישט געגאַנגען אין באַהאַנדלען די מעלות און חסרונות פון גלאַטשטיינס דיכטונג, נאָר אין אָנווייזן אויף דער פּסיידאָ־דיכטונג, אויף דער אַנטי־דיכטונג פון זיינע „יידיש־טייטשן״.

וואַרשע, 1938

ט) יעקב גלאַטשטיינס „דעם טאַטנס שאָטן״

מען זאָל וועלן צייכענען א דיאַגראַמע פון גלאַטשטיינס דיכטערישן שאַפן, וואָלט די ליניע פון דעם טאַטנס שאָטן געווען אויסגעקומען נישט דער ערך העכער פאַר זיינע יידיש־טייטשן, אָבער זי וואָלט געווען געמוזט שפּאַרלעך אַראָפּ־געצויגן ווערן אין פאַרגלייך מיט זיינע געדענק־לידער און שטראַלנדיקע יידן.

מיטן גייסט (אָדער אומגייסט) פון די יידיש־טייטשן האָט שוין גלאַטשטייך, ווי עס זעט אויס, פאַרענדיקט איין מאָל פאַר אַלע מאָל (מעגן זיך אמאָל דאָ און דאָרט אַריינכאַפּן שוואַכע שפּורן אָדער עכאָס פון יענע זינלאָזע פערזן).

ער איז נישט נאָר אַריבער צו א העכערער אָדער — אויב איר ווילט — נאָרמאַלערער סאָרט דיכטונג, נאָר ער זאָגט זיך בפירוש אָפּ פון דער אַלטער.

אין גלאַטשטיינס עסיי וועגן לייוויקס אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען (ז' 72 פון זיין ערשטן עסייען־בוך אין תוך געוואָרן) געפינען איך די ווייטערדיקע שורות:

„אַזוי שטאַרק האָט זיך זיי (די יונגע — י. ר.) אַריינגעזונגען אין די ביינער די איבערגעזייערטע מוזיק (סיי פון וואָרט, סיי פון קלאַנג), אַז ווען זיי האָבן זיך

געוואָלט באַפרייען דערפון, זענען זיי אַוועק צום אבסאָלוטן היפוך פון פּאָעזיע, צום אויסגעליידיקטן וואָרט און גענעצדיקער טאָג־טעגלעכקייט״.

גלאַטשטיין שרייבט דאָ וועגן און קעגן די יונגע, אָבער פּאַקטיש קאָן דאָס אַנגעווענדעט ווערן (ביי אַ געוויסער פאָרעם־ענדערונג) קעגן אים גופא.

און ער באַנוגנט זיך נישט מיט אַ דורכזעעוודיקער פּראָזע־דעקלאַראַציע קעגן זיך אַליין, — איר קאָנט אַזאַ געפינען אויך אין עטלעכע ערטער פון זיין לעצטן לידער־בוך. לאָמיר נעמען די ערשטע בעסטע דערקלערונג, די אָפּנסטע:

ס׳האָבן אונדז געזעטיקט
פארבן, קאָלירן.
מיר זענען געווען גרייט צו שטאַרבן
אויף כוואַליעס פון קלאַנגען.
מיר האָבן רוישן מיט רוישן
באַהעפט אין געזאַנגען;
מיר האָבן געבלעקערצט,
געקניט פאר זונפאַרגאַנגען.

גלאַטשטיין האָט אין די גערדענק־לידער און שטראַלנדיקע יידן געביטן די ליניע און די גאַנצע אַטמאָספער פון זיין שאַפן. און די דאָזיקע אַטמאָספער פון ערנסטקייט, פון נאָרמאַלערער וואָרט־אויסלעבונג האַלט ער אָן אין דעם טאָטנס שאָטן, הגם בלויז זעלטן בלייבט ער אויף דער זעלביקער הייך, ווי אין די בעסערע לידער פון די צוויי אויבן דערמאָנטע לידער־ביכער; אָבער ער פאַרבלאָנדזשעט אויך זעלטן, זייער זעלטן אין די אַמאָליקע שפּורן פון פּאָעטישן „בלעקערצן״ (זיך באַנוצנדיק מיט גלאַטשטיינס באַצייכענונג).

עס זענען, לײַדער, דאָ אַזעלכע שפּורן. „נישט און נישטער״ איז אַ וואָרט־אויפטו, וואָס געהער צו די עליון־השלומדיקע יידיש־טייטשן (און צו א. לוצקיס אויפטוען).

אויף זייט 18 שרייבט גלאַטשטיין:

די זון זעצט זיך,
די שאָטנס פון די בערג זענען נאָטן פון שקיעה,
די פאַרשטענדיקע בהמה גיט אַ הייב אויף דעם קאָפּ
און אַ לאָז אַרויס אַ מו,
אַז ס׳גיט אַזש אַ שניט ביים האַרצן.
מו צו אייך, איר נאַרישע, אייביקע שפּילן.

די ערשטע שורות זענען נישט שלעכט; אָבער צי איז דער „מו צו אייך״ טאַקע א דיכטערישער אויסדרוק פון דער שטימונג, וואָס אַ בהמהס „מו״ קאָן

אַרויסרופן (און רופט אָפּט אַרויס) אין שקיעה־צייט ביי אַ דיכטער? איך צווייפל. איך בין כמעט זיכער אַז נישט. איך בין גרייט אַרויסצוּוואַרפן דעם „כמעט".

אין גלאַטשטיינס דיכטונג איז דאָ צו פיל פּראָזע. אויך אין די בעסטע לידער זיינע פון די געדענק־לידער און שטראַלנדיקע יידן האָט מען אָפּט אַרויסגעפילט. אַז אַ סך פון גלאַטשטיינס לידער גייען אָפּט איבער אין עסייען; אָבער די לידער פון דעם טאַטנס שאָטן אַנטפּלעקן דאָס שוין צו אָפן.

די נייע דיכטונג (אין גוטן זינען פון דאָזיקן וואָרט) האָט געוואָלט זיך באַנוצן נישט נאָר מיט די קאָנווענציאָנעל פּאָעטישע ווערטער — זי האָט געוואָלט און זי וויל אַריינברענגען דאָס פּשוטע לשון אינעם ליד און פאַרוואַנדלען עס אין דיכטונג; אָבער מאַכן דיכטונג צו פּראָזע, דאָס האָט אַפילו די נייסטע דיכטונג נישט געוואָלט.

„פאַרקערט" און „ווייל" זענען נישט די פּאַסיקסטע ווערטער פאַר דיכטונג; מען קאָן אַפילו זאָגן, אַז זיי זענען סם פאַר דיכטונג, זיי טייטן אָפּ די דיכטערישע אַטמאָספער.

ווען גלאַטשטיין זאָגט אויף זייט 67: „פאַרקערט, דו טיילסט נאָך אויס"; אָדער ווען ער זאָגט אויף זייט 111:

ווי זיכער ס'זענען קלויסטערס,
(ווייל ס'איז זיי קיין מאָל נישט באַפאָלן
קיין איבערשרעק פון פּאַגראָמען),

פילט ער נישט ווי דער „פאַרקערט" און דער „ווייל" גליטשן אַראָפּ די לידער צום ניוואָ פון אַרטיקלען.

דאָס זענען קלייניקייטן בלויז פאַר די וועלכע פאַרשטייען נישט די גרויסע באַדייטונג פון קלייניקייטן אין דיכטונג. אַזעלכע קלייניקייטן, ווי דאָס באַנוצן „פאַרקערט" און „ווייל" זענען אייזן־שטאַרקע עדות קעגן גלאַטשטיינען. פּרוּווט אדרבא לייענען די דריי פערזן אויף זייט 111 אָן דעם „ווייל", וועט איר דערפילן ווי די פערזן פאַרלירן די צעקראַכנקייט, וואָס דער „ווייל" גיט זיי צו:

ווי זיכער ס'זענען קלויסטערס
(ס'איז זיי קיין מאָל נישט באַפאָלן
קיין איבערשרעק פון פּאַגראָמען).

ווען אַ דיכטער שרייבט זיינע פערזן אין דער פולקייט פון זיין דיכטערישער שטימונג, ד. ה. פון זיין וויזיאָנערישער איבערלעבונג אַרויס, קאָן זיך גאָר אַזאַ ווערטעלע ווי „ווייל" נישט אַריינשמוגלען אויף אַן אָרט, וווּ עס האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן; די אָרגאַנישקייט פון דער שטימונג וועט עס אַרויסבייסן, ווי אַ שטערנדיקן פרעמדקערפּער.

דיכטונג איז צימצום, דער דראַנג איינצופּרעסן אין איין וואָרט הונדערט

פראַזע־זאַצן; אָבער גלאַטשטיין איז געוואָרן אַזוי באַרעדעוודיק, אַז ער פאַרוואַנדלט שוין צו אָפט זיינע לידער אין עסייען (און עס טרעפט, אַז זיי זענען אָפילו צו וואָרטרייך אויך פאַר עסייען).

לאָמיר נעמען אַזאַ ליד ווי „ס׳רעדט דער אַלטער ייד" (ז׳ 63). דער מאָטיוו פון העלדישער יידישער פּחדנות איז מיר גראָד גוט באַקאַנט און נאָענט, אָבער גלאַטשטיין דריקט עס נישט אויס דיכטעריש אין זיין „ס׳רעדט דער אַלטער ייד". ער רעזאָנירט אַזוי פיל, ער וואַריאירט אַזוי פיל דעם געדאַנק (און געדאַנק איז דאָרט דאָ!), אַז ער פאַרוואָסערט דעם עכטן ווייַן פון זיין געפיל, ער צעלאָזט עס אין אַ ים ווערטער. ווען גלאַטשטיין מאַכט דערפון אַן עסיי אין גוטער פּראָזע, וואָלט דער געדאַנק געווען באַקומען זיין געהעריקן לבוש, אָבער איצט איז עס אַן עסיי פאַרשטעלט ווי אַ ליד, און ביידע פאַרמען ליידן.

נישט אַלע מאָל אָבער איז גלאַטשטיינס אַ שלעכט ליד אַ גוטער עסיי, מיט געדאַנק. „צווישן מנחה און מעריב" (זייט 54), למשל, איז אַ נאָטיץ אין קורצע שורות. און דער געדאַנק זיינער סטייעט אָפילו נישט פאַר א גוטער נאָטיץ.

איך האָב אַמאָל דאָס געפיל, אַז גלאַטשטיינס גרויסער דיכטערישער טאַלאַנט (וואָס קיינער קאָן נישט ספקן אין אים נאָך די בעסערע לידער פון זיינע לידער־ביכער געדענק־לידער און שטראַלנדיקע יידן) ליידט פון דעם, וואָס ער איז צו געדאַנקענרייך, און אפשר צו קלוג פאַר אוממיטלדיקער דיכטונג, אָדער ריכטיקער: ער קליגלט זיך צו פיל.

עס איז לחלוטין קיין מעלה נישט פאַר אַ דיכטער (אָפילו נישט פאַר אַ פּראָזאַאיקער), אויב ער איז אַ נאַר; אָבער אַ געוויסע דאָזע נאַאיווקייט, וואָס קאָן נישט גיין האַנט אין האַנט מיט איבערגעשפּיצטקייט, איז פאַר אַ דיכטער אומבאַדינגט נויטיק.

אונטערן איינדרוק פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אויף גלאַטשטיינס שאַפן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, האָט גלאַטשטיינס דיכטעריש געפיל, אין אַ גרויסער מאָס, געצוימט זיין איבערגעקליגלטקייט און האָט צוגעגעבן עטלעכע פון זיינע בעסטע לידער פון יענער צייט אַ געוויסע דאָזע דיכטערישער נאַאיווקייט און אוממיטלבאַרקייט פון געפיל. און אין די דאָזיקע פאַלן האָט גלאַטשטיין געשאַפן פאַר זיך אַן אייגנאַרטיקן דיכטערישן זשאַנער, ווו די געדאַנקלעכע אָנגעלאָדנקייט איז גרויס און שטאַרק, אָבער אַנשטאָט צו ווערן אַן עסיי אַנשטאָט דיכטונג, ווערט עס דיכטונג אַנשטאָט אַן עסיי.

דאָס איז געשען, ווי געזאָגט, מיט די בעסטע חורבן־לידער, אָבער נישט נאָר מיט זיי. דאָס איז געשען אויך מיט זיינע בראַצלאַווער־מאָטיוון. אינעם בראַצלאַווער האָט גלאַטשטיין געפונען — ריכטיקער: געשאַפן — אַן אידעאַלן מעדיום פאַר זיין דיכטערישן טאַלאַנט.

און אויך אינעם לידער־באַנד דעם טאַטנס שאָטן זענען די בראַצלאַווער־לידער די בעסטע, די בלייבנדיקסטע.

געוויס, מען קאָן אויך אין זיי געפינען אויסדרוקן און שורות, וואָס אַן אוממיטלבאַרער דיכטער וואָלט זיי נישט געווען געגעבן, ווען זיי קומען אים אַפילו אויפן געדאַנק (און זיי וואָלטן אים גאָר נישט געווען געקומען אויפן געדאַנק, ווייל זיין דיכטונג גייט נישט אַדורך דעם פילטער פון זיין אינטעלעקט אַלס פּוסק־אחרון). אין „דער בראַצלאַווער זינגט ניגונים" (זייט 77) זאָגט דער בראַצלאַווער:

אַז סך־הכל ווייס איך, ווי נישט איך בין.
ווי קליין איך בין, ווי פליג איך בין.
אַז מ׳שמועסט אדם אַ מענטש.
איך בין דער אמתער — קאַטשקע ריר זיך.

עס איז שווער גלאַטשטיינען אָפּצוזאָגן זיך פון אַ פאָלקסווערטל אַפילו אין אַ ליד. אויב ער נוצט „אדם אַ מענטש" (וואָס האָט אַ זינען אין דאָזיקן ליד), מוז ער שוין מיטשלעפּן דעם „קאַטשקע ריר זיך", הגם דאָ האָט זיך געפאָדערט דער בראַצלאַווער זאָל געפינען אַן אייגענעם, מער טיפן, מער פּערזענלעכן, מער זינפולן אויסדרוק פאַר זיין ביטול צום מענטשעלע אין זיך, ווי „קאַטשקע, ריר זיך", וואָס גיט דאָ היפּש אַ גרילץ.

אינעם ליד „פאַראַן אַזאַ געקעכץ ווי הונגער" איז זיכער גאַרנישט־זאָגנדיק און געקינצלט און שטערנדיק אַזאַ שפּראַכלעך־אויסגעמוטשעטע שורה, ווי „לאָמיר נישט פאַרמזלען אונדזער לעבן" (ד. ה. זען אַז דאָס לעבן זאָל האָבן נאָר מזל).

אָבער וואָס קאָנען אַפילו צען שלעכטע שורות שאַטן אַזאַ געוואַלדיק ליד, ווי „פאַראַן אַזאַ געקעכץ ווי הונגער"?

דער געדאַנק איז אַזוי טיף און די אויספירונג — אַזוי ליידנשאַפטלעך און אין פּינטל טרעפנדיק, אַז עס איז גענוג אַפילו בלויז איין אויסגעלייטערט ליד אַזאַ, כדי צו ראַטעווען אַ גאַנצע לידער־זאַמלונג.

אויך דאָ געפינט איר די פילווערטערדיקייט גלאַטשטיינס, די עסייאיסטישקייט זיינע, אָבער דאָ איז דער לאַנגער עסיי דורכגעגליט ביז דיכטונג, דאָס איז אַן עסיי אין פערזן, אַן עסיי אַ דיכטונג־שעדעווער, אין אַן אייגנאַרטיק־גלאַטשטייניש̇ן זשאַנער.

פילווערטערדיקייט אין אַ ליד שטערט דאָס לייענען, בפרט ווען דאָס ליד ווערט אַ פּראָזע־אָפּהאַנדלונג אין געהאַקטע שורות; אָבער דאָס פעלן פון דיכטעריש̇ן צימצום האָט מיך אין דאָזיקן ליד גאָרנישט געשטערט. איך האָב עס געלייענט אומצאָליקע מאָל און וועל דאָס ווייטער לייענען, ווייל די ווערטער גליען מיט געפיל, מיט געדאַנק, מיט וויזיע און אַריינבליק אין מענטש־צו־מענטש־באַציאונג, אין מענטש־צו־גאָט־באַציאונג.

דאָס דאָזיקע ליד, וואָס איז א ווערדיקער שותף צו אַ צווייט געוואלדיק ליד פון גלאַטשטיינס פּרעכטיקער בראַצלאַווער־סעריע (דאָס פינפטע ליד פון „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר"), האָמערט אויס פאַר אייך די געשטאַלט פונעם הונגעריקן עם־הארץ און אויך די אינעווייניקסטע געשטאַלט פונעם בראַצלאַווער, רודערט אייך אויף, לאָזט נישט צו רו, מאָנט עפּעס, ענדערט אייער געמיט אויף לאַנג, ווי דאָס איז דער סימן מובהק פון עכטער דיכטונג.

אָט איצט, נאָכן אָנשרייבן די פּאָר שורות וועגן דאָזיקן ליד, האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך אים און גענומען עס לייענען נאָך אַ מאָל. און ווי יעדעס מאָל האָבן זיך די אויגן פאַרנעפּלט און דאָס הארץ איז פול געוואָרן מיטן געפיל פון גרויסקייט און הייליקייט פון איבערלעבונגען, וואָס באקומען א תיקון אין די שורות:

ווי קענען מיר גאָר פאַרשטיין אַזאַ גרויסקייט?
עפן די טיר, קוק אים אָן,
באַטראַכט אים מיט חקירהדיקע אויגן,
דו ביסט כלומרשט דער פרייער מענטש.
אָנטקעגן זיין הונגעריקער מנחה,
איז אונדזער דאַווענען, תורה לערנען,
סיי־ווי ווערט אָן אויסגעבלאָזן איי.
נתן, עפן די טיר,
לאָמירביידע קריכן צו אים אויף אַלע פיר.

אָבער וואָס עפּעס גראָד די דאָזיקע לעצטע שורות? דאָס גאַנצע ליד איז ווערט געדאַוונט צו ווערן, ווען מען וויל זיך אַביסל דערהייבן אויף די פליגלען פון דיכטערישער געלייטערטקייט.*

מעלבורן, 1958

י) איציק מאַנגערס דיכטונג

מאַנגער איז איינער פון די געציילטע יידישע דיכטער, וועלכע מען קאָן לייענען אָפט, נישט מיד ווערנדיק. די ריינקייט פון זיין טאָן, די אינערלעכע מוזיקאַלישקייט פון זיין פערז פאַרוואַנדלען אָפט זיין דיכטונג אין מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. צי קאָנט איר איינמאָל פאַר אַלעמאָל האָבן געהערט באַראָדינס מוזיק „פּרינץ איגאָר" אָדער בעטהאָווענס „צו עליזע"? נישט נאָר איר קאָנט — איר

---

* אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג מיינע וועגן י. גלאַטשטיינען קאָן דער לייענער געפינען אין מיינע „אויסגעריסענע בלעטער".

מוזט זיך ווידער און ווידער אומקערן צו זיי. איר קאָנט זיך נישט אָנזעטיקן מיט זיי, ווייל די דאָזיקע מוזיק אי זי זעטיקט אייך, אי עס הונגערט אייך נאָך איר.

דאָס זעלבע איז מיט מאַנגערס דיכטונג, — יעדנפאַלס איז דאָס מיין דער־פאַרונג מיט איר.

די ביכער זיינע, וואָס איך פלעג זיי אַזוי אָפט לייענען אין ווארשע פאַר מיין פערזענלעכער באַדערפעניש — זענען געבליבן אין ווארשע, און זיי האָבן מיר אומצאָליקע מאָל געפעלט. און מיין בענקשאַפט נאָך זיי האָב איך אָפט געזעטיקט דורך שורות, סטראָפעס און לידער, וואָס איך האָב זיי געדענקט אויף אויסנווייניק (איך קאָן נישט נעמען אין ביבליאָטעק קיין לידער־ביכער, מיט וועלכע איך מוז לעבן).

ערשט סוף 1956 האָב איך באַקומען צוגעשיקט פון ניו־יאָרק מאַנגערס „ליד און באַלאַדע", וואָס נעמט אַריין דאָס בעסטע פון מאַנגערס שאַפן פון 1920 ביז 1950. און די ערשטע צייט נאָכן באַקומען זיינע געקליבענע לידער בין איך אַרומגע־גאַנגען ווי אין שיכּרות פון דיכטערישע אַרגיעס, וואָס איך האָב געפּראַוועט. עס איז אפשר אַ סכּנה צו דערציילן (אַזעלכע זאַכן איז מען ביי אונדז קיינמאָל נישט מוחל...), אָבער כ'בין אַזויפיל מאָל אין לעבן געווען אומפּאַרזיכטיק, טאָ לאָמיר דאָס זיין נאָכאַמאָל: די ערשטע פּאָר חדשים האָב איך כּמעט אָן אויפהער געלייענט און פאַרגעלייענט מאַנגערס דיכטונג. און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ גאָר־גאָר גרויסן פאַרגעניגן.

זייט דאַן חזרט זיך ביי מיר פון צייט צו צייט איבער דער מאַנגער־אָנפאַל. און דער פאָלגנדיקער אַרטיקל איז אַ רעזולטאַט פון דאָזיקן, דערווייל לעצטן, מאַנגער־איבערפאַל.

*

איך ספק צי עס איז דאָ אַ מענטש מיט דעם מינדסטן חוש פאַר דיכטונג, וואָס זאָל קאָנען בלייבן גלייכגילטיק צו מאַנגערס לידער.

מען קאָן בלייבן גלייכגילטיק צו מאַנגערס אַ ליד, אָבער צו זיינע לידער?!

איך מיין דאָ נישט נאַטירלעך די וואולגאַר־פּאָפּולערע שטיפערייען זיינע ווי „היידל־דידל־דאַם" און ענלעכע, — איך מיין די לידער זיינע, וואָס מאַכן אים פאַר איינעם פון די גרעסטע זינגער אין אונדזער יידישער דיכטונג.

און מאַנגער איז דער זינגעוודיקסטער דיכטער אונדזערער.

אין „נטעס שלאָפליד" (זייט 441) וואָס געהער צו מאַנגערס צאָלרייכער גרופּע שלימותדיקע לידער, רעדט ער וועגן דער מצבה וואָס די געטרייע ערד האָט אין ווייטן אוזבעקיסטאַן געשטעלט זיין ברודער נטע; און די מצבה באַשטייט פון אַ זונבלום און אַ רויז. און מאַנגער זינגט ווייטער:

„די מצבה וועט בליַען און וויאַנען,
„און וועט בליַען פון דאָס ניי —
„דער אָקטאָבער וועט זי פאַרלעשן
„און אָנצינדן וועט זי דער מאַי״.

די דאָזיקע פיר ציטירטע שורות פאַרמאָגן מאַנגערס צוויי שטאַרקסטע דיכטערישע אייגנשאַפטן: זיין מאָנומענטאַלע און כמעט ווי נאַטירלעכע בילדע־רישקייט און די פּשטותדיקע מוזיקאַלישקייט פון פערז.

מען קאָן די דאָזיקע מאַנגערשע שורות לייענען אָן אַ שיעור מאָל און נישט מיד ווערן, ווי איר ווערט נישט מיד צו הערן דאָס פּליעסקען פון אַ באַרג־טייכל.

*

ווען מען פרעגט מיך, ווער עס האָט געשריבן די סאַמע פרומסטע פערזן אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, וואָלט איך אָן שום קווענקלעניש געוועזן געענטפערט: איציק מאַנגער.

איך ווייס, אַז אַ סך וועלן זיך פאַרוווּנדערן און אָפילו חוזקן פון דעם, — מאַנגער און פרומקייט? נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן! און איך וועל צו די דאָזיקע נישט האָבן קיין שום טענה, ווייל זייער וווּנדערן זיך איז באַרעכטיקט, כל־זמן זיי האָבן נישט אַנטדעקט די מעכטיקע רעליגיעזע אונטערטענער ביי מאַנגערן. כל זמן איך האָב זיי נישט געהאַט אַנטדעקט, האָב איך אויך נישט חושד געווען מאַנגערן אין אַזאַ זאַך; אָבער זינט איך האָב זיי אַנטדעקט, איז מיין אורטייל וועגן מאַנגערס מעכטיקע פרומע טענער זיכער און אומבויגזאַם. אדרבא, איך וואָלט זיך געוווּנדערט באַדאַרפט וווּנדערן ווען איך וואָלט ביי אים נישט געווען אַנטדעקט אָט דעם פרומען ציטער: בין איך דאָך איבערצייגט, אַז דיכטונג און רעליגיע זענען צווילינג־שוועסטערס, וואָס קומען פון איין אומבאַקאַנטער מאַמען.

נעמט אַזאַ ליד „ווי אַ מערדער״ (זייט 119). דאָס איז איינס פון די באמת רעליגיעזע לידער אין אונדזער היינטיקער דיכטונג. דאָס איז נישט קיין פּסיידאָ־פרומקייט, וואָס דעקט צו דאָס פעלן פון אַן עכטן רעליגיעזן ציטער מיט סענטי־מענטאַל־סאַכאַריניקן „גאָט־גאָט״־געפּלאַפּל. דאָס ליד „ווי אַ מערדער״ איז רעליגיעז אין איובשן זין פון דאָזיקן וואָרט, ד. ה. אין טיפסטן רעליגיעזן זין, וואָס איז נאָך אפשר טיפער פאַרן תהילימשן.

„נאָר איינמאָל דיך זען! איינמאָל זאָל
„איך וויסן, צי דו ביסט באמת דאָ,
„אַז דו קרויינסט באמת דעם צדיק מיט דיין ליכט
„און אַז דיין הימל איז באמת בלאָ,
„און איך וועל באַהאַלטן פאַר בושה מיין געזיכט״.

אָדער דאָס ליד „אַ טונקעלע האַנט“ (זייט 107).

„גאָט, וואָס דיין איינציקע גרויסקייט איז,
„וואָס דו ביסט פון בראשית אַן אַליין,
„זע! אין די פאַלדן פון דיין קלייד
„וואַרף איך ווי אַ ממזר מיין געוויין.
„טוליע עס, וואַרג עס, וויג עס, וויג עס איין —
„ווי אַזוי דו פאַרשטייסט, אַזוי איז גוט.
„איך ווייס אַז איך וועל אינגיכן פאַר דיר שטיין
„און שפייען דיר אין פנים מיט מיין בלוט“.

דאָס איז לעסטערונג? אָבער פון איובשן מין, וואָס דער תנ"ך האָט אַזוי פיל פון אים און וועלכן היינריך היינע האָט באַצייכנט ווי „גאָטלעסטערנדיקע פרומקייט“.

און איך גלויב נישט, אַז איך בין נאַאיוו, ווען איך גלויב מאַנגערן ווען ער זאָגט:

„גאָט, מיין גאָט! מיינע בלייכע הענט
„פיבערן נערוועז אויף מאָרד און רויב,
„כאָטש מיין נשמה איז בלוי ווי דער אַפּריל
„און וואָרקעט אין די נעסטן ווי אַ טויב“.

מעג אפשר מאַנגער אין אַ ניכטערן צושטאַנד, ווען די שיכרות פון דיכטונג וועפּט אויס אין אים, אַליין חוזק פון זיינע דאָזיקע און ענלעכע פערזן, — איך, דער לייענער פון אַזעלכע וווּנדערבאַרע פרומע לידער ווי „כ'וועל אויסטאָן די שיך“ (זייט 357), נעם זיי ערנסט: ווען ער האָט פיבערדיק געשריבן די אויבן־ציטירטע שורות (און דער פיבער פולסירט אינעם ריטם פון זיינע דאָזיקע לידער) איז זיין נשמה באמת געווען בלוי ווי דער אַפּריל און זי האָט געוואָרקעט ווי אַ טויב.

נישט אומזיסט זאָגט מאַנגער אין זיין טיף ליד „אבן גבירול“ (זייט 481): „אַ ליד אָן אמונה איז פאַרוויאַנעט גראָז“.

אָן אמונה, אָן רעליגיעזן געפיל צו דער וועלט, צום לעבן, צום מענטשן און זיין טויזנט־פנימדיקן גורל, קאָן קיין עכטע דיכטונג נישט זיין.

און מאַנגערס דיכטונג איז נישט נאָר עכט, נאָר אויך גרויס...

און ווען עס פעלט אים דער רעליגיעזער ציטער, איז ער אַזוי צעבראָכן דערפון, אַז אָט דאָס געפיל גופא איז רעליגיעז...

*

איינס פון מאַנגערס אייגנשאַפטן, וואָס איך קאָן זי נישט פאַרדייען, איז זיין נייגונג צו קאָנווענציאָנעלער סימבאָליק, צו רעדנסאַרטן, וואָס האָבן נישט קיין

אוממיטלבאַרע עכטע געפילס־דעקונג. למשל: „מיט פרייד אין מיינע האָר", זייט 92, און „לעש אויס דעם צער פון אירע האָר", זייט 95. עס זאָגט אונדז גאָרנישט, עס רעדט נישט צו אונדזער פאַרשטעלונגס־קראַפט, דאָס זענען פוסטע רייד, קאָנווענ־ציאָנעלע ראָמאַנטישע רעדנסאַרטן אָדער קאָנווענציאָנעלע סימבאָליק, ווי זיין טויזנט מאָל באַנוצט וואָרט „בלוי" („דער בלויער סאָלדאַט"). פאַר מאַנגערן האָט אפשר דאָס וואָרט „בלוי" אַ קאָנקרעטן געפילס־ווערט, אָבער דאָס בלייבט אַן עזאָטערישער ווערט, — מיר פילן נישט אַז דאָס וואָרט גיט עפּעס צו זיינע יידן אָדער זיינע אַנדערע באַלאַדע־געשטאַלטן...

היינט דער ווינט? וואָס ער צעאַרבעט נישט אַלץ אין זיינע לידער!

דאָס איז באַזונדערס פאַרדראָסיק דערפאַר, ווייל מאַנגער פאַרמאָגט אַ געוואַל־טיקע קראַפט פון אויסדרוק, פון סוגערירנדיקער סימבאָליק, ד. ה. די קראַפט פון באַנוצן דעם קירצסטן וועג פון דיכטונג, וואָס דאָס מיינט קפיצת הדרך צו דער וועלט, צו דער נשמה און צו יעדער זאַך.

למשל: אינעם שטיל־אויפטרייסלענדיקן ליד „דער אָוונט טונקלט" (זייט 366) גיט מאַנגער איבער אונדזער טיפסטן צוויי־פּאָליוסדיקן ייד־געפיל אין דריי זאַצן, וואָס זענען אַ וווּנדער פון דיכטערישער קונסט:

„...אונדזער היים איז אַ נס
„אין פרעמדע וועלדער. אונדזער חלום הויבט
„די פליגל צו די שטערן".

— — — — — — — — — — —

„...מיר זענען נאָך יונגע,
„אָט ערשט האָבן אונדזערע אבות געפלאַפלט
„מיט די מלאכים".

קאָן מען דען קירצער און בילדלעכער אויסדריקן אונדזער ליגן טיף אין דער ערד און אונדזער חלומדיקן אַרויפשוועבן צו די הימלען?

און אין זיינע לידער און באַלאַדן (איך מיין דאָ נישט „די באַלאַדע פונעם רויטן פינגערל" און ענלעכע, געשאַפן אינעם קלאַסישן סטיל פון ראָמאַנטיזם אָדער פון נעאָ־ראָמאַנטיזם דורך אַ צושפּריץ פון סאַרקאַסטישן געלעכטער, און אַן וועלכע מאַנגערס דיכטונג און אויך מיר קאָנען זיך באַגיין), שווימלט און גריבלט מיט אַזעלכע ווונדער פון דיכטערישן אויסדרוק.

אָט נעמט צוויי שורות פונעם זייער שיינעם ליד „צווישן סטאַפּשעט און קאָלאָמיי" (זייט 331):

„איך זע, אַן אַלטע ווערבע געבוירט
„די לבנה צווישן די צווייגן".

די דאָזיקע צוויי אָריגינעל־בילדלעכע שורות גיבן אונדז די גאַנצע לאַנדשאַפט אין דער געפּרעסטסטער פאָרעם.

מאַנגער איז דער מייסטער פון געפּרעסטער דיכטערישער ענערגיע, איז צו וואָס דאַרף ער קאָנווענציאָנעלע סימבאָליק און סתם „דיכטערישע" פּראָזעס?

*

מאַנגערס זינגעוודיקייט און זיין צאַרטער, טיפער זינגעוודיקער ליריזם איז איינס פון מאַנגערס הויפּט־שטאַרקייטן; אַ קאָנגלאָמעראַט פון אַן אַ שיעור דיכטע־רישע אייגנשאַפטן פאַרוואַנדלען זיין ליריזם אין איינעם פון די שענסטע פּראָדוקטן פון יידישער דיכטונג־קונסט. מען ווייסט נישט וואָס פריער צו געניסן און צו באַוווּנדערן: צי זיין צאַרטקייט, צי זיין פאַנטאַזיע, צי זיין שפּילעוודיקייט, צי זיין בליציקייט, צי זיין טיפע עמאָציע.

אָט לייענט איר דאָס חומש־ליד ווי אַזוי יעקב אבינו לערנט מיט זיינע זין מכירת יוסף (זייט 240). דאָס ליד איז שיין און שפּילעוודיק, אָבער די פערטע און פינפטע סטראָפן זענען לירישע פּערל, איינגעפּאַסטע אין אַ לייכטער פאָלקסטימ־לעכער ראַם. יעקב אבינו רעזשיסירט מיט זיינע זין די מכירת־יוסף־שפּיל. זאָגט יעקב אבינו צו יוספן:

„נאָר ווען דו גייסט פאַרביי דעם וועג,
„ווו דיין מאַמעס קבר שטייט,
„ווייַן אויף איר שטיין אַן אמתע טרער
„און זאָג צו איר שטילערהייט:

„דער אַלטער יעקב וואָלט נאָך אַ מאָל
„געדינט זיינע זיבן יאָר,
„ער זאָל נאָך אַ רגע פאַרן טויט
„אַ גלעט טאָן אירע האָר".

ביי וועמען וועט דער דאָזיקער לירישער פּערל נישט פאַנגען דאָס האַרץ? וויפל צאַרטער ליריזם — פון דאָזיקן מוסטער־מין — עס איז צעגאָסן איבער מאַנגערס אַן אַ שיעור לידער. ער גייט איבער צום אומשטילבאַרן לירישן טרויער אין די וווּנדערבאַרע לידער וועגן זיין מאַמעס קבר („6 נאָוועמבער, 1940", זייט 415) און וועגן זיין זיידן („מיין זיידע", זייט 383) און אין צענדליקער אַנדערע אומפאַרגעסלעכע געדיכטן, וואָס זענען פול מיט שעפערישער פאַנטאַזיע און גראַציעזער שפּילעוודיקייט, ווי די גרעסטע טייל לידער פון מדרש איציק. ווייל דער לייענער פון מאַנגערס לידער דאַרף וויסן, אַז מאַנגער איז נישט נאָר אַן אימפּולסיווער ליריקער, — ער איז אַ קינסטלער, אַ מייסטער פון דיכטערישער פאָרעם; ער קאָן זיין אימפּולסיווע דיכטונג אויסשמידן אין קונסט־פאָרמען פון גרויסער ווירקזאַמקייט. זיין אוממיטלבאַרע אַסאָציאַטיווע קראַפט און זיין בילדלעכע

קראפט זענען גרויס, אָבער זיי זענען נישט די איינציקע דיכטערישע געציַיג זיינע, — ער קאָן אויך די מלאכה — ווי זעלטן ווער ביי אונדז — פון אויסהאַמערן אַ ליד. ער פאַרמאָגט אַ זעלטענע פעאיקייט צו פילן ווו מען דאַרף שטעלן אַ פּונקט, ווו מען דאַרף זיך באַנוגענען מיט אַ ווונק, כדי אָנצוטרייבן דעם לייענערס פאַנטאַזיע.

*

דאָס אויסהאַמערן אַ ליד איז אַ בשותפותדיקע יצירה — פון דיכטערישן געמיט און פון קינסטלערישן קאָנען. מאַנגער איז אַ דיכטער וואָס פאַרמאָגטביידעס : אי אַ טיפן עמאָציאָנעלן ברונעם, אי אַ גרויסן קונסט־קאָנען.

באַווייזן דערויף קאָנט איר שעפּן פון מאַנגערס „ליד און באַלאַדע" אין די הונדערטער, עס וועט גענוג זיין אָפּצושיקן דעם לייענער צו דער זייט 465, צו זיין סאָנעט „קעץ אין מערץ".

דאָס איז אַ ליד, וואָס אָן אַ גרויסער פאַרעם־מייסטערשאַפט קאָן עס קיין האַפט נישט האָבן. און גיט אַ קוק וואָס מאַנגערס קאָנען האָט געמאַכט פון אָט דער געוואַגטער טעמע.

דאָס דאָזיקע קאָסמיש־עראָטיש ליד איז אַזוי צניעותדיק ביי דער גאַנצער געוואַגטקייט פון דער טעמע, אַזוי רעליגיעז צניעותדיק, וואָלט איך געזאָגט. ווי קאַלט עס זענען די געמאָסטענע סאָנעט־פערזן, וואָס דורך זיי שטראַמט די „אכזריותדיקע פרייד" פון דער עראָטיק פון אַ „פרעמדן ליבע־גאָט".

די טעמע, חזר איך איבער, איז אַזוי געוואַגט, אַז איין פאַלשער טריט, איין פאַלשער טאָן, און דאָס ליד וואָלט געניזוקט געוואָרן אָן שום תקומה ; אָבער מאַנגער פירט זי דורך מייסטערהאַפט איבערן תהום.

איך ספק צי עס איז לייכט צו געפינען אין דער וועלט־דיכטונג אַ סך אַזעלכע לידער וואָס זייער געוואַגטקייט און זייער מייסטערשאַפט האַלטן גלייכגעוויכט ביז אויף אַ האָר, ווי אַ שטריקגייער איבער אַ תהום.*

יא) דאָס וואָרט איז לעבעדיק

אַלטער עמעלין : „לידער פון אַ מדברניק"

דיכטונג איז ווי דער מן — יעדער איינער געפינט אין איר אַן אַנדער טעם, לויט זיין געשמאַק.

שלעכט איז מיט דיכטונג, וואָס קיינער געפינט אין איר קיין טעם נישט.

און דער באַווייז פאַר דעם צי מען געפינט אין אַ געוויסער דיכטונג אַ טעם, איז דער אומבאַזיגבאַרער פאַרלאַנג זי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו לייענען. ווען מען זאָגט וועגן אַ לידער־בוך, אַז מען האָט אים „פאַרענדיקט" לייענען, איז

* ווייטערע אַרטיקלען וועגן מאַנגערן אין מיינע ביכער „צווישן יאָ און ניין" און „זוימען אין ווינט".

דאָס אַ טויט־אורטייל אויפֿן בוך אַרויסגעטראָגן דורך דעם וואָס האָט עס „פֿאַר־ענדיקט". גוטע דיכטונג פֿאַרענדיקט מען נישט — מען האַלט תמיד מיט איר פֿון אָנהייב, אין דער מיט.

אויב דאָס איז ריכטיק (און פֿאַר מיר, יעדנפֿאַלס, איז דאָס ריכטיק), איז עסעלינס ניי בוך לידער אַ גוט בוך, וואָס לאָזט זיך נישט „פֿאַרענדיקן".

צי קאָנט איר פֿאַרענדיקן אַזאַ ליד ווי „עלעגיע נאָך אַ בוים"? (זייט 70) אָדער „אַן אָקס אין שניי"? (זייט 75).

ווי פֿאַרשיידן דיביידע לידער זאָלן נישט זיין, האָבן זיי געמיינזאַמס אין זייער קראַפֿט צוצושמידן אייך צו זיך; צו האַלטן וואַך אייער פֿאַנטאַזיע און מיט־געפֿיל; נישט אָפּלאָזן אייך — זיי פֿאַרזינקען אין אייער געמיט ווי זיי וואָלטן דאָרט געלאָזן וואָרצלען, און נעמען דאָרט וואַקסן, וואַקסן.

זיי זענען נישט פֿאַרענדיקט, מיטן ערשטן מאָל לייענען, — זיי הייבן ערשט אָן זייער לעבן. אין אייך, מיט אייך.

זיי זענען פֿאַרשיידן אָט די צוויי לידער. „אַן אָקס אין שניי" איז כולו מאָלעריי, פּלאַסטיק, — עס ווייזט אונדז עסעלינען אין אַ נייער אַנטפּלעקונג — ער איז דאָ אַ ריין־פּלאַסטישער קינסטלער; דער לירישער עלעמענט שוועבט בלויז ווי אַ דינער און קאַלטער הויך אין דאָזיקן (ריכטיקער — אַרום דאָזיקן) ליד; בעת אין דער „עלעגיע נאָך אַ בוים" איז אַ געלונגענער זיווג צווישן פּלאַסטישער קונסט און לירישער. די באַשרייבונגען אין דאָזיקן ליד זענען אויך פּלאַסטיש, שטאַרק, אָבער פֿון יעדער שורה פּליסט מיט לירישער איבערלעבונג.

אין די דאָזיקע צוויי לידער האָט עסעלין דערגרייכט דעם אידעאַל פֿון שלימות.

„עלעגיע נאָך אַ בוים" איז אַ גרויס ליבע־ליד — אָבער אָן איין וואָרט וואָס זאָל זינדיקן מיט סענטימענטאַלקייט, דער ליבע־אויסדרוק איז צניעותדיק צוגע־דעקט, ווי דער קלוגער, אָפּט סאַטיריש־ציניש עסעלין זאָל זיך שעמען פֿאַר זיין טיפֿער ליבע צו אַ בוים; אָבער ער קאָן די דאָזיקע צאַרטע ליבע נישט אויסבאַ־האַלטן: ער שטעקט אויף אונדז אָן מיט איר.

און ווען עסעלין פֿאַרענדיקט מיט צניעותדיקער נישט־דערזאָגטקייט:

„כ'האָב היינט (ד. ה. אין טאָג פֿון בוימס טויט — י. ר.) דעם זייגער
נישט אָנגעדרייט;
„צוויי מאָלצייטן פֿאַרפֿעלט
„און די ליולקע נישט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל"

דערפֿילן מיר, אַז מיר זענען שוין שותפֿים צו עסעלינס טרויער, ווייל די ליבע צום בוים, וועמענס לעבן און טויט עסעלין האָט אַזוי מייסטערהאַפֿט באַשריבן, זענען שוין אויך טיילן פֿון אונדזער לעבן.

מירן שוין אַזוי גיך דעם טויטן בוים נישט אויסוואָרצלען פון זיך, עסעלינס דיכטונג האָט אים דאָרט צו לעבעדיק פאַרוואָרצלט.

און אויך דאָס פּאַטעטישע — ערטערווייז ממש גראַנדיעזע — בילד פונעם „אָקס אין שניי" (פון דער ריזיקער קראַפט געפּענטעט אין די אָרעמס פון שניי) וועלן מיר לאַנג־לאַנג זען פאַר די אויגן און שפּירן אין אונדזער געמיט.

עסעלינס דעקרעט, אַז „טויט זענען ווערטער" (זייט 42), ווערט אַנולירט דורך אים גופא. עס זענען זיכער דאָ טויטע ווערטער (און מיר געפינען זיי צווישן עסעלינס לידער אויך; למשל, די גרעסטע טייל פון „לייענענדיק קאַפקאַן", זייט 58), אָבער אויב ווערטער קאָנען זיין אַזוי לעבעדיק ווי אין די אויבנדערמאָנטע צוויי לידער (און אויך אין אַ סך אַנדערע אין דאָזיקן בוך), טאָר מען נישט זאָגן אַז זיי זענען טויט; מען קאָן זיי טייטן, — דאָס יאָ, און פאַראַן ביי אונדז אַ סך ווערטער־מערדער.

*

אין יעדן גוטן בוך דערקענט מען דאָס אינטימע פּנים פון מחבר. בפרט אין יעדן גוטן בוך ליריק. ליריק, וואָס מאַכט נישט בולט דעם אינערלעכן מהות פונעם דיכטער, איז אַ זאַך וואָס איז גאָרנישט בנמצא. לייענענדיק עסעלינען, באַקענט איר זיך אינטים מיטן דיכטער, מיט אַלע זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע קנייטשן. דאָס איז די גרעסטע מתנה, וואָס דיכטונג קאָן געבן — און גיט — דעם דיכטער ווי דעם לייענער. דורך דעם דיכטערס פּערזענלעכע איבערלעבונגען ביים טויט פון אַ בוים, מיט וועלכן ער האָט געפירט אַ ליבע, דערזעט און דערפילט דער לייענער דאָס אינדיווידועלע נישט נאָר אין דער לעבעדיקער נאַטור (זי ווערט אים נעענטער און ברידערלעכער), נאָר אויך דער דיכטער ווערט אים אינטים־פאַרשטענדלעך, און דורך דעם דיכטער — דער מענטש — אין זיינע בעסערע מאָמענטן.

דער דיכטער גיט זיך אָפּ דעם ליד און דאָס ליד — דעם לייענער, און עס ווערט געבוירן פון דעם די גרויסע מיסטעריע פון אַריבערוואַקסן די פּאַרגליווערטע אָפּגעשלאָסענע גרענעצן פונעם „איך" — די וועלט ווערט פליסיק, דער „איך" ווערט פליסיק און עס קומט פאָר די גרויסע צונויפגיסונג, — דער גרויסער אַקט פון דיכטונג.

אָט די מיסטעריע דערפילן מיר אין עסעלינס לידער. אַמאָל שטאַרקער — ווי אין „עלעגיע נאָך אַ בוים" — אַמאָל שוואַכער, — אָבער זי איז דאָ אין אַלע בעסערע לידער. און זי וויל זיך מאַניפעסטירן אין אַלע שוואַכערע אויך, ווייל דאָס איז עסעלינס לעבנס־עלעמענט.

איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, אַז עסעלין געהערט צו יענע זעלטענע דיכטער אונדזערע, וואָס לעבן מיט לידער. ווען עסעלין רופט אויס „מיין לעבן פאַר אַ ליד" (זייט 44), מיינט ער דאָס מיטן גאַנצן ערנסט: זיין לעבן האָט ער דאָך טאַקע אָפּגעגעבן דעם ליד. און ווי אַ באַלוינונג איז מקוים געוואָרן זיין פאַרלאַנג.

„דאָס ליד... זאָל ווערן איך אַליין,
„מיין חתימה און מיין שטימע דורך דער שריפט״.

כמעט אַלע לידער זיינע זענען ווי געחתמעט דורך אים — נישט צום פאַרבייטן.

אַז אינעם סאַטירישן ליד „וואָס דאַרפט איר אים האָבן״ (זייט 47) זעט איר אַ געטריי בילד פון עסעלינען, איז דאָך קלאָר פאַר יעדן איינעם. אָבער אויך די טיפערע שיכטן פון דיכטערס נשמה ווערן אָפּגעדעקט אין זיינע לידער מיט אַ בולטקייט, ווי דאָס קאָן נאָר לירישע דיכטונג, וואָס קוועלט פון דיכטערס אייגענע טיפענישן.

און זי, עסעלינס דיכטונג, דעקט אויך אָפּ פאַר אונדז זיין בעסטע אייגנשאַפט: זיין רעליגיעזע באַציאונג צו וועלט און מענטש. ווען איך לייען אינעם שוואַכן, פאַרנעפּלטן ליד „לייענענדיק קאפקאַן״ די צוויי לעצטע שורות: „איך האָב נישט באַגעגנט אַזאַ שטאָלצן חכם, וואָס זאָל אַ גאָט נישט דאַרפן אויף זיך אויסצווויינען״, זע איך פאַר זיך עסעלינען מיט זיין גאַנצער צניעותדיק־רעליגיעזער באַציאונג צום לעבן, וואָס ער קאָן זי נישט אויסבאַהאַלטן אונטער די צען פעק פון זיין גאַליק־ציניש יאַשטשערקעס־לאַכן אין אַ שפּאַר ביסל פון זיינע לידער. אַפילו זיין לעסטערן האָט אין זיך עפּעס רעליגיעזס, ווייל ליידנשאַפטלעך־ווייטיקדיקס, פאַרצווייפלט־עלנטס. און בלויז דערפאַר, וואָס ער איז רעליגיעז אין תוך פון זיין נאַטור (איך ספק בכלל אַלץ מער און מער, צי אַן עכטער דיכטער קאָן זיין נישט רעליגיעז אין עצם פון זיין נאַטור; איז דאָך דיכטונג אַ שוועסטער פון רעליגיע און אפשר נאָך מער — איר מוטער) האָט ער געקאָנט דערהערן אין דימיטרי קאַראַמאַזאָווס הימן צו גאָט „ווי אַן עכאָ פון דעם סיני־דונער״; נאָר דערפאַר איז אַזוי ליידנשאַפטלעך־פרום דאָס פרעכטיקע ליד „כ׳וועל זינגען אַלטמאָדיש״. ביי די שורות:

„גאָט, איך וויל מיין ליד זאָל אין תוך
„גרונטן אויף אמת״

האָב איך געפילט נישט די קאָנוועציאָנעלע פרומקייט פון אונדזערע פּאַטענטירטע רעליגיעזע דיכטער, וואָס באַזינגען גאָט פּרינציפּיעל, ד. ה. מיטן קאָפּ, נאָר איך האָב דערזען דעם רעליגיעזן „דימענטפינקל דורך האַרטקייט״ (סאַראַ פיינער דיכטערישער זאָג!) פון אַ דיכטער, וואָס אַפילו זיין ציניזם פליסט פון טיפסטן קוואַל פון דיכטונג, פונעם רעליגיעזן געפיל צו קאָסמאָס, לעבן און מענטש.

*

נאָך אַ וויכטיקער מאָטיוו פון דאָזיקן לידער־בוך עסעלינס מוז באַטאָנט ווערן. אינעם ליד „אַ מאָדנע זאַך״ (זייט 41) קומט צום אויסדרוק די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון עסעלין דעם דיכטער. דאָס ליד ווי אַ גאַנצס איז ווייט נישט פון די

בעסטע. רירנדיק אָבער זענען זיינע איינצלנע שורות וועגן אַ דיכטער, וואָס איז „פאַרוואָרפן אין אַ העק״, וואָס שפּירט, פילט און אַנט, אַז דאָס וואָס ער וויל „איז גאָרנישט פאַראַנען״, וואָס זעט זיך אין שפּיגל ווי „שמשון ווען בלינד שוין״ און (דער „שענסטער״ שפּיצל פון גאָט!) — „דערצו נאָך לאַנגע יאָרן געגעבן און וויל ער (ד. ה„ עסעלין — י. ר.) זאָל קלינגען מיט פרייד פון לעבן״.

אָבער ווען עסעלין כפלט זיין פּערזענלעך־דיכטערישע טראַגעדיע אויף זיין אַלגעמיין־יידיש־דיכטערישער, ווערט ער באמת אַ טראַגישער דיכטער (ווייל ער געפינט אַן אויסדרוק פאַר דער פּערזענלעך־כללישער טראַגעדיע).

אין זיין אינהאַלטלעך־שטאַרקן ליד „ווידוי״ (אַ ליד, וואָס איז אָפט שטעלנווייז טעכניש שוואַך; אגב, אַ מאָדנע און אינטריגירנדע זאַך: אָפּטמאָל איז עסעלין אַ מייסטער פון פאָרעם, אָבער נישט זעלטן אויך נעמט ער טעכניש שטאַמלען) רעדט ער וועגן דעם אַז „דער יינגסטער אָנהייבער איז אויך שוין מיד״, און שרייט אויס: „ווער זינגט דיך איצטער, ליבסטע מיינע — יידיש ליד?״.

„דער שונא איילט מיט לעמפּערט־שפּרונגען.
„ער איז שוין דאָ, זיין אָטעם ברייט.
„איך האָב מיין ווידוי־ליד שוין אָפּגעזונגען
„און איר, חברים, פאַרשפּעטיקט ניט״.

אָבער גלייך נאָכן אָפּזאָגן דעם טראַגישסטן „ווידוי״, ווען מען דאַרף שליסן די אויגן און שטאַרבן, ווענדט ער זיך דאָך צו די וואָס וועלן קומען נאָך אים:

„דערמאָנט אונדז אין אַ הייסער שורה,
„ווי מיר די אָבות אין דעם סידור.
„און פון אונדזער זעלנשטורעם
„זאָלט איר שרייבן שיינע לידער״.

(די צוויי לעצטע שורות זענען שוואַך, אנעמיש).

נאָכן זען דעם טראַגישן סוף, ווייזט אים זיין וויזיע די האָפענונג. פּונקט ווי פון עכט־דיכטערישן ציניזם שפּראָצט ארויס די עכטסטע רעליגיעזקייט, אַזוי שפּראָצט פון דער עכט־דיכטערישער פאַרצווייפלונג — די האָפענונג. און אַנדערש קאָן דאָס גאָרנישט זיין: אָן אינערלעכער פרומקייט און גלויבן קאָן דער דיכטער נישט שאַפן.

אויב אַ דיכטער פורעמט אויס אין אַ ליד זיין יאוש, ווערט זיין ליד געטריבן דורך אַ נישט־טראַדיציאָנעלער, אָבער טיף־טיפער האָפענונג. און עס איז אפשר אַ סתירה (אָבער נישט קיין דיכטערישע), ווען גלייך נאָך די שורות: „איך האָב מיין ווידוי־ליד שוין אָפּגעזונגען און איר, חברים, פאַרשפּעטיקט ניט״, קומט די שורה:

„איר, נאָך אונדז, און קומען וועט איר״.

אַט דער ברענענדיקער דיכטערישער פאַרלאַנג אַז „זיי" זאָלן קומען, איז אויך איינער פון אונדזערע כלי־זיין אין קאַמף פאַרן המשך.

די יאוש־שטימונג שאַפט דעם „ווידוי", און דער „ווידוי" שפּיצט צו דעם יאוש ביז אומדערטרעגלעכקייט און ער געבוירט דעם ווילן דאָך נישט צו זיין די לעצטע. און ווילן שאַפט וווּנדער, בפרט דיכטערישער ווילן.

אין „קאַלעוואַלאַ" ווערט אַלץ געשאַפן דורך געזאַנג.*

מעלבורן, 1955

יב) אין קלעם פון פּערז און בילד

1

מ. נאַטיש: „מוליער הירש" (פּאָעמעס). וואַרשע, 1934

נאַטישעס שורה איז ברייט צעצויגן (מיט איין אויסנאַם: „מוליער הירש"); נאַטישעס פּאָעמעס האָבן ניין מאָס רייד און זענען דורכגעפּרעסן מיט אַן אַ שיעור פאַלשע, אָפט אַפילו זינלאָזע פאַרגלייכן. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס נאַטישעס פּאָעמעס לייענען זיך, על־פּי־רוב, שווער, מען דאַרף אָפט אַן אָנשטרענגונג, כדי אַריינצודרינגען אין פּשוטן פּירוש המילות. און דאָך באַקומען מיר, ביים פאַרמאַכן דאָס בוך, די פולע זיכערקייט, אַז מיר האָבן פאַר זיך די ערשטע טריט פון אַ טאַלאַנט.

ווען נאַטישעס בוך וואָלט פאַרמאָגט בלויז די דריי לירישע געדיכטן פונעם קליינעם ציקל „אָרעמע היים" (די איינציקע ריין־לירישע געדיכטן אין דאָזיקן באַנד), וואָלט עס געווען פאַר אים אַ גענוגנדיקע טאַלענט־לעגיטימאַציע. די דאָזיקע דריי לידער פאַרמאָגן אַ קוואַל פון עכטער איבערלעבונג. זיי רירן אונדז טיף מיט זייער פּשטות און אויפריכטיקייט, מיט זייער אָפט ביז־גאָר געלונגענעם אויסדרוק.

„עס זיצן די מאַמעס ביי הילצערנע טישן, פאַרבויגן אין קאָרטשן,
אויף בויגעלעך בלייכן פּאַפּיר, ווי אויף טרייסטנדע תחינות;
אַ בריוו פון די קינדער — אַ לאַטע אויף לעכערנעם האַרצן,
און ס'זאָגן און זאָגן די מאַמעס די בריוו, ווי די קינות...
און ס'טונקען די מאַמעס מיט אָפּשיי די פּעדערס אין טינטער
און ס'קריצן די פּעדערס, פאַרזשאַווערט אין שוואַרצקייט און שימל;
קינדערלעך מיינע, עס גייט שוין דער וויפלטער ווינטער?...
און ס'טראַכטן און טראַכטן די מאַמעס: ווי דרייט מען די גימל?..."

---

* וועגן עסעלינס דיכטונג זע אויך מיינע „אויסגעריסענע בלעטער".

אָבער אויך די גרעסערע פּאָעמעס פון דאָזיקן בוך לאָזן איבער אין אונדז דעם אויבנדערמאָנטן איינדרוק. „מוליער הירש" איז די גרעסטע און צענטראַלע פּאָעמע. זי איז אינטערעסאַנט פּאָרטראַכט. אַן אַלטער מוליער, אַן אייגנאַרטיקער טיפּ מיט אַ זעלבשטענדיקן קאָפּ אויף די אויסגעהאָרעוועטע אַקסלען, פּראָוועט אין גרויסן קרייז פון זיין משפּחה זיין 70־יאָריקן געבוירנטאָג. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט צערעדט זיך דער אַלטער וועגן זיין לעבן, זיין קוק אויף דער וועלט און אויפן יידישן לעבן. זיין לעבן דערציילט ער אַלס „לעבן פון אַ האָרעפּאַשנעם מענטשן". ווי אַ מוסטער און מוסר השכל. ווי עס איז צו זען פון סוף, באַמיט זיך נאָטיש צו דערהויבן זיין מוליער הירש צו אַ סימבאָל.

„...מאַכט אַ פאָטאָגראַפיע פון אָט־די הענט,
צעהענגט אויף איי״רע ווענט..."

און :

„מוליער הירש געהאַלטן הויך האָט זיינע הענט,
ווי לוחות צוויי..."

אויך דער אָנהויב פון דער פּאָעמע איז אַ באַווייז פאַר דער דאָזיקער כוונה. נאָטיש גיט אַ בילד פון שטעטל, אויף וועמענס פּאָן מוליער הירש דערציילט דערנאָך זיין „געשיכטע פון אַ האָרעפּאַשנעם, ערלעכן מענטשן" און פּראָקלאַמירט זיין לעבנס־פילאָזאָפיע און זיין קוק אויף די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, די עלטערע ווי די אַקטועלע.

דער אָנהויב מיטן סוף בילדן אַ צו ברייטע ראַם פאַרן אייגנטלעכן קערן פון דער פּאָעמע. אַ חוץ דעם, וואָס מוליער הירשס געדאַנקען וועגן אונדזערע אַקטועלע אָנגעלעגנהייטן, ווי „ציוניזם" און „שפּראַכן־פראַגע", זענען צו פּובליציסטיש און זיי פאַלן אַראָפּ אין דער פּאָעמע, ווי אַ יון אין סוכה, זענען זיינע געדאַנקען בכלל וועגן לעבן צו ווייניק קינסטלעריש אָפּגעקלערט, זיי זאָלן קאָנען אויסשפּילן מיט זיך די סימבאָלישע ראָם, אין וועלכער נאָטיש האָט זיי אייגנגעפּאַסט. דעם מוליער הירש פילן מיר אָפטמאָל ווי אַ לעבעדיקע געשטאַלט ; מיר פילן אין מאַנכע שטעלן פון זיינע רייד דעם טעמפּעראַמענט און די לעבנס־חכמה פון אַ באַשטימטער פּערזאָן. אָבער גאַנץ אָפט פאַרשווינדט פון דער פּאָעמע די דאָזיקע געשטאַלט און מיר הערן אַבסטראַקטע רייד, שוין נישט דעם מוליער הירשס. ס׳ווערט צו פיל מיסברויכט מיט די פאַרגרייזונגען פון „אינטעליגענטע" ווערטער, וואָס דאַרפן צוגעבן „קאָלאָריט" (נאָטיש זינדיקט דערמיט גאַנץ אָפט נישט נאָר אין „מוליער הירש") : „טומאַבילן", „אַרימפּלאַנען" און ענלעכע. אָבער אין מויל פון אַזאַ מענטשן, וואָס זאָגט „טומאַביל" און „ארימפּלאַן", קלינגען גאַנץ מאָדנע אַזעלכע אינטעליגענטע ווערטער ווי „פּראַפּיטן" און ענלעכע.

איך וויל נאָך אָנווייזן אויף אַזעלכע מעלות אין „מוליער הירש", וואָס געפינען זיך אַ סך זעלטענער אין נאַטישעס איבעריקע פּאָעמעס.

„...ס׳בליקט דער מוליער הירש דורך שמחה־נעפּל אויפן ווייב...
ער זעט:
איר פּנים —
געל, בלייך, גרין,
ווי אַ ציטרין...
אַ פּנים קליין און אויסגעליטן — ביי אַ קינד"...

—— —— —— —— —— ——

„איצטער לייכט איר שאַרבן דורך די גראָע האָר
מיט קאַלטן בליאַסק פון אָנמאַכט, טויט...

—— —— —— —— —— ——

ווי לאַנג געשטאַנעןביידע אונטער די פיר פלעקער?!
קלינגען יאָרן, טעג —
אַוועק —
אין מוז אָפּ, ווי וויטע גלעקער...
און ס׳קוקט דער מוליער אויפן ווייב
מיט ליפּן אויסגעצויגן אין דער באָרד פון שמייכלדיקן ווי
(ס׳דוכט אַ רויטער וואָרעם פויזעט אינעם היי)
ער געזעגנט זיך אין האַרץ מיט איר אויף אייביק...
ס׳זעט דער מענטש דעם סוף מיט זיין מחשבה;
קומט די עלטער אָן, ווי אַ פאַרנאַכט אין פעלד...
טו, מאַך, העלף —
חרוב ווערט אַ כאַטע, חרוב ווערט — דער גוף!
באַמערקן אַלע זיינע בליקן, זייער מיין...
נעמט רוישן אין די קעפּ, ווי אין וואַלד געהיים...
די נשמה הענגט — אַ טרער"...

אַ פּרעכטיק בילד, ווו דורך עטלעכע שורות ווערט אויפגעלעבט פאַר אונדז דער גאַנצער משפחה־קרייז אין דעם אינטימסטן, מענטשלעך־וויטיקדיקסטן מאָמענט.

אָדער פאָלגנדיקער שטימונגס־אויסדרוק:

„גראָער שבת, ווי אַ שטומע שאָף,
לאָזט זיין מידן קאָפּ אַראָפּ אויף שוועל פון האָריזאָנט,

פאַלט די זון אויף האַלדז פון שבת,
ווי אַן אָנגעגליטע האַק, —
שבת קודש ליגט געשאָכטן...

— —— —— —— —— ——

ס׳מישט די וואָך אין מאַרק
מיט פינגער טרוקענע, פאַרדאַרט
שמות בלעכענע פונעם צעפליקטן
האַנדל־וואַנדל־שווינדל־ספר״...

און אויך נאַטישס גרעסטער פעלער, זיין וווּכערישע פאַרגלייכאָמאַניע, ווערט אין „מוליער הירש״ מילדער; מען געפינט זי דאָ נישט אין אַזאַ פאַרנעם, ווי אין די אַנדערע פּאָעמעס. די פאַרגלייכן ווערן נענטער צו פאַלקסטימלעכע רעדנסאַרטן, זיי פּאַסן זיך אַריין אין דער אַלגעמיינער פאַלקסטימלעכקייט פון „מוליער הירש״. למשל: „מ׳זעט דעם אַנדערן דורך זיך, ווי דורך אַ שויב...״; „ס׳איז דאָס בעכער פול, ס׳קאָן דער טויט אים נעמען צו די ליפּן...״; „געשטאָרבן שטיל, ווי ס׳שטאַרבט אַ גרעזל אָפּ אין פעלד...״ און אַזוי גאַנץ אָפט.

*

די איבעריקע פּאָעמעס — אָדער ריכטיקער: דערציילערישע לידער־ציקלען וועגן אַ ישובניק ר׳ שאַיע, וועגן פּויערישן לעבן, — פאַרמאָגן אין אַ גרויסער מאָס די אַלע חסרונות, וואָס איך האָב אויסגערעכנט ביים אַריינפיר. עס איז רעכט צו שרייבן:

„זי איז אין פאַרווירונג צום שטעלכל געלאָפן,
ווי אַ טכויר אין אַנטרינונג...״

אָדער:

„הילצערנע לעפל צו מיילער זיך רוקן ווי מידע באַראַנעס צו קאָרעטעס פולע...״

די לעפל זענען מידע באַראַנעס און די מיילער — פולע קאָרעטעס...

פון די דאָזיקע אַלע זאַכן צייכנט זיך אויס צום גוטן מיט דער אינהאַלטס־פולקייט דאָס קאַפּיטל „די שטומע צונג״ אין דעם רעטאָרישן, אומנאַטירלעכן נאַטור־לידער־ציקל „אין פעלד״.

„ס׳ווייס נישט שטומע צונג ווער האָר איז און ווער — קנעכט,
און מרוקעט ליבשאַפט אויס צו דעם, וואָס זעטיקט, גלעט — —
און מעכטיק איז די פרייד, ריזיק גרויס — די לוסט

פון זעטיקן דאָס בלוט אין לעבעדיקן לייב !...
אַ לוסט, אַ פרייד אַזאַ — נישט יעדעמען (?) באַשערט,
אַ ליבע אָט־אַזאַ פון אָקס, פון קו, פון פערד —
אַ ליבע צו דעם מענטש און פונעם מענטש — צו זיי,
פאַרוואָרצלט אין דער ברוסט, ווי וואָרצלען פונעם בוים...״

און די דאָזיקע לוסט איז באַשערט מאָטווייען:

„— זיינע איז די פרייד פון אַלץ דאָ, אין באַגין !...״

נישט דער פריץ, דער באַלעבאָס, פאַרמאָגט דאָס אַלץ, נאָר ער — דער קנעכט:

„אַלץ נעגנטערט זיך צו אים, אין הויף דאָ, אינדערמיט,
און רינגלט אים אַרום (אים, דעם קנעכט, דעם כאָם) —
ווי ס׳רינגלען כוואַליעס אום די אינדזל אינעם ים —
און מאָנט, און זוכט און בעט דעם חלק שפּייז פון אים,
ווי ס׳מאָנט די שטומע צונג, ווי ס׳מאָנען: קו און הון.
און ס׳קוקט מאָטוויי אַזוי — אינמיטן הויף צעשטעלט —
מיט ליבשאַפט אויף דעם אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום...
און ווידער קוואַלט פון האַרץ ביי אים אַזאַ געפיל:
— זיינע איז די ערד! זיינע — רינד און פערד! —

אַ שאָד נאָר, וואָס אויך די דאָזיקע פיינע טעמע איז באַלאַסטעט מיט גיין מאָס רייד און וואָס עס פעלט דאָ, פאַרן געפיל פון אַ סאָציאַליסט, עפּעס אַן אויסדרוק פאַרן פּראָטעסט, וואָס עס וועקן אויף אין אונדז די שורות:

„...ווי ס׳בינדט די אָם זיך צו צום פרעמדן קינד,
אַזוי בינדט זיך דער קנעכט צו פרעמדע האָב און גאָב,
וואָס ווערט מיט בלוט, זיינעם געכאָוועט און געהיט...״

*

נאַטישעס אַלע פּאָעמעס זענען דערציילעריש, און עס פילט זיך אין זיי דער אָפּקלאַנג פון א געוויסער סביבה. אין די בעסערע זאַכן זיינע — אין „מוליער הירש״ — איז דאָס דאָזיקע דערציילערישע פאַרקנסט מיט פאַלקסטימלעכקייט אין סטיל און שפּראַך; די דאָזיקעביידע זאַכן — סביבה־ווירקונג און פאַלקסטימלעכקייט אין סטיל און שפּראַך — געפינט מען אין אַ מער בולטער און ריינערער פאָרם אין נאַטישעס פּראָזע־פראַגמענטן, וועלכע ער האָט אין פאַרשידענע ערטער געדרוקט. און איך האָב דעם איינדרוק, אַז באַפרייט פון דער קלעם פון פערז — וועלכן נאַטיש באַהערשט מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג — און פון דער אימאַזשיניס־

טישער מכה פון געיעג נאָכן בילד, — נאָכן פאַרגלייך, — וועט נאַטישעס טאַלאַנט באַקומען אַ פרייערע און נאַטירלעכערע אויסדרוק־מעגלעכקייט. אין פּראָזע, פריי פון זאָרג פאַר גראַם און ריטם, וועט נאַטישעס באַאָבאַכטונגס־און שילדערונגס־פעאיקייט גיכער קאָנען זיך באַפרייען פון דראַנג צו רעטאָריק און צו מעטאַפאָרן.

נאַטיש האָט זיכער טאַלאַנט. דער וויכטיקסטער שריט איז פאַר אַ יונגן שרייבער צו דערקענען זיין אַרבעטס־פעלד און זיינע ביז־איצט אַרויסגעוויזענע שוואַכסטע פּונקטן. העלפן אים אין דער דאָזיקער אויפגאַבע איז אויסן מיין רעצענזיע.

וואַרשע, 1936

2

די שאַטנזייט פון נאַטישעס פּאָעמעס

אויך איך האַלט נאַטישעס בוך „מוליער הירש" פאַר אַ פיין ווערק. דאָס בוך איז אַ באַגלויבטער עדות פאַר נאַטישעס טאַלאַנט. אמת, איך וואָלט נאַטישעס מעלות אפשר געפונען אין אַן אנדער געביט ווי ח׳ מ. טייכמאַן, און כ׳וואָלט געווען שפּאָר־זאַמער אין מיין באַגייסטערונג. אָבער — איך בין נישט אויסן צו שרייבן אַ קעגן־רעצענזיע. איך וויל גיכער דערגאַנצן אין א געוויסן פּרט ח׳ מ. טייכמאַנס רעצענזיע.

צום סוף פון זיין רעצענזיע זאָגט ח׳ טייכמאַן:

„דאָס ווערק האָט אויך חסרונות — אָבער אַזעלכע, וואָס פאַרלירן זיך אין די מעלות. אויב ס׳הינקט דאָ אָדער דאָרט די פאָרם אָדער אַ בילד — איז עס דאָך פאָרט דאָס ערשטע ביכל".

אָט אין דער דרך־אגבדיקער באמערקונג וועגן די שלעכטע בילדער וויל איך אָנקניפּן מיין דערגאַנצונג. דווקא דערפאַר ווייל ח׳ נאַטיש איז א יונגער שריי־בער, פון וועלכן מען קאָן עפּעס דערוואַרטן, מוז מען לייגן אַכט נישט נאָר אויף זיינע מעלות, נאָר אויך אויף זיינע חסרונות. איך האַלט, אַז דער גרעסטער פעלער פון נאַטישעס בוך איז — די שפע אומגעלונגענע פאַרגלייכן. דאָס איז ביי נאַטישן אַן אָרגאַנישער פעלער, אַ מין פּרינציפּיעלער פעלער, וואָס איז געוואָרן אַ געוווינהייט — אַ צווייטע נאַטור, און אויפדעקן דעם פעלער איז אַ נויטיקער פאַרבאַדינג פאַר באַזייטיקן אים. בפרט — אַז דער פעלער איז נישט נאַטישעס קיין מאָנאָפּאָל־אַרטיקל. די פאַרגלייכאָמאַניע איז אַ פעלער פון אונדזער גאַנצער יונגער דיכטונג. במילא איז נאַטיש בלויז די טאָכטער, וועלכע מען זידלט, מיינענדיק די שנור.

*

ביי די יונגע יידישע דיכטער אין פוילן איז שטאַרק פּאָפּולער די לאָזונג: דיכטונג איז — בילד, בילדערישער פאַרגלייך. דער דאָזיקער אַלטער אמת האָט אָבער אָנגענומען משונהדיקע פאָרמען. מען האָט גענומען שלעפּן פאַרן קאָלנער דאָס בילד, נישט וואַרטנדיק ביז עס וועט אַנשווימען אויף די כוואַליעס פון לעגי־טימער נאַטירלעכער אינספּיראַציע.

עס גרענעצט אָפטמאָל פשוט מיט קאָמיזם. פאַראַן דערציילונגען און לידער פון יונגע שרייבער (און אפילו פון מיטליאַריקע און באַדייטנדיקע — ווי פוקס, למשל), וווּ מ׳קאָן נישט צוקומען צום עיקר, ווייל ווי נאָר דער שרייבער וויל עפּעס זאָגן, בלייבט ער שטיין און זוכט אַ בילד. אין דער שטענדיקער יאָגעניש נאָך בילדערישקייט — איז פאַרלוירן געגאַנגען די פריי־פליסנדיקע פאָרעם, אין וועלכער עס וואַקסן, ווי בלומען צווישן גראָז, אָרגאַניש־אויפגעשווומענע בילד־לעכע פאַרגלייכן.

ווען פון דעם גייציג וואָלטן געליטן נאָר אומבאַגאַבטע שרייבער, וואָלט, נאַטירלעך, געווען אַ האַלבע צרה; אָבער פון דער פּלאָג ליידן אויך בפירוש באַגאַבטע דיכטער און שרייבער (ס׳איז גענוג אָנצווייזן אויף פוקסן און רחל קאָרן), און דעריבער לוינט זיך אָפּצושטעלן דערויף ביי דער געלעגנהייט פון מ. נאַטישעס פּאָעמעס, ווייל מ. נאַטיש, איינער פון די פּעאיקסטע יונגע דיכטער אין פוילן, ליידט אויך פון דער קרענק אין אַ גאַר שאַרפער פאָרעם.

*

וואָס הייסט בילדערישקייט? בילדעריש איז אַ פאַרגלייך, וואָס טרעפט אין אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, ווי אַ שאָס אין ציל. ווען אַ פאַרגלייך רעדט נישט צו אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט און לאָזט אונדז קאַלט, איז ער פאַלש, איז ער נישט בילדעריש.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל:

ביי מאַרטין אַנדערסען נעקסע (אַ דענישער שרייבער) געפין איך אַזאַ זאַץ: „פלעגט זיין האַרץ אָפּשטאַרבן, ווי ביי אַ פויגל, וואָס קלייבט זיך פליען".

איז דאָס דאָזיקע בילד עקזאַקט? דאָס קאָן קיינער נישט וויסן. ווער ווייס צי ביי אַ פויגל שטאַרבט טאַקע אָפּ דאָס האַרץ ביים קלייבן זיך פליען? (אדרבא, גיכער נישט, ווייל פאַרן פויגל איז דאָס פליען פונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי ביי אונדז דאָס קלייבן זיך גיין.) דערפאַר אָבער ווייסן מיר, אַז דער פאַרגלייך איז אַן עכט דיכטעריש בילד, ווייל עס טרעפט אין אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט. ביים איבערלייענען דעם זאַץ, שטאַרבט אָפּ אין אונדז דאָס האַרץ, ווייל מיר פילן, אַז ווען מיר וואָלטן זיך געקאָנט קלייבן פליען, וואָלט ביי אונדז אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ, ווי בעת מיר קוקן אַראָפּ פון אַ הויכן טורעם און שטעלן זיך פאָר, אַז מיר

פֿאַלן, זייער מעגלעך, אַז מיר טראָגן בלויז איבער אונדזער צושטאַנד אויפֿן פֿויגל, און דאָך איז דאָס בילד אַן אמת פֿאַר אונדזער געפֿיל־וועלט.

אָבער ווען מ. נאַטיש זאָגט: „ווי אַ רידל אין ערד, האָט זאָרג אויפֿגעגראָבן אין קאָפּ ביי רעב שאַיען", איז דאָס נישט קיין בילד, נאָר אַ טויטער פֿאַרגלייך: עס רעדט נישט צו אונדזער פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט. אַ פֿאַרגלייך אין דעם פֿאַל קאָן האָבן בלויז איין אויפֿגאַבע: לאָזן אונדז שפּירן פּיזיש, מיטפֿילנדיק, ווי די זאָרג גראָבט אין רעב שאַיעס קאָפּ; אָבער דאָס בילד „ווי אַ רידל אין ערד" לאָזט אונדז קאַלט, און פּונקט ווי דער רידל וואָס גראָבט די ערד, לאָזט אונדז שוין קאַלט אויך דער נמשל, די זאָרג ביי רעב שאַיען אין קאָפּ. דער פֿאַלשער פֿאַרגלייך האָט אַ פֿאַרקערטע ווירקונג: אַנשטאָט צו שטאַרקן דורכן משל אונדזער מיטגעפֿיל, שוואַכט ער אים אָפּ, ווייל אונדזער פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט קאָן בשום אופֿן נישט אָנערקענען, אַז זאָרג גראָבט אין אַ קאָפּ ווי אַ רידל אין ערד.

אין אייניקע פּאַעמעס נאַטישעס זענען די דאָזיקע פֿאַרגלייכן פֿאַרטראָטן גאָר אין אַ גרויסער מאָס; אָט זענען אייניקע פֿון זיי, וואָס לאָזן זיך אַנאַליזירן לויטן אויבנגעבראַכטן מוסטער: „ווי די קוילן אין אויוון, צעבלאָזן אַ יאָמערלעך טענהן"; „האָט שאַיעס געבייזער אין האַרצן ביי נעכען פֿאַרשטיקט דאָס גערייד, ווי ס׳וואַסער דאָס זידן פֿון וואַרעמקעס אין אויוון"; „ס׳האָט זיך רעב שאַיע, מיט היפּ און מיט טרויעריק טענצלען צום פֿערדל פֿאַרגנבעט, ווי אַ קראָ צו דעם האָבער אין דייזשע".

ווי מיר זעען — אַלץ בילדער, וואָס בלייבן אויף יענער זייט פֿון אונדזער איינבילדונגס־קראַפֿט. דער משל מיטן נמשל זענען אומנאַטירלעך צונויפֿגעפּאַרט, צוליבן מוז צו באַפֿרידיקן דעם אַלמעכטיקן דיכטערישן געבאָט פֿון בילדלעכקייט.

לאָמיר געווי אַנאַליזירן נאָך אַ ביישפּיל, אַ באַזונדער בולטן: „ס׳האָט אַ פֿאַר־סאַפּעטע באַן אויסגעריסן די קינדער פֿון האַרץ, ווי מען רייסט אויס אַ רעטעך פֿון בייט"... וואָס איז די אויפֿגאַבע פֿון בילד אין דאָזיקן פֿאַל? עס דאַרף אונדז געבן שטאַרקער צו שפּירן דעם „אויסגעריסן די קינדער פֿון האַרץ", אָבער „ווי מען רייסט אויס אַ רעטעך פֿון בייט" לאָזט אונדזער מיטגעפֿיל אין גאַנצן קאַלט, אומבאַטייליקט, און אַנשטאָט צו פֿאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פֿון „אויסגעריסן די קינדער פֿון האַרץ", שוואַכט עס גאָר אָפּ. אויב בלויז „ווי מען רייסט אויס אַ רעטעך פֿון בייט", איז אַן סכנות.

ווען נאַטיש זאָגט אין „מוליער הירש": „קינדער פֿאַלן, ווי די בלעטלעך אינעם האַרבסט", איז דאָס אמתדיק, עכט, ווייל „ווי די בלעטלעך אין האַרבסט" גיסט אַריין אין אונדזער פֿאַרשטעלונג דעם אומעט פֿון האַרבסטיקן שטאַרבן און

עס באַפאַרבט מיט דער טרויעריקער געמיט־שטימונג די רייד וועגן די קינדער, וואָס פאַלן.

צום באַדויערן, זענען אויך איין עכטן פאַרגלייך, ווי „פונווייטן דאָס דאָרף, ווי אַ האַרבע מאַזאַליע אויף ערדישער דלאָניע", פאַראַן צענטליקער, ווי די פאָלגנ־דיקע: „רעדט צו קאַזיונען, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער פאַדלאָגע, ווי אַ שטיינדל אויף אַזיערע־ברעגעס"; „ס'שפּאַלטן זיך אויגן פאַרקלעפּטע, ווי לאַבנס אין פרישן געבעק"; „נאָך זענען די קושן געהאָנגען אויף ליפּן, ווי בלוטיקע שמאַטקעס פון פינגער צעקיילטע".

און ס'רוב זענען אָט די שלעכטע און נישט עכטע פאַרגלייכן אינגאַנצן איבעריק, און שטערן נאָך דעם פרייען פלוס פון דער דערציילונג. אָט זענען אַ פּאָר קורצע ביישפּילן:

„אין ערשטער פאַריינזאַמטער נאַכט האָט אַ פּלאָנטנדער שלאָף,
„ווי דער זויער אין טייג, זיך צעיוירט אין צעפייניקטע מוחות...
„אַ כראָפּ האָט געגריזשעט די שוואַרצע פאַרלאָזנקייט,
„ווי אַ פערדל דעם האָבער"...
„ס'האָט די מגפה, וואָס איז ווי אַ וואָלף אין פאַרצוקן,
„געלאָפן פון טיר־צו־אַ־טיר —
„די מיידלעך רעב שאַיעס פאַרלענדט אין איין איינציקער שעה...
„זענען רעב שאַיעאון נעכע, ווי קוימענס פון חורבות — נאָך שרפה פאַרבליבן,
„מיט הערצער פון אומגליק צעבראָכן, ווי שאַרבנס...
„זענען די שיך מיידלש־הויכע,
„געפּוצטע,
„געשנורטע
ביים בעטל געשטאַנען, ווי הינטלעך געטרייע,
„און ס'זענען די קליידלעך צופּוסן געלעגן פאַרלאָזטע,
„ווי פעלעכלעך געשונדן...
„האָט נעכען דאָס אומגליק פאַרהאַקט דאָס געוויין אין דער ברוסט,
„ווי אַ שלאָס אין קאָמאָד, איינגעזשאַווערט"....

ווי דורך שטעכיקן דראָט, דאַרף מען זיך אַדורכרייסן צום סיפּור־המעשה.

די דאָזיקע פאַרגלייכן זענען צאָלרייך בלויז אין אַ טייל פּאָעמעס. אין אַנדערע ווערק, באַזונדערס אין „מוליער הירש", איז שוין די צאָל נישט דער ערך קלענער. דאָ איז מער געזונטע, פּאָלקסטימלעכע בילדלעכקייט.

אויך וואָס שייך שפּראַך און ריטם, קאָן מען האָבן טענות צום יונגן דיכטער. די שפּראַך — וועלכע נאָטיש באַהערשט אין אַלגעמיין זייער גוט — איז אָפט

נישט רייך, דער ריטם — מיט אַ סקריפּ. „אַזש ווײ־טאָן געטאָן האָט דאָס קלעפּיק־צעטראָטענע מיסט פונעם שטעלכל", — איז קיין לשון נישט, בפרט אין דיכטונג. „און ס׳בלייבן אין קווערינג שטעקן די רייד אַנגעוואָרפן אין שאַיעס צעעפנטן מויל", איז אַ שווער לשון.

איך באַטאָן נאָכאַמאָל: אויב מיין רעצענזיע אין בלויז שאָטן, איז דאָס דערפאַר, ווייל ח׳ טייכמאַן האָט לגמרי פאַרשוויגן די שאָטן־זייט און געגעבן נאָר די זון־זייט. זון האָב איך נישט וואָס צוצוגעבן; דאַקעגן איז דער גאַנצער שאָטן געבליבן פאַר מיר.

1934

יג) דיכטונג *

זעלטן ווער פון די דיכטער איז אין די דאָזיקע „זאַמלביכער" רעפּרעזענטירט מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, ווי אהרן צייטלין אין זיינע אַכט לידער.

צייטלין איז אַ זייער געשיקטער ווערסיפיקאַטאָר, אָבער מיט אַ שטאַרקן נויג צו בדחנות; זיין אוממוזיקאַלישקייט לאָזט אים באַנוצן אַבסאָלוט אַמוזיקאַלישע, קאַקאָפאָנישע שורות און גראַמען. ער איז אַ לייכטער ווערסיפיקאַטאָר, אָבער די לייכטקייט נעמט זיך פון נישט איבערקלייבערישקייט.

„אונדזערע ריגלען
„שרייען נאָך פליגלען,
„אונדזערע טירן
„ווילן דעזערטירן,
„אונדזערע שוועלן
„זענען רעבעלן..."

און אַזוי ווייטער.

לייכטקייט פון פערז איז אַ גוטע זאַך, אָבער ווען לייכטקייט ווערט בדחנישע לייכטזיניקייט — איז שלעכט. און זעלטן מיידט צייטלין אויס די דאָזיקע אויס־גליטשונג.

אַ צווייטע מעלה צייטלינס איז דער אינטעליגענטער אינטעלעקטואַליזם, וואָס זעט פּראָבלעמען, וואָס דרייט זיך אַרום ערנסטעס, וואָס דאָס וואָלט געקאָנט מאַכן פון אים אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דער יידישער דיכטונג, ווען די דאָזיקע

* אַט די טײל רעצענזיע אונטערן נאָמען „דיכטונג" איז אַרויסגענומען פון מיינער אַ רעצענזיע (אין י. נ. שטיינבערגס „פרייע שריפטן") וועגן ה. לייוויקס און י. אַפּאַטאָשוס „זאַמלביכער", נומער 1.

אינטעלעקטועלע פלינקייט וואָלט געווען פאַרבונדן מיט טיפן אינערלעכן ערנסט (און נאַטירלעך אויך מיט אַ עכטערער דיכטערישקייט).

אויך דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע שטעלן, רייט ציטלין אַרויס אויף זיין שטעקנ־פערד: זיין פילן זיך שלעכט אין דער ליטעראַטור, בעת ער רייסט זיך גאָר צו גרעסערס, העכערס, ער איז אין כעס אויף זיך למאי ער מוז

„...נאָך זיצן אַלץ און קלערן,
„אַנשטאָט אַן פאַרכט אַרויסצוגיין צו גאָט".

אַ טראַגיש געפיל. אָבער נישט ביי ציטלינען. אין קיין שום ליד איז דאָס נישט אויסגעדריקט מיט יענעם אינערלעכן ציטער, מיט יענער דורכגעלעבטקייט, וואָס טיילט זיך מיט דעם לייענער. דער כעס אויף זיך איז אָן סכנות. זיין אַריינ־געוואָקסנקייט אין דער ליטעראַטור ווייזט אָן ברוגז מיט דעם ווערטערדיקן רעוואָלט זיינעם.

„איך ווייס דאָך ווי ווערטער ווערן געמאַכט,
„ווערטער מאַך איך אַליין".

דאָס איז ריכטיק.

נישט־ריכטיק דאַקעגן איז זיין באַהויפּטונג:

„נאָך אַלץ פּאָעט — נישט מער ווי אַ פּאָעט",

ווייל מער דאַרף מען נישט אין דאָזיקן פאַל. מען דאַרף עס אָבער זיין אויף אַן אמת נישט דורך ווערטער־מאַכעריי, און דאַן קאָן מען שוין נישט זאָגן:

„ווי קאָנען לידער אויסקויפן מיין חטא?".

אמתע לידער קויפן אויס אַזאַ חטא. ווען ציטלין וואָלט געקלאָגט אויף זיין סתירה מיט אַן אמתער אינערלעכער קלאָג אין אמתע לידער, וואָלט ער אין זיי, אין די דאָזיקע קלאָג־לידער, אַרויסגעגאַנגען צו גאָט, אָנגעקומען צו אים. אַ טיף־אַרויס־געזאָגטע תפילה, אַ טיף־אַרויסגעברומטע קלאָג איז דערפילונג, פאַרווירקלעכונג, סתירה־איבערבריקונג.

אָבער וואָס קאָן מען מאַכן, ווען

„דעם ווייַן פאַרזוכט בלויז — נישט געוואָרן שכור?"

פאַרזוכט בלויז מיטן פלינקן אינטעלעקט, אַבסטראַקט־עקרדיק.

פאַראַן אין די דאָזיקע אַכט לידער אויסערגעוויינלעך־כאַראַקטעריסטישע שורות:

„...שטיין אין קיך, ווו ס'פּרעגלען זיך די ווערטער,
„אַליין זיין קאָך און פיינט האָבן די קיך".

ציטלין פאַרבייט צוויי זאַכן: געפינענדיק זיך אין דער דאָזיקער עקלדיקער ווערטער־מאַכנדיקער קיך, אידענטיפיצירט ער עס מיט פּאָעזיע און ער בריקעוועט

סנאָביש די פּאָעזיע, וואָס שטערט אים כלומרשט אַרויסצוגיין צו גאָט. דאָס איז אַ טעות: פּאָעזיע און דער וועג צו גאָט איז איינס — ווי מען זאָל זיך אים נישט פאַרשטעלן און ווי מען זאָל אים נישט רופן.

דער טיפער קירקעגאַרד, וואָס האָט אויף אַן אמת געקעמפט מיט זיך פאַר אַרויסגיין אַן פאַרכט צו גאָט, זאָגט ערגעץ־ווו: פאַראַן פילאָזאָפן, וואָס בויען אויף די שענסטע פּאַלאַצן, און אַליין וווינען זיי אין אַ חרובער הייזקע דערלעבן. געמיינט האָט ער דערמיט די גאָט־דערקענער אויף ווערטער, אין בוך־סיסטעמען, און די אויסגעליידיקטע מענטשן אין דער וואָר, וועלכע לעבן נישט לויט זייערע שיטות, ווייל דאָס קומט ביי זיי פון מוח, נישט פון דער טיפער פּערזענלעכקייט. פאַראַן אויך אַזעלכע פּאָעטן, וואָס קעמפן מיט זיך אויף ווערטער. אָבער פונקט ווי אַזעלכע פילאָזאָפן זענען נישט פילאָזאָפן, נאָר פילאָזאָפיע־פּראָפעסאָרן, זענען אויך אַזעלכע פּאָעטן נישט פּאָעטן, נאָר ווערטער־מאַכער, געשיקטע רעטאָריקער.*

*

מאַנגערס „ליד, סאָנעט, באַלאַדע" זענען נישט נאָר פאַרשידן לויט זייערע פּאָעטישע מינים, נאָר אויך לויט זייער קוואַליטעט. די צוויי לידער פון וועלוול־זבאַרזשער־ציקל (וואָס איז שוין אינצווישן דערשינען אין אַ בוך־פאָרם) זענען זייער שיין, ליריש־אוממיטלבאַר. מאַנגער גיט זיך לעצטנס ספּעציעל אָפּ מיט שאַפן ציקלען אין פאָלקסטימלעכן טאָן און סטיל (חומש־לידער, מגילה־לידער און וועלוול־זבאַרזשער־ציקל), און דידאַזיקע פאָרם גיט זיך אים זייער גוט איין. עס קומט דאָ צום פולן אויסדרוק סיי זיין טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין פאָלקסטימלעכן יידישן פּרימיטיוו, סיי זיין חוש פאַר הומאָר און סאַרקאַזם.

די סאָנעט־פאָרם טרעפט זיך ביז איצט ביי מאַנגערן זייער זעלטן (הגם ער פאַרמאָגט אין „לאָמטערן און ווינט" אַזאַ מייסטערהאַפטן סאָנעט, ווי „סיפיליס"). אין די „זאַמלביכער" איז מאַנגער פאַרטראָטן מיט פינף סאָנעטן. מען קאָן נישט זאָגן, משפטנדיק לויט דידאָזיקע פינף סאָנעטן, אַז מאַנגער באַהערשט דידאָזיקע שווערע פאָרם. נאָך דעם אוממיטלבאַרן ריטם פון די זבאַרזשער־לידער זענען די פערזן פון די סאָנעטן געבראָכן, אָנגעשטרענגט, אָפּט מיט אָטעם־מאַנגל. אָבער די מערסטע פון די פינף זענען פּלאַסטיש און פיין־פאַרטראַכט. באַזונדערס שיין איז דער סאָנעט „אַנטלויפנדיקע פּרוי". אויך „זעלבסטמאָרד" און „עקזעקוציע" זענען אין זייער לעצטער ווירקונג שטאַרק. גאָר שוואַך איז „פּעריפעריע", עס קאָנען אים נישט העלפן מאַנגערס צוויי טראַדיציאָנעלע בלאָע שטערן, וואָס דער גאַסנקערער געפינט אינם שניי. שוואַך אין דער ווירקונג איז אויך דער אַבסטראַקטער, מוסר־השכלדיקער סאָנעט „שאָטנס".

---

* וועגן אהרן צייטלינס דיכטונג, זע מיין בוך „אויסגעריסענע בלעטער", ז. 186 און ווייטער.

פון די צוויי באַלאַדעס, „די באַלאַדע פון דעם אָרעמען ייד, וואָס איז דער־גאַנגען פון גראָ ביז בלאָ" און „באַרג־ליד", געפעלט מיר די צווייטע פונקט אַזוי שטאַרק, ווי די ערשטע — נישט. דאָס באַרג־ליד פאַרמאָגט אַלע בעסערע מעלות פון מאַנגערס באַלאַדעס: פּלאַסטישקייט און סובטעלע ליריק. וואָס מער מען לייענט דידאַזיקע פּרעכטיקע באַלאַדע, אַלץ מער באַוווּנדערט מען איר קאָנסטרוק־ציע און די אויספיר־מיטלען. דאָס איז איינס פון יענע מאַנגערס לידער, ביי וועלכע מען זאָגט זיך אָן שום באַוואָרענישן: בלויז אַ גרויסער דיכטער און אַ גרויסער פאָרם־באַהערשער האָט דאָס געקאָנט שאַפן.

כדי איבערצוגעבן די שטימונג אין די בערג ביינאַכט און פאַרטאָג, באַנוצט נישט מאַנגער קיין רעטאָרישע אויסרוף־מיטלען, נאָר ער שילדערט ווי דער פאַסטוך גייט אַוועק פאַרנאַכט פון די בערג אין טאָל, ווייל

„דער שטילער ניגון אין זיין פלייט
„איז פאַר דער נאַכט אין די בערג צו קליין";

ער שילדערט, ווי דער וואַנדערער איילט זיך צו,

„אים שרעקט די אייגענע טריט צו הערן",

און

„טיף אין טאָל שפּינט דער פּחד די לעגענדע...
— — — — — — — — —
„ער זעט די וויטע כלות פון די בערג — זיי קלערן
„ביים רוישן פונם וואַסער אויס געפאַרן".
— — — — — — — — —
„ציטערן די מאַמעס און זיי שעפּטשען שפּרוכן,
„און די גרויסע בערדיקע טאַטעס
„רופן הויך אָן גאָט ביים נאָמען.
„און גאָט אַליין וואַנדערט דורך די בערג
„די גאַנצע נאַכט ביז צום באַגינען.
„און יעדער איינער קען פאַרפרי,
„וואַנדערנדיק איבער די בערג, אָן מי,
„די שפּורן פון זיינע פיס געפינען".

דאַקעגן בין איך אַנטוישט פון דער „באַלאַדע פון דעם אָרעמען ייד". זי פאַר־מאָגט אַ סך ווערטער און איבערחזרונגען וועגן גראָ און בלאָ, אָבער אַפילו אַלע־גאָריע־ליבהאָבער וועלן בלויז ווייניק קאָנען אַריינטייטשן אין דאָזיקן צעצויגענעם, אינערלעך־אָרעמען ליד, — אָרעם אין קלאָרער געדאַנקלעכקייט און קלאָרער פּלאַסטישער סימבאָליק.

אפשר האָט מאַנגער געהאַט אַ וויזיע וועגן דעם גראָען ייד, וואָס בענקט נאָך חלום־בלאָ — פאַרקערפּערט האָט ער זי נישט, נישט געקוקט אויף דער מוזיקאַליש־קייט פון דאָזיקן ליד.

מאַנגער האָט זיך דאָ צופיל פאַרפלאָנטערט אין איינעם פון זיינע חסרונות: קאָנווענציאָנעלע סימבאָליק. דערפאַר טאַקע איז דער תמיד קורצער, קאָנדענ־סירטער מאַנגער אַזוי צעפלאָסן אין דאָזיקן ליד. ער וויל זיך אַלץ אַרויספלאָנטערן און מוז פאָרט איבערהאַקן ווי אינמיטן.

*

ביים לייענען לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע „אַבעלאַר און העלואיז", האָט זיך צעקנאָספּט אַ געפיל, וואָס איז געוואַקסן, געוואַקסן און אויפגעפלאַצט אין אַ בילד: „של נעליך, כי קדוש המקום הזה". לייוויק פירט אונדז אַוועק — ווי אַ סך מאָל — אויף אַ הייליקן באָדן, געהייליקט דורך גרויסן מענטשלעכןליידן, דורך אַ גרויסער פייניקנדיקער פּראָבלעם. אָבער ווען מיר גייען אַריין מיט באָרוועסע פיס און אַ ציטערנדיק האַרץ אין הייליקטום, וואָס לייוויק האָט אויפגעבויט אויפן דאָזיקן הייליקן אָרט, ווערן מיר אַנטוישט: מיר פילן זיך דאָרט צו וואָכעדיק.

צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב, ווערן אָפּגעריסן איינער פון צווייטן אויפן ברוטאַלסטן אופן: נישט נאָר רוימלעך, נאָר פיזיש, אין פיזישסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. אָבער די אוממענטשלעכסטע אַכזריות בלייבט אָנמעכטיק לגבי דער מענטשלעכער ליבע. פונדערוועיטנס, אין פיזישער אויסזיכטסלאָזיקייט, וואַקסט זי זיך נאָך מער פאַנאַנדער. מיר שטייען דאָ פאַר איינער פון יענע דערשיינונגען, ווען דאָס וואָרט „גייסט איז שטאַרקער פאַר קערפּער" הערט אויף צו זיין רעטאָריק און ווערט ממשות. דער מענטש וואַקסט אין אַזאַ מאָמענט אַריבער די ענגערע גרענעץ זיינע און אַנטפּלעקט פאַר דער אייגענער און אַלעמענס שטוינונג, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיך. און אַזעלכע מאָמענטן זענען די דאַנקבאַרסטע פאַר דיכטונג. נאָכמער: זיי זענען דער אייגנטלעכער שטאָף פאַר דיכטונג. לייוויק אָפּערירט מיט עכטן דיכטערישן שטאָף פון העכסטן מין. צי האָט אָבער לייוויק אויסגעבויט אַן עכט הייליקטום?

*

אין דער דריטער סצענע, ווען אַבעלאַר באַגעגנט זיך מיט העלואיז אין וואַלד, קומט צום ריינסטן אויסדרוק דער זין פון דער פּאָעמע. דער פאַרצווייפלטער אַבעלאַר באַקומט אַ טרייסט־טראַנספּוזיע פון זיין נאָנטער געליבטער. עס גייט אויף פאַר ביידן דער זינפולער טרייסט פון ביידנס אומגליק. און דאָרט, וווּ עס הערשט זינפולקייט און געלייטערט גליק (העכסט גליק!), איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פיזישן שרעק. ווען דער מאָנאַך קומט צו לויפן מיטן אָנזאָג, אַז פאָטער

גרעגאָרי, אַבעלאַר און העלואיזס פּייניקער, גייט, אַנטלויפן נישט די געליבטע. דער העכסטער זין פון דער פּאָעמע ליגט אין העלואיזעס ווערטער צום פּאָטער גרעגאָרי: „צושייד, צושייד, ווען סיי ווי נישט צושיידן". אָבער לייוויק פאַרטונקלט און צעשטערט דעמדאָזיקן זין דורך אומנויטיקער געדאַנקלעכער איבערגעלאָדנקייט. אַנשטאָט צו פאַרענדיקן די פּאָעמע מיט דער סוווערענער פרייהייט פון די געליבטע פּנים־אל־פּנים מיטן פּייניקער, פירט לייוויק אַריין אַ מאָראַלישן דיאַלאָג מיט אַ שכר־ועונש־פּרינציפּ. העלואיז דראָט דעם פּאָטער גרעגאָרי מיט שטראָף פאַר אַבעלאַרס יעדע טרער, מיט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר יעדן פאַרגאָסענעם טראָפּן בלוט. און ווען גרעגאָרי פרעגט: „וועמען?" ענטפערט העלואיז: „מיר". און ווען פּאָטער גרעגאָרי פרעגט איר: „ווער ביסטו דען וואָס דו פאַרזאָגסט?" ענטפערט העלואיז: „די השגחה בין איך", „השגחה מענטש".

אָט דער געדאַנקלעכער אַלעגאָריזם רייסט זיך אַריין ווי אַ מוחדיקער דיסאָנאַנס אין דער לעצטער סצענע, שטערנדיק איר געדאַנקלעכע אויסגעהאַלטנקייט, איר זינפולע אַרכיטעקטאָניק. אָבער נישט נאָר צום סוף פון דער דריטער סצענע. אויך פריער פילן מיר ווי עס צוקן אין דער פּאָעמע עלעקטרישע שטראָמען פון געפיל און געדאַנק, אָבער עס פעלט די ריכטיקע אינסטאַלאַציע, וואָס זאָל זיך זינפול פאַרענדיקן אין אַ ליכטיקן פלאַם.

די גייסטיקע פאַרבינדונג פון צוויי פיזיש־צעשיידטע מענטשן איז דער „אלף" און דער „תיו" פון דער פּאָעמעס זין. ווי אַזוי האָט לייוויק געקאָנט אין אַ מאָדערנער פּאָעמע (די אַקציע קומט פאָר אין 12־טן יאָרהונדערט, אָבער דער זין, די אידייען אירע זענען דאָך היינטצייטיקע, אונדזערע) אַריינפירן און אַזוי צעציען דעם עפּיזאָד מיט העלואיזעס קייטן. קאָן דען קיין אַנדער שותפות נישט זיין צווישן די צוויי, אַחוץ די שותפות פון געמיינזאַמער גוף־פּייניקונג? דערדאָזיקער אַסקעטישער פּרט באַלייכט זייער שטאַרק די אידעאישע אומקלאָרקייט, וואָס הערשט אין דער פּאָעמע. לייוויק פירט אַרויס צוויי גייסטיק־געלייטערטע מענטשן און פענטעט זיי אין אַסקעטישע קייטן!

פאַר מיין געפיל — שוין אָפּגערעדט פאַרן געדאַנק, — זענען פאַלש די אַסקעטישע טענער אין דערדאָזיקער פּאָעמע. אַבעלאַרס דערציילונג ווי אַזוי ער איז צעקריגט געוועזן פון קינדוויז אויף מיט זיין גוף, ווי זיין נשמה האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון גוף, ווי ער האָט זיך געשעמט פאַרן פּראָצעס פון עסן, ווי ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די עלטערן — „נעמט צו דאָס לייב פון מיינע אויגן", — ניין, דאָס אַלץ מאַכט נישט נאָר אַ משונהדיקן איינדרוק געדאַנקלעך, נאָר דאָס איז לחלוטין נישט נויטיק פאַר דער פּאָעמע. דער זין פון דער פּאָעמע — דער איינציקער! — איז, וואָס אַבעלאַרס פאַרשניטן לייב קאָן נישט פאַרשניידן זיין גייסט, וואָס די פיזיש־אָפּגעשניטענע פליגלען קאָנען נישט אָפּהאַלטן די נשמה פון איר העכסטן פלי. לייוויק אָבער פאַרפירט אַבעלאַרן און די פּאָעמע צוערשט אין אַסקע־

טישן אַנטלויפן פון גוף און דערנאָך, ווען מען באַפרייט אים פון אים, אין צעבראָכנ־קייט דערפון, — ביז העלואיז לייטערט אים אויס דורך איר שותפות אין פיזישן פיין. עס האָט נישט קיין זין נעמען אויפזוכן די צווייטראַנגיקע אידעאישע סתירות אין דאָזיקן ווערק — עס זענען געווען די אַנגעוויזענע הויפּט־סתירות, כדי איינצוזען, אַז די פּאָעמע איז ביי לייוויקן נאָך נישט קיין פאַרענדיקט ווערק.

*

די דראַמאַטישע פּאָעמע „אַבעלאַר און העלואיז" ליידט אויף נאָך אַ גרויסן פעלער, וואָס האָט שוין נישט צו טאָן מיט קיין פּרטים, נאָר מיט דער גאַנצער פאָרם אירער.

אַזאַ פּאָעמע, וואָס וויל איבערגעבן אַזעלכע צאַרטע, געלייטערטע געפילן, מוז געשריבן ווערן אין אַ געלייטערטער שפּראַך, אין אַ פיין־געשפּונענעם דיאַלאָג, ווו יעדע רעפּליק באַרירט די צווייטע ווי מיט אַ פליגל אין מיטן פליען אין בלויען רוים. אַנישט זינקט זי צו רעטאָריק, צו איר געפּערלעכסטן מין: צו דער רעטאָריק פון אַבסטראַקטע באַגריפן. דאָ קאָן דער דיכטער נישט שעפּן פון אויבערשטן שיכט שפּראַך־שוים, נאָר ער מוז שעפּן פון דער טיף, פון יענע קוואַלן, ווו אַ געטע האָט געשעפּט זיין שפּראַך צו זיין „איפיגעניע", צו „טאָרקוואַטאָ טאַסאָ".

לייוויק איז אַן עכטער ליריקער, און אַ טיפער דיכטער. אָבער אין די בעסטע לידער זיינע (אַפילו אין זיין פּרעכטיקן ווערק „די באַלאַדע פון דער דענווער סאַנאַ־טאָריע", וואָס איז נישט דער ערך שטאַרקער און העכער פאַר „אַבעלאַר און העלואיז" אין פאַרקערפּערטן גובר זיין דעם גוף דורך דעם גייסט) איז ער פאָרם־נאָכלעסיק. אָבער נישט אָפּט דערגרייכט זיין שפּראַך און סטיל־נאָכלעסיקייט אַזוי ווייט, ווי אין דערדאָזיקער דראַמאַטישער פּאָעמע.

ווען פּאָטער גרעגאָרי קומט צו גיין אין וואַלד, ווו דער פייניקער געפינט די צוויי געפייניקטע אין דער העכסטער אויסגעלייטערטקייט, קומט פאַר אַזאַ דיאַלאָג. פּאָטער גרעגאָרי:

„איז הייסט עס גאָר אומזיסט געווען מיין טובה,
„וואָס איך האָב דיר געטאָן מיט פּופּצן יאָר צוריק,
„דיר ברענגענדיק די אויסלייזונג פון תאווה;
„אומזיסט געווען די טרחה פון מיין מעסער
„צו עסקן זיך מיט דיין חתנדיקן קערפּער; —
„אומזיסט געווען מיין אַרבעט, הייסט עס.
„איך זע, אַז חתן איז נאָך אַלץ חתן,
„און כלה איז נאָך אַלץ כלה".

העלואיז:

„און לומפּ איז נאָך אַלץ לומפּ!"

פּאָטער גרעגאָרי:

„צו וועמען וואַגסטו עס אַזוי צו רעדן ?״

העלואיז:

„לומפּ !״.

נייך, איך נעם נישט אָן דעמדאָזיקן דיאַלאָג אין דערדאָזיקער פאָרם. ער איז אומווירדיק אַפילו פאַר אַ דראַמאַטיש ווערק מיט קלענערע אידעען און פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן.

דער קלאַנג פון ווייסן פערז איז אומריין, די דיאַלאָגן זענען רעטאָריש, די בילדלעכקייט איז אָפט אומבילדעריש.

„איך שעם זיך זאָגן דיר, אַז מיר איז שלעכט, —
„ווייל וואָס איז מיין שלעכטקייט (!?) אַנטקעגן דיינער ?״
„צעשיידט אויף אייביק און צעקרייציקט״.

ווי נאַכלעסיק עס איז דאָס שטאַרקע וואָרט „צעקרייציקט״; ווי נאַכלעסיק דער „וואָס איז מיין שלעכטקייט אַנטקעגן דיינער״.

„כ׳האָב אָפּגעשניטן מיינע לאַנגע האָר,
„און מיטן זעלבן מעסער, רואיק און געדולדיק,
„געשניטן מיינע יאָרן, ווי מען שניידט אָפּ זאַנגען״.

געשניטן די יאָרן פונקט מיטן זעלבן מעסער, ווי די האָר ? איז עס דען נישט קיין באַוויז, אַז דער דיכטער האָט נישט געלייטערט זיין שפּראַך ?

איך האָב אויבן דערמאָנט די שפּראַך פון „טאַרקוואַטאָ טאַסאָ״ און „איפיגעניע״. אָבער צו וואָס שטייגן צו די העכסטע מוסטערן ? לאָמיר נעמען אַ אין פּראָזע געשריבענע דראַמאַטישע פּאָעמע ווי געאָרג קייזערס „די בירגער פון קאַלע״. איך זאָג גלייך פון אָנהייב, אַז די זאַך אַלס גאַנצעס געפעלט מיר נישט; די שפּראַך אויך נישט — צוליב איר צו שטאַרקער בלומיקייט; אָבער ווי שטאַרק די שפּראַך איז געלאָדן מיט עכטן געפיל; ווי מעכטיק דער דיאַלאָג באַוועגט זיך צום ציל! אויך ביי געאָרג קייזערן ווערט פאַרקערפּערט דאָס העכסטע העלדישקייט פון מענטשן — ווי דער יחיד איז זיך סוווערען, פון אייגענעם פרייען ווילן מקריב פאַרן כלל. געאָרג קייזער האָט אויפן הייליקן באָדן אויפגעבויט אַ הייליקטום. זאָל זיין אַפילו אַ הייליקטום פון אַ פרעמדלעכער רעליגיע.

דערמאָן איך זיך אין „די בירגער פון קאַלע״ (געלייענט שוין לאַנג בלויז איין מאָל), געפין איך עס אין מיין געמיט; דערמאָן איך זיך אין „אַבעלאַר און העלואיז״ (געלייענט דאָ נישט לאַנג עטלעכע מאָל), געפין איך עס בלויז אין מוח, און אויך אין אַ פאַרנעפּלטן צושטאַנד. איך ווייס, מיין מיינונג איז נישט אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער קריטיק; איך בין אָבער זיכער, אַז זי וועט נישט אָפּ קיין

סך פון דער אַלגעמיינער איבערלעבונג ביים לייענען דאָס ווערק און ביים דער־מאָנען זיך אין אים.

יד) עזאָטערישע דיכטונג

רייזל זשיכלינסקי: „לידער", 1936

ווען מען זאָל מיך פרעגן: איז רייזל זשיכלינסקי אַ דיכטערין אָדער נישט? וואָלט איך נישט געקאָנט זאָגן מיט אַ רואיקן געוויסן: ניין. כ'וואָלט גיכער געקאָנט זיין אין הסכם מיט מיין געוויסן דורכן ענטפער: יאָ, זי איז אַ דיכטערין. ווען מען זאָל מיך אָבער פרעגן: לעבסטו איבער זשיכלינסקיס לידער ווי דיכטונג אָדער נישט? וואָלט איך נישט געקאָנט זאָגן מיט אַ רואיקן געוויסן: יאָ. כ'וואָלט גיכער געקאָנט זיין אין הסכם מיט מיין געוויסן דורכן ענטפער: ניין, אירע לידער ווירקן נישט אויף מיר, אין אַלגעמיין, ווי דיכטונג, זיי זענען מיר נישט מצרף צו זייער אינערלעכער וועלט.

*

מוזיק רעדט צו דער עמאָציע, צום ריינעם געפיל; אויך מאָלעריי קאָן רעדן צום מענטשן, אויסמיידנדיק די אינסטאַנץ פון באַוווסטזיין: זי דרינגט אַריין אין מענטשנס געמיט דירעקט דורכן אויג.

אמת, מען זאָל גאָר גוט קאָנטראָלירן דעם אייגענעם צושטאַנד ביים הערן מוזיק און ביים זעען אַ בילד, וועט מען באַמערקן, אַז ביים ראַנד פון די דאָזיקע אוממיטלבאַרע עמאָציעס פינקלען ווערטער, אויסטייטשנדיקע, באַלויכטנדיקע, באַגלייטנדיקע. זיי זענען נאָך נישט אין צענטער פון באַוווסטזיין, אָבער אויף זיין ראַנד, אין אונטערבאַוווסטזיין, כדי צו באַנוצן אַ מאָדיש וואָרט, וואָס איז אָבער זיכער אַן אַלט־אַלטער פאַקט.

אָבער נישט אַריינגייענדיק טיפער אין דער געדיכטעניש פון די דאָזיקע שווערע פּראָבלעמען (די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן עמאָציע און באַוווסט־זיין און צווישן באַוווסטזיין און וואָרט), נעמען מיר אָן, אַז וואָס שייך מוזיק און מאָלעריי קאָן מען זיך נאָך דורכגנבענען פאַרביי דעם באַוווסטזיין און זיין אייביקן שאָטן (און אפשר זענען זיי ביידע איינס?) — דעם וואָרט.

בנוגע דיכטונג קאָן אָבער קיין צוויי מיינונגען נישט זיין: אָן וואָרט איז נישטאָ קיין דיכטונג, און וואָרט מיינט צו זאָגן: לאָגישער זין, בילדלעכע אַסאָציאַציע — מיט איין וואָרט: אינהאַלט. דער וועג צו דער דיכטערישער עמאָציע פירט דורך איינעם פון די דאָזיקע צוויי טויערן אָדער דורך ביידע צוזאַמען. ווער עס גייט נישט דורך די דאָזיקע צוויי וועגן, וואָס פירן דורכן באַוווסטזיין צום געמיט,

צו דער עמאָציע, פאַר דעם בלייבט פאַרשלאָסן אויך די עמאָציאָנעלע ווירקונג, די סוגערירנדיקייט פון די בילדער.

פאַראַן דיכטער, וואָס זייער הויפּט־שפּראַך איז די שפּראַך פון לאָגיק, פון געבונדענע געשעעניש, די אַזוי־גערופענע אינטעלעקטועלע דיכטער; פאַראַן דיכטער, ריינע ליריקער, וואָס זייער הויפּט־שפּראַך איז די שפּראַך פון דער בילדלעכער אַסאָציאַציע. ביידע טיפּן דיכטער — אויב זיי זענען עכט, — ווירקן אויף אונדזער געמיט, אָבער מיט אַנדערע מיטלען, וועלכע זענען, אגב, אין אַ ריינער פאָרם דאָ זייער ווייניק. ווי אַ מוסטער פון ערשטן טיפּ, וואָלט מען גע־קאָנט אָנווייזן אויף אַ טייל פון עמיל ווערהאַרנס לידער, און ווי אַ מוסטער פון צווייטן, אויף טייל לידער פון אַלעקסאַנדער בלאָק, אָבער סיי ביי די ערשטע, סיי ביי די צווייטע, שטעלט דאָס ליד פאַר מיט זיך אַ געבונדענע סיסטעם פון געוויסע טיילן, וואָס שטעלן צוזאַמען צונויף אַ גאַנצקייט. אינעם בוי פון יעדן ליד איז דאָ עפּעס צווינגנדיקס, ווי צווינגנדיק עס זענען די טיילן פון אַ לעבעדיקער באַשע־פעניש אָדער פון אַ געביידע; עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר ווילקיר.

אַנדערש איז ביי רייזל זשיכלינסקי. אַן אינהאַלט, וואָס זאָל זיין אונטער־געוואָרפן אַ געוויסער לאָגיק, פאַרמאָגן כמעט נישט אירע לידער; קיין געבונ־דענע אַסאָציאַציעס געפינט מען אין זיי אויך נישט. און דעריבער פעלט זיי אויך די סוגערירנדיקע קראַפט, וואָס אַן דעם איז קיין דיכטונג נישטאָ.

ביים לייענען זשיכלינסקיס לידער געפינט איר זיך אין אַ קאַלטער אַטמאָס־פער, אָדער ריכטיקער — אין אַ רוים אַן לופט, ווו די נאָרמאַלע געזעצן פון לייכט און שווער זענען אָנולירט, און דער מענטש קאָן זיך דאָרט נישט באַוועגן. מען האָט דעם איינדרוק — אין בעסטן פאַל, — אַז מען געפינט זיך אין עזאָטערישן קרייז פון רייזל זשיכלינסקיס אַסאָציאַציעס וואָס זענען נישט אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון נאָרמאַלן מענטשלעכן פּסיכישן אַפּאַראַט. איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז רייזל זשיכלינסקיס אַסאָציאַציעס, אַז אירע אָנגעוואָרפענע בילדער זענען ווילקירלעכע (גראַנדאָזונע, ווי אַ וואָרשעווער וואָלט זיך אויסגעדריקט), — איך וויל דאָס נישט זאָגן סיי צוליב דעם, ווייל איך נויטיק זיך נישט דעריין, כדי צו נעגירן זשיכלינסקיס לידער, סיי צוליב דעם, ווייל נאָכן איבערלייענען אַ מאָל פיר איר ביכעלע, קאָן מען נישט מבטל מאַכן אינגאַנצן דעם געמיט, וואָס מוז שטיין הינטער די דאָזיקע אומגעלונגענע לידער; איך וויל אָבער דערמיט זאָגן, אַז זשיכלינסקיס אַסאָציאַציעס זענען פאַר אונדז נישט צווינגענדיק, און זיי ווירקן נישט דעריבער אויף אונדזער געמיט עמאָציאָנעל.

מען קאָן נעמען און אויסשניידן גאַנצע שטיקער לידער, און קיינער זאָל גאָר־נישט מערקן די אָפּעראַציע (ווי ביי סאַמע פּרימיטיוועסטע אָרגאַניזמען, וואָס זענען נאָך בלויז אַ שטיקל פּלאַזמע). און נישט נאָר פאַרן לייענען דאָס ליד. (הגם ביי אַ גוט ליד וועט דער פיינער לייענער פילן, אַז ס׳פעלט עפּעס אויך אין דאָזיקן פאַל,

ביים ערשטן מאָל לייענען עס), נאָר אַפילו שוין נאָכן קענען דאָס ליד. נעמט יעדעס ליד זשיכלינסקיס, לייענט עס איבער, דערנאָך וואַרפט עפּעס אַרויס, לייענט עס איבער אין דער געקירצטער פאָרם, און זאָגט אויפריכטיק צי עס פעלט אייך עפּעס, צי עס שטערט אייך עפּעס.

איך האָב דאָ נישט בדעה אַרויסצוגעבן אַטעסטאַציעס וועגן טאַלאַנט אָדער טאַלאַנטלאָזיקייט; איך דערקלער בלויז, אַז רייזל זשיכלינסקיס לידער זענען אַ מין עזאָטערישע דיכטונג, וואָס קומט נישט אין קאָנטאַקט מיט די איבעריקע מענטשן, די פּראָפאַנען, וועלכע זענען אויסגעשלאָסן פון זשיכלינסקיס פּריוואַט־עזאָטערישער דיכטונג.

איז דען רייזל זשיכלינסקיס עזאָטערישקייט אַ מוז פאַר איר? קאָן זי דען נישט אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אונדז, פּראָפאַנען, און ווירקן אויף אונדז דורך לידער, וואָס רעדן צו אונדזער נאָרמאַל פּראָפאַנישער פּסיכיק? אין אירע לידער געפינען איך קליינע סימנים, וואָס באַווייזן, אַז דאָס איז נישט אוממעגלעך. פאַראַן עטלעכע לידער, וואָס ביי אַ קליינער אויסטייטשונג רעדן זיי צו אונדזער פאַרשטאַנד, צו אונדזער אַבסטראַקטער לאָגיק (צו אונדזער געמיט דערלאָזן זיי נישט רייזל זשיכלינסקיס אומווירקזאַמע קונסט־מיטלען). אַזעלכע זענען די לידער „אויף טרעפּ" (ז. 7), „מאַמע" (ז. 12), „אַ קינד איז קראַנק" (ז. 13) און אפשר נאָך איינס צי צוויי לידער.

איך ווייס נישט, צי זשיכלינסקיס עקספּערימענטאַלע דיכטונג איז פּונקט אַזוי באַוווּסטזיניק, ווי דבורה פאָגעלס, אָדער זי איז אַן אומבאַוווּסטזיניקער פענאָמען. אַ פאַקט איז אָבער, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ געמיש פון אימפּרעסיאָניזם און עקספּרעסיאָניזם. עס טרעפט אַמאָל, אַז דידאָזיקע יסודות פון זשיכלינסקיס דיכטונג נעמען אָן באַזונדערס בולטע פאָרמען. למשל: „די לעצטע שטיקער זון" זענען אַ מוסטער פון אימפּרעסיאָניסטישער דיכטונג.

„אַ גרויער זאַק. אַ פּולער,
„אויף אַ פּרויען־פּלייצע
„הוידעט זיך דער פאַרנאַכט,
„הוידעט זיך דורך וואַלד.
„דאָס רויטע טיכל אויפן טיף געבויגענעם פּרויען־קאָפּ
„ברענט, ברענט.
„און ווייסע, באָרוועסע פּרויען־פיס
„טראָגן אין דער נאַכט אַוועק
„די לעצטע שטיקער זון".

דאָס ליד ווידער „צו שפּעט" (ז. 25) איז כמעט רייך־ עקספּרעסיאָניסטיש. נאָך אַ בעסערער מוסטער פון עקספּרעסיאָניזם אין דיכטונג איז דאָס ליד „אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן".

„אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן שטייט אַ יינגל נעבן טייך.
„אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
„וואַרט אַ וואָלקן אויפן יינגל.
„טו איך אויס דאָס נייע קלייד מיינס,
„לאָז עס שווימען אויפן טייך,
„נעם דאָס יינגל ביי דער האַנט אָן
„און דעם וואָלקן פאַר דער צווייטער.
„און די ווערבע, און די ווערבע
„לאָזן מיר אַליין ביים וועג".

דער ריינער אימפּרעסיאָניזם איז אָבער געווען אפשר גוט פאַר דער מאָלעריי, פאַר דער דיכטונג איז ער צו אויסערלעך. און וואָס שייך דעם עקספּרעסיאָניזם — איז ער שוין צו אינערלעך; אינערלעכער עזאָטערישער קאַפּריז.

דער דאָזיקער וועג איז אומפּרוכטבאַר. זשיכלינסקי מוז זיך פאַרנעמען אויף אַן אַנדערן, אויב זי וויל דערגיין צו דער יידישער דיכטונג.*

וואַרשע, 1936

טו) דער בלאָנדזשענדיקער וואָגלער

א. וואָגלער, איינער פון דער גרופּע „יונג־ווילנע" (אַ גרופּע, וואָס פאַרמאָגט עטלעכע באַגאַבטע, עכטע דיכטער), איז אָן שום ספק אַ באַגאַבטער פּאָעט. ס'איז גענוג איבערצוליייענען אין זאַמלבוך 1 „יונג־ווילנע" זיין „מלחמה־לעגענדע", כדי צו זיין איבערצייגט, אַז מיר געפינען זיך נישט פאַר קיין קינסטלעכער ריינוועלע, נאָר פאַר אַ לעבעדיקן קוואַל. אָבער דער טאַלענטירטער וואָגלער, וואָס פאַרמאָגט שוין אין זיינע ערשטע זאַכן אַ גאַנץ־רייכע דיכטערישע טעכניק, געפינט זיך נאָך אויף פאַרבלאָנדזשעטע אומוועגן, ער האָט נאָך נישט געפונען זיין עכטן דיכטערישן וועג. און ווען אַ דיכטער מיט אַ מער־ווייניקער רייכער דיכטערישער טעכניק געפינט זיך אויף אומוועגן — שפּילט ער זיך; אַנשטאָט שפּילעוודיק צו דיכטן — באַווייזט ער קונצשטיק. און אַלץ, וואָס א. וואָגלער האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט (אין ביידע זאַמלביכער „יונג־ווילנע" און זיין פּאָעמע „אַ בלעטל אין ווינט") באַשטייט פון עכטע דיכטערישע פּראָבעס אין זיבן שאָלעכצן פון קונציקע שטיק.

אין פאָרוואָרט צו „אַ בלעטל אין ווינט" האָט וואָגלער אַריינגעשריבן אַ פּאָר איבעריקע זאַצן (ווי ער אַליין פילט עס), וואָס ווילן כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ. ער שרייבט: „איך ווייס, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן מיט זייערע טעמפּע פעדערס זיך אַריינשטעכן אין מיין האַרץ"...

---

* זע וועגן רייזל זשיכלינסקיס דיכטונג אין מיין בוך „זומען און ווינט", זייט 240.

און איך ווייס, אַז מיט מיין רעצענזיע שטעל איך זיך אין דער ריי פון דידאַזיקע אַכזריותדיקע טעמפּע פעדערס. און אויב איך טו דאָס פאַרט, איז עס דערפאַר, ווייל דאָרט ווו מען דאַרף שטעכן מיט דער פעדער, איז נישטאָ וואַגלערס האַרץ, און דאָרט, ווו עס געפינט זיך יאָ, איז דאָס שטעכן נישט נויטיק...

*

וואַגלער שפּילט זיך מיט זיין דיכטערישער טעכניק; ער טרענירט זיך דורך שטעלן פאַר איר אַלץ שווערערע און שווערערע טעכנישע פאָרם־אויפגאַבעס. ער נעמט אַ בילד און דעטאַליזירט אים אויף אַ משך פון אַ גאַנצער פּאָעמע. ער ווייזט דערביי אַרויס גרויסע קונצן, אָבער דאָס דיכטערישע ווערט צעשטערט, פאַרשפּילט. די פּאָעמע זיינע „צעוואָרפענע בלעטער" הויבט וואַגלער אָן אַזוי:

„ס'איז די וועלט — אַ בוך פון אַ משוגענעם פּאָעט"...

און די גאַנצע פּאָעמע האַלט זיך שטרענג אין דאָזיקן ערשטן בילד, ביז עס ווערט צעשטערט אין זינלאָזע דעטאַליזירונגען, אין זינלאָזער קאָנסעקווענץ. „די דערפער — זענען בלעטלעך צעפאַלענע און די שטעט — זענען די טאָוולען האַרטע"; „ס'איז יעדער אות — אַ פויער און אַ וואָרט — איז אַ משפּחה"; „די פייגלען — פּינטעלעך, און פּאַסיקלעך — בהמות"; „מענטשן וויינען — און די טרערן זענען די קאָמעס"; און אַזוי אויף זעקס גרויסע זייטן. מען ווערט מיד פון דער דאָזיקער אומפּרוכטבאַרער נישט־בילדלעכער בילדלעכקייט.

פון דאָזיקן פעלער (געגנאַשט ביי די אימאַזשיניסטן; אַפילו אַזאַ דיכטער ווי יעסענין האָט נישט אויסגעמיטן די אָנשטעקונג) ליידט אויך וואַגלערס פּאָעמע „אַ בלעטל אין ווינט", וואָס איז דיכטעריש־טעכניש דאָס בעסטע, וואָס וואַגלער האָט ביז איצט געגעבן, אָבער נישט קיין סך שעפערישער פון זיינע „צעוואָרפענע בלעטער".

וואַגלער פערזאָניפיצירט דאָ די נאַטור ביז די קלענסטע קלייניקייטן. ער האָט חתונה מיט אַ פלוימען־סאַד; פאַראיינוועגס דערציילט ער אונדז שוין אַלע טראַגעדיעס און פליאַטקעס פון זיין ווייבס קרובים — די איבעריקע מיניםביימער, גראָזן, קרייטעכצער און לעבעדיקע ברואים. אַ סך לידער פון דער דאָזיקער פּאָעמע פאַרמאָגן אַ היפּשע דאָזע חן, אָבער נאָר ווי איינצלנע לידער; אין דער שטייפער ראַם פון אַ גאַנצער פּאָעמע פאַרלירט זיך דער חן און עס ווערט — מאַניער; עס פאַרלירט זיך די אוממיטלבאַרקייט, און ווערט — פאָרם־אַקראָבאַטיק.

*

וואַגלער געפינט זיך אויף אַ פאַלשן וועג. ער בלאָנדזשעט. בילדער זענען דאָ, כדי אַ בליץ צו טאָן, באַלייכטן אַ געפיל, לאָזן אויפגיין אַ וויזיע און — פאַרשווינדן;

אָבער נישט כדי זיי דערגיין די יאָרן און אויסזויגן פון זיי זייער גאַנצן זאַפט און כוח דורך זינלאָזער עקספּלואַטאַציע. וואָגלער דאַרף זיין דיכטערישע טעכניק שטעלן אין דינסט פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט און נישט פאַרקערט, ווי ביז איצט. ווייניקער פאָרם־קונצן און מער עמאָציאָנעלע אוממיטלבאַרקייט; ווייניקער ראַציאָנאַליסטישע בילדלעכקייט און מער וויזיאָנערע. פון וואָגלערן מעג מען עס פאָדערן, ווייל ער קאָן דאָס געבן.

וואַרשע, 1936

טז) ווידער דאָסזעלבע...*

געטריי צו איר אייגענער פילאָזאָפיע, אַז אַלץ איז בלויז מאָנאָטאָנע איבער־חזרונג, חזרט דבורה פאָגעל מאָנאָטאָן איבער אין צווייטן לידער־בוך — איר ערשטן. זי האַלט נאָך אַלץ אין אַרענדע די געאָמעטרישע פיגורן. מען קאָן אָפּטמאָל שווערן, אַז זי פּלאַגיאירט זיך אַליין.

„מען קאָן בלייבן אין דעם הויז ווו מען וווינט.
„וואָרום גאָרנישט קאָן געשען
„אין צווייטן הויז.

„צו וואָס גיין אין אַ צווייטער גאַס:
„אַ קוואַדראַטישער פּלאַץ פון זיסער מאָנאָטאָניע
„איז דאָס לעבן, איז די וועלט".

די דאָזיקע ווערטער זענען מיר עפּעס גאָר שטאַרק באַקאַנט פון ערשטן ביכל; פונדעסטוועגן האָט זיך דבורה פאָגעל נישט באַנוגנט מיטן ערשטן און אָנגעשריבן אַ צווייטן. טאָ ווי וויל זי, מיר זאָלן איר פאָלגן? אַלץ איז דאָך לייכטער צו בלייבן ביים ערשטן ביכל, ווי אין איין גאָס, אין איין הויז, אין איין שטימונג. און אויב מיר וועלן שוין מסכים זיין מיט דבורה פאָגעלס מאָנאָטאָנעם עוואַנגעליום, וועט זי דען נישט מוזן מודה זיין פון איר זייט, אַז נישט פאַר יעדן איז די דאָזיקע מאָנאָטאָניע זיס, אַז עס איז דאָ אויך אַ ביטערע מאָנאָטאָניע? טרייבט מען די פולקייט פון לעבן דורך דער טיר, קומט זי צוריק דורכן פענצטער; זי פאַרקלייבט זיך אין דער מאָנאָטאָניע גופא. פאַראַן אַזוי פיל אַרטן מאָנאָטאָניע: זיסע, ביטערע, נודנע און קאָמישע...

און וואָס איז דאָס אינמיטן דרינען פאַר אַן אַפּיקורסות:

„אַ סך טעג פאַראַן אין גרויסן רוים.
„אַ סך מענטשן, אַ סך אומבאַקאַנטע זאַכן".

* זע מיין בוך „טראָפּנס גלויבן", ז. 36, „אַפּאַטעאָז פון מאָנאָטאָניע".

„אַ סך אומבאַקאַנטע זאַכן"? ווי פּאַרזיכטיק מען דאַרף זיין, ווען מען פּאַמפּעט אויס פון אַ חלל די לופט: איין מאָמענט נישט אַכטונג געגעבן, און זי רייסט זיך אַריין צוריק און פילט ווידער אַלץ אויס. „אַ סך אומבאַקאַנטע זאַכן" — אַ פּאָר ווערטעלעך, דאַכט זיך, און דבורה פאָגעלס גאַנצע פילאָזאָפיע איז צעפלויגן ווי שטויב. אויב דאָס לעבן איז מאָנאָטאָן — קאָנען נישט זיין קיין אומבאַקאַנטע זאַכן; אויב אומבאַקאַנטע זאַכן — איז שוין נישט מאָנאָטאָן.

און צי ליגט טאַקע באמת אַ וואָסער נישט איז געדאַנק אָדער געפילס־זין אין אַזעלכע שורות:

„אין אַלטע טעמפּלען לאָמיר מאַכן פּריזיר־וויטרינעס:
אַ וויטרינע מיט בלינדע טאָרסן וואָס זעען אַלצדינג,
„אַ וויטרינע מיט טאָרסן אין מאָדישע פּריזורן!"

מען זאָל מיר צאָלן אַ גראָשן פאַר אַ שורה, נעם איך זיך אונטער צו מאַכן אַ טאָג 500 אַזעלכע שורות, מיטן תנאי אָבער: מען זאָל דאָס נישט דרוקן ווי דיכטונג...

ס'וואָלט זיך, אפשר, נישט געלוינט אָפּצושטעלן נאָכאַמאָל אויפן דאָזיקן צווילינג־ביכל, ווען נישט עטלעכע ציקלען זיינע, וועלכע זינדיקן נאָך אויך מיט מאָנאָטאָניע־פילאָזאָפיע, מיט מאָניערלעכקייט, אָבער דאָך איז אַריינגעלייגט אין זיי אַ סך ראַפינירטקייט פון געשמאַק, אַ סך קולטור — בקיצור — שלעכט־אינוועסטירטע קולטור־פעאיקייטן. באַזונדערס איז דאָס גילטיק פאַר די „שונד־באַלאַדן". דבורה פאָגעל פּרובירט דאָ אירע כוחות נישט אויף איר שטימונג־פילאָזאָפיע, נאָר אויף קאָנקרעטע מענטשלעכע גורלות. אמת, אויך די דאָזיקע מענטשן פּרעפּאַרירט זי, זי מאַכט פון זיין מאַנעקינען אין הסכם מיט איר הויפּט־כלל: אַלץ פאַראיינפאַכן, רעדוצירן פון לעבעדיקייט צו מאַנעקענישקייט, — אָבער דאָך: אַפילו פון אַ פּרעפּאַרירטן קאָנקרעטן מענטשלעכן גורל ווייעט נאָך מיט עפּעס וואַרעמס, מיט קאָנקרעט־מענטשלעכס, און פאָגעלס טויט־שטייפע פאָרם ווערט אַ ביסל אויפגעטייעט און אין אירע קאָנסטרוקציעס פליסט אַדורך אַ טראָפּן בלוט. און אַנעמיש בלוט איז אויך דאָס רויטלעכע זאַפט פון לעבן... אָבער אויך דאָ, אינם בעסטן פון ביכל, איז דאָס ביסל בלוט ווי אַ טראָפּן אין ים פון באַנאַלקייט און מאָניערלעכקייט...

„שיפן פירן גאָלד איבער ימען
„קיילעכדיקע, ווי דאָס לעבן מאָנאָטאָנע,
קיילעכדיקע שטיקער גלאַנץ און גליק".

דאָס זענען גאַנץ נאָרמאַלע שורות פון די פּאָר לידער, ווו דבורה פאָגעל רירט זיך צו מיטן שפּיץ פינגער צו אַ קאָנקרעטער טעמע פון אונדזער טאָג־

טעגלעכן לעבן, צו סאָציאַלע מאָטיוון. דאָס זענען די „לעגענדע פון גאָלד־שיפן", „לעגענדע פון די באַנק־הייזער", „לעגענדע פון זילבער". ווי אָרעם עס זענען דידאַקטיק לידער! אויך עמיל ווערהאַרן האָט באַזונגען באַנק־הייזער און די בערזע. זאָל דבורה פאָגעל אַליין פאַרגלייכן איר ליד פון די באַנק־הייזער מיט ווערהאַרנס ליד וועגן באַנקיר. דער אונטערשייד ליגט נישט נאָר אין די פאַרשידנמאָסיקע טאַלענטן פון ווערהאַרן און פאָגעל, נאָר אויך אין דעם וואָס ווערהאַרן איז געווען דער דיכטער פון לעבנס־פולקייט, און דבורה פאָגעל וויל זיין די דיכטערין פון לעבנס־אָרעמקייט. ווי מען פאַרנעמט זיך, אַזוי העלפט גאָט...

*

דבורה פאָגעלס ערשט לידער־בוך האָט אַ פאָרוואָרט. איר צווייט לידער־בוך — די „מאַנעקינען" — פאַרמאָגט אַ נאָכוואָרט. מיטן פאָרוואָרט פון ערשטן ביכל — „טאָג־פיגורן" — בין איך נישט מסכים געווען, אָבער פאַרשטאַנען האָב איך אים. מיטן נאָכוואָרט פון צווייטן ביכל קאָן איך זיך קיין עצה נישט געבן. כ'שעם זיך נישט אויסצוזאָגן, אַז איך האָב אים איבערגעלייענט גאַנצע פיר מאָל (אַ רעקאָרד־לייסטונג פאַר שווער־אַטלעטיק), באַפּוצט די דריי זייטעלעך מיט אָן אַ שיעור פראַגע־צייכנס און באַמערקונגען און האָב באַשלאָסן נישט פאָלעמיזירן מיט אים. ווי זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל: דער בער האָט אַ גלייכע קישקע, און דער שלייען איז גליטשיק. אַראָפּגעשלונגען — און דער שלייען איז ווידער דאָ... היינט גיי הויב זיך אָן...

אַ געדאַנק איז פונקט ווי דיכטונג: ער טאָר נישט זיין אינזיכיסטיש, דאָס הייסט בלייבן ביים דענקער אין זיך, נאָר ער מוז קומען צום קלאָרן אויסדרוק אויפן פּאַפּיר. צי מען איז מסכים מיט אַ געדאַנק, צי נישט, אָבער אויסדריקן מוז מען אים אַזוי, מען זאָל וויסן קלאָר, מיט וואָס מען איז נישט מסכים... אָדער אפשר האָט דבורה פאָגעל אומישנע אַזוי געמאַכט כדי צו לאָזן אירע קריטיקער אָן אַ שטאָך מלאכה? אויב אַזוי האָט זי דאָס זייער געשיקט געטאָן...

מילא, פון פאָלעמיזירן מיטן נאָכוואָרט מוז איך רעזיגנירן, אָבער מיט וואָס קאָן מען מיך פאַרגיטיקן פאַר פיל מאָל אים לייענען?...*

וואַרשע, 1935

---

* נאָך מיינע צוויי רעצענזיעס וועגן דבורה פאָגעלס צוויי ביכער, האָט זי מיט מיר פאָלעמיזירט אין אַ ניו־יאָרקער זשורנאַל. איך האָב דאָרט צוגעשיקט אַן ענטפער אויף איר פאָלעמיק. היות די רעדאַקטאָרן זענען געווען פון דבורה פאָגעלס פאַטישן חדר, האָבן זיי מיין ענטפער נישט געדרוקט. ווען איך האָב געפאָדערט צוריק מיין אַרטיקל, האָט מען געענטפערט, אַז מיין אַרטיקל איז פאַרפאַלן געוואָרן.

איך מיין, אַז ער איז געשיקט געוואָרן צו דבורה פאָגעל. אונדזערע ליטעראַרישע מידות...

יז) רחלס לידער

עס איז אַ שאָד, וואָס רחלס דיכטונג איז אַזוי ווייניק באַקאַנט. אין אונדזער ליריק פון די לעצטע יאָר־צענדליקער איז דאָ אַ סך אַנגעצויגנקייט און אינער־לעכע פאַלשקייט, אָדער ריכטיקער: אינערלעכע אַנגעבלאָזנקייט. די יונגע יידישע דיכטונג וויל אויסדריקן אַ סך מער, ווי זי קאָן. דאָס מוז פירן צו אומאויפריכטי־קייט, צו פאַלשקייט, צו אַנגעבלאָזנקייט און צו אומשעפערישקייט. און אין אַזאַ פאַל ווירקט גוואַלדיק גוט דאָס דערשיינען פון אַ טאַלאַנט, וואָס גיט אַ האָר נישט מער, וויפל ער פאַרמאָגט. אַזאַ דערשיינונג ווירקט אָפּפרישנדיק, מוסטער־אַרטיק: ביי יעדן עכטן לירישן קלאַנג, טרעט בולטער אַרויס דער פוסטער רויש פון דער אַנגעבלאָזענער פראַזע. און דאָס איז — מען קאָן דאָס גאָרנישט גענוג איבערחזרן — אַ מזל פאַר דער ליטעראַטור און פאַר איר לעבנסלאַנגן שותף — דעם לייענער.

רחלס דיכטונג איבערראַשט מיט איר מאַקסימאַלער נאַטירלעכקייט. איר יעדעס ליד איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון לעבן און איבערלעבן. צי זי זינגט וועגן איר צער פון נישט־געשטילטער מוטערשאַפט (דאָס וווּנדערבאַרע ליד „די עקרה”); צי זי זינגט וועגן איר בענקשאַפט נאָך דעם ים כנרת, ווו זי האָט אין אַרבעט גענאָסן דאָס העכסטע גליק פון איר לעבן; צי זי זינגט וועגן איר דורשט צום לעבן אונטערן שאָטן פון טויט (רחל איז געווען טובערקולאָז־קראַנק און דער לויערנדיקער טויט האָט זי אָפּגעריסן פון אַרבעט און לעבן־פולקייט); צי זי זינגט אויס אירע נאַציאָנאַלע שטימונגען, — אומעטום איז איר וואָרט אָנגעזעטיקט מיט מאַקסימום געפיל און עכטער איבערלעבונג, און איר געפיל איז אָנגעקליידט אין אַקוראַט אַזויפיל וואָרט, וויפל עס איז נויטיק פאַרן געפיל צו ווערן לעבעדיק פאַרקערפּערט.

רחל איז נישט קיין געניאַלע קינסטלערין, אָבער אַן עכטע ליריקערין, אויפ־ריכטיק ביז גאָר און עכט ביז גאָר, און דאָס פרישט אַזוי אָפּ און דאָס שאַפט אַן אַטמאָספער פון איבערלעבן אירע שטימונגען און מיטלעבן מיט זיי.

און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס רחל ווערט אַזוי פיל געזונגען אין ארץ־ישראל. אירע לידער זענען דאָך ריינע קריסטאַלן פון מענטשלעכע געפילן, וועלכע באַפאַלן אַ סך, אַ סך. רחל העלפט זיי זיך אויסלעבן אין אַ מעלאָדיש־דיכטערישער פאָרם.

דאָס איז אָבער נאָר איין סיבה פון איר צויבער אויף דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט.

די צווייטע סיבה איז די, וואָס רחל איז איינער פון די ווייניקע גייסטיקע פּראָדוקטן פון נייעם ארץ־ישראלדיקן ישוב.

געבוירן אין ווייטן רוסלאַנד, דערצויגן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, ווערט זי

אָבער אַזוי טיף אַריינגעצויגן אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אין איר ארץ־ישראלדיקער אויסדרוק־פאָרם, אַז גייסטיק קאָן זי באַטראַכט ווערן ווי אַ פּראָדוקט פונעם נייעם לאַנד (פאַר איר), פונעם נייעם לעבנסשטייגער (פאַר איר).

אויב א. ד. גאָרדאָן איז אויף דער עלטער געוואָרן דער אידעאָלאָג פון דער נייער באַציאונג פון יידן צו אַרבעט, איז רחל, זיין שילערין, געוואָרן די עכטע דיכטערין פון דאָזיקן נייעם געפיל. צו רחלס שענסטע לידער געהערן אירע אַרבעט־לידער אָדער ריכטיקער: אירע בענקשאַפט־לידער, בעת איר קראַנקהייט, נאָך דער אַמאָליקער פעלד־אַרבעט אויפן כנרת־ברעג. אָט אין די נייע טענער נישט נאָר איז דער יידישער ליריק, נאָר אין יידישן לעבן בכלל, האָט די אַרבעטער־שאַפט אין ארץ־ישראל דערפילט דעם אויסדרוק פון אירע אייגענע עמאָציעס, פון איר אייגענער נייער לעבנס־פילאָזאָפיע.

אין רחלס לידער האָט דער נייער זיך שאַפנדער געפיל פון פאָטערלאַנד־ליבע באַקומען נישט קיין אַבסטראַקט־אויפגעבלאָזענעם, נאָר אַ קאָנקרעט־וואַרעמען אויסדרוק. אין איר פאַרלאַנג צו ליגן כאָטש אין דער כנרת־ערד, אויב זי קאָן נישט אַרבעטן אויף איר, — אין דאָזיקן אוממיטלבאַרן געפיל איז דאָ עפּעס אַ פון נאַציאָנאַלער דורותדיקייט (דאָס וועלן ליגן אין דער ערד פון די אבות), אי פונעם ניי־אויפקומענדיקן לעבן: עס ציט איר נישט מער צו דער אַבסטראַקטער ארץ־ישראל־ערד פון הר־הזיתים, נאָר צום קאָנקרעטן ערד־פלעק, ווו זי האָט דורכגעלעבט דעם זעניט פון איר לעבן; אין דאָזיקן פאַרלאַנג נאָכן טויט איז דאָ אַזוי פיל לעבן. און אָט די קאָנקרעטע לעבן־וואַרעמקייט, וואָס איז אַ באַרויש־דיקער געמיש פונעם נאַציאָנאַלן און אינדיווידועלן, ציט צו צו רחלס לידער דעם געמיט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, וועלכע דערקענט און פילט אין איר — זיך גופא.

רחל איז אַ גייסטיקער פּראָדוקט פון אַ געמיינשאַפט, וואָס וועבט זיך.

דאָס איז נישט קיין קליינע מיסטעריע אומעטום; אָבער באַזונדערס ביי אונדז, וואָס מיר געפינען זיך גיכער אין אַ צושטאַנד פון אַטאָמיזירונג, ווי פון געמיינשאַפט־געבונדנקייט.

און אַזאַ געמיינשאַפט־פּראָדוקט איז תמיד שטאַרקער און דויערהאַפטער אין זיין ווירקונג, ווי דער פּראָדוקט פון אַטאָמיזירונג, מעג דער לעצטער זיין אַפילו קינסטלעריש שטאַרקער און ברייטער.

אַזאַ דיכטונג, ווי רחלס, איז נעענטער צום אורקוואַל פון דיכטונג, וואָס שלאָגט אַרויס פון געמיינשאַפט־באָדן. *

שאַנכיי, 1944

---

* וועגן רחל, זע אין מיין בוך „זוימען אין ווינט", ז. 427.

יח) מיט אַ פֿאַלשער שטים

ל. טרייסטער: „דער פֿאַסטעך־קעניג". ביבלישע טראַגעדיע אין 5 אַקטן

אין די דרייסיקער יאָרן האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַ ראָמאַן „אין די שטילע טעג". דער נאָמען פֿון מחבר, ל. טרייסטער, איז מיר ביז דאַן געווען אומבאַקאַנט.

דער ראָמאַן, אַן ערשטלינג, איז געווען שטיל און גוט געשריבן. דער מחבר האָט גערעדט מיט אַן אייגענער שטימע, און האָט ערלעך דערציילט אין קינסט־לערישע בילדער זיינע לעבנס־דערפֿאַרונגען.

איך געדענק שוין נישט גענוי דעם אינהאַלט פֿונעם בוך, זיין סיפּור־המעשה, אָבער נאָך ביז היינט, ווען איך דערמאָן זיך „אין די שטילע טעג", ווער איך אַרומגענומען מיט דער זעלבער אַטמאָספֿער, וואָס האָט מיך געהאַט אַרומגענומען דאַן, ביים לייענען דאָס דערמאָנטע בוך. דאָס איז געווען די אַטמאָספֿער פֿון עכט־קייט: עכטע מענטשן, עכטער טרויער, עכטער אומעט, און איבער אַלעם — עכטקייט פֿון טאָן.

איך האָב נישט געפֿונען מיין רעצענזיע וועגן דאָזיקן בוך, אָבער איר נאָמען געדענק איך: „אַ שטיל און גוט בוך".

דאָס בוך איז געווען אַ אָנזאָג, אַז עס איז געקומען אַ נייער פּראָזע־טאַלאַנט, מיט אַן אייגענעם טאָן.

אין די סוף דרייסיקער האָב איך באַקומען פֿון זעלבן מחבר אַ צווייט בוך „אַריבער די ברעגן".

די הויפּט־העלדן זענען געווען, אויף וויפֿל עס דינט מיר דער זכרון, די זעלבע ווי פֿון ערשטן בוך; עס האָט שוין געשמעקט מיט חורבן און אומקום, — דער נאַרעוו — לויט חיים גראַדעס בילדלעכן אויסדרוק, — האָט גענומען אַרויסגיין פֿון די ברעגעס און אונטערשווענקען און פֿאַרשווענקען אונדזער לעבן אין פּוילן. דאָס בוך איז שוין נישט געווען מעור אחד, ווי „אין די שטילע טעג", עס איז געווען אַ ביסל שוואַכער פֿאַרן ערשטן, אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ געהאַט צו טאָן מיט אַ קרעפֿטיקן טאַלאַנט. נאָך אַכצן יאָר, זע איך נאָך אַלץ די מעכטיקע געשטאַלט פֿונעם ראש פֿון דער פֿאַמיליע (אַ גאַרבער, דאַכט זיך) און זיין עקשנותדיק־העראָישן קאַמף נישט אַראָפּגעשווענקט צו ווערן דורכן „נאַרעוו".

איצט, נאָך אַן אַכצניאָריקן איבעררייס, האָב איך באַקומען אַ דריט בוך פֿון ל. טרייסטערן. שוין נישט קיין פּראָזע־בוך, נאָר אַ ביבלישע טראַגעדיע אין פֿינף אַקטן, אין ווייסן פֿערז.

נאָכן איבערלייענען די ביבלישע דראַמע, האָב איך זיך געשטעלט די פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט טרייסטער גענומען רעדן אויף אַ ביי־קול? פֿאַרוואָס

האָט ער פאַרלאָזן זיין שטילן זיכערן פראָזע־גאַנג און גענומען גיין אויף ווייס־פּערזיקע שטאָלצן?

די פראַגע איז נאָך געוואָרן צודרינגלעכער דאַן, ווען איך האָב דערזען די רשימה פון די ביכער, וואָס דער מחבר האָט גרייט צום דרוק. צווישן זיי איז דאָ אַ ראָמאַן „דריטער חורבן" (אפשר אַ המשך פון די ערשטע צוויי ראָמאַנען?) און אַ ראָמאַן „דער קעניג שאול".

אויב שוין נישט דעם „דריטן חורבן", האָט טרייסטער בעסער באַדאַרפט אַרויסגעבן „דעם קעניג שאול" אין פּראָזע.

איך ווייס נישט צי דער ביבלישער ראָמאַן איז גאָר געלונגען, אָבער אַזוי שלעכט ווי די טראַגעדיע קאָן ער בשום אופן נישט זיין. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר וואָלטן דאָרט נישט געהאַט זיין פאַטאַלן ווייסן פערז און זיין אומבאַהאָלפנקייט אין דער פאָרם־געפּרעסטער דראַמאַטישער אַקציע און אין זיין דיאַלאָג.

*

פונקט מיט פערציק יאָר צוריק בין איך געזעסן מיט אַ גרופּע חברים און זיך געהיצט, פאַרוואָס אונדזערע שרייבער באַנוצן נישט פאַר זייערע שאַפונגען די טעמאַטיק פון תנ"ך. איך געדענק נאָך איצט גאַנצע זאַצן פון מיין יענער היציקער רעדע: אין תנ"ך ליגן אוצרות מיט געשטאַלטן און געשעענישן, וואָס בעטן זיך ממש — נעמט און באַרייכערט זיך! — אויף יעדן זייטל כמעט וואָלגערן זיך פּאַרטיקע סימבאָלן, וואָס קאָנען קינסטלעריש אויסדריקן אונדזערע היינטיקע אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן. פאַרוואָס זעען דאָס נישט אונדזערע שרייבער? צי זענען זיי בלינד, אָדער אומשעפעריש?

איך האָב זיך דערוואָרט אויף אַ צייט, ווען די קינסטלער אונדזערע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די ביבלישע טעמעס. אָבער ערשט דורך דעם אופן ווי זיי נוצן אויס דעם דאָזיקן אוצר, ווייזן זיי אַרויס זייער גאַנצע אומשעפערישקייט: אַנשטאָט צו דערהויבן זייער שאַפן דורך די דורותדיק־אויסגעקריסטאַליזירטע סימבאָלן און געשטאַלטן, שלעפּן זיי אַראָפּ, על־פּי־רוב, די געשטאַלטן און סימבאָלן אינעם תהום פון אומשעפערישקייט.

עס דאַכט זיך אונדזערע שרייבער, אַז די פאַרטיקייט פון די סימבאָלן און געשטאַלטן גיט זיי אַ לייכטע מעגלעכקייט צו שאַפן אַ קונסט־ווערק דורך איינפּאַקן זיי, ווי זיי גייען און שטייען, אין זעק מיט ווערטער, אָדער דורך אויבערפלעכלעך אויסטייטשן זיי לייטאַרטיקלדיק. זיי ווייסן נישט, אַז פאַרטיקע סימבאָלן און געשטאַלטן זענען אַ וואונדערבאַרער מאַטעריאַל גאָר דאַן, ווען מען גליט זיי דורך מיט אַ טיפער אויסטייטשונג, מיט אַ טיפן מיין, מיט אַ טיפן פאַרשטיין, ווען מען ווייס ווי זיי אַרומצושלייפן ווי בריליאַנטן, זיי זאָלן אַרויסגעבן זייער אינערלעך ליכט. ווי דאָס האָט געטאָן ריכאַרד בער האָפמאַן, למשל, אין זיין „יעקבס חלום".

ביבלישע געשטאַלטן און געשעענישן זענען נישט קיין פּאַסיקער מאַטעריאַל בלויז פאַר שפּראַך־איבונגען, ווען זיי זענען אפילו גוט, בפרט ווען די שפּראַך־איבונגען זענען שלעכט, ווי דאָס זענען די שפּראַך־איבונגען פון ל. טרייסטערס טראַגעדיע.

דאָס איז נישט קיין ביבלישע טראַגעדיע, נאָר די טראַגעדיע פון דער ביבלישער טעמאַטיק, פון אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור.

*

טרייסטער האָט, ווייזט אויס, זייער אַ פאַלשע פאַרשטעלונג וועגן „ווייסן פערז". עס האָט זיך אים, מסתמא, געדאַכט, אַז אויב מען דאַרף נישט זוכן קיין גראַמען, איז אַ קנאַפּע קונץ צו שרייבן מיט קורצע שורות.

ס'איז אָבער אַ גרויסער טעות, וואָס ווילדעוועט אַרום (ווי אַ סך אַנדערע טעותים) אין אונדזער ליטעראַטור. אַפילו דוד בערגעלסאָן האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער דאָזיקער אַוואַנטורע אין זיין „פּרינץ ראובני" (אָבער זיין דראַמע האָט כאָטש אַן אינהאַלט), און אָנשטאָט אַ ווייסן פערז, האָט ער געגעבן אָפּגעהאַקטע שורות, מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, וואָס כדי צו קריכן ווי נישט איז ווייטער, שפּאַרן זיי זיך אונטער דורך ברעכן די שפּראַך, סיי לעקסיש, סיי גראַמאַטיקאַליש.

ל. טרייסטערס ווייסער פערז איז זיכער נישט בעסער פאַר בערגעלסאָנס, — אדרבא, נאָך אַ סך ערגער.

טאָמער איז נאָך ווייניק דער עגמת נפש פון זוכן און נישט געפינען קיין באַפרידיקונג אינעם אינהאַלט, ציטערן מיר בוכשטעבלעך ביי יעדן פערז אַז אָט־אָט פאַלט ער אום, ווערט צעשאָטן, ווי מען וואָלט מיטגעגאַנגען אויף אַ שטראָמען באַרג אַרויף מיט אַ בעל־מום, וואָס יעדע רגע ברעכן זיך אים איין די פיס, און עס פאַלט אייך איין אין האַרצן, און איר ווילט אים אונטערכאַפּן.

עס איז נישט קיין זעלטנקייט צו טרעפן אָט אַזעלכע שורות:

„ביסט אין זינגען און שפּילן אויך אויסשטייענדיק
„ווי אויסשטייענדיק דו ביסט אין ערנסט?"

איך ווייס נישט אין יידיש פון אַזאַ וואָרט, ווי „אויסשטייענדיק". איך שטויס זיך אָן, אַז דער מחבר מיינט „העכער ווי נאָרמאַל", „איבער דער נאָרמע", אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?!

„מיט צווייפל אין דיר איז אָנגעגלויבט איר האַרץ"

איז אַ זאַץ אַ זינלאָזער, ממש אַ פאַרזעעניש.

„דו ביסט ס'אויג אין זיין שטערן";
„אפשר וועל'ך קליגער ווערן אין גאָט כיוון".

„צוריקגעצויגן האָט זיך דער קעניג
„פון אין מלחמה אַריין צו גיין",

איז אַ זאַץ, גראַציעז ווי אַן אַרטרעטישער העלפאַנט.

„דערפאַר איבער וואָס?"
„אַלעמאַל מיט אויפלויב (?! י. ר.) רעדט ער פון דיר".

טרייסטער ממיתט די שפּראַך, ווי זי וואָלט געווען זיין שונא.

און זי איז דאָס טאַקע פאַר אים, פאַר זיין נעמען זיך צום וויסן פערז, וואָס ער האָט מיט אים גאָרנישט צו טאָן, קיין שום געמיינזאַמס. און היות די שפּראַך לאָזט זיך נישט, ממיתט ער זי אָן רחמנות.

און אָט איז אַ דיאַלאָג: אַחינועם (די קעניגין הייסט אַחינועם):

„לייג זי אויפן געלעגער. זי מוז האָבן רו.

תמר:

„געטאָן, קעניגין".

די מוזיקאַלישקייט פון פערז איז דורכשניטלעך פאָלגנדע:

„צי אויפן באַזוך אירן ביי דודן אין קריגספעלד,
„אין צייט פון זיין נאָענטקייט צו דער פרינצעסין,
„זענען נישט אָנפּאַרטרויט געוואָרן איר
„געוויסע בגידה־טואונגען זיינע".

היינט די גראַציע פונעם „בינ'ך", „האָב'ך", „וועל'ך".

די שפּראַך איז פאַרקריפּלט, דער שפּראַך־בוי פאַרגוואַלדיקט, דער דיאַלאָג איז אַ הילצערנער, אָן אַ סימן פון נאַטירלעכקייט, די „נייע" טעמע (שאולס קעפּס־ווייב און איר געליבטער, אבנר, אינטריגירן פאַר דער קרוין) איז ביליקע עראָטיק, ביליקער, קינדיש־זינלאָזער שונד, — פשוט גענומען איינעם פון די טראַגישסטע קאַפּיטלען פון תנ"ך און עס אָן זין צעביטן אויף פאַרזשאַווערטע גראָשנס.

די שאול־טראַגעדיע, איינע פון די שענסטע פערלען אין תנ"ך, האָט אַ מאָדנעם נישט־מזלדיקן מזל אין אונדזער ליטעראַטור: מען האָט שוין געשריבן וועגן איר אָן אַ שיעור דראַמעס, אָבער קיין שעפעריש־באַאַרבעטע האָב איך נאָך נישט געלייענט. אָבער אַזאַ שלעכטע ווי ל. טרייסטערס האָב איך שוין אויך לאַנג נישט געלייענט.

די מעגלעכקייטן פון אָט דער טעמע זענען דאָך גראַנדיעז: ווי אַזוי די מאַכט פאַרדאַרבט שאולן, און מאַכט אים אומגליקלעך; שאולס קאָנפליקט מיטן נביא שמואל; שאולס קאַמף מיט און קעגן דודן; דודס וווּנדערלעכע ליבשאַפט מיט

יהונתנען, און נאָך און נאָך. סאַראַ מעגלעכקייט פאַר דיכטונג, פאַר טיפע פּראָב־לעמען, פאַר פּסיכאָלאָגישער טיפקייט און מענטשלעכער טראַגיק. אָבער אַט די אַלע מעגלעכקייטן זענען נישט נאָר נישט אויסגענוצט געוואָרן דורך טרייסטערן, נאָר אַלע מעגלעכקייטן זענען פאַרקליינלעכט, פאַרגישטיקט געוואָרן, אָבער אַזוי, אַז עס טוט פשוט ווײ דאָס האַרץ צו לייענען.

נישט נאָר קיין נייער גלאַנץ איז נישט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער טעמע, נאָר דער גלאַנץ פון די תנ״ך־פּרקים וועגן שאולן איז געמאַכט געוואָרן מיט דער בלאָטע צוגלייך.

*

אין איין פּונקט האָט טרייסטער פּרובירט אַריינברענגען אַן אַקטועלע אינטער־פּרעטאַציע אין זיין טראַגעדיע: די שטראָף אויף שאולן פאַר רחמנות האָבן אויף די עמלקים און אויף זייער שאָף, באַהאַנדלט טרייסטער אין ליכט פון אונדזער היינטיקער עמלק־פּראָבלעם. אָבער אויך דערפון מאַכט ער אַ קאַריקאַטור, ער דריקט עס אַראָפּ צום ניוואָ פון אַ ביליקן „פּראָגרעסיוון״ לייט־אַרטיקל.

אחימלך (דער כהן גדול (?!) פון נוב):

„עמלקס שולד־פּיין איז אָבער געוואָרן קליין,
„אַז (?!) מיטן אָנגענומענעם גאָב זיינעם
„האָסטו געלינדערט די באַדרענגטע אין צער״.

שאול:

„גאַנץ עמלק האָט געמוזט אומקומען?
„זענען דען אַלע שולדיק געווען?
„האָבן זיך גאָר קיין אומשולדיקע נישט געפונען?״

אחימלך:

„האָסטו דען געוווּסט ווער ס׳איז נישט שולדיק?
„האָט עמיץ געוויזן פאַראַכט צו די רוצחים?״

שאול:

„האָבן דערפאַר אַלע געמוזט שטאַרבן פון מיין שווערד?״

און דאָס איז אַלץ.

נישט נאָר האָט ל. טרייסטער אַרויסגעוויזן קאָמפּלעטע אָרעמקייט אין שעפערישער פאַנטאַזיע, נאָר ער איז דאָ אויך שפּראַכלעך גרוי און אָרעם אויף אויסצודריקן ווי געהעריק אַפילו אַזאַ פּרט־וויכוח ווי דעם נאָר־וואָס ציטירטן.

איז טאַקע נישט פאַרשטענדלעך צו וואָס האָט דאָס באַדאַרפט האָבן ל. טרייסטער, דער גוטער פּראָזאיקער?

*

איז דער „פאַסטעך־קעניג" אַ רעזולטאַט פון נאַיווער דרייסטקייט, וואָס ווייס נישט, ווי אַ קינד, וועגן די לויערנדיקע געפאַרן, און עס פאַרקריכט, אין פאַלשער זיכערקייט, אין אַ מקום סכנה?

אָדער ווירקט דאָ דער צושטאַנד אין אונדזער ליטעראַטור, — אַ צושטאַנד פון הפקרות, ווו יעדער גראַפאָמאַן קאָן אַפילו שענדן די יידישע היטלער־טראַגעדיע דורך פאַרטאַטשנע דערציילונגען און נאָך באַקומען שבחים און אַפילו פרעמיעס?

וואַרשיינלעך איז אין טרייסטערס אויסגליטש שולדיק אָט דער צושטאַנד. והראיה — די טראַגעדיע האָט טאַקע באַקומען אַ פרעמיע און איז אויסגעוויילט געוואָרן צו באַנייען דעם מאָריס־שוואַרץ־קונסט־טעאַטער...

עס אַנטוויקלט זיך ביי אונדז, אַלץ מער און מער, דער אינסטינקט פון „אָפקליוב פונעם ערגסטן", פונעם לעבנס־אומפעיקסטן...

מעלבורן, 1956

יט) משה עובד

מיינער אַ פריינט, אַליין אַ גוטער יידישער שרייבער און אַ גרויסע פּערזענלעכקייט,* האָט מיר נאָך אין די דרייסיקער יאָרן געהאַלטן אין איין שרייבן באַגייסטערטע בריוו וועגן איינעם אַ משה עובד, אַ ייד אַ יוועליר און אַ שרייבער; אַ ייד אַ גביר — אין יידישקייט און אין געלט; אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ און אַ גאָלדן געשעפט. און ס'קאָן זיין אַז טאַקע דורך דער רעקאָמענדאַציע פון דעם־אָ פריינט האָב איך גענומען באַקומען פון צייט צו צייט ביכער פון דעם מאָדנעם מענטשן מיט מאָדנעם „פאַמיליע־נאָמען" עובד, וואָס זיצט אין לאָנדאָן און אַלע לאָנדאָנער יידישע שרייבער קוועלן אָן פון אים.

אין דער לעצטער, פאַרגרעסערטער אויסגאַבע פון זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער", אינם פרעכטיקן קאַפיטל וועגן שלום אַשן („די דראַמאַטישע פערזענלעכקייט פון שלום אַש"), שרייבט משה עובד: „גלויבט מיר, אַש, דאָס איך בין נישט חלילה אויסן געוועזן אייך ווייז צו טאָן. איר קענט דאָך מיך. קיין גרויסער שרייבער בין איך דאָך נישט, באַצאָלט קריג איך אויך נישט פאַר שרייבן, אדרבא, איך צאָל נאָך צו, טאָ לאָזט מיר כאָטש האָבן אַ ביסעלע פאַרגעניגן. איך האָב ליב ווען איך שרייב צו לאָזן זיך אַ ביסל ווילגיין". היות ווי דאָס זעלבע קאָן איך זאָגן אויך וועגן זיך, מעג איך זיך אויך לאָזן אַ ביסל וויל־גיין ביים שרייבן, בפרט אַז כ'שרייב וועגן משה עובדן, וועלכער גיט זיך נאָך די שמד אין דאָזיקן פרט אין זיינע „וויזיאָנען און איידלשטיינער". פאַרוואָס זאָל נאָר

---

* י. נ. שטיינבערג ע"ה.

ער זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון לאָזן זיך וואָילגיין ביים שרייבן? מילא, דעם פאַרגעניגן פון ווייקן זיך אין אײדלשטיינער קאָן איך אים נישט נאָכטאָן, אָבער דעם פאַרגעניגן פון שרייבן ווי מען וויל — דאָס קאָן זיך אַזאַ ייד ווי איך אויך פאַרגינען...

איז בין איך זיך מודה בפה מלא: איך האָב באין אופן נישט געקאָנט איינבייסן די שאָל פון משה עובדס ביכער, כדי צוצוקומען צו זייער זיסן קערן, מיט וועלכן מיין פריינט (און אַ סך אַנדערע) האָבן זיך געקוויקט. איך האָב אין זיי נישט געפונען קיין פעסטן באָדן נישט פאַר מיין פעיקייט זיך צו באַגייסטערן און אויך נישט פאַר מיין נאָך גרעסערער פעיקייט זיך צו לאָזן וואָילגיין.

און מיין קריטיש טייבעלע פלעגט מיט טרוקענע פיסלעך זיך אומקערן צו זיך אין דער תיבה, נישט געפינענדיק פאַר זיך אין משה עובדס ביכער קיין פּיצל טרוקן אָרט... נישט איך האָב געקאָנט בענטשן און נישט איך האָב געקאָנט שעלטן: עפּעס האָט געררייצט פון אונטער דער פאַרשלאָסענער טיר, אָבער וואָס? אָט דער „וואָס" איז טאַקע געבליבן פאַרשלאָסן פאַר מיר, ווי משה עובדס אײדלשטיינער...

מיט אומגעפער אַ יאָר צוריק האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ שפּעלטעלע, דורך וועלכן איך האָב געקאָנט כאַפּן אַן אינטואיטיוון בליק אויף משה עובדס אינער־לעכער שריפטשטעלערישער וועלט. אויך נאָכן אַריינקוקן אין משה עובדס ביכער דורכן אינטואיטיוו־געעפנטן שפּעלטעלע קאָן איך זיי נישט געניסן ווי געהעריק, און נאָך ווייניקער קאָן איך זיי פאַרשטיין און אויסטייטשן, אָבער איך פיל די פּולסאַציע פון די זאַפטן, וואָס האָבן געטריבן צום וווּקס די ביכער פון משה עובד — אָט די מאָדנע געוויקסן, וואָס זענען אַזוי פרעמד מיין ליטעראַרישן חוש.

דעם דאָזיקן אינטואיטיוון אַריינבליק אין משה עובדס ביכער־וועלט האָט מיר פאַרשאַפט משה עובדס פּלאַסטישע קונסט. איך האָב באַקומען צוגעשיקט פון מחבר אַ פּאָר צענדליק פאָטאָגראַפּיעס פון זיינע פּלאַסטישע אַרבעטן און זיי האָבן געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק: עס איז גענוג צו זען זיין „משיחס אייזעלע", אָדער זיין „יידישער לייב", כדי צו דערשפּירן פאַר זיך עכטע שעפערישע פאַנטאַזיע, טיפע געפילן, וואָס געפינען פאַר זיך אַ שע־פערישן אויסדרוק; אָט די בילדער און צענדליקער אַנדערע לאָזן אייך שפּירן מער, ווי עס איז מעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער, סיידן איר פאַרמאָגט נישט ווייניקער שעפערישע פאַנטאַזיע (פון פּלאַסטישן מין), ווי דאָס פאַרמאָגט דער קינסטלער, וועמעס בילדער איר ווילט איבערגיסן אין ווערטער.

קוקנדיק אויף די בילדער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז משה עובדס שרייבערישע וויזיעס זענען אַ שעפערישער טעות: זיי ווילן אַנקליידן אין ווערטער דאָס, וואָס קאָן ביי אים קומען צום וואָרט בלויז דורך פּלאַסטישע פאָרמען. זאָל מיר משה עובד מוחל זיין וואָס איך וויל זיך לאָזן וואָילגיין, אָבער איך וויל אויך האָבן הנאה פון מיין שרייבן: די אויגן און דער גאַנצער אויסדרוק פון אין איינציקן

„משיחס איזעלע" רעדן צו מיינע טיפענישן מער, ווי אַן אַ שיעור פּערזן פון זיין „גאולה־שעה".

אָבער אויב משה עובדס דיכטערישע ביכער זענען פאַר מיר נישט צוטריט־לעך, האָט ער מיך באַזיגט מיט זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך „וויזיאָנען און איידל־שטיינער", דערשינען אין 1950.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דער וויזיע פון דער „גאולה־שעה" און די וויזיעס פון דער אויטאָביאָגראַפיע? איך מיין אַז צום בעסטן וועט זיך דאָס לאָזן אויסדריקן דורך ציטאַטן פוןביידע ביכער.

אָט גיב איך אַן עפן די „גאולה־שעה" און כ'לייען: „נישט אַלע האָבן פאַר־שטאַנען משיחס רייד. אָבער די, וואָס האַלטן די שטראַלנדע לייצעס פון דער פּראָגרעסירנדיקער מעשה־מרכבה אין זייערע הענט, זיי האָבן פאַרשטאַנען און זענען געוואָרן באַרואיקט".

און אָט גיב איך אַן עפן „וויזיאָנען און איידלשטיינער" און כ'לייען: „ס'לעבן געפינט זיך דאָך אין אַזאַ וווּנדער־וועלט, אין וועלכער אַן אומגליקלעך־ניכטערער קאָן טיילמאָל האָבן ס'גליק צו באַגעגענען אַ ווילד פרעמדן און דער פרעמדער זאָל קאָנען מיט עטלעכע בליקן דיך פאַרשיכורן, צוויי קריגלעך ווײַן אַריינגיסן אין דיין האַרץ, נישט טראָפּנווייז, נאָר אין איין מעכטיקן כליאַפּ!".

אפשר פאַרשטייען משיחן די אַלע, וועלכע האַלטן די לייצעס פון דער פּראָגרעסירנדיקער מעשה־מרכבה אין זייערע הענט; אָבער מיר, פשוטע מענטשן, אַן די דאָזיקע לייצעס, פאַרשטייען דאָס נישט, — מער ווי ווערטער זעען מיר נישט אין דעם, בעת די געבראַכטע ציטאַטע פון די „וויזיאָנען" (ווייט נישט פונם בעסטן זעמלמעל אין בוך), איז פול מיט סוגערירנדיקער איבערלעבונג, עס שטעקט אַן מיט אַ לעבעדיק בילד, וואָס איז משתף צו אַ לעבעדיקן אינהאַלט.

אָבער אין דאָזיקן בוך איז דאָ עפּעס מער ווי גוטע ליטעראַטור (למשל, די פּרעכטיקע קאַפּיטלען וועגן שלום אַשן, דער פּערל „איך בין דער שפּיגל" און אַנדערע), — עס איז דאָ אין אים אַ בולטע, אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט, ווי פון אַ גוטן בעלעטריסטישן ווערק אַרויס: די געשטאַלט פונם מחבר.

און די דאָזיקע געשטאַלט געפינט איר נישט נאָר אין קאַפּיטלעך ווו דער מחבר באַשעפטיקט זיך דירעקט מיט זיין ענגער ביאָגראַפיע, נאָר נאָך מער אין קאַפּיטלעך, ווו דער מחבר דערציילט אינטערעסאַנטע באַגעגענישן מיט מענטשן און זייערע גורלות. לויטן אופן ווי דער מחבר נעמט אויף מענטשן און געשעענישן, הייבן מיר אָן צו דערקענען אַלץ טיפער און טיפער די אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון דעם בעל־האויטאָביאָגראַפיע.

אויב דער מחבר פון „וויזיאָנען און איידלשטיינער" איז טאַקע אַזאַ ווי מיר דערקענען אים לויט זיין בוך, איז משה עובד אַ פיינער דיכטער, ווייל אים איז געלונגען צו געבן זיין געשטאַלט ווי אַ לעבעדיקע; אויב אָבער משה עובד איז

אין דער אמתן נישט ווי אין זיין בוך, איז ער אַ גאָניאַלער שרייבער, אויב ער האָט געקאָנט אויספּאַנטאַזירן אַזאַ געשטאַלט און אַזוי פּלאַסטיש־סוגערירנדיק זי אַרויפצווינגען אויף אונדז.

כ) אַ לירישער ניגון

ישראל עמיאָט: „אין ניגון איינגעהערט", לידער. 1961

אין די אָנהייב דרייסיקער האָב איך געוווסט פון דערציילן, אַז דער יידישער דיכטונג איז צוגעקומען נאָך אַ דיכטער — אַ לאַנג־געקליידטער, אַ פרומער, אַ רעליגיעזער דיכטער: ישראל גאָלדוואַסער (עמיאָט).

רעליגיעזע דיכטונג און דיכטער האָבן ביי אונדז נישט געפעלט. מיר האָבן געהאָט אַ ישראל שטערן, אַ חיים סעמיאַטיצקי און אַנדערע. אָבער עמיאָט האָט געהייצט מיט סוד: אַ ייד אַ קרעמער, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, קומט זעלטן אַריין אין ליטעראַטן־פאַראיין (ווען ער קומט קיין וואַרשע נאָך אַ ביסל סחורה).

אייגנטלעך וואָלט דאָס נישט באַדאַרפט זיין קיין ווונדער וואָס אַ דיכטער אַ ליריקער רעדט זיך דורך מיט גאָט אין פערזן און גראַמען, — סוף־כל־סוף האָט רילקע גערעדט וועגן זיין שכן־גאָט נישט אינדיווידועל, נאָר אין נאָמען פון פּאָעטישן צעך: אויב אַ דיכטער האָט אַ נאָענטן שכן, איז דאָס גאָט, דער פּאָטער פון דיכטערישן געפיל, פון דיכטערישן געמיט.

אָבער אַ פאַקט בלייבט אַ פאַקט; מען האָט זיך געשושקעט אין ליטעראַטן־פאַראיין וועגן דעם נייעם רעליגיעזן דיכטער ווי וועגן אַ גאָטס־ווונדער.

געדענק איך טאַקע אַן אָוונט אין ליטעראַטן־פאַראיין (שוין נישט אויף טלאָמאַצקע 13). בעת עמעצנס אַ רעפעראַט, איז שטיל אַריינגעקומען אַ הויכער, חסידיש געקליידטער יונגערמאַן מיט אַ קוישעלע אין דער האַנט. לעבן מיר איז גראָד פריי געווען אַ שטול, האָט זיך דער ניי־געקומענער אַוועקגעזעצט, שטיל אַרונטערגעשטעלט זיין קוישל אונטער דער שטול און געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, שטיל, ווי שטיל ער איז אַריינגעקומען.

און איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז דער נייער דיכטער — עמיאָט.

ווען איך האָב איצט באַקומען עמיאָטס אַ בוך לידער, האָט זיך זיין טיטל („אין ניגון איינגעהערט") אַסאָציאירט ביי מיר מיט דער דעמאָלטיקער שטימונג אין ליטעראַטן־פאַראיין: מיר דאַכט זיך, אַז עמיאָט האָט זיך שוין אין יענעם מאָמענט איינגעהערט אין זיין ניגון, וואָס באַגלייט זיין יעדעס ליד, ווי זיין פּראָזע־בוך („דער בירָאָבידזשאַנער ענין"). מיר דאַכט זיך איצט, אַז מיין שטימונג דאַן האָט ווי אויסגעדריקט דעם געדאַנק, וואָס איך קאָן אים ערשט איצט פאָר־

קערפּערן אין ווערטער: דער מענטש איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין ניגון; ער הערט זיך צו צו אים, צו זיין אייגענעם ניגון, און ער ברומט אים אויס אין לידער.

אינעם אופן פון זיין אַריינקומען, פון זיין אַוועקזעצן זיך איז געווען עפּעס פון זעלבן ניגון, וואָס יעדעס ליד זיינס ניגונט אויס.

*

דאָס גאַנצע בוך איז אַן איינהאָרכן זיך אין אַ ניגון, — צי דער ניגון איז טרויער, שרעק פאַרן טויט, צי דער ניגון איז פרייד פון שאַפן, פון אייביקייטס־געפיל, — תמיד איז ער פּולטאַניק, עכט, פּשוטודיק ווי עכטע ליריק איז דאָס תמיד, — און טיף־גרייפנדיק, אויך ווי עכטע ליריק.

ליריק איז ווי אַ דינער שטראַל מיט אַ דימענטענעם דין־דינעם שפּיץ, וואָס עגבערט זיך איין אין איין דינעם פּונקט, אָבער ער דערבויערט זיך צום גרונט פון מענטשנס געמיט.

איר האָט אַ גוטן פּראָביר־שטיין פאַר ליריק: אויב דאָס ליד רעדט וועגן פּשוטע זאַכן, מיט פּשוטע מיטלען און עס גיט אייך אַ כאַפּ אָן, ווי עס וואָלטן אייך אַנטפּלעקט געוואָרן רזי־דרזין, — איז אַ סימן, אַז איר האָט זיך אָפּגעטובלט אין אַ קוואַל פון עכטער ליריק.

אָט נעמט אַזאַ ליד ווי „דעם פרעמדן מענטשן" (זייט 55). איך וועל ציטירן די אַכט שורות אינגאַנצן:

„מיר קענען זיך נישט, נאָר ווי פאַרשטענדלעך פּראָסט
דו צינדסט אין פייער מיינעם אָן דיין פּאַפּיראָס!
נאָר עפּעס וועקט זיך, עפּעס אָנט מיין ווייטער, זעקסטער חוש:
ס'האָבן זיך פּאַפּיראָסן צוויי אין אַ פּראָסטן טאָג געקושט...
און ווי קלאָר דער שכל זאָגט: מיר דאַרפן זיין זיך פרעמד,
האָט טיף אין אונדז זיך עפּעס וואָס פאַרשעמט...
און ברעכט אויף אַלע צוימען פון פאַרשטאַנד,
און נאָענט מיר ווערן — ווי פון לאַנג באַקאַנט..."

סאַראַ פּשוטע, באַנאַלע געשעעניש און ווי טיף עס האָט זיך דערגראָבן...

מען דאַרף האָבן מוט גאָר צוצורירן זיך צו אַזאַ באַנאַלער טעמע, אָבער טאַלאַנט איז מוט; ער צווינגט צו טאָן דאָס, וואָס ער פילט אַז עס איז וויכטיק, נישט געקוקט „אויף אַלע צוימען פון פאַרשטאַנד"...

*

אויף וויפל איך געדענק עמיאָטס אַמאָליקע לידער (און כ'געדענק נאָר זייער

אַלגעמיינעם איינדרוק), זענען זיי געווען שוואַך אין פאָרם, מיט אַ שוואַכינקער טעכניק; היינט איז ער נאָך אויך נישט קיין גרויסער בריה אין דער טעכניק פון מאַכן לידער (גאָט צו דאַנקען), אָבער דאָך באַהערשט ער שוין אָפּט גוט אויך די פאָרם פון סאָנעט און ער ווייזט שוין אַרויס די ערשטע בריהשאַפט אין גראַמען...

אָבער כל־זמן דאָס קומט נישט אין אַ קאָליזיע מיט זיין פשטות און נאַיווקייט, מיט זיין אינסטינקטיוון מוט צו שרייבן וועגן כלומרשטע „באַנאַליטעטן", שאַדט דאָס נישט; אדרבא, דאָס גיט צו זיין שאַפן אַ געוויסן חן און זיכערקייטס־טראָט.

*

אַ קליין ביכעלע לידער, אָבער נישטאָ כמעט קיין פוסטע זייטלעך.

זייער שיין זענען פאַר מיר פאָלגנדיקע לידער: „אַ תפילה פאַרן שוואַכן" (ז' 23), וואָס פאַרמאָגט אין זיך עפּעס ישראל שטערנשע שיינקייט; „טאָג־נאַכט שפּיל" (ז' 54); „פאַרוואָס ווערט שטיל דער טאָג ווען דו גייסט פאַרביי?" (ז'66).

אָט דאָס ליד וועל איך ציטירן אינגאַנצן:

„פאַרוואָס ווערט שטיל דער טאָג ווען דו גייסט פאַרביי?
און אַלץ איז אָפּגעטאָן,
אָפּגעזונגען, אָפּגעקלונגען,
און יעדער קלאַנג ווערט ווידערקלאַנג.
אַ פרעמדער איז דאָ געווען און געשטאָרבן לאַנג,
איך בין עס דער פרעמדער,
און הער מיין אייגן לעבן אַצינד
ווי אַ ווייט און פרעמד געזאַנג
אויפן ווינט".

*

אַ קליין ביכל פול מיט טרויעריקער שיינקייט, ווייל סוף־כל־סוף איז קיין אַנדערע אפשר נישטאָ: אַלץ וואָס טיף און שיין — איז טרויעריק; שוין צוליב דעם אַליין פאַרוואָס עמיאָט האָט פיינט דעם טויט:

„פאַר מיר איז אַלץ נאָך וויכטיק — פאַר אים איז אַלץ אַ שטות".

און וואָס קאָן נאָך זיין אַזוי וויכטיק ווי דאָס טיפע און שיינע אין לעבן? און אויך דאָס פאַרגייט...

און ווער זאָל אויפכאַפּן אָט דעם טרויעריקן ניגון פונעם פאַרגייענדיקן, אויב נישט אַן עכטער ליריקער ווי עמיאָט?

איז טאַקע זיין ביכל טיף, שיין און פול מיט טרויער.

טיפן, שיינעם טרויער.

*

עמיאַט דאַרף זיין אַ ביסל פאַרזיכטיק מיט דער גראַמאַטיק. אויף זייט 92, אינעם פיינעם ליד „וואָלאַכן טרויעריקע פון אַלט־יידישע כלי־זמרים" איז דאָ אַ שורה: „פון פאַרלאַנגען ווילד געגאַגט, פון ווייטיק באַזיגן", בעת עס דאַרף זיין „באַזיגט". אמת, „באַזיגט" איז נישט גוט צום גראַם, אָבער באַזיגן איז נאָך ערגער פאַר דער גראַמאַטיק. אויף זייט 73, אינעם ליד „נאָר נישט געווינטע אויגן קאָנען זיין אַזוי שיין", איז דאָ אַ שורה: „אין איין באַגער געליבט און פאַרשטיין זיין". מען קאָן אָבער פאַרשטאַנען זיין, אָבער „פאַרשטיין זיין" איז לויט די כללים פון דער שפּראַך אַן אוממעגלעכקייט.

עס זענען טאַקע דאָ פּאָעטישע פרייקייטן, אָבער מיט אַ געוויסער מאָס.

איך ווייס פונוואַנען דאָס נעמט זיך: עמיאַט געפינט זיך נאָך אין דעם צושטאַנד פון באַהערשן די שפּראַך, ווי אַ רייטער באַהערשט אַ ווילד פערד: מען פאַלט אַמאָל אַרונטער איידער מען ברעכט איין דעם פערד...

מעלבורן, 1961

כא) נישט פון זעמל־מעל

מאַטעס דייטש: „מאַנדלברויט יידיש", 1952

אַחוץ דעם אָפיציעלן שער־בלאַט, פאַרמאָגט מאַטעס דייטשס ביכעלע נאָך אַ שער־בלאַט, אַ נישט־אָפיציעלס, וואָס געהער שוין צום אינהאַלט פונעם בוך. אָט איז עס: „געדאַכטן און טראַכטן (צווישן פּראָזע און ליד). ווערטלעך, זאָגן, פּסוקים, קליגשאַפטן, פּאַראַדאָקסן און מיניאַטור־עסייען. מלוכה־פאַרלאַג — אַליין. שטאָט: באַרדיטשעוו..."

און דער בוך־אינהאַלט איז אויף גוטע פיר־פינפטל ענלעך צום נישט־אָפיציעלן שער־בלאַט: פּרעטענציעז און גאַרנישט־זאָגנדיק.

איך ווייס נישט צי מען וועט מיר גלויבן, אָבער איך, לײדער, ווייס, אַז דאָס איז אַן אמת: איך האָב אָט דאָס ביכעלע געלייענט צוויי מאָל.

פשוט דערפאַר, ווייל נאָכן איבערלייענען עס דאָס ערשטע מאָל האָב איך נישט געגלויבט מיין איינדרוק: עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז אַ בוך זאָל זיין אַזוי אָרעם...

נאָכן צווייטן מאָל לייענען האָבן איך שוין געגלויבט. אַ ברירה האָב איך געהאַט?...

אויב ביזוויליקע מענטשן וועלן אָט די רעצענזיע באַטראַכטן ווי אַ נקמה־אַקט פאַרן לייענען צוויי מאָל דאָס ביכל, וועלן זיי אפשר זיין גערעכט... דער

שטרענגסטער ריכטער וואָלט מיך נישט פאַרמשפּט דערפאַר (ווען אויך ער וואָלט איבערגעלייענט צוויי מאָל דאָס ביכעלע).

*

ז. רייזען ע״ה (דער דערמאָרדעטער דורך סטאַלינען) איז געווען אַ גוואַלדאָוו־נער אָפּטימיסט; יעדעס בוך, יעדער זשורנאַל און יעדע צייטונג מיט יידישע אותיות פלעגט שוין דורך זייער דערשיינען גופא זיין פאַר אים אַ געשעעניש, אַ סיבה פאַר אַן עקסטאַז־שטימונג. און ער האָט יורשים...

קאָן זיין אַז גערעכט זענען די גוואַלדאָוונע אָפּטימיסטן; אַז אָפּטימיזם איז זייער אַ גוטע און שיינע מידה; אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז איך האָב נישט זוכה געווען צו אַזאַ מידה. און איך האַלט, אַז דער גוואַלדאָוונער אָפּטימיזם איז אַ געפאַר פאַר אונדז. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס וואָלט געזינטער געווען פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע, ווען עס וואָלטן דערשינען ווייניקער ביכער, און ווייניקער זשורנאַלן.

אין 1916 איז געקומען צו מיר מיינער אַן אַמאָליקער חדר־חבר און מיר געבראַכט אַ דראַמע אין פיר אַקטן. איך האָב זי דורכגעלייענט און אים געזאָגט, ווען ער איז געקומען נאָך אַ תשובה, ער זאָל מער נישט שרייבן.

זענען געקומען צו מיר געמיינזאַמע פריינט און פּרובירט עפּעס אָראָפּדינגען פון מיין נעגאַטיווער מיינונג:

— ס׳טייטש, ער האָט דאָך פאַרט אָנגעשריבן אַ דראַמע פון פיר אַקטן; מסתמא האָט ער דאָך עפּעס...

מיין ענטפער איז געווען (און איך האַלט נאָך איצט אויך פון אים — פון דאָזיקן ענטפער — אַ וועלט!):

— פאַראַן ווערק, וואָס אויף צו שרייבן זיי דאַרף מען גאָרנישט האָבן; פאַרקערט, עס דאַרף עפּעס פעלן: קריטישער חוש, געפיל פאַר קונסט. נעמט צו אָט די זאַכן, און דער וועג איז פריי פאַר שרייבן וואָס מען וויל...

איך וויל דאָ בפירוש באַמערקן, אַז איך פאַרגלייך נישט מאַטעס דייטש צו יענעם מחבר פון יענער דראַמע, — חס וחלילה! אָבער עפּעס פון יענעם ענטפער מיינעם איז גילטיק אויך אויב נישט פאַר אים, פאַר מאַטעס דייטש דעם דיכטער און שרייבער בכלל, איז, לכל הפחות, פאַר זיין דאָזיק ביכעלע.

מאַטעס דייטש פאַרנעמט זיך דאָרט מיט קריטיק און קריטיקער אַ גוואַלד, — אסור אויב קריטיקער האָבן פאַרדינט מען זאָל זיך מיט זיי אַזוי פיל פאַרנעמען (אפילו אויב זיי האָבן אָנגעטראָטן אים אויף זיינע דיכטערישע הינער־אויגן, ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלן פון דעם לייבן־חלק וואָס ער גיט זיי אָפּ אין זיין ביכעלע).

אָבער איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ווען איר נעמט צו ביי די קריטיקער זייער שטיקל קריטישן חוש, איז יעדער פון זיי פעיק אָפּצודרוקן אַזאַ ביכעלע ווי

„מאַנדלבּרויט יידיש", הגם קריטיקער זענען נישט קיין שעפערישע שרייבער...
בנאמנות, נאָך אַזוי פיל סאַרקאַזם אויפן חשבון פון קריטיקער, האָט מאַטעס דייטש געמעגט פאַרמאָגן אַ ביסעלע מער קריטישן חוש לגבי זיין אייגן ביכל...

*

פון ביכל איז קלאָר, אַז מאַטעס דייטש האָט נישט איבעריק ליב יעקב גלאַט־שטיין דעם קריטיקער. אָבער אין זיינע „קלוגשאַפטן, פּאַראַדאָקסן, ווערטער און זאָגן" איז מאַטעס דייטש היפּשלעך באַאיינפלוסט פון גלאַטשטיינס סטיל (פונם פּעריאָד, וואָס האָט גלאַטשטיינען נישט געמאַכט פאַר גלאַטשטיינען).

מאַטעס דייטש איז איינער פון אונדזערע „קונצנמאַכער", אָבער דעם קונץ אַרויסצורופן מיט זיין „געדאַכטן און טראַכטן" געדאַנקען, געפילן און בילדער האָט ער כמעט ווי נישט באַוויזן.

„מאַנדלבּרויט יידיש" איז אַ זאַמלונג פּאַראַדאָקסן, אַפאָריזמען, ווערטלעך און ענלעכס, ד. ה. אַ זשאַנער, וואָס דאַרף (מוז!) זיין דימענט־שאַרף פּוענטירט, בילדלעך און געדאַנקלעך בולט, טרעפלעך; אָבער אומזיסט וועט איר דאָס אַלץ זוכן אין דאָזיקן ביכעלע. און דעריבער לייענט זיך דאָס קליינע ביכעלע שווער, לאַנגזאַם, — איר שלינגט עס נישט איין, ווי דאָס דאַרף געשען מיט אַזעלכע סאָרטן ביכער. איר האָט נישט ביים לייענען קיין קפיצת הדרך, — פאַרקערט, יעדע רגע צעברעכט איר אַן אַקס אין דאָזיקן מאַנדלבּרויטיקן זאַמד.

איך רעד שוין דאָ נישט פון דעם ניוואָ אויף וועלכן מאַטעס דייטש זינקט (חבר זעצער: טאָקע נישט „זינגט", נאָר זינקט), ווען ער שרייבט אונטער זיין פאָרוואָרט: „סוף מערץ (שמערץ)", אָדער ווען ער מאַכט אַ זינלאָזן וואָרט־שפּיל פון „אויבנאויפיק", „מיטנאויפיק" און „טיפאויפיק"; אָבער וואָס וועט איר זאָגן צו אַזאַ „קליגשאַפט", ווי:

„וואָס איז... וואָס

„וואָס איז ליטעראַרישער,
„ווייניקן? צי — לאַכן?..."

ווו איז דאָ געדאַנק? ווו — געפיל? ווו — בילד? ווו — פּוענטע?

איר קאָנט דאָ געפינען אַ סך פּסיידאָ־געדאַנק און פּסיידאָ־בילד און פּסיידאָ־פּוענטע, ווי „יידיש־גלידיש", „יידיש־חידוש", „יידיש־לידיש" און „יידיש־קרייז בלוטיק־זידיש", און נאָך אַזעלכע ספּקדיקע שפּראַך־חידושים, ספּקדיקע חכמות און ספּקדיקע אינהאַלטן, אָבער זעלטן־זעלטן טרעפט איר דאָ עכטע דיכטונג, ד. ה. עכטן געדאַנק, עכטן געפיל, עכטע בילדלעכקייט און עכטע פּוענטירונג.

טאָמער טרעפט איר אַמאָל אַ זאַג מיט אַ זין, איז עס על־פּי־רוב פאַרנעפּלט, ווייל שלעכט אויסגעדריקט (למשל: „דער מהר״ל און גאָט״, זייט 13).

דאָס וועלן אויפווייזן ווי שלעכט און פּוסט דאָס בוך איז, וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט, — איר קאָנט פיר פינפטל בוך לעכערלעך מאַכן דורכן בלויזן ציטירן. למשל:

„איז עס אמת? כל זמן אברהם סוצקעווער
„לעבט אין ישראל
„איז יידיש אַ גרויס שוצגעווער?...״

ווי געזאָגט, איז אפשר אַ פינפטל פון בוך נישט אַזוי לעכערלעך, אָבער ווען דאָס דאָזיקע פינפטל וואָלט געווען אין אַ גוט בוך, וואָלט עס געווען צו דערליידן; אָבער אַז דאָס דאָזיקע פינפטל זאָל ראַטעווען אַ בוך — פון דעם קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין (איך נעם אַרויס פון דאָזיקן כלל זיין ליד „מיין מאַמע טענהט זיך אויס מיטן גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב״: דאָס דאָזיקע ליד געהער נישט אין דאָזיקן בוך, עס איז דאָ אינגאַנצן פרעמד. פאַראַן אויך דאָ אַ פּאָר שפּראַכלעכע גרילצן, אָבער דאָס איז אַ ליד, וואָס איז ווערט קריטיקירט, געלייענט און געדענקט צו ווערן).

*

אויף דער לעצטער זייט, אין עטלעכע שורות „באַמערקונגען״, זאָגט דער מחבר: „אַ גרויסע צאָל (?! — י. ר.) פון דעם מאַטעריאַל... האָב איך צוזאַמענגעקליבן פון מיינע עסייען, וואָס איך האָב נאָך נישט ביז געהאַט אַרויסגעבן אין אַ בוך״.

אַט יענץ בוך וועט שוין, ווי עס שיינט, זיין אַ גוט בוך, ווייל מאַטעס דייטש האָט זיינע עסייען אַרומגעשטויבט און פון דעם געמאַכט דאָס דאָזיקע ביכעלע...

מאַטעס דייטש איז פאַר מיר בכלל זייער אָפט אַ פּראָבלעמאַטישער דיכטער, ד. ה. אַ דיכטער וואָס איז פאַר מיר אַ פּראָבלעם; אָבער צו וואָס מאַטעס דייטש דער דיכטער האָט באַדאַרפט אַרויסגעבן אַזאַ ביכעלע, איז פאַר מיר ערשט רעכט אַ פּראָבלעם.

מעלבורן, 1953

כב) פּרעסנע

אַלטער קאַציזנע: „באַלאַדן און גראָטעסקן״, פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ. וואַרשע, 1936.

ווען דיזעלבע „באַלאַדן און גראָטעסקן״ וואָלטן געשטאַמט נישט פון קאַציזנען, וואָלטן זיי ביי אים אַרויסגעלאָקט נישט קיין לייטזעליקן „פאָרוואָרט״, נאָר זיכער אַ שטרענגע רעצענזיע, וואָס וואָלט נישט צוגעלאָזן קיין שום פאַרענטפערונג.

אָבער היות די „באַלאַדן און גראָטעסקן" זענען קאַציזנעס, האָט ער אָנשטאָט אַ שטרענגער רעצענזיע געשריבן וועגן זיי אַ מילדע פאַרענטפערונג.

איך וויל בשום אופן נישט זאָגן, אַז קאַציזנע האָט פאַרביטן די יוצרות מיט פּרעמעדיטאַציע. דאָס ווערט על־פּי־רוב געטאָן אומבאַוווסטזיניק. ווען עס קומט צו דער אייגענער הויט (מעג די הויט באַשטיין אַפילו נאָר פון צען בויגן „באַלאַדן און גראָטעסקן"), ווערט דער מענטש דערפינדעריש אויף אַלערליי מילדערנדיקע אומשטענדן.

קאַציזנעס „פאַרענטפערונג" איז אים אַרויסגעצוווּנגען געוואָרן פון אויסן און זי טראָגט טאַקע אויף זיך אַלע סימנים פון אַרויסגעצוווּנגענקייט: זי איז נישט איבערצייגנדיק, אומגערעכט און סאָפיסטיש.

„אונדזער צייט — זאָגט קאַציזנע — האָט פאַרשטענדעניש פאַר אַן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן פּראָגנט; זי האָט אָבער גאָר אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר אינדיווידועלע וואַרשטאַטן. דאָס אָפּשליסן זיך אין אייגענעם ווינקל איז אונדזער צייט גרייט צו באַטראַכטן ווי אַ שטיקל דעזערציע פון אַלגעמיינעם פּראָגנט; בפרט, אַז דאָס אָפּגעשלאָסענע ווינקל שמעקט מיט „רעאַקציאָנערער פאַרגאַנגענהייט".

פון ווען אָן רעדט עס קאַציזנע וועגן רעאַקציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, אַריינגעמענדיק עס איז געגנדזנפּיסלעך? (דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר א. איינהאָרן פון „היינט", פאַר אהרן צייטלין פון „עקספּרעס"). וואַרשיינלעך, זינט עס איז אים געוואָרן אַ שאָד צו לאָזן ליגן זיינע באַלאַדן פון דער פאַרגאַנגענהייט (און טאַקע פון דער רעאַקציאָנערער, נאַציאָנאַל־בוטאַפאָרישער) אין אייגענעם ווינקל...

דערביי איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס קאַציזנע שאַפט זיך אַ דיסקרעטפאַרטונקלטן באַגריף פאַר דער דאָזיקער על־פּי־רוב רעאַקציאָנערער שאַפונג — „אינדיווידועלער וואַרשטאַט".

כדי אָפּצוציען פון זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער „אייפערזיכטיקער צייט" (וואָס באַטראַכט אַזאַ אינדיווידועלן וואַרשטאַט ווי אַ „דעזערציע פון אַלגעמיינעם פּראָגנט"), וואַרפט זיך קאַציזנע אַרויף אויף אַנדערע „אינדיווידועלע וואַרשטאַטניקעס". ער — קאַציזנע, הייסט עס — איז אין דערדאָזיקער זאַמלונג אַ תלמיד פון פּרצן. אָבער אין דער צייט וואָס די אַנדערע: אַנסקי אין „דיבוק", לייוויק אין „גולם", אַש אין „קידוש השם" זענען געגאַנגען „צום פאָלקסטימלעכן קוואַל דורך פּרצעס "געשיכטן" און „חסידות" און נישט אַדאַנק די „געשיכטן" און „חסידות", איז קאַציזנע געגאַנגען צום פאָלקסטימלעכן קוואַל אַדאַנק פּרצעס „געשיכטן". און דער רעזולטאַט דערפון? זיי, די פריער־אויסגערעכנטע עפּיגאָנישע ווערק, זענען טאַקע באַדייטנדיקע ווערק, אָבער מיט „אַ רעאַקציאָנערן בייגעשמאַק". אָבער ער, קאַציזנע, האָט אידעאָלאָגיש אָפּגעוויכן פון פּרצעס דרך. „אויב — זאָגט קאַציזנע — איך דערלויב מיר צו גלאָריפיצירן אַ פאָלקסטימלעכן

מאָמענט, איז דאָס אַ מאָמענט פון ריין עטישער נאַטור, אָן רעליגיעזער, מיסטישער און נאַציאָנאַלער בוטאַפּאָריע. פעלט דער מאָמענט — איז עס גראָטעסק".

אין דערדאָזיקער פאַרזיכערונג — וואָס בילדעט דעם מיטלפּונקט פון קאַציזנעס „פאַרענטפערונג" — איז דאָ אַ טאָפּלטע נישט־ריכטיקייט: מען קאָן זאָגן וועגן לייוויקס „גולם" פאַרשידנס, אָבער באַצייכענען אים אַלס רעאַקציאָנערע פאָלקס־טימלעכקייט איז — פאַלש. דאָס פאָדערן פאַר זיך דאָס רעכט אויף אַ „אינדיווי־דועלן וואַרשטאַט" און אויף לייוויקן אַריבערוואַרפן דעם פאָרוווּרף פון רעאַק־ציאָנערער פאָלקסטימלעכקייט, דערמאָנט שוין צופיל דעם באַנאַל־געוואָרענעם „כאַפּ דעם גנב". אָבער נאָך אַ גרעסערער פאַלש ליגט אין דער באַהויפּטונג, אַז דורך גלאָריפיצירן בלויז מאָמענטן פון „ריין־עטישער נאַטור", ווייכט ער אָפּ פונעם „מייסטערס (פּרצעס — י. ר.) שיטה", און אין דעם ליגט זיין (קאַציזנעס) באַרעכטיקונג. דאָס איז דאָך אָבער פאַלש סיי בנוגע פּרצן, סיי בנוגע קאַציזנען: דאָס בעסטע אין פּרצעס פאָלקסטימלעכקייט איז גראָד די גלאָריפיצירונג פונם ריין־עטישן מאָמענט („אויב נישט נאָך העכער" און אַנד.). און וואָס שייך קאַציז־נען, איז ער גראָד צום שוואַכסטן אין דאָזיקן מאָמענט. געוויס, די טרעגער פונם ריין ־עטישן מאָמענט אין פּרצעס „חסידות" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען יידן, יידישלעכע יידן, ווייל אָן דעם וואָלט דאָך נישט געווען דער פאָלקסטימלעכער פּאָן, וואָס אָן דעם, איז קאַציזנע מודה, איז נישט מעגלעך די אייגנאַרטיקייט פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור. אָבער צי דען זענען קאַציזנעס באַלאַדן נישט פול מיט גוטע יידן און נאַציאָנאַל־רעליגיעזער בוטאַפּאָריע? אדרבה, קאַציזנע נעמט אַלס קדוש דעם שטעטלשן גביר, אַ זאַך, וואָס אַן אַנדערן וואָלט ער זיכער נישט מוחל געווען. דער אונטערשייד צווישן פּרצן און קאַציזנען איז נאָר דער, וואָס דעם ערשטן איז יאָ געלונגען אַרויסצוברענגען מיט דידאָזיקע מיטלען ריין־עטישע מאָמענטן, און דעם לעצטן איז דאָס נישט געלונגען: זיינע באַלאַדן זענען אין דאָזיקן פּרט עקרדיק, אינערלעך־פּוסט, און זייער אינערלעכע פּוסטקייט האָט ער געוואָלט פאַרדעקן מיטן „פאָרוואָרט".

און דערמיט קאָנען מיר פאַרלאָזן דעם „פאָרוואָרט" און איבערגיין צו די „באַלאַדן און גראָטעסקן".

*

אַחוץ די צוויי לעצטע זאַכן „אליעזרס באַלאַדע" און „מתים־טאַנץ", וואָס דערמאָנען די ערגסטע פּראָבעס פון קאַציזנעס „דער גייסט — דער מלך" און וואָס פּאַסן זיך גאָר נישט אַריין אין דאָזיקן בוך נישט מיטן אינהאַלט און נישט מיטן סטיל, — געהערן אַלע איבעריקע זאַכן פון בוך צום געביט פון פּאָעטיש־באַאַרבעטע פאָלקס־לעגענדעס און פאָלקס־אַנעקדאָטן.

די גרעסטע מעלה פון דידאָזיקע זאַכן איז זייער רייך־אינסטרומענטירטע

שפּראַך און דער לייכט־פּליסיקער, גוט באַהערשטער פערז. דער גרעסטער חסרון פון דידאַזיקע זאַכן איז זייער גייסטיקע אָרעמקייט, וואָס גייט אַמאָל איבער ממש אין אַ אינערלעכער הוילקייט; זייער אינהאַלטלעכער כאַאָס. און דעריבער איז קאַציזנע אַזוי באַרעדעוודיק, און דעריבער פליסן אַפּ די מערסטע זאַכן, נישט איבערלאָזנדיק קיין געפיל פון עפּעס איבערגעלעבטס: זיי האָבן קיין וואָג נישט.

לאָמיר נעמען די ערשטע מעשה. קיין גראַטעסק איז עס נישט — ממילא דאַרף עס פאַרמאָגן, לויטן מחברס כוונה און דעקלאַראַציע, אַ ריין־עטישן מאָמענט. דער עיקרדיקער אַקאָרד פון דער דאָזיקער באַלאַדע איז אָנגעמערקט באַלד פון אָנהויב:

„איך וועל זינגען, ווי אַ ייד איז פון דער וועלט אַוועק
„מיט אַ קללה אויף די ליפּן אַ פאַרחתמעטע"...

נאָכן דאָזיקן אָנזאָג קומט אַ גאַנץ־פּלאַסטישע און זאַפטיקע שילדערונג פון אַ יידישער חתונה. אַ יינגל, אַ קינד פון אַן אַפּאַטאָוועד ייד (געדענקט עס, דאָס איז וויכטיק, דאָ ליגט די טעמפּע פּוענטע!) פאַלט אַוועק אין חלשות. עס קומט אַן אַלטע יידענע און דערציילט אַ מעשה, ווי אַ ייד, „דער קדוש דער אַפּאַטאָווער" (אַ גביר! הגם כמעט אַלע פאָלקס־מעשיות פון זעלבן מין דערציילן וועגן אַ ייד אַ קבצן) האָט גענומען אויף זיך די שולד פאַר אַ פאַרפאַלענעם קריסטלעכן יינגל, און איז אומגעקומען אין אַט־אַ־דער שטוב, כדי צו ראַטעווען די עדה יידן. נאָך פאַרן טויט האָט דער קדוש פאַרשאָלטן די ווענט (?!):

„אַ, איר ווענט, וואָס עס צוגעזען, פאַרשאָלטן זייט
„פאַר דעם לעצטן פון דער גזע פון אַפּאַטאָווער!"

דעריבער איז דאָס אַפּאַטאָווער יינגעלע געפאַלן אַ חרובער און אויף זיין קערפּער זענען אַרויסגעטראָטן מעסער־ווונדן...

איך בין זיך מודה: איך פאַרשטיי נישט גאָר גוט דעם וועזנטלעכן מיין פון דער קללה, אָבער איר עטישן ווערט נאָך ווייניקער. אין וואָס באַשטייט דער ריין־עטישער ווערט פון דערדאָזיקער באַלאַדע? דערין, וואָס אַ מענטש איז זיך מקריב פאַרן כלל (הגם דאָ איז דאָך אויך פאַראַן די יידישלעכע „בוטאַפאָריע" נאָך מער ווי ביי פּרצן), אָבער ביי קאַציזנען הויבט זיך די באַלאַדע אָן און זי ענדיקט זיך מיט דער אומפאַרשטענדלעכער, זינלאָזער, לחלוטין נישט עטישער און פאַרן ענין אומנויטיקער קללה. דער ריין־עטישער מאָמענט ווערט פאַרשלונגען אין דער פאָלקסטימלעך־בוטאַפאָרישער ווירקונג פון דער נישט־עטישער און קליינלעכער קללה, וואָס איז אידעאָלאָגיש־אומקריטיש און קינסטלעריש־פאַלש דערהויבן געוואָרן צום עיקר.

און נאָך עפּעס: דער מסירת־נפש פונם אַפּאַטאָווער גביר מאַכט אין קאַציזנעס

דערציילונג — קענען זיין ווילן — דעם איינדרוק נישט אַזוי פון עטישער גרויסקייט ווי פון תקיפות: איך וועל נישט קאָנען באַשיצן די עדה?

לאָמיר נעמען נאָך איין באַלאַדע, וואָס הויבט זיך אָפילו אָן גראָטעסק, אָבער ענדיקט זיך טראַגיש, מיט אַ (ביליקן) מוסר־השכל. די דאָזיקע באַלאַדע — „דאָס ליד פון שבעלע הדסהס" — באַווייזט נאָך בולטער, ווי די ערשטע, אַז גראָד אידעאָלאָגיש (וואָס דאָס דאַרף, לויט קאָציזנעס פּאָרוואָרט, ראַטעווען די באַלאַדעס פאַר רעאַקציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אָן גענדזנפיסלעך) איז קאַציזנע אומבאַהאָלפן. נישט ער ווייכט אָפּ פון פרצן באַוווסטזיניק, נאָר ער בלאָנדזשעט „אָן אַ רודער און אָן אַ זעגל".

די באַלאַדע הויבט זיך אָן ליריש, מיט גאַנץ פיינע פערזן, וועגן אַ יונג מיידל און אַ יונגער צאַרט־אויפבליענדיקער ליבע צווישן צוויי יונגע קינדער. דערנאָך קומט די גראָטעסקע אינטערמעצאָ: אין שטעטל קומט אָן אַלטער „גוטער ייד". שבעלעס מאַמע, די רייכע אַלמנה, שיקט די טאָכטער צום גוטן יידן מיט אַ בריוועלע, ווו זי רעדט אים אַ שידוך מיט זיך. דער גוטער ייד איז אָבער אַ ייד אַ מבין און ער ענטפערט, אַז ער וויל בעסער די טאָכטער. און אַז אַ „גוטער ייד" וויל — איז נישט שייך: וויל שבעלעס מאַמע אויך.

דאָ ריכט זיך דער לייענער אויף אַ קאַטאַסטראָפע, אויף אַ ריין־עטישן טראַגישן מאָמענט. אָבער — די טראַגעדיע ווערט צעביטן אויף אָפּגעריבענע גראָשנס. שבעלע איז אומקליקלעך בלויז אַ קורצע צייט און דערנאָך — מיר נישט, דיר נישט — צעפלאַקערט זיך אַ ליבע צום גוטן ייד (לויט דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער בוטאַפאָריע).

„הדסהס קינד — אַ פרומע שטילע טויב.
„און גייט אינגאַנצן אין דער מאַמעס דרכים.

— — — — — — — — —

„די בתולה ווייסט: אַזוי איז עס באַשערט,
„מען קאָן עס נישט פאַרמיידן מיט אַ כיוון.
„זי טראַכט ביי זיך: מסתם איז זי דאָס ווערט,
„אַז אויבן זאָל געחתמעט זיין דער זיווג".

און דער גאַנצער סיפור־המעשה גייט אַוועק אין גאָר אַנדערע (פרומע און כשרע) דרכים. שבעלע גייט צו דער חופה מיט ליבע, אָבער נאָר דאַן, ווען דער גוטער ייד גיט איר דאָס וואָרט, אַז זי וועט נישט

„בלייבן, ווי אַ בוים אָן פרות".

דעם רבים וואָרט ווערט, נאַטירלעך, מקוים. שבעלע געבערט אַ קינד. ווען דער רבי קומט איר זאָגן מזל־טוב, קוקט זי אויף אים „מיט רחמים און געבעט:

אַ, ליבסטער, נעם אַ טייל פון מיינע יאָרן". און ווען עס קומט צום ברית, פאָדערט זי ווידער אַ וואָרט פון רבין, אַז ער וועט צוזאַמען מיט איר פירן דאָס קינד צו דער חופה... און היות דער ר"בי האָט געענטפערט:

„כ'בין נישט דער האַר פון לעבן",
„האָט שבעלע די רביצין אויף אייביק
„די בלויע אירע אייגעלעך פאַרמאַכט".

ווייל זי „קאָן שוין מער נישט לעבן אין דער מורא" פאַר איר ליבסטנס דראָענדיקער עלטער. און דאַן קומט דער מוסר־השכל:

„דער צדיק האָט הרחבהדיק און פריידיק
„אַליין דעם זון צו חופה נאָך געפירט".

ווו איז די פוענטע אין דאָזיקן ליד? עס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אין צוויי ריכטונגען: צום גראָטעסק און צום מענטשלעך־טראַגיש, און אין גאַנג פון דער דערציילונג האָט עס צעבראָכןביידע שפּיצן און פאַרבליבן אַ מעשה פאַר אַלטע ווייבער וועגן אַ צדיק מיט זיינע מופתים און וועגן אַ פרום קעלבעלע. און דער מוסר־השכל איז אַזוי פּרעסנע (נאָך אַן ערגערן פּנים וואָלט באַקומען די באַלאַדע, ווען מען וואָלט געענוי אַנאַליזירט, ווי קאַציזנע באַשרייבט דעם צדיק און שבעלעס יונגן געליבטנס טראַגעדיע).

קאַציזנע זאָגט אין זיין „פאָרוואָרט", אַז אויך פּרוגן האָט ער אין זינען געהאַט ביים שאַפן זיינע באַלאַדעס. אין דער אויבן־אַנאַליזירטער באַלאַדע געפינט מען בולטע שפּורן פון פּרוגן. אָבער קאַציזנע איז נישט געגאַנגען פאָרויס, נאָר אַ היפּשן מהלך אויף צוריק. ביי פּרוגן איז דאָ אַ פאַעמע וועגן אַן אַלטן רב, וואָס האַלט ביים שטאַרבן, און אַ יונג מיידל שענקט אים פון ליבע אירע יאָרן. זי שטאַרבט און דער רב לעבט לאַנג־לאַנג. אָבער זיין לאַנג לעבן איז פול מיט טראַגיק: ער לעבט איבער מיט טרויער אַלע עטאַפּן פון דעם יונגן מיידלס לעבן, וואָס איז דורך איר נישט אויסגעלעבט געוואָרן. פּרוגס פאַעמע איז סענטימענטאַל, אָבער זי האָט כאָטש אַ גראַדע טראַגישע ליניע. ביי קאַציזנען אָבער איז אַ מיש־מאַש. די ליבע צווישן שבעלע מיטן יונגן ייִנגל ווערט פּלוצלינג אָפּגעבראָכן; די טראַגיק פון איר חתונה מיטן אַלטן יידן, צו וועלכן עס שדכנט זיך איר מוטער, ווערט סתם אין דער וועלט פאַרוואַנדלט אין ליבע. און פּונקט ווי איר ליבע און חתונה זענען אומזיניק (פאַרן ריין־עטישן מאָמענט פון דער באַלאַדע), אַזוי איז אויך איר טויט אומזיניק פאַרן דאָזיקן ציל. און אויך דעם רבינס לאַנג לעבן איז אומזיניק. און אויב קאַציזנע זאָגט צום סאַמע סוף: „אַ מענטש פאַרגייט — — — פאַרבלייבט — אַ ליד", איז דאָס מאָל נאָך שבעלען פאַרבליבן אַ שלעכט, זינלאָז ליד.

אַז אין „קבר־ישראל" איז נישטאָ קיין ריין־עטישער מאָמענט, נאָר „קדוש־

השם״־בוטאַפאָריע, וועלכע קאַציזנע פּאַראָרטיילט ביי שלום אַשן, וועט קלאָר זיין פאַר יעדן וואָס וועט איבערלייענען דידאַקטיק באַלאַדע.

אויף פּוסט געשריבן זענען אויך די מערסטע איבעריקע זאַכן. די צוויי טיילן פון „מגילת תנחום״ זענען בכלל אָן לייב און נשמה, ווי קאַציזנע וואָלט אין די געגראַמטע שורות פאַרגעסן אַריינבלאָזן אַ שטיקל נשמה (כאָטש אַ רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַל־בוטאַפאָרישע). אויך אין „קלמן מיט די עמערס״ זע איך נישט קיין שום אידעאָלאָגישע אָפּווייכונג פון פּרצעס „געשיכטן״, סיידן די אָפּווייכונג צום ערגערן, ביליקערן סאָרט. דאָס עפּיגאָנענטום, וואָס קאַציזנע וואַרפט פאַר אַנסקין און לייוויקן, שפּירט זיך גראַד דאָ אויף אַ מייל.

נישטאָ אין גאַנצן בוך קיין איין זאַך, וואָס זאָל האָבן צו טאָן מיטן רייך־עטישן מאָמענט און זאָל האָבן כאָטש אַ שאָטן פון טיפער איבערלעבונג, טיפן געדאַנק אָדער הויכער מענטשלעכקייט. די זאַכן דאַקעגן, וואָס האָבן נישט אַזעלכע פּרעטענזיעס, זענען אויסגעהאַלטן און גאַנץ פיין. אַנהויבנדיק מיט „ר׳ עליע״ ביזן פּרעכטיקן (פּרעכטיקן סיי לויטן קאָמיזם און סיי לויט דער אויספירונג) „דאָקטאָר פאַוסט קאָן״ זענען אַלע זאַכן „אויפן אָרט״, ווי מען דריקט זיך אויס אין רעצענזיע־זשאַרגאָן. זיי גיבן נישט צו דעם בוך קיין וואָג, אָבער זיי פירן אויס די ליניע פון זייער פאַרטראַכטער עקזיסטענץ און מען קאָן צו זיי קיין טענות נישט האָבן. מען קאָן נישט האָבן קיין טענות צו אַ שפּערל, פאַרוואָס ער איז נישט קיין אָדלער; אָבער מען מוז האָבן טענות צו אַן אָדלער מיט הינערישע פליגל.

*

ווען קאַציזנע וואָלט אַרויסגעגעבן זיינע באַלאַדעס מיט אַ יאָר צען צוריק אָדער, לכל הפחות, אָן „פאָרוואָרט״, וואָלטן זיי, אמת, דערפון נישט געוואָרן בעסער; אָבער איצט, באַגלייט דורכן פּרעטענציעזן „פאָרוואָרט״ און קאַציזנעס קינסטלערישער „איבערבאַוואָפענונג״, מאַכן זיי נאָך אַ קלאַגעדיקערן איינדרוק. דער איינדרוק פון די באַלאַדעס און דער איינדרוק, וואָס דער „פאָרוואָרט״ וויל סוגערירן, זענען שוין צו ווייט איינער פון צווייטן. און דער ליידיקער שטח צווישן דער „שער״ גענעצט אַרויס פון בוך.

וואַרשע, 1936.

כג) איך האָב חרטה געהאַט...

א. אלמי: „לעצטע געזאַנגען״, 1955

איך האָב לעצטנס באַקומען א. אַלמיס אַ ביכעלע לידער „לעצטע געזאַנגען״, אַרויסגעגעבן פון „פאַרבאַנד פון וואַרשעווער און פּראַגער יידן אין אַרגענטינע״.

היות ווי דאָס באַקומען אַלמיס אַ ביכל איז ביי מיר אַ גרויס געשעעניש (זינט אונדזער לאַנגער פּאָלעמיק אין די דרייסיקער יאָרן, האָט ער מיך אַמנעסטירט פון באַקומען זיינע ביכער), האָב איך עס דווקא גענומען לייענען; אַז אַלמי האָט שוין געבראַכן דעם באַיקאָט און מיר צוגעשיקט זיינס אַ ביכל לידער, ווייס ער דאָך מסתמא, אַז איך מוז עס האָבן...

האָב איך עס געלייענט און זיך אַפילו געגרייט צו שרייבן אַ רעצענזיע. דאָס ערשטע זייטל פון דער רעצענזיע ליגט נאָך ביי מיר, און אָט איז איר קאָפּ: „רעצענזיעס בקיצור" — „אַ ביכל לידער מיט אַ צוזאָגנדיקן נאָמען" („לעצטע געזאַנגען", — ד"ה, נאָך איין אָנשטרענגונג און מער וועט איר שוין פון מיינע לידער נישט ליידן...).

אָבער איידער איך האָב אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן מיינע נאָטיצן און מיינע איינדרוקן פון אַזעלכע אומשטערבלעכע פערזן, ווי:

„אין סוויסטשען פון שראַפּנעל — דיין קול (גאָטס קול — י. ר.).
„אויף בראָך און אומגליק — אַזאַ זול".

— — — — — — —

„מען דאַרף זיין געבענטשט מיט מוזע —
„אויסצוצאַצקען אַ פּריזור —
„ליד פון חלום און נאַטור!" און ענלעכע.

איז געשען אַ מיכשול:

איך האָב דורכגעלייענט דעם פאָרוואָרט צום ביכל און דערזען, אַז איך שפּיל זיך מיט פייער, — בעסער נישט זאַטשעפּען מיט אַלמין אויפן געביט פון דיכטונג, עס קאָן נאָך, חס ושלום, קומען צו אַ רעצידיוו פון די דרייסיקער יאָרן: ער וועט נאָך ווידער וואַרפן אַ שטיין אין וואַסער...

איז וואָס האָב איך צו אים?

וועל איך שוין נאָך אַ לידערביכל נישט רעצענזירן.

איך וויל אָבער באַרעכטיקן מיין פּחדנות דורך איבערגעבן בקיצור, אויב נישט מיין איינדרוק פון אַלמיס לידער, איז מיינע איינדרוקן פון פאָרוואָרט.

*

אין זיין פאָרוואָרט דערציילט א. אַלמי אַ מעשה נורא: אַ קריטיקער און עסייאיסט אין בוענאָס־איירעס (זאָל דאָס זיין מיין בעסטער פריינט דאָרט? — י. ר.) האָט אין אַ פּאָזיטיוער רעצענזיע וועגן אַלמיס „מאָמענטן פון אַ לעבן" (טאַקע נישט קיין שלעכט בוך) אַ שרייב געטאָן, אַז „דער מחבר (ד"ה א. אלמי — י. ר.) איז „אויך אַ דיכטער".

טוט דאָס אַלמין ווי, ווייל נישט נאָר ער האָט אַרויסגעגעבן פינף לידער־זאַמלונגען, נאָר ער „האָט אָנגעהויבן ווי אַ פּאָעט (ביי פּרצן), ער האַלט זיך ס׳גאַנצע לעבן פאַר אַ פּאָעט און וועט שטאַרבן אַ פּאָעט״.

די אַרגומענטן קעגן דעם אַנאָנימען קריטיקער און עסייאיסט זענען אייזערנע!

איך האָב שוין געזען מחברים, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן צען ביכער מיט לידער אָדער דערציילונגען אָדער קריטיק, און זיי זענען נאָך אַלץ נישט קיין פּאָעטן, נאָוועליסטן אָדער קריטיקער.

און דאָס וואָס אַ מענטש האַלט זיך פאַר אַ פּאָעט, איז טאַקע גאָר אַ סופּער־ראיה! אָבער דאָס פּאַרפּליכטעט קיינעם נישט.

אַפילו דאָס דרוקן אַ ליד ביי פּרצן איז אויך אַ וואַקלער אַרגומענט. פּרץ אַליין האָט געדרוקט גאָר אַ סך שוואַכע לידער — אייגענע און פרעמדע. נישט לידער־דיכטונג האָט פּרצן געמאַכט פאַר י. ל. פּרץ.

געוויס, אַז איינער האַלט זיך פאַר אַ דיכטער, טוט אים ווי אַזאַ זאָג ווי פונעם בוענאָס־איירעסער אַנאָנים. צי דאַרף מען דאָס אָבער אַזוי אָפן אַרויסזאָגן?

און אויב איר מיינט אַז אַלמי באַגנוגנט זיך מיטן פּאַרוואָרט, קענט איר נישט אַלמין!

איך אַליין האָב שוין געזען דריי אַרטיקלען זיינע וועגן דאָזיקן ענין, — זיין בלוט שטורעמט און זידט ווי זכריהס: ס׳טייטש, זאָגן אויף אים, וואָס האַלט זיך דער עיקר פאַר אַ דיכטער, אַז ווי אַ „דיכטער״ איז ער „נישט דערגאַנגען ווייטער ווי די עליאַש־לידלעך... פאַרעפּנטלעכט אין הומאָריסטישע זשורנאַלן״.

און זיינע גערעכטיקייט־מאָנענדיקע אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן באַרואיקנ־דיקע אַרטיקלען דורך קלאַפּן אַלמין אין דער פּלייצע — „ר׳ אַלמי, איר זענט טאַקע אַ דיכטער, און באַרואיקט זיך ענדלעך״...

איך האָב אַמאָל געזען ביי סטאַניסלאַווסקין אַן אינסצעניזאַציע פון דאָסטאָ־יעווסקיס אַ זאַך — „דאָס דאָרף סטעפּאַנטשיקאָוואָ״. איז דאָרט דאָ אַ העלד, אַן אמתער צי אַן איינגערעדטער אַמאַליקער גענעראַל, וואָס פאָדערט פון די אַרומיקע, מע זאָל אים כסדר טיטולירן מיט „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ״. און אַז מע וויל נישט, טוט זיך חושך.

איז איידער מוזן זאָגן, אַז אַלמי איז אַ דיכטער, און טאַקע בעיקר אַ דיכטער, וועל איך זיך שוין ליבערשט אָפּזאָגן פון שרייבן אַ רעצענזיע וועגן זיינע „לעצטע געזאַנגען״.

איך וויל בעסער זיין נייטראַל...

מעלבורן, 1955.

כד) אונטער פרעמדע הימלען

יאָסל בירשטיין: „אונטער פרעמדע הימלען". מעלבורן, 1949

י. בירשטיין איז דער איינציקער יידישער שרייבער אין אויסטראַליע, וואָס מען קאָן אויף אים זאָגן, אַז ער איז „מפרי הארץ": זיין טאַלאַנט האָט זיך אויפֿגעוועקט צום לעבן דאָ, אין אויסטראַליע.

פּנחס גאָלדהאַר, להבדיל בין החיים והמתים, האָט זיך דאָ אין אויסטראַליע אַנטוויקלט, אָבער פּנחס גאָלדהאַר דער שרייבער איז דאָ נישט געבוירן געוואָרן. זיין שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט איז מיטן קומען קיין אויסטראַליע צוערשט דעקלאַסירט געוואָרן און דערנאָך אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, אָבער נישט אויסטראַליע האָט גאָלדהאַרן געמאַכט פאַר אַ שרייבער.

דאָס זעלבע אויך מיט אַנדערע יידישע שרייבער דאָ אין לאַנד.

בלויז איין בירשטיין איז געבוירן געוואָרן אַלס שרייבער דאָ אין לאַנד.

און דאָך איז דער נאָמען פון בירשטיינס לידער־בוך — „אונטער פרעמדע הימלען", נישט קיין מליצה און נישט קיין געלעגנהייטס־נאָמען (ווייל ער גרייט זיך אָפּצופאָרן פון דאַנען): אַלע לידער אין אים זענען געבוירן ווי אונטער פרעמדע הימלען.

און זיינע לידער מאַכן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט צו די זוניקע אויסטראַליער הימלען גאָר קיינמאָל נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — ער האָט זיך בלויז געטוליעט צו זיינע היימישע יידישע שטימונגען, וועלכע זענען, — ווי דורך אַ ווונדער, — געוואַקסן אין זייער אויסגעוואָרצלטקייט אונטער פרעמדע הימלען.

און דער שטאַרקסטער איינדרוק פונעם ביכל לידער פרעסט זיך אָפּ ביי מיר אין איין זאַץ: היימישע שטימונגען אונטער פרעמדע הימלען.

*

„אין סוף פון די טעג פון דעם גרויסן געוויין
„איז אַ טרויעריק יינגל געקומען צוגיין
„צום חרובן הויז...
„........און שטום
„געשלונגען די שטילקייט פון טויטן אַרום".

דאָס יינגל איז בירשטיין.

אַלץ וואָס איר טרעפט אין די לידער איז היימיש, יידישלעך היימיש: טאַטע, מאַמע, זיידע, מיט זייער דורותדיקן און דורכן היינט פאַרטיפטן טרויער; אָבער צום היימישסטן איז אין זיי אַפילו נישט דער היימישער אינהאַלט, נאָר די היימישע

שטימונג, די היימישע אַטמאָספער פון די דאָזיקע לידער: נישטאָ כמעט קיין איין ליד אָן אַ ירושהדיק־יידישלעכן קרעכץ.

און אָט דער טאָן איז דאָס ווערטפולסטע אין בירשטיינס ביכל לידער, דאָס איז — דערווייל, לאָמיר האָפן — דער גרעסטער דיכטערישער קאַפּיטאַל, וואָס בירשטיין פאַרמאָגט.

אָדער אַנדערש זיך אויסגעדריקט: די דאָזיקע שטימונג איז דערווייל זיין איינציקער מאַטעריאַל, פון וועלכן ער קאָן אַרויסוועבן פון זיך זיין ליד.

אָט די שטימונג, געדענק איך, האָט מיך געפּלעפט און זיך איינגעשרויפט אין מיר נאָך אין שאַנכיי, ווו איך האָב באַקומען דעם זאַמלבוך "צושטייער".

יאָסל בירשטיין איז פאַר מיר געווען, נאַטירלעך, אַ נייער נאָמען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ יונגער דיכטער, אָבער פונוואַנען אַזאַ רייפע יידישלעכע, טיף־יידישע שטימונג אין זיינע פיר לידער?

געוויס האָב איך געזען די פעלערן פון די דאָזיקע לידער, אָבער נישט זי, די שוואַכקייט פון פאָרם, איז געווען דער עיקר, נאָר די עכטע שטימונג פון אַ „זקנדיקן ייד", פון דעם דורותדיקן ייד.

די עטלעכע לידער פון „צושטייער" זענען אין ביכל אַריינגענומען געוואָרן מיט ענדערונגען, מיט קירצונגען (און איינס איז בכלל נישט אַריינגענומען געוואָרן אינעם ביכל). דאָס איז אַ גוטער סימן. דאָס באַווייזט, אַז בירשטיין באַמערקט אַליין זיינע שוואַכע פונקטן. ער ענדערט. ער וואַרפט אָפּ. אין אַ צייט אַרום וועט ער זען אויך די שוואַכע פונקטן, וואָס ער האָט נאָך איבערגעלאָזן אין זיין ערשטלינג־ביכל („און דאָס איז טאַקע וואָס דערפאַר", איז אַ שורה אָן אומהיילבאַרער בעל־מום). ער וועט קרעפטיקער ווערן אין זיין פאָרם, ער וועט רייפער ווערן אין וואָרט־אויסדרוק, אין בילד. דער קריטישער צוגאַנג צום אייגע־נעם אָנגעשריבענעם, און אַפילו אָפּגעדרוקטן וואָרט, איז אַ גוטער סימן פאַר י. בירשטיינען.

אָבער נאָך אַ בעסערער סימן איז דאָס, וואָס ענדערנדיק די פאָרם פון זיינע ערשטלינג־לידער, איז ער געבליבן טריי זייער שטימונג — ער האָט נישט פאַרשאָטן דעם קוואַל פון וועלכן זיי פליסן.

און דער קוואַל זיינער איז אַ לעבעדיקער, ווי דאָס באַווייזן אָן אַ שיעור לידער. אונטער פרעמדע הימלען איז ער נישט אויסגעטריקנט געוואָרן. בירשטיין איז אַ טיף־היימישער, עכט־יידישער דיכטער נישט נאָר לויט דער טעמאַטיק, נאָר לויט זיין אויפנעמען די וועלט.

ווען דער שטימונגס־געהאַלט פון בירשטיינס ליד וואָלט געווען באַקומען אַן עקוויוואַלענטן פאָרם־אויסדרוק, וואָלטן מיר געווען געהאַט אין אים אַ גרויסן צושטייער צו דער יידישער דיכטונג.

אָבער הגם דאָס פאַרמאָגט נישט דערווייל בירשטיין, זענען דאָך דאָ גאַנץ

אָפּט סטראָפן און אַפילו לידער, וואָס לעבן נישט נאָר אין זכות פון זייער שטימונג און טאָן־ריינקייט, נאָר אויך אין זכות פון זייער אייגענער ליד־פאָרם. זיין ליד „ס׳געבעט״, איז פאַר אַן ערשטלינג־ביכל אַ קליין שטיקל צירונג. באַזונדערס די לעצטע שטאַרקע סטראָפע:

„דיין רוף: יהי אור, איז פאַרטונקלט און שוואַרץ.
„ס׳איז הפקר מיין לעבן, נאָכגעיעט מיין האַרץ —
„וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?״.

און „אַן אורח אויף מיין שוועל״ איז אויך אַ שיין ליד, פון די בעסטע און שלימותדיקסטע אינעם זאַמלבוך.

*

אין זיין שוואַכן ליד „כ׳געזעגן זיך״ זענען דאָ עטלעכע שורות (אמת, זיי זענען נישט קיין זעלטנקייט אין דאַזיקן ביכל), וואָס דערציילן אונדז די געשיכטע פון בירשטיינס עכטקייט, פון בירשטיינס דיכטונגס־קוואַל, פון וואַנען ער נעמט זיך אונטער פרעמדע הימלען.

דער טאַטע זיינער זאָגט אים ביים געזעגענען זיך:

„ס׳קאָן זיין, אַז גאָט איז אומעטום.
„מערדער — ווו מען ווערט געבוירן.
„און איך — אַ יינגל — הער זיך צו
„צו דער בענקעניש פון טאַטנס יאָרן,
„און שטרעק מיין האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון״.

אָט די „ברכה פון זכרון״, וואָס איז די ברכה — דערווייל די איינציקע — פון זיין יונג, נאָך זייער אָפּט קוים־ באַפּעדערט ליד, פירט אים כסדר אַהיים. צום „דאָרט״, ווו גאָט איז צום מערסטן — „ווו מען ווערט געבוירן״. זיין גאַנץ ליד איז אַ געבעט:

„פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפער דאָס ליים,
„אין דעם גורל פון מיין היים״.

און זיין געבעט איז דערהערט געוואָרן.

און י. בירשטיין ווייס דאָס און ער וואַריאירט דאָס אויף אַן אַ שיעור אופנים.

ער איז פאַרליבט אין זיין „הויקער־שטימונג״, ווי אין זיין איינציקן און לעצטן פאַרמעגן.

אָבער די שטימונג איז נישט עקרדיק, זי איז טראַגעדיק מיט עפּעס אַ טרייסט, וואָס איר זיס־ביטערן טעם דערפילט דער יונגער דיכטער פון צייט צו צייט אויף זיין דיכטערישן גומען.

זי ווערט דאָ בטל בשישים, אין דאָזיקן ביכל פון דורותדיקן צער, אָבער עס טרעפט, אַז זיי מישן זיך אויס צוזאַמען, — דער יידישער צער און די יידישע טרייסט.

„אוי, זינג דיין מאַמעס טרויער אויס
„מיט דעם שטילן בטחון־ליד,
„וואָס ס׳פאָלק געדענקט פון דורות״,

זאָגט צו זיך בירשטיין אין זיין שוואַכן ליד „און מיין מאַמע שטייט דערביי״. און אַט דעם טרויער אין און דורך בטחון דריקט ער שטאַרקער אויס אין זיין ליד „די לויטערע ווערטער״:

„די לויטערע ווערטער פון הייליקע ספרים
„פאַרזינקען אין געלע, פאַרחלבטע בלעטער.
„אויף גרויע בית־עלמינס — דער יידישער חלום
„פון עפּעס אַ לויטערן, ליכטיקן שפּעטער.
„פינצטערט דאָס קלאָרע געמיט, וואָס דאַרף בענטשן
„דורך גזר פון טרעבלינקישן גורל — פאַרהיטן
„דעם מידן בטחון וואָס לעשט זיך אין מענטש אויס,
„די פרייד פון לעבן וואָס האָט אונדז פאַרמיטן.
„איך גראָב זיך אַריין אין דער געלבקייט פון ספרים
„צו קענען באַנעמען דעם זין פון די קברים,
„אויב זין איז פאַראַן גאָר אין מענטשישן בייז.
„זיי שטאַרק, מיין געמיט, אין דיין צער צו פאַרהיטן
„פאַרן שפּעטערן דור וואָס האָט נאָכנישט געליטן,
„אַן אָפּהילך פון גוטן, אַ ניגון פון טרייסט״.

י. בירשטיינס אַוועקפירן זיין אָפּגעציטערטע היימישע שטימונג אונטער היימישע הימלען איז נישט קיין צופעליקייט, דאָס איז אַ ריכטיקער טאָן אינעם ליד פון זיין לעבן.

אין אַ גרויסן טייל לידער פון „אונטער פרעמדע הימלען״ הערט ער זיך בולט אַרויס.

*

דאָס ביכל איז — אין סך־הכל — אַ שפּאַר ביסל מאָנאָטאָן; לידער מיט אַ שוואַכער אויסדרוק־מעגלעכקייט — זיי זענען אַ סך רייכער אינערלעך, ווי אויסערלעך; אָבער דערפאַר קויפט אונטער די עכטקייט, — ווייל עס קומט פון די טיפעניש פון געמיט, פון געמיינזאַמען „איך״־פאָלק־געמיט.

דערווייל איז נאָך זיין ליד געמישט מיט שוים. אָבער עס איז צו האָפן, אַז דער שוים וועט ביסלעכווייז אָפּגעשוימט ווערן און ס׳וועט בלייבן אָפּגעשטאַנענער געזאַנג.

ער זאָל נאָר צו־האַסטיק נישט אויסגיסן אונטער די היימישע הימלען די שטימונג, וואָס איז אַזוי צאַרט אַנגעקוואָלן אין אים אונטער די פרעמדע הימלען.

זאָל ער דאָס היטן ווי אַן אוצר.

זאָל ער גוט געדענקען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז דאָס איז זיין איינציקער עכטער פאַרמעגן פון גרויסן ווערט.

מעלבורן, 1949

כה) צו יאָסל בירשטיינס אָפּפאָרן קיין ישראל
(פון אַ רעדע)

אַלע רעדן וועגן גאָט, אָבער ווען עס קומט צו דערקלערן וואָס אַזוינס „גאָט" איז, קאָן דאָס קיינער נישט טאָן קלאָר און דייטלעך: קיינער ווייסט נישט; אַפילו די, וואָס זענען זיכער געווען, ביז דער מינוט ווען זיי דאַרפן דאָס דערקלערן קלאָר און דייטלעך, אַז זיי ווייסן יאָ...

דאָס זעלבע איז מיט דיכטונג: אַלע רעדן וועגן דיכטונג מיט דער גרעסטער זעלבסטזיכערקייט, און דאָך קאָן דאָס קיינער נישט דערקלערן פּראָסט און פּשוט, ווען זיי דאַרפן דאָס טאָן...

בלויז רבנים און קריטיקער האָבן דעם טרויעריקן מזל פון מוזן וויסן וואָס גאָט און וואָס דיכטונג איז... אויך זיי ווייסן נישט, נאָר זיי מוזן דאָס דערקלערן. אויב זיי ווילן נישט פאַרלירן זייער ברויט...

מוז איך. פאַרפאַלן. אָבער איך וועל דאָס טאָן פאָרזיכטיק (איר ווייסט דאָך שוין סיי ווי, אַז אויך איך ווייס נישט וואָס דיכטונג איז).

וואָס איז דיכטונג? איך האָב דערויף דריי סימנים: 1) אַז איר לייענט אַ ליד עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל פילט איר דערביי עפּעס נייס, וואָס פאַרקלעמט אייך דאָס האַרץ, — זייט וויסן: דאָס איז דיכטונג.

דיכטונג איז דאָס, וואָס איר קאָנט קיינמאָל נישט אויסליידיקן עס פון אינ־האַלט; איר קאָנט קיינמאָל נישט אונטערציען קיין סך־הכל פון איר אינהאַלט, פון די איבערלעבונגען, וואָס זי רופט אַרויס ביי אייך.

אָט דעם עכטן סימן פון עכטער דיכטונג געפינט איר ביי יאָסל בירשטיינען.

2) און אַ צווייטער סימן מובהק: דיכטונג שלאָגט אַרויס פון דער טיף, פונוואַנען זי זאָל נ׳שט קומען. צי זי איז נאַציאָנאַל, צי סאָציאַל; צי זי איז אַ יחידישער ניגון, צי אַ קאָלעקטיווער, — קיינמאָל לאָזט זי זיך נישט באַאיינפלוסן פון דרויסן,

דורך פּראָפּאַגאַנדע, דורך פּראָגראַמען. זי קומט פון דער טיף, פון דיכטערס געמיט.

בירשטיינס לידער זענען נישט געניצט לויט דער מאָס פון סאָציאַלע פּראָבּלעמען, און זיי זענען נישט קיין נאַציאָנאַלע מאַרשן, קיין נאַציאָנאַלע האָפּעס, זיי זענען נישט קיין סאָציאַלע דיכטונג (אין וווּלגאַרן זין פון דאָזיקן וואָרט), און נישט קיין נאַציאָנאַלע דיכטונג (אויך אין וווּלגאַרן זין פון דאָזיקן וואָרט), וואָס מיר האָבן פון זיי אין אונדזער ליטעראַטור אַזוי פיל שלעכטע מוסטערן.

סיי זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון, סיי זיינע סאָציאַלע מאָטיוון קומען פון דער טיף פון זיין דיכטערישער איבערלעבונג, פון זיין דיכטערישער שפּירבאַרקייט, פון זיין דיכטערישער וויזיע.

אָפּילו אין זיין גוט סאָציאַל ליד „אין דער פאַבריק" וועט איר נישט געפינען קיין מיטינג־טענער, פּונקט ווי איר וועט נישט געפינען קיין עכאָ פון ביליקער פּראָפּאַגאַנדע אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער (וואָס זיי בילדן דעם חוט־השדרה פון יאָסל בירשטיינס ביכל). וואָס עס זאָלן נישט זיין זיינע אָנשוויאונגען, — ער לאָזט זיך נישט באַאיינפלוסן אין זיין דיכטונג פון קיין שום ריכטונג.

און דאָס איז אין היינטיקער צייט פון מאַרש־דיכטונג אַ גוטער סימן פאַר אַן אָנפאַנג־דיכטער.

3) און דער דריטער סימן: דיכטונג נעמט אַלץ אויף סימבאָליש. זי זעט, זי פילט אינעם פּרט — דעם כּלל.

ביי בירשטיינען האָט איר אָט די דאָזיקע סימבאָלישקייט אין גאָר אַ גרויסער מאָס. זיין טרויער פאַרוואַקסט מיט זיין זיידנס טרויער.

יאָסל בירשטיין איז נישט קיין נאַציאָנאַל־פּראָפּאַגאַנדיסטישער מאַרש־זינגער, אָבער זיין ליד איז נאַציאָנאַל מיט דעם, וואָס עס איז טיף־יידיש, אין טיפסטן און ברייטסטן זין פון דאָזיקן וואָרט.

אָט דאָס בחורל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער פרעמד — „אונטער פרעמדע הימלען", — איז אומצערייסבאַר פאַרוואַקסן מיטן יידישן כּלל דורך זיין פערזענלעכער זיידע־איבערלעבונג.

זיין זיידע רעפּרעזענטירט פאַר אים דעם יידישן כּלל, און דעם זיידן זיינעם טראָגט ער לעבעדיק אין געמיט, — דער זיידע לעבט אין אים מיט אַלע זיינע יידישלעכע קנייטשן, מיט אַלע זיינע יידישע געפילן און מיט אַלע זיינע יידישע וואָרצלען, וואָס גייען אַוועק אין די ווייטע יאָרטויזנטער. ער שפּירט ווי לעבעדיק זיין זיידנס גלויבן, וואָס

„שפּאַנט איצט איבער וועלט־יאָרידן
„צונויפזאַמלען אַ מנין יידן"...

די בענקשאַפט נאָך דער אַטמאָספער פונעם יידן־מנין (אין עכטן זיידעשן גייסט) ליגט אין גרונט פון כמעט אַלע לידער פון יאָסל בירשטיין. יעדנפאַלס פון זיינע בעסטע.

*

נישט יעדעס מאָל זינגט יאָסל בירשטיין אויס זיין שטימונג, אָבער יעדעס מאָל וויל עפּעס אַרויסזינגען פון אים. ער שטאַמלט נאָך אָפט, אָבער אינעם שטאַמלען ליגט איינגעשלאָסן, ווי אין אַ קנאָספּ, אַ וואַרעם, עכט דיכטעריש געפיל.

אָבער מיט דיכטונג דאַרף מען זיין פּאַרזיכטיק: איין וואָרט, גענומען פון דרויסן, פונעם גרייטן שפּראַך־זאַפּאַס, ווייעט אָן אויף אַ ליד קעלט, לעשט אויס זיין וואַרעמען אָטעם.

נעמט, למשל, אַזאַ, אין אַלגעמיין, גוט, פיין ליד, ווי „אויף דיין פייערדיקער חתונה".

„איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כלה־מויד..."

אָט די ערשטע שורה ברענגט אַריין אַ פאַלשן טאָן גלייך ביים אָנהויב־ליד. די שטימונג פון דאָזיקן ליד האָט אין איר עכטקייט נישט געקאָנט באַנוצן אַזאַ פאָלקסטימלעך וואָרט ווי „כלה־מויד", וואָס סוגערירט פאַרשידענע שטימונג־ניואַנסן — פון פאַראַכטלעכקייט ביז פאָלקסטימלעכער ווולגאַרישקייט, און קיין איין ניואַנס פון דידאָזיקע פּאַסט זיך נישט צום דאָזיקן האַרצרייסנדיקן ליד.

„איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כלה", ווי אָן אַריינפיר־אַקאָרד, וואָלט געווען צוגעגעבן אָט דעם ליד אַ שטימונגס־גאַנצקייט, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר יעדן ליד.

דאָס וואָרט „כלה" פאַרמאָגט אין זיך פייערלעכע צניעות, צאַרטקייט און ענלעכע געפיל־שטימונגען, וואָס פירן נאַטירלעך אַריבער אונדזער געמיט צו די ווייטערדיקע סטראָפעס פונעם דאָזיקן ליד.

אָבער „כלה־מויד" פאַרן דאָזיקן ליד? אמת, אָן דעם וואָרט „כלה־מויד" וואָלט געווען געפעלט אַ גראַם, אָבער דאָרט וווּ אַ דיכטער דאַרף אויסוויילן צווישן טאָן־עכטקייט און אַ גראַם, דאַרף ער זיך קיין איין מינוט נישט וואַקלען וואָס אויסצוויילן. ער דאַרף געדענקען געטעס באַרימטן פירציילער, וואָס איך וויל אים דאָ פאַריידישן:

„אַ ריינער גראַם ווערט שטאַרק באַגערט;
„אָבער ריין־האַלטן דעם געדאַנק,
„אָט־אַ־דעם איידלסטן געשאַנק,
„איז מער ווי אַלע גראַמען ווערט".

*

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט יאָסל בירשטיינען אין „קדימה״ געדענק איך זייער גוט: ער האָט גערעדט מיט שרעק פאַרן בלייבן אין מעלבורן. און ער האָט אימפּולסיוו אַ ווייז געטאָן דורכן פענצטער פון זיין „קדימה״-ביוראָ אויפן בית עולם און צוגעגעבן: „ווער עס עסט דאָ פליש, לאָזט דאָ איבער די ביינער״.

אָט די מורא פאַרן בית-עולם, האָב איך ריכטיק געפילט, איז אַ סימבאָלישע: נישט פאַרן בית-עולם גופא האָט ער מורא (אַ בית-עולם איז אומעטום דאָ!), — ער האָט מורא פאַר אים דערפאַר, ווייל ער דערמאָנט אים אינעם בית-עולמדיקן יידישן לעבן.

און אָט די שטימונג, ווי אויך זיינע באַמערקונגען וועגן יידישן לעבן און יידישע פּראָבלעמען, האָבן זיך געבונדן מיט דער שטימונג פון זיינע פיר לידער אין „צושטייער״, וועלכע איך האָב געהאַט געלייענט אין שאַנכיי: אָט דער יונגער בחור איז אַלט, עס ווירט אין אים אַן אַלטער טרויער, דער טרויער פון יידישער אַלטקייט.

און איצט האָט מיר זיין לידער-בוך אויפגעקלערט אַלץ: דאָס איז נישט בלויז בירשטיינס פּערזענלעכע נשמה-אַלטקייט, — עפּעס דורותדיקס רינט דורך אים און זוכט אַן אויסדרוק; ער איז אַ יורש פון עפּעס עכט-יידישדיקס.

דאָס ביכל לידער האָט באַשטעטיקט די אַלע איינדרוקן מיינע — פון די פיר געלייענטע לידער זיינע אין שאַנכיי, פון מיין ערשטן שמועס מיט אים אין דער „קדימה״-קאַנצעלאַריע, פון זיין זיצן (אָדער שטיין) און לייענען פּעטרושקאַס משניות-איבערזעצונג.

דאַן, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַוועקפאָרן, איז געוואָרן אַזוי אומעטיק.

אויב ער, דער יונגער, דער אַלט-תושבדיקער, האָט דאָ נישט קיין וואָרצלען, טאָ וואָס דערוואָרט שוין מיך?

עס האָט פון אים אַ ווייע געטאָן מיטן אייביקן יידישן נע-ונד-זיין, מיטן אייביקן יידישן אומרו, מיטן יידישן געשליידערט ווערן אין כף הקלע.

איצט אָבער איז זיין אַוועקפאָרן פריידיקער: זיין אומרו האָט געפונען אַ פעסט-געגרינדעטן ציל, ער פאָרט איינוואָרצלען זיין אויסגעוואָרצלטקייט, ער פאָרט פאַריינגערן זיין אַלטקייט-שטימונג און אויסלייטערן זיין געמיט, — וואָס פרעמדע הימלען פרעסן אויף אים, — אונטער אייגענע הימלען.

ווער וועט אים נישט ווינטשן קיין הצלחה מיט אַ צומיש פון קנאה?

כו) נאָטיצן וועגן מאַטעס דייטשס לידער

מאַטעס דייטש: „צום נאָענטסטן שטערן — יידיש"
געזאַמלטע לידער און פּאָעמעס

די וועלט, גלויבן יידן, לעבט אין זכות פון למד־וואָוו־צדיקים.

מאַטעס דייטשס לידער־ביכל „מאַנדלברויט — יידיש" האָט אַמאָל באַקומען פאַר מיר עקזיסטענץ־רעכט אַדאַנק איין ליד, וואָס עס האָט פאַרמאָגט, אַ ליד וועגן אליהו הנביאס אַ באַזוך אין זיין מאמעס הויז (וואָס קומט אַריין אויך אין דאָזיקן לידער־בוך זיינעם).

„צום נאָענטסטן שטערן — יידיש" געהער, לײדער, אויך צו דעם מין דיכטע־רישע וועלטן, וואָס לעבן אין זכות פון געציילטע למד־וואָוניקעס, וואָס זיי פאַר־מאָגן.

אין דאָזיקן כמותדיק־גרויסן לידער־בוך זענען דאָ געציילטע לידער צו וועלכע איר ווערט צוגעזאָגטן צוליב זייערע דיכטערישע קוואַליטעטן און אַ ביסל שורות, צעשאָטענע אין אַ ים לידער, וואָס איר אָנערקענט זיי נישט פאַר דעם פאַר וואָס זיי גיבן זיך אָן.

מאַטעס דייטש איז אַ פּראָבלעם־דיכטער (אַזוי ווי עס זענען דאָ פּראָבלעם־קינדער): אי איר אָנערקענט נישט אָפּט זיינע לידער ווי דיכטונג, אי איר קאָנט אים נישט אָװעקמאַכן מיט דער האַנט, ווייל אויב איר אָנערקענט נישט זיינע לידער, מוז מען אָבער אָפּט אָנערקענען דעם דיכטער, וואָס שטייט הינטער די דאָזיקע נישט־דיכטערישע לידער. איר מוזט, ווייל עס צווינגען אייך דערצו אי, ווי געזאָגט, געציילטע לידער, אי די פאַרשפּריצטע שורות אין אַ סך אַנדערע כמו־לידער.

גייט זייט אַ בריה און „אָנערקענט נישט" ווי דיכטונג אַזאַ ליד ווי „מיין מאַמע טענהט זיך אויס מיטן גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב" (זייטן 56—59)!

די אויספירונג פון ליד איז נישט די, וואָס וואָלט מיך באַפרידיקט אינגאַנצן, אָבער דאָס איז דיכטונג.

*

איך האַלט טאַקע, אַז גוטע גראַמען, וואָס זענען אַזוי נאַטירלעך, אַז זיי „וואַרפן זיך נישט אין די אויגן", גיבן צו מוזיקאַלישן טעם אַ ליד, און איך האָב זיי ליב צו נאַשן, אָבער דאָך קאָן מען נישט פסלענען אַ ליד צוליבן פעלן פון גראַם; אדרבא, אַ ליד אָן גראַמען קאָן מיר אַמאָל געפעלן מער ווי אַ ליד מיט גראַמען. אָט געפעלט מיר זייער גוט מאַטעס דייטשס ליד „מיין מאַמע טענהט זיך אויס מיטן גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב", — אַ סך בעסער ווי אַנדערע

לידער זיינע מיט גראַמען. שוין בעסער אינגאַנצן אָן גראַמען, איידער געגראַמטע שורות, ווי:

„אָ, פרייהייט, פאַר וואָסערע זכותן דיך,
„פאַר זיך פאַרדינט אַזוי האָב איך עס?
„צי דען בין איך און מיינע ברידער
„פון געטאָס נישט פונעם זעלבן יחוס?"

די שורה וואָס גראַמט זיך מיט „יחוס" — „פאַר זיך פאַרדינט אַזוי האָב איך עס" איז נישט נאָר אַ שלעכט געגראַמט פּאָרל, נאָר די שורה איז אומפאַרשטענדלעך אין דער „בעסטער" טראַדיציע פון אונדזער מאָדערנער דיכטונג. קוים וואָס מען דערקאַלופּעט זיך צום פּשוטן מיין פון אָט די אַרטרעטיש־אויסגעקרימטע שורות.

מען קאָן נאָך פון זיי אויסקוועטשן אויב נישט קיין דיכטונג, טאָ אַ שטיקל פּשוטן עברי־טייטש, אָבער קיין טעם האָט נישט דער זאַץ; ווען דער לייטאַרטי־קלדיקער געדאַנק פון די פאַר שורות ווערט געזאָגט גלאַטער, פּשוטער, פּראָזאַאיש־ריטמישער אָן אַ גראַם (דייטש באַגייט זיך דאָך אַזוי פיל אָן גראַמען, טאָ צוואָס טויג אים פּונקט דאָ מיט געוואַלט איינשפּאַנען אַ גראַם, וואָס גיט סיי ווי נישט דער סטראָפע נישט קיין ריטמישן זין, נישט קיין גראַם־הנאה?..), וואָלט געווען נישט דער ערך בעסער.

און דאָס איז דאָך נישט קיין איינציקער קריפּל־פערז אין בוך. ער האָט אַ שפּאָרע משפחה קרובים...

*

איינער פון מאַטעס דייטשס חסרונות איז זיין לייטאַרטיקלדיקייט: אַנשטאָט דיכטערישע בילדער און שטימונגען־איבערלעבונגען, גיט ער אייך טרוקענע לייטאַרטיקלען.

די מאָדערנע דיכטונג האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרביטן דיכטונג אויף מוחדיקער פילאָזאָפיע; אָבער פון ברעקלעך פילאָזאָפיע ביז טרוקענע לייטאַרטיקל־דיקע באַנאַליטעטן, איז נאָך אויך אַ גרויסער מהלך.

נעמט אַזאַ ליד ווי „איך זע נישט מיין פאָלק מער" — פאַר אַ לייטאַרטיקל זענען די געדאַנקען זיינע אויך צו טראַפאַרעט, — פאַר קיין ליד־שטאָף קאָן מען זיי אַוודאי נישט באַטראַכטן.

כדי דער געדאַנק, — פאַרוואָס אים, דעם דיכטער, קומט פרייהייט, בעת זיינע ברידער פון זעלבן יחוס קומט געטאָ, — זאָל זיין דיכטעריש, דאַרפן די שורות אָנגעלאָדן זיין מיט שאַרפן סוגערירנדיקן געפיל, אויב שוין נישט מיט בילדע־רישקייט; ווען זיי זענען אָבער נאַקעט און נאָך דערצו מיט צעבראָכענעביינער צוליב אויסקאָמבינירן אַ העסלעכן גראַם און צוליב אַריינקוועטשן זיי אין סדום־בעטל פון אַ הינקעדיקן ריטם, קאָן עס נישט באַווירקן.

דאָס ליד האָט פינף 4־צייליקע סטראָפעס; לאָמיר ברענגען די לעצטע דריי, דעם קלימאַקס פון ליד, און זאָל דער לייענער אַליין משפּטן.

„אָ, פרייהייט, פאַר וואָסערע זכותן דיך,
„פאַר זיך פאַרדינט אַזוי האָב איך עס?
„צי דען בין איך און מיינע ברידער
„פון געטאָס נישט פונעם זעלבן יחוס?
„ווער קען עס מיט ציפער אויסמעסטן,
„צי דאָ, אונדזערע גייסטיקע ליידן,
„צי דאָרט, אונדזער פיזישער ווייטיק,
„איז נישט ווייטער איינס פוןביידן?
„אָ, פאַרוואָס קומט מיר אויפן זינען אָדעס?
„די שטאָט יעהופּעץ — שלום־עליכמס געלעכטער?
„און אַז נחמן ביאַליק איז איצטער אַ מת?
„און צי איז טאַקע אַמאָל געשען מיט אונדז אַ נס אַ רעכטער?"

ביי מיינע אַלע גוטע געפילן צו מאַטעס דייטש, מוז איך זאָגן מיט אַ פול מויל: יעדער איינער קאָן אָנשרייבן אַ שלעכטע זאַך, אָן אַ ברעקל נשמה־יתירה; אָבער ווער עס נעמט אַריין אין אַ בוך אַזאַ אָנגעשריבענע זאַך, האָט נישט קיין ברעקל קריטישן חוש.

אין דיכטונג איז אָפּט דאָ — ווי אַ צוגאָב־עלעמענט — פילאָזאָפישער געדאַנק, און טיפער דערצו, אָבער ווי קומט צו דיכטונג קוואַזי־פילאָזאָפישע קוועטשעניש פון די דאָזיקע צוועלף שורות, וואָס פירט דאָס ליד נישט אַרויפצו, נאָר אַראָפּצו?

און אַזעלכע לידער און שטעלן זענען דאָ אָן אַ שיעור (נישט דער ערך מער ווי גוטע). נעמט, אדרבא, ווי נאָך אַ ביישפּיל, דאָס ליד „דאָס יידנפאָלק — דאָס גאָט־נאַשערל" (ז. 323). די ערשטע טייל פון ליד איז נישט קיין אינטערעסאַנטער לייטאַרטיקל, און די צווייטע טייל — פילאָזאָפישע קוועטשעניש.

אין דאָזיקן ליד קומט בולט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך מאַטעס דייטשס אַן אַנדערע אייגנשאַפט: ער קליגלט זיך און ער מאַכט שפּראַך־קונצן. אַט רעדט דייטש אין דאָזיקן ליד וועגן יידישן נישט אָננעמען אַזוי לאַנג דאָס קריסטנטום. געפינט זיך צווישן אַ סך געקליגלטע שורות אַ קלאַסישע געקליגלטקייט:

„עס שרייט דאָס יידעלע, ניין און ניין, —
„יידמאָל ניין!"

דער „יידמאָל" דאַרף באַדייטן „אומצאָליקע" מאָל „ניין", ווייל די יידן האָבן דאָך אומצאָליקע מאָל טאַקע געזאָגט „ניין" צום קריסטנטום; שאַפט ער דערפון אַ נייַ אויסגעקליגלט וואָרט „יידמאָל". אָבער פּאָעזיע קליגלט זיך נישט; זי קאָן

זיך אויך קלוג, אָבער זי טאָר זיך נישט קליגלען, זי איז נישט קיין קאָלום פון אַ קלוגן קאָלומניסט.

און דאָס איז דייטש צום מערסטן. און דערפאַר טאַקע, וואָס אַ גרויסע טייל מאָדערנע דיכטונג באַשטייט מער פון אויסגעקליגלטן פּעליעטאָן און פון אויסגעקוועטשטער (באַנאַלער) פילאָזאָפיע, זעט זי אַזוי אויס און אַזאַ ווירקונג האָט זי. ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל:

ווי די מתים עסן, אַזאַ אויסזען האָבן זיי...

איך איין ליד זיינס זאָגט מאַטעס דייטש (און טאַקע ביז גאָר געלונגען) וועגן די יידישע דיכטער: „ווער רופט אונדז? ווער דאַרף אונדז? אַ קלעזמער כאַליאַסטרע אין אייביקער ספירה".

דער זאָג איז פיין און אמתדיק, אָבער פאַרוואָס דאַרף מען האָבן די דיכטער אונדזערע ווי קלעזמער אין ספירה? ווייל זיי דערנערן נישט דאָס געמיט, די נשמה — זיי מאַכן קאַזשעלקעס.

*

איך וויל זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף אַ ליד — גראַד נישט פון די ערגסטע, — כדי אָנצוּווייזן אויף איינעם פון דייטשס וויכטיקע פעלערן:

אויף זייט 252 געפינט זיך אַ ליד „אַ בית־עלמין אינמיטן שטאָט".

מען פאָרט פאַרביי אין אַ טראַמוויי אַ בית־עולם; אַ בלאָנד קינד פרעגט זיין בלאָנדער מאַמע „וואָס איז דאָס?" אַלע זענען געשפּאַנט צו הערן דעם ענטפער. די מאַמע זאָגט: „דאָס איז... אַ פּאַרק".

„...און זי פילט,
„פילט ווי אַלע מענטשן פילן, אַז זי פאַרפּאַקט
„אַלעמענס אמתן געדאַנק אין אַ טרייסטשטייגל
„פון איר אימהדיקער ליגנערישער בלאָנדקייט — — —"

איך לאָז צורו מיין טענה וואָס דאָ פעלט אַן אמתער עמאָציאָנעלער אויסדרוק פאַר דער עמאָציאָנעלער שפּאַנונג (אַ זאַך, וואָס די מאַמע און אַלע אַרומיקע פילן), ווייל דאָס איז אפשר אַ פעלער בלויז פון אַ מעטאָד; אָבער איך וואָלט באמת וועלן וויסן וואָס עס באַדייט די שורה (אויפן לשון פון דיכטונג) „פון איר אימהדיקער ליגנערישער בלאָנדקייט — — —".

ווי וואָלט געווען, למשל, ווען די מאַמע איז נישט קיין בלאָנדינקע, נאָר אַ ברונעטקע? דאַן וואָלט דאָך די שורה געווען געקלונגען אַנדערש: „פון איר אימהדיקער ליגנערישער ברונעטקייט"... אָדער „רויטהאָריקייט" אָדער „גרויקייט".

דאָס באַווייזט דאָך אָבער, אַז די שורה האָט קיין זין נישט — אויב מען קאָן זי ענדערן לויט אויסערלעכקייטן, — עס איז סתם גערעדט, אָן אַ דיכטערישן,

ד. ה. עמאָציאָנעלן און סימבאָלישן אינהאַלט; דאָס באַוויזט די פּוסטע רעטאָ־רישקייט פונעם ליד: ווייל די מאַמע איז אַ בלאָנדע, איז דעריבער: פון איר „אימהדיקער ליגנערישער בלאָנדקייט". וואָסער אינערלעכע שייכות האָט די אימהדיקע ליגנערישקייט צום קאָליר פון אירע האָר?

און חוצדעם: איז דאָס טאַקע „אימהדיקע ליגנערישקייט" אַז מען גיט אַ קינד אַ קינדישן ענטפער אויף אַזאַ פראַגע? אַן „אמתער" ענטפער וואָלט בלויז פאַרפּלאָנטערט דער מאַמען אין אַ נעץ פון פראַגן, וואָס וואָלטן סיי ווי דעם קינד נישט געוואָן אַנטפּלעקט דעם אמת.

אין אַ ליד טאָר מען נישט דערפילן נישט די צופעליקייט פון גראַם (דאָס הרגעט אַוועק זיין צוייבער), נישט די צופעליקייט פון בילד, נישט די צופעליקייט פון אַ וואָרט אַפילו.

און דייטשס לידער זינדיקן דערמיט אַזוי פיל...

*

מאַטעס דייטש איז אַ דיכטער, נאָר אַ פאַרפירטער דיכטער.

ער האָט דיכטערישע פעיקייטן, ער איז אַ מייסטער פון שפּראַך, אָבער עס פעלט אים דער חוש פון אינערלעכן באַלאַנס, וואָס זאָל אים פירן אויפן ריכטיקן וועג: ער פאַרשיכורט זיך מיט וואָרט־שעפערישקייט ביזן פאַרקריכן אין אלף השׂשי; ער פירט אַריין אַזוי פיל טאָג־טעגלעכקייט (לאָמיר עס אָנרופן לייטאַר־טיקלדיקייט) אין זיין דיכטונג, ביז די דיכטונג ווערט בטל בששים; ער גיט זיין דיכטונג פרייהייט פון גראַם, אָבער פלוצלונג פאַרווילט זיך אים וויזן אַז ער קען גראַמען אויך, און ער פאַרגראַמט זיך (אמת, נישט אַלע מאָל), — נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן מאָדערניזם, — ביז בדחנישקייט.

„פרייהייט, ווייסט איר, איז נישט אַ באַגריף
„בלויז, ניין, טייערע, ווי דענקט איר?
„טראַכט וועגן דעם אַ סך אין דער גאָרער טיף (?! — י. ר.)
„און ענטפערט, עכטן, גיט אי זיך, אי מיר". (ז. 343).

אין דאָזיקן פעטן ציטאַט איז דאָ כמעט אַלץ וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט: אויסגעקליגלטקייט, לייטאַרטיקלדיקייט, אויסגעקוועטשטע פילאָזאָפיע, רחמנא לצלן, ביליקער גראַם, ביליקער לשון. „טראַכט אין דער גאָרער טיף" פאַרמאָגט אין זיך אַלע אויסגערעכנטע „מעלות". ווען איר גיט נאָך צו דערצו די איבעריקע שאַלאַמויזן פון די אַנדערע דריי שורות, איז דאָס אַ גאַנצע אויסשטעלונג...

*

אויב עס איז שווער צו פאַרטראָגן מאַטעס דייטשס לייטאַרטיקלדיקייט בכלל, איז בפרט שווער צו פאַרדייען זיין פּראָ־סאָוויעטישע לייטאַרטיקלדיקייט. איך

ווייס נישט צי האָט ער זיך שוין היינט אויסגעהיילט פון זיין דאָזיקער קרענק, צי ער קרענקט נאָך אויף איר, — אָבער יעדנפאַלס פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס ער האָט אין יאָר 1959 נישט דן געוועזן לגניזה די עטלעכע פּראָ־סאָוויעטישע לידער אין בוך, וואָס אויב בעת זייער לייטאַרטיקלדיקער געבורט זענען זיי געווען כאָטש אַקטועלע לייטאַרטיקלען (אַ שלעכטער לייטאַרטיקל איז אויך אַ לייטאַרטיקל...), זענען זיי שוין היינט אַלטגעבאַקענע, אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט...

אַז מען לייענט דידאַזיקע לידער זעט מען ערשט היינט, ווי געפערלעך עס איז צו מאַכן פון לידער לייטאַרטיקלען, ווי נישט ריוּוחדיק דאָס איז פאַר דיכטונג. ווי פאַלש און פּוסט עס קלינגען היינט אַזעלכע לידער ווי „סטאַלינגראַד" (ז. 350), „ווען לעניז היט די מאָסקוּוער גאַסן" (ז. 352).

אָפּטמאָל שעמט מען זיך פּשוט פאַרן דיכטער, ווען מען לייענט זיינע געשוואָלענע פראַזן אין זיין הימן צו סטאַלינגראַד.

„דער זקן שטייט אויף צו חצות
„(ס׳איז מיין טאַטע, זאָל לעבן),
„ער גיט אַפּ נעגלוואַסער באַגלייט מיט אַ שווערן קרעכץ
„און די ערשטע מחשבה זיינע איז — סטאַלינגראַד!
„טאַטע פון אַלע וועלטן, ראַטעווע סטאַלינגראַד!
„און דיין ירושלים וועט שוין בלייבן
„ירושלים קעגן רוים און בערלין אין דיינעם רוים..."

געוויס האָבן אַלע יידן געוואָלט, אַז היטלער זאָל פאַרשפּילן ביי סטאַלינגראַד, אָבער צי האָט דיכטונג געקאָנט און געטאָרט פאַרגעסן כאָטש אויף איין מינוט, אַז די פרייד פונעם אַלטן חצות־אַפּריכטער איז די פרייד פון אַן אָרנטלעכן מענטשן ווען ער זעט אַז צוויי מערדער קריגן זיך און ער ווינטשט זיי בײדע זיי זאָלן איינער דעם צווייטן איבערשניידן דעם גאַרגל? צי האָט אַ דיכטער געמעגט און געקאָנט פאַרגעסן אין טראַנס פון דיכטן, אַז דער קאַמף ווערט געפירט צווישן צוויי בלוטיקע שותפים, וואָס האָבן זיך צעקריגט; צי האָט דיכטונג געמעגט נישט דערפילן, אַז דורך ראַטעווען סטאַלינגראַד וועט נאָך דער אויבערשטער נישט ראַטעווען „זיין ירושלים"; צי האָט אַ דיכטער געקאָנט שטעלן אין אַזאַ פאַלשער לאַגע אַ יידן, אַ חצות־אַפּריכטער? וואָלט נישט ריכטיקער געווען ווען ער לאָזט דעם יידן בעטן דירעקט פאַר ירושלים, און נישט וויאַ סטאַלינגראַד? ווי האָט זיך געקאָנט אַ ייד אַ בעל־חצותניק פאַרלאָזן אויף היטלערס אַ שותף?

מאַטעס דייטש רופט אָן סטאַלינגראַד „די מוטערשטאָט פון דער פרייער וועלט, וואָס האַלט אין געבוירן ווערן אָט באַלד, באַלד".

ווי בלינד מאַטעס דייטשס דיכטונג איז, אויב זי האָט געקאָנט אַזוינס דיכטן דאַן, ווען אָט דער לייטאַרטיקל איז געווען אַקטועל; און ווי צענפאַך בלינד עו

איז איצט ווי אַ דיכטער און ווי אַ מענטש, אויב ער האָט אים געקאָנט אָפּדרוקן אין 1959, נאָך דער צוגאָב־דערפאַרונג אונדזוערער זייט דער היטלער־סטאַלין־שותפות, זייט ירושלימס גורל ביים גרעטעוועטן סטאַלינגראַד...

און דער גרעסטער טייוולאָנישער חוזק באַשטייט אין דעם, וואָס אַ בוך, אין וועלכן עס געפינט זיך אַזאַ הימן פאַר סטאַלינגראַד, פאַר לעַנינען (ווי דער סימבאָל פון קאָמוניזם), פאַר בודיאָנין, טראָגט דעם נאָמען „צום נאָענטסטן שטערן — יידיש". פאַרן דאָזיקן בוך וואָלט זיך גיכער געפּאַסט אַ קינה אויף דעם גורל פון יידיש, פון יידישן פאָלק און פון ירושלים אין סאָוויעטנלאַנד און אַדאַנק סאָוויעטנ־לאַנד.

נייך, מאַטעס דייטש האָט עפּעס אין זיך פון אַ דיכטער פון סאַרקאַזם, פון אַ הומאָריסט, אָבער נישט פון אַ פּאָטעטיקער. און ווען ער וויל זינגען פּאַטעטישע געזאַנגען (און ער וויל!) ווערן זיי דורכגעפּלאָכטן מיט גרילצן: ער פאַרמאָגט נישט קיין דיכטעריש־מוזיקאַלישן געהער. ער האָט אַפילו נישט געפילט סאַראַ גרילץ עס איז דאָ אין 1959 אין זיינע צעהללויהטע שורות:

„סטאַלינגראַד, גואל הדם פאַר די געשענדעטע פעלקער —
„ביסט דאָס שטאַרקסטע קאַפּיטל תהלים פון פאָלקס־העלדישקייט,
„...פון דער פרייער פעלקערשאַפט
„וואָס האָט אויף דורותדיקן שטענדיק,
„מיט לייב און לעבן
„זיך אַריינגעקליבן צו דיר, — סטאַלינגראַד;
„סימבאָלישע מוסטערשטאָט, געטריע.
„דו, מוטערשטאָט פון דער פרייער וועלט,
„וואָס האַלט אין געבוירן ווערן אָט באַלד, באַלד".

צי קלינגט עס נישט ווי אַ פּאַראָדיע, וואָס אַ טויבער דיכטער האָט אָנגע־נומען פאַר אַ תהלים־הימן?

און אויב עס פעלט אייך נאָך די לעצטע באַצירונג צום דאָזיקן פּאַרס, טאָ נאָט אייך:

„דו (סטאַלינגראַד, נאַטירלעך, — י. ר.) געעפנטע טיר צו דער
באַפרייאונג פון אַלע פעלקער.
„איך קום דיר מיט מיין יידישן חלום אַקעגן".

צום דאָזיקן ליד פעלט אַ פּ. ס. — ווי אַזוי דער זיגרייכער סטאַלינגראַד האָט באַגעגנט זיין, דייטשס, יידישן חלום...

*

איך חזר איבער: זינט איך האָב געלייענט אין מאַטעס דייטשס „מאַנדל־ברויט — יידיש" דאָס ליד וועגן זיין מאַמען און אליהו הנביא, ווייס איך, אַז

מאַטעס דייטש איז אַ מענטש מיט טאַלאַנט; געוויסע לידער אין „צום נאָענטסטן שטערן — יידיש" (וועגן „באַרדיטשעווער", למשל) האָבן דידאַזיקע מיינונג מיינע באַקרעפטיקט; אָבער ער איז איינער פון די פילע קרבנות פון אונדזער רחמימדיקער מערדעריין — אונדזער קריטיק. קיינער האָט אים נישט געוואָרנט ווי געהעריק פאַרן שלעכטן וועג וואָס ער האָט אויסגעקליבן; קיינער האָט נישט געפאָדערט ביי אים ער זאָל אָפּטיילן זיין שטרוי פון זיין קאָרן; טאָ צוּוואָס האָט ער באַדאַרפט אַרבעטן שווער אויף צו עלימינירן זיינע נאַטירלעכע חסרונות, אַז ער איז אַזוי אויך גענייאַל אין יעדן וואָרט זיינס, און יעדע עקסטראַוואַגאַנץ, ווי פאַלשטאַניק זי זאָל נישט זיין, ווערט סיי ווי באַשאָטן מיט ביליקע שבחים, פאַר וועלכע אונדזערע דיכטער און שרייבער זענען גרייט צו באַצאָלן מיט זייערע בעסטע מעגלעכקייטן, און פאַר וועלכע אַלע זשורנאַלן האָבן אָפענע טירן (און פאַרשטאָפּטע קריטישע חושים).

כז) מעינקע קאַצס מאַניפעסט „קעגן מאָס און גראַם"

אין נומער 41 „גאָלדענע קייט" געפינט זיך מעינקע קאַצס אַ ליד „קעגן מאָס און גראַם".

די טעמע פון אָט דעם ליד וואָלט זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ פּראָזע־מאַניפעסט קעגן גראַם און מאָס אין דיכטונג, אָבער היות מעינקע קאַץ האָט ביי מיר נישט אָנגעפרעגט וועגן דער פאָרעם, אין וועלכער ער זאָל אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן מאָס (מסתמא געמיינט ריטם) און זיין פאַראַכטונג צום גראַם, וועל איך מוזן פּאָלעמיזירן מיט אַ ליד־מאַניפעסט.

*

קיינער וועט נישט לייקענען אַז פאַראַן גראַמען, וואָס נישט נאָר זיי גיבן גאָרנישט צו דעם ליד, נאָר זיי נעמען ביי אים אַ סך אָפּ. דאָס טרעפט דאַן, ווען דער דיכטער שלעפּט דעם גראַם ביים אַרבל אָדער אַפילו ביים קאָלנער; אָבער צי דען וועט מעינקע קאַץ לייקענען אַז עס זענען אויך דאָ גראַמלאָזע לידער, וואָס געווינען גאָרנישט פון זיין גראַמלאָז, — אַדרבא, זיי זענען טעמלאָז.

דער איינציקער אויספיר וואָס מיר קאָנען מאַכן דערפון איז, אַז נישט דער גראַם מאַכט קאַליע אַ ליד און נישט די גראַמלאָזיקייט ראַטעוועט אַ ליד, — עס ווענדט זיך סיי אין דער קוואַליטעט פון גראַם, סיי אין דער קוואַליטעט פון דער גראַמלאָזער שורה. אָט נעמט אַזאַ דיכטער ווי היינריך היינע — זיינע גראַמלאָזע לידער פון זיין זאַמלונג „צפון ים" זענען פונקט אַזוי גוט, ווי זיין געגראַמטע „דייטשלאַנד — אַ ווינטער־מעשהלע".

ווי איר זעט בין איך נישט קיין אויסקלייבער — איך דיסקרימיניר נישט קעגן גראַם און נישט קעגן ווייסן פערז, אַבי זיי זאָלן זיין גוטע דיכטונג.

און דאָך וואָלט איך ביי אונדז יידן געניגט געווען דווקא אַרויסצוגעבן אַ געזעץ, אַז לידער מוז מען שרייבן מיט גראַמען (און טאַקע מיט אַ מאַספּולן ריטם), ווייל ערשטנס דעקן גראַמען אָפּט אויף די טאַלאַנטלאָזיקייט פון אַ ליד, און צווייטנס — אויב גראַמלאָזיקייט ווי זי קומט צום אויסדרוק אין היינעס „צפון־ים“־לידער, שאַדט נישט, האָט אָבער ביי אונדז די גראַמלאָזיקייט געעפנט טיר און טויער פאַר אַ דיכטער־מבול, וואָס זייערע לידער האָבן נאָר איין מעלה (לויט מעינקע קאַץ) וואָס זיי פאַרמאָגן נישט נישט קיין גראַם און נישט קיין מאָס; און פאַר מיר איז די דאָזיקע איין מעלה בפירוש ווייניק אין אַ ליד.

פאַראַן לידער, וואָס זייערע גראַמען פאַרמאָגן פולע אייטערס מיט דיכטע־רישער שטימונג און האַרמאָניע, וואָס אַז איר נעמט זיי צו פונעם ליד, ווערט עס אַ סך אָרעמער אין פּאָעטישער שיינקייט, אין פּאָעטישער סוגעסטיוויקייט, אין עסטעטישער ווירקזאַמקייט.

מעינקע קאַץ עדותט זיך אין זיין גראַמלאָזן מאַניפעסט מיטן ים: „דער ים אין רציחה איז אַן ענדלאָזער, גראַמלאָזער רוף“...

עס ווענדט זיך פאַר וועמען: איך האַלט, אַז דער ים, וואָס שלאָגט זיינע כוואַליעס אין די ברעג־פעלדזן, שלאָגט נישט נאָר מיט אַ געהעריקן ריטם, נאָר אויך אין גראַמען. אַמאָל אין שטילע גלעטנדיקע גראַמען, און אַמאָל אין שטורמישע, פונקט ווי פּאָעטן טוען דאָס. און צי קאָן באמת מעינקע קאַץ לייקע־נען, אַז אַ סך וווּנדערלעך געגראַמטע לידער זענען אינספּירירט געוואָרן דורך דעם כוואַליע־שלאָג? איך קאָן גלייך אויפן אָרט אָנרופן איין ליד טשערניכאָווסקיס, וואָס די פערזן זיינע קומען אַרויס גלייך פונעם כוואַליע־שלאָג פונעם ים:

אָט איז דער אָנהייב פון ליד:

„בין הגלים קורא שחף
„ובכנפיו יך הגלים,
„מקום יהומו וקצפם מעלים,
„גב משברים בחוז דחף“.

און איך וואָלט געקאָנט אויפזוכן אַ סך לידער, וואָס זייער ריטם און זייערע ווירקזאַמע גראַמען קומען פון דער נאַטור־השפעה, און די נאַטור־ סטיכיעס האָבן זיי צו פאַרדאַנקען זייער ריטמיש־סוגעסטירנדיקע קראַפט.

און דער בעסטער באַווייז: ווען איר לייענט אָט די לידער, זעט איר די נאַטור, ווי היפּנאָטיזירטע, איר פילט זי מיט אַ נייער קראַפט, זי איז אַריינגע־פאַנגען געוואָרן אין דעם ריטם און אין די גראַמען, ווייל אָפטמאָל ליגט די גרעסטע קראַפט פון צויבערדיקן ריטם אין די גראַם־אַקצענטירונגען.

„זאָל דאָס וואָרט בלענדן גראַמלאָז ווי בליץ!"

אויב דאָס וואָרט בלענדט (דיכטעריש) גראַמלאָז ווי בליץ, מאַכט נישט אויס אַז אָן אַ גראַם, אָבער וואָס אַרט מעינקע קאַצן אויב דאָס וואָרט בלענדט דיכטעריש־בליציק מיט אַ גראַם? פּרינציפּיעל קאָן ער דאָך גאָרנישט האָבן צום גראַם, פּונקט ווי איך קאָן גאָרנישט האָבן פּרינציפּיעל צו דער גראַמלאָזיקייט, אויב די ביידע קעגנזאַצן פירן אויס פונקציאָנעל זייער דיכטערישע אויפגאַבע. און מעינקע קאַץ קאָן נישט זאָגן אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל אַ שפּאַר ביסל יאָרהונדערטער האָבן גוטע געגראַמטע שורות דאָס באַוויזן אין אַ גרעסערער מאָס, ווי גראַמלאָזע. אַפילו אין תהילים, אָט אין דעם דאָזיקן תמימותדיק־פּשטותדיקן דיכטונג־בוך, געפינט מען אַמאָל אַ פּאָר גראַמען און אָסור אויב זיי שוואַכן אָפּ דעם תהילים, וואָס אויב ער פאַרמאָגט שוואַכע פּערזן (און ער פאַרמאָגט זיי) זענען זיי די גראַמלאָזע.

קיינער קאָן נישט לייקענען, אַז דער צויבער פון גראַם (דאָ רעדט זיך נאָר וועגן גוטע גראַמען פון אמתע דיכטער), דער ווילקלאַנג פון גראַם האָט דיכטעריש סוגערירט אויף גאָר אַ ווירקזאַמען אופן און האָט עסטעטיש באַפרידיקט אָן אַ שיעור דורות פּאָעזיע־געניסער, איז וואָס וואַרפט זיך אַזוי מעינקע קאַץ מיטן גראַם, וואָס האָט אַזוי גוט און אַזוי לאַנג באַדינט די דיכטונג?

איך חזר איבער: איך געהער נישט צו די וואָס האַלטן, אַז אָן גראַם איז נישטאָ קיין דיכטונג, אָבער איך האַלט אויך נישט אַז דיכטונג טאָר נישט האָבן קיין גראַם. זאָל מעינקע קאַץ אַ קוק טאָן אויף בילדער: די ראַם מאַכט זיכער נישט דאָס געמעל פּאָר גוט, אָבער פונדעסטוועגן איז אַ ראַם פּאָר אַ בילד אַ נויטיקע זאַך, — זי טיילט אויס דאָס בילד פונעם אַרום, גיט עס אַ בויטיקע גרענעץ, צוימט עס אָפּ פון דער אַרומיקער נאַטור, פון דער אַרומיקער צעשוווּ־מענער סביבה און מאַכט עס פּאָר אַ זעלבשטענדיק קונסטווערק, אַ פּשיטא שוין די ראַם פון פּערז, וואָס איז אַ לעבעדיקע טייל פון דער וואָרט־דיכטונג, וואָס איז אַן אינטעגראַלער קונסט־טייל פונעם ליד.

אָפּטמאָל איז אַ ליד אָן גראַמען פאַרמלאָז, — מען דאַרף האָבן שוין גאָר אַ גרויסן דיכטער, וואָס זאָל אַ ליד קאָנען צוגעבן אַ פאָרם אויך אָן גראַמען, דאָס ליד זאָל נישט זיין צעגאָסן, צעשוווּמען. על־פּי־רוב אַנטלויפן פון גראַם די טאַלאַנטלאָזע, אָדער די נאָך נישט אויסגערייפטע דיכטער, וואָס ווילן אַנטלויפן פון דער ליד־דיסציפּלין אין הפקר אַריין, און זיי פאַרבייטן נישט די דיסציפּלין פון גראַם אויף אַן אַנדער דיסציפּלין פון גראַמלאָזער פאָרם.

דאָס ליד רייסט זיך נישט פון דורותדיקן גראַם־יאָך, ווי מעינקע קאַץ וויל האָבן, ווייל די פּריווילּיקע דיסציפּלין פון גראַם איז נישט קיין יאָך, נאָר אַ דיס־ציפּלין־פאָרם, פון וועלכער דיכטונג ציט אַרויס ספּעציפישע חנ׳ען; זי איז נישט

קיין וויקל־שנור אויף דיכטונג, נאָר אַ נאַטילרעכע הויט פון דיכטונג, וואָס גיט איר צו רייץ און געזונט.

די חכמה פון זאָגן „מלחמות דורך ברענענדיקע פעלקער פלאַקערן נישט אין גראַמען" איז אַ קנאַפּע חכמה, ווייל זיי פלאַקערן אויך נישט אין פאַרב (אין מאָלע־רייַ), אויך נישט מעלאָדיש (אין מוזיק), און אויך נישט אין גראַמלאָזע ריטמישע שורות. — דאָס אַלץ איז דער לעגיטימער צוגאָב פון דער קונסט. און דאָסזעלבע איז אויך מיטן גראַם — אויך ער איז אַ צוגאָב פון דער קונסט, און די מענטשהייט האָט אים אָנגענומען און אַזוי לאַנג אים געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַר גרויסן עסטעטישן פאַרגעניגן.

*

און ווי קאַצן אויף להכעיס פאַרענדיקט ער זיין הימן פאַר גראַמלאָזער דיכטונג, פאַר דיכטונג אָן מאָס און גראַם, מיט אַ באַנאַלן גראַם: „אָן גראַם, אָן צאַם"...

טרייב די נאַטור דורך דער טיר, קומט זי צוריק דורכן פענצטער. אַז מען טרייבט אַרויס די גוטע גראַמען דורך דער טיר, פאַרקלייבן זיך דורכן פענצטער אַ ביסל באַנאַלע גראַמען, ווי קאַצס „אָן גראַם, אָן צאַם".

אָבער באַנאַל צי נישט באַנאַל, אַן אמת פאַרמאָגן זיי: אָן אַ גראַם איז אָפּט, לידער, אָן אַ צאַם...

און יעדע זאַך דאַרף האָבן אַ צאַם, אַפילו די סטיכיע פון דיכטונג, אָבער אַ צאַם וואָס זאָל זיך צוזאַמענגיסן מיט איר עיקר וועזן...

דאָס איז געוועזן און איז נאָך אויך היינט דער שעפערישער גראַם פאַר שעפערישער דיכטונג...

אינהאַלט

I מהות פון דיכטונג

זייט

הקדמה 7

א) מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע 17

ב) וועגן אומפאַרשטענדלעכער דיכטונג 52

ג) „איזמען" אין דער דיכטונג 58

ד) וועגן פאָלקסטימלעכער און אינדיווידועלער דיכטונג 62

ה) דער דיכטער ווי אַ טראַגישע פערזענלעכקייט 65

ו) וואָס אַזוינס איז אַ דיכטער? 68

ז) די פּראַקטישע דיכטונג 72

ח) דיכטונג ווי אַ ווילן צו אומשטערבלעכקייט 77

ט) וועגן ריינער פּאָעזיע און קאַמף־ליטעראַטור 80

י) פּעסימיזם און אָפּטימיזם אין דיכטונג און אין לעבן 82

יא) קונסט און לעבן 88

יב) צייט־דיכטונג 92

יג) וואָס איז אַזוינס קונסט? 98

יד) וואָס איז שונד? 101

טו) שונד און קונסט 106

טז) די מיסטעריע פון דיכטערישן וואָרט 109

II נאָטיצן וועגן דיכטונג

א) וואָלט וויטמאַן 115

ב) אַ דיכטונג פון דינגסטמיידלעך 119

ג) אַן אַ צווישנשיכט 121

ד) דיכטונג צערייסט די קייטן פון געפּענטעטן „איך" 122

ה) פאַר דער אייביקייט? 124

ו) אַן אַריינבליק אויף אַ מאָמענט 124

ז) אַ מינוטיקער שפּאַציר אין דער געדיכטעניש פון דער טעאָריע פון דיכטונג 125

ח) אָרעמער נאַטוראַליזם 127

ט) די אַרומנעמענדיקע מלוכה פון פּאָעזיע 127

י) וואָלט וויטמאַנס קאָסמישער כאַאָס 128

יא) זיגמונד פרויד ווי אַ פּאָעט 129

יב) דיכטונג און ליבע 130

יג) פערזן זענען נישט עפּעס קינסטלעכס 130

יד) אומגליקלעכע 131
טו) נישט אמת, נישט אמת 131
טז) וועגן פּאָעטישע פאַרגלייכן 132
יז) אַ טיפער אמת 132
יח) וואָס איז מיסטיק ? 132
יט) אַ נויטווענדיקייט ? אַ לוקסוס ? 123
כ) פאָלקס־דיכטונג 133
כא) דאָס געוויינלעכע און דאָס אויסערגעוויינלעכע 134
כב) דאָס ווערק און דער קריטיקער 134
כג) אינספּיראַציע 135
כד) וועגן סאָציאַלער, ד. ה. פּאָליטישער דיכטונג 139
כה) דאָס פּאָעטישע וואָרט 141
כו) דיכטונג און קריטיק 142
כז) וועגן מאָדערנער דיכטונג 144
כח) דיכטונג און רעליגיע 148
כט) ליטעראַטור אין דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע לענדער . . 151
ל) אינספּיראַציע און קונסט 154
לא) די ראָל פון סאַטיריקער 155
לב) וועגן דעם דיכטעריקן שפּראַך־לבוש 155
לג) שפּראַך איז אַ פאַררעטער 156
לד) מדרגות 156
לה) עכטע קונסט 157
לו) וואָס איז דער וווּנדער ? 157
לז) דיכטונג און מוזיק 157
לח) היט זיך, דיכטער : שאַבלאָן ! 158
לט) אַ דיסקוסיע וועגן אַ ליד צווישן אַ לעזערין, אַ דיכטער און אַ קריטיקער 159
מ) פראַגמענטן וועגן קריטיק און דיכטונג 167
מא) פאַרגעגגלעכקייט פון דיכטונגס־פאָרמען און אייביקייט פון דיכטונג 173
מב) „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן" . . . 175
מג) די טרייסטנדיקע קראַפט פון דיכטונג 176
מד) וועגן געשטאַלטן 178
מה) וואָס איז דיכטונג ? 181
מו) עפּעס וועגן דיכטונג 183
מז) נוסח שאַפט נוסח... 185
מח) וואָס איז רעאַליזם ? 187
מט) קונסט און שיינקייט 189

III וועגן דיכטער און לידער

א) די אורצעלן פון דיכטונג 195
ב) יהואש 201
ג) אַ דיכטער איז צוגעקומען 214

ד) א. סוצקעווערס „אין פייערוואָגן" 219
ה) „אין מדבר סיני" 221
ו) ווי דער קעניג מידאַס 225
ז) סוצקעווערס „גייסטיקע ערד" 228
ח) זיגלאָזע יידיש טייטשן 232
ט) יעקב גלאַטשטיינס „דעם טאַטנס שאָטן" 237
י) איציק מאַנגערס דיכטונג 242
יא) דאָס וואָרט איז לעבעדיק 248
יב) אין קלעם פון פערז און בילד 253
די שאַטנזייט פון גאַטישעס פאָעמעס 258
יג) דיכטונג 262
יד) עזאָטערישע דיכטונג (רייזל זשיכלינסקי) 270
טו) דער בלאָנדזשענדיקער וואָגלער 273
טז) ווידער דאָסזעלבע 275
יז) רחלס לידער 278
יח) מיט אַ פאַלשער שטים 280
יט) משה עובד 285
כ) אַ לירישער ניגון 288
כא) גישט פון זעמל־מעל 291
כב) פרעסגע 294
כג) איך האָב חרטה געהאַט 300
כד) „אונטער פרעמדע הימלען" 303
כה) צו יאָסל בירשטיינס אָפּפאָרן קיין ישראל 307
כו) נאָטיצן וועגן מאַטעס דייטשס לידער 311
כז) מעינקע קאַצס מאַניפעסט „קעגן מאָס און גראַם" 318

דערשינענע ביכער און בראָשורן פון י. ראַפּאָפּאָרט

אין וואַרשע:

אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעישער ליטעראַטור (באַנד איינס, דריי אויפלאַגעס);

אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעישער ליטעראַטור (באַנד צוויי, צוויי אויפלאַגעס);

אויף די וועגן פון דער נייער אייראָפּעישער ליטעראַטור (באַנד דריי);

צווישן יאָ! און ניין! (קריטיק און עסיי) ערשטער באַנד;

דוד איגנאַטאָוו דער ראָמאַנטיקער;

פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — פּראָ און קאָנטראַ;

גוסטאַוו לאַנדויערס טראַגיש לעבן;

די „ליטעראַרישע בלעטער", זייער רעדאַקטאָר און אונדזער ליטעראַרישע סביבה;

די יראה אין דער טומאה;

לויט דער לעצטער מאָדע;

שלום אַשם שטעלונג צו יידיש;

בוך און קולטור;

אין שאַנכײַ:

דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע;

יעווריעיסקיע פּיסאַטעלי (רוסיש);

נאַ פּריוואַלע (רוסיש);

אין מעלבורן:

צוריק צום אַלטן סדר־היום?

אחד העם — זיין לערע און זיין פּערזענלעכקייט;

ערשטער שניט נאָכן שטורעם ;

טראָפּנס גלויבן (מיין אַנטאָלאָגיע), ערשטער באַנד ;

העלדן און קרבנות פון דער איבערגאַנגס־צייט ;

שלום אַשם נצחונות און מפּלות ;

ליטעראַטור אין דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע לענדער ;

פּייערלעך אין נעפּל ;

אין בוענאָס־איירעס :

תנ״ך־אימפּראָוויזאַציעס ;

זוימען אין ווינט ;

אין תל־אביב :

מהות פון דיכטונג.

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינא
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
ג. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים

אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי בארשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אַליצקי	מײַן האַרץ־רייזע
נ. דראַזדאָוו	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דייך	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכי לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאָלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
יוסף ראַטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
מרים־רייגעס־מלצר	צום קוואַל
ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פּערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אָפּאַריזמען און גלייכווערטער
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַציזם שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד

רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מײַן האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראַמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ און איניאַ שיפּמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאַלאַדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש־תש״, אַנטאָלאָגיע
ל. פּאַפּיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאַן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאַמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ג. מייזיל	צוריקבליקן און פערספעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
נחמן ראַפּפּ	אַ קרוג מיט וויין (לידער)
ג. דראַזדאָוו	אחד העם (ענגליש)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער
ישעיהו שפּיגל	די בריק (נאָוועלן)
מאַני לייב	לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
אפרים אויערבאַך	וואָך איז דער סטעפּ (לידער)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן
ב. עפּשטיין	דורך דעם גרינעם טויער
ש. וואַרזאַגער	זאַמד
יעקב פרידמאַן	נפילים
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק
ברוך שפּינאָזאַ	עטיק (איבערז.: ש. ווינער)
יאָסל צוקער	שריפטן

העברעיש

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פּאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
נ. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאטקאָווסקי־פּנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילין	מצדה ורומי
י. שטינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ׳ אריה טרטקובר
מאַני לייב	שירים ובלדות (יידיש, עברית)